STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01158

DER MAN FUN NATSRES [NAZARETH]

Sholem Asch

Permanent preservation of this book was made possible by David Lehr, M.D. in honor of his wife Lisa

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אַש

דער מאַן פון נצרת

ראָמאַן

ערשטער באַנד

1943

קולטור פאַרלאַג
ניו יאָרק

COPYRIGHT, 1942, BY SHOLEM ASCH

All rights reserved. This book, or parts thereof, must not be reproduced in any form without permission.

אַדרעס פון פאַרלאַג:
KULTUR FARLAG PUBLISHING CO.
84-09 Talbot St., Kew Gardens, L.I.
New York

Manufactured in United States of America
E. Laub Publishing and Printing Co.
211

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס

דער אַרכעאָלאָג.

נישט דאָס געדענקען, נאָר דוקא דאָס פאַרגעסן איז א תנאי פאַר אונזער עקזיסטירן. אויב די לערע וועגן גלגולים איז וואָר, מוזן אונזערע נשמות, איידער זיי טוישן די גופים, אדורכגיין דעם ים פון פאַרגעסן. עס טרעפט אָבער טיילמאָל, אז דער שר של שכחה פאַרגעסט אויסצומעקן דאָס געדעכעניש פון דער אנדערער וועלט אויס אנדערע חושים, דענסטמאָל שוועבן ארום רעשטן זכרונות פון א פאַרגאַנגענעם לעבן ווי אָפּגעריסענע וואָלקנס איבער די בערגלעך און טאָלן פון אונזער געהירן און וועבן זיך אײַן אין די געשעענישן פון אונזערע הײַנטיקע טעג. זיי שטייען אויף אין זייער רעאַלקייט אין דער פאָרעם פון קאָשמאַרע חלומות בײַנאַכט אויף אונזערע געלעגער. עס איז פּונקט אזוי ווי עס טרעפט אָפּטמאָל, ווען מיר הערן זיך צו צו א קאָנצערט דורכן ראַדיאָ און עס רײַסט זיך פּלוצלינג אַרײַן אין דעם געזאַנג א פרעמדער מאָטיוו, וואָס א ווײַטע ראַדיאָ־כוואַליע האָט פון דער לופט אהערגעבראַכט צו שווימען פון אַן אנדער ליד...

איך בין געשטאַנען פאַר דער טיר, אויף וועלכער עס האָבן זיך אפילו אין דער האַלב־טונקלקייט, וואָס האָט געהערשט אין קאָרידאָר, קלאָר ארויסגעהויבן די מיט קרײַד אָנגעשריבענע דרײַ בוכשטאַבן I. H. S. וואָס דאָס האָט נישט פאַרפעלט צו מאַכן אויף מיר דעם געהעריקן אײַנדרוק און האָט קיין ספק נישט איבערגעלאָזט, אַז דאָ וואוינט א קריסט — אַ קאַטאָליק. מיר האָט געעפנט די טיר ער אליין.

עס האָט מיר אַנטקעגנגעשלאָגן א געדיכטע לופט, אָנגעזאַפּט מיט שימל פון פאַרלעגענע אַלטע זאַכן און פוילנדיקע פּאַפּירן. אין דער טונקלקייט, וואָס האָט געהערשט אינם פאָדערצימער אין פאַרוואָלקנטן, נאַסן האַרבסט־פאַרנאַכט, האָב איך מער דערפילט ווי געזען די דינאַמישע געשטאַלט, וואָס איז געשטאַנען פאַר מיר. זי איז נישט געווען גרויס און מעכטיק, פאַרקערט — זי איז געווען אײַנגעשרומפּן און שמאָל.

דאָך האָט מען געהאַט דאָס געפיל, אַז אין דעם קליינעם פּאַרווישטן פלעק קאָנצענטרירט זיך אַן אַנגעלאָדענער עלעקטרישער שטראָם פון גרויסער קראַפט, וואָס קאָן יעדן אויגנבליק עקספּלאָדירן. איך בין טאַקע געווען זייער פּאַרזיכטיק, און מיט א דרך־ארצדיקן, באַשיידענעם טאָן, וואָס כ׳האָב נאָר געקאָנט פון מיר ארויסברענגען, האָב איך אים דער־קלערט אויף זײַן דערשטוינטקייט די אורזאַך פון מײַן קומען.

— אָ... — אין זײַן מוראדיק־ביינערדיקער, איידל־דין געשניצטער אָדלער־נאָז — דער איינציקער סימן פון פּאָרם, וואָס האָט ארויסגע־קוקט פון דעם פּאַרווישטן טונקעלען פלעק, פון וועלכן עס איז באַ־שטאַנען זײַן פּנים — האָט אַ טיפן אָטעם געגעבן. איך האָב דערהערט דעם לופט־וועקסל אין זײַנע לונגען אָפּהילכן. אַן א וואָרט צו ריידן, אָן אפילו מיך רעכט אָנצוקוקן, האָט ער מיט א מאַך מיט דער האַנט מיר צוגעוואונקען, איך זאָל אים נאָכגיין.

מיר זיינען אדורכגעגאַנגען דעם לאַנגן, שמאָלן פּאָדערצימער, וואָס איז פון ביידע זײַטן געווען באַשטעלט מיט פּאָליצעס ביכער. די ביכער זיינען נישט געשטאַנען אין רייען, נאָר זיי זיינען געלעגן אין פּעקלעך, ווי אײַנגעפּאַקט צום אוועקטראָגן. דאָס שטודיאָ־צימער איז אויך געווען פול מיט ביכער־פּאָליצעס, און פּונקט ווי אין פּאָדערצימער זיינען אויך דאָ די פּאָליצעס פול געווען מיט אײַנגעשנירטע פּעקלעך. איך האָב גענוג צײַט געהאַט אים צו באַטראַכטן אין זײַן גאַנצער אומגעבונג, ווארום דער מאַן האָט דערנאָך, ווי ער האָט מיך אַרײַנגעבראַכט אין זײַן צימער, גאַנץ איינפאַך פאַרגעסן אַן מיר און האָט זיך ווידער רואיק צוריקגעזעצט צו זײַן אַרבעטס־טיש, פונוואַנען איך האָב אים מיט מײַן קלינג געהאַט אָוועקגעריסן. ער האָט מיר נישט נאָר נישט געהייסן זיך זעצן, נאָר איבערהויפּט, ווי איך וואָלט זיך גאָר אין צימער נישט געפונען, מיך איגנאָרירט. איך האָב בײַ מיר אָפּגעמאַכט, איידער איך בין צו דעם מאַן געגאַנגען, נישט צו רעאַגירן אויף קיין באַליידיקונג, נישט צו לאָזן זיך פון געדולד ארויסברענגען דורך זײַנע באַמערקונגען. עס איז מיר גוט באַקאַנט געווען זײַן אײַנשטעלונג צו דער נאַציע און רעליגיע, צו וועלכער איך געהער זיך אַן, אָבער איך האָב געהאַט באַשלאָסן אויף גאָרנישט צו קוקן, נאָר צו פאַרפאָלגן דעם איינציקן ציל, וואָס איך האָב מיר געשטעלט: מיט דעם דאָזיקן מאַן נאָענטער זיך צו באַקענען. דע־ריבער האָב איך מיר גאָרנישט געמאַכט דערויס, נאָר אויסגענוצט מײַן צײַט פון מײַן ווינקל ארויס דעם מאַן צו באַטראַכטן. זײַן אַרבעטס־טיש איז געשטאַנען נעבן דעם איינציקן פענצטער, וואָס האָט געמוזט ארויס־גיין אויף אַן ענגן הויף, ווארום דאָס ליכט, וואָס האָט אַרײַנגעשײַנט

דורך די מיט וואַטע פֿאַרשטאָפּטע טאָפּל־פֿענצטער, איז געווען זייער געדעמפּט, זיי האָבן אַדורכגעלאָזט דאָס טאָג־ליכט ווי דורך אַ זיפּ. אָבער ווי דער דיקער בין־השמשות האָט נישט געהערשט אַרום אונז, איז די פּאַרמעט־געלע הויט פֿון זײַן פּנים באַלויכטן געווען. דער קאָפּ, פֿאַרטרונקען אין דער פֿאַרווישטער, פֿאַרבנלאָזער אַטמאָספֿערע, וואָס האָט געהערשט אין שטוב, האָט אויסגעזען ווי דער קאָפּ פֿון אַ צעזאַר אויף אַן אַלטער אָפּגעריבענער רוימישער מטבע. די שוין דערמאָנטע ביינערדיקע דינע נאָז, איז ווי אַן אידעלער אינסטרומענט באַשטאַנען פֿון צוויי אויסגעשליפֿענע נאָבעלע ביינער זײַטלעך; איר אָדלער־אַרטיקער שאַרפֿער, שפּיציקער עק האָט זיך איצט געבויגן איבערן פּאַפּיר, — זי האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ גרויסן שנאָבל. די נאָז האָט באַהערשט דאָס גאַנצע פּנים און האָט אָן אַ זײַט פֿאַררוקט אַלע אַנדערע טיילן. דער גרויסער קאָפּ, געבויגן איבערן פּאַפּיר, איז געווען נאַקעט, בלויז אַ ראַנד פֿון געלבלעך־ווײַסע האָר האָט ווי אַ קראַנץ אַרומגענומען דאָס ברייטע פֿעלד פֿון דער ליסינע. ער האָט מיט אַזאַ ענערגיע געפֿירט זײַן נערוועזע ציטערנדיקע האַנט איבערן פּאַפּיר, אַז מען האָט געהערט דעם פּראָטעסט פֿון דער פֿעדער אינם ראַצן אויפֿן שטײַפֿן פּאַפּיר. איך ווייס אָבער נישט, ווי אַזוי ער האָט גענוג פּלאַץ געהאַט אויף זײַן טיש פֿאַר די אַלע זאַכן, וואָרום עס האָט גאָר קיין ענדע נישט גענומען צו די שטויסן פֿון ווערטערביכער, ענציקלאָפּעדיעס און סתם האַנטביכער, וואָס האָבן זיך אָנגעטורעמט אויף זײַן טיש; און נישט בלויז ביכער, פּאַפּירן, שריפֿטן און צײַטונגען, וואָס באַלאַנגען צום שרײַבער־פֿאַך, נאָר אויך חפֿצים, וואָס האָבן מיט שרײַבן גאָרנישט קיין שייכות. עס איז דאָרט געווען אַ רוימישער העלם, אַ שווערד און אַן אַ שיעור בראָנזענע און ערדענע קריגלעך, אויך אַנדערע אַרכעאָלאָגישע זאַכן: נאָגלען, שנאַלן, רעשטן שאַרבנס פֿון אַלטע טעפּ, שטיקלעך מאַרמאָר־ און בראָנז־אבֿרים פֿון גריכישע אָדער רוימישע פֿיגורן; אַ חוץ דעם אָן אַ שיעור שטיינדלעך מיט פֿאַרשיידענע אויפֿשריפֿטן.

ענדלעך האָט ער זיך אָן מיר דערמאָנט און זיך אויפֿגעהויבן פֿון זײַן אָרט. מיט אים צוזאַמען האָט זיך אויך אויפֿגעהויבן אַן איינאיינציקע פֿליג, מיט וועלכער ער האָט שוין געקעמפֿט דורך דער גאַנצער צײַט, וואָס ער איז געווען באַשעפֿטיקט מיט זײַן שרײַבן, איצט האָט זי געקרײַזט איבער זײַן קאָפּ און אים פֿאַרפֿאָלגט. ער האָט די פֿליג מיט אַ טיכל פֿון זיך אָפּגעיאָגט, און מיט ענערגישע שריט צוגעטראָטן צו מיר אין ווינקל, וואו איך בין אַלץ געשטאַנען אויף איין אָרט און געוואַרט ער זאָל מיך באַמערקן. ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו מיר, אַזוי ווי ער

וואָלט מיך שוין פון יאָרן געקענט און ווי מיר וואָלטן נאָר וואָס דאָס געשפרעך געהאַט איבערגעריסן:

— אָ פלאַג זיינען דאָס די פליגן! איר ווייסט מיט וועמען דער היס־טאָריקער טאַציטוס האָט זיי פאַרגליכן? — מיט דעם טומלענדיקן פאָלק, מיט די יידן! כער... כער... רר... — זײַן לאַכן האָט ארויסגעבראַכט אַ זייער שאַרפן און לאַנג שנײַדנדיקן „ר". — און ווייסט איר, מיט וואָס דער קייסער דאָמיניקוס האָט זיך באַשעפטיקט גאַנצע טעג? — ער האָט געכאַפּט פליגן און אָפּגעריסן בײַ זיי די פליגעלעך, אַז זיי זאָלן נישט קאָנען פליען, כער... כער... כררר... — אַ שיינע באַשעפטיקונג פאַר אַ צעזאַר! נאָר עס איז סימבאָליש, יונגערמאַן, עס איז סימבאָליש. ער האָט טאַקע צו עפּעס אַנדערש נישט געטויגט, זײַן מלחמה־קאַמפּאַניע קעגן די גערמאַנער איז געווען א בלאָף, ווײַטער גאָרנישט, ער איז נישט אריבערגעגאַנגען דעם רהיין אפילו, כאָטש ער איז געווען איינער פון די וועספּאַזיאַנס, וועלכע האָבן באַפרײַט די וועלט פון דער יידישער פלאָג און די נעסט פון די פרושים — דאָס בית מקדש פאַרברענט, כי... כר... כר...

— מײַן הער, איך בין געקומען לויט דער רעקאָמענדאַציע פון מאַדאַם ב., איך בין אײַך גרייט צו דינען מיטן אונטעריכט פון דער העב־רעאישער שפּראַך — ענטפער איך אָפּ געלאַסן.

— כא, כא, איך האָב מער מורא פאַר גייסטיקע...

ער קוקט מיך אָן פאַרוואונדערט, גייט אָפּ א טריט פון מיר, ווי ער וואָלט מיך בעסער געוואָלט באַטראַכטן, דערנאָך קומט ער צוריק און זאָגט מיט אַן ערנסטן טאָן:

— אויב איך האָב באַליידיקט אײַערע זעלאָטישע געפילן, בעט איך אײַך איבער, איר אייניקל פון די מאַקאַבעער און שמעון בר גיורא! און מען זאָגט נאָך, אַז דאָס לעמעלע יעזוס קומט ארויס פון דעם לייבן־גרוב פון יהודה. מיט דעם פילאָזאָף ניטשע — גיב איך אײַך אוועק דעם גאַנצן נײַעם טעסטאַמענט פאַר איין בלעטל פון אַלטן. דאָרט האָט מען צו טון מיט מענער, און דאָ מיט נקבות; דאָרט מיט א גאָט פון נקמה און האַס, און דאָ מיט ווײַבערישער סליחה...

געזען, אַז ער פאַרפאַרט ווײַטער קיין בויבעריק, האָב איך ווידער געוואָגט אים איבערצורײַסן:

— אויף די עמפּעלונגען פון מאַדאַם ב. האָב איך דעם כבוד...

— יאָ, יאָ, מאַדאַם ב. האָט גערעדט מיט מיר, אַז איר ווילט מיר פאַרטרויען די געהיימנישן פון אײַער הייליקן לשון, וואָס איז מיר נייטיק צוליב זייער אַ וויכטיקן ענין. איך דאַנק אײַך פאַר אײַער אָנבאָט

און איך מוז מודה זײַן, אַז איך באַוואונדער אײַער מוט, יונגערמאַן. צי מעג איך וויסן די מאָטיוון, וואָס האָבן אײַך באַוואויגן דעם שונא פונם אויסדערוויילטן פאָלק אַרײַנצופירן אין אײַער קאָנספּיראַטיווער וועלט? אפשר וועט דער פּרײַז, וואָס איר פאַרלאַנגט דערפאַר, זײַן צו הויך און איך וועל אים נישט קאָנען צאָלן?

— דעם פּרײַז? — וואונדער איך זיך — איך האָף, אַז מאַדאַם ב. האָט אײַך אינפאָרמירט, אַז מאַטעריעלע פאַרגעלטונגען זיינען אויסגעשלאָסן.

— כאַ, כאַ, איך האָב מער מורא פאַר גייסטיקע...

— מײַן הער, די איינציקע באַצאָלונג, וואָס איך דערוואַרט פון אײַך, איז צו נאַשן פון אײַער רײַכן וויסן און קענטעניש פון דער קלאַסישער ליטעראַטור. אײַער רוהם אַלס פאָרשער און געלערנטער פון דער רוימישער צײַט האָט מיך צוגעצויגן צו אײַך. איך מוז מודה זײַן, אַז אויך איך האָב א נייגונג צו יענער עפּאָכע, מיט וועלכער איר אינטערעסירט זיך אזוי זייער און פאַר וועלכן די וועלט האָט אײַך אַזוי פיל צו פאַרדאַנקען צוליב אײַערע חידושים. און גלויבט מיר, אז איך האָב שוין לאַנג געזוכט די געלעגנהײַט צו געפינען זיך אין אײַער נאָענט.

באַזאַנפט פון די גוטע ווערטער, וואָס איך האָב אים געזאָגט, ווי אַ לייב פון זיסער מוזיק, איז ער שטיל געוואָרן, פאַרדעכטיק שטיל. דאַן האָט ער ווידער געגעבן אַ שפּרונג אָפּ פון מיר און פאַרשנדיק מיך אָנגעקוקט. ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן, זײַן בולטע נאָז פאָרויסגעשיקט פון פּנים אַרויס, און מיך באַטראַכט מער מיט זײַן חוש הריח איידער מיט זײַנע אויגן. און ווי ער וואָלט מסכים געווען אויף מיר, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט היטער זײַן טיש, אָנגעצונדן דעם עלעקטרישן לאָמפּ, וואָס איז איבער אים געהאנגען, — וואָס דאָס איז זייער נויטווענדיק געווען, ווײַל אין שטוב האָט שוין געהערשט אַ דיקע פינצטערניש. אויב אפילו די איינציקע עלעקטרישע באַרנע, פאַרשירעמט מיט אַ פאַרברענט שטיק פּאַפּיר, האָט נישט גענוג ליכט פאַרשפּרייט, איז אָבער דער טיש און זײַן קאָפּ, מער נאָך אָבער זײַן פּנים גענוג באַלויכטן געווען. ער האָט מיר מיט דער האנט אָנגעוויזן אויף אַן אַלטער שטול, וואָס איז געשטאַנען בײַם טיש קעגנאיבער אים. דאָס אַוועקזעצן זיך אויף איר איז נישט פאָרגעקומען אָן אַ קליינער, אומאָנגענעמער איבעראַשונג: איך האָב געפונען דאָס אָרט אויף דער שטול באַזעצט דורך אַן אַלטן קאָטער, וועלכער איז אויפגעוועקט געוואָרן פון זײַן שלאָף דורך דער לאַסט פון מײַן קערפּער. ער האָט אָבער אָן יעדן ווידערשטאַנד זיך אונטערגעגעבן און איבערגעטוישט דעם פּלאַץ אויף אַן אַנדערן

טונקעלן ווינקל פון שטוב, וואָס איז פאַרשלונגען געוואָרן פון דער חיה — פינסטערניש.

— „מײַנע פאַרדינסטן פאַר דער אומפּאַרטייאישער וויסנשאַפט וואָלטן געקאָנט זײַן גרעסערע און וויכטיקערע, ווען איך וואָלט נישט געהאַט צו קעמפן מיט געוויסע כּחות, אין וועמענס אינטערעסן עס ליגט, אַז דער אמת זאָל נישט ארויסקומען אויף דער ליכטיקער שײַן", — האָט ער געזאָגט, זיך גלײַך מאַכנדיק דערבײַ די קורץ־געשוירענע געל־גרויע וואָנסעס מיט זײַנע פינגער. — „כּדי אײַך נישט נערוועז צו מאַכן, וועל איך פאַרשווײַגן דעם נאָמען, אָבער איר ווייסט שוין וועמען איך מיין... נאָר איצט האָט זיך מיר געטראָפן אַ געלעגנהײַט אין מײַן לעבן: עס איז אין מײַנע הענט ארײַנגעפאַלן אַ דאָקומענט, וועלכער איז געווען פאַרהוילן פאַר די אויגן פון דער וועלט זינט נײַנצן הונדערט יאָר. דער דאָזיקער דאָקומענט אנטהאַלט דעם גאַנצן אמת וועגן יענער גרויסער וועלט־טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין ירושלים און איז גע־וואָרן, ליידער, דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין אונזער געשיכטע זינט די לעצטע קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר. דער דאָקומענט, וואָס געפינט זיך אין מײַנע הענט, וועט מאַכן אַ רעוואָלוציע אין אונזער אײַנשטעלונג צו די אַנגענומענע אמתן. זײַנע פאָלגן איז גאָרנישט אויסצורעכענען. און כּדי גרינטלעך און אומפּאַרטייאיש אויסצופאָרשן די שריפט, באַדאַרף איך אײַער הילף, יונגערמאַן. וואָרום איר מוזט וויסן, אַז דער מאַנוס־קריפּט, וואָס געפינט זיך בײַ מיר, איז נישט ווי די אַנדערע — פאַר די גוים, אין גריכישן לשון געשריבן, נאָר אין דעם אייגענעם לשון — אין העברעאיש, ווי די באַדערפעניש פאַר דער משפּחה פאַרלאַנגט עס. איך פאָדער פון אײַך און איך דערוואַרט פון אײַך, יונגערמאַן, אַז נישט גע־קוקט אויף אײַערע התחייבותן פאַר דעם יידישן קהל, צו וועלכן איר זענט פאַרפליכטעט מיט געהיימע שבועות און חרמות, זאָלט איר דאָך שטעלן די ריינע וויסנשאַפט העכער פון די אינטערעסן פון אײַער אייגענער סעקטע און מיר אומפּארטייאיש העלפן צו אנטציפערן דעם וויכטיקן, עפּאָכע־מאַכנדיקן מקור, וואָס דאָס גליק האָט געבראַכט אין מײַנע הענט ארײַן".

איך האָב דאָך שוין געהאַט געהערט פון זײַנע איבערטרײַבונגען, פון זײַן וויכטיק מאַכן זיך, נאָר דאָס מאָל האָט אויף מיר זײַן ערנסטקײַט און די אויפריכטיקײַט פון זײַנע ווערטער געמאַכט אַן אײַנדרוק. איך האָב מיט אַן אמת געמיינט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן עפּעס זייער וויכ־טיקס און אומבאַקאַנטס. עס האָט אין דעם נידעריקן טאָן פון זײַן שטים און אין דער ערנסטקײַט, וואָס איז געלעגן אויף זײַן מערקווירדיק געל

פאַרמעט־פּנים, געפּעלט יעדער בײַגעשמאַק פון קאַטאָוועס אָדער שפּיצל, מיט וועלכן ער איז געוואוינט געווען צו באַציִען זיך צו זײַנע אָנטדעקונגען. איך בין געווען איבערצײַגט, אַז דאָס מאָל האַנדלט זיך וועגן אַ וויכטיקן ענין. איך האָב אים דערויף געענטפערט אויך מיטן גאַנצן ערנסט:

— איך פאַרזיכער אײַך, פּראָפעסאָר, אַז איך בין צו אײַך געקומען בלויז געטריבן פון דורשט נאָך וויסן, איך שטעל דעם אַבסאָלוטן אמת אין דער וויסנשאַפט העכער פון אַלע אַנדערע מאָמענטן. — און איך האָב אים האַרציק און וואַרעם געדאַנקט פאַר דעם צוטרוי, וואָס ער שענקט מיר, כאָטש ער קאָן מיך נאָר אַזוי קורץ און ער ווייסט אַזוי ווייניק וועגן מיר.

— יאָ, איך האָב צו אײַך צוטרוי, איך ווייס נישט מיט וואָס איר האָט עס געוואונען בײַ מיר. איך גלויב, אַז איר האָט צו די זאַכן אַ גאַנץ אַנדערע באַציִאונג ווי דאָס רוב פון אײַערע גלויבנס־גענאָסן. דאָס ביסעלע, אייגנטלעך, וואָס מיר ווייסן וועגן דעם לעבן און טוען פון יענער פּעריזענלעכקײַט, וועגן וועלכער עס האַנדלט זיך דאָ און וועלכע האָט לײַדער געפּורעמט דאָס געזיכט פון אונזער געשיכטע אין די לעצטע צוויי טויזנט יאָר, האָבן מיר דאָך אויך נאָר צו פאַרדאַנקען אַ פּאָר פון אײַערע „לאַנדסלײַט", איך מיין — אײַערע גלויבנס־גענאָסן, וועלכע האָבן געשריבן וועגן דער טעטיקײַט און לעבן פון דער פּערזענלעכקײַט. זיי זיינען נישט געווען פרײַ פון לײַדנשאַפטלעכן קאַמף פאַר זייערע סעקטאַנטישע אינטערעסן. די טענדענצן פון די באַטרעפנדע סעקטעס אויף בײדע זײַטן האָבן געשאַפן די געשטאַלט פון יענער פּערזענלעכקײַט. זי, די טענדענץ, האָט אים געבוירן און געפּורעמט. איר ווערט דאָך וואויל וויסן — ווײַזט ער אָן מיטן פינגער אויף מיר — אַז בײַם באַגין, איידער דער גריכיש־רוימישער געניוס האָט אַרײַנגעבראַכט אַ ביסל אָרדענונג אין דעם כאַאָטישן לאַבירינט פון דעם פּאַריזעאישן דענקונגס־אַרט, וואָס האָט געהערשט פון אָנהויב אין דער קריסטלעכער סעקטע, איז דאָך דער גאַנצער ענין פון נײַעם גלויבן געווען אַ יידישע זאַך. אי די אָנהענגער פון דעם דאָזיקן גלויבן און אי זײַנע קעגנער זיינען געווען געשניטן אויס דעם זעלבן מאַטעריאַל, פון וועלכן גאָט האָט באַשאַפן זײַן אויסדערוויילט פאָלק.

וויפיל איך האָב נישט געהאַט אָפּגעמאַכט בײַ מיר נישט צו רעאַגירן אויף קיין שום וואָרט פון זײַנע באַמערקונגען, האָב איך אײַנגעזען, אַז זײַן טעאָלאָגישע פונאַנדעראַנטוויקלונג קאָן פירן צו אַן אָפּברוך פון אונזערע באַציִאונגען נאָך באַלד בײַם אָנהויב, וואָרום ער האָט געהאַלטן

אין איין פּראָוואָצירן. איך האָב זיך דעריבער אָנגערופן אין דעם ווייכסטן און אָנגענעמסטן טאָן, וואָס איך בין נאָר בכּוח געווען פון מיר אַרויס־צוברענגען:

— פּראָפעסאָר, איך גלויב, אַז עס וועט גוט זײַן פאַר אונדז ביידע אויסצומײַדן טעאָלאָגישע געשפּרעכן, וועלכע קאָנען דערפירן צו אומ־אָנגענעמלעכקייטן, עס איז בעסער, אַז מיר וועלן זיך באַגרענעצן בלויז אויף דעם העברעאישן אונטעריכט און אויף דעם פּראַקטישן מאַטעריאַל.

ער האָט מיך אָנגעקוקט פאַרוואונדערט און בייז, ווי ער וואָלט דער־שטוינט געוואָרן איבער דער חוצפּה, מיט וועלכער איך וואָג זײַנע אויס־פירונגען צו אונטערברעכן. ער האָט געקריצט מיט די ציין עפּעס אומ־פאַרשטענדלעכס, דאַן איז ער שטיל געוואָרן, נאָר פאַרשנדיק געהאַלטן מיך אין איין דורכשפּיזן מיט זײַנע אויגן, ווי ער וואָלט נישט געווען געוואוסט וואָס מיט מיר אָנצוהויבן, צי מיך אַרויסוואַרפן הינטער דער טיר בלויז, צי מיך פריער גוט אָנדורסן. צום סוף האָט ער זיך אָנגערופן:

— פאַר דער וויסנשאַפט וועל איך אַלץ איבערטראָגן, אפילו די חוצפּה פון אַ יידישן בחור...

אין די ליטעראַרישע קרײַזן פון אונזער פּראָווינץ־שטאָט האָט זיך געפונען אַ מאַן, וועלכן די נאָענטע האָבן געקרוינט מיטן נאָמען: „דער טעאָלאָג" אָדער „דער פּראָפעסאָר". אַליין איז ער קיין פּראָפעסיאָנעלער שריפטשטעלער נישט געווען, ער איז נאָר געווען אַ פרײַנד און אַ ראַט־געבער פון שרײַבער, אַ שיין־גײַסט, אַ פילאָלאָג פון קלאַסישע שפּראַכן. דאָך האָט ער זיך פון צײַט צו צײַט באַנוצט מיט זײַן אומגעוויינלעכער ערודיציע און וויסן, און פאַרעפנטלעכט באַמערקונגען, קליינע אויפזאַצן אין די צײַטשריפטן, וואָס האָבן צו טון מיט רוימיש־גריכישער געשיכטע און ליטעראַטור. אויב עס האָט, למשל, ווער געמאַכט אַ פעלער אין אַ נאָמען פון אַ רוימישן קריגס־פירער, אַ דיכטער אָדער פילאָזאָף, צי אַ שלעכטן דאַטום אָנגעגעבן אָדער פאַרדרייט אַ נאָמען פון אַ סענאַטאָר, אַ טריבון, מיט איין וואָרט — עס איז ווער דעם קלענסטן חטא באַגאַנגען קעגן די קלאַסישע העלדן, האָט זיך באַלד באַוויזן אין די צײַטונגען אַ בריוול מיט די געהעריקע אויסבעסערונגען. אין די מערסטע פאַלן האָבן די רעדאַקציעס אַליין געמוזט איבערשרײַבן די בריוולעך אָדער זיי אײַנגאַנצן פאַרוואַרפן צוליב זייער אויסטערלישן סטיל. קודם כּל איז זײַן סטיל געווען אַ „ריין קלאַסישער", דאָס הייסט — ער האָט באַנוצט אַזוי פיל גריכישע און לאַטײַנישע ווערטער, אַז עס איז שווערלעך גע־ווען צו פאַרשטיין פאַר אַ הײַנטיקן מענטש, וואָס ער וויל. דערצו האָט

ער נאָך געהאַט א באַזונדער פאַרגעניגן אויפצוגראָבן פון אונטער דער ערד נעמען פון קלאַסישע העלדן, פון וועלכע קיינער האָט נאָך ביז איצט נישט געהערט. טייל האָבן געזאָגט, אַז פיל פון די נעמען, וואָס ער דער־מאָנט אין זײַנע באַמערקונגען, זיינען אויסגעטראַכטע, אַנדערע ווידער האָבן געפּרואווט נאָכצוקאָנטראָלירן. זיי האָבן גענישטערט אין די פאַר־שיידנסטע פרעמדווערטער־ביכער, ענציקלאָפּעדיעס — עפּעס האָט עס יאָ געשטימט מיטן אמת, עפּעס נישט. עס האָט אויסגעזען, ווי דער דאָ־זיקער מאַן וואָלט באַזעסן אַן אייגענעם סקלאַד פון גריכישע פילאָזאָפן און רוימישע שטאַטסמענער, וועלכע זיינען נאָר אים אליין באַקאַנט. באַהאַלטן האָט ער זיך שטענדיק אונטער דער מאַסקע פון אַ פּסעוודאָנים, קיינמאָל נישט דעם זעלבן, נאָר יעדע באַמערקונג האָט ער אונטערגע־שריבן מיט אַן אַנדערן נאָמען, מיט די אויסטערלישסטע וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן. דאָס וואָלט נאָך געוועזן צו דערלײַדן, אָבער דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס ער פלעגט אין זײַנע ריין וויסנשאַפטלעכע נאָטיצן אַרײַנברענגען אַ פּאָלעמיק מיט הײַנטוועלטיקע מענטשן און מיט הײַנטיקע ענינים. ער פלעגט זיך אין די נאָטיצן אָפּרעכענען מיט אַלע זײַנע שונאים. דער עיקר האָט ער אָבער אויסגעגאָסן זײַן צאָרן אין יעדן בריוול אויף זײַן ביטערסטן שונא — אויף די יידן. ער פלעגט אויסנוצן די קלענסטע געלעגנהײַט, וואָס אַ נאָטיץ אין אַ צײַטונג האָט אים געגעבן, אויסצורעכענען אַלע זייערע חטאים. „שוין דער אַלטער ציצעראָ האָט זיי אָנגערופן: אַ טומלדיק פאָלק" — האָט ער נישט פאַר־געסן יעדעס מאָל צו דערמאָנען בײַם אָנרופן דעם נאָמען פון רוימישן אַדוואָקאַט. פאַרשטייט זיך, אַז דורכדעם זיינען זײַנע שרײַבעכצן נישט געווען קיין געוואונשענער מאַטעריאַל אויף די טישן פון די רעדאַקציעס.

דערפאַר אָבער קאָן מען זאָגן, אַז ער האָט געהאַט דורשטיקע צו־הערער בײַ זײַן טישל אין קאַפעהויז. ווי עס פּאַסט פאַר די אַלטע קלאַ־סישע פילאָזאָפן, האָט ער זײַן תורה נישט פאַרשפּרייט דורך דעם גע־שריבענעם, נאָר דורך דעם גערעדטן וואָרט. ווי אַמאָל אין אַלטן אַטען, פלעגט ער זיך אוועקזעצן אין אַ קרײַז פון יונגע מענטשן, וועלכע זיינען מיט זייערע דורשטיקע אויערן אָנגעהאָנגען געווען אויף זײַן פּערל־שיטנדיקן מויל. איך ווייס נישט, ווי עס האָט אויסגעזען אַ רעדל שילער אַרום אַ סאָקראַטעס אָדער אַ פּלאַטאָ, אָבער אַרום אים האָט מען געקאָנט זען אַזעלכע, וואָס האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן זייער ערשטע יוגנט, אפילו פליכן שוין געהאַט אויף די קעפּ. מיט אַ פאַר־טעגיקער אָנגע־וואַקסענער באָרד, רויכערנדיק געבאָרגטע ציגאַרעטלעך, איז ער געזעסן צווישן זײַנע צוהערער, אײַנגעדעקט אין וואָלקנס רויך, וואָס האָבן זיך

אויפגעהויבן פון די האַלב־אָפּגעגריזשעטע פּייקעס. איבערהויפּט האָט געצויגן צו אים טאַלאַנטלאָזיקייט און מיסדערפאָלג. מען קאָן אָן גוזמא זאָגן, אַז אַלץ, וואָס האָט געליטן אַ דורכפאַל אין דער ליטעראַרישער אָדער פּראָפעסיאָנעלער וועלט, האָט זיך געקליבן ארום זײַן טיש׳ל אין דעם באַקאַנטן ליטעראַרישן קאַפעהויז, וואו דאָס אינטעלעקטועלע לעבן פון דער פּראָווינץ־שטאָט האָט זיך אָפּגעשפּילט.

אין דער פּוילישער שפּראך איז פאראן א וואָרט „קאָוואַל" (א שטיקל). פאר אָט אָפּצוטאָן אזא „קאָוואַל" וואָלט ער זײַן אייגענע פאָטער און מוטער פאַרקויפט, די וועלט אומגעבראַכט. ווען עס איז אים אזעלכעס געלונגען, איז ער געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט, טרערן פון פרייד האָבן זיך אים פון די אויגן געגאָסן.

איבער אזאַ „קאָוואַל" איז אַנומעלט זײַן נאָמען אדורכגעגאַנגען איבער דער וועלט־פּרעסע. דאָס איז געשען אין פאַרבינדונג מיט אַן עטיאָפּישן מאַנוסקריפּט פון נײַעם טעסטאַמענט, וואָס ער האָט געזאָלט אַנטדעקן אין אַ קלויסטער אויפן באַרג סיני צוזאַמען, ווי עס האָט זיך דערנאָך ארויסגעוויזן, מיט אַ באַרימטן דאָקומענטן־פעלשער. יעדנפאַלס, ווי עס האָט זיך נישט אויסגעלאָזט זײַן גרויסע, עפּאָכע־מאַכנדיקע אנטדעקונג, — עס האָט זיך געענדיקט מיט א וועלט־סקאנדאל, — האָט עס אים אָבער געגעבן לאָקאַלע באַרימטקייט. פֿון דענסטמאָל אָן האַלט ער די געלערנטע וועלט אין איין איבערראַשן מיט נײַע, נישט באַקאַנטע דאָקומענטן, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון זײַנע לאַנגע שטודיר־רײַזעס אין אָריענט. ווי רואינירט זײַן רעפּוטאַציע אַלס גע־לערנטער איז נישט צוליב די פיל פאַלסיפיקאַטן, מיט וועלכע ער אי־בעראַשט די וועלט, — באַציט מען זיך צו אים, ווען אפילו מיט חשד, אָבער דאָך מיט א געוויסן אינטערעס. וואָרום זײַנע פאַלסיפיקאַטן טראָגן אזעלכע מיסטישע, אומפאַרשטענדלעכע שפּורן פון עכטקייט, אז זיי שפּאַלטן שטענדיק די מיינונג פון די געלערנטע. עס נעמט א לאַנגע צײַט, ביז די פאָרשער איבערצײַגן זיך אין זייער פאַלשקייט. און דאָך לאָזן זיי נאָך שטענדיק איבער א צווייפל. איינצלנע וויכטיקע מיינונגען האַלטן די אנטדעקונגען פאר ווארשײַנלעך אמתע, יעדנפאַלס — פאר מיסטעריעזע. טאָמער כאַפּט מען אים שוין בײַ דער האַנט, פאַרענטפערט ער זיך, אז ער האָט געוואָלט אָפּטון א „קאָוואַל" די געלערנטע און אויפ־ווײַזן, ווי ווייניק מען קאָן זיך פאַרלאָזן אויף די פאָרשער.

דאָ נישט לאַנג איז אים געלונגען טאַקע אָפּצוטון אזא שטיקל, מיט וועלכן די צײַטונגען האָבן געקלונגען. אים אליין האָט עס שיר נישט געקאָסט מיט תפיסה, און זײַן רעפּוטאַציע אלס געלערנטער איז רואי־

נירט געוואָרן אויף אַלע צײַטן. אין איין שיינעם פּרימאָרגן האָט ער דערקלערט דורך די צײַטונגען, אַז ער האָט אַנטדעקט אין אַן אַלטן קלויסטער אַן אומבאַקאַנטן מאַנוסקריפּט פון יאָזעפוס אין אַלטן סלאַווישן לשון, וואָס האָט זיך גליקלעכערווײַז אויסבאַהאַלטן פון דער קירכלעכער צענזור און וואָס שטאַמט נאָך פון צענטן יאָרהונדערט. דאָרט האָט ער געזאָלט געפינען אַ ביז איצט אומבאַקאַנטע שטעלע, וואָס באַציט זיך אויף דער פּערזאָן פון יעזוס קריסטוס, באַלויכטן אין אַ ספּעציעלן ליכט, וואָס באַרעכטיקט די באַהויפּטונג פון געוויסע אַנטיסעמיטישע געלערנטע, וועלכע ווילן אויס יעזוס קריסטוס מאַכן אַן אַריער. מען קאָן זיך פאָרשטעלן דעם רושם, וואָס די ידיעה האָט געמאַכט אין די געלערנטע און אין די קירכלעכע קרײַזן. פאַרשטענדלעך, אַז מען האָט באַלד אויסגעפונען, אַז נישט נאָר עס געפינט זיך גאָרנישט אַזאַ שטעלע, נאָר די גאַנצע געשיכטע מיט דעם געפונענעם מאַנוסקריפּט האָט זיך בלויז געהאַנדלט וועגן אַ פאַר בלעטלעך פון אַ סלאַווישער כראָניק, וואָס מען האָט נישט געקאָנט אינגאַנצן פעסטשטעלן, צי זיי זענען עכט אָדער געפעלשט, — יעדנפאַלס האָבן זיי איבערגעלאָזט אַ מיסטעריום. די קירכלעכע פאָרשטייער האָבן אים צוגעצויגן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר גאָט־לעסטערונג. דער פּראָצעס האָט אים אָפּגעקאָסט פיל צרות און מאַטערניש, נאָר ער האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערויס. טאַקע אויף דעם פּראָצעס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווײַזן בײַ אים סימנים פון אַ מאָדנער קראַנקהייט: ער האָט פּלוצלינג איבעראַשט די ריכטער מיט אַ ודוי, אַז ער איז אַ צײַט־גענאָסע פון פּאָנטיוס פּילאַטוס, דעם פּראָקוראַטאָר פון יהודה, און ער קען די געשעענישן, וועלכע האָבן זיך דענסטמאָל אָפּגעשפּילט אין ירושלים, פון דעם אייגענעם אָנטייל אין זיי.

פאַרשטענדלעך, איז די דאָזיקע קראַנקהייט געהאַלטן געוואָרן בסוד־סודות. דאָס געריכט האָט אײַנגעזען, אַז מען האָט דאָ צו טון מיט אַ משוגענעם, און נישט געוואָלט געבן קיין פּירסום צו אַזאַ דראַסטישער זאַך, וואָס באַליידיקט די אמונה, דעריבער האָט מען דעם פּראָצעס קעגן אים אָפּגעשטעלט. נאָר קוים האָט עס זיך באַרואיקט און מען האָט אַן דעם „קאָוואַל„ פאַרגעסן, האָט ער אַרויסגערופן באַלד אַ נײַע סענסאַציע: ער האָט, נעמלעך, געזאָלט האָבן געפונען אויף דער אַלטשטאָט אין וואַרשע בײַ אַ יידישן אַנטיקן הענדלער אַ פּאַפּירוס, וואָס נאָך אַ גענויעם שטודירן אים האָט ער אַנטדעקט, אַז עס האַנדלט זיך נישט מער און נישט ווייניקער, ווי וועגן אַ נײַעם, אומבאַקאַנטן, נישט קאַנאָניזירטן נוסח פון עוואַנגעליום, וואָס אַנטהאַלט נײַע אומבאַקאַנטע ווערטער און שפּרוכן פון ישוע הנוצרי, ווי אויך אַ גאַנץ נײַעם נוסח וועגן דער קרײַ־

ציקונג. פאַרשטייט זיך, אַז נאָך דער געשיכטע מיט דעם יאָזעפוס אין קלויסטער, האָט דער נײַער עוואַנגעליום נישט געקאָנט מער מאַכן דעם געהעריקן אײַנדרוק. א פּאָר סענסאַציע־צײַטונגען האָבן בלויז די ידיעה געבראַכט, די געבילדעטע וועלט האָט דערויף קיין אַכט נישט געלייגט. ער האָט עס צוגעשריבן צו דעם, וואָס די געבילדעטע וועלט איז אייפער־זיכטיק אויף אים און די יידן מיט זייער וועלט־הערשאַפט דערלאָזן נישט דערצו, אַז זײַן אַנטדעקונג זאָל דערזען די ליכטיקע שײַן, כדי מען זאָל זיך נישט דערוויסן פון דער אמתער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך דענסט־מאָל אָפּגעשפּילט אין ירושלים. און קיין אַנדערער קאָן דאָך נישט אזוי פיל וויסן ווי ער... נאָר איבער פאַרשיידענע טעמים, וואָס ער קאָן נאָך נישט אנטדעקן, האַלט ער עס אין געהיים אין פאַרבאַרייטן.

צו יענער צײַט, ווען מיר איז אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט אים, האָט שוין זײַן שטערן געהאַלטן זיך אין פאַרלעשן. ער איז שוין נישט מער געווען אזוי וויציק, נישט אזוי רײַך מיט אײַנפאַלן. אויך האָט זיך געהאַט אויסגעשעפּט זײַן ערפינדערישער ברונעם פון נײַע אומבאַ־קאַנטע קוואַלן. ער איז אַלט געוואָרן. מען האָט אים שוין ווינציקער גע־זען אין קאַפעהויז און, ווי מען דערציילט, באַפאַלט אים אָפּט א מרה־שחורה. ער זיצט אײַנגעשלאָסן אין זײַן צימער אָדער ער ווערט פאַר־פאַלן אויף וואָכן־לאַנג אין דער גרויסער אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק, וואו ער גראָבט זיך אין ביכער און אין מאַנוסקריפּטן.

איך קאָן נישט דערקלערן די סיבה, וואָס מיך האָט אזוי געצויגן צו באַקענען זיך מיט דעם דאָזיקן מענטש, צו געווינען זײַן צוטרוי און צו הערן אים רעדן וועגן יענער צײַט. איך בין זיך מודה, אַז אויך מיך ציט פון תמיד אָן צו יענער עפּאָכע. איך האָב זיך באַמיט און באַקומען אַ רעקאָמענדאַציע צו אים. ער האָט, נעמלעך, צוליב אַ געוויסן צוועק געזוכט א מאַן, וואָס קאָן העברעאיש. איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל נישט לעקן בײַ אים קיין האָניק, ער וועט מיך באַליידיקן אויף שריט און טריט. איך האָב אָבער באַשטימט דאָס צו טון. צום ערשט האָט זיך טאקע גאָרנישט געקלעפּט אונזער צוזאמענזײַן, אָבער איך האָב אַלץ אראָפּ־געשלונגען. דער פאַל אַליין, אַז איך האָב פאַר מיר אַ צײַט־גענאָסע פון פּאָנטיוס פּילאַטוס, אַ מענטש, וועלכער האָט געלעבט אין ירושלים, אַ מענטש, וועלכער האָט זיך פּערזענלעך באַטייליקט אין אונטערדריקן די יידישע אויפשטאַנדן, וועלכער איז געווען אַן עדות פון די עפּאָכע־מאכנדיקע געשעענישן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין יענער צײַט, — כאָטש אין אײַנרעדעניש פון זײַן קראַנקן מוח — איז גענוג געווען, אַז איך זאָל אַלץ אויסשטיין פון אים און האַלטן זיך לעבן אים. עס האָט מיך

צו אים געצויגן. אפשר, ווער ווייסט, טאָמער איז ער טאַקע אַ גלגול, האָב איך אין זיך געטראַכט, וואָס האָט זיך פאַרוואָלגערט אין אונזער צײַט...

קאַפּיטל צוויי

ווי אַזוי פאַן וויאַדראָמסקי ווערט פאַרוואַנדלט אין הגמון קאָרנעליוס.

עס איז נישט פאַראַן קיין נענטערס ווי אַ מענטש מיט אַ מענטש, ווען זיי לאָזן פאַלן אַלע אָנגעוואַקסענע שאָלן פון קעגנזײַטיקע באַקענטענישן און איבערצײַגונגען, נאָר זיי באַרירן זיך בלויז דורך זייערע מענטשלעכע שוואַכקייטן און נויטן. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז דער פורכטבאַרער „טעאָלאָג", אָדער ווי מיר וועלן אים רופן בײַ זײַן ריכטיקן נאָמען, פאַן וויאַדראָמסקי, איז מיט זײַן גאַנצער ריטערלעכער און שטאָלצער האַלטונג און מיט זײַן רוימיש-זעלנערישן כאַראַקטער נאָר געווען אַ שוואַכער, קראַנקער מענטש פון הײַנט. אַ קינד פון נישט קיין רײַכע עלטערן, (דער פאָטער איז געווען אַן אָרעמער פּראָווינץ-דאָקטאָר), האָט ער פון זײַן פּריעסטער יוגנט אָן אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו קלאַסישע שפּראַכן. צוליב אַן אומבאַקאַנטער סיבה האָט ער זײַן שטודיום נישט פאַרענדיקט, געוואָרן אַ פּריוואַט-געלערנטער און ער האָט אָנגעהויבן צו רײַזן איבער דער וועלט. ווען זײַן רעפּוטאַציע איז רואינירט געוואָרן דורך די פאַלסיפיקאַטן, וואָס ער האָט פאַבריצירט, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן מיט אַרויסהעלפן רײַכע שילער אין זייערע שטודיען, אין די קלאַסישע דיסציפּלינען. ער האָט אָבער צוליב זײַן אומאָפּהענגיקן כאַראַקטער און שטאָלץ האַלטן זיך קיין גרויס מזל-ברכה אין זײַן פאַך נישט געהאַט. פון איינציקע הייף, וואו ער האָט מיט זײַנע רײַכע שילער פאַרבראַכט די פעריען-צײַט, כדי זיי פאַרצובערייטן אין זייערע פאַרנאַכלעסיקטע אַרבעטן, איז ער צוליב זײַן אַראָגאַנץ אַרויסגעשיקט געוואָרן אין מיטן זמן. ער האָט געהאַט אַוואַנטורעס מיט די עלטערן פון זײַנע שילער, אַרומגעשלאָגן זיך מיט זיי אין די גערעכטן, און מען האָט אים דערפאַר אויסגעמיטן. הײַנט לעבט ער דערפון, וואָס ער פאַרקויפט אויס די לעצטע רעשטן פון זײַן גרויסער ביבליאָטעק, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט, און פון די מיטגעבראַכטע צוויפלהאַפטע „דאָקומענטן" אויס זײַנע ווײַטע רײַזעס. אָבער דאָס אַלץ איז נישט

גענוג אויף צו דעקן זײַנע באַשיידענע באַדערפֿענישן,—הונגערט ער טאַקע צו. אַ דירה האָט ער פֿון נאָך פֿאַר דער מלחמה. מ׳האָט אים פֿון איר צוליב דעם לאַקאַטאָרן־שוץ נישט געקאָנט אַרויסוואַרפֿן, כאָטש ער האָט שוין יאָרן־לאַנג קיין דירה־געלט נישט געצאָלט. זיצט ער בײַ זײַן יידישן הויזווירט, וועלכער וואַגט אים נישט אָנצורירן. דאָ און דאָרט מאַכט זיך אים נאָך אַ לעקציע, וואָס אייניקע פֿון די אַלטע קאָלעגן, גימנאַזיע־לערערס, שאַנצן אים צו. טיילמאָל געלינגט אים אויך אין אַ צײַטונג איינע פֿון זײַנע נאָטיצן איבער סענסאַציאָנעלע אַנטדעקונגען, מיט וועלכע ער פֿאַרשיט אַלע רעדאַקציעס, אָפּצודרוקן. די אַלטע הויז־וועכ־טערין רוימט בײַ אים אויף צוויי מאָל אין דער וואָך, מער פֿאַר מצוה־וועגן און פֿון גוטן האַרץ ווי פֿאַר לוין. ער קאָכט זיך אַליין אויף אַ פּרימוס־מאַשינקע, וואָס ער האָט שטיין אין דער קיך, וועלכע איז, פּונקט ווי זײַן אַרבעטס־צימער, באַלייגט מיט פּעקלעך ביכער, צײַטונגען, פּאַ־פּירן, שריפֿטן. עס איז אַ גרויסע סכנה, אַז עס זאָל טאַקע דורך דער מאַשינקע צווישן די אַלטע צײַטונגען נישט אַמאָל אַרויסקומען א שרעק־לעכע שׂרפֿה. נאָר ווער וועט וואַגן אים דערויף אויפֿמערקזאַם צו מאַכן?... יענער וואָלט שוין געהאַט צו זינגען און צו זאָגן...

ער איז אַן איינזאַמער מענטש, און בײַ זײַן גאַנצער ביטערקײַט — ווי איך האָב זיך דערנאָך איבערצײַגט — נישט קיין שלעכטער מענטש. ווי ער האָט נישט געהאַסט דעם „פּעבל״, — וואָס ער האָט עס נישט פֿאַרפֿעלט אַרויסצוווײַזן בײַ יעדער געלעגנהייט, פֿאַררופֿנדיק זיך דער־בײַ אויף די מיינונגען פֿון די קלאַסישע שריפֿטשטעלער אין זייערע אָריגינעלע לשונות, — קאָן מען דאָך נישט זאָגן, אַז ער האָט געהאַט גרויסע סימפּאַטיעס פֿאַר די רײַכע. פֿאַרקערט, ער האָט די רײַכע און די מעכטיקע נאָך מער פֿײַנט געהאַט, דערמאָנענדיק שטענדיק די שטעלן פֿון נײַעם טעסטאַמענט, וואו עס רעדט זיך וועגן זיי אין גריכישן אָריגי־נאַל: „דאָס זיינען דאָך די רײַכע, וואָס דריקן אײַך, דאָס טוען זיי דאָך אײַך שלעפּן צו די בית־דינס״. ער האָט איבערהויפּט פֿאַראַכטעט דאָס הײַנטיקע לעבן און די הײַנטיקע צײַט. קיין שום שיכט פֿון דער באַ־פֿעלקערונג, קיין סיסטעם פֿון אונזער צײַט־אַלטער איז אים נישט געפֿעלן. דאָס לעבן פֿון הײַנט האָט אים נישט געוואָלט אַרײַננעמען, — האָט ער זיך געפֿילט ווי אַ דרויסן־שטייענדיקער. ער האָט זיך, קאָן מען זאָגן, געראַטעוועט פֿון אונזער צײַט אין דער וועלט, וואוהין ער באַלאַנגט, צווישן מענטשן וואָס ער האָט געקענט, צו מעשׂים און געשעענישן, וועלכע זיינע אים באַקאַנט געוועזן און האָבן אים אינטערעסירט.

ער האָט געהאַט אַ ברייטע ידיעה אין די געשיכטלעכע געשעענישן

פון די רוימישע צײַטן, — און דאָס האָט געמוזט שטאַמען אויס קוועלן, וואָס זײַנען נאָר אים באַקאַנט געווען. ער האָט יעדן געשיכטלעכן עפּיזאָד, וואָס איז באַגרענעצט דורך די פּאַראַנענע קוועלן, באַרײַכערט מיט א מענגע דעטאַלן, וועלכע ער האָט געשעפּט פון זײַן רײַכער פאַנטאַזיע, אָבער אַזוי געהאַלטן אין כאַראַקטער פון דער פּערזאָן און צײַט, וואָס ער האָט געשילדערט, אַז עס האָט זיך אויסגעוויזן ווי האַלב וואָר. ער האָט באַגלויביק געמאַכט זײַנע דערציילונגען, אַזוי ווי די געשעענישן וואָלטן זיך ניט געווען אָפּגעשפּילט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, נאָר ווי עס וואָלט געווען א מעשה פון נעכטן, בײַ וועלכער ער איז געווען דערבײַ. אַזוי האָט ער, למשל, אייניקע מאָל עפּעס אַרײַנגעפּלאָכטן אין זײַן פאַרציילן וועגן „גערמאַניקוס“—„און מיר פון דער סעקונדא איטאַליקא“...

— וואָס הייסט „מיר“ — פרעג איך אים איבער דערשטוינט.

— אָ, איך מיין דעם צווייטן לעגיאָן, וועלכער איז באַשטאַנען פון לויטער רוימער, — פלעגט ער זאָגן, און א לײַכטע רויטקײַט האָט אַרויסגעשלאָגן אויף זײַנע אײַנגעפאַלענע באַקן.

מיר האָבן נישט מער גערעדט דערפון.

ווי יעדער אַנטיסעמיט האָט זיך זײַן יידן, פאַר וועלכן ער איז גרייט צו מאַכן אַן אויסנאַם, אַזוי בין איך געוואָרן פאַן וויאַדאַמסקיס פּערזענלעכער „ייד“. איך האָב געקריגן בײַ אים אַ נײַעם נאָמען — „יאָזעפוס“, און דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג, ווײַל פאַר יאָזעפוסן וואָלט פאַן וויאַדאַמסקי קיין זאַך באַרשטש נישט געגומען. ער האָט פּשוט נישט געקאָנט מער לעבן אָן מיר. קוים בין איך איין אָוונט נישט געקומען, האָב איך פון אים שוין אויפן צווייטן טאָג געקריגן בריוולעך. איך מוז מודה זײַן, אַז איך בין אויך געוואָרן צוגעבונדן צו אים. קודם כל האָב איך זייער גערן געהאַט צוצוהערן זיך צו זײַנע דערציילונגען. ער האָט באַזעסן אַ גרויסע בילדונג און איך האָב פון אים זייער פיל געלערנט. ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ רײַכע ביבליאָטעק פון קלאַסישער ליטעראַטור, אין אָריגינאַל און אין איבערזעצונגען, פון וועלכער ער האָט מיר גערן געלאָזט געניסן און אָנגעוויזן מיר די נייטיקע שטעלן, וועלכע איך האָב באַדאַרפט האָבן. דער געמיינזאַמער אינטערעס צו די אַלטערטימלעכקײַטן און ספּעציעל צו יענער צײַט פון צווייטן בית מקדש, ווי פאַרשיידן אונזערע מיינונגען און באַציאונגען זיינען נישט געווען צו די געשעענישן, האָבן אונז ביידע צוזאַמענגעוועבט מיט בשותפותדיקע פעדים. אַ חוץ דעם האָט זײַן פאַרביסענער, אײַנגעעקשנטער כאַראַקטער — איך וואָלט עס אָנגערופן: זײַן דאָן־קישאָטישע קאָמפּראָמיס־

לאַזיקײַט — װעלכער האָט אים געמאַכט שונאים און פֿאַראײנזאַמט, געשאַפֿן בײַ מיר, װיפֿיל עס זאָל מיר נישט װײ טון, אַ געװיסע אַכטונג צו אים. זײַנע „סענסאַציאָנעלע אַנטדעקונגען״, װעלכע האָבן אים אַזאַ שלעכטן שם געמאַכט — האָב איך זיך איבערצײַגט — שטאַמען נישט אויס א בײזװיליקן, פֿאַרדאַרבענעם אינטערעסן־לוסט (װאָס האָט ער נעבעך געהאַט, מישטײנס געזאָגט, פֿון זײַנע אַנטדעקונגען), נאָר פֿון א נאַיװן, פֿאַנאַטישן ענטוזיאַזם פֿאַר דעם ענין, מיט װעלכן ער האָט זיך אינטערעסירט. עס האָט מיך אויך גערירט זײַן אָרעמקײַט. פּונקט װי יעדער גוי, אַפֿילו אַן אַנטיסעמיט, האָט ער געהאַט אַ גרױסע לוסט צו יידישע מאכלים, װי צו אַ פֿאַרבאָטענער פּרוכט. איך פֿלעג אים ברענגען פֿון די יידישע גאַסן, װאו איך האָב געװאױנט, קלײנע מתנות, װאָס זײנען באַשטאַנען פֿון יידישער חלה, קאָרן־ברויט, אמאָל א הערינג, אמאָל אַן אײַנגעזײערטע אוגערקע. אָפּטמאָל אויך אַ שטיקל יידישן װאורשט, װאָס מיר פֿלעגן בײדע פֿאַרצערן מיט טײ אין די לאַנגע אָװנטן, װאָס מיר האָבן פֿאַרבראַכט צוזאַמען. ער האָט מיר נישט פֿאַרפֿעלט אויסצודריקן זײַן דאַנקבאַרקײַט, נישט מיט קײן װערטער (א גוט װאָרט האָט נישט געקאַנט פֿאַרלאָזן זײַנע ליפּן, װי זײ װאָלטן פֿאַרזיגלט געװען מיט אַ קללה), נאָר דורך גוטע בליקן און מיט שמײכלען, װאָס זײנען געװען אַזעלכע זעלטענע געסט אויף זײַן פּנים.

אמאָל איז ער קראַנק געװאָרן, צוגעקילט זיך און גרױס היץ געהאַט. איך האָב אים געפֿלעגט עטלעכע טעג, געבראַכט אַ באַקאַנטן יידישן דאָקטאָר, װעלכער האָט אים אויך פֿאַרזאָרגט מיט רעצעפּטן. איך בין געװען בײַ אים א פּאָר נעכט. ער איז אזוי גערירט געװען דערפֿון, אַז ער האָט פֿאַר מיר דערנאָך מודה געװען: ער האָט זיך נישט געריכט דער־רויף, אַז א ייד זאָל פֿעיק זײַן צו שפּילן די ראָל פֿון אַ גוטן סאַמאַריטאַנער.

אַט אזוי האָבן זיך אַן אונזער װילן, און אפֿשר גאָר קעגן אונזער װילן אַנגעהויבן צו שאַפֿן צװישן אונז װאָס אמאָל מער פֿרײַנטלעכע באַ־ציאונגען. מיר זײנען זיך בײדע פֿאַרגעקומען װי צװײ לאַנדסלײַט, װעלכע האָבן זיך אינדערהײם ארומגעקריגט און מיטאַמאָל געפֿינען זײ זיך פֿאַרװאָרפֿן אויף אַ פֿרעמדן אינזל, צװישן װילדע מענטשן אויף אַן אַנדערן עק פֿון דער װעלט. פּונקט װי יעדער אײנזאַמער קלאַמערט זיך צום ערשטן בעסטן מענטש, װעלכער װײַזט אים ארויס װילִיקײַט; פּונקט װי יעדער קראַנקער נוצט אויס די אויסגעשטרעקטע האַנט פֿון הילף, כדי דעם גאַנצן קערפּער פֿון זײַן רעטער צו פֿאַרשקלאַפֿן צו זיך, — אזוי האָט פּאַן װיאַדאָמסקי אַנגעכאַפּט זיך אַן מיר מיט זײַנע קראַמפּהאַפֿטע פֿינגער און מיך מער נישט אָפּגעלאָזט.

איך ווייס נישט, וואָס עס איז געשען מיט מיר — קוים האָב איך געהערט, אַז ער פילט זיך נישט גוט און ער קאָן נישט ארויסגיין פון בעט, בין איך אומרואיק געוואָרן און געמוזט אײַלן צו אים. און אזוי האָב איך זיך פלוצלינג אַרומגעזען, אַז אויף מײַנע הענט ליגט אַן אַלטער, צעבראָ־כענער מענטש און איך בין דאָס איינציקע שטיקל אָנהאַלט, וואָס ער האָט אין זײַן לעבן. איך האָב געפילט, ווי כ׳וואָלט מיט אים פאַרקניפּט געוואָרן און נישט געקאָנט זיך מער באַפרײַען פון אים. ס׳ערגסטע איז אָבער געווען אין די שפּעטע אָוונטן, ווען עס איז מיר אויסגעקומען אים צו פאַרלאָזן און אהיימגיין צו זיך. עס זעט זיך אויס, אַז ער האָט מורא געהאַט אַליין צו זײַן מיט זיך דורך די שלאָפלאָזע נעכט, און ער פלעגט מיך פאַרהאַלטן ביז אין די שפּעטע שעהן אַרײַן. ווי שטאַלץ ער איז נישט געווען, ווי שווער עס איז אים נישט אָנגעקומען צו ברענגען איבער זיך דאָס ארויסווײַזן זײַן אָפּהענגיקײַט אין אַן אַנדערן מענטש, — האָט ער דאָס דאָך געטון. ווען עס איז געקומען די צײַט, אַז איך זאָל אים פאַר־לאָזן, האָט ער זיך כמעט געבעטן בײַ מיר ווי א קליין קינד, אַז איך זאָל נאָך איבערבלײַבן.

ער האָט זיך אָנגעהויבן נאָענטער מיט מיר צו פאַראינטערעסירן, מיט מײַן לעבן, מיט מײַנע שטודיעז, געוואָלט מיך אפילו נעמען אויפסנײַ דערציען. קודם כל האָט ער פאַרלאַנגט פון מיר רוימישע דיסציפּלין, — דערבײַ, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרפעלט מיך צו דערמאַנען, אַז מיר, יידן, זיינען שולדיק אין דעם, וואָס פון דער וועלט איז פאַרשוואונדן דער רוימישער כאַראַקטער, וועלכן דאָס יודאאיזירנדיקע קריסטנטום האָט אונטערגעבראָכט. און אין מיר, דעם אָרעמען מענטש, האָט ער געוואָלט אויפסנײַ קולטיווירן דאָס רוימערטום. איך האָב אַלע זײַנע רייד צוגע־נומען, וואָרום איך האָב דערפילט די וואָרעמע שטראַלן פון פרײַנטלעכ־קײַט, פון ליבע אפילו (אויף ווי ווײַט מען האָט געקאָנט צו אים דעם דאָזיקן באַגריף אָנווענדן), וועלכע האָבן צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן אדורכצוגליען דורך די קאַלטע, אײַזיקע ווענט, אין וועלכע זײַן נשמה איז אײַנגעמויערט געווען.

דעם באַרימטן מאַנוסקריפּט, פון וועלכן ער האָט אזוי פיל גערעדט אין אָנהויב פון אונזער באַקאַנטשאַפט, האָב איך נאָך אַלץ נישט באַקומען צו זען פאַר מײַנע אויגן, ער האָט איבערהויפּט מער נישט דערמאָנט וועגן אים. האָב איך אויך געשוויגן, ביז ער וועט אַליין קומען דערויף. אָבער ער האָט מיך איצט אָפּטמאָל אָנגעהויבן אויסצופרעגן וועגן יידישע ענינים, וואָס האָבן צו טון מיטן לעבן פון די יידן אין דער צײַט פון צווייטן בית מקדש. איך האָב אָבער באַמערקט צו מײַן פאַרוואונדערונג,

אז ער האָט אַן אויפפאַלנד־גרויסע ידיעה וועגן די אַלע זאַכן. ער האָט, פאַרשטייט זיך, געוואוסט דאָס וואָס מיר אַלע ווייסן פון די יידישע מקורים, אָבער ער האָט שטענדיק צוגעגעבן צו די ענינים אַן אייגענע קאָליר, באַרייַכערט מיט אומבאַקאַנטע דעטייַלן: געוואוסט די מנהגים פון ברענגען די ערשטע פרוכטן אין בית מקדש אַרייַן, פון די צערע־מאָניעס אין יום־כפור, פון שמחת בית־השאבה. איך האָב זיך אָפטמאָל געמוטשעט וואונדערן, פונוואַנען עס קומט צו אים אַזאַ וויסן, פונוואַנען שעפּט ער דאָס, וואָס עס איז אומבאַוואוסט? איינמאָל האָט ער מיך אפילו געפרעגט וועגן די באַציִאונגען צו די כהנים גדולים און ער האָט גערעדט וועגן דעם אַלטן כהן גדול חנן, וועלכער האָט געהאַט פינף זין און איין איידעם, אַלע כהנים גדולים. אין דער צייַט פון דער הערשאַפט פון זייַן איידעם, יוסף קייפא, איז ישוע פון נצרת פאַרמשפּט געוואָרן, און „דער אַלטער איז גאָרנישט אַזוי אומשולדיק געווען דערין״... — האָט ער צוגעלייגט מיט אַ שמייכל.

אַן אַנדערש מאָל, ווען מיר זיינען געזעסן אין אַ ווינטער־נאַכט בייַ אים אין שטוב און מיר האָבן זיך געוואַרעמט בייַ א גלעזל טיי מיט חלה, וואָס איך האָב געבראַכט פון דעם יידישן קוואַרטאַל, פרעגט ער מיך פּלוצלינג, צי עס געפינט זיך נישט ערגעץ־וואו פאַרשריבן אין די יידישע קוועלן די נעמען פון די „כיליאַרכען״ (גובערנאַטאָרן), וואָס האָבן גע־הערשט אין ירושלים אויף דער פעסטונג אנטאָניא. „כיליארכן״? — האָב איך איבערגעפרעגט. „יאָ, די אויפזעער איבערן בית־מקדש אין ירושלים!״ — „איך האָב נישט געהערט דערפון, מיר קענען נאָר די נעמען פון די כהנים גדולים, וואָס יאָזעפוס האָט באַשריבן. מיר קענען אויך די נעמען פון די פּראָקוראַטאָרן, אָבער כיליאַרכען?״ — „שטייט נישט בייַ אייַך ערגעץ־וואו פאַרשריבן אין די קוועלן, צי ווערט נישט ערגעץ־וואו דערמאנט דער נאָמען פון אַ „כיליאַרד״ קאָרנעליוס?״ — איז ער נייַגעריק צו וויסן. — „ניין, איך האָב קיינמאָל פון דעם נאָמען נישט געהערט, א חוץ פון דעם הויפּטמאַן פון כפר־נחום, וועלכער ווערט דער־מאנט אין נייַעם טעסטאמענט״—ענטפער איך אים אָפּ.—„ניין, נישט דעם הויפטמאַן פון כפר נחום, דעם האָב איך פערזענלעך גוט געקענט, איך בין זיך מיט אים אָפטמאָל צוזאמענגעקומען, נאָר איך מיין דעם כיליארך קאָרנעליוס, וואָס איז געווען געזעצט איבער דער פעסטונג „אנטאָניא״ און האָט געהאט דאָס אויפזען איבערן בית־מקדש אין ירושלים אין דער צייַט פון פּאָנטיוס פּילאַטוס!״

איך האָב אָנגעקוקט דעם פאַן וויאַדאָמסקי, און ער איז מיר פאַר־געקומען זייער פאַרענדערט און פאַרדעכטיק. זייַנע געציילטע האָר אויפן

קאָפּ זיינען געווען צעשויבערט, זײַנע אויגן האָבן עפּעס מאָדנע גע־גלאַנצט, זיי האָבן ארויסגעפינקלט פון די טיפע שוואַרצע ראַנדן, אין וועלכע זיי זיינען געזעסן טיף אײַנגעבויערט, מיט אַ פיבערדיקן אָנגע־צונדן פײַער. איך האָב געמיינט, אַז ער איז קראַנק און האָט היץ, און האָב אים געוואָלט באַרואיקן, אײַנשטילן אים, אָפּהאַלטן פון זײַן ענער־גישן אַרומלויפן איבער דער שטוב מיט אַ ווילדן טעמפּאָ. איך האָב אים געזאָגט, אַז עס איז גלײַכער, מיר זאָלן איצט נישט דיסקוטירן איבער די דאָזיקע פראַגן און ער זאָל זיך לייגן שלאָפן. איך אַליין האָב זיך אויך פאַרנומען צו פאַרלאָזן זײַן שטוב, עס איז שפּעט געווען. ווי איבעראַשט בין איך אָבער געוואָרן, ווען ער האָט מיך פּלוצלינג אָנגעכאַפּט מיט זײַנע קנאָכיקע אויסגעדאַרטע פינגער — איך האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי אַ האַנט פון א בר־מנן וואָלט מיך אָנגערירט, — און ער האָט מיר באַ־פוילן מיט אַ הערשנדיקער שטימע: „דאָ בלײַבן!". און ער האָט מיך טאַקע געצוואונגען צוריקצוגיין אויף מײַן אָרט, אַוועקגעזעצט זיך קעגנ־איבער מיר אויף זײַן געוויינלעכן פּלאַץ הינטערן טיש, און האָט מיך דורשטיק און פאַרשנדיק אָנגעקוקט. איך האָב אים נאָך קיינמאָל אַזעלכן נישט געזען. זײַן פּנים איז אויסערגעוויינלעך בלייך געווען, זײַנע גרויסע קנאָכן־באַקן האָבן זיך מיט א מוראדיקער שקעלעט־שאַרפקײַט ארויס־געשניטן פון זײַן דינער אַראָפּהענגענדיקער הויט; באַהערשט האָבן זײַן טויט פּנים די קראַנקע גלאַנצנדיקע אויגן, וועלכע האָבן ארויסגעשטראַלט פון דער געפאַנגענשאַפט אויס די טיפע שוואַרצע גריבער־ראַנדן. ער האָט מיך לאַנג און פאַרשנדיק אדורכגעדרונגען מיט זיי, און ענדלעך זיך צו מיר אָנגערופן אין א רואיקן, אָבער אַ גאַנץ געענדערטן טאָן, וועלכן איך האָב נאָך בײַ אים נישט געקענט, אַ טאָן פון איינעם, וואָס האָט מאַכט צו באַפעלן און אויסצופירן שטראָפן:

— דו דערקענסט מיך נישט, ייִד? — פרעגט ער מיך — קוק מיך גוט אָן, האָסט מיך קיינמאָל נישט געזען אין דער שפּיץ פון מײַן קאָ־האָרטע אַרײַנטרעטן אין דעם אינערלעכן הויף פון בית־מקדש, כדי אָר־דענונג צו מאַכן צווישן אײַך?

איך האָב געשוויגן.

— איך בין דאָך קאָרנעליוס, דער כיליאַרך פון דער קאָהאָרטע אשקאלאָנא, וועלכע סטאַנציאָנירט אויף דער אנטאָניא, דער שטעלפאַר־טרעטער פון פאָנטיוס פּילאַטוס אין ירושלים! זאָג, דו דערקענסט מיך, ייִד? האָסטו מיך געזען אין היידן־הויף פון בית־מקדש, ווען איר זענט אַלע אויס דעם וועג געלאָפן?

א מאָדנע געפיל האָט מיך אַרומגענומען. איך האָב פאַר אים קיין

מורא נישט געהאַט, פאַרשטייט זיך, און ער האָט מיך אויך נישט גע־שראָקן, נאָר ס׳איז געווען אַ געפיל פון מיטלייד און אַן אומבאַקוועמלעכ־קייט צוליב דעם, וואָס ער דעקט אויף פאַר מיר זיין סוד. די נייגעריקייט אָבער, וואָס האָט מיך געטריבן אויסצוגעפינען ווער ער איז אַזעלכער, האָט מיך געהאַלטן צוגעשפּאַנט צו מיין אָרט, און נישט געקוקט אויף דער געפאַר פון אַוואַנטורע, אין וועלכער די שפּיל קאָן מיך אַריינטרייבן, האָב איך מיט אַ האַלב מויל צוגעבאָמבלט און מיטגעהאָלפן אים אַריינשטופּן אין דער ראָלע, אין וועלכער זיין קראַנקע פאַנטאַזיע פאַארפירט אים.

— יאָ — האָב איך געענטפערט — איך דערקען איך, קאָרנעליוס פון דער פעסטונג אַנטאָניאַ.

— אַזוי טיטולירסטו מיך, ייִד? די יידן אין ירושלים טיטולירן מיך: „הגמון קאָרנעליוס!״

— יאָ, הגמון קאָרנעליוס!

ער האָט זיך ווייטער איינגעקוקט אין מיין פּנים.

— האָב איך דיך שוין נישט אַמאָל געזען? די געקרייזלטע שוואַרצע האָר, דאָס יונגע שפּראָצנדיקע בערדל און דאָס בלייכע פּנים איז מיר נישט אומבאַקאַנט — האָט ער מיך דורכגעבערט מיט זיינע אויגן. —ביסטו נישט געווען צווישן די אַנפּירערס, וועלכע האָבן געוואָגט צו מאַכן אויסרופן קעגן כהן גדול, קעגן פּילאַטוסן, קעגן רוים אפילו, ווען מיר האָבן געשלעפּט דעם ישוע פון נצרת מיט דער דערנער־קרוין צום קרייץ אויף דער גאָלגאָטע? ביסטו נישט געווען פון די, וועלכע האָבן זיך געפּרואווט דורכרייסן דורך אונזערע לעגיאָנערן־קייטן, כדי דעם אויפשטענדלער איינערן אָפּצושלאָגן? האָבן אונזערע בראַווע לעגיאָנערן נישט באַדאַרפט באַנוצן זייערע קורצע שווערדן, כדי איך אָפּצוהאַלטן? יאָ, איך האָב דיך דערקענט! יאָ, דו ביסט דערנאָך פאַר מיר געשטעלט געוואָרן. ווי האָט מען דיך דאָס גערופן? — יוחנן! יאָ, יוחנן. יאָ, דאָס זעלבע פּנים, איך געדענק עס נאָך ביז היינט...

די שפּיל איז אַוועקגעגאַנגען אַביסל צו ווייט, און ווי מיין נייגע־ריקייט האָט נישט ווי אַ דורשט געברענט אין מיר ווייטער אים צו הערן, האָב איך זיך געשטאַרקט נישט אויסצונוצן זיין קראַנקייט און געוואָר צו ווערן זיין סוד; איך האָב אים דעריבער אָנגעהויבן צו וועקן:

— פאַן וויאַדאָמסקי, פאַן וויאַדאָמסקי, וואָס רעדט איר, וואַכט אויף, איר חלומט...

איך האָב דערפילט, אַז אויף מיר הענגען אַ פּאָר אָפענע, דערוואַכטע און דערשראָקענע אויגן. צום ערשט זיינען נאָך די אויגן געווען פאַר־שלומערט, פאַרנעפּלט, נאָר וואָס אַמאָל מער האָבן די אַפּלען, וועלכע

זיינען געשטאַנען אינמיטן די אויגן־וואַסלען אָן שום באַוועגונג און אי־
בער וועלכע עס איז געהאַנגען א פאַרשלאַיערטער שלומער, זיך אָנגע־
הויבן צו באַלעבן; וואָס אַמאָל זיינען זיי מער ארויס פון די אומבאַקאַנטע
נאַכט־רעגיאָנען, אין וועלכע זיי האָבן געבלאָנדזשעט, און זיי זיינען
אריַין אין דער ממשותדיקער רעאַלקייט, זיי זיינען ליכטיקער געוואָרן.
נאָר וואָס מער לעבן זיי האָבן אָנגענומען, אַלץ גרעסער, אַלץ דערשראָ־
קענער, אַלץ פיַכטער זיינען זיי געוואָרן. איך האָב געהאַט דאָס געפיל,
ווי דער פאַן וויאַדאָמסקי וואָלט געוויינט אינדערשטיל מיט נישט־גע־
זעענע טרערן, אינעווייניק אין זיך. זיַין בלייך פּנים איז געוואָרן וואָס
אַמאָל אויסגעצויגענער, אָן אומדערגרינטלעכער טרויער האָט זיך פאַר־
באָרגן אין די שאָטנדיקע באַהעלטענישן פון זיַינע טיפע שטערן־קנייטשן,
נאָך מער אין די אָן אַ צאָל שוואַרצע פלעקן־קישעלעך און טרערן־טאָר־
בעלעך, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט ארום די אויגן־ראַנדן. זיַינע לענגלעך־
געשניטענע באַקן זיינען געוואָרן נאָך מער איַנגעפאַלן, זיַין גאָמבע לענ־
גער, זיַינע שטיַפע וואָנסעס זיינען ווי אונטערגעשאָסענע פליגל געפאַלן
איבער די אראָפּהענגענדיקע ליפּן. ער האָט מיך אָנגעקוקט און ערשט
איצט מיך דערזען. ער האָט אויפגעעפנט דאָס מויל צו רעדן, און עס איז
געבליבן אָפן. דער קאַסטן אַריַינגעמאַכטע ציין, פון וועלכע פיל האָבן
געפעלט, איז געפאַלן אויף זיַינע יאַסלעס. ער האָט נישט נאָר קיין ווער־
טער נישט געפונען, נאָר לופט צו אָטעמען האָט אים אויך אויסגעפעלט.
איך האָב באַמערקט, ווי ער באַמיט זיך, ווי אַ דורשטיקער, לופט אָנצור־
שעפּן דורך זיַינע גרויסע נאָזדרעס. איך האָב געזען, ווי דער לופט־
שטראָם גייט דורך דעם דאַרן ארויסגעשטאַרצטן קנאָפּ אין זיַין הויט־
שלאַבריקן דינעם האַלז. ער האָט זיַינע קראָמפּהאָפטע פינגער אויסגע־
צויגן צו מיר און זיי צוריקגענומען. ענדלעך האָט ער געפונען לופט און,
שטאַמלענדיק פאַר אויפרעגונג, כעס און אויפציטערן, האָט ער מיך
געפרעגט:

— דו ביסט דאָ?

— יאָ.

— און דו האָסט געהערט, וואָס איך האָב געזאָגט?

— געוויס.

ער האָט אַ מינוט שטילגעשוויגן, מיך דורכגעלעכערט מיט זיַין
בליק, וואָס איז וואָס אַמאָל שאַרפער געוואָרן.

— דו קאָנסט נישט מער פונדאַנען ארויסגיין!

— וואָס מיינט איר? — פרעג איך אים.

— דו האָסט געהערט מיַין סוד, דו קענסט נישט מער דאָס צימער

פאַרלאָזן!

— וואָס פאַרא סוד? איר האָט מיר גאָרנישט פאַרטרויט.

ער האָט ענדלעך געפונען געגנוג כחות אין זיך, און מיט קראַמפּ־האַפטע פינגער, מיט נערוועזער ענערגישקייט האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול.

— איך פאַרזיכער אייך, אַז אייער סוד בלייבט ביי מיר פאַרשלאָסן ווי אין אַ קבר, קיין לעבעדיקער מענטש וועט נישט געוואָר ווערן דערפון.

— דער סוד קאָן נאָר פאַרחתמעט ווערן דורך דעם טויט! — דעק־לאַמירט ער, ווי עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אין א געמאַכטן, פאַלשן טאָן, וועלכער האָט אכזריותדיק אויפגעריסן די גאַנצע קאָמעדיע, וואָס ער האָט אָפגעשפּילט. דאָס ערגסטע איז, וואָס ער גייט צו צו דער טיר.

— וואָס טוט איר?

— דאָ בלייבסטו ביי מיר!

— וואָס פאַלט אייך איין? — רוף איך אויס, און איך איייל אים פלינק נאָך צו דער טיר און וויל אים שטערן זי צו פאַרשליסן.

קראַמפּהאַפטע פינגער האָבן זיך מיט פייערדיקע נעגל אין מיין פלייש איינגעקנעטן.

— איך האָב דאָך געזאָגט, אַז דאָ בלייבסטו מיט מיר!

— אָבער וואָס פאַלט אייך איין? — איך האָב זיך מיט אַן ענערגישער באַוועגונג באַפרייט פון אים, אים א גוטן שטויס־אָפּ געגעבן, וואָס נאָר דער אימפּעט פון מיין כעס האָט פון מיר ארויסגעבראַכט.

ער האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס ווי א שכורער, און איז שיר נישט אומגעפאַלן, ווען איך וואָלט אים נישט אונטערגעכאַפּט.

— איך האָב אייך נישט געבעטן, אַז איר זאָלט מיר פאַרציילן אייער סוד, איר האָט אים מיר אליין פאַרטרויט. שלאָפט אייך אויס, וועט איר זיך באַרואיקן.

— שטיי, שטיי, וואוהין גייסטו?

— איך וויל נישט מער זיין מיט אייך, איר זענט נישט געזונט — זאָג איך אים שוין שטייענדיק ביי דער טיר.

— דער ייד האָט מיך באַגנבעט! דער ייד האָט מיך באַגנבעט! — האָט פאַן וויאַדאָמסקי אָנגעהויבן צו שרייען.

איך האָב צוריק פאַרמאַכט די טיר, כדי די שכנים זאָלן נישט דער־הערן זיינע גוואַלדן, כ'האָב אים אָנגענומען ביי דער האַנט, אוועקגעפירט פון דער טיר און אים אַוועקגעזעצט אויף דער שטול. ער איז געווען שוואַך ווי אַ קינד און געלאָזט מיט זיך אַלץ טון.

— פאַן וויאַדאָמסקי, איר זענט קראַנק, איר מוזט זיך באַרואיקן,

איך פאַרזיכער אײַך מיט אַלע הייליקײַטן, אַז איך וועל פאַר קײנעם אײַער סוד נישט פאַרטרויען, באַרואיקט אײַך.

דער פּאַן האָט זײַן פּנים אין די הענט אײַנגעגראָבן, און אַזוי איז ער געבליבן זיצן אויף זײַן שטול.

איך האָב אָפּגעוואַרט אַ פּאָר מינוט און פאַרלאָזט די שטוב. אין קאָרידאָר האָב איך זיך געשטעלט הינטער דער טיר און זיך אײַנגע־האָרכט, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק. איך האָב דערהערט אַ שטיל געוויין.

איך בין אַרײַנגעקומען צוריק אין שטוב אַרײַן און גענומען אים אויף מײַנע הענט, — וואָרום ער איז געווען שוואַך און האָט קוים מיט די פיס באַוואויגן, — אוועקגעלייגט אים אויף זײַן בעט און אים צוגעדעקט.

דער פּאַן וויאַדאָמסקי האָט, ווי אַ קליין קינד, געלאָזט מיט זיך אַלץ טון.

ענדלעך בין איך אינדרויסן אויף דער פרײַער לופט. איך האָב זיך פלינק געאײַלט אהיים, און בײַ זיך באַשטימט, אַז צווישן אונז איז אַלץ אויס, מער זע איך אים נישט.

קאַפּיטל דרײַ

פּאַן וויאַדאָמסקים סוד.

ווי פאַרוואונדערט בין איך געוואָרן, ווען אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך באַקומען פון דעם פּאַן וויאַדאָמסקי אַ בריוו צוגעשיקט, וועלכער איז געווען געהאַלטן אין אַ שטײַפן, קאַלטן טאָן: „אַז כאָטש איך האָב זיך באַנומען קעגן אים, ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן פון אַ מיטגליד פון מײַן ראַסע, — איך האָב פון אים אַרויסגעגנבעט זײַן סוד, — דאָך איז ער גרייט צו האַנדלען קעגן מיר קריסטלעך און מיר מוחל זײַן, און ער פאָדערט מיך אויף, איך זאָל קומען צו אים אין דער וואוינונג, ער באַ־דאַרף מיך צו עפּעס זייער נייטיקס האָבן".

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אים נישט אָפּגעענטפערט.

אין אַ שטיקל צײַט אַרום האָב איך ווידער פון אים געהערט. דאָס מאָל איז אי דער אינהאַלט און אי דער טאָן פון בריוו געווען גאַנץ אַנ־דערש, ווי דאָס פריערדיקע מאָל. וועגן קיין גניבה רעדט זיך שוין נישט און אויך נישט וועגן קריסטלעכער מחילה. ער פאַרשווײַגט איבערהויפּט דעם גאַנצן אינצידענט. דערפאַר אָבער איז דער פּאַן געוואָרן זייער סענ־

טימענטאַל, און ער האָט מיך גלײַכצײַטיק אי פֿאַרוואונדערט און אי גער־
רירט. אין בריוו שרײַבט ער מיר: „אזוי ווי ער האָט זיך צוגעוואוינט צו
מיר און די צוזאַמענקונפֿטן מיט מיר זיינען געוואָרן פֿאַר אים נייטיק,
סײַ פֿון פּערזענלעכן שטאַנדפּונקט און סײַ צוליב די גרויסע נוצן פֿאַר
דער וויסנשאַפֿט; דער אויסטויש פֿון געדאַנקען מיט מיר איז פֿאַר אים
זייער נוצלעך, ווײַל זיי האָבן אויפֿגעפֿרישט זײַן זכרון, — דורכדעם בעט
ער מיך, איך זאָל באַנײַען מײַנע צוזאַמענקונפֿטן מיט אים...״ צום סוף
פֿון שרײַבן מאַכט ער מיר א קאָמפּלימענט, אַז ער האָט זיך איבערצײַגט,
ווי אמת עס איז דאָס שפּריכוואָרט: עס איז נישטאָ קיין כּלל אָן אויסנאַם,
פֿאַרקערט, דער אויסנאַם באַווײַזט אויף דעם כּלל. דאָס האָט ער אמבעסטן
די געלעגנהײַט געהאַט זיך צו איבערצײַגן דורך מײַן באַקאַנטשאַפֿט, אַז
וואָס נידעריקער א געמיינדע שטייט, אַלץ איידעלער און פֿײַנער זיינען
אירע אויסנאַמען — די יחידים.

דאָס האָט געזאָלט זײַן א קאָמפּלימענט פֿאַר מיר...

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אויך דאָס מאָל אים געלאָזט אָן אַן
ענטפֿער.

ווי איבעראַשט און דערשראָקן בין איך אָבער געוואָרן, ווען אין א
פֿרימאָרגן, בעת מײַן שטוב איז נאָך געלעגן פֿאַרשלונגען פֿון פֿאַרנעפּלטן
פֿאַרטאָגס (דער שניי, וואָס איז בײַנאַכט אָנגעפֿאַלן, האָט פֿאַרדעקט מײַנע
דאַך־פֿענצטערלעך), האָב איך דערהערט אויף די שמאָלע טרעפּ, וואָס
פֿירן ארויף צו מײַן בוידעם־שטיבל, ווי עמיצער שלעפּט זיך מיט שווערע,
שטרויכלענדיקע טריט, הוסט אונטער מיט אַ שווינדזיכטיק הוסטעלע.
די טרעפּ האָבן צו קיין אַנדער וואוינונג נישט געפֿירט, ווי נאָר צו מײַן
איינצלנעם בוידעם־צימער, וואָס איך האָב פֿאַרנומען אין אַן אַלט האָל־
צערן הויז, טיף אין די יידישע גאַסן. איך האָב קיינעמען נישט דערוואַרט
בײַ מיר אזוי פֿרי. אין דעם שטולפּערן מיט די פֿיס און אין דעם הוסטן
האָב איך נישט דערקענט, אַז דאָס זאָל זײַן אַ באַזוך פֿון מײַנס אַ באַ־
קאַנטן. איך בין געלעגן מיט א פֿאַרכאַפּטן אָטעם אויף מײַן געלעגער,
וואָרום אין מײַן צימער, וואו פֿון אַלע זײַטן האָט דער ווינט ארײַנגעבלאָזן
דורך די האָלצערנע ווענט, איז געווען צו קאַלט אויפֿצושטיין. איך האָב
געוואָרט און שפּעקולירט אין מײַן געדאַנק און געפּרוווט טרעפֿן, ווער
דאָס קאָן זײַן. ענדלעך האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן אין מײַן טיר. אויף
מײַן פֿראַגע, ווער דאָס איז, האָב איך דערקענט אין דער שטימע, אַז
דער פֿאַן וויאַדאָמסקי שטייט הינטער מײַן טיר.

איך האָב אים געבעטן צוצוואַרטן, ביז איך וועל אביסל די שטוב
אין אָרדענונג ברענגען, וואָס איך האָב עס טאָקע אין אײַלעניש געטון,

און ווען איך האָב אויפגעעפנט די טיר, איז געפאַלן אין מײַנע אָרעמס אַ געפרוירענער, אַלטער מאַן.

איך האָב אים אַוועקגעזעצט אויף דער איינציקער שטול, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, בײַם אויוונדל, און ווען איך האָב פלינק פון פּאַפּירן און שטיקלעך האָלץ פײַער געמאַכט, כדי אים צו דערוואַרעמען. צאַפּנס אײַז זיינען אים געהאַנגען אויף די פײַכטע וואָנצעס. אין אַן אויסגעקראָכענעם פוקסענעם פעלצל, וואָס האָט געמוזט געדענקען בעסערע צײַטן, איז געזעסן פאַר מיר אַן אַלטער, צעבראָכענער מאַן. זײַנע אויגן זיינען געווען רויט אָנגעשוואָלן, ווי ער וואָלט שוין געהאַט געשלאָפן עט־לעכע נעכט. זײַנע בלוי־רויטלעכע, קנאָכיק־קראַמפּהאַפטע פינגער האָבן געציטערט, ווען ער האָט זיי מיטן טיכל געהאַלטן איבער זײַן מויל, צו פאַרהאַלטן דעם הוסט, וועלכן מען האָט נאָר אָנגעזען אין זײַנע הוילע, אײַנגעפאַלענע לענגלעכע באַקן.

— וואָס איז אײַך, פּאַן וויאַדאָמסקי? — פרעג איך פאַרוואונדערט, וואָרום זײַן אָנבליק האָט מיך באַאומרואיקט — איר זענט ארויסגעגאַנגען אין אַזאַ וועטער!

— איך בין ארויסגעגאַנגען אין אַזאַ וועטער, ווײַל דו האָסט נישט געוואָלט קומען צו מיר, און מיר מוזן זיך זען, איך מוז דיך זען — האָט ער זיך פאַרריכט — איך האָב מיט דיר עפּעס זייער נייטיקס צו רעדן.

— פּאַן וויאַדאָמסקי, זעצט אײַך דאָ בײַם אייוונדל, איר ציטערט אינגאַנצן, איר זענט קראַנק.

— איך בין נישט קראַנק און איך בין געקומען איבעררעדן מיט דיר וועגן יענער זאַך...

— מיר וועלן שפּעטער רעדן, באַרואיקט אײַך, איך וועל נאָר צו־שטעלן אַ טשײַניקל מיט וואַסער, איר ווערט דאָך געפרוירן — צווינג איך אים, ער זאָל צוגיין צום בענקל בײַם אויוון און איך נעם זיך גע־שווינד צוצושטעלן א גלעזל טיי.

— איך בין נישט געקומען טרינקען טיי מיט דיר, איך בין געקומען רעדן מיט דיר וועגן עפּעס זייער נויטיקס און וויכטיקס פאַר אונז ביידע.

— אויב איר ווילט רעדן מיט מיר וועגן יענעם ענין, וויל איך אײַך גלײַך בײַם אָנהויב נאָכאַמאָל פאַרזיכערן, אַז דאָס וואָס איר האָט מיר געזאָגט יענעם אָוונט, האָב איך שוין לאַנג פאַרגעסן. איך ווייס, אַז באַ־גאַבטע מענטשן מיט רײַכער פאַרשטעלונגס־קראַפט האָבן אמאָל וויזיעס, אמאָל אין חלום, אמאָל וואַכעדיקערהײט, — אָבער דאָס האָט גאָרנישט צו טון מיט אײַער פּערזאָן. איך בעט אײַך, אַז איר זאָלט זיך פון קאָפּ ארויסשלאָגן די אײַנרעדעניש, אַז איך בין דער היטער פון אײַער סוד.

עס איז גאָר קיין סוד נישט, עס איז א דורכגעלאָפּענע כימערע, וואָס איך האָב עס שוין פון לאַנג פאַרגעסן, — בּאַרואיק איך אים מיט מײַן גאַנצער רעדנס־קראַפט, צוגרייטנדיק דערווײַל פאַר אים א טעצל טיי.

ער האָט אָבער דאָס צודערלאַנגטע טעצל טיי מיט פאַרדרוס אָפּ־געשטופּט פון זיך.

— איך בּין נישט קיין קראַנקער אײַנגערעדטער נאַר, און דו בּיסט נישט קיין דאָקטאָר, צו וועלכן איך בּין געקומען פרעגן אַן עצה. די זאַך איז פיל ערנסטער ווי דו מיינסט. דאָס וואָס איך האָב דיר פאַרציילט יענעם אָוונט, איז נישט קיין פאַנטאַזיע פון אַ קראַנקלעכער פאַרשטעלונג. ווייסטו, ווער איך בּין? ווייסטו, ווער עס זיצט דאָ פאַר דיר? איך בּין דער מאַן, וועלכער האָט אויסגעפירט די עקזעקוציע איבּער יענער אומ־פאַרשטענדלעכער, בּיזן הײַנטיקן טאָג נאָכנישט אויפגעקלערטער פער־זענלעכקײַט אין ירושלים אויפן בּאַפעל פון פּאָנטיוס פּילאַטוס, מײַן בּאַפעל־געבּער, לויטן משפט פון כהן גדול!

— וואָס רעדט איר? וואָס מיינט איר מיט דעם אויסדרוק „יענע פּערזענלעכקײַט”? — בּין איך איצט דערשראָקן געבּליבּן און מײַנע הענט האָבּן געמוזט אוודאי ציטערן, וואָרום איך האָב געפילט דאָס הייסע וואַסער פון דעם טעצל טיי גיסט זיך איבּער זיי.

— ווען דו ווילסט דורכויס וויסן דעם נאָמען, וועל איך דיר אים זאָגן, דאָס איז ישוע פון נצרת, וועלכן מען רופט הײַנט „יעזוס קריסטוס”!

— אום גאָטס ווילן, וואָס רעדט איר, פּאַן וויאַדאָמסקי?

— רוף מיך נישט צוריק אין דער מיזעראַבּעלער וועלט, לאָז מיך דאָרט, וואוהין איך בּאַלאַנג.

— אָבער אום גאָטס ווילן, וואָס רעדט איר?

— און נישט נאָר איך האָב אויסגעפירט די עקזעקוציע איבּער אים, נאָר איך האָב אים געפּײַניקט און בּאַליידיקט פאַר זײַן טויט. איך בּין דער מאַן, וועלכער האָב נאָכגעשפּיאָנירט זײַן טעטיקײַט, איך מער פאַר אַלע בּין שולדיק אין זײַן טויט, איך, איך און נישט קיין אַנדערער!...

— פּאַן וויאַדאָמסקי, איר זענט קראַנק, קומט, איך וועל אײַך לייגן אויפן בּעט, איר בּאַדאַרפט זיך בּארואיקן!

— איך האָב אים געטייט, און אזוי טייט איך אים יעדן טאָג, דורך נעכט לאַנגע אויף מײַן געלעגער טייט איך אים, דורך מײַן גאַנץ לאַנג לעבּן...

איך בּין אָפּהענדיק געבּליבּן. נאָך א ווײַל איז פּאַן וויאַדאָמסקי צו זיך געקומען. עס האָט אויסגעזען, ווי אַ גרויסער שטיין וואָלט אראָפּ פון זײַן האַרץ. ער האָט אַ טיפן זיפץ־אָפּ געגעבּן.

אַ לאַנגע ווײַלע האָבן מיר בײדע געשוויגן.

נאָכדעם ווי פּאַן וויאַדאָמסקי האָט זיך געהאַט באַרואיקט, איז אַן אינערלעכע דערלײַכטערונג געקומען איבער אים, מען האָט עס אויך אָנגעזען אויף זײַן פּנים. ער האָט זיך לאַנג אויסגעהוסט און געאָטעמט און געזאָגט אַ ביסל מיט אַ הייזעריקײַט פֿון אַ פֿאַרגאַנגענער אויפֿרעגונג, אָבער אין אַ פֿיל רואיקערן טאָן:

— אייגנטלעך, קאָן איך שוין גיין, איך האָב מײַן סוד פּאַרטרויט מײַן פֿײַנד, איך האָב מיך אין דײַנע הענט איבערגעגעבן, קאָנסט מאַכן מיט מיר וואָס דו ווילסט. איך האָב שוין גאָרנישט וואָס צו טון, דאַנקען גאָט, — און זיך פֿרום געצלמט דרײַ מאָל.

איך בין געבליבן צוטרייסלט און האָב נישט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן. ער איז געזעסן אײַנגעהויקערט און אײַנגעקורטשעט, ווי טויזנ־טער שטורעמווינטן וואָלטן אַדורכגעגאַנגען זײַן לײַב און וואָלטן אים אויף טויזנטער שטיקלעך צעבראָכן. מײַן האַרץ האָט געבלוטיקט פֿאַר רחמנות צו אים. איך האָב נישט געוואוסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. איך האָב נישט געקענט דעם נאָמען פֿון זײַן קראַנקהייט, נאָר זײַנע ווער־טער האָבן אויפֿגעדעקט פֿאַר מיר דאָס גאַנצע גליענדיקע פֿײַער פֿון גיהנום, אין וועלכן ער ברענט זיך אין די איינזאַמע נעכט אויף זײַן גע־לעגער, די יסורים, וואָס ער לעבט אַדורך, די שלאַנגען, וואָס דריקן און מאַכן ענג זײַן נשמה! איך האָב אים געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר מײַנע ווערטער זײַנען פֿאַרשטומט געוואָרן, מײַן מויל פֿאַרקניפּט און פֿאַר־שלאָסן, איך האָב געשוויגן אין מײַן צער.

געהאָלפֿן האָט ער אָבער מיר אליין. ער האָט אָנגעכאַפּט מײַן האַנט אין זײַן קלאַמערנדיקער פֿויסט אַרײַן און געזאָגט:

— מיר האָבן הײַנט בײדע אַ בונד געשלאָסן, מיר זײַנען פֿאַרבונדן צוזאַמען דורך דעם בשותּפֿותדיקן סוד, וואָס איך האָב דיר פּאַרטרויט, מיר קאָנען זיך שוין נישט שיידן, מיר בײדע געהערן זיך אַן צוזאַמען. דו ביסט דער איינציקער, פֿאַר וועלכן איך האָב געהאַלטן פֿאַר נייטיק צו עפֿענען מײַן דריקנדיקע נשמה.

— פּאַן וויאַדאָמסקי, באַרואיקט אײַך, דאָס איז דאָך אַן אײַנרעדעניש. ווען איר וועט זיך אויפֿוועקן, וועט איר חרטה האָבן, וואָס איר האָט פּאַרטרויט פֿאַר אַ פֿרעמדן אײַערע אויסגעטראַכטע פֿאַנטאַזיעס, שטילט אײַך אײַן! איר האָט פֿיבער, איך קאָן עס פֿילן דורך מײַן האַנט. קומט, איך וועל אײַך אין מײַן בעט אַרײַנלייגן, איך וועל אײַך גוט צודעקן — קוק איך זיך אַרום פֿאַרלעגן, מיט וואָס איך קאָן אים צודעקן — נאַט, איך

וועל איך אַ גלעזל טיי אָנגיסן, איר וועט זיך דערוואַרעמען און וועט אין אַלעם פאַרגעסן.

אָבער פאַן וויאַדאָמסקי האָט געהאַלטן מײַן האַנט אין זײַנער.

— אין וואָס וועל איך פאַרגעסן? דאָס וואָס איך בין? דאָס וואָס איז די אויפגאָבע פון מײַן לעבן? אין דעם, צו וועלכן איך בין פון גורל באַשטימט? וואָס מיינסטו, אז דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דיר פאַרציילט, איז פון פינגער אויסגעזויגן? אַ „קראַנקע פאַנטאַזיע", זאָגסטו? זעסטו דען נישט, אַז דאָס איז מײַן אמתדיק לעבן? איך קלער דערפון יעדע מינוט פון טאָג. מײַן לעבן פון הײַנט איז פאַלש, א מאַסקע, וואָס איך טראָג; דאָס אַנדערע לעבן, וואָס איך האָב געפירט דאָרטן אמאָל — דאָס איז עכט און אייביק. איך לעב עס אדורך יעדע מינוט, ווען איך בין מיט דיר אליין, איך הער די שטימען פון יענער צײַט רופן אין מיר. בײַנאַכט אויף מײַן געלעגער, דורך דעם לאַנגן שלאָפלאָזן נאַכט־גיהנום, ווער איך מגולגל אין יענער פערזענלעכקײַט, וואָס איך בין, און איך לעב נאָך אמאָל איבער דאָס לעבן פון אמאָל. איך געפין זיך אין יענע שטעט, אויף יענע גאַסן, צווישן יענע מענטשן. וואָס זאָל איך פאַרגעסן? — מײַן גאַנץ שטודירן, מײַנע פאַפּירן, וואָס איך האָב געשריבן, אַלע מײַנע שטודיר־רײַזעס, וואָס איך האָב געמאַכט, אַלע מײַנע געפאַרן, אין וועלכע איך האָב זיך געפונען, אַלע אַנטדעקונגען פון נײַע קוועלן, וואָס איך האָב אַנטפּלעקט, דאָס גריבלען זיך אין אַלטע ביכער? פאַרוואָס זיץ איך גאַנצע טעג אין די ביבליאָטעקן? פאַרוואָס שליס איך אָפּ פון מיר דאָס ליכט פון טאָג און איך וויל קיין אַנדער לעבן, קיין אַנדערע מענטשן נישט זען? און פאַרוואָס האָב איך דיך מיטאַרײַנגעצויגן אין מײַן טיפן סוד, כדי איך זאָל פאַרגעסן? דו ביסט דאָך אַ טייל פון דעם סוד, דו ביסט דאָך מיטגעווען מיט מיר אין יענער צײַט! ווען איך קוק אויף דײַן פּנים, דערמאָן איך זיך אין אַלעם. דו ביסט דאָך, פונקט ווי איך, דער אייביק דויערנדער צווישן די אַלע מינוט־מענטשן, וואָס קריכן אַרום ווי די ווערעם איבער דער גאַס; הײַנט זיינען זיי דאָ און מאָרגן ווערן זיי אָפּגעווישט. ווער וועט וויסן פון זיי אין פופציק יאָר, אין פינף און צוואַנציק יאָר אַרום? אָבער דו און איך זיינען אייביק, אייביק צווישן דעם דורכפליענדיקן שטויב, ווײַל מיר זיינען געווען דענסטמאָל אין יענע צײַטן און מיר לעבן אין אַלע צײַטן, אין אַלע אייביקײַטן...

איך האָב אים געלאָזט אויסרעדן. עס האָט אויסגעזען, אַז ער האָט זיך באַדאַרפט אויסרעדן, ארויסגעבן פון זיך אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין אים דורך די פּאָר טעג, אָדער אפשר גאָר דורך זײַן גאַנץ לעבן, אַלץ וואָס ער האָט אויסגעוויטאָגט אין די שלאָפלאָזע נעכט, דורך

װעלכע ער איז אדורכגעגאַנגען. איך האָב געשוויגן.

— דו שווײַגסט, יוחנן? — האָט ער מיך אָנגעקוקט.

— וואָס זאָל איך אײַך ענטפערן, פּאַן וויאַדאָמסקי?

— פֿאַרוואָס רופֿסטו מיך בײַ מײַן פֿאַלשן נאָמען? פֿאַר דיר בין איך קאָרנעליוס, דער כיליאַרך פֿון דער אַנטאָניא אין ירושלים.

— גוט, קאָרנעליוס. אָבער איר וועט דאָך דערנאָך חרטה האָבן.

— וואָס וועל איך חרטה האָבן? פֿאַר דיר האָב איך נישט וואָס חרטה צו האָבן, ווײַל דו און איך לעבן נישט דאָס לעבן פֿון הײַנט, נאָר דאָס לעבן פֿון אַמאָל. דענסטמאָל זײַנען נאָך נישט געשאַפֿן געווען די באַדינגונגען און די אומשטענדן פֿון הײַנט, פֿאַר וועלכע מיר באַדאַרפֿן זיך שעמען, פֿאַרלייקענען אָדער צו אָנערקענען און דערפֿאַר חרטה צו האָבן. דו ביזט מײַן צײַט־גענאָסע, נאָך מער — דו ביזט מײַן משפּחה, נאָך מער ווי משפּחה, דו ביזט מײַן איינציקער מיט־מענטש. פֿאַר דער גאַנצער וועלט, פֿאַר אַלע טראָג איך אַ מאַסקע, פֿאַר דיר בין איך — איך אַליין, פֿאַר דיר האָב איך גאָרנישט וואָס צו באַהאַלטן, דו און איך זײַנען די איינציקע, וואָס געדענקען אין דעם ים פֿון פֿאַרגעסן. דעריבער האָב איך דיך געזוכט מײַן גאַנץ לעבן, און ווען איך האָב דיך באַגעגנט, האָב איך דיר אָנפֿאַרטרויט אַלץ און איך וועל דיר פֿאַרציילן אַלץ, וואָס איז דאָ טיף באַהאַלטן אין מיר און וואָס איך וועל קיינמאָל נישט פֿאַר קיינעם פֿאַרן מויל ברענגען. איך וועל דיר דערציילן, אַז דו זאָלסט פֿאַרשרײַבן יעדעס וואָרט, יעדן דעטאַל, ווײַל ערשט דורך דיר ווער איך — איך. ערשט ווען איך קום זיך צוזאַמען מיט דיר, ווער איך צײַטלאָז און אייביק. און דערפֿאַר ציט מיך אַזוי צו דיר, דערפֿאַר קאָן איך זיך נישט אָפּטשעפּען פֿון דיר, איך מוז שטענדיק האָבן מיט דיר צו טון. און קאָן איך דיך נישט ליבן, מוז איך דיך האַסן, ווײַל אָן דיר בין איך שטויב, אָן דיר בין איך דער אָרעמער הײַנטיקער פּאַן וויאַדאָמסקי, וועלכער טראָגט אַ שווערע זינד אויף זיך. מיט קאָרנעליוס שעם איך זיך, ער שמײַסט מיך מיט ביטערע חרטה־ריטער, ער דריקט מײַן האַרץ ווי אַ מילשטיין. ערשט דורך דיר קריג איך אַ זין, פֿאַרשטיי איך די מעשׂים פֿון דענסטמאָל און איך ווער זיכער בײַ זיך, אַז דאָס וואָס איך האָב געטון, האָב איך באַדאַרפֿט טון, דאָס האָט מײַן פֿליכט פֿון מיר פֿאַרלאַנגט. דורך דיר ווער איך שטאָלץ צו זײַן וואָס איך בין — דער ריכטיקער קאָרנעליוס! זאָג, ווער בין איך? ווער שטייט פֿאַר דיר? דערקענסט מיך?

— געוויס דערקען איך אײַך — קאָרנעליוס! הגמון קאָרנעליוס, דער קאָמענדאַנט פֿון דער פֿעסטונג אַנטאָניא, פֿאַר וועלכן גאַנץ ירושלים ציטערט ווי אַ בלאַט. ווען ער גייט אַדורך אין דער שפּיץ פֿון זײַן קאָהאָרטע

דורך דעם הײדן־הויף פֿון בית־מקדש, באַהאַלטן זיך אַלע פֿאַר אים אויס מורא.

דאָס, זעט זיך אויס, האָט אים מער באַרואיקט ווי אַלע אַנדערע מײַנע מיטלען. עס האָט געווירקט אויף אים, ווי מען שפּריצט אײַן אַפּיום אַ ניקאָטין־דורשטיקן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם בענקל בײַם אויוון אַן אויסגעמוטשעטער, אָבער דערפֿאַר אַן אויסגעשפּאַנטער און אַ דערלײַכטעטער.

— אָבער איצט קומט, וועל איך אײַך לייגן אויפֿן בעטל, איך וועל אײַך מאַכן אַ גלאָז טיי, אָדער אפֿשר זאָל איך גאָר אַראָפּלויפֿן ארויפֿברענגען אַ ייִדישע חלה, וואָס איר האָט אַזוי ליב?

— נישט פֿריער, נאָר ביז דו וועסט מיר צושווערן בײַ די הייליקע קליידער פֿון כהן גדול, ווי די ייִדן האָבן עס געטון אין ירושלים.

— וואָס זאָל איך אײַך צושווערן בײַ די הייליקע קליידער פֿון כהן גדול?

— אַז דו וועסט קומען צו מיר יעדן אָוונט און דו וועסט אויפֿנעמען די שריפֿט, איך וועל דיר זאָגן און דו וועסט פֿאַרשרײַבן אות בײַ אות וועגן די אַלע זאַכן, וואָס זיינען דענסטמאָל געשען, אין קיין אַנדער ליכט נישט באַלויכטן, נישט פֿון קיין שום צײַט און נישט פֿון קיין שום צוגעהעריקייט, וואָס די מענטשן האָבן די מעשׂים צוגעגעבן. עס זיינען פֿאַראַן פֿיל אמתן און אַלע אמתן זיינען וואָר. דער אמת ווערט אַרײַנגעשמיסן אין הארץ דורך טויזנטער מיטלען, דורך שווערד און וואָרט, דורך טראַדיציע און גלויבן. נאָר יענער אמת איז דער ריכטיקער, וועלכער איז פֿאַראַנקערט אין זײַן צײַט, אין דעם מאָמענטאַלן געדײַען פֿון זײַן זײַן. מיר ביידע מוזן זיך צוריק־נורטעווען דורך די אַלע אָנגענומענע אמתן, וועלכע ווילן אונז אַראָפּשווענקען מיט זייערע שטראָמען, און אונז אויפֿהאַלטן בײַ זייער צײַט־גערעכטיקייט. מיר מוזן דערגרייכן דעם ערשטן אָנהויב, וואָס דו און איך זיינען געווען עדות פֿון אים. אויך דו — איך דערקען דיך, יוחנן, איך האָב דיך אָנגעכאַפּט, יוחנן, דאָס מאָל וועסטו פֿון מײַן האַנט נישט אַנטרינען, — און ווי דענסטמאָל האָט ער אויסגעצויגן צו מיר זײַן פֿאַרשטײַפֿטע פֿויסט, — און מיר וועלן באַריכטן פֿון די מענטשן און מעשׂים, אַזוי ווי זיי זיינען אויף אייביק אײַנגעקריצט געוואָרן אין אונזער אויפֿפּאַסונגס־חוש. אָ, זיי קומען צוריק צו מיר אין די נעכט, יעדער איינער פֿון זיי — מײַנע אַלטע פֿרײַנד, מײַנע אַלטע שׂונאים. ניין, נישט אַלטע, נאָר הײַנטיקע, אייביקע, אמתע, אומגעענדערטע. זאָגסט עס מיר צו, יוחנן? — כאַפּט ער אָן מײַן האַנט און לאָזט מיך שוין נישט אָפּ פֿון זיך.

— יאָ, הגמון, איך זאָג אײַך צו און איך שווער עס אײַך בײַ די קליידער פון כהן גדול.

פאַן וויאַדאַמסקי האָט אָפּגעעטעמט און אַ לאַנגן זיפץ געגעבן.

— אָבער איצט, גלויב איך, וועט זײַן דאָס בעסטע, אַז איך וועל אײַך אהיימפירן, איר באַדאַרפט האָבן רו, און מאָרגן וועל איך קומען צו אײַך.

— ניין, נישט מאָרגן, נאָר הײַנט שוין, הײַנט אין אָוונט דערוואַרט איך דיך, וואָרום „די צײַט איז קורץ און די אַרבעט איז פיל" — האָט מען בײַ אײַך אין ירושלים אַ ווערטל געזאָגט.

— גוט, הגמון, דײַן ווילן זאָל געשען!

קאַפּיטל פיר

ווער איז געווען פּאָנטיוס פּילאַטוס?

מיר האָבן פאַרבראַכט די לאַנגע אָוונטן פון דעם ווינטער דערמיט, וואָס ער האָט מיר פאַרציילט פון זײַן אויסגעטראַכטן אָדער אמתדיקן לעבן, שוין נישט מער אין אַ היפּנאָטישן, נאָר אין אַ גאַנץ נאַטירלעכן צושטאַנד, ווי ער וואָלט פאַרציילט פּאַסירונגען, וואָס זיינען ערשט נעכטן געשען. ער האָט אפילו צוריקגעפונען זײַן הומאָר און זײַן האָפער־דיקייט. צווישן אונז איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַזעלכעס, וואָס מיר קאָנען אָנרופן — אַ טאָפּלט לעבן: ווען ער האָט מיר פאַרציילט פון זײַנע אמאָליקע איבערלעבענישן, איז ער געווען דער הגמון קאָרנעליוס מיט אַלע זײַנע אַטריבוטן... אין אַנדערע צײַטן פון טאָג, ווען מיר האָבן געהאַט צו טון מיט די קליינע אינטערעסן פון לעבן, איז ער געווען דער פּאַן וויאַדאָמסקי.

מערקווירדיק, ווי מען קאָן זיך צו אַלעם צוגעוואוינען! מיך האָט שוין אויך נישט מער געוואונדערט, וואָס בשעת ער האָט געהאַלטן אין פאַרציילן, פלעגט ער פון צײַט צו צײַט נאָכקוקן אין זײַנע פיל נאָטיץ־ביכלעך; עס איז מיר פאָרגעקומען גאַנץ נאַטירלעך, פונקט ווי אַ מענטש, וועלכער האָט געמאַכט אַ לאַנגע רײַזע און וויל אויפפרישן זײַנע רײַזע־אײַנדריקן, באַנוצט ער זיך מיט זײַנע געמאַכטע נאָטיצן.

וואָרום בשעת פּאַן וויאַדאָמסקי האָט געמאָלן פאַר מיר זײַנע אמאָליקע איבערלעבענישן, איז נישט נאָר ער, נאָר אויך איך בין איבערגעטראָגן געוואָרן אין אַן אַנדערער וועלט. ער האָט מיך פשוט היפּנאָטיזירט, איך

האָב פאַרלוירן יעדע באַציאונג צום היינטיקן לעבן, צו דער רעאַליטעט, וואָס רינגלט מיך אַרום.

דאָס האָט אין אַ געוויסער מאָס געווירקט אויף מיר זיין פנים, זיין גאַנץ וועזן. דער מענטש, וואָס איז געזעסן פאַר מיר אויף דער צווייטער זייט טיש, באַלויכטן מיט דעם ליכט, וואָס איז געפאַלן אויף אים פון דעם אַראָפּהענגענדיקן לאָמפּ, איז גאָרנישט געווען קיין מענטש פון היינט. אַרום אונז האָט די נאַכט פאַרשלונגען אַלץ, וואָס האָט זיך אין שטוב געפונען, מיר זיינען געשוואומען אין אַ באַדנלאָזן חלל פון שאָטנס. איך האָב נאָר געהאַט פאַר מיר דאָס אויסערגעוויינלעך־בלייכע פאַרמעט־געזיכט, וואָס האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט פאַרלוירן דעם לבוש פון אַ היינטיקן לעבעדיקן קערפּער, נאָר עס געהער צו אַ שד — אַ דיבוק. די פאַרגאַנגענהייט און די קעגנוואַרט האָבן זיך אין זיין מח צוזאַמענגע־מישט, דאָס האָט זיך אויך אין זיין לשון אָפּגעשפּיגלט. אין זיין פאַרציילן האָט ער זיך אַמאָל באַנוצט מיט דער פאַרגאַנגענהייט, אַן אַנדערש מאָל האָט ער פאַרציילט אַזוי ווי די אַלע מעשים וואָלטן איצט געשען.

ווי ער האָט גערעדט, אַזוי האָב איך פאַרשריבן:

איך בין דער קאָמענדאַנט פון דער פעסטונג אַנטאָניאַ. מיין אָפיציע־לער טיטול איז „כיליאַרך", די יידן רופן מיך „הגמון". צוליב דער וויכ־טיקער און דעליקאַטער אויפגאַבע, וואָס מיין מיסיע האָט אַרויפגעלייגט אויף מיר — צו האַלטן אין דער צוים אַזאַ פרעמד און רעוואָלטירנדיק פאָלק ווי יידן זיינען — האָט מען אויסגעזוכט פאַר איר אַלס עלטסטן אַזאַ איינעם, וועלכער באַזיצט אַחוץ זיינע מיליטערישע אויך אַדמי־ניסטראַטיווע פעיקייטן. איך האָב אויך דערפילט די פליכט פון אַ פאַר־בינדונגס־אָפיציר און בין געווען צוגעטיילט אָפיציעל צו דער פּאָלי־טישער אָפּטיילונג ביי פאָנטיוס פילאַטוס, מיט וועלכן איך בין צוזאַמען אין דעם ווילדן לאַנד געקומען. איך פלעג אויך אין מיינע אַמטלעכע אויפגאַבן אַרומפאָרן צווישן ירושלים און צעזאַריע, צווישן צעזאַריע און אַנטיאָכיע צום לעגאַט וויטעליוס, וועלכער איז אונזער געביטער און הויפּט־באַפעלער. אין כאַראַקטער פון מיין דינסט פלעגט מיר אויסקומען אויך צו באַזוכן די שכנותדיקע טעטראַרכן פיליפּוס און הורדוס אַנטיפּאַס. איך בין געווען אין צעזאַרעאַ־פיליפּי, אַן אַנדערש מאָל אין טבריה, אויך איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין נאַבלוס (שכם), פאַרשטייט זיך. איך בין אַפילו איינמאָל פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן צום טעטראַרך פון גליל, הורדוס אַנטיפּאַס, אין זיין פעסטונג „מכוור", וואָס ער האָט געהאַט אין יענער זייט ים־המלח אויף אַ שטיינערנעם באַרג, אין אַ ים פון זאַמד

און וויסטעניש. איך האָב אנומעלט דאָרט בײַגעוואוינט א סצענע, וואָס פּאסט זיך אַרײַן אין דער אטמאָספערע פון די היץ־ און מדבר־ווינטן, צווישן וועלכע דאָס אָרט געפינט זיך. נאָר וועגן דעם וועט מיר אויסקומען אן אנדערש מאָל צו פארציילן, ווען איך וועל צוקומען דערצו...

מיט פּאָנטיוס פּילאטוס בין איך נאָך באקאנט פון יענער צײַט אָן, ווען מיר האָבן זיך ביידע געפונען אין די לעגיאָנען אונטער דער קאָמאנדע פון גערמאניקוס אין זײַן מלחמה־צוג קעגן די גערמאנען. פּילאטוס האָט נישט באזעסן קיין פיל גרעסערן טיטול פון מיר, ער איז בסך הכל מיט איין שטופע העכער געווען. מיר זיינען ביידע געווען „צענטוריאָנס" (עלטסטער איבער הונדערט), אָבער מיט דער גרעסטער אויסזיכט אויף א העכערן ראַנג. איך האָב אדורגעמאכט מיט גערמאניקוס אלע געפערלעכע מלחמה־אָפּעראציעס אין דעם ווילדן לאנד פון די גערמאנישע בארבארן, אדורכגעשלאָגן זיך דורך די דיקסטע, פארשאָטנסטע, מיט סטאַוון פארפלייצטע וועלדער. נישט איין וואונד פון א שפּיז אָדער פײַל, געצילט פון א באהאלטן אָרט הינטער א בוים אָדער פון דער געדיכטעניש פון א קזשאק פון א בארבארס האנט, טראָגט מײַן לײַב פאר דער גלאָריע פון רוים, פאר דעם כבוד פון קייסער. געווען מיט גערמאניקוס אויף דער שיף איבער דעם אומבאקאנטן טײַך, וועמענס וואסערן עס זיינען אזוי טונקל ווי די וועלדער פון דעם לאנד; געווען מיט אים, ווען דער שטורעם האָט געטראָגן צו אומבאקאנטע ברעגן, אויף וועלכע א ווילדער אומברחמנותדיקער פײַנט וואַרט אויף דיר זיכער. צײַטן זיינען דאָס געווען, ווען דער קריגספירער האָט אונז דורך די שווארצע פײַכטע וועלדער פון דעם קריגערישן לאנד אדורכגעפירט, און דו האָסט נישט געוואוסט, פון וועלכן ווינקל עס לויערט אויף דיר דער טויט: צי א פארהוילענער זומפּ, פארשטעלט מיט מאָך און בלעטער, וועט זיך עפענען פאר דײַנע פיס ווי א תהום און דיך אײַנשלינגען, צי א קלאַפּ פון א האַק פון א בארבארס האנט פון הינטער א פינצטערער צווײַג וועט מיט נאכט דײַנע אויגן אויף תמיד שליסן. און דאָך זיינען מיר געגאנגען אין דער פינצטערער אומבאוואוסטקײַט. און ווען נישט דער אייפערזיכטיקער, ביטערער קייסער טיבעריוס, וועלכער האָט נישט פארגינען אונזער חייל־פירער זײַנע זיגן, וואָלטן מיר רוימס אָדלערס געווען אדורכגעטראָגן דורך די שווארצע וועלדער צו יענע פעלקער פון מזרח, וועלכע האָבן נאָר איין אויג אין שטערן און הערנער אויפן קאָפּ.

ווען מיר זיינען צוריקגעקומען קיין רוים מיט גערמאניקוס חייל, זיינען מיר אלע דענסטמאָל געשטאנען אין שאָטן פון אומגנאָד, וואָס איז געפאלן אויף אונזער קריגספירער, פארנאכלעסיקט און פארלאָזט. אָבער

פילאטוס האָט שוין דעמאָלט געהאט גרויסע אמביציעס. ער האָט נעמ־לעך געהערט, אז עס איז פרײַ געוואָרן די שטעלע פון פּראָקוראטאָר איבער יהודה, און ער האָט זיך אָנגעהויבן באַמיען זי צו באַקומען. אמת, די פּראָווינץ פון יהודה איז א קליינע, א לאַנגווײַליקע און די באַפעל־קערונג אַן אומרואיקע און קריגערישע, יעדע פּאַר וואָכן קומען דאָרט פאָר אויפשטאנדן. ער האָט אָבער געהערט, אז די פּראָקוראטאָרן ווערן דאָרט, אין יהודה, זייער שנעל רײַך. גראַטוס, דער אַראָפּגעזעצטער פּראָ־קוראטאָר, וועלכער איז געוואָרן צוריק גערופן קיין רוים, איז דאָרט, אין יהודה, דורך א קליינער צײַט נתעשר געוואָרן. די יידעלעך האָבן, נעמלעך, א געוואוינהײַט צו קאָנקורירן צווישן זיך וועגן דער שטעלע פון כהן גדול. דאָס איז שוין איינמאָל א שטעלע! דאָס גאָלד פון אַלע יידן אין דער וועלט קאָנצענטרירט זיך אין דעם אוצר פון בית־מקדש. פיר פאמיליעס זיינען זיי געווען, וועלכע זיינען באַרעכטיקט צו באַקליידן דעם הויכן אמט, גייט אָן א געיאָגעניש צווישן די פאמיליעס צוליב דער פעטער שטעלע פון כהן גדול. ברודער האָט אויסגעדונגען בײַ ברודער, איידעם בײַ שווער. גראַטוס האָט יעדעס יאָר געשטעלט דעם פּאָסטן פון כהן גדול אויף ליציטאציע צווישן די פיר רײַכע כהנישע משפחות. ווי די לויף־פערדלעך האָט ער זיי געלאָזט יאָגן פאר דעם פעטן ביסן פון דעם אַמט. פילאַטוס האָט געהערט, אז יהודה איז אזא שמאַלץ־גרוב, אזא קו, וואָס גיט אזוי פיל מילך, האָט ער זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ און באַשלאָסן וועלטן אדורכצוזעצן, אָבי די דאָזיקע שטעלע צו באַקומען.

ווי אזוי דערגרייכט ער דאָס? געשטאַמט האָט ער פון קליינעם יחוס. א שפּאַניער איז ער געווען. זײַן פאָטער איז ערשט געאַדלט גע־וואָרן פאר פאַראַטן זײַנע לאַנדסלײַט: פילאַטוסעס פאָטער איז איינער פון די ערשטע פון זײַנע לאַנדסלײַט איבערגעגאַנגען צו די רוימער. לויט זײַן ראַנג האָט פילאַטוס נישט געקאָנט פאַרנעמען קיין פּלאַץ אין סענאַט און דורכדעם נישט געקאָנט ווערן קיין שטאַטהאַלטער. אמת, אז דער פּראָקוראטאָר פון יהודה האָט נישט באַדאַרפט זײַן פון סענאַ־טאָרישן ראַנג, אָבער באַקליידן א שטעלע אַלס פּראָקוראטאָר פון א פּראָווינץ — האָט מען שוין געמוזט ווער זײַן!

ער האָט באַלד אײַנגעזען, אז דאָס זײַניקע צו דערגרייכן קאָן ער אין רוים נאָר דורך צוויי מיטלען: דורך חניפה און דורך פּאַראַט.

בײַם קייסער טיבעריוס האָט זיך אויפגעהאַלטן זײַן פופצן־יעריקע שטיפטאָכטער קלאַודיא אויף „דערציאונג"... קלאַודיא איז געווען די טאָכטער פון זײַן אייגן ווײַב יוליאַנאַ. די יוליאַנאַ, נאָכדעם ווי זי האָט צום דריטן מאָל חתונה געהאט מיט טיבעריוס, האָט אזעלכע אַרגיעס

געפראוועט אין קייסערלעכן הויף מיט שקלאפן, אז איר פאטער, דער דאמאלסדיקער קייסער אויגוסטוס, האט מורא געהאט פאר אן אפענעם סקאנדאל און ער האט זי פארשיקט פון רוים. דארט, אויף דער פארשיקונג, האט זי געבוירן אן אומגעזעצלעך קינד פון עפעס א רוימישן ריטער. דאס איז עס געווען דאס קליינע מיידעלע קלאודיא. ווען דאס מיידעלע איז אלט געווארן דרייצן יאר, האט עס די מוטער אוועקגעשיקט אויף „דערציאונג” צו איר מאן טיבעריוס, וועלכער איז נאך אויגוסטעסעס טויט דערגאנגען צו דעם רוימישן טרוין. נו, ווייסן דאך אלע, וואס די „דערציאונג” ביים קייסער טיבעריוס האט באדייט? דער אויסגעלאסענער, פאלשער פוקס, וועלכער האט געהאלטן אין איין פארגלאצן די אויגן, געמאכט זיך פאר א פרומען צדיק, און ווען דער סענאט האט אים אנגעבאטן דעם טיטול צו רופן זיך „פאטער פון פאטערלאנד”, האט ער עס מיט א פרומקייט אפגעווארפן, געמאכט דעם אנשטעל אפילו, אז קעגן זיין ווילן נעמט ער אויף זיך די שווערע לאסט פון דער רוימישער אימפעריע; דער שקלאף פון רוימס פעבל, וועלכער האט קיינמאל דעם מוט נישט געהאט קעגן פעבל ארויסצוטרעטן, — נאר קעגן דער אריסטאקראטיע, — דער דאזיקער קייסער טיבעריוס איז געווען אן אויסגעלאסענער בעל־עבירהניק. די קרענקלעכע תאוה ליגט אפילו אויפן פנים אויסגעגאסן. זיין קליינער שטערן, די אראפהענגענדיקע אונטערשטע ליפ, די שמאלע אפגעהאקטע גאמבע, דאס דאזיקע פויגל־פנים — דריקט אויס באהאלטענע כיטרעקייט און זינדיקע ליידנשאפט. קיינער האט קיינמאל נישט געוואוסט אין רוים, וואס דער קייסער קלערט, אפילו זיינע נאענטסטע האבן נישט געוואוסט ווי זיי האלטן מיט אים, צי ער וועט זיי נישט אין א שיינעם פרימארגן א פיסל אונטערשטעלן, ווי ער האט עס געטון מיטן איידעלן גערמאניקוס אדער אויך מיט זיין ליבלינג, דעם פריינד פון זיין אייגענעם געשטארבענעם זון, מיט דעם יידישן פרינץ אגריפא. אזוי באהאלטן איז ער געווען אין זיך. אט דער טיבעריוס האט געהאט די געהיימע ליידנשאפט צו האלטן ביי זיך אין הויף א „שולע” פון קליינע מיידלעך, וועלכע ער אליין האט „דערצויגן”... זיינע „פישלעך” — האט ער גערופן די קליינע מיידלעך, כא, כא... ווען ער האט א באד גענומען, האט ער זיי געלאזט שפילן צווישן זיינע פיס... קאן מען זיך שוין פארשטעלן, וואס פארא צדיקת די קלאודיא האט געקאנט ביי אים אויסוואקסן. איר מוטער, די אויסגעלאסענע יוליאנא, האט פארשטענדלעך מיט א כיון צו אים געשיקט די קליינע, געוואלט זיך דורך דעם געשענק אונטערחנפענען ביים קייסער, איר מאן. פארשטייט זיך, אז גאנץ רוים האט דערפון געוואוסט, מען האט גערעדט וועגן דעם אין

אַלע געזעלשאַפטן. די בכבודיקע סענאַטאָרן האָבן אויף די זיצונגען איינ־געראַמט זיך אין די אויערן די איינצלהייטן פון טיבעריוסעס „דערצי־אונגס־מעטאָדן״, און האָבן זיך אַמוזירט בשעת די לאַנגווייליקע רעדעס אין סענאַט. אָך, איז דאָס געווען אַ מאַטעריאַל פאַר די רוימישע מאַט־ראָנעס צו מוטלען און רכילות צו טרייבן! ווען זיי זיינען זיך צוזאַמענ־געקומען אין די ווילן־האַליעס פון זייערע הייזער אָדער אין די קיל־גערטנער, האָבן זיי אַוועקגעשיקט זייערע שקלאַפן, נישט דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך געשעמט אין זייער קעגנוואַרט פון אַזעלכע זאַכן צו רעדן, נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז די שקלאַפן זאָלן זיי נישט פאַרמסרן, אַז זיי רעדן אויס רכילות אויפן קייסער.

פאַרשטייט זיך, וועלכער רעספּעקטפולער רוימישער אַדלמאַן וועט זיך גיין אַראָפּלאָזן און אויסלעקן דעם טעלער, וואָס דער אַלטער טי־בעריוס האָט איבערגעלאָזט!... אויף אַלעמען האָט געציטערט די הויט, אַז דער קייסער זאָל אַמאָל נישט באַפעלן עמיצן פון די רוימישע ריטער חתונה צו האָבן מיט דער קליינער קלאַודיאַ, כדי פאַר לייטן צו רעהאַ־ביליטירן איר רעפּוטאַציע. אָבער דאָ האָט זיך געפונען אַ בעלן, און דאָס איז געווען אונזער פּאָנטיוס פּילאַטוס.

קודם כל האָט פּילאַטוס אָנגעהויבן אַרויסצווייזן געריכטע פּאַרע־רונג צו דער קליינער קלאַודיאַ. ער האָט געקאָנט אָפּשטיין שעהן לאַנג צווישן די ווילן פון קייסערס פּאַלאַץ אויבן אויפן פּאַלאַטין־באַרג אָדער קעגנאַיבער דעם טעאַטער „מאַקסימוס״ און אָפּוואַרטן, ביז די שקלאַפן וועלן אַרויסטראָגן די קליינע אין איר טראָג־שטול אויף שפּאַציר אָדער צום טעמפּל. ער האָט זי געלאָזט מיט רויזן באַוואַרפן, ער האָט באַשטעלט ביי די רוימישע גאָלדשמידן די ראַפינירטעסטע רינגען — נישט נאָר בלויז די הענט פון דער קליינער קלאַודיאַ, נאָר אויך דעם האַלז פון איר קליינעם פּאַפּוגיי אַפילו צו באַצירן. ער האָט אָנגעשטעלט וואָרזאָגערינס, כאַלדעאישע כשופמאַכערינס, וואָס עס האָט נישט געפעלט אין רוים, אַלעקסאַנדריער שלאַנגען־באַשווערערס, אַז זיי זאָלן שטיין גרייט ביים קייסערס פּאַלאַץ און ווען די קליינע קלאַודיאַ, אָדער ווער עס איז פון איר משפחה וועט זיך ווייזן, זאָלן זיי איר נביאות זאָגן, אַז אַ רוימישער ריטער פון שפּאַנישן אָפּשטאַם איז איר ריכטיקער באַשערטער.

אָבער פיל האָבן אים מיטגעהאָלפן זיינע אַמביציעס צו דערגרייכן און דאָס האַרץ פון דער קליינער קלאַודיאַ צו געווינען — טאַקע די יידעלעך אַליין...

אין רוים האָט זיך געפונען פון לאַנגע צייטן אָן אַן אָנגעזעענע יידי־שע געמיינדע. פונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען קיין רוים? דאָס פרעגט

מען נישט. ווען און וואו זיינען זיי דען נישט געווען? מען זאָגט, אז פאָמפעאוס האָט א גרויסע צאָל יידישע געפאנגענע געבראכט קיין רוים. זיי האָבן דורך דער יידישער אחדות, וואָס האָט פון תמיד אָן בײַ זיי געהערשט, מיט קהלישע מיטלען זיך אויסגעלייזט פון שקלאפעריי און זיינען געוואָרן פרײַע מענטשן. אין דער צײַט פון צעזאר האָבן זיי אפילו געשפילט אן אָנגעזעענע ראָלע. ווי אלע גרויסע מענער, האָט צעזאר געהאט זײַנע קאפריזן, און איינע פון זײַנע קאפריזן זיינען געווען די יידן. ער האָט זיי זייער צעלאָזן, — שוין דער גרויסער ציצעראָ האָט געקלאָגט דערויף. אויך בײַ אויגוסטוס קייסער האָבן זיי זיך זייער געמערט אין רוים, און אין אונזער צײַט איז שוין רוים פול געווען מיט זיי. אנומלט האָט זיי אפילו דער קייסער טיבעריוס ארויסגעטריבן צוליב א מעשה, וואָס זיי האָבן אָפגעטון מיט א רוימישער מאטראָנע, פון וועלכער זיי האָבן געלט אויסגענארט פאר זייער טעמפל, אָבער באלד האָבן זיי זיך צוריק געפונען אין רוים. זיי זיינען גאָרנישט געווען אזוי פיל, וויפיל מען האָט זיי אָנגעזען. אויף יעדער פארזאמלונג האָבן זיי אָנגעפולט דעם פאָרום. האָט גערעדט זייערס א פאוואָריט, האָבן זיי אנטוויקלט אזא הילכיקע אגיטאציע, אז זיי האָבן מיט זייער ענטוזיאזם מיטגעצויגן דאָס פעבל פון רוים. אקעגן אָבער, האָט גערעדט זייערס א שונא — נו, נו, האָבן זיי אזוי געליארעמט, גענאָסן, געהוסט, געסווישטשעט און איבערגעריסן, אזוי אז א רעדנער האָט געציטערט זיי עפנטלעך אָנצוגרײַפן. אפילו דער גרויסער ציצעראָ האָט מורא געהאט פאר זיי, און ווען ער האָט געוואָלט עפעס שלעכטס רעדן וועגן זיי, האָט ער עס אינדערשטיל אין אויער אײַנגערוימט... מען האָט זיי באדארפט זען, ווען זייערס א פאוואָריט האָט ארײַנמארשירט אין א טריאומף־צוג דורך די טויערן פון רוים אויף קאפיטאָל ארויף, צי ווען איינער פון זייערע אָנהענגער איז געשטאָרבן, וואָס פארא קלאָג־מוזיק זיי האָבן דאָס אָפגעריכט! אנומלט האָב איך זיי געזען אנטקעגנקומען זייערס א דעפוטאציע, צי גאָר א פירשט איז געקומען קיין רוים, האָב איך געמיינט, אז רוים איז באַפעלקערט פון לויטער יידן. זיי האָבן די גאסן אָנגעפילט מיט זייערע קאָלירטע קליידער, וואָס זיי האָבן צו דעם צוועק אָנגעטון און ארויסגעפירט זייערע פארמעט־ראָלן, וואָס זיי רופן אָן „הייליקע ביכער", און מיט געזאַנג און יובל־געשרייען האָבן זיי פאַרהילכט די גאַסן. איך האָב זיך נאָר געוואונדערט, וואָס די מאַכט לאָזט דאָס צו, נאָר דאס איז דאָך געווען אין די צײַטן פון אויגוסטוס. אויגוסטוס האָט אָפגעהיטן די טראַדיציעס פון צעזאַר, און אין דעם — אויך די פריווילעגיעס פון די יידן, און רוים האָט געהערט דענסטמאָל צו זיי.

נאָך מער פון זיי האָבן אויף רוים אויסגעאיבט אַ שעדלעכע השפּעה די יידישע ווײַבער. די יידישע ווײַבער האָבן זיך, נעמלעך, אַרײַנגעקריגן אין דער העכסטער געזעלשאַפט און האָבן פאַרקויפט די מאַטראָנעס פון די אַריסטאָקראַטישסטע פאַמיליעס ליבעס־טראַנקען, וואָס זיי האָבן דורך סודותדיקע רעצעפּטן צוזאַמענגעשטעלט, אַמולעטן, אויסדערוויילטע איילן, און זיי זיינען דורך זייערע גלאַטיקע צונגען געוואָרן די ראַטגע־בערינס פון דער רוימישער הויכער געזעלשאַפט. גלײַכצײַטיק מיט די ליבעס־טראַנקען האָבן זיי אַרײַנגעשמוגלט אין די רוימישע פּאַלאַצן זייער פרעמדן גלויבן, געמאַכט אַגיטאַציע פאַר זייער גאָט, געריימט דעם ירושלימער בית מקדש און אײַנגערעדט די רוימישע מאַטראָנעס, אַז ווער עס שיקט אַ קרבן אין בית מקדש, ווערן זײַנע וואונשן דערפילט. ווײַבער זיינען פון שטענדיק אָן די פאַרשפּרייטער פון פרעמדע קולטן און אמונות אין דער געזעלשאַפט, זיי לאָזן זיך זייער לײַכט כאַפּן אין די נעצן וואָס פרעמדאַרטיקע קולטן שפּרייטן אויס פאַר זיי — דורך ווײַ־רויך, דורך נסים און אַנדערע מיטלען, מיט וועלכע רעליגיעס באַדינען זיך. אָ, די יידישע ווײַבער האָבן נישט איין קרבן פון די רוימישע מאַט־ראָנעס אויף זייער געוויסן, ווידערשפּעניק זיי געמאַכט צו די היימישע געטער און געוואונען זיי פאַר יהוה׳ן. יאָ, מיר האָבן מיט די יידישע ווײַבער אין רוים געהאַט אונזער פּלאָג!

צווישן די יידישע ווײַבער, וועלכע האָבן ליבעס־טראַנקען, פאַרפּומען און אַגיטאַציע פאַר דער יידישער רעליגיע צוגעשטעלט צו די מאַטראָנעס פון רוים, האָט זיך געפונען איינע, וועלכע איז באַלד זייער פּאָפּולער גע־וואָרן. מען האָט זי גערופן "די טונקעלע חנה" דערפאַר, ווײַל זי האָט זיך שטענדיק געהילט אין טונקעלע מיסטישע שלייערן ווי אַ וועסטאַלין. זי האָט געזאָגט, אַז דאָס האָט זי גענומען אויף זיך אַ נדר: אַזוי לאַנג ווי זי וועט זײַן פונדערווײַטנס פון זייער גאָטס טעמפּל, וועט זי נישט טראָגן קיין קאָלירטע קליידער און שאַלן. זי האָט זיך אונטערשיידט פון די אַנדערע יידישע ווײַבער מיט איר גרויסער אינטעליגענץ, קלוגשאַפט און אויך מיט איר שיינקײַט. זי האָט דורך אירע שלייערן געלאָזט אַדורכ־שימערן דעם טונקל־אָליוון קאָליר פון איר הויט, און אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן, אַרײַנגעזעצט אין לענגלעך־געשניטענע אויגן־לעכער, האָבן דיך שטענדיק איבעראַשט פון איר פאַרהילט פּנים אַרויס. זי איז באַלד געוואָרן דער ליבלינג פון די דאַמען אין דער רוימישער הויכער געזעלשאַפט. מען האָט געזאָגט אויף איר, אַז זי באַזיצט אומדערשעפּלעכע רעצעפּטן ווי אַזוי צוזאַמענצושטעלן ליבעס־טראַנקען, וואָס זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון איר סודותדיק לאַנד. אָבער מער פון די רעצעפּטן,

וואָס זי האָט פאַרמאָגט, האָט זי געווירקט מיט איר אינטעליגענץ און שכל. קלוג איז זי געווען ווי דער טאָג, נישט נאָר דאַמען, נאָר אויך מענער האָבן זיך מיט איר באראַטן. עס איז מיר אויך אויסגעקומען אייניקע מאָל מיט איר זיך צו באַגעגענען, שפּעטער שוין, ווען איך בין געווען אין ירושלים און אונטער גאַנץ אַנדערע אומשטענדן.

די טונקעלע חנה האָט געשפּילט אין רוים ניט קיין קליינע ראָלע דורך דעם, וואָס די רוימישע מאַטראָנעס האָבן זיך מיט איר מיישב גע־ווען וועגן אַלע זייערע ליבעס־צרות. זי האָט זיי געגעבן עצות, ווי אַזוי זיך אויפצופירן אין פאַרשידענע סיטואַציעס. זי איז געווען אַ רואיקע, וויייניק גערעדט און פיל אויסגעהערט, בלויז אַ קליינע באַמערקונג גע־מאַכט, געוואָרפן אַ געדאַנק און אַזוי קלוג געוואוסט דער דאַמע אײַנצו־רעדן, אַז די אידעע קומט נישט פון איר נאָר די באַטרעפנדע מאַטראָנע אַליין איז געפאַלן דערויף... דורך דעם פאַרקערן אין די סענאַטאָרן־הײַזער איז זי געווען אויסגעקאָכט אין דער פּאָליטיק פון רוים. מען האָט געקאָנט דערגיין בײַ איר זאַכן, וועגן וועלכע סענאַטאָרן האָבן נאָך נישט געוואוסט, זי איז געווען גוט אינפאָרמירט. מענטשן וואָס האָבן געקאָנט די לאַגע האָבן געוואוסט צו פאַרציילן, אַז זי איז געווען אַן אַגענטין פון דעם יידישן פּרינץ אַגריפּאַ, וועלכער האָט זי אַהערגעשיקט קיין רוים, כדי זי זאָל מאַכן אַגיטאַציע פאַר אים אין הויף און אין די סענאַטאָרישע הײַזער. זי האָט געהאַט אויך פיל חן, עס איז נישט געווען אומאינטע־רעסאַנט צו פאַרברענגען מיט איר.

אָט די טונקעלע חנה האָט געוואוינען דעם צוטרוי פון דער קליינער קלאַודיאַ, וועלכער זי האָט פאַרקויפט פאַרפומען, איילן און ליבעס־טראַנקען. מען זאָגט, אַז זי האָט געהאַט אַ שעדלעכע ווירקונג אויף איר, וואָרום זי האָט קלאַודיאַן פון קליינערהײַט אָנגעהויבן צו פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט דעם מיסטיציזם פון איר רעליגיע: אַז גאָט וועט אַראָפּשיקן אַ דערלייזער, אַ מין משיח, וועלכער וועט אויפשטיין צום יידישן פאָלק. זי האָט אויך געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג אויף אַנדערע רוימישע מאַט־ראָנעס, באַזונדערס אויף איינער אַ באַרימטער שיינהײַט אין רוים, נאָך וועלכער אַלע סענאַטאָרן און חייל־פירער האָבן זיך נאָכגעיאָגט, אַ גע־וויסע פּאָפּעיאַ, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן אַ רוימישע קייסערין און איז איבערגעגאַנגען אין געהיים צום יידישן גלויבן.

זי האָט דאָס פּאָנטיוס פּילאַטוסן געהאָלפן.

מען זאָגט, אַז ער האָט איר דערפאַר צוגעזאָגט: אויב זי וועט אַדורכ־זעצן דעם שידוך צווישן אים און דער קליינער קלאַודיאַ און ער וועט ווערן דער פּראָקוראַטאָר פון יהודה, וועט ער דערפאַר איר פאָלק אין

באזונדערן חסד געמען. ער וועט די קליידער פון כהן גדול, וועלכע ווערן אויפגעהאלטן אין אנטאָניא, צוריק ארויסגעבן די יידן צו היטן. און נאָך אנדערע טובות וועט ער פאר זיי טון. נאָר דער עיקר — די קליידער פון כהן גדול: פאר די קליידער פון כהן גדול וועלן די יידן אלץ טון. אָט איר, דער טונקעלער חנה, האָט פילאטוס צו פאַרדאנקען געהאט, אז די קליינע קלאודיא האָט געוואונטשן איר הארץ צו אים.

אָבער צו באקומען די שטעלע פון פּראָקוראַטאָר איבער יהודה, איז נאָך דאָס ווייניק געווען. דער כיטרער קייסער טיבעריוס האָט פײַנט געהאט חניפה, מיט חניפה אליין האָט מען אים נישט געקאָנט נעמען. דער קייסער האָט פארלאנגט מעשים, פאר אזא שטעלע האָט ער זיך געלאָזט גוט באדינען.

באלד האָט זיך אויך געפונען א געלעגנהײט, וואו פילאטוס האָט גע־קאָנט ארויסווײַזן דעם קייסער זײַן געטרײַשאפט און געווינען זײַנע חסדים: דער אָפּגעדאנקטער פעלד־פירער גערמאניקוס איז אוועק קיין סיריע. מיר האָבן אים אָנגערעדט דערצו. פילאטוס האָט געהאלטן אין אײַנטענהן מיט אים, אז ער זאָל אויסערהאלב רוים, אין דער גרויסער אלעקסאַנדריע זוכן די אַקטיוויטעט, וואָס טיבעריוס האָט פון אים צוגענו־מען. איך האָב אים אויך צוגערעדט דערצו אויף דער אויפפאָדערונג פון פילאטוס. יאָ, מיר האָבן געהאלטן אין אײַנטענהן מיט אים: „נוץ אויס דײַן פּאָפּולאַריטעט אין דער אימפּעריע, דײַן גליק ליגט אויסערהאלב פון רוים." ער האָט זיך געוועקט: „אלעקסאַנדריע איז די פּולאַפּקע פאר רוימס גרויסע..."—האָט ער געזאָגט—„יאָ, געדענקט, פּאָמפּעאוס און אנטאָניוס, אויך צעזאַר איז שיר נישט דאָרט שטעקן געבליבן, ווען נישט הורדוס..."

מיר האָבן אים אויסגערעדט, און ער האָט זיך געלאָזט כאַפּן אין דער נעץ, וואָס דער כיטרער טיבעריוס האָט פאר אים אויסגעשפּרייט — אלעק־סאַנדריע. דאָרט, ווי דו ווייסט, האָט אים דער שטאַטהאַלטער פון סיריע אויפן באַפעל פון טיבעריוס פארגיפטעט. ווען די ידיעה פון זײַן טויט איז אָנגעקומען קיין רוים, איז דאָס פעבל פון דער גאנצער שטאָט ארויס אויף די גאסן און געפאָדערט פון קייסער און סענאט, אז מען זאָל זיי צוריקגעבן גערמאניקוס. דער קייסער, ווי יעדער פּאַרעטער, פון דער נאטור א פחדן, האָט זיך דערשראָקן פארן פעבל, ער האָט נישט גערעכנט, אז גערמאניקוס טויט וועט אזא אײַנדרוק מאכן, האָט ער געוואָלט אָפּ־וואשן דאָס בלוט פון זײַנע הענט מיט א גרויסער לויה, וואָס ער האָט אײַנגעאָרדנט פאר זײַן קרבן. מער פון אלע האָט דער מערדער אליין, טיבעריוס, געוויינט אויף גערמאניקוס טויט. אָבער שוין דענסטמאָל, ווען די ערד האָט נאָך נישט געהאט צודעקט דעם העלד, איז פילאטוס ארומ־

געגאַנגען צווישן די סענאַטאָרן און דעם פּעבל, און פאַרציילט יעדן, ווער עס האָט נאָר געוואָלט הערן, אַז גערמאַניקוס האָט געוואָלט אוועקרײַסן מיט געוואַלד די אימפּעריע פון קייסער, צו דעם צוועק איז ער אוועק קיין אַלעקסאַנדריע און האָט ווערבירט אַן אַרמיי אין אַזיע, כּדי צו גיין אויף רוים. זײַן לעבן האָט פּילאַטוס אײַנגעשטעלט מיט אַזעלכע דערקלערונגען, דענסטמאָל ווען דער אײַנדרוק פון דעם העלדס טויט איז נאָך געווען פריש; אָבער פּילאַטוס האָט אויף גאַרנישט געקוקט. ער האָט צוגעשטעלט פאַלשע דאָקומענטן, אַז גערמאַניקוס האָט אויך אים ווערבירט, און אויך מיך האָט ער אַרײַנגעצויגן אין דעם פאַראַט. פאַרן קייסער האָט ער מיך געבראַכט, איך זאָל עדות זאָגן, אַז גערמאַניקוס האָט מיך באַשטעלט צו קומען קיין אַזיע, כּדי אַרײַנצוטרעטן אין זײַנע אַזיאַטישע לעגיאָנען. ער האָט דעם קייסער ריינגעוואַשן, און דעם העלד, זײַן אַרמיי־פירער, זײַן פאַרגעזעצטן, וועלכער האָט אים איבער די פינצטערע וועלדער פון גערמאַניע געפירט פאַר דער אייביקער גלאָריע פון רוים, האָט ער באַשמוצט, צעטרעטן, פאַראומרייניקט מיט פאַראַט.

דער לוין האָט נישט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן. אייניקע חדשים נאָך גערמאַניקוס טויט, ווען דאָס פּעבל האָט זײַן כּעס צוליב גערמאַניקוס מאָרד געשטילט מיט דעם בלוט פון די גלאַדיאַטאָרן און געפאַנגענע, וואָס די חיות האָבן אין טעאַטער „מאַקסימוס״ פאַרציקט — דער קייסער האָט דאָס ספּעציעל פאַרן פּעבל אײַנגעאָרדנט, — האָט מען געפּײַערט אין דיאַנאַ־טעמפּל פּילאַטוסעס חתונה מיט דעם קייסערס שטיפטאָכטער קלאַודיאַ.

נאָך דער חתונה, ווען דער חתן האָט געוואָלט אַרײַן צו דער יונגער כּלה אין איר טראָג־שטול, האָט ער געפונען דעם וועג פאַרשטעלט דורך דער פּערזאָן פון קייסער... דער אַלטער טיבעריוס האָט אים אָנשטאָט די כּלה — אַ פּערגאַמענט אין דער האַנט אַרײַנגעשטעקט: עס איז געווען דער באַפעל פאַר פּילאַטוסן אײַנצושיפן זיך קיין צעזאַריע און פון דאָרט צו גיין קיין ירושלים צו באַזעצן די שטעלע פון אַ פּראָקוראַטאָר איבער יהודה.

— און מײַן ווײַב? — האָט דער חתן געפּאָדערט.

— דײַן ווײַב וועסטו פאַרלויפיק דאָ לאָזן אין קייסערס הויף. דו ווייסט דאָך, עס איז קעגן מנהג, אַז פּראָקוראַטאָרן אָדער אַרמיי־פירער זאָלן מיטנעמען זייערע ווײַבער אין די פּראָווינצן. שפּעטער, קאָן מעגלעך זײַן, אַז איך וועל זי דיר שיקן, — האָט דער אַלטער כיטראַק געזאָגט און אַ שאָטן פון אַ שאָדן־שמייכל איז פאַרבײַגעגאַנגען זײַן תּאוהדיקע אונטערשטע ליפּ.

— פילאטוס — האָט ער געזאָגט צו אים — האָסט אוודאי געהערט, אז איך האָב נישט גערן צו טוישן מײַנע באַאמטע. ווייסטו פאַרוואָס? — באַאמטע אין א לאַנד זיינען ווי פליגן אויף א קערפּער. — ווען די פליגן האָבן זיך שוין אָנגעזעטיקט מיט בלוט, באהאַלטן זיי זיך רואיק. זע, אז איך זאָל נישט באַדאַרפן אויף מײַן פּראָווינץ יהודה אזוי שנעל אַרויפלאָזן א פרישע דורשטיקע פליג!...

ווען פילאטוס האָט אָפּגעצויגן קיין יהודה, האָט ער מיך צוליב דער אַלטער פרײַנטשאַפט מיטגענומען. איך בין באַשטימט געוואָרן פאַר קאָנסילוס פון דער פּראָקוראַטור, פאַרבינדונגס־אָפיציר און געזעצט געוואָרן אַלס אויפזעער איבער דער אַנטאָניא־פעסטונג אויף דעם בית מקדש אין ירושלים.

קאַפּיטל פינף

אונזער איינצוג אין ירושלים.

אזוי ווי דער קייסער האָט באַפוילן, האָבן מיר זיך אײַנגעשיפט קיין צעזאַריע, אָבער מיר האָבן זיך דאָרט נישט לאַנג אויפגעהאַלטן, מיר האָבן געאײַלט קיין ירושלים. כדי צו מאַכן אונזער אײַנצוג אין שטאָט אַרײַן אימפּאָזאַנט, האָבן מיר צוגעצויגן פון יריחו׳ער גאַרניזאָן א קאָהאָרטע; פון דער פעסטונג אַנטאָניא איז אונז אַנטקעגנגעקומען די קאָהאָרטע, וואָס איז דאָרט געווען אײַנקוואַרטירט צוזאַמען מיט די דײַטשע רײַטערס; מיט פּאָנטיוס פילאַטוס אין זײַן ליג־שטול אָן דער שפּיץ, האָבן מיר אַרײַנמאַרשירט קיין ירושלים. צוליב די פּריווילעגיעס פון די יידן (וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען אין אַלע צײַטן און בײַ אַלע אומשטענדן פאַר זיך אַרויסצובאַקומען) האָט פילאַטוס באַפוילן די אָדלערס און די אַנדערע אָפּצייכענונגען פון די קאָהאָרטעס: די בינטלעך פײַלן, דעם קייסערס בילדער, די שילדן — צו באַהאַלטן אין זייערע שיידן און צו פאַרהוילן זיי. מיר זיינען דערשטוינט געוואָרן אויף דער דאָזיקער קייסער־לעס־טערונג: מען שעמט זיך מיט רוימס אָפּצייכענונגען, די סימבאָלן פון אונזער גלאָריע און טריאומפן באַהאַלט מען פאַר די יידעלעך? איבער דער גאַנצער וועלט האָבן די סימבאָלן פון די רוימישע לעגיאָנען אַדורכמאַרשירט אין טריאומף און אַלע פעלקער האָבן זיי מיט פרייד אָקעגנ־געיובלט, אַלע טויערן פון דער וועלט האָבן זיך פאַר זיי געעפנט, — און דאָ פאַר די טויערן פון ירושלים זאָלן זיי פאַרשווינדן?

וואָס האָבן מיר געקאָנט טון, באַפעל איז באַפעל. די יידישע אמונה איז דורך רוים אָפיציעל אָנערקענט געוואָרן. די טאַקטיק פון רוים האָט פאַרלאַנגט, אַז אויף דעם פונקט פון רעליגיע זאָל מען די באַרבאַרן אַלע פרייהייטן געבן. אויגוסטוס דער הייליקער האָט די פריווילעגיע פון די יידן, וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט פון צעזאַרס צייטן, באַשטעטיקט, און טיבעריוס קייסער האָט מיט גרויס פּינקטלעכקייט אָפּגעהיטן אַלע מנהגים און געזעצן, וואָס זיין פאָרגענגער האָט איינגעפירט. פאַרפאַלן! אָבער וואו זיינען די דעפּוטאַציעס פון דער שטאָט, פון דעם לאַנד, פון דער רעליגיעזער און ציווילער מאַכט, פון די געלערנטע און געזעץ־געבער, פון די כהנים, כדי רוימס פאָרשטייער, דעם פאַרטרעטער פון קייסער, דעם פּראָקוראַטאָר פון יהודה צו באַגריסן? בחינם וואַרטן מיר ביי דעם חברון־טויער אויף די דעפּוטאַציעס. איך זע, פּילאַטוסעס פּנים ווערט געל ווי וואַקס פון צאָרן. ענדלעך קומען צו לויפן אין איילעניש א פּאָר יידעלעך אין ווייסע כאַלאַטן איינגעהילט, טייל האָבן געהאַט באַ־דעקט די קעפּ מיט טיכער, טייל אפילו מיט הויכער פריזור, אין סירישן סטיל, אַנדערע אין פעניצישן סטיל — מיט געלאָקטע בערד. דער אָנ־פירער פון זיי איז געווען אַן אַלטער מאַן מיט א לאַנגער ווייסער באָרד, צעטיילט אין צוויי לאַנגע שפּיצן, דאָס איז געווען חנן, דער שווער פון כהן גדול, אַליין אויך אַמאָל געווען א כהן גדול. דער אַלטער האָט זיך אויסגעגעבן אַלס פריינד פון רוים און ביי אַלע אָפיציעלע פייערלעכקייטן האָט ער, אַזוי צו זאָגן, פאַרטראָטן דעם כהן גדול. עס וועט מיר נאָך אויסקומען צו דערציילן וועגן דעם אַלטן, וועלכער האָט נישט נאָר גע־וואוסט ווי אַזוי מיט די יידן צו רעגירן און זיך לאַנג צו האַלטן ביי דער ממשלה, נאָר ער האָט אויך מיט זיין קלוגן מאַנעווורירן געהאַלטן אונטער זיין איינפלוס אפילו דעם פּראָקוראַטאָר. דערווייל וועט גענוג זיין צו וויסן, אַז צווישן די איינציקע נאָטאַבלען פון ירושלים האָט בלויז ער אַליין אונז באַגריסט ביי דעם טויער פון דער שטאָט, די אַלע איבעריקע זיינען געווען אָנגעשטעלטע „פאָרשטייער”, דאָס הייסט, באַצאָלטע פאַר דער דערנידעריקונג, וואָס זיי האָבן אויף זיך גענומען צו באַגריסן רוים. א חוץ זייער שייגע געוויקסיקע געשטאַלטן און לאַנגע געלאָקטע בערד, וואָס צוליב דעם האָט מען זיי צו דער דאָזיקער באַשעפטיגונג אויסגע־קליבן, האָבן זיי קיינעמען נישט רעפּרעזענטירט. קיין איין אָנגעזעענער געזעץ־אויסטייטשער איז נישט געווען צווישן זיי. עפּעס א פּאָר נאָ־טאַבלען, מיטגלידער פון סנהדרין, זיינען יאָ געווען, אָבער ווי איך בין שפּעטער געוואָר געוואָרן, זיינען דאָס אַלץ געווען אייגענע מענטשן פון די צדוקים. דער אַלטער חנן האָט שטענדיק געהאַט שווערקייטן צוזאַ־

מענצושטעלן א ריכטיקע רעפּרעזענטאַטיווע דעפּוטאַציע פאַר די אָפיציעלע רוימישע פייערלעכקייטן; האָט ער, דער אַלטער כיטראַק, צו דעם צוועק געהאַט אָנגעשטעלט א פּאָר אַלטע לייט מיט שיינעם אויסזען און באַצאָלט זיי דערפאַר, ווי די יידן באַצאָלן דעם יעניקן, וואָס נעמט אויף זיך דעם צווייפלהאַפטן כבוד אויפצוגיין צו דער תורה בעת דער תוכחה... דאָס זיינען מיר אַלץ שפּעטער געוואָר געוואָרן, דערווייל האָבן מיר געמיינט, אַז די נאָטאַבלען פון ירושלים, די חכמים און די גע־לערנטע זיינען אהערגעקומען אונז ענטוזיאַסטיש צו באַגריסן אין נאָמען פון דער ירושלימער באַפעלקערונג. מיר האָבן זיך אָבער באַלד איבער־צייגט אין אונזער טעות, ווען מיר האָבן אַריינמאַרשירט אין די גאַסן פון ירושלים.

די גאַסן זיינען געווען לער, אויסגעשטאָרבן, ערשט פאַר א פּאָר מינוט האָט נאָך דאָ געמוזט ווימלען מיט לעבן, מען האָט נאָך אָנגעזען אויף דעם שטויב פון די שטיינער די טריט פון א באַוועגלעכער באַפעל־קערונג, די שטימען פון רעש און אויפגעבראַוזטן המון זיינען נאָך נישט געהאַט אויסגעגאַנגען אין דער לופט. מיטאַמאָל, ווי א האַנט וואָלט דאָס אַלץ אָפּגעווישט, ווי מיר וואָלטן געווען דער מלאך המות אַליין — אַלע זיינען אונז אויס דעם וועג געלאָפן. די זיילן־גאַלעריעס פאַר די הייזער פון דער אַריסטאָקראַטיע, וואָס זיינען תמיד פול געווען מיט מענטשן, וועלכע שיצן זיך אין שאָטן פאַר דער זון, זיינען געשטאַנען לער און פּוסט, ווי אין אַן אויסגעשטאָרבענער שטאָט. די געוועלבלער האָבן אויפ־געהויבן די קראָם־לעדן, אויף וועלכע זיי האָבן געהאַט זייערע סחורות אויסגעלייגט; די קריגן מיט אייל, האָניג און ווייַן זיינען נאָך געשטאַנען אויף די טרעפּלעך פאַר די קראָמען וואָס זיי האָבן צוליב דער שווערי־קייט פון די אָנגעפּולטע כלים נישט געקאָנט אַריינגענעמען אין די אינע־ווייניקסטע רוימען, אָבער קיין מענטש איז נישט געווען לעבן זיי. אין אַן אַנדער אָרט האָט אפילו א טעפּער־הענדלער איבערגעלאָזט אַלע זיינע טעפּ, טעלער און געשירן אויף דער פּלאַטפאָרם פון דער גאַס, און אַליין איז ער אַנטלאָפן. אונזערע לעגיאָנען האָבן אַריינמאַרשירט אין זיי און צעטראָטן די שאַרבנס מיט די פיס. אין אַן אַנדערער גאַס האָבן מיר אָנ־געטראָפן אויף אייזלען באַלאָדענע מיט לאָגלען ווייַן און קריגן אייל, נאָר קיינער איז נישט געווען לעבן זיי. אין בשמים־געסל זיינען די בשמים־מילן געשטאַנען אומעטיק, די בשמים־קרייטעכצער זיינען גע־לעגן אויסגעשפּרייט און לעבן זיי איז קיין מענטש נישט געווען. אזוי אויך אין וועבער־געסל — בונט־געפאַרבטע וואָלענע און פלאַקסענע פעדעם אויף די וועבשטולן אָן א מענטש דערביי... אזוי האָבן מיר

דורכגעמארשירט איבער די אויסגעשטאָרבענע גאסן ווי אין א פאר־לאָזטער שטאָט, נאָר פון הינטער די צוימען ארום די הייף, פון הינטער די זײַלן, פון הינטער די פאָרהאנגען איבער די גאניקעס, פון הינטער טיר און טויער פון די געוועלבער און הײַזער איז דערגאנגען צו אונז דאָס שלעכט־אָנזאָגנדיקע מורמלען פון אן אויפגעבראַוזטן המון, ווי דאָס שטילע כוואליעס־שלאָגן פון א בייזערדיקן ים פאר א שטורעם... אויך אויף די פלאכע דעכער פון די הײַזער, פארשטעלט מיט די הויכע צוים־געזימסן, האָבן מיר געזען פיל מענטשן זייענדיק פארזאמלט געווען און באָבאכטעט אונזער מארש מיט פײַנטלעכע בליקן. אזוי האָט דער פײַנט ארויסגעקוקט צו אונז מיט טויזנטער אויגן דורך די פארמאכטע טיר און טויערן. קוים זייענדיק מיר נאָר אָפּגעטרעטן, האָבן פון שפּאַלטן־לעכער, פון הינטער מארמאָר־זײַלן קעפּ זיך אונטערגעהויבן און בליקן פון פײַ־ערדיקע אויגן אונז נאָכגעשיקט.

מיר האָבן באלד דערפילט וואָס מיר האָבן צו דערוואַרטן פון דער דאָזיקער באַפעלקערונג. די שאַלנדיקע רופן פון אונזערע טראָמפּייטערס האָבן ווי אן עכאָ פון טויט אָפּגעקלונגען אין די ליידיקע אויסגעשטאָר־בענע גאסן און פאַריאָגט די באַפעלקערונג הינטער שלאָס און ריגל פאר אונז. אזוי זייענדיק מיר געגאנגען צווישן שטומע ווענט, הינטער וועלכע א שונא האָט זיך באהאלטן, ביז מיר האָבן דערגרייכט דעם אויבערשטן טייל פון דער שטאָט. דאָ איז די באַפעלקערונג צו אונז מער פרײַנדלעך געווען, מען האָט שוין געזען לאכנדיקע פּנימער פון די אויסקוק־גאַ־ניקלעך אראָפּ. פריילעכע געזעלשאפט אין די זײַלן־גאלעריעס האָט אונז אפילו פרײַנדלעך באגריסט, — ביז מיר זייענען אנגעקומען אויף א פּלאַץ, וועלכן מיר קאָנען פארגלײַכן צו דעם פּאלאַטין־בארג פון רוים.

דאָ האָבן געמוזט וואוינען זייערע קעניגן, פירשטן, כהנים גדולים און אנדערע אַדל־לײַט. עס האָט אונז איבעראַשט אן אלט־מאָדישער טורעם־שלאָס מיט זײַן פרעמדער ארכיטעקטור. דאָס איז נישט געווען קיין פּאַלאַץ, נאָר א פעסטונג מיט הויכע אומהיימלעכע, מוראדיקע ווענט, צוזאַמענגעשטעלט אויס זעלטן־גרויסע שטיקער שטיינער־בלאָקן, וועלכע זייענען געווען אײַנגעפּאסט איינער אין דעם אנדערן דורך אָפּגעזוימטע ראַנדן, און זיי האָבן געמאכט אן אײַנדרוק, ווי זיי וואָלטן נישט דורך א מענטשנס האנט אויסגעהאמערט און אויפגעבויט געוואָרן, נאָר ווי זיי וואָלטן פון דער ערד אויסגעוואקסן. יאַנישע קאָלאָנען, אײַנגעמויערט אין די ווענט, האָבן ווי טויטע שומרים וואַך געהאלטן איבער דער אומהיימ־לעכער געבײַדע. קיין שום געזימסן, קיין שום פענצטער, נישט קיין ווינקל־אויסקוקער אָדער באלקאָן האָט נישט געשטערט זײַן ערנסטן

אָנבליק. בלויז אויבן אינדערהויך, איבער דער געוועלבונג, האָט אַ געזימס מיט טורעם־אויסקוקערס ארומגענומען זײַנע גלײַכע מויערן ווי אַ קרוין, און פון זיי האָט זיך אויפגעהויבן אַ הויכער רונדיקער קאָנוסטורעם, וואָס האָט ארויפגעשאָסן אינדערהויך. דאָס איז געווען איינס פון די העכסטע געבײַדעס אין ירושלים. ווי מיר זיינען שפּעטער געוואָר געוואָרן, איז דאָס געווען זייער אַן אַלטער קעניגלעכער שלאָס פון די חשמונאימס צײַטן. און הײַנט נאָך, ווען איינער פון די טעטראַרכן אָדער פון די הורדוס־פירשטן קומען קיין ירושלים עולה־רגל זײַן, שטייט ער אײַן אין דעם דינאַסטיע־פּאַלאַץ. ארום דעם חשמונאים טורעם איז פון דער ערד ארויסגעשפּרונגען איין פּאַלאַץ נאָך דעם אַנדערן, באַוואַכט אין שאָטנס פון ארויפשיסנדיקע ציפּריס־בוימער און ארומגערינגלט מיט שטאַרקע מויערן. דער גרעסטער און העכסטער פון זיי איז געווען דער פּאַלאַץ פון דעם רעגירנדיקן כהן גדול, אָדער ווי זיי האָבן עס אָנגערופן: „דער שלאָס פון הויז חנן". עס איז מיר שפּעטער אויסגעקומען זיך אויפצוהאַלטן אין זײַנע אָנגענעמע גערטענער און צו באָדן זיך אין זײַנע וואַסער־באַסיינען, פיל אָנגענעמע שעהן פון מײַן לאַנגווײַליקן אויפהאַלטן זיך אין ירושלים האָב איך דאָ פאַרבראַכט. וועגן דעם וועט מיר נאָך אויסקומען נישט איינמאָל צו פאַרציילן.

דאַן האָט זיך געצויגן אַ רייע אַנדערע אימפּאָזאַנטע געביידעס, ווי דאָס ראַטהויז פון ירושלים, וואו דער אַרכיוו האָט זיך געפונען. דאָס הויז איז האַלב אָנגעלענט געווען אויף דער בריק, וואָס האָט געפירט פון דעם אויבערשטן טייל שטאָט צום בית מקדש פּלאַץ. פונדערווײַטנס האָט אויך צו אונז פרײַנדלעך אַהערגעוואונקען דער היימישע אָנבליק פון די גרויסע טעאַטערן, וואָס הורדוס האָט געלאָזט אויפבויען אין דער פאָרם פון „טעאַטער מאַקסימוס", דאָס האָט אונז דערמאַנט אין רוים און האָט ארויסגערופן היימאַט־בענקשאַפט. אוי האָבן די יידעלעך פײַנט געהאַט די פּראַכטפולע טעאַטער־געבײַדע, וועלכע האָט זיך אַזוי אימפּאָזאַנט אויפגעהויבן מיט איר רונדיקער טעמפּל־אַרטיקער אַרכיטעקטור; יעדעס מאָל, ווען עס איז איינעם פון זיי אויסגעקומען פאַרבײַצוגיין די געבײַדע, האָט ער אַ ברכה געמאַכט און געדאַנקט גאָט, וואָס אים איז נישט באַשערט געוואָרן צו זיצן אין די דאָזיקע געבײַט־הײַזער און נישט אין דעם טעמפּל פון די אָלימפּישע שפּילן. — אַזאַ איגנאָראַנץ! נאָר וועגן דער יידישע אומטאָלעראַנץ וועט מיר נאָך אויסקומען שפּעטער צו פאַרציילן.

אָפּגעשלאָסן דעם אויבערשטן טייל פון שטאָט האָט אַ וואַנט פון טורעם־שלעסער. דאָס זיינען געווען די דרײַ טורעם־שלעסער, וואָס דער גרויסער קעניג הורדוס האָט אויפגעשטעלט פאַר זיינע דרײַ נאָענטסטע

אלס מצבות נאָך זייער טויט — נאָך זײַן פאָטער, נאָך זײַן ברודער פּייזאל און נאָך זײַן ווײַב מרים. דאָס זיינען נישט סתם קיין טורעמס, נאָר ריזיקע געבײַדעס מיט פיל אונטערערדישע היילן, תפיסות, גארניזאָן־אַפּיצינעס, שקלאפן־ און דינער־קווארטירן און פיל אומגעהײַערע צימערן, אין וועלכע גאנצע גאַרניזאָנען האָבן זיך געקאָנט אויפהאַלטן. דער שענסטער און אינטערעסאנטסטער איז געווען דער מיטלסטער, וועלכן מען האָט גערופן „מרים־טורעם", אויפן נאָמען פון דעם קעניגס געליבטער פרוי, וועלכע הורדוס האָט געלאָזט טויטן אויס אייפערזוכט. ווי ער וואָלט גע־וואָלט איר ווײַבלעכקייט צוריקרופן אין לעבן אַרײַן, האָט ער פאר איר א מצבה אויפגעשטעלט אין דער פאָרם פון א פּאלאץ, וואָס האָט דערמאנט מיט זײַנע איידעלע גראציעזע ליניעס אָן א פרויען־געשטאלט. דער מרים־טורעם איז געבויט געוואָרן, ווי די אנדערע געבײַדעס, אויס דעם ירושלימער פעלזנשטיין, אָבער הורדוס האָט זײַן גאנצע בענקשאפט נאָך דער פרוי אין די שטיינער אויסגעגאָסן. דער גאנצער מאסיווער פאסאד פון דער געביידע איז בלויז באשטאנען אויס א הויכער מעכטיקער פּלאַט־פאָרם, פון וועלכער א קאָנוס־טורעם, מאָדעלירט ווי א ווײַבלעכע ברוסט, האָט זיך אויפגעהויבן אין הימל אַרײַן. הארט לעבן דעם מרים־טורעם האָט זיך ווי א הערקולעס אויסגעשפרייט דער מעכטיקער הורדוס־פּאַלאַץ, וועלכער האָט ווי א וואַנט אָפּגעשלאָסן די קייט פון די טורעם־פּאלאצן. דאָס איז נישט געווען איין פּאלאץ, נאָר א קאסקאדע פון שטיי־נערנע געביידעס, מאַרמאָרנע זײַלן, אָן א שיעור ווינקל־שטיגן, אויסקוק־לעכער האָבן זיך אראָפּגעגאָסן איבער דער מערב־זײַט און זיך אָנגע־שלאָסן אין דער שטאַרקער מויער, וואָס האָט ארומגערינגלט די שטאָט. מיר האָבן געוואוסט, אז דער הורדוס־פּאלאץ איז די גרעסטע און שענסטע געביידע פון שטאָט, ארומגערינגלט מיט האליעס, קאָרינטישע זײַלן, אזוי אז דער פּאלאץ האָט זיך געקאָנט געפינען אין הארץ פון רוים און אויפנעמען קאָנקורעץ מיט דעם מעכטיקן פאָרום פון אויגוסטוס. אין דעם הורדוס־פּאלאץ איז איצט געווען דאָס אָפּיציעלע זיץ־אָרט פון פּראָקו־ראטאָר, ווען ער האָט זיך געפונען אין ירושלים. באוואכט פון קאָהאָרטעס זעלנער, איז עס געווען דער וויכטיקסטער שטיץ־פּונקט פאר אונזער ירושלימער מאכט.

פּילאַטוס האָט פון זײַן טראָג־שטול געגעבן די קאָמאנדע, אז מיר זאָלן ווײַטער גיין, אריבערשפּאנען די בריק, וועלכע האָט פארבונדן דעם אויבערשטן טייל פון שטאָט מיט דעם בית־מקדש פּלאץ.

איידער אָבער עס איז אונז נאָך אויסגעקומען אַרײַנצוטרעטן דורך

דעם טויער, וואָס ברענגט אונז אַרײַן אין דעם מיסטעריום פֿון בית־מקדש, פֿון וועמענס רײַכטום און הייליקײַט מיר האָבן זיך אַזויפֿיל אָנגעהערט, איז אונז נאָך אויסגעקומען פֿאַרבײַצוגיין אַן אויסערגעוויינלעכע גרויסע געבײַדע, וועלכע איז געווען אײַנגעמויערט אין דער וואַנט, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם גרויסן בית־מקדש־פּלאַץ. פֿון איר דאַך האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ דאָם־געוועלבטער טורעם, — ווי אַ דיאַנאַ־טעמפּל האָט עס אויסגעקוקט, נאָר אָן זײַלן. דער פּאַלאַץ איז באַשטאַנען אויס גרויסע בלאָק־שטיינער, אײַנגעשלאָסן איינער אין דעם אַנדערן. דאָס איז געווען ז י י ע ר גרויס געריכט־הויז, אָדער ווי ז י י האָבן עס גערופֿן: דאָס סנהדרין. ווי מיר זײַנען שפּעטער געוואָר געוואָרן, איז דאָס געווען זייער סענאַט. אָבער באַלד זײַנען מיר פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון אַ רײַכטום און אַ פּראַכט, וואָס מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט געזען.

אונזער צוג איז אַרײַנגעקומען איצט אין דעם פֿאָדערשטן הויף פֿון בית־מקדש, אָדער ווי זיי האָבן עס גערופֿן „דער הויף פֿון די היידן״, ווײַל אין דעם הויף האָבן זיך אומבאַשניטענע נאָך געמעגט געפֿינען. איבער דעם פּלאַץ פֿון די טורעמס האָט מען געקאָנט פֿאַרגלײַכן צום פּאַלאַטין־באַרג פֿון רוים, האָט מען געקאָנט דעם הויף פֿון די היידן אָנרופֿן „פֿאָרום־ירושלים״, ער האָט באַדײַט פֿאַר ירושלים דאָס, וואָס דער פֿאָרום־ראָמאַנום פֿאַר רוים.

איך האָב מיר גאָרנישט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז הינטער די שווערע מויערן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם אויסערלעכן הויף פֿון זייער בית־מקדש, זאָלן מיר אָנטרעפֿן אויף אַזאַ לעבן און באַוועגונג. דאָס אמתע לעבן פֿון ירושלים האָט זיך דאָ אָפּגעשפּיגלט. מיר האָבן זיך געפֿונען אָפּגעשלאָסן צווישן צוויי ווענט. ניין, נישט קיין ווענט זײַנען דאָס געווען, נאָר גאַלעריעס פֿון זײַלן־געַנג. פֿון דער זײַט, וואָס האָט געפֿירט צו דער אויסערלעכער מויער, האָבן פֿיר רייען מאַרמאָר־זײַלן אין קאָרינטישן סטיל געבילדעט אַ פּאַסאַזש, באַדעקט מיט אַ צודעק פֿון צעדערהאָלץ; דער באָדן איז געווען באַצירט מיט אַ מאָזאַיִק. עס האָבן זיך דאָרט געפֿונען אָן אַ שיעור געוועלבער, שטענדערס, אויפֿגעשלאָגענע וועקסלטישן, צווישן וועלכע אַ גרויסער און פֿאַרשידנאַרטיקער המון האָט געווימלט. אויף די זײַלן־רייען, וועלכע האָבן זיך געצויגן לענגאויס דער וואַנט, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם אינערלעכן בית מקדש־הויף, זײַנען געהאַנגען אָן אַ שיעור גאַניקעס, אַ לאַבירינט פֿון געבײַדעס, אין וועלכע פֿיל מענטשן האָבן זיך געמוזט אויפֿהאַלטן, וואָרום דורך די אָפֿענע לעכער פֿון די גאַניקעס האָבן צו אונז אַראָפּגעקוקט מענטשן און פּנימער, מיט בייזלעכע בליקן. מיר האָבן אָבער נישט געהאַט קיין צײַט אויף זיי זיך

אומצוקוקן, אונזערע אויגן זיינען געווען געווענדט און אונזער גאַנג האָט זיך געריכטעט צו די פּערצן־שטופּענדיקע מאַרמאָרנע טרעפּ, וועלכע האָבן אונז פאַרשטעלט דעם וועג און האָבן ארויפגעפירט צו דעם אינער־לעכן איינגאַנג פון בית מקדש.

דאָס טויער איז געווען אָפן, נאָר באַהאַנגען מיט א גאָלדענער קייט, אויף וועלכער מען האָט נאָך געקאָנט אָנזען שפּורן פון אָפּגעבראָכענעם אָדלער. אַמאָל האָט דאָ אויף דער קייט געקרוינט דער סימבאָל פון רוים, וועלכן דער גרויסער הורדוס האָט אויפגעשטעלט לכבוד דעם קייסער, די פאַנאַטישע יידן האָבן אים אָבער אראָפּגעריסן. א שחיטה האָט דענסט־מאָל דער קעניג הורדוס איינגעריכטעט אויף זיינע יידעלעך דערפאַר, אָבער נאָך זיין טויט האָבן זיי דעם אָדלער באַזייטיקט. אונזער האַרץ האָט געבלוטיקט צוליב דער דאָזיקער קייסער־לעסטערונג, און מיט דעם דאָ־זיקן געפיל זיינען מיר צוגעגאַנגען צו די פערצן טרעפּן, וואו ביים ארויפ־שטייגן האָט אונז דערוואַרט די דעפּוטאַציע מיט דעם כהן גדול אין דער שפּיץ.

דער כהן גדול איז נישט געווען אין זיינע אָפיציעלע קליידער אָנ־געטון, נאָר ארומגעהילט מיט א בלישטשנדיקן, פון זילבער־פעדים גע־וועבטן, מאַנטל — דער סימבאָל נישט פון זיין רעליגיעזער נאָר פון זיין ציווילער מאַכט. ער איז געווען זייער א הויכער, פונקט ווי זיין שווער, זיין געלע באָרד איז אויך ווי דעם שווערס געווען צעטיילט אין צוויי לאַנגע שפּיצן, נאָר זיי זיינען געווען מער געלאָקט. אויף זיין קאָפּ האָט ער געטראָגן אַזא קרוינאַרטיקע טיאַרע מיט א דיאַדעם, וואָס האָט גע־שיינט אויף זיין שטערן. נאָר אַממערסטן אויפפאַלנד זיינען געווען די לאָקן פון זיינע האָר, וואָס האָבן אַפּערגעקוקט פון אונטער דער טיאַרע, זיי זיינען געווען אַזוי קינסטלעך געקניפּט, ווי אַן איידל־געוועב, איין האָר אין דער אַנדערער פאַרפלאָכטן, און האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט א קאָמפּליצירטע שפּיצן־געוועבטע האָר־פריזור. זיין סוויטע איז נישט געווען צו גרויס, מען האָט ווייניק־וואָס כהנים געזען, מען האָט זיי אויפן ערשטן אויגנבליק גלייך דערקענט, וואָרום זיי האָבן זיך אונטערשיידט פון דער אַנדערער באַפעלקערונג דורך זייער ווייס־העלער קליידונג, דורך זייערע הויזן און טוניקעס, קאָלירטע גאַרטלען און טורעם־אַרטיקע הוטן. בלויז א פּאָר פון זיי זיינען געשטאַנען הינטער אים. ווי מיר זיינען שפּעטער געוואָר געוואָרן, זיינען דאָס געווען זיינע שוואָגערס און די בית מקדש־פונקציאָנאַרן פון פאַרשידענע אָפּטיילונגען, ווי גזברים, גבאים, אויפזעער איבער פאַרשידענע אַמטן.

ער האָט זיך פאַרענטפערט, דער כהן גדול, פאַר פּילאַטוסן, פאַרוואָס

זײַן סוויטע איז נישט געװען גרויס, ווי עס וואָלט געפּאַסט פאַר דעם עמ־פאַנג פון רוימישן פּראָקוראַטאָר. די כהנים, האָט ער געזאָגט, האָבן הײַנט פּיל צו טון אין בית מקדש. די יידן פון בבל, ווי אויך פון פּערסיע און צפון־אפריקע, האָבן אַרײַנגעשיקט א גרויסע צאָל רינדער צו ברענגען אַלס קרבנות אויפן מזבח, זיינען צוליב דעם די כהנים באַשעפטיקט בײַ זייער עבודה. דערפאַר אָבער, זאָגט ער, געפינט זיך אין זײַן סוויטע דער סגן, א געוועזענער כהן גדול און אויך אַלע אנדערע העכערע באַאמטע פון בית מקדש. דאָס זיינען אַלע געוועזן די זין פון חנן, זײַנע שוואָגערס, וועלכע רעפּרעזענטירן מיט אים נישט נאָר בלויז דאָס בית מקדש און די כהונה, נאָר אויך דאָס העכסטע געריכט — די סנהדרין. נאָך א צוויי־דרײַ אַלטע לײַט האָט ער פאָרגעשטעלט אַלס וויכטיקע אויסטײַטשער פון געזעץ, געלערנטע, אזוי צו זאָגן. זיי זיינען אַלע פרײַנד פון די רוי־מער, האָט ער געזאָגט, וואָרום זיי געהערן צו דער אויפגעקלערטער פּאַרטיי, וואָס וויל שלום מיט די רוימער, צו די צדוקים.

פּאָנטיוס פּילאַטוס האָט זײַן פליישיקע נאָז אַראָפּגעלאָזט. מיט א באהאַלטענעם פארשטעלטן בליק, וואָס איז אפּערגעקומען פון אונטער זײַנע שווער־אַראָפּהענגענדיקע ברעמען, האָט ער א לאַקאָנישן ענטפער געגעבן:

— דאָס וועט זיך אַרויסווײַזן. עס הענגט אָפּ פון גוטן ווילן.

— פון איין זײַט איז דער גוטער ווילן שטענדיק גרייט! — האָט דער כהן גדול אָפּגעענטפערט.

— דאָס וועט זיך לאָזן באַווײַזן דורך מעשים — זאָגט דער פּראָקו־ראַטאָר און גיט א ווינק צו די פאָרויסגייענדיקע טראָמפּייטערס ווײַטער צו גיין. זיי האָבן זיך גענומען גיין אַרויף אויף די טרעפּן צום טויער, וואָס פירט אין דעם איינערלעכן הויף אַרײַן פון בית מקדש.

דער כהן גדול איז בלייך געוואָרן אונטער זײַן טיאַרע, ווען ער האָט געזען, ווי אונזערע אויסרוף־טראָמפּייטערס שטײַגן אַרויף אויף די טרעפּן צום טויער וואָס פירט אַרײַן אין אינערלעכן בית מקדש־פּלאַץ.

— די וואוינונג פון פּראָקוראַטאָר געפינט זיך אין דער שטאָט—ווײַזט אָן דערשראָקן דער כהן גדול — אין הורדוס־פּאַלאַץ.

— דאָס ווייס איך. אָבער איך וויל די נאַכט פארברענגען מיט מײַנע טרופּן אין זייער קוואַרטיר אויף דער אַנטאָניא־פעסטונג — זאָגט פּי־לאַטוס און ווינקט צו זײַנע שטול־טרעגערס ווײַטער צו גיין.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט א ווילד שאַלן פון שופרות פון די וואַכן, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף די גאַניקעס פון טויער, און די

שווערע גאָלד־באַדעקטע טויערן האָבן זיך פֿלינק פֿאַרמאַכט פֿון אינע־ווייניק פֿאַר אונזער נאָז.

דער כהן גדול, בלייך, מיט חלף־גלאַנצנדיקע אויגן, שטעלט זיך אַוועק מיט זײַן פֿיגור אין טויער און פֿאַרשטעלט אונז דעם וועג. אַן אַ וואָרט צו זאָגן ווײַזט ער מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט אויף די בראָנ־זענע טאַוולען, וואָס זיינען געהאָנגען פֿאַרן טויער אויף ביידע זײַטן פֿון אײַנגאַנג, אויף וועלכע עס זיינען אין גריכיש און לאַטײַניש געווען אָנ־געשריבן די ווערטער: „פֿונדאַנען אָן און ווײַטער טאָר קיין אומבאַשני־טענער נישט איבערטרעטן, אויף דער געפֿאַר פֿון זײַן לעבן.“

— אָ, יאָ... — זאָגט פּילאַטוס, און איך זע, ווי זײַן אונטערשטע פּעטע ליפּ ציטערט און זײַן פּנים ווערט רויט פֿון כעס. — איך האָב שיר געהאַט פֿאַרגעסן — זאָגט ער, — אָבער דאַכט זיך, אַז רוימער האָבן שוין דאָס טויער איבערגעטרעטן. איך וואָלט געוואָלט וויסן, ווי אַזוי פּאָמפּעאוס האָט דאָס בית מקדש אײַנגענומען, זיך נישט אָפּשרעקנדיק פֿאַר די דאָזיקע אויפֿשריפֿטן דאָ?

— ער האָט אויסגענוצט די שבת־טעג, ווען יידן מעגן זיך נאָר פֿאַר־טיידיקן אָבער נישט אָנפֿאַלן, פּראָקוראַטאָר. הײַנט זיינען מיר אַ שריט ווײַטער געגאַנגען. איבריקנס, האָט אים טאַקע גאָט געשטראָפֿט דערפֿאַר. דער גרויסער צעזאַר האָט נקמה גענומען אָן אים פֿאַר אונז.

— זעט זיך אויס, אײַער גאָט איז זייער מעכטיק, אַז ער האָט אַזעלכע שטאַרקע פֿאַרבינדעטע.

— אַלע גרעסטע מענער פֿון רוים מיטן גרויסן צעזאַר אָן דער שפּיץ! און מיר דערוואַרטן, אַז אויך דער נײַער פּראָקוראַטאָר פֿון יהודה וועט זײַן איינער פֿון זיי.— האָט דער כהן גדול אים אַנטוואָפּנט מיט אַ שמייכל.

— דאָס וועט אָפּהענגען אין דעם האַלטן זיך פֿון זײַנע גלויביקע! הויפּטמאַן, פֿיר אָפּ די קאָהאָרטעס צו דער פּראָקוראַטאָריע!

פּילאַטוס אַליין האָט זיך אין דער שפּיץ פֿון אַ קליינער מיליטערישער אָפּטיילונג אַוועקגעלאָזט צו דער אַנטאָניאַ דורך דעם הויף פֿון די יידן.

מיר זיינען געגאַנגען פֿאַרבײַ אַ גרויסע באַזיליקע — ווי מיר זיינען שפּעטער געוואָר געוואָרן, האָט מען די באַזיליקע גערופֿן אויפֿן נאָמען פֿון גרויסן הורדוס, — אין אירע נישעס האָבן זיך געפֿונען די געוועלבער, אין וועלכע עס האָבן זיך פֿאַרקויפֿט די קלענערע קרבנות פֿאַרן בית מקדש. דאָ האָבן די טויבן־הענדלער געבראַכט ספּעציעלע טירקלטויבן אויף קרבנות צו ברענגען. דאָ זיינען אויך געווען געוועלבער מיט בשמים, שמעקעדיקע רויכער־צווײַגלעך, פֿײַן ווײַס מעל און כלערליי איילן, גע־בראַכט צו די כהנים בײַ פֿאַרשידענע געלעגנהײַטן, כדי צו לײַטערן זיך

און צו רייניקן פאר באגאנגענע זינד און פאר אנדערע שטײַערן, וואָס דער גאָט יהוה האָט געלייגט אויף זײַן אויסדערוויילט פאָלק. שוין אָפּגערעדט פון די אומצייליקע חלפנים מיט די געלט־טישלעך, וועלכע האָבן די יידן פון אלערליי לענדער אויסגעטוישט דאָס געלט. און וואָס פארא מענטשן און וואָס פארא טראַכטן האָט מען דאָ אלץ נישט געזען אין דעם דורכגאַנג צווישן די צוויי רייען זײַלן־מויערן! עס זיינען געווען יידן פון אביסיניע אין ווײַסע טיכער געהילט און מיט באָרוועסע פיס; ייִדן פון אלעקסאנדריע אָדער פון די איידעלע אינזלען פון גריכנלאנד אין וואָלענע און אין פילצענע טיכער ארומגעהילט, מיט סאַנדאַלן, מיט פאַלמען און גאָלדענע קראַנצן איבער די פריזירטע קעפּ; ייִדן פון דער מדבר אין קעמל־פעל אָנגעטון, אנדערע גאָר אין לייבן־פעל ארומגענומען; מענטשן פון גליל אין איינפאכע טראכטן, וואָס זיינען באשטאנען אויס זאַק־מאטעריאלן, זייער נאקעטקײַט ארומגעהילט, געהארטעוועטע פּנימער ווי אויס קיזל־שטיין אויסגעהאקט פון זון און ארבעט; אָרעמע, וועלכע האָבן קוים געהאט מיט וואָס זייער נאקעטקײַט צו באדעקן און רײַכע מיט גאָלדענע רינגען און מיט גאָלדענע פּאסקעס איבער זייערע איידעלע לײַוונטענע סדינס, געוועבט און געפארבט אין צידון. עס זיינען אויך געווען יידן פון ווײַטן בבל, וואו רוימס לעגיאָנען האָבן נאָך קיינמאָל נישט דערגרייכט, און יידן פון קאלטן מערב, וואו רוימס לעגיאָנען האָבן יאָ דערגרייכט — בײַ די ברעגן פון רהיין, מיט שווערע קאָפּ־באדעקכץ פון חיות־פעל. איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אז די יידן זיינען אזוי ווײַט און טיף אין דער רוימישער אימפּעריע ארײַנגעדרונגען און אויסערהאלב אירע גרענעצן דערגאנגען, ביז איך האָב דאָס פארשידנאַרטיקע פאָלק געזען אין דעם היידן־הויף. איך האָב זיך איבערצײַגט, ווי גערעכט ציצראָ איז, ווען ער האָט אונז געוואָרנט פאר דעם שעדלעכן אײַנפלוס פון דעם דאָזיקן פאָלק, וועלכעס באפעלקערט אלע האנדלס־מערק פון מזרח ביז מערב און האָט זײַן פוס געטרעטן אין אלע באקאנטע און אומבאקאנטע לענדער. איך מוז זיך מודה זײַן — ווען איך האָב געזען דעם פילפארביקן עולם, דעם שלל פון טראַכטן, די פארשידנפארביקע מענטשן, וואָס זיינען געקומען פון די נאָענטע און ווײַטסטע לענדער צו די טויערן פון יהוה׳ס בית־מקדש, האָב איך פארשטאנען און אָפּגעשאַצט די קלוגשאפט פון די רוימישע הערשער, וועלכע האָבן זיך געמיט אײַנצוהאלטן גוטע באציאונגען מיט די יידן און באשאָנקען זיי מיט פּריווילעגיעס, און צו אַכטן די געזעצן פון זייער רעליגיעזן קולט... ווען מען איז אזוי פארשפּרייט צווישן די פעלקער פון דער וועלט און מען האָט זיך געוואוסט אומעטום אײַנפלוס צו פארשאפן, מוז מען זיך מיט דעם רעכענען.

איך האָב מיך גוט צוגעקוקט צו די מענטשן, צו דעם האנדל ארום בית מקדש. איך האָב געוואוסט, אז עס וועט מיר אויסקומען מיט זיי צו האָבן צו טון. איך האָב געמוזט באוואונדערן מיט וואָס פארא רעליגיעזן עקסטאַז די מענטשן האָבן זיך באנומען שוין דאָ אינדרויסן מחוץ דער וואנט פון טעמפל בײַם אײַנקויפן זייערע קליינע קרבנות. ווי זיי האָבן דאָס אכטונג געגעבן , אז די טויבן זאָלן זײַן שיין געפלעגט, רײַך אין פעדערן, אָן דעם מינדסטן מום. ווי זיי האָבן זיך דאָס געפרייט זייער גוט גאָלד ארויסצוווארפן אויף די פאָרטרעפלעכע איילן, אויס די אויסטערלישסטע בשמים־בלעטלעך געטריבן, אויף די פײַנע מעלן, ווי עס וואָלט זיך געווען געהאנדלט וועגן מתנות צו ברענגען צו א געליבטן, פאר א לעבעדיקן מעכטיקן קעניג, בײַ וועלכן מען וויל חן און לײַטזעליקײַט געפינען; ווי עס וואָלט זיך געווען געהאנדלט וועגן מתנות צו ברענגען פאַר א נאָענטן אייגענעם הערשער, נישט פאַר קיין אויסגעטראַכטן גאָט, וועלכן קיינער האָט נאָך נישט געזען און קיין קינסטלער האָט נאָך זײַן געזיכט און סטאַטוע פון שטיין אָדער בראָנז נישט פאראייביקט. עס האָט אויסגעזען, אז זייער גאָטעסדינסט האָט זיך אָנגעהויבן שוין דאָ בײַם אײַנקויפן זייערע קרבנות. זיי האָבן זיך גאָרנישט אומגעקוקט אויף אונזערע לעגיאָנען, וואָס גייען לעבן זיי פארבײַ, זיי האָבן אונז קיין בליק נישט געשאָנקען, נישט אומגעקוקט זיך אויף דעם נײַעם פּראָקוראטאָר, וועלכער ווערט געטראָגן אין זײַן ליג־שטול דאָ פאר זײַנע לעגיאָנען. זיי זיינען געווען אזוי פארנומען מיט די קליינע געשאנקען, וואָס זיי האָבן אײַנגעקויפט פאר זייער גאָט, אז זיי האָבן קיינעם נישט געזען. איך האָב באמערקט אן אָרעמע פרוי, — זי איז געגאנגען ארומגעהאנגען מיט א זאַק, פון וועלכן איר נאקעט לײַב האָט ארויסגעקוקט, — ווי זי האָט די טויבן געדריקט צו איר ברוסט, געקושט זיי, געצערטלט זיי; און מיט וואָס פאר אן אינערלעכער פרומקײַט זי האָט אין זיי ארײַנגערעדט, ווי זי וואָלט דורך די טויבן איר בקשה צו איר גאָט געוואָלט איבערשיקן. איך האָב געזען א שטארקן און קרעפטיקן מאן, וואָס האָט מיט דער גאנצער ליבע און צערטלעכקײַט געהאלטן א שמעקעדיק בשמים־צווײַגל, ער האָט מורא געהאט זיך צוצורירן דערצו און געקוקט דערויף מיט בעטנדיקע אויגן, ווי דאָס צווײַגל וואָלט די מאַגישע קראפט פארמאָגט פון אים אראָפּצונעמען א גרויסע זינד, וואָס איז שווער געלעגן אויף זײַנע פּלייצעס. איך האָב געזען קינדער מיט פאַנען מעל, מיט קריגלעך בוימאייל דורכלויפן, אלץ איז געווען פארנומען און ארײַנגעטאָן אין אן אנטציקנדער פרייד, און קיינער האָט קיין בליק נישט געשאָנקען דעם מאן, וואָס האָט צו זאָגן איבער זייער לעבן און טויט, וועלכער קומט אין זייער

שטאָט אַרײַן איבערצונעמען די הערשאַפט פון לאַנד און פון דעם בית מקדש. מיר האָבן אויסגעקוקט — בארויבט פון אונזערע לעגיאָנישע אָפּצייכענונגען, פון אונזערע אָדלערס און שילדן — נישט ווי א רוימישער לעגיאָן וואָלט אַדורכגעצויגן אין א שטאָט, וואָס איז אונטערטעניק צו רוים, נישט ווי א פּראָקוראַטאָר איבער א רוימישער אונטערטעניקער פּראָווינץ ווערט דאָ דורכגעפירט, נאָר ווי אן אומבאַדײַטנדיקע וואַגאַבונדישע זעלנער־באַנדע, געפאַנגענע אין אַ פּרעמדן־לאַגער. איך האָב אַרײַנגעקוקט צו פּילאַטוסן אין זײַן ליג־שטול, איך האָב געזען, ווי זײַן פּעט פּנים און שטאַרקער קאַרק זיינען אָנגעלאָפן מיט בלוט, ווי די אָדערן שטייען בײַ אים אָנגעשטרענגט אין זײַנע שלייפן. עס האָמערט זײַן ווילן און ער טראַכט וועגן נקמה. אָבער זײַן געצוואונגענער געדולד קאָסט אים אַזוי פיל אָנגעשטרענגטקײַט, אז איך האָב מורא געהאַט, ער זאָל קיין אַפּאָפּלעקציע נישט באַקומען.

איינמאָל האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף א גרויסע מענגע מענטשן, וועלכע האָט אַרומגערינגלט א רעדנער, צי א געזעץ־אויסטײַטשער, וועלכער איז געשטאַנען אָנגעלענט אויף א זײַל אונטער דעם האַלצערנעם דאַך אין איינעם פון די געוועלבער און האָט גערעדט צו די מענטשן. דער עולם איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט די רייד פון דעם רעדנער, אַז זיי האָבן נישט געהערט אונזערע טראָמפּייטערס, וועלכע האָבן פאַר אונז אויפגעשאַלט אונזער אָנקומען. זיי האָבן אונזער צוג נישט באַמערקט אָדער געמאַכט זיך נישט באַמערקן, און אונז דעם וועג נישט פרײַ געמאַכט. נאָך גוט, וואָס מיר האָבן נישט געהאַט מיט זיך אונזערע גערמאַנישע רײַטער! א פּאָר פון אונזערע לעגיאָנערן זיינען אונטערגעשפּרונגען און האָבן מיט זייערע קורצע מעסערס געמוזט די יידן געבן אָנצוגעהערן אויף דעם דורכצוג פון קייסערס שטעל־פאַרטרעטער. זיי האָבן פּשוט צעיאָגט די מאַסע און אַדורכגעמאַכט זיך צווישן זיי א וועג. איך האָב אַרײַנגעקוקט אין פּילאַטוסעס טראָג־שטול און האָב געזען, ווי זײַן דיק און פּעט פּנים איז נישט רויט נאָר אַזש בלוי געווען פאַר כעס. אָבער באַלד האָט דעם פּלאַם פון זײַן כעס געלאָשן דער האָפנונגספולער אָנבליק פון גאָלד...

מיר זיינען געגאַנגען בײַ דער מזרח־זײַט פון היידן־הויף און מיר זיינען פּלוצלינג אָנגעקומען צו א טויער, וואָס האָט אונזערע אויגן אויפגעריסן פאַר דערשטוינונג. מיר האָבן דאָך שוין געהאַט געהערט פון דעם נישט אויסגעשעפּטן רײַכטום פון בית מקדש, נאָר א גאַנץ טויער זאָל זײַן געגאָסן אויס קאָרינטישן בראָנז, אויף דעם האָבן מיר זיך נישט גערעכט אָנצוטרעפן. דאָס איז געווען דער אײַנגאַנג צום הויף פון די פרויען,

וועלכער איז געווען זייער באַלעבט, ווײַל אין דעם הויף האָבן זיך געקאָנט
אויך נישט־יידישע פרויען אויפהאַלטן. זיי האָבן פאַרגעסן געהאַט צו
שליסן דאָס טויער, און אונזער צוג האָט דורך דעם מאָמענט געקאָנט באַ־
וואונדערן דעם טײַערן קאָרינטישן בראָנז. אָבער פונקט קעגנאיבער דעם
קאָרינטישן טויער האָט פון אינעווייניק פאַר אונזערע אויגן אַ בלישטש
געגעבן פון אַ גאָלדענעם שײַן, און מיר האָבן דערזען אויף יענער זײַט
נישט קיין טויער, נאָר מען קאָן עס אָנרופן — אַ גרויסן הויכן טורעם
אויס לויטער גאָלד, וואָס האָט אַרײַנגעפירט פון ווײַבער־הויף צום אי־
נערלעכן טייל פון בית מקדש. ווי מיר זיינען שפּעטער געוואָר געוואָרן,
איז דאָס טאַקע געווען דאָס „שיינע טויער״, וועגן וועלכן מיר האָבן נאָך
אין רוים געהערט, דאָס האָט געזאָלט איין איינציקער רײַכער מאַן פון
ירושלים האָבן געשענקט. איבער דעם מויער איז אַראָפּגעהאָנגען אַ גרוי־
סער גאָלדענער הענגל ווײַנטרויבן — דער סימבאָל פון די יידן. אָבער
דאָס וואָס מיר האָבן מיט דעם שפּאַלט פון אַ בליץ דערזען, וואָס עס טוט
זיך דאָרט ווײַטער, האָט איבערגעשטיגן אונזער פאַנטאַזיע. דער טעמפּל
איז געווען געבויט ווי אַ פּיראַמידע, פון איין האַליע האָבן הויכע טרעפּן
אַרויפגעפירט צו דער אַנדערער, און דער אינערלעכער טעמפּל איז גע־
שטאַנען ווי אַ באַרג גאָלד אויף הויכע מאַרמאָרנע פּלאַטפאָרמען. מיר
האָבן נאָר געזען גאָלד און גאָלד, וואָס האָט געפּלאַקערט אין דער אונ־
טערגייענדיקער זון, אונזערע אויגן זיינען איבערגעלאָפן פאַר בײַגערי־
קײַט. נאָר באַלד האָבן זיך דערהערט די אַלאַרם־סיגנאַלן, געבלאָזן פון
גרויסע שופרות, פון די טורעם־אויסקוקער, און די גרויסע גאָלדענע און
בראָנזענע פליגלען האָבן זיך געשלאָסן איינער נאָכן אַנדערן פאַר אונ־
זערע אויגן. מיר האָבן נאָר דערזען דעם בלישטשנדיקן שײַן פון די איי־
דעלע מאַטעריאַלן, וואָס קיין שום באַפּוצונגען און קיין שום פאַרשענע־
רונגען זיינען נישט געווען אויף זיי, ווי דער גאָט יהוה וואָלט אייפער־
זיכטיק געווען אויף דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע, האָט ער נישט דער־
לויבט אין זײַן טעמפּל קיין פאַרשענערונג, נאָר ער האָט פאַרלאַנגט, אַז
מען זאָל אים דינען נאָר מיט דעם, וואָס ער האָט געשאַפן — מיט דעם
אָנבליק פון די מאַטעריאַלן אַליין. און ווירקלעך האָבן די טויערן, פּונקט
ווי דער גאַנצער טעמפּל, געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי עס וואָלטן זיך צו־
זאַמענגעקומען די עלעמענטן און האָבן זיך פאַראייניקט אין אַ בנין, —
עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען אַזוי נאַטירלעך פון דער ערד אַרויס־
געוואַקסן.

איך האָב דענסטמאָל געקוקט אין פּנים אַרײַן פּילאַטוסן, וועלכער
האָט מיט דערשטוינונג אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער טראָג־שטול.

— פראָקוראטאָר — האָב איך געזאָגט אין שפּאָס — דאָס ערשטע, וואָס דו וועסט באַדאַרפן צו טון, ווען מיר וועלן קומען אויף דער אנטאָניא, איז שיקן נאָכן „שלעגער" און זיך לאָזן אָדער־שלאָגן, כדי דאָס שלעכטע בלוט אָפּצוציען פון דײַן קערפּער.

— איך קלער ווען אן אנדער מיטל, ווי אזוי פון מײַן שלעכט בלוט פּטור צו ווערן.

— איך ווייס עס, פּראָקוראטאָר — דורכן בלוט אָפּצאַפּן פון די יידן... ער האָט זיך באמיט צו לאַכן.

קאַפּיטל זעקס

פּילאַטוסעס ערשטער שריט אין ירושלים

די פעסטונג אנטאָניא איז געשטאנען אויף צפון־זײַט פון בית מקדש־הויף, געבויט אויף א הויכן פעלז, און האָט דאָמינירט איבערן גאנצן פּלאַץ פון בית מקדש, וועלכן זי האָט מיט איר הויף פארשטעלט. די פעס־טונג האָט פארמאָגט פיל געבײַדעס, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען אונזערע מיליטערישע קווארטירן; זיי האָבן ארומגערינגלט א גרויסן הויף, געניט גערוים פאר אונזערע איבונגס־פּלעצער, גימנאַזיומס, מילי־טער־וואַרטעס, שווים־בעדער און אינדערמיט — די ציטאדעל מיט אירע פיר טורעמס, געבויט אויף דעם שפּיץ פון דעם פעלזן אויף א הויכן פּי־ראמיד־אַרטיקן פונדאמענט. פון די גאלעריעס אויף דער ציטאַדעל האָט מען געקאָנט אראָפּקוקן אויף דעם בית מקדש־פּלאַץ און געקאָנט זען אלצדינג, וואָס עס טוט זיך דאָרט. אוי, האָבן די יידעלעך זיך געבונטע־וועט קעגן דעם! יעדעס מאָל, ווען אונזערע וואַכן האָבן זיך באוויזן אין די עפענונגען פון די פעסטונגס־לעכער, האָבן זיך אויסגעשטרעקטע פויסטן געהויבן צו אונז, ווײַסע טיכער האָבן געפאָכעט, זיי האָבן גע־שריגן און געליאַרעמט: „וועק! אוועק!" פארשטייט זיך, אז אונזערע וואַכן האָבן זיך ווינציק־וואָס געמאכט אויס דעם כעס פון די יידעלעך און אמוזירט זיך מיט דער דאָזיקער סצענע. א חוץ דעם האָבן צוויי טרעפּן געפירט דירעקט פון דער פעסטונג אויפן בית מקדש־הויף, זיי זיינען געוועזן אָפּגעצוימט דורך א געמויערטן וואל; אָבער ווען מיר האָבן גע־וואָלט, האָבן מיר דעם וואָל געקאָנט צונעמען און דאָרט אראָפּקומען. אויך האָט א געהיימער גאַנג, וואָס דער קעניג הורדוס האָט געבויט, געפירט דירעקט פון דער פעסטונג, נישט נאָר אויפן הויף ארויס, נאָר אין סאַמע טעמפּל ארײַן.

מיר האָבן איבערגענומען די קאָמאַנדע פון דער שטייענדיקער קאָהאָרטע, אויסגעשטעלט די וואַכן, און מיר האָבן זיך געוואַשן אין די רוימישע בעדער, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער פעסטונג. פּילאַטוס האָט געהייסן דאָס מאָלצײַט סערווירן אויף דער ציטאַדעל־גאַלעריע, פונוואַנען ער האָט בײַם עסן אויף זײַן אָנלענשטול געקאָנט צום ערשטן מאָל באַטראַכטן זײַנע נײַע אומרואיקע אונטערטאַנען אין זייער אייגע־נעם בית מקדש־הויף. באַשאָטנט דורך פּאַראַסאָל־איבערדעקערס, זײַנען מיר לעבן אים געווען אויסגעזעצט בײַם מאָלצײַט, און פון אונזערע זיץ־אָדער ליג־שטולן האָבן מיר געקאָנט אַראָפּקוקן אויפן בית מקדש־הויף, אויף ירושלים, אויף דער גאַנצער בערגיקער אומגעבונג אַרום. עס איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג, די זון האָט זיך געזעצט און געדאַכט האָט זיך, אַז זי ווערט צעשמאָלצן אין די זאַמדיקע הייסע ווענט פון מואַבס בערג, וואָס זעען זיך פון יענער זײַט ים־המלח. צוליב דער קלאָרער לופט האָט מען פון אונזער הויך זיי גוט געקאָנט זען. די רעפלעקסן פון דער זון האָבן אָפּגעשלאָגן אין די אומצייליקע גאָלדענע שוועלן, גאָלדענע לײַסטן, מיט גאָלדענע פּלאַטן באַדעקטע טירן פון דער בית מקדש־גע־ביידע, אַז עס האָט זיך געדאַכט — דער גאַנצער טעמפּל איז נישט געבויט פון שטיין און מעטאַלן, נאָר ער איז איין פלאַמענדיקער, צעגאָסענער גאָלד־שטראָם. אין די גאָלדענע פלאַמען האָבן געפּאָכעט פּורפּורנע און בלויע פאַרהאַנגען. טויזנטער שטראַלן אין אַלע פאַרבן האָבן געגאָסן פון דער פאַנטאַסטישער געבײַדע, וואָס איז געווען מאַסיוו דורך איר שטרענ־גער און איינפאַכער קאָנסטרוקציע, דאָך לײַכט און שוועבנדיק ווי אַ שפּיצן־געוועב דורך אירע באַוועגלעכע ווענט, וועלכע זײַנען באַשטאַנען אויס קאָלירטע פּרוכתן, אין רויט־פּורפּורנע און אין בלויע תכלת־פאַרבן. ווי מען האָט אונז שפּעטער דערקלערט, האָבן די פאַרבן אויף די פּרוכתן געזאָלט סימבאָליזירן די פיר עלעמענטן, פון וועלכע די וועלט איז באַ־שאַפן: פײַער, לופט, ערד און וואַסער. די גאַנצע פאַנטאַסטישע געבײַדע, אין איר לענגלעכער גראָדער ליניע, איז געשטאַנען אויף ווײַסע מאַר־מאָרנע פונדאַמענטן, אַרומגערינגלט ווי אַ געצערטלט קינד מיט אומציי־ליקע הויפן, אָפּגעצוימט און אָפּגעזונדערט דורך פאַנטאַסטישע הויכע און מאַסיווע טויערן, דורך רייען מיט זײַלן, דורך אומצייליקע אויסגעוועלבטע נישעס, וועלכע זײַנען, ווי דאָס הויז אַליין, אָפּגעזונדערט געווען שטרענג איינע פון די אַנדערע מיט זײַלן און צוימען. נאָר וואָס עס האָט אונז אַמ־מערסטן אַמוזירט איז געווען דאָס לעבן, די באַוועגונג אויף דעם טעמפּל־פּלאַץ אַרום דעם בית־מקדש. ווי עס האָט זיך אונז נישט אויסגעדאַכט, אַז די ווײַס־געקליידעטע מאַסע כהנים, וועלכע טרעטן מיט שטרענגער

פרומקײַט באַרוועס איבער דעם מיט מאַרמאָר און געשליפֿענעם גראַניט אויסגעלייגטן הויף און עס מאַכט דעם אײַנדרוק, ווי זיי וואָלטן געטרעטן אויף די כוואַליעס פֿון אַ טײַך, — ווי עס האָט זיך נישט אויסגעדאַכט, אַז די דאָזיקע מאַסע איז איינע, איז זי אָבער אין שטרענגער דיסציפּלין — מען קאָן זאָגן: מיט מיליטערישער דיסציפּלין — געווען אָפּגעזונדערט, אָפּגעטיילט איינע פֿון די אַנדערע. מען האָט געקאָנט קלאָר אָפּשיידן דעם הויף, אין וועלכן די ווײַבער זיינען געשטאַנען, דעם הויף פֿון די מענער, די טרעפּן אויף וועלכע עס האָבן זיך געפֿונען די מוזיקאַנטן; באַזונדער איז אויך געווען דער אויסערלעכער הויף פֿון היכל, וואו די פּריסטער אויסער דער דינסט האָבן זיך געפֿונען, און דער אינערלעכער הויף, וואו די דינענדיקע פּריסטער זיינען בײַ דער עבֿודה באַשעפֿטיקט געווען. און דאָס אַלץ איז געווען אין אַזאַ שטרענגער פֿאָרם אײַנגעטיילט, ווי עס וואָלט זיך געווען געהאַנדלט נישט אין אַ פֿאָלק פֿון גלויביקע, וואָס באַטרעטן אַ טעמפּל, נאָר אין אַ מיליטערישער אָרגאַניזאַציע אויף אַ מושטיר, אַזוי האָט דאָ יעדער באַזונדער געהאַט זײַן באַשטימט אָרט. שפּעטער האָבן מיר אויסגעפֿונען, אַז די כּהנים און לוויים און די אַלע אַנדערע טעמפּל־דינער זיינען ווירקלעך געווען דיסציפּלינירט ווי אַ מי־ליטערישע אָרגאַניזאַציע. די טויערן־היטער, די נאַכט־וועכטער וועלכע זיינען ארומגעגאַנגען מיט שטורקאַצן אין די הענט נאָכצוקוקן די טויערן־היטער, די וועקער, די טראָמפּייטן־בלאָזער, די ערשטע פּריסטער־קאָ־מאַנדע, די צווייטע און די דריטע, די דינסט־האַלטנדיקע פּריסטער און די אויסערן דינסט שטייענדיקע פּריסטער, די אויפֿזעער, די ליכט־צינדער, די כּלים־רייניקער, די קליידער־אויפֿזעער, די וועבער־פֿרויען, די אויפֿזעער איבער די קרבנות, וואָס האָבן געמוזט פֿאַרזען ווערן מיט פּריסטער־סטעמפּלען, די אומצייליקע צערעמאָניעס־אָפּריכטער — מיט איין וואָרט, די גאַנצע פֿאַרצווײַגטע טעטיקײַט פֿון בית־המקדש־דינסט איז געווען אַ שטרענגע דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציע, אונטערגעוואָרפֿן אונטער דער קאָמאַנדע פֿון כּהן גדול מיט זײַנע אומצייליקע בײַגעזעצטע, וועלכע זיינען באַשטאַנען פֿון זײַן נאָענטסטער אומגעבונג.

מיר זיינען געווען אויסגעלייגט אויף דער גאַלעריע פֿון דער ציי־טאַדעל אין שאָטן פֿון די אָריענטאַלישע פּעכערס, געטרונקען ציפּרוס־ווײַן און געגעסן פֿײַגן פֿון יריחו, און מיר האָבן אראָפּגעקוקט אויף דעם בית־המקדש פֿון יידישן גאָט, וועלכער איז אייפּערזיכטיק געווען, אַז קיין שטערבלעכער זאָל זײַן פּנים נישט זען. דאָס בית־מקדש מיט אַלע זײַנע אומצייליקע אוצרות פֿון גאָלד, מיט אַלע זײַנע גאָלדענע כּלים, זײַנע כּהנים, לוויים און געלערנטע, און דאָס גאַנצע פֿאָלק — איז געלעגן

אונטן צו אונזערע פיס. מיר האָבן זיי באטראכט מיט אינטערעס, ווי מען באטראכט קאַרליקעס — אזוי האָבן זיי אויסגעזען פון אונזער הויך. זיי אַלע האָבן זיך געפונען מיט זייער מעכטיקן גאָט אין אונזערע הענט, ווי רויב אין דעם מויל פון א לייב. מיר האָבן נישט פארשטאנען, פונוואנען עס נעמט זיך זייער שטאָלצקייט און זייער זיכערקייט. אָט באדארפן מיר נאָר איין באפעל געבן, און עס איז גענוג איין קאָהאָרטע פון אונזערע בראַווע אשקאַלאָנער מיט אונזערע גערמאַנישע רייטער זאָלן ארונטער־גיין און מאכן א תל פון גאנצן געטער־שפּיל, ארייַנוואַרפן זיך אין זייער קדשי־קדשים און צונעמען זייערע גאָלדענע כלים, אויסרויבן אלע אוצ־רות און פארטרייַבן די כהנים, — זיי האָבן דאָס געוואוסט. וואָס פארא בייזע בליקן עס האָבן זיך אדורכגעשטאָכן צו אונז פון א ווייַס־געקליידטן כהן, פון א באבאָרדעטן געלערנטן! זיי האָבן געוואוסט, אז זיי זייַנען בייַ אונז אין די הענט ווי קינדער־שפּילעכלעך. און מיר האָבן נישט פאר־שטאנען זייער שטאָלץ און זייער נאַריש אייַנרעדעניש אויף זייער גאָט.

מארקוס פעטראָניוס, דער אַלטער צענטוריאָן פון דער אנטאָניער ציטאדעל, וועלכער האָט נאָך געדינט אונטער די ערשטע פּראָקוראטאָרן און האָט זיך געפונען אין לאנד שוין זינט יאָרן און געוואוסט אלע זיטן און פירונגען פון די יידן, האָט אונז אויפגעקלערט וועגן די רעליגיעזע צערעמאָניעס פון די יידן. ער האָט אונז דערציילט וועגן דער דיסציפּלין, וואָס הערשט אין דעם טעמפּל־דינסט, וועגן די קוריאָזע וואָך־אָפּליי־זונגען פון די כהנים און די לויים, די טויער־היטער און די נאַכט־וועכטער, ווי זיי גייען מיט די שטורקאצן אין מיליטערישער אָרדענונג ארום די וואַכן און פרעגן זיך נאָך: „אַלץ איז אין אָרדענונג?!” בייַ די ערשטע זון־שטראַלן רופן די שופרות; א שרענגע כהנים גייען מיט א מיליטערישער אָרדענונג צו זייער דינסט. ער האָט אונז דערקלערט וועגן די קליידער פון כהן גדול, וועלכע די יידן האַלטן פאר אזוי הייליק, אז זיי שווערן איבער זיי. די קליידער געפינען זיך אין טורעם פון דער צי־טאדעל, און דאָס לעמפּל, וואָס ברענט אויבן, באווייַזט אז זיי זייַנען אומ־באַרירט, זיי זייַנען באזיגלט מיט דעם זיגל פון פּראָקוראטאָר און פון כהן גדול. פּרוווט נאָר דאָס לעמפּל אויסלעשן, וועט איר זען וואָס דאָ וועט זיך אָפּטון! ער האָט אונז אויך דערציילט וועגן דעם קדשי־קדשים, וואָס קיין שטערבלעכער טאָר נישט באטרעטן, א חוץ דעם כהן גדול אין די הייליקע קליידער, און דאָס נאָר איין מאָל אין יאָר. און וואָס פארא יום־טוב זיי מאכן דאָס, ווען דער כהן גדול קומט ארויס נישט געניזוקט פון זייער הייליקטום!

פּילאָטוס, וועלכער האָט זיך מיט גרויס אינטערעס צוגעהערט צו די

דערציילונגען וועגן די עקזאָטישע מנהגים פון די יידן, האָט געפרעגט ביי מארקוס פעטראָניוס, צי ער דענקט, אז עס געפינט זיך אין דעם מיס־טישן הייליקטום עפּעס אזוינס, וואָס א שטערבלעכער טאָר נישט באַ־טרעטן און עס איז א געפאר פארן לעבן; צי איז אמת, אז אן אייזל־קאָפּ געפינט זיך דאָרט און צוליב דעם אייזל־קאָפּ אליין, וועגן וועלכן אונזערע לעגיאָניסטן דערציילן צווישן זיך, זאָלן די יידן אזעלכע צערעמאָניעס פראָווען.

— אן אייזל־קאָפּ? פּאָמפּעאוס, וועלכער איז דאָרט געווען, האָט קיין אייזל־קאָפּ נישט געפונען. אינעווייניק בין איך נישט געווען, איך ווייס נישט וואָס עס איז דאָרט דאָ, אָבער אין די אויסערלעכע האליעס, וואו זיי ברענגען זייערע קרבנות, האָב איך זיך יאָ אמאָל געפונען, מיר זיינען דאָרט אמאָל אריין אין א יום־טוב אָרדענונג מאכן, האָב איך דאָרט געזען זייער פיל גאָלד, גאָלדענע טישן, אן אומדערהערט גרויסן און ברייטן גאָלדענעם מזבח, אויף וועלכן עס האָט געפלאקערט א מעכטיק פייער, א גאָלדענע מנורה, אומציילינע גאָלדענע קריגן און פייער־צוואַנגען און אנדערע כלים, וואָס זיי באנוצן צו זייער דינסט, און אזעלכע אומהיימ־לעכע מיסטישע פייגל, וועלכע באַדעקן זיך מיט פליגל. אלץ בלישטשעט און גלאַנצט פון גאָלד.

— זעט זיך אויס, אז די יידן זשאַלעווען נישט זייער גאָט קיין גאָלד. איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, פונוואַנען זיי נעמען דאָס?

— פונוואַנען זיי נעמען דאָס? — אלע יידן פון דער גאנצער וועלט צאָלן צום טעמפּל מס ווי צו א קייסער. גאָט, זאָגן זיי, איז זייער קייסער. מיט וואָס פאר א פרייד זיי טוען דאָס! קיין איינער באַהאַלט זיך נישט אויס און קיין איינער פארשפּעטיקט נישט זיין טעמפּל־מס אָפּצוצאָלן, מעג ער זיין פארוואָרפן אויפן ווייטסטן אינזל. און הייַנט די מתנות, וואָס זיי שיקן אין בית־מקדש אריין! איר זעט דאָרט דאָס גרויסע טויער, וואָס שטייגט איבער מיט זיין טורעם־גאלעריע אלע אנדערע מויערן, ביים איינגאַנג אין דעם אינערלעכן הויף? דאָס דאָזיקע טויער איז ווערט א קעניגרייך. פון איין זייט זיינען זיינע טירן באַדעקט מיט זילבערנע און פון דער אנדערער זייט מיט גאָלדענע פּלאַטן, און דאָס טויער האָט בלויז איין איינציקער מענטש געשאָנקען. ער האָט עס געלאָזט פאר זיין אייגן געלט אויפשטעלן. און אזוי ווי ער, זיינען פאראן א סך. איר באדארפט זען וואָס פארא מענטשן עס באַווייזן זיך דאָ אין דעם טעמפּל פון די ווייטסטע ערטער. אָפטמאָל גלויבט מען גאָרנישט, אז זיי זיינען יידן, און אָפטמאָל טרעפט מען דאָ אָן אויך מענטשן פון ציוויליזירטן שטאַנד. איך צווייפל אָבער, צי דאָס זיינען יידן! זיי ווערן צוגעצויגן פון א מיסטישער

קראַפט, וואָס דער גאָט שטראַלט ארויס פון זיך און זיי ברענגען צו אים זייערע געבעטן, זייערע קרבנות, זייערע מתנות. דאָס גאָלד, וואָס איר זעט דאָ אויפן בית מקדש, אויף די טויערן — דאָס איז גאָרנישט. זיי האָבן דאָ אוצרות, אין וועלכע עס איז אָנגעזאַמלט דאָס גאָלד פון אַלטע דורות, און נישט געקוקט, וואָס מען צאַפּט עס אָפּ יעדעס מאָל פון זיי, קומט עס שטענדיק אָן צו פליסן ווי א נישט אויסגעשעפּטער טײַך.

— די יידן זיינען נישט אָן אײַנפלוס אין קייסערס הויף — זאָגט פילאַטוס.

— מען ווייסט נישט, ווי ווײַט זייער אײַנפלוס דערגרייכט, און וואָס פארא ספערן זיי דרינגען אַלץ נישט ארײַן און מען ווייסט אויך נישט אויף וועמען מען טרעט אָן, אויב מען טוט זיי שלעכטס. אָפטמאָל שיקן דאָ אהער זייערע קרבנות די העכסטע פערזענלעכקײַטן פון רוים אָפן אָדער באהאַלטענערהייט, אָדער נאָך ערגער — מען זאָגט, אז די יידן האָבן געוואונען סימפּאַטיע פאר זייער אומפארשטענדלעכן גאָט בײַ די דאַמען פון דער הויכער געזעלשאַפט אין רוים.

— יאָ, איך ווייס עס. איך ווייס אויך, ווי זיי טרײַבן זייער אגיטאַציע.

פילאַטוסעס פנים האָט געצוקט, ער האָט מיט דער האַנט א צי געטאָן איבער זיך די טאָגע, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן.

— ווײַבער זיינען שטענדיק עלול זיך צו לאָזן פארנאַרן פון אומפארשטענדלעכע מיסטעריעס — האָט ווער א באמערקונג געמאכט.

אָבער איידער פילאַטוס האָט פארלאָזט ירושלים, כדי צו גיין אין זײַן הויפּטשטאָט, קיין צעזאַריע, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— פון מארקוס פּעטראָניוס זיינען מיר געוואָר געוואָרן, אז די יידן אין זייער אייגענעם טעמפּל באנוצן זיך יאָ מיט געזיכטער פון מיסטישע פייגל, זייער קעגנערשאפט צו דעם רוימישן אָדלער שטאַמט אלזאָ נישט פון רעליגיעזע סיבות נאָר אויס ריין פּאָליטישע. נישט די רעליגיע פארווערט זיי דעם אָנבליק פון דעם רוימישן מאַכט-סימבאָל, — נאָר זייער פײַנדשאפט צו רוים. דער רוימישער אָדלער איז דער סימבאָל פון רוימס הערשאפט, און אומעטום, וואו רוים שפּרייט אויס זײַן שוץ און מאכט, באדארף דער סימבאָל נישט פעלן.

— איז עס א באפעל? — האָב איך אים געפרעגט.

— ווי דו פארשטייסט עס! דער באפעל באדארף ווערן דורכגעפירט אָן בלוט-פארגיסונג. איך וויל נישט, אז מען זאָל אין רוים זאָגן: פילאַטוס האָט אײַנגעווייט זײַן הערשאפט אין ירושלים מיט בלוט.

— און אז זיי וועלן זיך אקעגנשטעלן?

— האָסט געגוג מאַכט זיך צו פאַרטיידיקן. איבריקנס, אויב זיי זיינען נישט ארויסגעקומען מקבל־פּנים זײַן דעם פאַרשטייער פון קייסער אין ירושלים, באדארפן זיי דאָס טון אין צעזאריע. שיק זיי צו מיר!

נאָך פּילאַטוסעס פאַרלאָזן ירושלים האָב איך איבערגענומען די מאַכט פון דער ציטאַדעל. פון איין זײַט פון דער אנטאָניא, בײַ דעם נײַעם טייל פון דער שטאָט, האָט זיך געפונען א גרויסער גרובן. איך האָב גע־נומען מײַנע גערמאַנישע רײַטערס, וועלכע די יידן האָבן אזוי פײַנט, און אויסגעשטעלט זיי לענגאויס דעם גרובן. פון דער זײַט פון בית־מקדש־פּלאַץ האָב איך באפוילן, אז מען זאָל דעם גאנצן משופּעדיקן פעלז, אויף וועלכן די פעסטונג האָט זיך געפונען און וועלכער איז געווען אויסגע־לייגט מיט מארמאָרנע פּלאַטן, אויסשמירן מיט פעטס און אייל, אז עס זאָל גלאַטיק זײַן צום גליטשן זיך. נאָכדעם, ווי די באפעלן זיינען אויס־געפירט געוואָרן, האָב איך בײַנאכט ארויסגעגעבן א פאַראָרדענונג ארויס־צונעמען די סימבאָלישע שילדן פון אונזער קאָהאָרטע מיטן קייסערס בילדער און ארויסהענגען איבער דער גאלעריע פון דער ציטאַדעל. אויפן טורעם פון דער ציטאַדעל, אין וועלכן עס זיינען געווען פאַרשלאָסן דעם כהן גדולס הייליקע קליידער, האָב איך באפוילן דאָס לעמפּל אויס־צולעשן און ארויסצוהענגען א גרויסן רוימישן אָדלער, דער סימבאָל פון רוימס מאכט.

צומאָרגנס אין דער פרי, איידער די זון איז נאָך אויפגעגאנגען, האָב איך זיך מיט מײַן לייב־וואַך באהאלטן אויף דער גאלעריע פון דער צי־טאַדעל און באָבאכטעט, ווי די יידן וועלן די דאָזיקע נײַעס אויפנעמען. בײַ די ערשטע שטראַלן פון דער זון, וועלכע איז ארויסגעקומען פון היג־טער די בערג, האָב איך דערהערט דאָס בלאָזן פון זייערע שופרות. דאָס האָט זיך באוויזן די קאָמאנדע פון די כהנים, וועלכע זיינען אנגעקומען פון וואָשן, כדי איבערצוטון זיך אין די הייליקע קליידער, און געגאנגען אין געאָרדנטע רייען צו דער עבודה אין בית־המקדש. פּלוצלינג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. די אויפגייענדיקע שטראַלן האָבן זיך פּלוצלינג אָפּגעשלאָגן אין די בלישטשנדיקע מעטאַלן פון אונזערע אָדלער און שילדן. מען האָט באַדאַרפט זען די פּנימער, מען האָט באַדאַרפט הערן דאָס געשריי! ווי א דונער וואָלט פון הימל אראָפּגעקומען און אין זייער טעמפּל ארײַנגעשלאָגן. מיטאמאָל האָבן הונדערטער שופרות און טראָמ־פּייטן געבלאָזן אויף אַלאַרם. פון אַלע זײַטן, פון די אומצייליקע האַליעס און בית־מקדש־געבײַדעס האָבן זיך אָנגעהויבן צו לאָזן כהנים, לויים, זיי זיינען נאָך געווען האַלב־פאַרשלאָפן, האַלב אָנגעטון אין זייערע

דינסט־קליידער. איך האָב מיר נישט פֿאָרגעשטעלט, אַז זייער צאָל איז אַזוי גרויס, ווי די פֿייגל זײַנען זיי גאַנצע מחנות געקומען אָנצולויפֿן; אַלטע לײַט מיט געקרײַזלטע בערד, יונגע שטאַרקע מענטשן און אָן אַ שיעור יוגנט, קינדער נאָך, וועלכע האָבן זיך דערצויגן אין זייערע כהנים־שולן. די לוים האָבן געהאַלטן אין איין בלאָזן אין זייערע שופֿרות אויף אַלאַרם, און די מענגע כהנים איז וואָס אַמאָל אַלץ גרעסער געוואָרן. זיי האָבן געפּרוּווט צו דערנענטערן זיך צו דער ציטאַדעל. אַ וואַלד גע־בײַלטע פּויסטן האָט זיך אויסגעשטרעקט צו אונדז און אונדז געדראָעט. עס האָבן זיך געהערט קולות, געשרייען און ווילדע אויסרופֿן. באַלד האָבן אָבער די אַלאַרם־טראָמפּייטן אויפֿגעוועקט די שטאָט, און דער גאַנצער בית־המקדש־הויף איז איבערפֿולט געוואָרן מיט מענטשן. ווײַ־בער, וועלכע האָבן נישט געוואַגט מחוץ זייער ווײַבער־הויף איבערצו־טרעטן, האָבן געיאָמערט, געקלאָגט און געוויינט, גלײַך אַ שונא וואָלט זייערע קינדער אויסגעשאָכטן, און האָבן אַרויסגעגעבן פֿון זיך כאָרכלדיקע קולות. די מענער האָבן שווײַגנדיק, מיט שטומען כעסדיקן געברום אין געפּאַקטע מענגען געפּרעסט זיך נענטער, צוגערוקט זיך צו דער צי־טאַדעל ווי אַ מעכטיקע וואַנט. פֿון דער זײַט פֿון גרובן האָבן זיי צו אונדז נישט געקאָנט דערגיין: די גערמאַנישע רײַטער, געשיצט דורך דער וואַנט פֿון גרובן, האָבן פֿון זייערע פֿײַל־און־בויגנס זיי באַוואָרפֿן מיט אַ רעגן פֿון שפּיזן. די מענגע האָט זיך געדריקט צו דער זײַט פֿון בית־המקדש־הויף. צום ערשט זײַנען געגאַנגען די כהנים, וועלכע האָבן גע־מעגט דעם טייל הויף באַטרעטן, דאָס פֿאָלק איז געווען הינטער זיי. די כהנים האָבן געפּרוּווט אַרויפֿצוקריכן אויף דער מויער פֿון אַנטאָניאַ, קריכנדיק אויף די רוקנס, שטייענדיק אויף די פּלייצעס פֿון די אַנדערע, כדי צו דערגרייכן צו דער ציטאַדעל דורך אַרויפֿקלעטערן אויפֿן פֿעלזן. אָבער די אויסגעשמירטע און גליטשיקע פֿעלזן־וואַנט האָט קיין שפּאַרע נישט געהאַט, וואו זיי זאָלן די נעגל פֿון זייערע הענט און פֿיס אַן אָנהאַלט געבן. אונזערע בראַווע אשקעלאָנער, געמישט מיט סאַמאַריטאַנער, וואָס מיר האָבן אַראָפּגעבראַכט פֿון דעם יריחו־גאַרניזאָן — באַשיצט דורך די טורעמס פֿון דער ציטאַדעל — האָבן מיט פֿרייד געפּונען איצט די גע־לעגנהײַט נוקם צו זײַן זיך אין די פֿרעכע יידן. זיי האָבן זיי אַראָפּגע־שאָסן ווי די פֿייגל, איין ייד נאָכן אַנדערן, וועלכע האָבן געפּרוּווט אַרויפֿצושטײַגן אויף דעם פֿעלזן. מיר האָבן געזען, ווי די יידעלעך קאָ־לערן זיך אַראָפּ איבער דעם גליטשיקן פֿעלזן און צעשמעטערן זייערע קעפּ אין דעם שטיינערדיקן פּלאַטפֿאָרם. אַנדערע האָבן מיר אַפֿילו גע־לאָזט אַרויפֿדראַפּען זיך אויף דער הויך פֿון דעם שפּיציקן פֿעלזן, וואָס

זיי האָבן דאָס דורכגעפירט מיט גרויס אָנשטרענגונג. מיר האָבן געוואַרט, ביז אזא איינער האָט דערגרייכט די פעלזיקע וואנט, ביז ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט אָן דעם געזימס פון דער גאַלעריע. דערנאָכמאָל האָט א בראַוונער אשקעלאָנער מיט זײַן קורצער שווערד אים געגעבן איבער די הענט. די הענט האָט ער איבערגעלאָזט בײַ אונז, און דער קער־פּער האָט זיך ווי אַן ארבעס אראָפּגעקאָלערט איבער דעם פעלז. אַן אַנ־דערן האָבן מיר נישט געלאָזט זיך לאַנג מוטשען, מיר האָבן אים מיט דער שווערד גלײַך איבערן קאָפּ געגעבן. איידע! די זון איז נאָך ריכטיק פון הינטער די בערג ארויסגעקומען, איז דער פעלזן און די מויערן פון אונזער פעסטונג באַשפּריצט געווען מיט יהודהס בלוט, נישט ווינציקער ווי זייער מזבח מיט דעם בלוט פון די קרבנות, און צופיסנס דעם פעלזן איז געלעגן א בארג מיט יידישע פּגרים...

באַלד האָבן מיר געזען אָנקומען דעם כהן גדול מיט זײַנע אומצייי־ליקע באַגלייטער. איך האָב אים דערקענט אָן זײַן הייך און אין דעם כבוד, וואָס מען האָט אים אָפּגעגעבן אפילו אין דעם גערודער און רעש, וואָס עס איז געווען. עס האָבן זיך געקליבן ארום אים די כהנים, די אַלטע און די געלערנטע. מען האָט זיי דערקענט דורך דעם רעספּעקט, וואָס דאָס פאָלק האָט זיי אָפּגעגעבן אפילו אין דער סאַמאַטאָכע. זיי האָבן אָנגע־הויבן צוריקצוהאַלטן די היץ־קעפּ, צוריקצורופן די פעסטונג־שטורמערס. נאָר דער פירער זייערער, זעט זיך אויס, איז געווען איינער א מאַן נאָך א יונגער, א הויכער און א שטאַרקער, אים האָבן זיי אַמײַסטן כבוד אָפּ־געגעבן, נישט געוואַגט אין זײַן נאָענטקײַט צו קומען. ארומגערינגלט צווישן זײַנע תלמידים, האָט ער גערעדט צום פאָלק, און אים האָבן זיי געהאָרכט. ווי איך בין שפּעטער געוואָר געוואָרן, איז דאָס געווען איינער פון זייערע גײַסטיקע פירער, יוחנן בן זכאי האָט ער געהייסן, ער איז געווען דער תלמיד פון זייערס א גרויסן געלערנטן און גײַסטיקן פירער, וועלכער איז געשטאָרבן זייער אַלט. אָט דער יוחנן בן זכאי האָט אײַנ־געהאַלטן די היץ־קעפּ, און דער אַלטער חנן, דער שווער פון כהן גדול, דער אַלטער וואָס האָט אונז האָט עמפּאַנגען בײַ די טויערן פון ירושלים, האָט אים געהאָלפן, — ער איז געווען, אזוי צו זאָגן, דער פאַרבינדונגס־מענטש צווישן די יידן און אונז. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם פרײַנד פון רוים, און אים האָבן זיי טאָקע געשיקט צו אונז, ער זאָל מיט אונז רעדן. ער האָט זיך דערנענטערט צו דער וואַנט פון דער ציטאַדעל, ארומ־גערינגלט מיט זײַנע פינף זין, ער האָט געמאַכט צייכנס, אז ער וויל מיט אונז רעדן. איך האָב ארויסגעשיקט צו אים א קאָמיסאַר און געפרעגט, וואָס ער וויל. ער בעט אַן אודיענץ. איך האָב אים אָבער אויף אַן אוי־

דיענץ נישט געוואָלט אָננעמען. איך האָב נישט געהאַט די מאַכט דערצו. איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט אויף דער גאַלעריע, כאָטש עס איז געווען א געפאַר, אז איך זאָל באַקומען מיט א שטיין אין קאָפּ אָדער א געהיימע פייל אין מיין לייב, און געפרעגט אים, וואָס ער וויל. לאַטייניש האָט ער שוואַך גערעדט, נאָר גריכיש — גוט. ער האָט געענטפערט אין א גע־בראָכענעם לאַטייניש מיט פיל גריכישע ווערטער אריינגעמישט וועגן די אַרויסגעהאָנגענע שילדן און פאַרופן זיך, ווי געוויינלעך עס טוען דאָס שטענדיק די יידן, אויף אַלטע פּריווילעגיעס: אז דער גרויסער צעזאַר, דער קייסער אויגוסטוס און דער קייסער טיבעריוס האָבן אָנערקענט די יידישע אמונה און קיינמאָל נישט געוואָלט עובר געווען אויף דעם געזעץ.

איך האָב זיך נישט געוואָלט מיט אים אריינלאָזן אין לאַנגע ויכוחים, איך האָב אים געענטפערט אין גריכיש, אז מיר האָבן דאָ קיין מאַכט נישט איבערצואַנדערשן די באַפעלן פון פּראָקוראַטאָר; אויב זיי האָבן עפּעס צו זאָגן, זאָלן זיי זיך ווענדן צום פּראָקוראַטאָר קיין צעזאַריע...

א גרויסע צאָל כהנים, לויים, מיט דעם אַלטן געוועזענעם כהן גדול חנן, באַגלייט פון האַלב ירושלים, — מאַן, ווייב און קינד, — האָבן זיך געלאָזט קיין צעזאַריע. ירושלים איז געבליבן ליידיק, אין בית־מקדש זיינען בלויז געווען די כהנים און די לויים, וואָס מען האָט באַדאַרפט פאַר דער עבודה פון בית־מקדש. אויסגעמיטן די פיינדלעכע שטאָט שכם, וואו זייערע שונאים — די שומרונים — זיינען געזעסן, האָבן זיי גע־צויגן איבער בערג און איבער פעלדער, נישט דורך דעם הויפּט־וועג, נאָר דורך הינטערוועגן, און זיינען אָנגעקומען קיין צעזאַריע.

דאָרט, אין צעזאַריע, האָט זיך צו זיי אויך באַהאָפטן די אָרטיקע יידישע באַפעלקערונג און געפּרוווט אָפּשלאָגן די טירן פון פּראָקוראַ־טאָר. פינף טעג און פינף נעכט האָט זיי פּילאַטוס געלאָזט זיך אַרומ־וואַלגערן איבער די ווייסע מאַרמאָרנע גאַסן פון צעזאַריע, וואָס זייער קעניג האָט אויפגעבויט, און נישט געוואָלט זייערע פירער אויפנעמען אויף אַן אוידיענץ. זיי האָבן געמוזט זען, ווי פרעמדע היידן וואוינען אין די מאַרמאָרנע הייזער, וואָס דער קעניג הורדוס האָט פאַר זייער געלט אויפגעבויט צום כבוד פון צעזאַר. זיי האָבן געמוזט זען דעם רייכן האַפן, די גימנאַזיומס, די טעאַטערן, די קאָלאָסעאומס, די רייטער־שולן און היינט די טעמפּלען מיט דעם גרויסן אויגוסטוס־טעמפּל אויף דעם פּאַל־מען־פּלאַץ, וואָס זייער קעניג האָט פאַר דעם מס, וואָס ער האָט פון זיי אַרויסגעקוועטשט, אויפגעבויט פאַר זייערע פיינט. די יינגלעך פון צע־זאַריע האָבן זיי נאָכגעוואָרפן שטיינער אין די גאַסן. זיי האָבן אָבער פאַר זייער גאָט אַלע בושות און אַלע צרות איבערגעטראָגן מיט ליבע. ביי טאָג

האָבן זיי זיך פאַרשמאַכטע אַרומגעוואַלגערט איבער די גאַסן, בײַנאַכט האָבן זיי אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די פּאַרקן, איבער די אַלעען אויפן ברעג פון ים, געגעכטיקט אין האַפן, אויף די האַרטע מאַרמאָר־טרעפּן געלעגן אויסגעלייגט, — און פּילאַטוס האָט נישט געוואָלט זיי אויפנע־מען. זיי האָבן געמוזט אויסטרינקען דעם גאַנצן בעכער פון ביטערקייט, וואָס אַ פײַנדלעכע באַפעלקערונג האָט זיי געגעבן צו פאַרזוכן אין אַ שטאָט, וואָס ליגט אינדערמיט פון זייער אייגענעם לאַנד און איז אויפ־געבויט פאַר זייער אייגן געלט. אויפן פינפטן טאָג האָט פּילאַטוס זיי געלאָזט צוזאַמענטרײַבן ווי די שאָף אין דער גרויסער רײַטער־שול, אַרומגערינגלט די רײַטער־שול מיט גערמאַנישע סאָלדאַטן, אַרײַנגעלאָזט צו זיי אַשקאַלאָנער און סאַמאַריטאַנער, אָנגעפירט פון זייערע פײַנד, די גריכן, מיטן אָנזאָג, אַז אויב זיי וועלן זיך נישט באַרואיקן און נישט צוריקגיין אין זייער שטאָט אַרײַן און נישט ערן דעם קייסערס שילדן און דעם רוימישן אָדלער, וועט ער זיי לאָזן פון די גערמאַנישע פערד צעטרעטן ווי די ווערעם. וואָס מיינט איר, האָבן זיי געטון? זיי האָבן אַלע ווי איין מאַן, מיט זייער גײַסטיקן פירער אָן דער שפּיץ, מיט זייערע כהנים און לויים, מיט זייערע ווײַבער און קינדער, געוואָרפן זיך אויף דער ערד פון דער רײַטער־שול און געזאָגט: „נישט נאָר די ווילדע בריטן און די גערמאַנישע רײַטער, נאָר אַפילו די ווילדסטע חיות קאָנסטו אויף אונדז אַרויפלאָזן און אונדז פאַרציקן. מיר ווינשן זיך אַלע ליבערשט טויזנט מאָל בעסער דעם טויט איידער פאַראומרייניקן אונדזער הייליקטום מיט פרעמדע סימבאָלן!"

„פאַראומרייניקן אונדזער הייליקטום!", פאַראומרייניקן מיטן קיי־סערס בילד, מיט רוימס טריאומפירנדיקן אָדלער! — אַזאַ יידישע חוצפּה!... וואָלט איך געווען פּילאַטוס, וואָלט איך טאַקע דאָס אויסגעע־פירט, וואָס זיי האָבן געבעטן. פּילאַטוס האָט אָבער עפּעס אַנדערש גע־האַט אין זינען ווי דעם כבוד פון קייסערס בילד, פון רוימס אָדלער... עס האָט זיך צו אים אַרײַנגעקריגן דער כיטרעטשקער אַלטער, דער גע־וועזענער כהן גדול חנן, ער איז דאָרט געווען אײַנגעשלאָסן מיט דעם פּראָקוראַטאָר צוויי שעה צײַט. וואָס זיי האָבן גערעדט, וואָס זיי האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, ווייס איך נישט, נאָר מיר האָבן דעם באַפעל גע־קריגן צוריק אַראָפּצונעמען די רוימישע אָדלערס, די שילדן און דעם קייסערס בילדער פון דער ציטאַדעל. „רוים ערט די געזעצן!" — האָט ער אונדז געשריבן. און די יידן האָבן געטריאומפירט.

איך האָב געהערט, אַז נאָך דער זעאונג, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן דעם פּראָקוראַטאָר מיטן שווער פון כהן גדול, האָט פּילאַטוס זיך

געקויפט זײַן ערשט גוט אין סיציליע און אויפגעבויט א ווילע בײַם ברעג פון ים אין פּאָמפּעא, וואָס ער האָט עס אוועקגעשאָנקען זײַן ווײַב קלאַודיא, וועלכע האָט זיך נאָך אַלץ געפונען בײַם קייסער טיבעריוס.

אין רוים האָט מען געשמועסט, אז אין יהודה רעגנט זעלטן־ווען, נאָר אויב עס רעגנט דאָרט אמאָל, רעגנט אָנשטאָט וואסער — גאָלד...

קאַפּיטל זיבן
איך ווער אײַנגעלאַדן אין הויז פון כהן גדול.

פּילאַטוס איז געזעסן אין צעזאַריע, און מיך האָט ער איבערגעלאָזט אויף דער אנטאָניא אין ירושלים. ער דאָרט, אין צעזאַריע, וואו די מערסטע טייל פון דער באפעלקערונג איז געווען א גריכישע, האָט געהאט אטלעטישע גימנאזיומס, שווים־באסיינען, פאַרווײַלונגען, טעאַטער־אויפ־פירונגען, אָלימפּיאַדע־שפּילן, גלאַדיאַטאָרן קאמפן, דיסקוסיע־באנקעטן, געווען ארומגערינגלט מיט רוימישע אַדעללײַט, גריכישע פּילאָזאָפן, לוסט־ייִנגלעך און מאַטראָנעס, אַלעקסאַנדרישע קאָכמײַסטערס, סירישע האָר־פלעכטערס און עגיפּטישע פלייטן־שפּילער. שיפן זיינען געקומען פון איטאַליע און האָבן געבראַכט די לעצטע נײַעס פון הויף און פון סע־נאַט. און וואָס האָב איך געהאט אין דעם טרויעריקן, ערנסטן און לאַנג־ווײַליקן ירושלים? אונזערע טעג האָבן זיך אין דער פון יופּיטער פאַר־לאָזענער שטאָט געשלעפּט צווישן די הארטע קיזלשטיינער, ווי זיי וואָלטן זיך געווען געמאָלן אין א מיל פון לאַנגווײַליקײַט. איך בין א גאַנצן טאָג געזעסן אויף דער אנטאָניא און אראָפּגעקוקט אויפן בית־מקדש־הויף, מיד געוואָרן פון אָנזען זיך מיט די ווײַס־געקליידטע כהנים, ווי זיי האַלטן אין איין אַרײַנשלעפּן אָקסן, שעפּסן, ציגן, קליינע לע־מעלעך אין זייער שעכטהויז, וואָס זיי האָבן אין בית־מקדש, און דערנאָך ארויספירן אויף שלעפּ־וועגענער דאָס פלייש און די פעל, פּיסלעך, קעפּ־לעך און נירן, די חלקים וואָס געהערן צו די כהנים. עס האָט קיין ענדע נישט גענומען צו די קרבנות, מיט וועלכע זיי האָבן געהאַלטן זייער גאָט אין איין פּיטערן. איך פלעג זיך אויך צוהערן צום האַרפן־שפּיל און צום געזאַנג פון די לויים, וואָס איז געקומען אהערצושווימען צו דער אנטאָניא־פעסטונג, זיי האָבן באַגלייט מיט מוזיק און געזאַנג דאָס פאַרברענען די ווײַרויכן אויפן מזבח. געוויס איז עס געווען אויף א ווײַל אינטערעסאַנט צו באָאַבאַכטן דעם פאַנאַטישן און רעליגיעזן עקסטאַז פון די באַרבאַרישע

יידן, וועלכע זיינען שעהן לאנג געלעגן מיט זייערע פנימער צו דער ערד, אויסגעשטרעקט זייערע הענט צו אן אומגעזעענעם גאָט, וואָס קיינער ווייסט נישט וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר, וואָס פארא קראפט פון דער נאטור ער פארקערפערט אָדער איבער וואָס פארא רעגיאָנען ער פארשפרייט זײַן ממשלה.

טיילמאָל בײַנאכט, ווען איך האָב נישט געקאָנט אײַנשלאָפן, בין איך ארויסגעגאנגען אויף דער גאלעריע פון דער אנטאָניא און אראָפּגעקוקט דורך די ציין־טורעמלעך אויף דעם בית־מקדש־פּלאץ. אין דער שטילער נאכט איז דאָס פרעמדע הויז בארעגנט געווען פון שטערן־ליכט, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין זײַנע גאָלד־שוועלן, לײַסטן, טויערן, און פלאטן. דער בית־מקדש־פּלאץ, וועלכער האָט בײַטאָג געווימלט און גערוישט פון מחנות מענטשן, איז איצט שטיל געווען. מען האָט קיינעמען נישט געהערט, קיינעמען נישט געזען, נאָר אין די ליכטער פון די שטורקאצן האָט מען דערקענט די דראָענדע שומרים, וועלכע האָבן ארומגעקרײַזט די מויערן פון בית־מקדש. איך האָב זיך, זעלבסטפארשטענדלעך, נישט געשראָקן פאר דעם אומבאקאנטן גאָט, וועלכער האָט פון אלע ערטער אויף דער וועלט אויסגעזוכט זיך דאָ זײַן אָרט אויף דער ערד, אויף א פעלז, אונטער א צודעק פון גאָלד און פרוכתן און ארומגערינגלט מיט דעם אייביקן פײַער פון זײַן מזבח. אָבער באַאומרואיקט האָט ער מיך. דאָס אומבאוואוסטע אין אים, דאָס נישט געזעענע האָט געוועקט מײַן נײַגעריקייט. איך האָב געהאט גרויס חשק זיך אראָפּצולאָזן דורך דעם געהיימען וועג פון דער אנטאָניא אין דעם היכל ארײַן, ארײַנגנבענען זיך אין דער שטיל דורך די פאָרהאנגען אין זײַן איינזאמען וואוינאָרט, אין זײַן קדשי־קדשים, וועלכעס קיינער באטרעט נישט, און אים צו איבעראַשן, אויסצוגעפינען — ווער איז דאָרטן דאָ, ווער עס רוט דאָרט צווישן די פליגל פון די מיסטישע פייגל, צו זען דאָס אומגעזעענע, קענען־צו־לערנען דאָס אומבאוואוסטע. אָבער איך מוז מודה זײַן — עס האָט מיר אויסגעפעלט מוט. ווען איך האָב אראָפּגעקוקט אויף דעם דאַך פון קדשי־קדשים, וואָס האָט ארויסגעשטאַרצט אין הימל ארײַן העכער פון אלע אנדערע געביידעס און ווען כ'האָב מיר געטראכט, אז אונטער דעם דאַך באהאלט זיך דאָס אומבאקאנטע, וואָס רעגירט מיט די מזלות פון דער וועלט, ווי די יידן רעדן זיך אײַן, איז מיר אביסל אומהיימלעך געוואָרן. איך בין זיכער געווען, אז אונזערע געטער זיינען שטארקער פון אים, למשל — יופיטער מיט זײַנע דונערן. והא ראיה, וואָס האָט ער געמאכט אויס זײַנע גלויביקע? נאָר דאָס אומבאקאנטע אין יידישן גאָט האָט מיך באַאומרואיקט. א גאָט, וואָס שטעלט נישט פאָר קיין איין ליידנשאַפט, א גאָט, וואָס איז

כולל אלץ און דאָך קאָן זיך קיינער אים נישט פאָרשטעלן. ער פאַרקער־פערט אין זיך נישט איין מעלה פון מענטשלעכן מין, נאָר פילט אָן דעם גאנצן אוניווערז מיט זיך און דאָך שטייט ער איבער אים און פאַר־שקלאָפּט א פאָלק צו זיך, וועלכעס צאָלט אים דעם העכסטן מס מיט לויטער איבערגעגעבנהייט און ליבע. ווער איז ער, דער יידישער גאָט?

אָבער עס איז מיר באלד מיאוס געוואָרן פאר די יידעלעך. קודם כל האָבן זיי זיך געהאלטן אין איין ארומקריגן, אפילו אויפן בית־מקדש־הויף, די כהנים מיט די געזעץ־געבער. זייערע ויכוחים, זייערע געוואלדן זיינען אויפגעגאנגען ביז צום הימל. איינמאָל איז אפילו געקומען צו א געשלעג, מיר האָבן מורא געקריגן פאר אן אויפשטאנד און איך האָב גע־מוזט אראָפּשיקן אויפן בית־מקדש־הויף אונזערע אשקאלאָנער, אז זיי זאָלן אי די כהנים, אי די געזעצגעבער בארויקן. איך האָב געמיינט — ווער ווייסט, איבער וואָס פאר א פילאָזאָפישער שיטה, איבער וואָס פאר א רעליגיעזע אָנשויאונגען זיי קריגן זיך ארום. עס האָט זיך געהאנדלט איבער א קלייניקייט, — וועגן די קלענסטע דעטאַלן פון זייער רעליגיעזן קולט. איינמאָל איז אויסגעבראָכן א געשלעג — אפשר ווייסט איר איבער וואָס? איבער דעם, צי דער וואָס ברענגט דעם קרבן באדארף אָנלענען זיינע הענט אויפן קאָפּ פון שעפּסל און זיך מתודה זיין פאר זיינע זינד, אָדער ער דארף זיך מתודה זיין אָן ארויפצולייגן זיינע הענט אויפן קאָפּ פון שעפּסל. איך האָב עס בשום אופן נישט געקאָנט פארשטיין. איך ווייס נאָר, אז איך בין פארפייניקט געוואָרן אויף דער אנטאָניא פון לאנג־ווייליקייט.

אין איין שיינעם טאָג לאָזט זיך ביי מיר אויף דער אנטאָניא־פעסטונג מעלדן א יונגער מענטש מיט א גאנץ אָנשטענדיקן אויסזען, אין דער בעסטער רוימישער טאָגע; ווען נישט זיין אלעקסאנדרינישער אקצענט, וואָלט ער געמאכט דעם איינדרוק פון א פּערפעקטן רוימישן אָדלמאן, אזוי גוט האָט ער זיך מיט אונזער שפּראך באנוצט. ער איז געווען אַט־לעטיש געבויט, אָבער נישט מוסקולירט, א הערלעכע פיגור, מיט פיינע מאנירן. ער האָט זיך געווענדט צו מיר מיט פאָלגענדע רייד:

— אזוי לאנג, הגמון (דאָס איז געווען מיין אָפיציעלער טיטול ביי די יידן), ווי ס׳וועט אייך אויסקומען צו פארברענגען אין אונזער באשיי־דענעם ירושלים, וואָס ליידער צוליב אונזערע שטרענגע רעליגיעזע גע־זעצן באזיצט עס נישט די גריכיש־רוימישע אנשטאלטן, צו וועלכע איר זענט צוגעוואוינט, — האָט מיר מיין פאָטער, דער עלטסטער כהן גדול, באַערט מיט דעם אויפטראג פאר אייך צו דערשיינען און אין זיין נאָ־מען אייך אָנצובאָטן אונזער הויז, מיט אלעם וואָס עס פארמאָגט. און כדי

צו באקרעפטיקן זײַנע רייד, האָט ער מיר דערלאנגט א לאָרבערקראנץ אויסגעהאמערט פון דעם איידלסטן גאָלד — דאָס איז אונזער אײַנלאדונג צום מאָלצײַט, וואָס מײַן פאָטער, דער עלטסטער כהן גדול, וועט געבן מאָרגן צוליב אײַער כבוד וועגן. מײַן פאָטער, דער עלטסטער פון די כהנים גדולים, אויך מײַן ברודער אליעזר, דער געוועזענער כהן גדול, און מיר אלע זײַנע ברידער וועלן זיך באמיען צו פארגיטיקן אביסל אײַער שווערע מי פאר דעם פרידן פון אונזער שטאָט.

איך מוז זיך מודה זײַן, אז דער יונגערמאן האָט געמאכט אויף מיר אן אויסגעצייכנטן אײַנדרוק, איך האָב זיך נישט געריכט, אז איך וועל אין דעם וויסטן ירושלים אָנטרעפן אויף אזעלכע געבילדעטע יונגע מענטשן. נאָך א קליינעם ישוב־הדעת האָב איך די אײַנלאַדונג אָנגענומען.

דער כהן גדול האָט פארמאָגט צוויי הײַזער, איינס לעבן בית־מקדש, דאָס איז געווען, אזוי צו זאָגן, זײַן אָפיציעלע הײַם, וואו ער פלעגט זיך אויפהאלטן בשעת מען האָט געטון די עבודה אין בית־מקדש. געוואוינט האָט ער אָבער אין זײַן שלאָס, וואָס ער האָט געהאט אין דעם אויבערשטן טייל פון שטאָט. דאָס איז נישט געווען קיין הויז, נאָר א גאנצער שלאָס. פון דרויסן, ווי בײַ אלע ירושלימער שלעסער, האָט מען גאָרנישט אָנגעזען, מען האָט עס געקאָנט אָננעמען פאר א מויער. דאָס הויז איז געווען געמאכט פון די ירושלימער שטיינער־בלאָקן, מיט אויסקוק־טורעמלעך, וואָס זיינען באוואכט געווען דורך וועכטער. אינעווייניק איז געווען א גן־עדן. צום ערשט איז מען ארײַנגעקומען אין דעם, אזויגערופענעם, אויסערלעכן הויף. דער אויסערלעכער הויף איז געווען אויסגעפלאַסטערט מיט ווײַסן מאַרמאָר און איז באשטאנען פון געביידעס, וואָס עס האָבן פארנומען די אומצייליקע קאנצעלאריעס פון כהן גדול, וועלכע זיי האָבן גערופן „געוועלבער”. עס האָבן אויך דאָרט געוואוינט זײַנע שטײַער־אויפמאָנערס, די פארוואלטונג פון די כהנים. אויך א געריכטס־געביידע האָט זיך דאָרט געפונען, וואו דער כהן גדול האָט צו יעדער צײַט געקאָנט צוזאמענגעמען די מיטגלידער פון קליינעם, ענגן סנהדרין, וואָס איז באשטאנען מערסטנס פון זײַנע משפחה־מיטגלידער אָדער פון נאָענטע מענטשן. פון דאָרט איז מען ערשט דערגאנגען צום אינערלעכן הויף, וואו עס האָבן זיך געפונען די גערטענער פון כהן גדול און וואו עס איז געשטאנען זײַן הויז און די הײַזער פון זײַנע מקורבים. אָבער צום ערשט האָט מען געמוזט אדורכגיין א קליינעם הויף, בעסער געזאָגט — אן ענגן קאָרידאָר, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען די קווארטירן פון זײַן וואַך.

באלד האָט אונז אקעגנגעשמעקט דער פארשכורנדער ריח פון אומצייליקע באקאנטע און אומבאקאנטע בוימער און פלאנצונגען, מיר זיינען

ארײַן אין א פּראַכטפולן פּאַרק, וואו עס זיינען געווען אייניקע באָד־באַסיינען, באַהאַלטן אין שאָטן פון ציפּריסן, אַלעאַנדרען און אַן א צאָל אתרוגים־ביימער. די רויז, זעט זיך אויס, איז געווען די באַליבטסטע בלום פון דער ירושלימער אריסטאָקראַטיע, וואָרום דער פּאַרק האָט זיך געבאָדן אין רויזן פון אַלערליי קאָלירן. אינדרויסן, אין דער שטאָט, האָט זיך דאָס פאָלק געשטיקט פאַר דורשט, אויסגעגאַנגען פאַר א טרונק וואַסער, די ציסטערנעס זיינען איצט, אין הויך־זומער, געווען באַלד אויסגעטריקנט, און ווען דער ווינט האָט געברענגט צו טראָגן די זאַמדיקע היץ פון דער מדבר און אָנגעפולט די לונגען מיט א פאַרשרפּהטער לופט, האָט דאָס פאָלק ווי דורשטיק פּי זיך פאַרזאַמלט ארום די וואַסער־קאַרגע קאַריטעס פון די פאַרטרונקענע ירושלימער ריטשקעלעך, וועלכע רינען אין די טאָלן בײַם טײַכל „שלח". זיי האָבן אויסגעכאַפּט די לעדערנע לאָגלען וואַסער, וואָס די וואַסער־טרעגער האָבן געבראַכט פון די קוואַלן ארום דער שטאָט, פון שלמה המלכס וואַסער־לײַטונג. דאָ אָבער, אין הויף פון כהן גדול, האָט זיך וואַסער געגאָסן פון די פּיל פאָנטאַנען, וואָס זיינען אין דער פאָרם פון בראָנזענע לייבן געשטאַנען בײַ די שווים־בעדער. ספּעציעלע רערן האָבן אָפּגעפירט דאָס וואַסער פון דעם קוואַל, וואָס האָט זיך געפונען אין בית־מקדש, צום כהן גדולס גאָרטן, פּונקט ווי ספּעציעלע רערן האָבן איבערגעפירט דאָס אויסגעגאָסענע בלוט פון די קרבנות דורך די קאַלוזשעס אין אויבערשטן טייל שטאָט צו באַפּעטיקן די גערטנער פון כהן גדול, ווי אויך פון די אַנדערע אריסטאָקראַטישע פאַמיליעס. דורך דעם איז דער פּאַרק פון כהן גדול געווען גוט געפלעגט און פול מיט אָריענטאַלישע פלאַנצונגען און בלומען־בייטן. דאָס וואַסער האָט אָנגעטרונקען די ביימער, די ציפּריס־אַלעען און איבערגעגאָסן די באַסיינען אין די שווים־בעדער. איבער די באַסיינען זיינען ארומגעפלויגן ווײַס־געציכטעטע טירקלטויבן. דאָס איז געווען א נײַעס, וואָס מיר האָבן אין ערגעץ נישט געזען. טויבן־ציכטונג איז געוואָרן אײַנגעפירט אין ירושלים דורך הורדוסן, און וויפיל די געזעצגעבער האָבן נישט מלחמה געהאַלטן קעגן דעם מנהג, האָט זיך דער טויבן־צוכט דאָך אָנגענומען.

ווי אַלע געביידעס אין ירושלים, איז דאָס הויז, אין וועלכן דער כהן גדול האָט געוואוינט, באַשטאַנען אויס שטיינערנע בלאָקן: קיין שום באַפּוצונגען פון דרויסן, נאָר די שטרענגקייט פון געהאַמערטע שטיינער. דרײַ־קאַנטיקע פענצטער־לעכער, אײַנגעפאָסט מיט טײַערן פעניצישן שימערירנדיקן גלאָז, האָבן קאַרג ליכט אין די אינעווייניקסטע רוימען פון דער געביידע ארײַנגעלאָזט. צו דרום־זײַט, מיטן פּנים צום בית־מקדש ארויס, האָט א הויכע פּופּצן־שטיגנדיקע טרעפּ אויס ווײַסן מאַרמאָר

אַרויפֿגעפֿירט צו דער זײַלן־האַליע. די זײַלן־האַליע איז — בײַ אַלע דרײַ זײַטן — באַשטאַנען אויס דרײַ רייען הויכע, רויטע, געשליפֿענע קאַרינטער־זײַלן, אויף די קעפּ האָבן זיי געהאַלטן דעם מעכטיקן געוועלבטן באַלקן אויס צעדערהאָלץ, אין מאָזאַיִק אויסגעזעצט און מיט אַנדערע האָלצן באַדעקט. אַזוי ווי דער באַלקן, איז אויך געווען דער דיל פֿון דער זײַלן־האַליע אויס פֿאַרשידענע קאָלירטע שטיינער אין מאָזאַיִק אויסגעזעצט, וועלכע האָבן פֿאָרגעשטעלט יִדישע מאָטיוון פֿון פֿאַרשידענע חיות און רעליגיעזע סימבאָלן. איבער דעם קאָפּ פֿון דער זײַלן־האַליע, בײַם טרעפּ־אויפֿשטײַג, האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ פּיראַמידע, וואָס האָט פֿאַרענדיקט די פֿאַסאַדע פֿון הויז.

בײַם אַרײַנגאַנג פֿון טויער האָט מיך עמפֿאַנגען דער הויז־אויפֿזעער, אַרומגערינגלט מיט אַ סוויטע קנעכט און באַדינער, ער האָט מיך געפֿירט ביז צום אײַנגאַנג פֿון אינערלעכן הויף. דאָ האָט מיך עמפֿאַנגען דער זעלבער יונגערמאַן, וואָס האָט מיר געבראַכט די אײַנלאַדונג, דעם אַלטן כהן גדולס זון, אין אַ זילבער־פֿעדים געוועבטן כאַלאַט אָנגעטון, צווישן אַ סוויטע באַדינטע, און אַ לאָרבערקראַנץ איז געזעסן איבער זײַן קינסטלעך־געלאָקטן קאָפּ. בײַ דער זײַלן־האַליע האָבן מיך עמפֿאַנגען זײַנע ברידער — אַלע אין אַזעלכע ענלעכע זילבער־בלישטשנדיקע כאַלאַטן אָנגעטון, מיט לאָרבערקראַנצן איבער די געלאָקטע קעפּ, אַלע זיינען געווען זייער הויך, מענלעך, טייל האָבן שוין געהאַט בערד, פֿאַרקעמט און געקניפּט אין כאַלדעאישן סטיל. זיי האָבן מיך באַגלייט איבער די פּופּצן מאַרמאָרנע טרעפּ אַרויף צו דער זײַלן־האַליע. באַדינער אין לײַכטע, דורכזיכטיקע טוניקעס זיינען מיט אָנגעצונדענע מנורות מיר אַנטקעגנגעקומען, כאָטש עס איז נאָך געווען אינמיטן טאָג. דאָס איז געטון געוואָרן צוליב מײַן כבוד וועגן. און מיט די אָנגעצונדענע מנורות האָבן זיי מיך באַגלייט אין דעם רעפּרעזענטאַנץ־זאַל, וואו עס האָבן אויף זייערע טרויק־שטולן געוואַרט אויף אונז דער כהן גדול מיט צוויי בײַזיצערס, צוויי געוועזענע כהנים גדולים — זײַן שוועער חנן מיט זײַן שוואָגער אַליעזר.

דעם אמת מוז איך זאָגן, אַז די גאַנצע צערעמאָניע פֿון דעם עמפֿאַנג האָט מיך אַביסל שאָקירט. די יידעלעך האָבן זיך טאַקע זייער ערנסט געהאַלטן. איך האָב געוואוסט, אַז אַ געוועזענער כהן גדול באַזיצט אַלע רעכט פֿון אַ הערשנדיקן כהן גדול, און די רעכט זיינען כמעט קעניגלעכע. ער האָט רעכט צו טראָגן אַ טיאַרע און מען מוז אים אָפּגעבן כבוד ווי אַ קעניג. אָבער דאָ זיינען געווען נישט איין קעניג נאָר דרײַ אויף אַמאָל — דאָס איז שוין פֿאַר מיר געווען אַביסל צו פֿיל. קודם כל האָט דער רעפּרעזענטאַנץ־זאַל, אין וועלכן זיי האָבן מיך עמפֿאַנגען, געמאַכט אַן אײַנ־

דרוק פון א ריכטיקן טרוין־זאַל. דאָס איז געווען א געשלאָסענער רוים, זייער לאַנג און עטוואָס שמאָל, מיט דריי־קאַנטיקע אויסגעהאַקטע פענצ־טער־לעכער, וואָס זיינען אויך געווען פאַרשטעלט מיט טייערן פע־ניצישן גלאָז און וועלכע האָבן איצט אין דער הערלעכער זון געשפּילט דורכן אויסשטראַלן א שלל פון רייכע פאַרבן. דער זאַל איז באַשטאַנען אויס רויען מאַסיוון גראַניט, אויף וועלכן די דעקאָראַטיווע מאָטיוון האָבן נאָר געהאָלפן ארויסברענגען די ערנסטקייט און די בכבודיקייט פון דער מאַטעריע. די מאָטיוון פון דער דעקאָראַציע האָבן, ווי אומעטום, ביי יידן, פאַרגעשטעלט וויין־בלעטער, הענגל וויינטרויבן, מילגרוימען, געפלאָכ־טענע לולבן, אתרוגים, אויך שופרות און אַראַבעסקן, וואָס האָבן דער־מאָנט אין אויסגעשפּרייטע פליגל פון מיסטישע פייגל. דאָ און דאָרט האָט ארויסגעקוקט פון אן אַראַבעסקן־געוועב א פויגל אָדער א טויב. קיין אנדערע געזיכטער פון לעבעדיקע באשעפענישן האָט מען נישט געזען. די זעלבע מאָטיוון זיינען אויך געווען אויסגעזעצט מיט מאָזאַיק אין דער בלישטשנדיקער פּאָדלאָגע. א זיילן־דורכגאַנג אויס רויטן מאר־מאָר האָט ארומגענומען דעם גאַנצן רוים, און זיי האָבן געטראָגן אויף זייער קעפּ לייכט־בעקנס מיט אייל אָנגעפּולט. אין דעם רוים האָט גע־הערשט א טונקלקייט, כאָטש אינדרויסן איז נאָך גרויסער טאָג געווען און אַלץ איז באַלויכטן געווען נישט בלויז דורך די לייכט־בעקנס איבער די זיילן, נאָר אויך פון מנורות, וואָס זיינען געווען אויפגעשטעלט אויף איידעלע, דינע אַלבאַסטער־זיילן צווישן די מאַסיווע קאָרינטישע בלאָקן און האָבן פאַרשפּרייט א דיסקרעטע ליכט. דאָס איינציקע מעבל פון דעם דאָזיקן רוים איז באַשטאַנען אויס שוי־קאַסטנס, באַשלאָגן מיט זילבער און העלפאַנטביין, אין וועלכע עס זיינען אויסגעהאָנגען געווען די קליי־דער פון די כהנים גדולים. דאָס זיינען נישט געווען די הייליקע לייוו־נטענע קליידער, באַזוימט מיט גאָלדענע גראַנאַטן און קלימפּערלעך, וואָס דער כהן גדול האָט נאָר געטראָגן איינמאָל אין יאָר, ווען ער האָט באַ־טראָטן דעם קדשי־קדשים, און וואָס יידן האָבן געגלויבט, אז זייער גע־זעץ־געבער משה האָט זיי פון הימל אַראָפּגעבראַכט, און צוליב דעם האָבן זיי זיי געהאַלטן פאַר אַזוי הייליק. ניין, יענע קליידער זיינען געווען פאַלקס־אייגנטום, שטאָטלעך, און אַלס אַזעלכע האָבן מיר, רוימער, דאָס רעכט געהאַט איבער זיי צו וואַכן. זיי זיינען געווען, ווי געזאָגט, ביי אונז אויף דער אַנטאָניא אין דעם טורעם איינגעשלאָסן. דאָ אין די שענק זיינען נאָר געווען אויסגעהאָנגען די גאָלדענע קליידער פון יעדן כהן גדול, אין וועלכע ער האָט די עבודה אָפּגעריכט אין די שבתים און ימים טובים און ווען עס האָט זיך אים געוואָלט. דאָס איז געווען זיין פּריוואַט־

אייגנטום. דרײַ אזעלכע שענק זיינען געשטאנען, פאר די דרײַ מיטגלי־דער פון דער פאמיליע, וועלכע האָבן באקליידט דעם דאָזיקן הויכן אַמט. אזוי צווישן די זײַלן מיט די אָנגעצונדענע מנורות האָט מען מיך ארויס־געפירט צו די קעניגלעכע ליג־שטולן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי טרוינען, אין וועלכע עס זיינען געווען אויסגעזעצט אין זילבערנע כאַלאַטן, מיט גאָלדענע טיארעס אויף די פריזירטע האָר, לויטן סירישן סטיל, מיט גע־קניפטע בערד — דער כהן גדול אינמיטן, פון זײַן רעכטער האנט דער אַלטער כהן גדול חנן, פון זײַן לינקער האנט דער עלטסטער זון אליעזר, אויך א געוועזענער כהן גדול, און דערפאר האָט ער אלע טיטולן און אלע רעכט באזעסן.

דער כהן גדול האָט מיך באגריסט מיט א העברעאישן אָדער אַראַמע־אישן שפרוך. דער דריטער זון פון אלטן כהן גדול, טעאָפילוס, האָט עס איבערגעזעצט פאר מיר אין גריכיש. איך האָב אים אָפּגעענטפערט אין גריכיש אויף דער באגריסונג. די דינער האָבן מיר ארײַנגעבראכט א ליג־שטול, און דער כהן גדול האָט מיך אויסגעפרעגט, ווי איך פיל זיך אין ירושלים. ער האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אז ווען אפילו צוליב די יידישע רעליגיעזע מנהגים בין איך באַרויבט אין ירושלים פון די אנשטאלטן, צו וועלכע איך בין געוואוינט פון מײַן היימאט, וועל איך דאָך געפינען אין שטאָט גענוג אינטערעסאנטעס און אויך גענוג געביל־דעטע געזעלשאפט, וואָס וועלן מאכן מײַן אויפהאַלט אין ירושלים אָנ־גענעם. איך האָב אים אָפּגעענטפערט, אז מיר, רוימער, זיצן נישט אין די פּראָווינצן פון רוימס אימפעריע, ווײַט פון אונזער היימאט, כדי זיך צו אמוזירן אָדער צוליב פארגעניגן, נאָר צוליב אונזער פליכט צום קייסער פון רוים. די אוידיענץ האָט, גאָט צו דאנקען, געדויערט נאָר א קורצע ווײַלע. דער כהן גדול האָט זיך אנטשולדיקט, צוליב זײַנע פליכטן מוז ער גיין אין בית־מקדש, וואו עס ווערט אין די פארנאכטן געבראכט דער אָונט־קרבן. ער האָט מיך איבערגעגעבן אין די הענט פון זײַן משפחה, פון זײַן שווער מיט זײַנע שוואָגערס, — און איך בין אים דער־פאר דאנקבאר געווען.

דאָס עסן איז געוואָרן סערווירט, לויט דעם אָריענטאַלישן מנהג, אינדרויסן אין דער זײַלן־האַליע. די דינער האָבן פאר אונז אויסגעשטעלט ליג־שטולן, באַלייגט מיט צידונער געפארבטער לײַוונט. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די ליג־שטולן צום מאָלצײַט און אויף צו באטראכטן ירושלים.

די זײַלן־האַליע איז ארויסגעגאנגען אויף דרײַ זײַטן פון דער שטאָט. ווען מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די ליג־שטולן, האָט זיך פאר אונז

אויפגעעפנט די שטאָט ירושלים מיט איר גאַנצער אומגעבונג. קעגנאיי־
בער אונז איז געלעגן די בריק, וואָס האָט געפירט פון דעם אויבערשטן
טייל שטאָט דורך דער לשכת הגזית צום בית־מקדש־פּלאַץ, מיר האָבן
געזען דאָס באַוועגלעכע רעשדיקע לעבן אויף דער בריק. דאָס אָרט, אויף
וועלכן מיר האָבן זיך געפונען, איז אַזוי הויך געלעגן, אַז מען האָט פון
אים אויך געקאָנט אַראָפּקוקן און באַאָבאַכטן אַלץ, וואָס עס טוט זיך אויפן
הײדן־הויף; ווײַטער האָבן שוין די הויכע גאָלדענע טורעם־טויערן, וואָס
זײַנען געשטאַנען אויף פערצן טרעפּן, ווי די אַרומיקע גאַניקעס אין דער
אינערלעכער מויער, אַלץ פאַר אונז פאַרשטעלט. אויף דער זײַלן־האַליע
איז אָנגענעם געווען צו זיצן: פון די רײַך־קאָלירטע פּרוכתן, וואָס זײַנען
געהאָנגען אַרום די זײַלן, כּדי אונז צו באַשאָטענען פון דעם גליענדיקן
זון־אונטערגאַנג, האָט אַן אָנגענעמער רויזן־געשמאַק, מיט וועלכן די
פאָרהאַנגען זײַנען פּײַכטלעך דורכגעזאַפּט געווען, געקילט די לופט. באַ־
דינער, אין לײַכטע דורכזיכטיקע טוניקעס, האָבן אונז דערלאַנגט גאָל־
דענע בעקנס מיט רויזן־וואַסער און אונז מיט טײַערע צידון־האַנטוכער
געטריקנט. איך האָב אַראָפּגעקוקט אויף ירושלים. די גאַנצע שטאָט איז
געלעגן ווי איין גרויסער באַק־אויוון און האָט געגליט אין דער זון. פון
דעם אונטערשטן טייל פון שטאָט, וואו עס האָט געוואוינט די אָרעמקײַט,
האָבן די ליימענע הײַזלעך ווי אַ לאַווע פון שטיינער זיך אַראָפּגעגאָסן
ביז צו דער מויער און ווײַטער פון דער מויער טיף אַרײַן אין נחל קדרון,
און האָבן אָנגעהויבן אַרויפצוקלעטערן אויפן הר־הזתים. ווי ירושלים
איז נישט געווען אַרומגערינגלט מיט אַ ראַנד פון נאַקעטע זאַמדיקע
בערג, וועלכע זײַנען איצט אין דער אונטערגייענדיקער זון באַלעקט
געוואָרן מיט פֿײַערדיקע צונגען, — איז אָבער פון הר־הזתים און פון
הר הצופים די שטאָט געווען אײַנגעבעט מיט דערפרישנדיקן גרינס.
ציפּריסן־וועלדער, איילבירטן־ און ווײַנגערטנער, פעלדער מיט סעדער
האָבן ווי אַ רייף אַרומגערינגלט די שטאָט מיט אַן אָאַזיס פון גרינס.
ערשט פונדאַנען, פון כּהן גדולס טעראַסע אַראָפּ, האָב איך געזען, ווי
ירושלים איז צעוואָרפן אויף די שפּיץ בערג. די שטאָט איז געגליכן, ווי
אַ הירש וואָלט געשפּרונגען פון איין באַרג איבערן אַנדערן. די בערגלעך
זײַנען באַלייגט געווען מיט צוזאַמענגעבאַקענע טעראַסן־דעכער. אויף
פילע פון זיי האָט מען געזען גערטנער פון אָנגעשטעלטע בלומען־טעפּ
און ביימער, אַנדערע דעכער זײַנען געווען באַשטעלט מיט ציסטערנעס,
די אָנגעמויערטע דעכער האָבן זיך געשטיצט איינס אויפן אַנדערן און גע־
גאָסן זיך אין די טאָלן אַראָפּ. איך האָב מיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט,
אַז ירושלים איז אַזוי ברייט און גרויס. די שטאָט האָט זיך ווי אַן איבער־

געפּלאָסענער טײַך ארויסגעגאָסן פון איר קאַרעטע אויסער די מויערן, פּארכאפּט די גאנצע פלאַך פון הר־הצופים צו דער זײַט, וואו עס האָט זיך אויסגעשפּרייט דער נײַער קווארטאל, אזש נאָך דער אנטאָניא, אויף יענער זײַט שעפּסן־טויער; שוין אָפּגערעדט פון מזרח־זײַט, וואו די שטאָט האָט זיך ארויפגעגאָסן אויפן הר־הזתים, און אזוי אויך צו דרום־צו נאָך דעם גי־הנום, וואו די אָרעמקייט האָט געוואוינט.

אלע דעכער, צווישן די צוימען, גאניקעס אָדער געמויערטע גזימסן, וואָס האָבן זיי ארומגערינגלט, זיינען געווען באלייגט מיט מענטשן, די באפעלקערונג פון ירושלים האָט אויף די דעכער פון די הײַזער געזוכט לופט און דערפרישונג פאר דער היץ, וואָס האָט געשלאָגן פון די צוזאַמענגעבאקענע קאַלך־טעראַסן. אָפּטמאָל האָט געוואשן דאָס אויג א גרין ציפּריסן־וועלדל אינמיטן פון די קאַלך־הײַזלעך ארויס: דאָרט, האָט מען געוואוסט, באהאלט זיך אין שאָטן פון זײַן גאָרטן איינער פון די אריס־טאָקראטן פון ירושלים. אָבער די ציפּריסן־ און איילבירטן־וועלדער און די ווײַנגערטנער זיינען וואָס אמאָל געדיכטער געוואָרן, ווען זיי האָבן זיך ארויסגעגאָסן פון די מויערן־ווענט, וועלכע האָבן מיט שטארקע אָרעמס ארומגעהאלטן די שטאָט.

אונזער מאָלצײַט איז אָנגעגאנגען אין א רואיקן, פאָרנעמען טאָן. מען האָט ווייניק גערעדט בײַם עסן, דאָס עסן איז באהאנדלט געוואָרן ווי א תפילה אָפּריכטן. לעבן דעם פאָטער, צו זײַן רעכטער האנט איז אויס געלייגט געווען אויף זײַן ליג־שטול דער עלטסטער פון זײַנע זין, אליעזר, צו וועלכן די באדינער און די אלע ארומיקע און אויך זײַנע יינגערע ברי־דער האָבן זיך באצויגן מיט רעספּעקט, כמעט ווי צו זייער פאָטער. לינקס פון אלטן האָט מען מײַן ליג־שטול אויסגעשטעלט. קעגנאיבער אונז זיינען די איבעריקע פיר זין געווען אויסגעלייגט. צווישן אונז זיינען אויף טיש־טוך־באדעקטע קליינע טישלעך סערווירט געוואָרן די שפּײַזן אונטער דער שטילער באגלייט־מוזיק פון א האַרפע און א פײַפל, וואָס איז ארויסגעקו־מען פון הינטער א פאָרהאנג. קיין פרויען האָט מען נישט געזען, די סעודה־אָנטיילנעמער, ווי אויך די באדינער זיינען געווען פון מענלעכן געשלעכט.

דאָס עסן, אזוי אויך די כלים, זיינען געווען איינפאך, אָבער מיט פיל געשמאַק צוגעריכט. אזוי ווי אלץ אין דעם הויז, זיינען די כלים אויך געווען געהאַמערט אויס דעם רויען מאטעריאל לויט דער פאָרם, וואָס די כלי באדארף האָבן, אָן שום באפּוצונג, ווי זיי וואָלטן, ווי זייער גאָט, נאָר געוואָלט זיך באדינען מיט דער מאטעריע אליין. דער אלטער כהן גדול האָט נאָכן הענט־וואַשן געבענטשט דאָס ברויט, וואָס מען האָט אים דערלאנגט אויף א גאָלדענער טאַץ, אזוי האָט אויך געטון זײַן עלטס־

טער זון, דער צווייטער כהן גדול, די דינער האָבן דאָס געבענטשטע ברויט ארומדערלאַנגט די סעודה־אָנטיילנעמער. א חוץ חזיר, וואָס דאָס געזעץ דערלויבט זיי נישט, האָט דאָ גאָרנישט געפעלט. עס האָט נישט געפעלט קיין עגיפּטישער פיש, פיש פון טײַך כנרת, פיש פון דער שטאָט עכו, צוגעריכט אויף פארשידענע אופנים, מיט זיסן טייג פארקנעטן, אי אויך אײַנגעפּעקלט, דערבײַ האָט אויך נישט געפעלט דער באזונדערער יידישער רייץ פון קנאָבל און ציבעלעס. נאָך יעדן געריכט האָט מען אונז דערלאַנגט ווײַן צו טרינקען. מערקווירדיק, ווי די יידעלעך האָבן געוואוסט דעם פּאסנדיקן ווײַן צו יעדן געריכט צו דערלאַנגען. אזוי האָט מען אונז דאָס אָפּשטייעכץ פון ווײַסע טרויבן־קערנדלעך, וואָס איז זייער שאַרף און שטאַרק געווען, דערלאַנגט נאָך א פעטן פיש. אומצייליק זיינע געווען די פארשידענע פליישן, וואָס מען האָט אונז סערווירט, מערסטנטיילס פון עופות: פון טויבן, פון הינער, פון גענז אָדער אויך פון ווילדע עופות — פאַזאַנען, אָבער נישט סערווירט ווי בײַ אונז אָדער ווי בײַ די אלעקסענדרינישע קוכערס, וועלכע זיינען געווען אזעלכע בריות צו סערווירן דאָס געקאָכטע עוף אָדער דאָס חזירל, אז עס האָט אויסגעזען ווי לעבעדיק. דאָ איז עס געווען איינפאך צעשניטן, א ביסל צו טרוקן. זיי האָבן פון עוף יעדן טראָפּן בלוט צום ערשט אויסגעזאלצן. אָבער וואָס עס האָט מיר אמבעסטן געשמעקט, איז געווען אזא מין פעט שעפּסן־פלייש, געדעמפּט און אין פארקלעפּטן אויוון געהאלטן איבערנאכט, אזוי אז דאָס פלייש האָט גאָרנישט געהאט פארלוירן פון זײַנע זאפטן דורך דעם צופיל קאָכן, עס איז געווען צוגעקנאָבלט, פארבראָקט מיט ציבעלעס. דער טעם ליגט מיר נאָך ביז הײַנט אין מויל. נאָך יעדער שפּײַז האָבן די דינער די גאָלדענע וואַש־קריגן ארומגעטיילט. אויך האָט מען סערווירט פיל גרינס מיט סאַלאַטן, געקאָכטע און רויע. צווישן די סאַלאַטן זיינען געווען אזעלכע, וואָס מען קען גאָרנישט בײַ אונז, זיי זיינען באשטאַנען אויס שמעקעדיקע רויע געווירץ־פלאנצן, וועלכע זאָלן העלפן דאָס עסן פארדײַען, דאָס מויל אויסרייניקן.

נאָכן עסן האָבן אונז די דינער ווידער דערלאַנגט רויזן־וואסער אין גאָלדענע שאָלן, און פײַן־געוועבטע לײַוונטענע האנטוכער אונזערע הענט צו וואַשן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער געמיטלעכער טייל פון אָוונט. די שטײַפע האלטונג בײַם עסן, דאָס קאָנצענטרירטע באנעמען זיך בײַם טיש, וואָס איז געווען א פאָרזעצונג פון אָפיציעלן עמפּפאַנג, האָט נאָכגעלאָזן. די דינער האָבן די אייל־בעקנס אויף די קאָרינטישע זיילן אָנגעצונדן, וואָרום נאכט־שאָטנס האָבן אָנגעהויבן אײַנצווויקלען ירושלים. אויף אונז האָט אָנגעהויבן אראָפּצורעגענען דאָס ליכט פון די גרויסע

שטערן, וואָס האָבן זיך אָנגעצונדן איבער דעם ירושלימער הימל, און זיך צוזאמענגעמישט מיט דעם דיסקרעטן ליכט פון די אייל־בעקנס און מנורות. אזוי זיינען מיר געווען אויסגעלייגט אין די ליג־בעטלעך און צוגעהערט זיך צום ליַכטן האַרפן־שפּיל פון די שפּילערס. נאָכדעם ווי די דינערשאַפט האָט אָפּגערוימט די רעשטן פון עסן און אוועקגעשטעלט רויכערנדיקע בשמים־פאַנען צווישן די זײַלן, כּדי די לופט אויסצורייניקן, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט נענטער זיך צו באַקענען מיט מײַנע טיש־אָנטיילנעמער.

די פינף זין פון כּהן גדול זיינען אַלע געווען העכסט געבילדעטע מענטשן. אזוי אויך זייערע פרויען, מיט וועלכע איך האָב שפּעטער גע־האַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען. א חוץ דער פאַרבערייטונג פאַר זייער אַמט, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אין בית־מקדש בײַ אַלטע גע־ניטע כּהנים, זיינען זיי אינדערהיים פון גריכישע לערער — שקלאַפן, וועלכע מ׳האָט געקויפט פאַר דעם צוועק — דערצויגן און אויסגעבילדעט געוואָרן אין אַלע וויסנשאַפטן: אין גריכישער געשיכטע, מאַטעמאַטיק, אסטראָנאָמיע און רעטאָריק. זיי האָבן פּערפעקט גערעדט גריכיש, לאַטײַ־ניש און געקענט זייערע ליטעראַטורן. און נישט געקוקט אויף זייער יידישן זשעסטיקולירן מיט די הענט בשעתן רעדן, ווי אויך אויף זייער אַלעק־סאנדרינישן אקצענט, וואָלט מען זיי געקאָנט שווער אָננעמען פאַר יידן, מען וואָלט זיי גיכער געהאַלטן פאַר אשקעלאָנער, פאַר גריכן.

דער אַלטער כּהן גדול האָט זיינע קינדער אויף צו פאַרענדיקן זייער בילדונג געשיקט קיין אַלעסאַנדריע, וואו זיי האָבן אָנטיילגענומען אין אַלע ספּאָרטן. זיי האָבן פאַרמאָגט גוטע אַטלעטישע קערפּער, געווען זייער הויך, אָבער נישט צופיל מוסקולירט. דער ייִנגסטער חנן, איז גע־ווען דער ליבלינג פון פאָטער, ער האָט אים גערופן מיט זײַן אייגענעם נאָמען. ער איז אויך ענלעך געווען צום אַלטן מער פון די אנדערע ברידער: די זעלבע ענערגישע ליפּן און גאָמבע; אין זײַנע געקרײַזלטע שווארצע לאָקן, צעוואָרפן איבער זײַן קאָפּ, האָט ער, פּונקט ווי זײַן פאָטער, אויסגעזען ווי א לייב.

ער האָט מיך אויסגעפרעגט איבער די לעצטע פּאָליטישע נײַעסן פון רוים, אין וועלכע — עס זעט זיך אויס — ער איז זייער פאַראינטערע־סירט געווען; געוואָלט וויסן וועגן קייסער, וועלכער געפינט זיך אין איינזאַמקייט אויף קאַפּרי און צי מען ווייסט שוין, ווער עס וועט זײַן זײַן נאָכפאָלגער; צי סעיאַנוס, טיבעריוסעס בעל־יועץ, האָט נאָך אן אײַנ־פלוס אויפן קייסער. די אנדערע ברידער זיינען מער פאַראינטערעסירט געווען אין ספּאָרט, זיי האָבן דוקא געוואָלט וויסן וועגן די לעצטע ספּאָרט־

בײַעסן אין רוים, ווי עס הייסט דער פּאָפּולערער גלאַדיאַטאָר און צי איך האָב אים געזען קעמפן; זיי האָבן געוואָלט וויסן ווען דער קייסער וועט ווידער אײַנאָרדענען שפּילן פאַרן פאָלק.

דער אלטער כהן גדול האָט געלאָזט צורוקן מײַן ליג־בעטל צו זײַנעם און אונטערגעהאלטן זיך מיט מיר וועגן דער לאַגע אין לאַנד, וועגן די צרות, וואָס עס פאַרשאַפן אים די אומרואיקע גלילער. איך בין געוואָר געוואָרן, אַז עס האַנדלט זיך ווידער וועגן איינעם פון יענע פאַנאַטיקער אָדער באַזעסענע, וועלכע רעדן זיך אײַן, אַז זיי זײַנען באַאויפטראַגט פון דער געטלעכקײַט מיט אַ נביאות, צו ברענגען גאָטס וואָרט צו די מענטשן. דאָסמאָל האָבן זיי צו טון געהאַט מיט זייער אַ געפערלעכן פּערסאָנאַזש, ווײַל ער האָט געוואונען גרויס אָנזען אין פאָלק, דאָס פאָלק האָט גע־גלויבט, אַז ער איז די פאַרקערפּערונג פון גרויסן נביא זייערן, וועלכער איז אַמאָל געווען בײַ זיי מיט דורות צוריק און גרויסע וואונדער באַוויזן און איז איצט צוריקגעקומען אין לעבן אַרײַן און טראָגט די בשורה פון גאָט פאַר זייער אויסלייז.

די קינדער אָבער, ליגנדיק אין זייערע ליג־בעטלעך אין דער זײַלן־האַליע, האָבן איצט גערעדט וועגן עפּעס אַ יוחנן, וועלכן זיי האָבן גערופן „דער המטביל", ווײַל ער האָט אויפגעפאָדערט דאָס פאָלק טובל צו זײַן זיך און צו רייניקן פאַר דעם אָנקומען פון זייער משיח. איך אַליין האָב זיך נישט באַטייליקט אין דעם געשפּרעך. זיי האָבן עפּעס צוליב אַ טעם, וואָס איז מיר אומבאַקאַנט, די גאַנצע מעשה וועגן דעם יוחנן המטביל געוואָלט פאַרשווײַגן פאַר מיר, אויסבאַהאַלטן פאַר דעם גוי... די קינדער פון כהן גדול האָבן גערעדט מיט מיר וועגן ספּאָרט, וועגן גלאַדיאַטאָרן, אָלימפּן־שפּילן. איך האָב אַ חשד, אַז זיי האָבן מיך אַרײַנגעצויגן אין דעם גע־שפּרעך, כדי כ'זאָל זיך נישט צוהערן צום פלּיסטערן, וואָס עס פירט צווישן זיך דער אַלטער חנן מיט זײַן זון, דעם געוועזענעם כהן גדול. איך האָב געפלוידערט מיט די יונגעלײַט וועגן ספּאָרט, אָבער אייניצײַטיק וואַך געהאַלטן מײַן אויער אויפן פליסטערן וועגן דעם געשעעניש, פון וועלכן עס רעדן די עלטערע.

— פונוואַנען קומט ער, זאָגסטו? — פרעגט דער אלטער כהן גדול זײַן עלטסטן זון אויף אַראַמעאיש, אין וועלכן זיי האָבן געפירט דאָס שטילע געשפּרעך, כדי איך זאָל נישט פאַרשטיין, אָבער איך האָב שוין אָנגעהויבן דענסטמאָל אַביסל צו פאַרשטיין זייער זשאַרגאָן.

— פון גליל.

— פון גליל? —לאַכט דער אלטער כהן גדול און זײַן געקניפּטע אַראַמעאישע באָרד שאָקלט זיך — „קאָן דען עפּעס גוטס אַרויסקומען

פון גליל?״ — זאָגט דאָס שפּריכוואָרט.

די יידעלעך האָבן געמיינט, אז איך הער זיך נישט אײַן. אָבער גע־רעדט האָב איך מיט טעאָפילוס און פארציילט האָב איך דעם ייִנגערן, חנבען, פון דעם לעצטן הויף־סקאנדאל, און מיט איין אויער האָב איך זיך צוגעהערט צו דעם געשפּרעך פון די עלטערע און איך האָב זיך אָנגערופן:

— איז עפּעס פאָרגעקומען באַאומרואיקענדעס אין דער פּראָווינץ פון טעטראַרך?

— באַאומרואיקענדעס? אויף קיין פאל נישט. איבריקנס, געהע, דאָס נישט צו אונז און מיר האָפן, אז דער טעטראַרך הורדוס אנטיפּאס וועט זיך אליין קאָנען אן עצה געבן קעגן די אויפרודערנדיקע עלעמענטן, וואָס ער האָט שוין נישט איין מאָל באוויזן — האָט דער עלטסטער פון די כהנים מיר אָפּגעענטפערט. — מיר רעדן וועגן גליל און וועגן די אומרואיקע געמיטער פון די גלילער. אלדאָסבייז קומט פון דאָרט. זיי מאכן אונז אָן צרות און אומזיכער דאָס לעבן: דאָ רויבער־באנדעס, אָן אנדערש מאָל א משיח... אָך, די פאנאטישע לײַכט־גלויביקע, וועלכע לאָזן זיך פארפירן פון אלע אוואנטוריסטן; נישט נאָר די קנאים, נאָר אויך די איבערגעטריבענע נארישע חסידים — די עסייער, וועלכע האלטן זיך אין איין טובלען, קומען ארויס פון גליל. זיי טובלען אלץ — זייערע לײַבער, זייערע כלים, באלד וועלן זיי די זון און די לבנה אויסטובלען אין וואסער — לאכט דער עלטסטער כהן גדול צו דער פרייד פון זײַנע קינדער.

— אָ, איר מיינט די, וועלכע באקליידן זיך מיט דער פעל פון חיות, וועלכע איך זע אָפטמאָל אין בית־מקדש־הויף ,די אויסגעדארטע, מיט ברענענדיקע אויגן! דערקלערט מיר, ווער זיינען זיי דאָס אזעלכע, אין וואָס גלויבן זיי ?

— זיי שרײַבן צו דער אומשטערבלעכער געטלעכקייט מענטשלעכע קליינלעכע שוואכקייטן, זיי נידערן אראָפּ די געטלעכקייט צו די אינטע־רעסן פון די מענטשן — דערקלערט מיר דער עלטסטער פון די כהנים.

— אזוי גלויבן זיי, למשל, אז דער אלמעכטיקער גאָט, וואָס האָט געמאכט זײַן וואוינונג אין אונזער הייליקן בית מקדש, האָט מער גאָרנישט וואָס צו טון נאָר צו אינטערעסירן זיך מיט פּריוואַטע אָנגעלעגנהייטן פון יעדן יחיד. אנשטאָט צו לענקן די גאנצע וועלט, צו אנטשיידן די מזלות פון אלע פעלקער און אכטונג צו געבן אויף זײַן באליבט פאָלק ישראל, בא־שעפטיקט ער זיך גאָר מיט דעם מזל פון יעדן יחיד!... ער אינטערע־סירט זיך מיט אים נישט נאָר אויף דער וועלט, נאָר ער זעצט אים נאָך ארײַן אין א גן־עדן פאר זײַנע גוטע מעשים אָדער ער שיקט אים אין א

קעסל־גרוב, וואָס הייסט גיהנום, פאר זײַנע שלעכטע מעשים. און נאָך אזעלכע נארישקייטן, וואָס מיר געפינען גאָרנישט אין דער הייליקער תורה. און אויב דאָס איז נאָך ווייניק, גיבן זיי צו דער געטלעכקייט א גאנצן שטאָב פון גוטע און שלעכטע רוחות, וועלכע פירן אויס גאָטס געבאָטן. זיי גייען אזוי ווײַט, אז זיי טראָגן איבער די השגחה פון גאָט — פון גאנצן כלל ישראל, וואָס איז דער יורש פון אברהם, יצחק און יעקב, אויף זייערע אייגענע קליינלעכע פריוואטע אינטערעסן, — פארענדיקט מיר דער אלטער כהן גדול אין זײַן אסירישן גריכיש.

— אָבער דאָס איז דאָך גאָט־לעסטערונג! פארוואָס לאזט איר דאָס צו? פארוואָס פארפאָלגט איר זיי נישט פאר אזעלכע אַטעאיסטישע אידעען? — רוף איך זיך אָן.

— גאָט־לעסטערונג קאָן מען דאָס נישט אָנרופן, און פארפאָלגן זיי צוליב דעם קאָנען מיר אויך נישט. לײַדער זיינען זיי נישט די איינציקע, וואָס גלויבן אין די דאָזיקע נאַרישקייטן, אז דער מענטש לעבט נאָך א צווייט לעבן אויף אן אנדערער אויסגעטראַכטער וועלט און זײַן נשמה ווערט אין די הימלען גערייניקט. לײַדער געפינט זיך בײַ אונז א גאנצע סעקטע, און דאָס זייער אָנגעזעענע מענטשן, וועלכע האָבן א גרויסן און שעדלעכן אײַנפלוס אויפן פאָלק, זיי גלויבן אויך אין די זעלבע שטותים — פארציילט מיר ווײַטער דער אלטער כהן גדול, — דאָס זיינען די שריפט־פאָרשער, די פ ר ו ש י ם, וועלכע טײַטשן אויס די ווערטער פון דער תורה נישט לויט דעם פשוטן פשט, נאָר לייגן ארײַן אין זיי זייערע אייגענע געדאנקען, וועלכע זיינען אויסדריקלעך קעגן משה׳ס לערע. לײַדער קאָנען מיר גאָרנישט קעגן דעם אויפטון. דאָס אומוויסנדיקע פאָלק איז אויף דער זײַט פון די געזעץ־אויסטײַטשער, און ווען מיר וואָלטן זיי פארפאָלגט — ווי עס איז טאקע זייער אָפט פאָרגעקומען אין דער פארגאנגענער צײַט — איז דאָ א געפאר פון שפאלטן די נאציע, און דאָס ווילן מיר אויסמײַדן.

מיר, די צ ד ו ק י ם, זען נישט קיין סתירה צווישן אונזער לערע און דער רוימישער מאכט איבער אונז. מיר טיילן שטרענג אָפּ רעליגיע פון ציווילער מאכט. מיר גלויבן, אז גאָט מישט זיך נישט ארײַן אין די מענטשלעכע געשעענישן, ער לאָזט פרײַ איבער דעם מענטש זײַן אייגן לעבן אײַנצואָרדענען ווי ער וויל. גאָט גייט נאָר אָן זײַן עבודה אין בית־מקדש, דאָס איבעריקע גיט ער איבער דעם מענטש אײַנצואָרדענען, ווי ער געפינט פאר נייטיק. אָבער די אנדערע—אָך, וואָס פארא פאנטאסטישע האָפענונגען זיי פארבינדן אלץ נישט מיט דעם קומען פון זייער משיח! און אויף וואָסארע געפערלעכע וועגן דאָס קאָן פירן, וועג דעם וויל איך שווײַגן.

— דאָס הייסט, אויפשטאנד קעגן רוים? — פרעג איך.

— אויפשטאנד קעגן רוים וועל איך דאָס נישט אָנרופן, נאָר זייער פאנטאזיע גייט אביסל צו ווײַט. מען באדארף ווידער אזוי ערנסט נישט נעמען די שטותים זייערע. איר האָט שוין געהערט: זייער משיח וועט די טויטע פון קבר אויפוועקן!...

— פארוואָס קאָנען זיי זיך נישט בארואיקן? — פרעגט דער יינגס־טער זון חנן בן חנן מיט א חלף־גלאנץ אין זײַנע בלישטשנדיקע אויגן, וואָס האָבן באַאומרואיקט און עדות געזאָגט אויף זײַן כאראקטער — וואָס ווילן זיי?

דער פאָטער האָט געקוקט אויף זײַן יינגסטן זון מיט רירנדיקער צערטלעכקײַט.

— תינוק, עס זיינען דאָ שלעכטע מענטשן אויף דער וועלט, וואָס ווילן זיך נישט באגנוגענען מיט דעם, וואָס זיי האָבן און ווילן שטענדיק מער אָדער אַנדערש זײַן, ווי דאָס מזל און די באשערטקייט האָט פאר זיי באשטימט. עס איז זיי וויניק די וועלט, וואָס גאָט האָט זיי געגעבן, ווילן זיי נאָך האָבן א צווייטע וועלט!...

— און פארוואָס לאָזט עס דער כהן גדול צו? אך, וואָלט איך געווען דער כהן גדול, וואָלט איך שוין געוואוסט וואָס איך האָב צו טון! —

— דו וועסט זײַן, מײַן קינד, מיט גאָטס הילף א כהן גדול און וועסט אויך נישט אנדערש האנדלען ווי דײַן געליבטער שוואָגער. מיר זיינען געבונדן מיט דעם הויכן אַמט, וואָס די געטלעכקײַט האָט פאר אונז בא־שטימט, און דאָן — אונזערע משפטים! אך, אונזערע קעגנער, די סנ־הדרישע מיטגלידער פון די פּרושים, פארשווערן אזוי די פּראָצעדור פון יעדן קרימינעלן משפט און איבערהויפּט א משפט, וואָס האָט צו טון מיט א פארברעכן, פאר וועלכן עס דראָט דער טויט, מאכן זיי אלע מניעות בײַם עדות אויסזאָגן, באשטייען אויף אזעלכע דעטײַלן און ווייסן אזוי אויסצוטײַטשן דאָס געזעץ, אז זיי לאָזן שטענדיק אָפן א לאָך, דורך וועלכן דער פארברעכער קאָן אַנטרינען. דאָס פארשווערט אונזער קאמף מיט די געפערלעכע עלעמענטן און פארניכטעט אונזער גאנצן אָפּווער־סיסטעם קעגן פארברעכער און לעסטערער, וואָס אונזער הייליק געזעץ און טראַ־דיציע גיט אונז אין אונזערע הענט.

— נו, — רוף איך זיך אָן, — אויב דאָס יידישע געזעץ איז נישט אימשטאנד די רו אין ירושלים אײַנצוהאלטן, וועלן מיר עס באדארפן טון!

נאָר קוים האָב איך די ווערטער אויסגערעדט, האָב איך געזען, ווי דער אלטער כהן גדול איז בלייך געוואָרן, די זין זיינען געוואָרן אומרואיק און זיך אָנגעקוקט איינער דעם אנדערן...

פון דער גאס האָט זיך דערטראָגן צו דער אָפענער זײַלן־האַליע א געברום ענלעך צו א געשריי. איך האָב נישט פארשטאנען דעם אינהאַלט פון די ווערטער, זיי זיינען געווען אין אראמעיש, ווי אויך צוליב דער ווײַטקײַט, פונוואנען דאָס געשריי איז געקומען, האָב איך נישט גוט גע־הערט די ווערטער. נאָר אין די פּנימער און אין די מינעס פון דעם אַלטן און זײַנע זין האָב איך פארשטאנען, אז עס איז געווענדט קעגן זיי. די דינער זיינען באַלד אָנגעקומען צו לױפן און פארוקט די פּאָרהאנגען צווישן די זײַלן, כדי נישט צו הערן דעם שלעכט־אָנזאָגנדיקן צאָרן פון דער גאס ארויס.

א מינוט איז דער עולם געזעסן אין א געדריקטער שטילקייט, אָבער דער אַלטער האָט געפונען דעם טאָן:

— דאָס איז דערפאר, ווײַל איך האָב אײַך אײַנגעלאַדן צו עסן מיט מיר בײַ איין טיש.

— מעג איך וויסן דעם אינהאַלט פון זייערע ווערטער?

די קינדער האָבן זיך איינס דאָס אנדערע אָנגעקוקט אומבאקוועם און געשוויגן.

— ער מעג עס וויסן, פארוואָס נישט? — זאָגט דער אַלטער — דאָס איז א שפּאָט־ליד קעגן די כהנים גדולים, אזוי ווײַט זיינען מיר שוין געפאַלן אין ירושלים! טעאָפילוס, זאָג דעם באַאמטן פון רוים דעם אינהאַלט פון שפּאָט־ליד, וואָס מען זינגט אין ירושלים אויף דער העכסטער מאכט, איך מיין, פארשטייט זיך, אויף דער העכסטער מאכט פון די יידן — פארענטפערט זיך באַלד דער אַלטער — אויפן כהן גדול!...

טעאָפילוס האָט מיר דעם אינהאַלט פון דעם ליד איבערגעזעצט אין לאטײַניש. עס האָט מער אָדער ווייניקער געקלונגען אזוי:

ווײ איז מיר פאר דעם הויז פון ביתוס,
ווײ איז מיר פאר זייערע בלײַערנע קאַנטשוגעס.
ווײ איז מיר פאר דעם הויז פון חננס,
ווײ איז מיר פאר זייערע מסירות.
זיי אַליין זיינען כהנים גדולים,
זייערע זין האָבן זיי געמאכט פאר קאַסירערס,
זייערע איידעמס — פאר גבאים,
און זייערע קנעכט שלאָגן אונז מיט שלעגלען און בלײַ־בינטלעך.

— דאָס מיינען זיי אונז, די כהנים גדולים, און דאָס איז א באצאָלונג פאר דער געטרײַשאפט, מיט וואָס מײַן הויז דינט דעם פאָלק!

— מען וועט באדארפן אין ירושלים אָרדענונג מאכן! — האָב איך דעם אַלטן כהן גדול פארזיכערט.

דער אַלטער האָט מיטן קאָפּ ערנסט צוגעשאָקלט, די קינדער פון כהן גדול האָבן מיך געגלעט מיט זייערע וואַרעמע, דאַנקבאַרע בליקן.

קאַפּיטל אַכט

קאָרנעליוס באַקענט זיך מיט דער לאַגע אין ירושלים.

איך האָב ביסלעכווײַז אָנגעהויבן צו באַקענען זיך מיט דעם פֿאָלק, צווישן וועלכן איך בין פאַרשיקט געוואָרן. איך האָב אָנגעהויבן אַרײַנ־צודרינגען אין זייער לעבן, געוואָר ווערן וועגן זייער אַרט דענקען, פֿור־נאַנדערצוקלײַבן זיך אין דעם לאַבירינט פון זייערע פּאַרטייען און אײַנגעוואוינען זיך צו זייערע מנהגים און אויפפירונגען. אזוי לײַכט איז עס מיר נישט אָנגעקומען, זיי זיינען פאר א פרעמדן פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער, בפרט נאָך פאר א רוימישן פונקציאָנאַר. עס האָט אָפּ־געדויערט חדשים, אפילו יאָרן, איידער איך האָב געקאָנט צושטעלן מײַן ראַפּאָרט פּילאַטוסן. עס איז געווען גענוג, אז זיי זאָלן פונדער־ווײַטנס דערזען דעם אָפּבליאַסק פון מײַן פאַנצער בעתן דינסט אָדער מײַן טאָגע אין געוויינלעכע טעג, אז זיי זאָלן מיר פון וועג אָפּטרעטן און אנטלויפן וואו דער פעפער וואקסט. דאָך איז מיר געלונגען איינ־ציקווײַז זיך צו באַקענען מיט זיי און זיי צוגעוואוינען צו מיר. איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר וויפיל דאָס פאָלק איז מיר פרעמד און אָפּ־שטויסנדיק, האָט עס מיך שטענדיק דאָך געצויגן צו זיי. זיי האָבן מיך אינטערעסירט פון ערשטן אויגנבליק אָן, וואָס איך האָב זיך באַקענט מיט זיי. איך האָב געהאט פיל צו טון מיט די העכערע באַאַמטע פון בית־מקדש און האָב אויך פאַרקערט אין אייניקע הײַזער פון דער הע־כערער אריסטאָקראַטיע אין דעם אויבערשטן טייל פון שטאָט. איך האָב מיר אויך געוואונען איבערגעגעבענע פרײַנד צווישן די אוי־בערשטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. די צוויי יינגסטע זין פון אַלטן כהן גדול חנן זיינען מיר, איבריקנס, זייער באהילפיק געווען אין מײַן אָריענטירן זיך צווישן דער פרעמדער, פײַנדלעכער באַפעל־קערונג. איך האָב באַקומען פון זיי א סך אינפאָרמאַציעס, וואָס זיינען מיר אין מײַן דינסט זייער צונוץ געקומען.

אויסערדעם האָב איך זייער גערן געהאַט ארומצולויפן איבער דער שטאָט און זיך באַקענען מיט איר לעבן. איך האָב זיך געפונען אי צווישן די פּאַלאַצן פון דער אריסטאָקראַטיע און אי צווישן די פאַרוואָרפנסטע

און אָרעמסטע ווינקעלעך אין דעם אונטערשטן טייל שטאָט, וואו מען האָט זיך געקאָנט באַקענען מיטן לעבן פון די יידישע מאַסן. אין דעם דאָזיקן קוואַרטאַל איז געווען דער מאַרק־פּלאַץ פון ירושלים, דאָ האָט מען געקאָנט הערן דעם אָטעם פון דער שטאָט. דאָס איז אייגנטלעך נישט געווען קיין פּלאַץ, נאָר אַ ברייטע, לאַנגע גאַס, וואָס האָט זיך געצויגן לענגאויס דעם גאַנצן אַלטן טייל פון שטאָט. מערסטע טייל געוועלבער זײַנען דאָרט געווען. דאָ אַהער האָבן די פישער פון כנרת ביז די פישער פון עכו געבראַכט זייערע פרישע און געזאַלצענע סחורות, אויף וועלכע די ירושלימער זײַנען געווען אַזעלכע בעלנים. דאָ האָבן די פּאַרמערס פון שרון אַהערגעבראַכט זייערע אָן אַ שיעור גרינוואַרג צו פאַרקויפן. מען האָט דאָ געזען די פאַרשידנאַרטיקסטע מינים און פאָרמען פון פרוכטן און גרינסן, וואָס מען זעט אין ערגעץ נישט. דאָ האָבן די גערטנער פון אַרום ירושלים אַרויסגעטראָגן זייערע מיט האָניק טריפנדיקע פײַגן, וועלכע זײַנען געווען ווי פעטע אייטערס. די גערטנער פון אַרום ירושלים זײַנען אָנגעטרונקען געוואָרן מיטן בלוט פון די קרבנות, מיט וועלכע די ערד איז רײַכלעך געזעטיקט געווען. דורך דעם זײַנען די פירות אַרום ירושלים געווען רײַך מיט זאַפט און האָניק. אַזעלכע גרויסע הענגל ווײַנטרויבן, ווי מען האָט דאָ אָנגעטראָפן, האָט מען אין ערגעץ נישט געפונען. דאָ אויפן מאַרק, אינדרויסן אויף די טראָטואַרן, אונטער באַדעקעכץ פון טרוקענע פּאַלמען־צווײַגן אָדער אין בײַדלעך מיט זעק באַהאָנגען אָדער אונטער אַרקאַדן־זײַלן זײַנען געווען אויסגעזעצט די בעלי־מלאכות און געטון זייער אַרבעט עפנטלעך: די פאַרבערס, די אייל־קוועטשערס, די וועבערס (ביטערע יונגען זײַנען דאָס געווען די וועבער־יונגען, מיר האָבן פון זיי גרויסע צרות געהאַט), די שנײַדערס, די סאַנדאַל־מאַכערס, וועלכע האָבן אויפן אָרט די מאָס גענומען פון די פיס פון די דאַמען, דערבײַ נישט צו קוקן אויף די פּרויען (די מערסטע סאַנדאַל־מאַכער זײַנען געווען פרומע לײַט). דאָ האָבן זיך אויך געפונען די זאָטל־מאַכערס, די געצעלטן־מאַכערס, הײַנט די פּערפום־פאַרקויפער, וועלכע זײַנען בײַ די יידן פאַרעכנט געווען פאַר זינדיקע לײַדאַקעס דערפאַר, ווײַל זיי האָבן צו טון מיט ווײַבער און זײַנען שטענדיק אין דער געפאַר פאַרפירט צו ווערן; אַ חוץ דעם אָן אַ שיעור אייל־הענדלער, איצט וויפיל האָניק־קריגן און ווײַנען. פון די ווײַנען פון דער פּראָווינץ שרון ביז צו די טײַערע ווײַנען פון ציפּריס, די באַרימטע ווייצן פון אפרים, וועלכע זײַנען רײַך אין מעל, קערנדיק, שווער אין דער וואָג, און די באַרימטע טייטלען פון יריחו.

די בעלי מלאכות, אפילו ווען זיי האָבן נישט געאַרבעט, האָט מען דערקענט אויף זיי זייערע פּראָפעסיעס. די פאַרבערס זיינען ארומגעלאָפן מיט קאָלירטע פעדעם, אדורכגעצויגן דורך די לעפּלעך פון זייערע אויערן, די שניידערס האָבן געטראָגן די נאָדלען אין זייערע קליידער. און היינט די שרייבערס! אויף יעדן עק פון דער גאס האָט מען זיי געזען זיצן מיט די גענזענע פעדערס הינטער זייערע אויערן אויף קליינע בענקלעך און האָבן פארקויפט אויף פארמעט געשריבענע שטי־קער פון די הייליקע שריפטן, די „שמע׳ס״, וואָס די יידן האָבן גע־טראָגן אין לעדערנע קעסטלעך אויף זייערע הענט און קעפּ, אָדער פסוקים און שפּרוכן פון זייער געזעצגעבונג, — וואָס זיי האָבן גע־לערנט זייערע קינדער פון אויסנווייניק. ווארום אין יעדער גאס האָבן זיי געהאַט אין ירושלים זייערע שולן און בתי־מדרשים, וואוהין זיי האָבן געבראכט זייערע קינדער צו לערנען. איז א מוטער ארויסגע־גאנגען קויפן ברען־אייל פאר דעם נאכט־לאָמפּ (די ווייבער האָבן גע־מוזט פון זייערע אייגענע פארדינסטן אָפּשפּאָרן אויף צו קויפן אייל צו באלייכטן זייערע נאכט־לאָמפּן), אזוי האָט זי שוין איינצייטיק איינ־געהאנדלט א „שמע״ אָדער א הייליקן פסוק אויף פארמעט געשריבן פאר אירע יונגע קינדער. אָפטמאָל האָבן געלערנטע מענער פארפירט גאנצע דיסקוסיעס מיט די שרייבערס ביי זייערע שרייב־שטענדערס, אין דעם גערויש פון מארק, איבער דעם אויסלייגעכץ פון זייער שריפט. און היינט די געלט־טוישערס! מען האָט זיך גאַרנישט געקאָנט פון זיי אָפּיאָגן, אומעטום האָט מען זיי אָנגעטראָפן מיט דינרס אין די אויערן אריינגעשטעקט, און געקלימפּערט מיט זייערע זעקלעך געלד. און צווישן דעם דאָזיקן טומל און הו־הא האָבן זיך ארומגעדרייט די מס־אויפמאָנערס, די מוכסים מיט זייערע שילדלעך אויף די ברוסטן און מיט די זעקלעך געלט, וואָס זיי האָבן אויפגעמאָנט פון די אָפּצאָלונגען, די כהנישע שוטרים אָדער שמשים מיט די לעדערנע פאַסקעס אין די הענט, וואָס האָבן אויפגעמאָנט די תרומות און מעשרות פארן כהן. און קוים האָבן זיי אויסגעפונען, אז דער באטרעפנדער פויער אָדער גערט־נער האָט נישט אָפּגעגעבן דעם כהן דאָס זייניקע, האָבן זיי דערקלערט די סחורה פאר טרפה, פאר פסול און קיינער האָט שוין נישט געוואַגט זיך צוצורירן צו זיי.

פאר יעדער מלאכה איז געווען א באזונדער געסל. אין פארבער־געסל האָט מען געקאָנט אָנטרעפן אָפטמאָל אויף טייערע געפארבטע פורפור־שטאָפן פון צור און צידון אָדער אויף ווייסע שעפסענע וואָלן פון סיריע און לבנון־בארג, אויף די הערלעכסטע זיידן־שטאָפן, וואָס

מען האָט געבראַכט פון פּערסיע. אין בשמים־געסל האָט מען געקאָנט אײַנעטעמען די גערוכן פון די איילן, און אָן א שיעור זיינען געווען די סאָרטן איילן, וואָס זיי האָבן באַנוצט, פון אויסצושמירן זייערע סאַנדאַלן, פון צו ברענען אין זייערע לאָמפּן ביז צו די פײַנסטע פּאַרפומען פאַר די כלות און און די מתים צו באַזאַלבן; צענדליקער נעמען האָבן זיי פאַרמאַגט פאַר די איילן. אין גאָלדשמיד־געסל האָט מען טײלמאָל געקאָנט אָנטרעפן אויף א מײַסטערשטיק פון פײַנער קינסטלערישער אויסאַרבעטונג פון מעסעפּאָטאַמיע, אַלעקסאַנדריע, אַנטיאָכיע אָדער גאָר פון א גריכישן אינזל. מען האָט אפילו געקאָנט אָנטרעפן אויף שטיין־ און שטאָפן־כלים און געווער, אויף פוטערס און פעל, וואָס שטאַמען אָפּ פון די ווײַטסטע פּראָווינצן, פון גאַליע, פון בריטאַניע און שפּאַניע.

ירושלים איז געווען א וועלט־שטאָט. דאָס בית־מקדש האָט צוגעצויגן צו זיך עולי־רגלניקעס פון די ווײַטסטע טיילן פון דער אימפּעריע און אויסער איר. די עולי־רגלניקעס האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט די מאַטעריאַלן פון זייערע לענדער און האָבן זיי איבערגעלאָזט אין שטאָט. אָ, עס איז געווען אַמוזאַנט אַרומצודרייען זיך צווישן דעם שלל פון פאַרבן און קאָלירן, וואָס שטאַמען אָפּ פון אַלע טיילן פון דער וועלט, ווען נישט דער אומרואיקער גײַסט, וואָס האָט די מענטשן באַוואוינט און וואָס האָט זיי קיין מנוחה נישט געגעבן...

דאָס הויפּט־לעבן פון די פּרעמדע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דעם היידן־הויף, וואָס האָט אַרומגערינגלט דאָס בית־מקדש. עס איז מיר זייער אָפט אויסגעקומען פאַרבײַצוגיין דעם אויסערלעכן הויף, וואו דאָס גײַסטיקע לעבן פון די יידן און דער צופלוס פון די פּרעמדע האָט זיך צום מײַסטן קאָנצענטרירט. אײַנקוואַרטירט בין איך געווען אויף דער אַנטאָניאַ, אונזערע ביוראָס אָבער, אונזערע שטײַער־אַמטן, מיליטער־פאַרוואַלטונג, פּראָוויאַנט־מאַגאַזינען, זיכערהײַט־אַגענטן — אַלץ האָבן מיר געהאַט אין די אומהיימלעכע גרויסע געביידעס, וואָס האָבן זיך געפונען אַרום דעם אַלטן הורדוס־פּאַלאַץ, אין וועלכן אונזער פּראָקוראַטאָר האָט געוואוינט, ווען ער איז געקומען יום טוב צײַט קיין ירושלים. איך האָב געהאַט אפילו א נענטערן וועג צו דערגרייכן פון דער אַנטאָניאַ צום הורדוס־פּאַלאַץ דורך דעם נײַעם שטאָט־טייל (צוליב זיכערקײַט האָבן מיר געמאַכט א סטראַטעגישע פאַרבינדונג צווישן דער אַנטאָניאַ־פעסטונג פון אונזערע קוואַרטירן און דעם הורדוס־פּאַלאַץ), אָבער איך האָב ליב געהאַט אַדורכצוגיין פון דער אַנטאָניאַ צו אונזערע קוואַרטירן אין דער שטאָט — דורך דעם בית־מקדש־הויף, כדי צוצוקוקן זיך צום לעבן, וואָס שפּילט זיך דאָרטן אָפּ. בעת אינדרויסן פון

דער שטאָט האָט מען געקאָנט איבעראַשט ווערן פון א קאַראַוואַן פון קעמלען, וואָס קומען אָנצוציען פון א ווײַטער פּראָווינץ מיט טײַערע מתנות אָנגעלאָדנט, פּירנדיק אויף זייערע שטאָלצע הויקערדיקע רוקנס א באַצירטן עקזאָטישן מאַן, וואָס קומט קיין ירושלים עולה־רגל זײַן.

— האָבן מיר דאָ אין דעם היידן־געסל אָנגעטראָפן אויפן גאַנצן קאָ־כעדיקן און גײַסטיקן לעבן פון די יידן. א חוץ דעם האַנדל מיט די קליינע קרבנות, מיט טויבן, מעל און וואויל־שמעקנדיקע בשמים, א חוץ די געלט־טוישערס, האָבן זיך אויך דאָ צווישן די זײַלן־שאָטנס אין די זומער־טעג, — אונטער די באַדעקטע האַלך־געזימסן — אין די רעגן־טעג, אויפגעהאַלטן די געזעץ־אויסטײַטשער, די געלערנטע, וויזיאָנערן, משיח־פּרעדיקער, וועלכע האָבן צוגעצויגן פיל פאָלק, סײַ אָרעם, סײַ רײַך, היימישע בעלי־מלאכות אין זאַק־קליידער, צוגע־וואַנדערטע עולה־רגלניקעס אין רײַך־געפאַרבטע לײַוונטן, וועלכע האָבן זיך צוגעהערט צו זייערע רייד מיט א הילכיקער שטילקייט.

מען האָט זיי באַדאַרפט זען אין זייער שבת. דאָס איז געווען יעדער זיבעטער טאָג, אין וועלכן זיי האָבן גערוט.

איך האָב קיינמאָל נישט געקענט פאַרשטיין די אידעע פון זייער שבת. שטעל דיר פאָר, א גאַנץ פאָלק נעמט יעדן זיבעטן גוטן טאָג פון לעבן און מאַכט דערויס א רו־טאָג: שטעלן־אָפּ דאָס גאַנצע לעבן פון לאַנד, יעדע באַוועגונג, יעדע מלאכה, יעדע מינדסטע אַרבעט, און רוען. זיי, זייערע ווײַבער, קינדער, אַפילו זייערע בהמות — לאָזן זיי צורו דעם טאָג, טוען נישט קיין אַרבעט מיט זיי, נאָר וואָס — זיי פירן זיי צו ברונ־נעמער אָנטרינקען, אָדער וואַרפן זיי צו אַביסל שפּײַז אין זייערע קאַרע־טעס. צוערשט האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער רו־טאָג, אָדער דער שבת וואָס זיי האָבן זיך געמאַכט — וועלכעס איז נישט באַקאַנט סײַ אין אונזער ציוויליזירטער וועלט און סײַ בײַ די באַרבאַרן — איז נישט מער נאָר פוילקייט, אַן אויסרייד פאַר באַלעמוטשען פון אַרבעט. אָבער איך האָב זיך באַלד איבערצײַגט, אַז דאָס איז נישט דער פאַל. ערשטנס, אין וואָס מען האָט נישט געקענט באַשולדיקן דאָס פּרעמדאַרטיקע פאָלק, אָבער אין איין זאַך האָט מען זיי נישט געקענט באַשולדיקן — אין ליידיק־גיין. פאַרקערט, זיי זיינען צו טעטיק. הלוואי וואָלטן זיי זיך אַביסל געווען גע־פוילט — גענומען דאָס לעבן און זיך און זייער גאָט און זייער בית־מקדש אַביסל לײַכטער, הלוואי וואָלטן זיי נישט געווען געמאַכט אויס יעדער מינדסטער זאַך אַזא ערנסטקייט, — וואָלט וואוילער געווען פאַר זיי און פאַר דער וועלט. זיי זיינען איבעריקנס געווען זייער אַן אַרבעט־זאַם פאָלק. דער טרוקענער ביסן וואָס איז זיי צוגעפאַלן — די קאַרגע

ערד זייערע — האָט זיי געגעבן א גוטע לעקציע. זיי האָבן געמוזט פון די שטיינער ארויסקריגן זייער ברויט. ניין, דער טייל וועלט, וואָס זייער גאָט האָט זיי צוגעטיילט, האָט זיי נישט צעבאַלעוועט. דאן האָט מען זיך באַלד איבערצײַגט, אז זיי היטן אָפּ זייער שבת מיט אזא סקרופולער פּאָרזיכטיקײַט, מיט אזא ערנסט און אימה, אז מען קען גיכער זייער שבת צורעכענען צו א חוב, צו א שווערער לאַסט, איידער צו א רו־טאָג. זיי האָבן מורא געהאט פון זייערע פיר איילן זיך צו באוועגן, אז זיי זאָלן דעם שבת נישט צעשטערן. — ניין, עס איז נישט געווען קיין רו־טאָג. זייער שבת איז גיכער געווען — א הייליקע דינסט, אן אָפּפער פאר זייער גאָט. מען האָט זיי באדארפט זען אין דעם טאָג — זייערע ווײַבער און זייערע קינדער. זיי זיינען געווען מענטשן גאָרנישט פון ד ע ר וועלט. ווי זיי וואָלטן פארטראָגן געוואָרן אין אן אנדער לעבן, האָבן זיי זיך ארומגעדרייט אויף דער ערד — מיט זייערע קעפּ, אויגן און האַרץ ערגעץ־וואו פארטראָגן אין די הימלען. זיי האָבן אין דעם טאָג אויסשליס־לעך באַלאַנגט צו זייער גאָט. עס איז געווען זייער גאָטס טאָג.

הינטער אונזער פעסטונג אנטאָניא האָט זיך אָפּגעשלאָסן די מויער פון דער שטאָט. דער נײַער שטאָט־טייל, וואָס האָט זיך געצויגן משופּע־דיק בארג אראָפּ און האָט ערשט געהאַלטן אין בויען זיך, איז געלעגן אָפן און איז נאָך נישט געוואָרן ארײַנגענומען אין דער שטאָט־מויער. אָן א זײַט פון אונזער פעסטונג האָט זיך געפונען דאָס שעפּסן־טויער, וואָס האָט ארויסגעפירט צום שעפּסן־מארק. די פאסטוכער האָבן צונויפגע־בראַכט זייערע שאָף פון גאנצן לאנד, כדי צו פארקויפן זיי אין ירושלים אויף קרבנות. א גאנצן טאָג איז דאָרט אָנגעגאנגען א האנדל און א דינ־גען זיך צווישן די קרבנות־ברענגער און די שעפּסן־סוחרים איבער די פּרײַזן. כהנים — מבינים האָבן יעדער שאָף באקוקט, אונטערזוכט און מבינות געזאָגט, צי דער קרבן האָט נישט קיין מום, צי ער איז גוט דער־נערט, צי ער האָט פעטס אויף זיך, צי די וואָל איז געוואשן, צי ער זעט אויס שיין און ער וועט באווייליקט זײַן אין זייער גאָטס אויגן. פארשטייט זיך, אז לויט דער צוגעפּאַסטקייט פון שעפּסל זיינען געווען די פּרײַזן. איך פלעג אָפטמאָל ארויסגיין צו דעם שעפּסן־מארק און צוקוקן זיך צום האנדל, צום דינגען זיך, צום געלט־טוישן. א שלל פון פרעמדע זיינען דאָרט שטענדיק געווען, טראכטן פון פארשידענע לענדער האָט מען געזען, דאָס זיינען אלץ געווען עולי־רגלניקעס, וועלכע האָבן געזוכט א קרבן פאר זייער גאָט. א דינגען זיך, א מעקען פון די שעפּסן, א געלט־קלימפּערן פון די טוישערס, אן אויסרופן פון די שפּײַז־פארקויפער,

וועלכע האָבן געלויבט זייערע מצות — פלעצלעך געבאַקן אויס דעם ווייץ פון אפרים, זייערע פעטע פייגן און אנדערע פירות, וואָס זיי האָבן פאַרקויפט. דאָס אַלץ איז געווען פאַרהוילן אין א וואָלקן פון שטויב, וואָס די שעפּסן האָבן אויפגעהויבן מיט זייערע פיס.

אנומלט האָב איך זיך פאַרקירעוועט אין א זייט צום באַרג־אַראָפּ צו און איך בין דערשטוינט און דערשראָקן געוואָרן פון דעם, וואָס מיינע אויגן האָבן דאָרט געזען. צום ערשט האָב איך געהערט א קלימפּערן פון גלעקלעך, ווי שאָף און רינדער וואָלטן זיך געפּאַשעט אין די בערג. אָבער באַלד האָב איך געמערקט, אז דאָס גייען מענטשן און קלימפּערן מיט גלעקלעך, קלאַפּן אין בלעכן און רופן אויס מיט מוראדיקע, אָפּשרעקנ־דיקע קולות: „טמא!... טמא!...” איך בין געוואָרן צוגעצויגן דורך דעם פרעמדן רופן און האָב געוואָלט צוגיין, בין איך אָבער באַלד אָפּ־געהאַלטן געוואָרן אין מיין וועג דורך די אויסרופער. איך האָב געפרעגט, וואָס עס איז געשען. נאָר איידער איך האָב נאָך געקריגן אן ענטפער, האָב איך דערזען, ווי מחנות קאַליקעס, לאָמע און בלינדע, קריכן אויף אַלע פיר מיט פאַנישער שרעק און געוואַלדן און פּרואוון צו אַנטלויפן פאַר עפּעס ווי פאַר א מגפה. טייל פון זיי זיינען געווען געליימטע, אַנ־דערע געבראָכענע, זיי האָבן זיך מיט די הענט אונטערגעהאַלטן זייערע צעבראָכענע אברים, פיל פון זיי זיינען געשלעפּט געוואָרן דורך זייערע קרובים אויף די פּלייצעס, אנדערע אויף טראָג־בעטלעך. די בלינדע האָבן געטאַפּט מיט זייערע שטעקנס, געשריגן מיט בעטנדיקע קולות, אז מען זאָל זיי העלפן דערוויטערן זיך. זיי האָבן זיך אין זייער בלינדקייט געדרייט ארום זיך ווי אין א ראָד, קיינער האָט נישט געהאַט קיין צייט מיט זיי זיך אָפּצוגעבן, ווייל אַלץ וואָס האָט זיך נאָר געקאָנט באַוועגן, איז אַנטלאָפן אין א פּאַניק. קוים איך האָב איינגעהאַלטן איינעם פון די אויסרופער, און מיט גרויס מי האָב איך זיך געקאָנט מיט אים פאַר־שטענדיקן און געוואָר ווערן, וואָס עס איז געשען.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם שפּרודלדיקן קוועלעכל, וואָס איז ארויסגעפּלאָסן פון א שטיין ביים אָפּנויג פון באַרג. דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אז פון צייט צו צייט קומט א מלאך און שלאָגט דאָס וואַסער, און ווער עס קאָן זיך אריינוואַרפן אין דעם קוועלעכל, בשעת עס געפינט זיך אין אויפברויזנדיקער באַוועגונג, דער ווערט געהיילט פון זיין קרענק. מיט דעם הייל־קוועלעכל האָבן זיך ביז איצט באַנוצט די קאַליקעס און די קראַנקע פון שטאָט, אָבער איצט האָבן די קרעציקע און אויסזעציקע, וועלכע ווערן געהאַלטן מחוץ די מויערן אונטן ביים נחל קדרון, זיך דורכ־געריסן דורך זייערע שטרענגע שומרים־קייטן און זיינען ארויף אויפן

בארג און באזעצט דאָס קוועלעכל. פאַר זיי אַנטלויפן דאָס די קאַליקעס און קראַנקע אין ווילדן געיעג.

איך האָב זיך געפּרוווט דערנענטערן צו זיי, מיט גרויס געפּאַר נישט אָנגעשטעקט צו ווערן, און מײַנע אויגן האָבן דערזען אין א פאַרדרעפּטשעטער געדיכטער בלאָטע זיך אַרומוואַלגערן דאָס אָפּפאַלעכץ פון מענטשן, אויף וועמענס סקעלעטן־ביינער עס האָבן געפוילט זייערע לײַבער, ווי צעריסענע קליידער אויף שנאָרערס און אָרעמעלײַט. מענער, פרויען, קינדער און דערוואקסענע זיינען דאָרט געווען, און איינער האָט פון אנדערן מיט די איבערגעבליבענע אברים אויסגעקעמפּט א שטיקל בלאָטע פון קוועלעכל, מיט וועלכן ער האָט באַדעקט די וואונדן פון זײַן קערפּער. איך בין אַנטלאָפן, כ׳האָב מער נישט געוואָלט זען... די לופט איז געווען פאַרסמט מיט דעם געשטאַנק פון פוילנדיק מענטשן־פלייש.

יאָ, פון אויבנאויף האָט ירושלים געפינקלט מיט זײַן גאָלדענעם בית־מקדש, מיט זײַנע כהנים גדולים און זײַנע אַריסטאָקראַטישע פּאַ־מיליעס, מיט די טורעם־שלעסער אין דעם אויבערשטן טייל שטאָט, אָבער אינעווייניק האָט ירושלים געפוילט פון אָרעמקייט און צעפּאַלנ־קייט. אומעטום, וואו מען האָט זיך געקערט און געווענדט, האָט מען אָנ־געטראָפן אויף די גאסן שנאָרערס, בעטלערס, קאַליקעס, אַרומשלעפּערס, וועלכע זיינען געקומען פון אַלע טיילן פון לאַנד. מען האָט נאָר באַדאַרפט געבן א קוק אַראָפּ אין דעם אונטערשטן טייל פון דער שטאָט און זיי זען אין די קרומע, ענגע און שמוציקע געסלעך אַרום דער מויער, אין טאָל פון גיהנום, אַרום דעם טײַכל שלח. מען האָט זיי באַדאַרפט זען צו־פיסנס פון הר הזתים בײַם נחל קדרון, אין די רינשטאָקן, וואו די קנעכט פון כהן גדול האָבן געוואשן די פעל פון די קרבנות. מען האָט זיי באַ־דאַרפט זען אויף די מיסט־הויפנס, וואו זיי האָבן אויפגעקליבן די אַרויס־געוואָרפענע אָפּפאַלן בײַם מיסט־טויער. און גלײַכצײַטיק צו באַטראַכטן, ווי עס האָבן געלעבט די רײַכע פּאַדריאַטשעקעס, וואָס האָבן געהאַלטן אין אַרענדע די אָפּצאָלונגען, ווי עס האָבן געלעבט די יחוסדיקע משפחות, די כהנים־אַריסטאָקראַטיע אין זייערע פּאַלאַצן פון דעם אויבערשטן טייל שטאָט, אין זייערע לוסט־גערטנער, וואָס זיי האָבן געהאַט אויפן הר הזתים אָדער אין דעם קוואַרטאַל פון דעם נײַעם שטאָט־טייל. ניין, אין קיין שום לאַנד האָב איך נישט געפונען אַזא אונטערשיד אין שטאַנדן צווישן גרויס־רײַכטום און פאַרפאַלענער אָרעמקײַט, ווי דוקא צווישן דעם גאָט־אויסדערווײלטן פאָלק.

א חוץ דעם האָט אין ירושלים געווימלט פון די מס־אויפמאָנער און מס־אַרענדאַטאָרן מיט זייערע אָן א שיעור צוהעלפער. עס האָט קיין סוף

נישט געקומען צו די מסים און אָפּצאָלונגען, וואָס די אָרעמע מענטשן האָבן געמוזט אָפּגעבן. דאָס אויסדערוויילטע פאָלק איז אין זײַן לאַנד געגליכן געוואָרן צו אַן אייזל, וואָס סײַ די אייגענע און סײַ די פרעמדע בעלי־בתים וואַרפן אָן אויף אים זייערע לאַסטן און ער טראָגט געדולדיק. קודם כּל די צאָלונגען, וואָס מיר, די רוימישע מאַכט, האָבן אויפגעמאָנט אין פאָלק. מיר האָבן דעם שטײַער־סיסטעם איבערגענומען מיט דער הערשאַפט איבער דער פּראָווינץ פון די יידישע קעניגן און טעט־ראַרכן, און מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום אורזאַך זיך אָפּצוזאָגן אָדער צו פאַרקלענערן די אָפּצאָלונגען, וואָס זיי, די יידישע קעניגן, האָבן פון זייער אייגן פאָלק אויפגעמאָנט. מיר האָבן אויפגעמאָנט פון דער באַפעל־קערונג קאָפּ־שטײַערן, וואַסער־שטײַער, אָפּצאָלונגען פון לעבנסמיטל, פון פלייש, פון זאַלץ, פון ברויט, וועג־שטײַערן; אַ חוץ דעם האָבן די שטעט אַליין יעדע באַזונדער אירע אייגענע אָפּצאָלונגען אײַנגעפירט. איצט זיינען געקומען די מאַרק־שטײַערן: אַ פאַרמער פון גליל, אַ פּויער פון עמק אָדער אַ ווײַנגערטנער פון שרון, איידער ער האָט געבראַכט זײַן ביסל גרינס, אויבסט, ווייץ, פײַגן אָדער אייל אויפן מאַרק אַרויס, האָבן די שטײַער־אויפמאָנער אויפגעפרעסן זײַן ביסל פּראָדוקטן מיט די אָפּ־צאָלונגען. אויף די וועגן, אויף יעדער סטאַציע, בײַ יעדן קרײַצוועג, בײַ יעדן טײַך־איבערפאָר זיינען געוואָרן בײַדלעך פון מוכסים. איצט, פאַר־שטייט זיך, זיינען צוגעקומען מסים אויף אויסצוהאַלטן די רעליגיעזע באַדערפענישן, די שטײַערן פאַרן בית־מקדש, דער מעשר פאַר די כּהנים, די אָפּצאָלונגען פאַר די קרבנות, פאַר די בכורים, וכדומה. אַט די אַלע אָפּצאָלונגען זיינען פאַרדינגען געוואָרן צו ספּעציעלע אַרענדאַטאָרן, וועלכע האָבן געהאַלטן גאַנצע שטאָבן מיט אויפמאָנער, מוכסים, וועלכע פלעגן מיט שטעקנס און געקניפּלטע שטריק און מיט בלײַ־זעקלעך אויס־קוועטשן די צאָלונגען פון פאָלק. און ווען דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט מען פון דעם פאַרמער זײַן קו, זײַן אייזל, זײַן ווײַנגאָרטן, זײַנע פאַר אַקער לאַנד צוגענומען, אָפּטמאָל האָט מען אויך אים אַליין אין תּפיסה געוואָרפן. פאַר שקלאַפן איז זיי שווער געווען צו פאַרקויפן, קיינער פון די יידן האָט נישט געוואָלט קויפן קיין יידישן קנעכט צוליב די אויס־טערלישע געזעצן זייערע. אַ יידישער קנעכט האָט בײַ זיי געהאַט אַלע רעכט פון אַ פרײַען מענטש. קודם כּל האָט מען אים צום זיבעטן יאָר געמוזט פרײַלאָזן, צי ער האָט זיך פאַרקויפט אויפן גאַנצן לעבן אָדער נישט. אַ חוץ דעם האָט מען געקאָנט נאָר קויפן דעם שקלאַפס אַרבעט, נישט זײַן פּערזענלעכקײַט, ער איז ענלעך געווען צו אַ טאָג־לוינער. איז ווער האָט זיך געוואָלט קויפן בײַ די באַדינגונגען אַ יידישן קנעכט? עס

איז אפילו וועגן דעם בײַ זיי ארומגעגאנגען א ווערטל: „ווער עס קויפט א יידישן קנעכט, קויפט א האַר איבער זיך". דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, נאָך באשווערט דאָס פּראָבלעם פון דער אָרעמקײַט. פון איין זײַט האָבן די שטײַער־אויפמאָנער אָנגעזאמלט אומגעהײַערע פארמעגנס און לענדערײַען און גיטער, און פון דער צווייטער זײַט זיינען אומצייליקע מאַסן ארויסגעוואָרפן געוואָרן אויף דער גאס, מען האָט בײַ זיי צוגענומען אלץ ביז צום ביין און זיי געלאָזט אָן יעדער מעגלעכקײַט אײַנצושאפן פאר זיך די חיונה, — אפילו נישט דורך שקלאַפערײַ.

דאָס האָט אונז גרויסע זאָרגן פאַרשאפט. א טייל פון די אומרועןן, וואָס האָבן שטענדיק געפּלאָגט דאָס לאַנד, איז צו פארדאנקען געווען דער אָרעמקײַט און דעם שטײַער־סיסטעם. פון די אָרעמע, וואָס זיינען פארטריבן געוואָרן פון זייערע נחלות, האָבן זיך געבילדעט פּאטריאָטישע באַנדעס, וועלכע האָבן געוואָלט מיט געוואלד אראָפּטרײַבן די לעגאַלע מאכט, און זיי האָבן זיך באנוצט מיט כלערליי מיטלען. מען האָט זיי גערופן קנאים אָדער זעלאָטן, אינדעראמתן אָבער זיינען דאָס געווען באנדעס רויבער, וועלכע זיינען באפאלן די רײַזנדע, אָפטמאָל אויך גאנצע שטעט און דערפער. די פיל הייל͏ן, וואָס געפינען זיך אין דעם בערגיקן לאַנד פון ארץ ישראל, האָבן דערצו געגעבן א גוטע געלעגנהײַט. קעגן די באנדעס אָרעמעלײַט, וועלכע האָבן צוגענומען דאָס פארמעגן בײַ די רײַכע און צעטיילט צווישן די אָרעמע, האָט שוין הורדוס געקעמפט. זיי האָבן ארויסגעגעבן פון זיך מוטיקע פירער, זיי האָבן זיך געפּרואווט אקעגנשטעלן קעגן דער רוימישער מאַכט, קעגן כהן גדול. צו זיי זיינען אָפטמאָל צוגעשטאנען מחנות אָרעמע כהנים, וועלכע האָבן מיט זייער פאנאטישן פּאטריאָטיזם אויפגערודערט דאָס פאָלק, צוגעשריבן אלדאָס שלעכטס דער הערשאפט פון די פרעמדע און האָבן זיך פארמאָסטן קעגן רוים. אָבער מיר האָבן זיך מיט זיי אן עצה געגעבן. מיר האָבן זייערע פירער געקרײַציקט, די באנדעס אויסגעשאָכטן און פונאנדערגעשיקט אויף די פרעמדע שקלאפן־מערק, קיין רוים, פארשיקט זיי פאר די חיות־שפילן אין די צירקן.

מיט זיי וואָלט נאָך געווען צו דערלײַדן, אָבער א טייל פון די אָרעמע לײַט האָבן געזוכט זייער רעטונג אין זייער רעליגיעזן עקסטאַז. זיי זיינען געגאנגען אין דער וויסטע, געשאפן א סעקטע, וועלכע האָט די אָרעמקייט באטראכט נישט ווי קיין אומגליק, ווי א בייז שלימזל, נאָר פאר א טוגנט, צו וועלכער מען מוז שטרעבן. זייערע געלערנטע און געזעץ־אויסטײַטשער האָבן אויסגעטראכט פאר זיי א לעבן נאָכן טויט, אן איבערבלײַבעניש פון דער נשמה. דאָס באשטראָפן אָדער פארגעלטיקן פאר שלעכטס

און גוטס קומט נישט פאַר אויף ד ע ר וועלט, נאָר אויף אַ צווייטער, אויסגעטראַכטער וועלט. פאַרשטייט זיך, אַז די פאַרנונפטיקע יידן, ווי למשל, דער כהן גדול מיט זײַן גאַנצער פאַרטיי, האָבן אין די שטותים נישט געגלויבט. דאָס פאָלק אָבער האָט די לעגענדע פון אַ צווייט לעבן נאָכן טויט אַזוי ערנסט גענומען, אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ רעאַלע, פעסטגעשטעלטע זאַך; און דאָס גאַנצע לעבן דאָ אויף דער וועלט האָט נאָר געדינט דערצו, כדי פאַרצוברייטן זיך פאַר י ע נ ע ר וועלט, אָדער ווי זיי האָבן עס אָנגערופן: „אַ פאָדערצימער צו דער גרויסער וואוינונג”.

צו דעם צוועק האָבן זיי זיך געהאַלטן אין איין רייניקן, אין איין אָפּהיטן זיך פון צו טון שלעכטס, זיי האָבן קיין ווײַן נישט געטרונקען, קיין פלייש נישט געגעסן, פיל פון זיי האָבן נאָר געלעבט אויף פײַגן און ווילדן האָניק, וואָס זיי האָבן אין די וויסטעס געפונען און האָבן זיך געטיילט צווישן זיך מיטן לעצטן ביסן, מיט דעם אייגענעם העמד. זיי האָבן געהאַט צווישן זיך געהיימע פאַרבאַנדן, זיי האָבן נאָר געגעסן אין בשותפותדיקע סעודות, און מיט יעדן עסן אַ רעליגיעזע צערעמאָניע געפּראַוועט. זיי האָבן געמוזט אוועקגעבן זייער פּריוואַט אייגנטום איידער זיי זײַנען אויפגענומען געוואָרן אין דער חברותא. זיי האָבן נישט געטאָרט גאָרנישט באַנוצן, נאָר אַלץ האָט געהערט צו אַלעמען. ווען איינער פון זיי איז אין אַ שטאָט געקומען, האָט ער אויפגעזוכט זײַן ברודער און בײַ יענעם האָט ער געוואוינט, זיי זײַנען געווען אַלע מיטאַנאַנדער ווי פון איין משפחה. מיר האָבן געוואוסט, אַז פון זיי רעקרוטירן זיך די סאַמע געפערלעכסטע עלעמענטן, וועלכע פאַרשאַפן אונז גרויסע זאָרגן און מיר האָבן זיי אַלס אַזעלכע באַהאַנדלט.

פון אויבנאויף האָבן זיי אויסגעקוקט ווי די לעמעלעך, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זײַנען גאָרנישט געפערלעך פאַר דעם שטאַט און פאַר דער הערשאַפט פון רוים, וואָרום זיי האָבן געהאַט אַ טעאָריע: „מען טאָר זיך נישט אַנטקעגנשטעלן קעגן גאָטס ווילן, יעדע רעגירונג איז פון גאָט באַשטימט, דורך דעם טאָר מען·זיך נישט אַנטקעגנשטעלן קעגן קיין שום רעגירונג”. דאָך זײַנען זיי פיל געפערלעכער געווען פאַרן שטאַט און פאַר רוים איידער די בונטאָווניקעס, די וועג־רויבערס. וואָרום אָט יענע וועג־רויבערס זײַנען געווען אָפענע שונאים פון כהן גדול און פון רוים, זיי האָבן דערקלערט, אַז די איינציקע רעטונג איז — אַראָפּצוּוואַרפן די פרעמדע הערשאַפט, און זייער גאָט יהוה וועט זיי דערין צוהעלפן. מיר האָבן געוואוסט, מיט וועמען מיר האָבן צו טון.

אָבער די דאָ — דאָס איז געווען אַ ביטערע יידישער דריידל: פון איין זײַט האָבן זיי זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט קעגן דער מאַכט, פון

דער צווייטער זײַט האָבן זיי געוואָרט אויף זייער משיח. מיר, די רוי־מער, האָבן בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין די ריכטיקע מיינונג פון דעם וואָרט „משיח". וואָס איז „משיח"? נישט נאָר א יידישער קעניג, וואָס וועט באַפרײַען יהודה פון רוים און הערשן איבער איר, נאָר אויך א וועלט־באַפרײַער? ער וועט אָפּשאַפן דאָס שלעכטס און וועט אײַנפירן סאַמע גוטס, אָדער ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט לויט דער אילוזיע פון זייערס א דיכטער: „ער וועט מאַכן א לייב מיט לעמעלע זאָלן זיך פיטערן צוזאַמען און דער לייב זאָל דאָס לעמעלע נישט אויפעסן", אָדער „ער וועט פאַרוואַנדלען אַלע שווערדן אין אַקעראײַזנס". צי לויט דער אילוזיע פון אַן אַנדערן זייערס א דיכטער, וועט ער די וועלט נישט אײַנ־נעמען מיט דער שווערד, ווי די רוימער, נאָר מיטן גײַסט פון גאָט! אָנ־גענומען, אַז זייער דערלייזער אָדער זייער משיח, ווי זיי רופן אים, נעמט אײַן רוים, די גאַנצע רוימישע אימפּעריע נישט מיט דער שווערד, נאָר מיטן גײַסט, דאָס הייסט, דורכן יידישן אײַנפלוס. וואָס איז מיר דער חילוק, אויף וואָס פאַר אַן אופן ער נעמט אײַן רוים? איך האָב שטענדיק דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט פּילאַטוסן, אויך דער כהן גדול איז גע־ווען מיט מיר אײַנפאַרשטאַנדן, אַז אַט די פרומע יידעלעך, וועלכע מאַכן פנימלעך און ווילן נישט מלחמה האַלטן מיט רוים, נאָר וואַרטן אויף זייער משיחן און דערנענטערן זײַן קומען, זיינען טויזנט מאָל געפערלע־כער פאַר אונז ווי די אָפענע בונטאָווניקעס. די בונטאָווניקעס ווילן אונז נאָר פון יהודה פאַרטרײַבן, זיי אָבער ווילן די גאַנצע וועלט אין איין יהודה פאַרוואַנדלען און אַלע היידן לאָזן אַלס יידן באַשנײַדן! ווי ווײַט די יידישע חוצפה דערגייט!

די יידעלעך האָב איך פון ערשטן טאָג אָן פײַנד געהאַט. איך האָב זיי באַטראַכט פאַר די גרעסטע צעשטערער פון דער הערשנדיקער אָר־דענונג, פאַר די אונטערגראָבער פון רוימס זיכערקײַט. ווען איך האָב דערזען איינעם אָדער אַן אַנדערן פון זיי אויפן בית־מקדש־הויף פון דער אַנטאָניא אַראָפּ, האָט מײַן בלוט אין מיר אויפגעקאָכט — ווילדע מענטשן, נאַקעטע כמעט, זייערע לײַבער בלויז איבערגעצויגן מיט א פעל פון א לעמפּערט אָדער א שעפּס, באָרוועסע פיס, מיט לאַנגע באַוואַקסענע האָר, שוואַרץ־פאַרברענטע פנימער פון דער זון, דאַר און אויסגעמאָגערט, אויס־געצערט, מיט פאַנאַטישע ברענענדיקע אויגן, וואָס לײַכטן אַרויס מיט אַן אויסטערליש־שרעקנדיק ליכט, און מיט זייערע דאַרע הענט אויס־געשטרעקט אין עקסטאַז צום היכל, ווי זיי וואָלטן געוווען די גייסטער פון זייער טעמפּל אַרויסגערופן. און זיי זאָלן דאָס מיט זייער מיסטישער קראַפט באַזיגן דעם קייסער און אויסראָטן די רוימישע הערשאַפט פון

דער וועלט, כדי צו מאכן אָרט פאר זייער משיח.

ווען איך האָב זיי דערזען, זיינען זיי מיר פאָרגעקומען ווי מענטשן, וואָס באַלאַנגען גאָרנישט צו דער וועלט, פרעמד, אומפארשטענדלעך און אָפּשרעקנדיק איז געווען זייער פאַנאַטיזם. און אַנדער פּאָלק, ווען עס וואָלט אים אויסגעקומען אַזוי פיל דערנידעריגונגען אויסצושטיין צוליב זײַן אמונה, וואָלט עס שוין לאַנג זײַנע געטער פארלאָזט און אויסגעטוישט זיי אויף מעכטיקערע און שטאַרקערע. וואָס זעען זיי דאָס אין זייער גאָט? — האָב איך מיר שטענדיק געטראַכט — ווען און וואו האָט ער זיי געהאָלפן? אַ קלײנטשיק אָרעם פאָלק אויף אַ פאַרוואָרפן, האַלב וויסט לאַנד, מיט שטיינערנע בערג, מיט זאַמדיקע מדבריות אַדורכגעזייט, אונטערטעניק צו דער רוימישער מאַכט, מיר קאָנען זיי צעטרעטן ווען מיר ווילן, און זיי פירן אַ פּלאָגעדיק, געמוטשעט לעבן. אַ לעבן איז עס ?... איך וואָלט מײַן ערגסטן שקלאַף נישט געוואָלט פאַרמשפּט אויף אַזאַ שטרענגן ריטואַל, ווי זייער גאָט פאַרלאַנגט פון זיי. קיין פרייד, קיין ליבע, קיין שיינקייט, אַלץ האָט ער פון זיי צוגערויבט, און דאָך — גיט אַ קוק די איבערגעגעבנקײַט, דעם אומפאַרשטענדלעכן גלויבן, וואָס זיי שענקען אים, די עקזאַלטירטע ליבע, וואָס זיי ווײַזן אים אַרויס, די פרײַוויליקע פאַרשקלאַפונג, וואָס זיי האָבן גענומען אויף זיך! וואו איז די באַלוינונג? אָפּטמאָל האָט מען געהאַט דאָס געפיל, אַז צווישן זיי און זייער גאָט הערשן נישט קיין באַציאונגען, ווי צווישן גלויביקע און געט־לעכקייט בײַ אַנדערע נאַציעס, וועלכע שטיצן זיך אויף קעגנזײַטיקע פאַרפליכטונגען, נאָר זייער ליבע צו גאָט איז אָן יעדן תנאי, און פאַר אים זיינען זיי בערייט אויף אַלעם, אפילו אין פײַער לעבעדיקערהייט זיך צו וואַרפן, אפילו רוימס מאַכט אָנצוגרײַפן. דאָ איז געלעגן די געפאַר.

ירושלים איז שטענדיק געווען פול מיט זיי. אָפּטמאָל, אַז אַ פּויער פון גליל איז געקומען עולה־רעגל זײַן קיין ירושלים, איז ער שוין איבער־געבליבן איבער דעם צווייטן יום טוב. אין דער הינזיכט איז די ירו־שלימער באַפעלקערונג געווען זייער גאַסטפרײַנדלעך צו זייערע פרעמדע לאַנדסלײַט, איבערהויפּט די אָרעמעלײַט צו די אָרעמע. די בעלי־מלאָכות צווישן די עולי רגלניקעס האָבן דורך דער צײַט פון זייער אויפנטהאַלט אין ירושלים געקריגן אַרבעט בײַ זייער פאַך. אויפן בית־מקדש־פּלאַץ, אויף דעם אָרט, וואו עס איז געווען רעזערווירט פאַרן פאָלק, האָט יעדער מלאכה־צעך פון ירושלים געהאַט זײַן באַשטימט אָרט. אַזוי אַז ווען אַ בעל־מלאכה איז געקומען קיין ירושלים, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אין בית־מקדש־הויף אויף דעם אָרט, וואו עס איז געווען באַשטימט פאַר זײַן פאַך: די וועבער צווישן די וועבער, די גאָלדשמידן צווישן די גאָלד־

שמידן, די געצעלטן־מאַכער צווישן די זייעריקע, און אַזוי אַלע מלאכות. דאָרט האָט ער באַקאַנטשאַפט געשלאָסן מיט זײַנע פּאַכלײַט און אַזוי אַרום באַקומען אַרבעט. אַ חוץ זיי איז נאָך פאַר די פאַרמערס און אָרעמע ערד־אַרבעטער מיט זייערע משפחות באַשטימט געווען דאָס אָרט הינטער דעם בית־מקדש־פּלאַץ, צווישן די זײַלן, אויף וועלכע די בית־מקדש־פּלאַטפאָרמע רוט. עס זיינען טאַקע דורך דעם צוזאַמענדראַנג פון דעם גרויסן עולם איבער דער צײַט פון די ימים טובים צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס, אַנטשטאַנען פאַרשידענע קראַנקײַטן, מיט וועלכע זיי האָבן איינס דאָס אַנדערע אָנגעשטעקט.

אָבער מיט דעם שטראָם פון פּילגרימען פלעגן זיך אויך מיטכאַפּן נישט בלויז אָרעמלײַט, בעטלער, ליידיקגייערס, פּויערים אַרויסגעוואָרפן פון זייער באַזיץ, נאָר אויך אַ גרויסע צאָל פון די גלילער אויפרודערער, רעוואָלוציאָנערן, עקזאַלטירטע פאַנאַטיקער, וועלכע האָבן אין די אָרעמע פּילגרימען געפונען אַ פּאַסנדיקן עלעמענט פאַר זייער שעדלעכער טעטיקייט. די אַרויסגעשטויסענע פון זייערע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע פּאָזיציעס דורך דעם גרויסן מס, אָדער גלאַט אַזוי אָרעמלײַט זיינען געווען דער געהעריקער מאַטעריאַל פאַר זייערע שעדלעכע אַגיטאַציעס. איך האָב אָפט וועגן דעם ענין געהאַט צוזאַמענשטויסן מיטן כהן גדול. איך האָב געהאַלטן, אַז מען באַדאַרף די פרעמדע אָרעמלײַט אַרויסשיקן פון ירושלים, און דעם פּילגרים־צושטראָם באַגרענעצן בלויז אויף די ימים טובים. דער כהן גדול, וועלכער איז געווען פאַראינטערעסירט אין דער אײַננאַמע פון דער בית־מקדש־קאַסע, האָט נישט געוואָלט דערויף אײַנגיין. פאַרשטייט זיך, זײַן אינטערעס האָט פאַרלאַנגט אַ וואָס גרעסערן צושטראָם פון דער פרעמדער באַפעלקערונג אין בית־מקדש אַ גאַנץ יאָר. דאָס איז געווען אַן אינערלעכע רעליגיעזע אַנגעלעגנהײַט פון די יידן, און ליידער זיינען מיר געווען באַגרענעצט אין אונזער מאַכט אין דער הינזיכט.

מיר האָבן שטענדיק געמוזט זײַן אויף דער וואַך. אַזוי ווי די מײַסטן זאָרגן האָבן אונז פאַרשאַפט די אומרואיקע און קאַמפּלוסטיקע גלילער, האָבן מיר באַשטימט זיי אָנצולערנען און זיי צו געבן אַ לעקציע, אַז זיי זאָלן וויסן: אונטער וועלכן פּראָקוראַטאָר זיי האָבן זיך אונטערגעשטעלט צו מאַכן אומרוען, האָבן זיי עס געקאָנט טון, אָבער אונטער אונזער אַדמיניסטראַציע מוזן זיי זיך האַלטן רואיק.

איך האָב נאָר געזוכט אַ געלעגנהײַט — וואָס זאָל מיר געבן די מעגלעכקייט זיך מיט זיי אָפּצורעכענען.

קאַפּיטל נײַן

ירושלים און דאָס בית־המקדש.

און דאָך זײַנען זיי גאָרנישט געווען אַזעלכע לעבנס־פרעמדע און לעבנס־פאַרנייַנער, די יידן, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן. בײַ זייער גאַנצער ערנסטקייט האָבן זיי זיך אויך געקאָנט פרייען. קודם כּל האָבן זיי זיך געהאַט זייערע ימים־טובים. איין יום־טוב האָבן זיי געהאַט, ווען זיי האָבן געבראַכט זייערע ערשטע רייף־געוואָרענע פּרוכטן אין בית־מקדש אַרײַן. עס איז געווען אַמוזאַנט צו זען פון דער אַנטאָניאַ־פעסטונג אַראָפּ, ווי די פאַרקריפּלטע פּויערים פון שרון, פון גליל און אַנדערע פּראָווינצן, מיט אויסגעקרומטע רוקנס פון שטענדיקן אַראָפּבויגן זיך איבער דער ערד, ברענגען די ערשטע פּראָדוקטן זייערע אין בית מקדש אַרײַן. מען זאָגט, אַז זיי קלויבן אויס די פּראָדוקטן: די טייטלען, די מילגרוימען, די ווײַנטרויבן, ווען זיי זײַנען נאָך אויף די ביימער. זיי גייען אין פעלד אַרויס און קוקן נאָך, וועלכע פּרוכט עס ווערט די ערשטע רייף און זיי וויקלען זי אַרום מיט אַ צווייגל, זיי מאַכן אַ סימן, און די דאָזיקע ברענגען זיי אין קרבן אויף יום־טוב אין בית מקדש אַרײַן. מיט וואָס פאַראַ פּיעטעט, מיט וואָס פאַראַ פאַנאַטישן גלויבן זיי האָבן זייער גאָט די פּרוכטן געבראַכט! יעדע לאַנדסמאַנשאַפט פון יעדער געגנט איז אַרײַנגעקומען אין דער שטאָט מיט אירע מתנות באַזונדער, רײַך און אָרעם צוזאַמען פון איין אָרט. צום ערשט האָבן זיי געפירט אַן אָקס מיט אַ גאָלדענער קרוין איבער זײַנע הערנער, דעם דאָזיקן אָקס האָבן זיי באַשטימט פאַר אַ קרבן, באַגלייט מיט מוזיק, אַ פּייקל האָט אויסגעקלאַפּט צום טאַקט, און אַזוי זײַנען זיי אַרײַנגעקומען אין דער שטאָט. די רײַכע גוטבאַזיצער, אפילו די אַריסטאָקראַטיע, האָבן אַליין געטראָגן די ערשטע פּראָדוקטן פון זייערע גיטער אין גאָלדענע און אין זילבערנע קערב אויף די פּלייצעס, די אָרעמע — אין שטרויענע און אין צווייגענע קערבלעך. די בית־מקדש־באַאַמטע מיט אַלע גרויסע לײַט זײַנען זיי אַנטקעגנגעקומען, און די גאַנצע ירושלימער באַפעלקערונג, אַלע בעלי־מלאכות פון ירושלים האָבן זיך אויסגעשטעלט אין די גאַסן און האָבן די עולי־רגל־ניקעס אַרײַנגעבעטן צו זיך אין די שטובן.

אין זייערע ימים־טובים האָבן זיי געקאָנט אפילו ווילד ווערן פאַר פרייד. מען האָט זיי באַדאַרפט, למשל, זען אין דעם אויסגאַנג פון זייער ערנסטן יום־טוב יום־כּפור, ווען דער כהן גדול איז אַרויסגעקומען בשלום

פון געהיימניספולן קדשי־קדשים און ער איז נישט דאָרט פון זייער גאָט געניזוקט געוואָרן!...

דאָס גאַנצע ביטערניש אין משך פון יאָר, וואָס זיי האָבן געפילט צום כהן גדול און צו אַלע זײַנע מיטהעלפער, איז אין דעם טאָג פאַרגעסן און פאַרגעבן געוואָרן. זיי האָבן אײַנגעאָרדנט א פּראָצעסיע פאַר אים ווי פאַר אַן אימפּעראַטאָר, וועלכער קומט צוריק פון א גרויסן זיג קיין רוים. זיי האָבן דעם כהן גדול אָפּגעפירט אהיים מיט געזאַנג און טאַנץ, די לוויים האָבן אים באַגלייט מיט זייערע האַרפעס און פלייטן, די פרחי־כהונה האָבן פאַר אים געטאַנצט צום באַגלייט פון דער לוויים־מוזיק. נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען א פּראָצעסיע פון די אַריסטאָקראַטישע כהנים־פאַמיליעס, די אַלטע לײַט, די געזעץ־אויסטײַטשער, געלערנטע, די בעלי־מלאכות פון ירושלים, דער גאַנצער פעבל, די אײַנגעזעסענע אײַנוואוינער פון דער שטאָט האָבן זיך אויסגעמישט מיט די עולי־רגלניקעס: אין פאַרשידנאַרטיקע קאָליר־רײַכע פאַרבן, מיט פאַקעלן אין די הענט, מיט אינסטרומענטן, מיט באַלעם־שפּלן, מיט געזאַנג און יובעל האָבן זיי אים אהיים באַגלייט.

אָדער מען האָט זיי באַדאַרפט זען אין דעם יום־טוב, וועלכן זיי האָבן גערופן „דער יום־טוב פון וואַסער־שעפּן". זיי האָבן אין דעם טאָג געבראַכט דאָס פּשוטע וואַסער אַלס קרבן צו זייער גאָט. דאָס איז געווען א יום־טוב, וועלכן מען קאָן נאָר אַנטקעגנשטעלן אונזער באַקכוס־פײַערונג. קודם כל האָבן זיי אילומינירט ירושלים, אז מען האָט געמיינט, די שטאָט איז אײַנגעהילט אין פלאַמען פײַער. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף די דעכער מיט די ווײַבער און קינדער און געצויגן קנויטן פון אַלטע אָפּגעטראָגענע קליידער, געטונקען זיי אין אייל און אונטערגעצונדן. נאָר דער ריכטיקער יום־טוב איז פאָרגעקומען אויפן בית־מקדש־הויף: דאָרט האָט זיך פאַרזאַמלט דאָס פאָלק, וואָס איז געקומען אויף יום־טוב עולה־רגל זײַן; און די כהנים זיינען געשטאַנען אויף דער בית־מקדש־מויער, אויף די טורעמס פון די טויערן און האָבן זייערע אָפּגענוצטע הייליקע קליידער, וועלכע זיי האָבן נישט געטאָרט פאַר קיין אנדערן צוועק באַנוצן, באַגאָסן מיט אייל און אונטערגעצונדן. אונטער די פאַרברענטע קליידער האָבן זיך געפונען די טײַערסטע האַנט־געוועבטע שטאָפן אויס גאָלד און זילבער, אויס פּורפּור און תכלת־וואָל, וועלכע זיינען געוועבט געוואָרן פאַר הייליקע צוועקן, אָדער איידעלע פרויען האָבן עס געבראַכט אַלס געשאַנק אין בית־מקדש; די ספּעציעלע וועב־שטולן, וועלכע מען האָט צו דעם צוועק אין בית־מקדש געהאַלטן, האָבן עס אויסגעאַרבעט פאַר זיי. פון דער אַנטאָניא אַראָפּ האָבן מיר זיך

צוגעקוקט צו די פײַער־פֿלאַמען, וועלכע האָבן זיך געהויבן פֿון דער בית־מקדש־מויער און אָפּגעגלאַנצט אויף די דעכער פֿון ירושלים. מיר האָבן געמיינט, אַז די שטאָט ווערט פֿאַרבראַנט, די פֿלאַמען זײַנען פֿאַרטרונקען געוואָרן אין געזאַנגען און אויסגעשרייען פֿון פֿרייד, אין ווילדע און ענטוזיאַסטישע טענץ, וועלכע האָבן זיך געטראָגן איבער דעם בית־מקדש־פּלאַץ און אין די געסלעך צווישן די מויערן. מען האָט באַדאַרפֿט זען די יונגע כּהנים, אָדער ווי מען האָט זיי גערופֿן, די פּרחי־כּהונה! אין אַ טײַך פֿון ליכט און פֿלאַמען האָבן אַרויסגעשײַנט זייערע ווײַסע קליידער און ווײַסע מיצן, מיט נאַקעטע פֿיס האָבן זיי באַוואויגן זייערע יונגע לײַבער אין אַ ריטמישן טאַנץ צום באַגלייט פֿון די האַרפֿעס, טראָמפּייטן און צימבאַלן פֿון די לויים אויף די מאַרמאָרנע ווײַסע טרעפּ. דאָס פֿאָלק האָט אויפֿגעלאָזט אַלע באַנדן און עס האָט זיך דערנסטמאָל געדאַכט, אַז דער נאַכט פֿון פֿײַער און וואַסער, אַז זייער שטרענגער גאָט יהוה איז אַרויסגעגאַנגען פֿון זײַן אָפּגעשלאָסענער איינזאַמקייט, אין וועלכער זיי האָבן אים אָפּגעשיידט, און האָט זיך אויסגעמישט מיט זײַן פֿאָלק. ער האָט זיי אָנגעשכּורט מיט זײַן אומגעזעענעם גײַסט, און אָט באַלד וועט ער זיי נעמען אויף אַ פֿלאַמענדיקן וואָלקן און וועט זיך טראָגן מיט זיי אין זײַנע פֿאַרבאָרגענע הימלען... די פֿרייליכקייט איז גע־גאַנגען אַזוי ווײַט, אַז אַפֿילו די שטענדיק ערנסטע און פֿאַרטועענע געזעץ־געלערנטע האָבן זיך נישט נאָר בלויז באַטייליקט אין זיי, נאָר זיי זײַנען אויך געווען די הויפּט־אָנפֿירער פֿון דער פֿריילעכקייט. די אַלטע האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין שפּילנדיקע קינדער. מיר האָבן צוגעזען, ווי אַלטע בכבודיקע געלערנטע וואַרפֿן פֿלאַמען פֿײַערן, ווי זשאָנגלערן מיט באַ־לעמס. איבערהויפּט איז דאָרט געווען איינער אַ געלערנטער, וועלכער האָט זיך זייער אויסגעצייכנט אין דעם קונצן־שפּיל. יונגעלײַט האָבן צווישן שווערדן געטאַנצט, מיידלעך — צווישן פֿלאַם־פֿײַערן. אַנדערע האָבן כּשוף באַוויזן, וואָרום כּשוף־טרײַבן האָבן זיי אַלע געקאָנט. גענוג, גאַנץ ירושלים און דער תּמיד ערנסטער, טרויעריקער בית־מקדש־פּלאַץ איז אין דעם טאָג, בעסער געזאָגט, אין דעם אָוונט (וואָרום די הויפּט־פֿײַערונג איז פֿאָרגעקומען אין אָוונט) פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסן מזבח, אויף וועלכן עס האָבן זיך פֿײַערן געברענט און וואַסער געגאָסן, ווי זיי וואָלטן די צוויי קעגנזעצלעכע עלעמענטן געוואָלט צו־זאַמענברענגען אין איין קרבן פֿאַר גאָט.

זייערע גײַסטיקע פֿירער זײַנען מערקווירדיק נישט געווען די כּהנים גדולים נאָר די געזעץ־אויסטײַטשער, אָדער ווי זיי האָבן זיי גערופֿן — רבּיס. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן אײַנפֿלוס אויף די ברייטע מאַסן, דאָס

פאָלק האָט געגלויבט אין זיי בלינדערהייט. פון אויבנאויף האָבן זיי גאָרנישט געהאט קעגן אונז, דאָס הייסט, קעגן דער רוימישער מאכט, אבי מען זאָל זיך נאָר נישט אַרײַנמישן אין זייער אינערלעך לעבן. אזוי ווי זייער אינערלעך לעבן איז נאָר באשטאנען פון זייער רעליגיעזן דינסט און אין פאָרשן די לערע, האָבן מיר נישט געהאט קיין סיבה און קיין חשק זיי אין דעם צו שטערן. אָבער מיר האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן, וואָס זיי מיינען, וואָס זיי פלאנעווען צווישן זיך. ווען איך האָב זיי געזען אזוי זיצן אין זייערע „געוועלבלעך" צווישן די זײַלן־האַליעס אין בית־מקדש־הויף, ווי זייערע רבים מיט די נאָכשלעפּנדיקע ציצית פון זייערע קליידער, אָפּטמאָל מיט די לעדערנע רימענס פאַרבונדן די קעפּ און די הענט, מיט לאַנגע פאות, האַלטן אין איין דיסקוטירן איבער זייער געזעצגעבונג, — האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז זיי זיינען גאָרנישט אזעלכע אומשולדיקע לעמעלעך, ווי זיי מאכן זיך. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אז דאָרט בײַ די דיסקוסיעס ווערן אויסגעשמידט פּלענער קעגן אונז. די מעשיות, וואָס זיי האָבן זיך געהאלטן אין איין פאַרציילן פון איבערגעטריבענע, אומנאטירלעכע געשעענישן, זיינען גאָרנישט געווען קיין אומשולדיקע לעגענדעס (ווי חנן און זײַנע קינדער האָבן מיר שפּעטער אויפגעקלערט, האָבן די מעשיות אנטהאלטן אין זיך אלעגאָריעס און אויסטײַטשונגען קעגן אונז, ביטערע קללות און זידלערײַען אויפן קייסער, אויף רוים און אויפן רוימישן פאָלק: ווער עס וועט אונז באַקעמפן, ווען אונזער סוף וועט קומען און מיט וואָס מיר וועלן געשטראָפט ווערן אויף יענער וועלט). מיר האָבן זיך געמאכט נישט פאַרשטיין, נאָר געהאלטן זיי אויפן אויג. דאָס איינציקע גוטע איז געווען, — און דאָס האָט זיי אומשעדלעך געמאכט פאַר אונז, — וואָס וויפיל זיי האָבן אונז, די פרעמדע מאכט, נישט פײַנט געהאט, האָבן זיי אָבער נאָך מער פײַנט געהאט און נאָך מער פאַראכטעט און מער זיך געשראָקן פאַר דער מאכט פון זייערע אייגענע. זיי האָבן טויזנט מאָל ליבער געוואָלט האָבן, אז רוים זאָל איבער זיי הערשן, ווי דאָס הויז הורדוס, וועלכעס זיי האָבן פאַראכטעט.

מיט וואָס פאַרא כבוד אָבער, מיט וואָס פאַרא ליבע, מיט וואָס פאַר אַן אינערלעכער איבערגעגעבנקייט זיי האָבן באשאָנקען די רבים זייערע — די „יאָ"־ און „ניין"־זאָגערס! — די רבים זיינען שטענדיק געגאנגען ארומגערינגלט מיט זייערע אומצייליקע תלמידים, ווי קעניגן אָדער גרויסע חייל־פירער. די תלמידים האָבן זיי געהאלטן אין איין קוקן אויף די ליפּן, אויפכאפּן יעדעס וואָרט פון זיי, ווי זיי טײַטשן אויס דאָס געזעץ. אָפּטמאָל זיינען די רבים געווען פון גאנץ געמיינעם פאָלק. איך האָב

געזען צווישן זיי אזעלכע, וועלכע האָבן געוואוינט אין די אָרעמסטע געגנטן, אין שאָטן פון א בײַדל, וואָס איז באשטאנען אויס צוזאמענגע־פלאָכטענע צווײַגן. ארום דעם בײַדל האָבן זיך צענדליקער און הונדער־טער תלמידים צוזאמענגעקליבן און געוואַרט אויף זייער רבין, ווען ער וועט פארענדיקן זײַן ארבעט און ער וועט ארויסגיין צו זיי און אויס־טײַטשן דאָס געזעץ. אנדערע ווידער זיינען געווען טאָג־לוינער, פעלד־ארבעטער, גרויסע אָרעמעלײַט, וועלכע האָבן צומאָל נישט געהאט קיין ריכטיק מלבוש אויף זיך, די תלמידים האָבן זייער נאקעטקייט פאר־שטעלט. אנדערע זיינען געווען אויסגעדאַרט און אויסגעמאָגערט. איינעם האָב איך געזען, איז ער געווען אזוי אויסגעמאָגערט, אז מען האָט אָנגע־זען דורך דער הויט פון זײַן האלדז, ווי ער שלינגט אראָפּ דאָס עסן. מען זאָגט, אז ער האָט איבער עפּעס א שלעכטער פאראויסזעונג גענו־מען אויף זיך צו פאסטן. אנדערע האָבן פּשוט נישט געהאט וואָס צו עסן. פאר זייער לערנען האָבן זיי קיין באלוינונג נישט גענומען, האָבן די תלמידים געמעגט זײַן ווי רײַך. — אָפּטמאָל האָב איך געזען, ווי א מענגע לײַט, פיל אויף אויסגעפּוצטע אייזעלעך, אין איידעלע געוועבטע קליי־דער גייען נאָך אן ארעמען מאן, א טאָג־לוינער אָדער א בעל־מלאכה, נישט צומאָל געגנוג אלט. אָפּטמאָל זיינען די רבים געווען יונגע מענטשן, און אלטע לײַט זיינען זיי נאָכגעגאנגען און צוגעהערט זיך מיט יראת הכבוד צו זייערע ווערטער. איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט פארשטיין, אין וואָס עס באשטייט זייער קראַפט, וואָס זיי האָבן איבער דעם פאָלק. דאָס פאָלק, נישט נאָר זייערע תלמידים, איז בערייט געווען פאר זייערט־וועגן אין אלע געפארן זיך צו ווארפן, אלץ צו טון וואָס זיי וועלן הייסן. מיר האָבן זיך געשראָקן פאר דער מאכט, וואָס עס באזיצן די שריפט־געלערנטע אויפן פאָלק, און מיר האָבן געהאלטן אן אויג אויף זיי.

איינער פון זיי איז געווען, לויט זײַן שטעלונג, נאָך יונג אין יאָרן, ער האָט געקאָנט זײַן אין די פערציקער. א הויכער איז ער געווען, שווארצע, דורכדרינגענדיקע אויגן האָבן אים ארויסגעקוקט פון דעם קראנץ פון זײַן שווארצער באָרד. נישט געקוקט אויף זײַן יונגקייט, זיינען אָבער צאָלרײַך געווען זײַנע תלמידים. ער האָט באזעסן אן אומבאגרע־נעצטע מאכט איבערן פאָלק. דאָס פאָלק האָט אים כמעט ווי פארגעטערט. איך ווייס נישט, אין וואָס עס איז באשטאנען זײַן לערע, נאָר ווען ער האָט אויפגעעפנט דאָס מויל אין הויף פון בית־מקדש און אָנגעהויבן אויסצוטײַטשן דאָס געזעץ, האָבן זיך געשאַרט צו אים די מאסן, פון דער שטאָט איז מען געקומען צו אים צו לויפן, בעלי־מלאכות האָבן זייער ארבעט אוועקגעוואָרפן, דער קרעמער זײַן קראָם, מען האָט איבערגע־

לאָזט האנדל און וואנדל און מען איז געקומען אין בית־מקדש־געסל, אין זײַן געוועלבל, וואו ער איז געזעסן, מ׳האָט באלאגערט די גאנצע גאַס און צוגעהערט זיך צו זײַנע ווערטער. ער איז געווען א תלמיד פון איינעם א גרויסן געלערנטן, וועלכער איז געשטאָרבן זייער אַלט און האָט גע־לעבט אין הורדוסעס צײַטן און איז זייער פארהייליקט געווען בײַם פאָלק. דאָס פאָלק האָט אריבערגעטראָגן די פארערונג פון דעם אַלטן רבין אויף זײַן יונגן תלמיד און אָנערקענט דעם יונגעמאן פאר א גרויסן אווטאָריטעט אין זייער געזעצגעבונג. נישט דער כהן גדול יוסף קייפא, נישט זײַן שווער חנן און נישט די אַלע חשובע לײַט ארום בית־מקדש האָבן געגאָסן יענע פארערונג, וואָס דער רבי, וועלכער האָט אייגנטלעך קיין אָפיציעלע שטעלונג אין טעמפל נישט געהאַט. ער איז געווען א מיטגליד פון גרויסן סנהדרין, אָבער זיי האָבן אים נישט תמיד גערופן.

איך מוז זאָגן, אז איך האָב אים נישט איבעריק ליב געהאַט אָט דעם געזעץ־געלערנטן זייערן. ניין, איך האָב אים נישט גערן געהאַט, דעם געלערנטן זייערן. ווי האָט מען אים דאָס גערופן... יאָ, יוחנן, דאכט זיך, יוחנן דער זון פון זכאי. ער האָט זיך מכלומרשט געהאַלטן פאר א גרויסן עניו. אז ער פלעגט מיך דערזען אין בית־מקדש־געסל צווישן די צוויי מויערן, גייענדיק פון דער אנטאָניא אין שטאָט ארײַן, האָט ער נישט ווי די אנדערע אויסגעמיטן מײַן בליק, פארקערט — ער האָט געמעגט זײַן ווי ארומגערינגלט מיט דער מחנה פון זײַנע תלמידים, — האָט ער דעם תפילין־באקליידטן קאָפּ ארויסגעשטעקט פון די מאסן און מיך דער ערשטער באגריסט. און נישט נאָר מיך אליין, אפילו איינעם פון אונזערע זעלנער, א געוויינלעכן מאן פון דער קאָהאָרטע, האָט ער דער ערשטער געגריסט. אין דעם האָט ער נישט געמאכט קיין אונטערשיד צווישן ייד און הייד. אָבער בײַ זײַן גאנצער עניוות, וואָס ער האָט געשפילט, האָט מען אָנגעזען אין אים, אז ער וואָלט נישט געווען אויסגעטוישט זײַן שטעלונג מיט דעם קייסער פון דער רוימישער אימפעריע. ער וואָלט נישט אויסגעטוישט די הערשאפט פון רוים איבער דער גאנצער וועלט פאר איינע פון זײַנע געזעץ־אויסטײַטשונגען. ער האָט געהאַלטן פאר פיל וויכטיקער זײַן לערע, ווי די גאנצע וועלטלעכע הערשאפט פון דעם רוימישן סענאַט. און האָט ער אונז געמעגט גריסן דער ערשטער און אונז מיט זײַן האַלטונג קיין אורזאך נישט געבן אומצופרידן צו זײַן מיט אים (פארקערט, ער האָט זיך שטענדיק געמיט בעת די ימים טובים דאָס פאָלק צוריקצוהאַלטן פון אויפרודערונג), — האָט ער אָבער אין זײַן הארץ אונז פאראכטעט און ווי יעדער פון זיי, ווי די אַלע רביס, געוואַרט מיט בענקשאפט אויף זייער אויסגעטראכטן משיח, וועלכער זאָל קומען

אראָפּצורײַסן אויף א וואָלקן פון הימל מיט זײַנע פײַערדיקע חיילות און אונז פארטרײַבן פון לאנד, און נישט נאָר פון לאנד, נאָר אויך צו באזיגן די רוימישע לעגיאָנען, צו פאריאָגן דעם קייסער און דעם סענאט, צו מאכן א תל פון רוימס הערשאפט איבער דער וועלט און אײַנצופירן זייער אייגענע הערשאפט, אָדער ווי זיי האָבן דאָס אָנגערופן: די הערשאפט פון הימל אויף דער ערד. דער גלויבן, וואָס האָט אָנגענומען בײַ זיי גאנץ רעאַלע פאָרמען, איז אים געלעגן אויסגעגאָסן אויף זײַן קלוג אָסקעטיש פּנים, האָט ארויסגעקוקט פון זײַנע ברענענדיקע אויגן, פּונקט ווי עס האָט ארויסגעשריגן פון די פאנאטישע פּנימער, פון די ווילדע העויות פון אלע זײַנע באגלייטער און פון גאנצן יידישן פעבל.

מיר האָבן געוואוסט דערפון. פארשטייט זיך אָבער, אז אזוי לאנג ווי זיי האָבן געשפּילט די ראָלע פון לאָיאַליטעט צו דער רוימישער מאכט, האָבן מיר זיי צורו געלאָזט. עס וואָלט אויך געווען נישט קלוג צו פארפאָלגן די אָנפירער זייערע, וועלכע זיינען געווען זייער באריםט נישט נאָר בײַ די יידן אין יהודה, נאָר אויך צווישן דעם יידנטום פון דער גאנצער רוימישער אימפעריע.

איך האָב באלד אײַנגעזען, אז אונזערע נאטירלעכע פארבינדעטע אין דער דאָזיקער פײַנטלעכער אַטמאָספערע זיינען די לײַט פון דער הויך־אריסטאָקראטיע, מיט די כהנים גדולים אין דער שפּיץ. זיי האָבן, איבעריקנס, געהערט צו א פּארטיי, וואָס האָט שוין פּסיכאָלאָגיש זיי דער־נענטערט צו אונזער אַרט דענקען. איך וועל זיך דאָ נישט ארײַנלאָזן צו גיין דערקלערן די פארשידנקייטן פון זייערע פּארטייען, וואָס דאָס וואָלט אפשר וויכטיק געווען, מען קאָן אָבער דערפון א גרויסן קאָפּ־ווייטאָג באקומען. איך ווייס נישט, צי זיי האָבן אונז, רוימער, טאקע אזוי ליב געהאט ווי די אריסטאָקראטן האָבן אונז פארזיכערט, נאָר איך ווייס, אז זייער אייגענע לאגע, אין וועלכער זיי האָבן זיך געפונען, האָט זיי ווי א רייפע פּרוכט צוגעטראָגן אין אונזערע מײַלער ארײַן. זיי וואָלטן נישט געקאָנט קיין איין טאָג עקזיסטירן אָן אונזער הילף. מער ווי מיר זיי, האָבן זיי אונז באדארפט האָבן.

ווארום מען קאָן נישט זאָגן, אז זיי זיינען זייער באליבט געווען, די אלע כהנים גדולים, מיט אלע זייערע משרתים, חזנים, סגנים, מיט־העלפער און טעלערלעקער, וואָס האָבן זיך געדרייט ארום זיי. זיי זיינען געווען א היפּשע מלוכה, די כהנים גדולים, און זיי האָבן זיך אויך זייער ערנסט געהאלטן. איך וועל דיר וועגן דעם אן אנדערש מאָל דערציילן. איך וויל דיר נאָר זאָגן, אז איר, יידעלעך, האָט גאָרנישט וואָס שטאָלץ צו זײַן אויף אײַערע קעניגן, כהנים און אנדערע רעדל־פירער. און ווען

נישט מיר, רוימער, וואָלטן זיי נישט געקאָנט קיין איין טאָג אין זייערע רעזידענצן זיצן און רעגירן. אונטערגעשטיצט דורך אונזער מאַכט, האָבן זייערע שמשים געקאָנט אויסשמײַסן מיט זייערע קאַנטשוקעס די ממשלה אין פאָלק. נאָר וועגן דעם — אַן אנדערש מאָל...

דאָס פאָלק האָט די כהנים גדולים פײַנט געהאַט, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געקאָנט טון קעגן זיי. די כהנים זיינען געווען די, וועלכע האָבן באַוואַכט דאָס בית־מקדש און דאָס הייסט — דאָס צענטראַלע רעליגיעזע לעבן פון די יידן, וואָס דאָס איז געווען דער נערוו פון זייער גאַנצער גײַסטיקער און פיזישער עקזיסטענץ. זיי האָבן נאָר געלעבט פאַר זייער רעליגיע. איך בין דאָך שוין אויסגעווען א וועלט, איך בין געווען מיט גערמאַניקוס פיר יאָר אין גערמאַניע, איך האָב קענענגע־לערנט די מנהגים פון די באַרבאַרן פון יענער זײַט רהיין, איך בין געווען אין גאַליע, אין שפּאַניע, אין אַפריקע, איך האָב קענענגעלערנט די פּריס־טער פון עגיפּטן מיט זייערע מיסטישע באַשווערונגען, די כשופמאַכערס פון כאַלדעיע, די שלאַנגען־באַשווערער פון אַבעסיניע, — איך האָב אָבער נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין פאָלק, וואָס זײַן אינטערעס אין לעבן זאָל נישט זײַן געווידמעט צו באַקעמפן די פײַנטלעכע שכנים אָדער צו געניסן פערזענלעכע פאַרגעניגנס, אַרויסצווײַזן גבורה, חכמה, צו האָבן עשירות אָדער דערפילן די דורשטן פון זײַן תאוה. די יידן האָבן זייער איינציקן אינטערעס, זייער גאַנץ לעבן, זייער טראַכטן, זייער ליבע, זייער גבורה, זייער תאוה אוועקגעשאָנקען נאָר פאַר איין־איינצי־קער ליידנשאַפט — פאַר גאָט, אויסצופירן זײַנע געבאָטן אין די קלענס־טע און אויסטערלישסטע דעטאַלן.

און אזוי ווי דאָס בית־מקדש איז געווען דער צענטער פון זייער רעליגיעזן לעבן, איז עס ממילא געוואָרן דער מיטלפּונקט פון זייער גאַנצער אַקטיוויטעט, פון אַלע זייערע טראַכטונגען, טאַטן און וואונשן, ווײַל קיין אנדער לעבן האָבן זיי נישט געהאַט. איז זעלבסטפאַרשטענד־לעך, דער כהן גדול געוואָרן דער הויפּט־אָנפירער נישט נאָר פון די רעליגיעזע פונקציעס, נאָר אויך דער פּראַקטישער הערשער איבערן פאָלק. דער כהן גדול איז נישט נאָר געווען דער העכסטער פונקציאָנאַר פון רעליגיעזן לעבן, נאָר אויך דער אומגעקרוינטער קעניג. ער האָט געקאָנט אַרויסשיקן שליחים מיט באַפעלן צו אַרעסטירן יידן אפילו אויסער די גרענעצן פון יהודה. זיי האָבן פון פאָלק אויסגעזאָגט ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט, אָפּגעשינדן פון אים יעדע שיכט פון פעטס און איבערגעלאָזט אים דאַר און מאָגער. די כהנים גדולים זיינען געווען אָנ־געשטאָפּט מיט גאָלד און רײַכטום, וואָרום א חוץ דאָס ערשט־געבוירענע

און אַנדערע מעשר, וואָס דאָס פאָלק האָט זיי געמוזט אָפּגעבן אין נאַטור, האָבן זיי ארויפגעלייגט אויפן פאָלק פארשידענע מסים און אָפּצאָלונגען. פאר יעדער קרבן, וואָס מען האָט געבראכט, האָט מען געמוזט סטעמפּל־געלט געבן. די אָרעמסטע פון די אָרעמע האָבן געמוזט פאר יעדער טויב, פאר יעדן שמעק־בלעטל, פאר יעדער קוואָרט אייל, פאר וויין, פאר האָלץ און אפילו פאר וואסער, וואָס זיי האָבן געבראכט אויפן מזבח פאר גאָט, זייערע אָפּצאָלונגען פאר די כהנים געבן. היינט דאָס פלייש פון די קרבנות! זייער גאָט האָבן זיי נאָר אָפּגעגעבן פון קרבן א ביסל בלוט, א שטיקל פעטס, אמאָל אויך א שטיקל פלייש, דאָס איבעריקע האָבן די כהנים גדולים גענומען פאר זיך, די אלע מעשרות זיינען ארייגעפאלן אין די הענט פון א פּאָר משפחות, וועלכע האָבן צווישן זיך איינגעטיילט די הויכע שטעלעס, וואָס דאָס בית־מקדש האָט געהאט צו געבן. די גע־וויינלעכע כהנים פון נידעריקע משפחות זיינען געהאלטן געוואָרן אין אָרעמקייט, זיי האָט מען אויסגענוצט צו דער ארבעט אין בית־מקדש, דאָס זיינען געווען א מין טעמפּל־שקלאַפן, וואָס האָבן געטון די שווארצע ארבעט. איבריקנס, זיינען געווען צווישן די אָרעמע כהנים פיל אויפ־רודערערס, זיי זיינען אָפטמאָל געשטאנען אין דער שפּיץ פון בונט. מיר האָבן געהאט אונזער פלאָג אין ירושלים מיט די אָרעמעלייט, די אָרעמ־קייט איז געווען די סיבה פון אלע בונטן, און וועגן דעם וויל איך דיר איצט דערציילן.

קאַפּיטל צען

חנן בן חנן.

איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז מער פון אלע מקורבים פון כהן גדול האָט דער יינגסטער שוואָגער זיינער, חנן, דעם גרעסטן איינפלוס אויף די געשעפטן און פירונגען פון בית־מקדש. מען קאָן זאָגן, אז ער איז געווען די אמתע מאכט הינטער דעם טרוין. אָט דער חנן בן חנן איז נישט נאָר געווען דער קלוגסטער, נאָר אויך דער, וואָס האָט פארמאָגט מער כאראקטער פון אלע זיינע ברידער. אזוי יונג ווי ער איז געווען (ער האָט דענסטמאָל געקאָנט אלט זיין א יאָר אייניקע־צוואַנציק, נישט מער), האָט ער געוואוסט, וואָס ער וויל און ער איז געגאנגען צו זיין ציל מיט פונאנדערגעשפרייטע עלנבויגנס. איך זע אים ווי לעבעדיק פאר מיר: א הויכער, מיט שטארקע מוסקולירטע אברים; זיין האַרט אויס־

געקנעטן לײַב, וואָס איז דערצויגן אין שטרענגער אַטלעטישער דיסציפּלין, איז באַדעקט מיט וועלדער שוואַרצע האָר; זײַן קורץ־שפּראָצנדיקע שוואַרץ־געדיכטע באָרד, שײן געפּלעגט און געפּלאָכטן פון אַ געניטן כאַלדעאישן פריזירער, האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט זײַנע שווערע שוואַרצע לאָקן און אַרומגענומען זײַן לענגלעכדיק פּנים ווי מיט אַ שטעכעדיקן וואַלד. פון דעם באַבערדיקטן קראַנץ האָט אַרויסגעקוקט אַ מעכטיקע שופּרדיקע לאַנגע נאָז, וואָס האָט מיט איר עק פאַרשאָטנט זײַנע קלײנע ליפּן. זײַן גלאַנציקער הויכער שטערן האָט זיך טיף אײַנגעשניטן אין זײַן געדיכטן קאָפּ האָר. זײַנע אויגן, זיכער באַשיצט אונטער שטרענגע ברעמען, ווי בײַ זײַן פאָטער, האָבן מיט אַרויספאָדערנדיקער חוצפּה געקוקט און אויסגעבויערט מיט זײער שוואַרצן בליק אַ וועג פאַר זיך...

ער איז געווען אײַנגאַנצן אײן שטיק קאָנדענסירטע ענערגיע, אַלץ האָט געשריגן אין אים נאָך טעטיקײט, זײַנע הענט זײַנען שטענדיק געווען געפּויסט, ווי זײ וואָלטן זיך געהאַלטן אין אײן אָפּווערן,, זײַן מויל — צום אָפּשרײַען, זײַן יעדער גליד איז געווען געהאַלטן אין מאָביליזירטער גרײטקײט. עס איז גענוג געווען אים אָנצורירן דורך אַ בלויזער לײַכטער באַרירונג פון אַ וואָרט אָדער אַ בליק, אַז אַלע זײַנע גלידער, יעדע האָר פון זײַן געדיכטן באַוואַקסענעם ברוסטקאַסטן זאָלן זיך אויפשטעלן ווי שפּיזן און אַדורכשטעכן דורך זײַנע קלײדער, גרײט צום קאַמף.

און צו קעמפן איז געווען אַ סך און מיט פיל. עס איז נישט לײַכט אין ירושלים אײַנצוהאַלטן די מאַכט סײַ בײַ אונז, סײַ בײַם כהן גדול, און דאָס ייִנגל איז געווען מאַכט־דורשטיק — דאָס האָט מען אויף אים אָנגעזען, דאָס האָט אַרויסגעשריגן פון זײַן גאַנצער פּערזאָן, פּונקט ווי בײַ זײַן פאָטער. אָבער ווען דער אַלטער האָט געקאָנט זײַן מאַכט־דורשט אויסוואַרטן מיט כיטרער געדולדיקײט, וואָס זײַנע לאַנגע דערפאַרונגען האָבן אים געלערנט, — ער האָט זיך פאַר דער אויסערלעכער שײַן באַגנוגענען געלאָזט מיט דער ציווילער פאַרוואַלטונג, וואָס זײַן אײדעם האָט אים איבערגעלאָזט, — איז דער זון געווען צו יונג און צו אומדערפאַרן זײַן אײַפערזוכט אויפן שוואָגער, דעם רעגירנדיקן כהן גדול, צו קענען אויסבאַהאַלטן.

ער האָט געוואוסט, אַז עס וועט נאָך פיל וואַסער, אַפילו אין דעם קאַרגן טײַכל „השלח", אָפּפליסן, ביז ע ר וועט דערגרײכן צו דער מאַכט. עס האָבן נאָך פ א ר אים געוואַרט דרײַ עלטערע ברידער, וועמענס אַמביציע צו ווערן כהנים גדולים איז נישט געווען קלענער ווי זײַנע. אויך דער טאַטע האָט געוואָלט דערלעבן אַלע זײַנע פינף זין, פון וועלכע דער עלטסטער, אליעזר, האָט שוין געהאַט באַקלײדט דעם הויכן

אמת, — צו זען אנגעטון אין די הייליקע קליידער פון כהן גדול. נו, האלט אבער אן זײן איידעם די שטעלע צו לאנג און עס זעט גארנישט אויס, אז ער זאל קלערן וועגן אפטרעטן זי צו זײנע ווארטנדיקע שוואָ־גערס. די שטעלע איז געווען צו מעכטיק און איר רייץ צו גרויס, אז ער זאל זי מיטן גוטן ווילן אפרוימען אפילו פאר ווארטנדיקער משפחה. איז דעריבער צווישן שווער, דעם אלטן כיטרען חנן, און דעם איידעם זײנעם, דעם רעגירנדיקן כהן גדול יוסף קייפא, אנגעגאנגען באהאלטענערהייט א קאמף צו געווינען די חסדים פון פילאטוסן. פון אויבנאויף האט עס געהייסן, אז די כהונה איז אײנגעהאלטן אין דער משפחה, די געשעפטן גערעגלט, די אײנקונפטן זיינען געפלאסן אין איין קאסע און אלע האבן געגעסן פון איין טאפ. אבער הינטן ארום האט מען זיך אויסגעקאנקורירט די שטעלע דורך דעם געיעג פון מתנות און שוחד־געלד, וואס מען האט געשיקט צום פראקוראטאר, צום שטאטהאלטער וויטעליוס קיין אנטיאכע און צו דער לאנגער קייט קרובי־למלכות, וועלכע קאנען זאגן א גוט ווארט. נאר עס איז געווען פארפאלן, דער שטילער יוסף קייפא, ווי שטיל און רואיק ער האט זיך נישט באנומען און געלאזט זײן שווער פירן פאר אים די ציווילע געשעפטן, איז ער אבער נאך כיטרער געווען פון אלטן חנן, זײנע מתנות זיינען געווען פעטער, די געוויכט פון גאלד, וואס איז געגאנגען קיין צעזאריע — שווערער. און ער האט באוויזן דאס, וואס קיין אנדערער כהן גדול האט נישט געקאנט באווײזן: אנצוהאלטן די שטעלע דורך דער גאנצער צײט, וואס פילאטוס איז געווען בײ דער מאכט. פארלויפיג איז גארנישט געווען צו מאכן, דעם קאמף קעגן דעם אייגענעם שוואגער האט חנן נישט געקאנט אויפנעמען, האט ער געפירט דעם קאמף פאר אײנהאלטן די מאכט פאר זײן סעקטע, פאר זײן קלאס, פאר זײן משפחה...

דער יונגער חנן, וועלכער האט מער פון זײנע ברידער געירשנט פון זײן פאטער דעם חוש פאר רעגירן, האט באלד אײנגעזען, אז אין ירושלים ווי אין יעדער אנדערער שטאט, קאן מען דעם אמט פון כהן גדול נאר אנ־האלטן דורך רײכטום; און ער האט זיך גענומען צו ארגאניזירן אויף א רייין סוחרישן אופן די אײנקונפטן פון כהן גדול. דאס „צענטל" פון תבואה און אלע אנדערע פראדוקטן, וואס דאס געזעץ הייסט אפגעבן דעם כהן, געהערט אויסשליסלעך צום רעגירנדן כהן גדול און צו זײן משפחה, אלע אנדערע כהנים מוזן זיך באגנוגן לאזן מיט די רעשטן, וואס עס בלײבט זיי איבער פון די קרבנות. אלע אײנקונפטן פון די כהנים געהערן דעם כהן גדול און ער קאן טון מיט זיי וואס ער וויל. דאס „צענטל" איז נישט מער קיין הייליק ברויט, דאס איז דעם כהן גדולס פריוואט־אייגנטום.

געוועלבער ווערן געעפנט אויף דעם באזיץ פון כהן גדול, אויפן הר הזתים, מען רופט זיי „חניות דבית חנן" — די געוועלבער פון דעם הויז חנן, דאָרט אהין ווערט טראנספּאָרטירט דאָס „צענטל", דער מעשר פון אַלע פּראָדוקטן, וואָס מען ברענגט אין בית־מקדש און עס ווערט פאַר־קויפט דעם הונגעריקן פאָלק, דעם וואָס באצאָלט א העכערן פּרײַז, אָדער עס ווערט גאָר טראנספּאָרטירט צו די האַפנס פון צור און צידון, כדי צו ברענגען די תבואות אויפן וועלט־מאַרק. בחינם שרײַען זיך אויס די העלזער די געלערנטע פון די פרושים, אז דאָס „צענטל" איז הייליק ברויט און עס קאָן נאָר דורך די כהנים, אונטער געוויסע ריטועלע צערע־מאָניעס, פאַרצערט ווערן. דאָס הונגעריקע פאָלק קומט און קויפט עס, עס איז כהן גדול־אייגנטום. די פּראָדוקטן, אין וועלכע דאָס בית־מקדש נייטיקט זיך, ווי מעל פאַרן הייליקן ברויט, קרײַטעכצער צו דעם ריי־ניקונגס־קרבן; די איידעלסטע בשמים, פון וועלכע מען שטויסט אויס די אייל; די אויסגעזוכטסטע עגיפּטישע פלאַקסן, געפאַרבטע פּורפּור־וואָלן פון צור פאַר די וועב־שטולן פון די פרויען, וועלכע וועבן אויס די קליי־דער פאַר די כהנים, די פּרוכתן פאַרן בית־מקדש — דאָס זיינען אַלץ הייליקע פּראָדוקטן און קאָנען נאָר צוגעשטעלט ווערן דורך דעם כהן גדול. איצט די טויבן, וואָס יעדע פרוי באדאַרף ברענגען אַלס קרבן נאָך דעם געבורט פון א קינד, דאָס זיינען נישט קיין הפקר־טויבן, וואָס יעדער איינער קאָן זיי כאַפּן ווי דעם פרײַען פויגל און ברענגען אין שטאָט אַרײַן צו פאַרקויפן. די טויבן מוזן זײַן ריין, גוט געפלעגט, אָפּ־געהיטן, אז עס זאָל קיין מום נישט זײַן אין זיי, זיי זאָלן קיין טרפהנע זאַך נישט עסן, זיי מוזן געהאָדעוועט ווערן צו דעם צוועק. און פון כהן גדול ווערן פאַרלייגט ציכט־הײַזער פאַר טויבן. די טויבן ווערן יעדן טאָג געבראַכט אין די געוועלבער פון הויז חנן, און נאָר די טויבן קאָנען אָנגענומען ווערן דורכן כהן אַלס קרבן פון רייניקונג פאַר די פרויען, קיין אנדערע נישט, און מען קאָן נעמען פאַר זיי דעם פּרײַז, וואָס מען שטעלט נאָר אויס. און וועלכע פרוי וועט נישט געבן דעם פּרײַז פאַרן רייניקונגס־קרבן, אז זי זאָל צוריק פעיִק ווערן איר ווײַבלעכע מיסיע אויסצופירן... מיט דער צײַט קאָן מען אויך דאָס געזעץ פאַרברייטערן, דער באדאַרף פון טויבן ווערט זייער גרויס, און מיט דעם באדאַרף שטײַגט דער פּרײַז, און זיי פליען אַרויף פון א זילבערנעם ביז א גאָלד־דענעם דינר פאַר א פּאָר אָן מומים ריינע טויבן.

הייבט מען אָן מיט טויבן, מען ווייס זען שפּעטער, וואָס עס לאָזט זיך מאַכן פון שעפּסן און אָקסן. דערווײַל גייט אָן א גרויסער האַנדל מיט די פעל פון די קרבנות, וועלכע דער כהן גדול נעמט צו פאַר זיך.

דער עיקר געשעפט לאָזט זיך אָבער מאַכן מיט געלט־טוישן. אין קיין שטאָט ווערט נישט אַזוי פיל געהאַנדלט מיט געלט ווי אין ירושלים. די יידן, וועלכע זייַנען עולה רגל פון די אַלע רוימישע פּראָווינצן און פון בבל, ברענגען מיט מיט זיך כלערליי געלטער, וואָס ווערן געפּרעגט אין זייערע שטעט. ירושלים, אַקעגן, ווי גאַנץ יהודה, האָט נישט קיין אייגן געלט: צוליב דעם אַבערגלויבן נישט צו דולדן קיין אָפּבילדונג פון מענטש אָדער חיה, איז דאָ נישט דערלויבט צו פּרעגן קיין זילבערנע מטבעות, ווי די פעניציִשע שטעט אין ארץ ישראל — צור און צידון; די יידן מוזן זיך באַגנוגענען לאָזן מיט קופּערנע און בראָנזענע פּרוטות, וואָס די פּראָקוראַטאָרן געבן אַרויס, און כדי נאָכצוקומען דעם ריטועלן געברויך טראָגן זיי נאָר אויף זיך אָרנאַמענטן פון פּרוכטן אָדער יידישע רעליגיעזע סימבאָלן. די אָפּצאָלונגען פאַרן בית־מקדש, וואָס יעדער ייד איז מחויב אייַנצוצאָלן פון 10־טן ביזן 15־טן אָדר, ווערט אין קיין אַנדער געלט נישט אָנגענומען, ווי נאָר אין דראַכמעס, וואָס עס פּרעגט די פעניציִשע שטאָט טירה, נישט געקוקט וואָס די דראַכמע טראָגט אויף זיך די צורה פון גאָט מעלקאַרט. דאָס איז דערפאַר, וואָס די דראַכמע האָט די זעלבע וואָג זילבער וואָס דער יידישער שקל. ביז איצט האָבן די יידן געקאָנט אייַנטוישן זייער געלט בייַ פּריוואַטע וועקסל־לייַט, אָבער חנן פירט אייַן, אַז די טירה'שע דראַכמע, וואָס איז נויטיק פאַר דעם אָפּצאָל פון בית־מקדש, קאָן מען נאָר אייַנטוישן בייַ זייַנע וועקסל־טישלעך, וואָס ער האָט געלאָזט אויפשטעלן פון זייַנע מענטשן אין דעם פאָדערשטן הויף פון בית־מקדש. און באַלד איז דער גאַנצער בית־מקדש־פּלאַץ אָנגעפילט געוואָרן מיט טומל פון די טויבן־הענדלער און די געלט־טוישער און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אָריענטאַלישן באַזאַר.

די פּרושים נעמען זיך אָן פאַרן באַעוולהטן פאָלק, טייל פון זיי פאַרגלייַכן דאָס מזבח צום מויל פון א חיה, וועלכע האַלט אין איין שרייַען: „הב! הב!" — גיב! גיב!... און פאַראָרעמט דאָס פאָלק. אָבער אין גאָטס הויז רעגירט דער כהן גדול, ניין — עס רעגירן דער שווער און דער שוואָגער, די ביידע חננס...

און באַלד ווערט דאָס הויז חנן די רייַכסטע און מעכטיקסטע משפּחה אין לאַנד, לעגענדעס גייען אַרום איבער זייער רייַכטום, שיפן אונטער דער פאָן פון כהן גדול פירן איבער די ימים די פעל פון די קרבנות, רויע און געוואַלקטע, תבואות, איילן און ווייַנען צו אַנדערע האַפנס. גאַנצע שטעט פאַרמאָגט דאָס הויז חנן, אָפּגערעדט שוין — פון פיל רייַכע אונטערנעמונגען, ווי די געוועלבער אויפן הר הזתים; זיי האָבן אויך זייערע אייגענע אייל־מילן, אין וועלכע זיי שטויסן אויס אייל פון זייערע

אייגענע איילבירטן פאר דעם געברויך פון בית־מקדש. באלד וואַקסט אויס דאָס הויז חנן צו דער גרויסער ממשלה פון לאַנד מיט אַן א שיעור פקידים, אויספירער פון געזעץ, קאַסירער, אויפמאָנער פון מסים, אויפ־זעער איבער די קרבנות און שטײַער־אָפּצאָלונגען פארן בית־מקדש, שפּיאָנען, וואָס באוואַכן די טריט פון יעדן בירגער, אָבער נאָך מער שמשים, וועלכע שלאָגן דאָס פאָלק מיט ריטער, בײַטשן און קאַנטשוקעס אָנגעבונדן מיט בלײַ, אזוי אז דאָס פאָלק קרעכצט אונטער זייער יאָך און בחדרי חדרים גיט עס זיך צו מוט און זינגט שפּאָט־לידער.

איך האָב באַלד אײַנגעזען, אז מיט דעם יונגענמאַן לאָזט זיך מער צוזאַמענאַרבעטן ווי מיט די אַנדערע מיטגלידער פון זײַן משפחה. דורך זײַן ענערגיע און דורך זײַן אײַנפלוס אויפן פאָטער, ווי אויך צוליב זײַן פּראַקטישן חוש איז ער — און נישט דער כהן גדול — דער אמתער אָנפירער פון בית־מקדש. און ווען מען וויל עפּעס דורכפירן אין ירושלים, קאָן מען עס נאָר טון דורך דעם יונגענמאַן, וואָרום א חוץ זײַן מאכט, האָט ער געהאַט מער מוט און מער קוראַזש פון אלע זײַנע משפחה־מיטגלידער.

שוין זײַן רעליגיע־אויפפאַסונג האָט אים געמאַכט נאָענט צו אונז. ווי זײַן גאַנצע אומגעבונג, האָט ער געהערט צו דער אויפגעקלערטער פּאַרטיי, צו די צדוקים. איך האָב מיט דעם יונגענמאַן אָפטמאָל געפירט געשפּרעכן איבער דער דאָזיקער טעמע, איבער דעם חילוק צווישן זיי און די פרושים, וואָס דאָס האָט מיך זייער אינטערעסירט. אויף באַנקעטן און אין פּריוואַט־געשפּרעכן האָט ער, ווי איבעריקנס זײַן גאַנצע סביבה, אַרויסגעבראַכט געדאַנקען, וועלכע זיינען געווען אין איינקלאַנג מיט אונזער אייגענער אויפפאַסונג וועגן לעבן. אנומלט האָט ער מיר געזאָגט:

— גאָט האָט נישט ליב, אז מען מישט זיך אַרײַן אין זײַנע געשעפטן און מען גייט אויסקאָריגירן זײַנע טעותים. ער האָט יעדן איינעם געגעבן פרײַען ווילן צו ווערן בעסער ווי ער האָט אים באַשאַפן. אויב דו ביסט עס נישט געוואָרן, הייסט עס, אז דו געפינסט זיך אויף דעם ריכטיקן אָרט. און מיט מענטשלעכער הילף וועסטו גאָרנישט איבערמאַכן, דו וועסט נאָר באַלעמוטשען דעם אנדערן פון צו טון די ארבעט, וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט. דורך דעם זיינען מיר קעגן די אלע פאַרגרינגערונגען פון געזעץ, וואָס אונזער קעגנערישע פּאַרטיי, די פרושים, פירן אײַן. משה רבינו וואָלט געקאָנט געבוירן ווערן א שקלאַף ווי אלע אנדערע יידן אין מצרים אָדער געקאָנט דערטרינקען ווערן מיט אלע אנדערע יידישע קינדער, וואָס די יידישע מוטערס האָבן אויף פּרעהס באַפעל דערטרונקען; גאָט האָט אים אָבער אליין אויסגעזוכט, אז ער זאָל גע־

ראַטעוועט ווערן דורך פּרעהס טאָכטער און זאָל זיך דערציען אין קעניג־לעכן הויף. ער אַליין פון אַלע יידן האָט געגאָסן פון די פּרײַהײַטן, כדי צו וויסן וואָס פאַרשקלאַפונג איז. ער אַליין איז נאָר אויסגעקליבן גע־וואָרן — גאָט אויפן בארג סיני צו באַגלייטן, און נישט קיין אַנדערער, טאָ וואו איז דאָ אַן אויסגלײַך צווישן מענטש און מענטש?

— ווער וויל דען דאָס בײַ אײַך אײַנפירן?

— עס זיינען דאָ בײַ אונז אזעלכע פאַנאַטיקער, ליידער שטאַרקט זיך די געגנערישע פּאַרטיי וואָס א טאָג אַלץ מער. די פירער פון די פּרושים, אזוי די לעבעדיקע און נאָך מער די געשטאָרבענע, ווערן וואָס אַמאָל מער פאַרהייליקט בײַם פאָלק, איבער איינעם פון זיי שאַפן זיך שוין לעגענדעס. די געזעץ־געבער פון די פּרושים ווערן וואָס אַמאָל מער פּאָפּולער בײַ די פאָלקס־מאסן אויפן חשבון פון כהן גדול, און אונזערע זעען דאָס צו און שווײַגן. עס איז קיינער נישטאָ בײַ אונז, וואָס זאָל האָבן דעם מוט אנטקעגנצושטעלן זיך די געלערנטע פּרושים. פאַרלויפיק איז נאָך אַלץ די מאכט פון בית־מקדש און פון די סנהדרין, גאָט צו דאַנקען, אין אונזערע הענט, אָבער זיי באַקומען וואָס אַמאָל מער חוצפּה. זיי וואָגן אין נאָמען פון ריינעם געזעץ אָדער אין נאָמען פון באַוואוסטן פאָלק זיך אַרײַנצומישן אין זאַכן, וואָס באַלאַנגען אויסשליסלעך צו דער העכערער קאָסטע פון די כהנים לויט א טראַדיציע פון דורות.

— און איר לאָזט עס צו? איר קוקט אזוי צו, ווי עס וואַקסט אײַך א מאכט איבערן קאָפּ? — דערוועקט איך די אַמביציעס פון יונגענמאַן — נאָך א ווײַל, און זיי וועלן אײַך אינגאַנצן אַרויסשטופּן פון דער מאכט.

— נו, דאָס וועלן מיר נאָך זען! — זאָגט דער יונגערמאַן אין א זי־כערן טאָן — מיט מײַן פּאַטערס הילף וועל איך די זאַכן נעמען אין מײַן האַנט אַרײַן, שוין צײַט צו באַווײַזן זיי, ווער שטאַרקער עס איז.

ער האָט זיך אויך אַרומגעטראָגן מיט גרויסע פּלענער, דער חנן בן חנן. איך האָב אַנומלט געהאַט מיט אים אַן אינטערעסאַנטן געשפּרעך וועגן שקלאַפן. ער האָט באַדויערט, וואָס צוליב די שטרענגע געזעצן פון די יידן קאָן זיך אין יהודה נישט אַנטוויקלען א שקלאַפן־צוכט, ווי מען איז געוואוינט צו זען אין די שכנישע לענדער.

— דורך דעם — זאָגט ער — זיינען מיר אין אונזער גאַנצן ווירט־שאַפטלעכן לעבן צוריקגעשטאַנען לגבי אונזערע שכנים. די פעניציער זיינען נאָר דורכדעם אזוי גרויס אין זייער ווירטשאַפט, ווײַל זיי אַרבעטן אין זייערע פאַרבערײַען, מילן, וועב־שטולן, אין זייערע גרובנס — מיט שקלאַפן, זיי באַאַרבעטן זייערע פעלדער, גערטענער, און זייערע שיפן ווערן געטריבן דורך שקלאַפן־כחות. אָבער בײַ אונז, וואָס קאָנען מיר

אויפטון מיט אייגענע כחות? אונזער פאָלק איז צו פאַנטאַסטיש, עס זוכט זײַן גליק נישט אין דעם דאָאיקן לעבן, נאָר אין דעם אויסגעטראַכטן צווייטן לעבן, וואָס די רבנים האָבן זיי אײַנגערעדט, און דורכדעם זאָגן זיי זיך אָפּ פון די רײַכטימער פון דער וועלט. מיר מיט אונזערע הענט קאָנען ווייניק־וואָס אויפטון, מיר מוזן האָבן שקלאַפּן.

— פאַרוואָס האַלט איר זיי נישט? צי פאַרווערט אײַך דאָס אײַער געזעץ?

— ליידער באַפעלט אונז אונזער געזעצגעבונג אַזוי זיך צו באַגיין מיט יידישע קנעכט, אַז זיי ווערן גאָר הערן איבער אונז. מיט שקלאַפּן פון אַן אַנדערער באַפעלקערונג וואָלט מען יאָ געקאָנט אַרבעטן, לגבי זיי איז דאָס געזעץ נישט אַזוי שטרענג, — האָבן אָבער די רבנים, דאָס הייסט, די פאַנאַטישע פרושים, באַשאַפן אין פאָלק אַן אָפּשוי צו האַלטן שקלאַפּן, כדי דאָס פאָלק זאָל זיך נישט אָפּלערנען פון זיי עבודה־זרות צו דינען און זייערע שלעכטע מדות איבערנעמען. אָבער איך טראָג זיך אַרום מיט דער אידעע אונזער גאַנצן שטראָף־סיסטעם צו ענדערן אין דער באַציאונג. מיר האָבן צו פיל גאַט־לעסטערער, טעמפּל־שענדער און אַנדערע אויפשטענדער און רעליגיע־פאַרשווערער, — זעט זיך אויס, אַז אונזערע שטראָפן זיינען צו לײַכטע און שרעקן זיי נישט אָפּ. איך וויל דעם שטראָף־קאָדעקס (ווען עס וועט מיר געלינגען מיט אונזערע גע־לערנטע דאָס אַדורכצוזעצן) אַזוי רעפאָרמירן, אַז פאַרברעכער זאָל מען פאַרשיקן אויף אַרבעט אין אונזערע אונטערנעמונגען. מיר האָבן בײַם כהן גדול אַ פאַרצווײַגט פעלד פון ווירטשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, און מיר באַדאַרפן האָבן פיל אַרבעטער־הענט, מיט געדונגענע לאָזט זיך דאָס נישט מאַכן.

— אַ גוטער אײַנפאַל! וואָס וועלן אָבער אײַערע געלערנטע זאָגן דערצו?

— אונזערע אייגענע געלערנטע פון אונזער צד האָבן שוין אַן אויס־טײַטשונג דערויף געפונען: דאָס געזעץ דערלויבט אַ שולדיקן פון אַ געלט־חוב אָדער פאַר אַ היזק, צו פאַרקויפן פאַר אַ קנעכט. אויב פאַר פריוואַטע שולדן קאָן מען יאָ פאַרקויפן, פאַרוואָס זאָל מען נישט קאָנען פאַרקויפן אַ שולדיקן פון אַן עפנטלעכן חוב פאַר אַ קנעכט? יעדער ייד מוז זײַן שטײַער פאַרן בית־מקדש צאָלן, איז וועלן מיר אָנהויבן מיט די, וועלכע האָבן צוליב עפּעס אַ סיבה פאַרנאַכלעסיקט די צאָלונגען פאַרן בית־מקדש, און ווען מען וועט אַזאַ פאַרברעכער כאַפּן, האָב איך בדעה אים צו פאַרשיקן אין אונזערע מילן. אונזער שטראָף־קאָדעקס זעט פאָר פאַר קליינע פאַרברעכנס מלקות, פאַר גרעסערע — טויט, איז וואָס

האָב איך דערפון, אז איך באשטראָף אָדער איך פארניכט דעם פארברע־כער? דער פארשולדיקטער איז דאָס אייגנטום פון שטאָט און דער שטאָט האָט א רעכט פון אים ארויסצוציען נוצן. צו וואָס פארניכטן דעם פאר־ברעכער דורך טויט, אז מען קאָן אים פארניכטן דורך ארבעט. ווי איר טוט עס ביי אייך, למשל, מיט קריג־געפאנגענע, אָדער שולדיק־געפונענע, וועלכע איר פארשיקט אויף די גאַלערן, אז זיי זאָלן די שיפן טרייבן. איך וויל אַלע אונזער פארמשפטע אויסנוצן פאר די אונטערנעמונגען פון כהן גדול.

איך בין דורך די יונגע לייט, די זין פון כהן גדול, אריינגעפירט גע־וואָרן אין א זייער אינטערעסאנטן קרייז. מען קאָן דעם קרייז אָנרופן „די גאָלדענע יוגנט פון ירושלים". איך בין געוואָר געוואָרן, אז ירושלים איז גאָרנישט אזא טרויעריקע, פארשאָלטענע שטאָט, ווי עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן. איך האָב זיך איבערצייגט, אז הינטער דעם שאָטן פון זייער שטרענגן גאָט, וועלכער איז אזוי אייפערזיכטיק אויף זיינע גלוי־ביקע, אמוזירט זיך די אריסטאָקראטישע יוגנט אויף א העכסט קולטור־רעלן אופן, נישט ווינציקער ווי אין אנדערע היידנישע שטעט, און ווייס צו געניסן פון דער פרייד פון לעבן, — וואָס וואָלט כבוד אָנגעטון נישט איין גריכישער מעטראָפּאָליע.

די יוגנט פון דער ירושלימער אריסטאָקראטיע האָט געהערט צו א קרייז, וואָס די אנדערע האָבן מיט שפּאָט פארשריגן אלס „מינים", זיי האָבן זיי באטראכט אלס אָפּטריניקע פון גאָט. אָבער די דאָזיקע יוגנט האָט נאָר אויסגעפירט די קאָנסעקווענצן פון דעם סיסטעם, צו וועלכן עס האָבן זיך באקענט זייערע עלטערן — די צדוקים. זיי האָבן זיך געזאָגט פאָלגענדעס: „אז ווי דער טויט דעקט צו די אויגן פון מענטש, האָט ער אזוי פיל צו דערוואַרטן אין צווייטן לעבן, פונקט ווי דאָס געפאלענע קעמל אין דער מדבר אָדער דער אראָפּגעשאָסענער פויגל פון דער לופט, — טאָ וואָס איז די פעולה און דער תכלית איינצוהאלטן דעם נאטירלעכן דראַנג פון מענטש נאָך דער פרייד פון לעבן? פארוואָס נישט אויסנוצן די שטעלונגען, אין וועלכע דיין מזל האָט דיך אריינגעשטעלט, פאר דיין אייגענעם נוצן? פארקערט, אויב גאָט האָט דיך געמאכט פאר דעם מושל איבער דיינע ברידער — וויל ער, אז דו זאָלסט שטרענג די לייצעס ציען איבערן מויל פון דיין חבר און באשווערן דעם יאָך איבער דעם נאַקן פון אַנדערעז!". זיי האָבן געהאט א ווערטל, א פערז פון זייערס א דיכטער: „וואָס איז דער מענטש, אז דו זאָלסט אים געדענקען!" — דאָס האָבן זיי

געגומען אַלס מאָטאָ פון זייער לעבנשטייגער. אויפן סמך פון אן אַנ־דערן זאָץ פון זייערס א נביא: „היינט לאָמיר עסן, היינט לאָמיר טרינקען, וואָרום מאָרגן וועלן מיר שטאַרבן"! — האָבן זיי געגרינדעט חברות פון יונגע מענטשן, וועלכע זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, אין אַנהויב אין גע־היים, דערנאָך האָבן זיי אַפילו געוואָגט אין דער עפנטלעכקייט אויפצו־טרעטן, און דאָרט אין די דאָזיקע חברות האָבן זיי אויפגעלייזט אַלע באַנדן, אין וועלכע דאָס שטרענגע געזעץ פון זייער רעליגיע האָט זיי געהאַלטן געפּענטעט. זיי האָבן באַלד אויסגעפונען דעם גאַנצן שלל פון שיינקייט, אַלע גאַמען פון פרייד און געגוס, פון וועלכן זייער האַרט געזעץ האָט זיי אַזוי אַכזריותדיק באַרויבט. זיי האָבן זיך איבערגעגעבן מיט דעם גאַנצן ברען פון זייערע אויסגעהונגערטע לייבער צום געגוס פון אונזערע פריידן. און איך מוז צוגעבן, אַז זיי האָבן תיכף דערלערנט אַלע אַרטן פון געגוס, וואָס אונזערע לאַנגע דערפאַרונגען און אַלטע טראַ־דיציאָנעלע איינריכטונגען פון אונזערע אינסטיטוציעס האָבן אונז גע־שאָנקען. רייך זיינען זיי געווען, און זיי האָבן עס זיך געקאָנט פאַרגינען. און באַלד האָבן זייערע נאַכט־באַנקעטן, אונטער רויזן־באַדעקטע פּלאַט־פאָרמען, איבערגעיאָגט אונזערע פאַרווייַלונגען. עס האָבן זיך צוזאַמענ־געקליבן יונגע מענער און יונגע פרויען, וועלכע וואָלטן מיט זייערע וואונדערבאַר געפלעגטע קערפּערס, מיט זייער חכמה און בילדונג, מיט זייער געזאַנג און וויץ געקאָנט בייַשטייַערן צו יעדער אָנשטענדיקער גע־זעלשאַפט אין אַנטיאָכיע, אַלעקסאַנדריע אָדער אַפילו אין רוים. און מען מוז צוגעבן, אַז זיי האָבן אַפילו דאָ אַרייַנגעבראַכט אַן אייגענע נאָטע. עס איז נישט געווען דאָס פרייַ צעלאָזענע, אָן יעדער קאָנטראָלע פאַר אָנשטענדיקן באַנעמען זיך, דאָס וואַקכאַנאַליש־עראָטישע, וואָס די אַלעקסאַנדריער האָבן אַרייַנגעטראָגן אין אונזער העלעניזם. זיי, די יידן, האָבן אין דעם העלעניזם אַרייַנגעבראַכט א צנועהדיקן ריטם, וועלכער האָט איינצייַטיק דערמאָנט צו אָנשטענדיקייט און דערבייַ געהאַט עפּעס ראַפּינירטעס, וועקנדיקס, ווי זייערע בשמים און פּערפומען. זייערע ווייַבער האָבן זיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן און אַפילו בשעת דער העכס־טער אויפרעגונג נ י ש ט באַוויזן זיך נאַקעט, נאָר באַדעקט אין זייערע לאַנגע האָר. דאָס איז געווען א פאַרהילטקייט, וואָס האָט מער גערייצט, וואָס איז מער נאַקעט געווען ווי די נאַקעטקייט. אויף זייערע באַנקעטן האָט שטענדיק געהערשט א חרטה־אַרטיקע — איך וואָלט עס אָנגע־רופן — אַן עלעגישע פילאָזאָפישע שטימונג. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט איינגאַנצן פאַרגעסן, נאָר שטענדיק אין זייער פרייד דערמאָנט אין דעם טויט:

ווי דער דורכציענדיקער שאָטן — איז אונזער לעבן,
עס איז נישטאָ קיין צוריקקער אין אונזער ענד.
לאָזט אונז די פאַראַנענע גיטער געניסן
אײַליג, ווען מיר זײַנען נאָך יונג.

קאַפּיטל עלף

מרים מאַגדאַלענאַ.

אין דעם קרײַז פון דער ירושלימער אַריסטאָקראַטישער יוגנט, צו וועלכן איך האָב געהאַט דעם כבוד צוגעלאָזט צו ווערן, האָט זיך געפונען אַ פרוי, וועלכע מען האָט גערופן מרים; און דערפאַר, וואָס זי איז געקו־מען פון דער שטאָט מגדל, בײַם ברעג פון כנרת, האָט מען זי גערופן מרים פון מגדל. די פרוי האָט זיך נישט געהאַט צו באַרימען מיט קיין גוטער רעפּוטאַציע. נו, דאָס הענגט אָפּ — אין וואָס פאַר אַ קרײַז! אין אונזער קרײַז, למשל, האָט מען זי פאַרערט. זי איז שוין דענסטמאָל, ווען איך האָב זי באַגעגנט, נישט געווען אין ערשטער יוגנט, נאָר אין דעם עלטער, אין דער רייפקייט, אין וועלכער די גרויסע גריכישע מײַסטער האָבן גערן געהאַט צו פאַרקערפּערן די געטין פון ליבע. זי איז געווען די דערפאַרענע פרוי־מוטער, מיט ברייטע היפּטן און גוט־אַנטוויקלטע ברוסטן, וועלכע האָבן אַרויסגעקוקט ווי צנועהדיקע טויבן פון צווישן די רויטע שטראָמען פון אירע האָר־לאָקן. יאָ, זי איז געווען די פרוי־מוטער, און האָט ווײַבלעך און מוטערלעך באַהאַנדלט די אַלע וואָס זי האָט באַוויליקט פון איר חסד צו לאָזן געניסן. און געגאַנגען פון איר חסד האָבן דוקא די בויט־באַדערפטיקע. אין דער הינזיכט איז זי געווען קאַפּ־ריזנע, פול מיט איבעראַשונגען און אײַנפאַלן, ווי אַן אמתע טאָכטער פון איר פאָלק. ליבהאָבער, וועלכע האָבן זיך געלאָזט קאָסטן אויף איר פאַר־מעגנס, וועלכע זיינען בערייט געווען פאַר דעם הויך פון איר מויל, מיט פרייד אַלע אירע קאַפּריזן צו דערפילן, האָט זי געלאָזט פאַרדאַרן, אויס־גיין אין זייער דורשט נאָך איר. און דוקא אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך גאָרנישט געריכט, וועלכע האָבן גאָרנישט געוואָגט וועגן דעם צו דענקען, אומבאַדײַטנדיקע, אָרעמע, פאַרלאָזענע, האָט זי איר ליבע געגעבן. יאָ, זי פלעגט אירע חסדים אוועקשענקען, אַזוי ווי מען שענקט אוועק צדקה אָרעמעלײַט, אָן יעדער האָפענונג אויף אָפּצאָלונג אָדער פאַרגיטיקונג.

זי איז געווען אַן אינטערעסאַנטע פרוי. עס לויגט זיך אויף איר

לענגער אָפּצושטעלן און פאַרציילן מיט אַלע איינצלהייטן מײַן באַקאַנט־שאַפט מיט איר. איך האָב שוין געהאַט פיל געהערט וועגן איר נאָך איידער איך האָב זיך מיט איר באַגעגנט. ווער האָט דען נישט וועגן איר געהערט? גאַנץ ירושלים האָט גערעדט וועגן דער פרוי, מען האָט זיך אײַנגערוימט אין די אויערן, אַז זי האָט דעם גרעסטן אײַנפלוס אויף די זין פון עלטסטן כהן גדול, וועלכע זיינען געווען, פאַרשטייט זיך, די טאָנ־געבערס פון דער ירושלימער געזעלשאַפט. זי איז דורך דעם זייער פּאָ־פּולער געוואָרן בײַ דער ירושלימער גאָלדענער יוגנט, וואָרום ווער עס האָט נאָר מיט זיך עפּעס־וואָס פאָרגעשטעלט אין דער ירושלימער גע־זעלשאַפט, האָט געפרוווט די כהן־גדולשע קינדער נאָכצוטון. די פרוי מרים פון מגדל האָט דורכדעם געהאַט פיל פאַרערער. זי האָט אָבער געוואוסט זיך אַזוי אײַנצוריכטן, אַז זי האָט געקאָנט אירע חסדים פאַר־שפּרייטן ווי אַ רעגן איבער פיל פעלדער... די ליבהאָבערס אירע האָבן זיך באַגעגנט איינער מיטן אַנדערן, געוואוסט איינער פון אַנדערן, און אַ מאָדנע זאַך — מען איז נישט אייפערזיכטיק געווען אויף איר. אַנשטאָט צו פאַרפײַנדן, האָט זי באַזעסן די קונסט צו באַפרײַנדן, צוזאַמענצובינדן אירע פאָרערער דורך איר ליבע. איך אַליין, מוז איך זיך מודה זײַן, בין אויך אַביסל אַרונטערגעפאַלן אונטער איר אײַנפלוס.

שוין מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט איר האָט איבערגעלאָזט אויף מיר אַן אומפאַרגעסלעכן אײַנדרוק, — דאָס איז געווען טאַקע אין כהן גדולס פּאַלאַץ, אין דעם זון חננס פּריוואַטן אַפּאַרטמענט. מיר זיינען זיך צונויפגעקומען אויף אַ באַנקעט צום יינגסטן כהן גדולס זין. עס איז געווען אַ הערלעכע לבנה־נאַכט און גאַנץ ירושלים איז פאַרוועבט געווען ווי אין אַ פּערל־גלאַנצנדיקן שלייער; צו אונזער צופיסנס איז געלעגן די אין שאָטן פאַרוועבטע פאַרחלומטע שטאָט. מיר זיינען אײַנגעשכורט גע־וואָרן מיט די זיסע ריחות פון די פיל בלומען און בליעכצן, וואָס זיינען אין די הייסע חדשים רײַכלעך געזעטיקט געוואָרן מיט וואַסער. דער יאַשמין, די איריסן מיט זייער איידעלן הויך און די רויזן מיט די לאַ־ווענדעלס האָבן באַאומרואיקט די לופט מיט זייערע וועקנדיקע געשמאַקן. מיר זיינען געווען אויסגעלייגט אויף די ליג־שטולן אין דער זײַלן־האַליע פון חננס הויז, אויף מײַן ברוסט האָט גערוט דער דופטנדיקער קאָפּ פון מײַן פרײַנד טעאָפילוס, און מיר האָבן זיך צוגעקוקט צו דער טאַנצנדי־קער אבישלג, דאָס באַליבטסטע מיידל פון ירושלים, וועלכע האָט בײַם דיסקרעטן ליכט פון די פּאָר אַראָפּהענגענדיקע אייל־לאָמפּן, בײַ דער באַגלייט־מוזיק פון הארפע־שפּילערס געטאַנצט פאַר אונז. זי האָט דורך אַ כוואַליע פון ריטמישע באַוועגונגען מאַניפעסטירט אירע שלימותדיקע

גלידער. זי איז נאָך געווען א יונג מיידל, די אבישלג, אין צווייטן צענדליק פון איר עלטער, איר קערפער איז געווען צונויפגעזאמלט ווי א געשלאָסענער קנאָספּן־בעכער. דער אלבאסטער פון איר הויט האָט אדורכגעשײַנט דאָרט, וואו דער איידעלער געוועב פון דעם געפארבטן צידוןלײַלעך, מיט וועלכן אירע היפטן זיינען געווען פארדעקט, איז געווען דין און דורכזיכטיק. דאָס פולע מיידלשע מאַנדל־לײַב, געקנעטן אויס לויטער בלוט און מילך, איז געפאָרעמט געווען אין א געשלאָסענער הארמאָניע און געהאלטן אין שטרענג־דיסציפלינירטע ליניעס די באוועגלעכע, אומרואיקע גלידער אירע. דער אויסגעבלעטערטער בויך, וואָס האָט געציטערט אין געווירבל פון באוועגונג, האָט ווי אן אויפגעציטערטער און איבערגעפולטער טײַך זיך ספּאַזמיש געוואָרפן. איר קנאָספּן־געשלאָסענע ברוסט האָט אין טעמפּאָ פון אירע באוועגונגען ארויסגעזונגען פון זיך דאָס געזאנג פון רײַפקייט. נאָר וואָס עס האָט אונז צום מערסטן אנטציקט, איז געווען דער גאמע־שפּיל פון איר רוקן. אירע קאַסקאַדן־אראָפּפאלנדיקע פלייצעס האָבן זיך אין הארמאָנישער גאנצקייט ארײַנגעגאָסן אין די פולע, ווייכע, אויסגעלייגטע רוקנבעקנס, בשעת דער רוקנביין האָט ווי א שלאַנג אויפגעציטערט נערוועז און געשלענגלט זיך אין א גאמע פון באוועגונגען.

און ווי אונזערע אויגן טרינקען אזוי מיט דורשט די קוואלנדיקע האַרמאָניע פון איר טאַנץ־געטראנק, אז מיר פארגעסן אזש צו געניסן פון די מיט האָניק־טריפנדיקע ווײַנטרויבן און פון די האָניק־שמעקעדיקע גראנאט־עפּל און ווי אייטל־מילך מיט זיסיקייטן אָנגעשוואָלענע פײַגן, וואָס די יונגע פעניצישע שקלאפן טראָגן אונז אונטער אין גאָלד־געפלאָכטענע קערבלעך, דערהערט זיך פלוצלינג פון א ווינקל פון דער וועראַנדע א שטימע, ווײַבלעך־אײַנגעמענדיק און מיט שרעק באַאומרואיקנדיק איינצײַטיק, וועלכע דעקלאמירט פאר זיך פערזן:

„ווער קאָן אײַנהאלטן דעם הויך פון יוגנטלעכקייט אויף אונזער לײַב, וואָס איז ווי דער טוי פון דער נאכט אויף דער רויז? ווער קאָן פאררינגלען די געשלאָסנקייט פון אונזערע גלידער, אז זיי זאָלן זיך נישט צעפאלן ווי א חורבה פון שטורעם פון דער צײַט? ווער קאָן אײַנהאלטן אויף איין אויגנבליק אונזער גאַנג צו פארניכטונג? ווער ווייסט נאָך אזוי אונזער שפלדייקייט ווי מיר אליין? עדות האָט ער אונז געמאכט פון אונזער אייגענעם אונטערגאנג. אונזער לײַב פארוואנדלט ער אין א נעסט ווערעם, וועלכע מיר בריִען אויס פאר אונזער אייגענער פארניכטונג. וואָס איז שיינקייט, וואָס פארגייט ווי א הויך?

דער ווינט כאַפּט עס אויף און טראָגט עס אַוועק. אויף וואָס זאָלן מיר זיך פרייען — אויף דעם, וואָס איז געווען און נישטאָ שוין מער? זיינען דען אונזערע טעג נישט קיין געדונגענע אויף דער ערד? ווי א קנעכט, וואָס שמאַכט נאָכן שאָטן פון דער נאַכט, אזוי שמאַכטן מיר נאָך דעם טויט...״

דאָס מיידל האָט אויפגעהערט צו טאַנצן, און מיר אַלע זיינען שטיל געוואָרן. מיין פריינד טעאָפילוס האָט אויפגעציטערט אויף מיין ברוסט. חנן האָט א וואונק געגעבן צו דער דינערשאַפט, אז זי זאָל זיך דערווייטערן. די גאַנצע געזעלשאַפט האָט זיך געפילט נידערגעשלאָגן און פאַרשעמט. א פיינלעך שטילשווייגן האָט אונזערע הערצער באַשווערט. דאָס מיידל אבישלג, וואָס איז געווען באַרימט איבערן גאַנצן לאַנד צוליב איר שיינעם קערפּער, האָט זיך היסטעריש צעוויינט. דענסטמאָל האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויסגעגאַנגען פון איר פאַרשאָטנטן ווינקל די פרוי, וועלכע האָט די גאַנצע חתונה מיט איר קלאָג־ליד געשטערט — מרים פון מגדל. זי איז צוגעגאַנגען צו דער קליינער אבישלג און אריינגענומען דאָס מיידל אונטער איר שלייער, מיט וועלכן זי איז געווען איינגעהילט, און האָט אָפּגעווישט מיט איר שוויס־טוך די פולע טרערן פון דער קליינער און זי מוטערלעך אָפּגעפירט אין איר ווינקל אריין.

שפּעטער האָב איך זיך מיט מרים פון מגדל נענטער באַקענט. זי האָט, איבריקנס, אונז אַלע געהאַלטן ווי די הינטלעך אויף שטריקלעך אָנגעבונדן, א צאָל צוגעלאָזט, און אנדערע אויף א מייל אוועקגעיאָגט. זי האָט געהאַט פיל פאַרערער, נאָר אז זי האָט געוואָלט, אז עס איז איר איינגעפאַלן, האָט זי קיינעמען נישט דערקענט, נישט אַרויפגעלאָזט אויף איר שוועל. זי איז פול געווען מיט קאַפּריזן און איבעראַשונגען, אז מען האָט קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן ווי מען האַלט מיט איר. דער יינגסטער זון פון כהן גדול, חנן בן חנן, איז געווען, ווי מען האָט געשמועסט, איינער פון אירע „אָפּיציעלע פאַרערער״, ער האָט זיך געלאָזט קאָסטן אויף איר א מטמון מיט געלט. אויך זיין ברודער טעאָפילוס מיט זיין פרוי זיינען געקומען אָפט צו די פאַרווייַלונגען אין איר הויז. מען האָט אין איר הויז איבערגעלעבט די וואונדערבאַרסטע אָוונטן. פון אזא אָוונט וועל איך שפּעטער פאַרציילן. אויך אן אשקאַלאָנער עלטסטער פון אונזער גאַרניזאָן איז געווען אין מרים פון מגדל שטערבלעך פאַרליבט. א זון פון א ירושלימער מיליאָנער, — קלמן בן קלמן האָט מען אים גערופן, — וועמען דער פאָטער האָט איבערגעלאָזט א פאַרמעגנס פון גיטער און איילבירטן־וועלדער, איז אויך נישט גלייַכגילטיק געווען צו איר, ער

האָט זי באַשאָטן מיט טײַערע געשאַנקן. איר נאָענטסטער פאַרערער איז אָבער געווען א באַבילאָניש פּרינצל, וועלכער איז אפילו צוליב איר אײַ־בערגעגאנגען צום יידישן גלויבן. ער איז אָפט געקומען קיין ירושלים עולה־רגל זײַן, און האָט מיט א רײַכער האַנט קרבנות אין בית־מקדש געשפּענדעט. ער האָט פאַר איר געלאָזט א הויז אויפבויען אין בבלישן סטיל אין דעם אונטערשטן טייל שטאָט. א חוץ די אַלע האָבן אירע פאַרערער געצײַלט לעגיאָנען גאנצע צווישן די רײַכע יידישע סוחרים פון אַלעקסאַנדריע, אנטיאָכיע און צעזאַריע, וועלכע האָבן אָפט ירושלים באַזוכט.

איר הויז איז געשטאַנען אין דעם אָרעמסטן טייל פון דער שטאָט. צוליב עפּעס א קאַפּריז האָט זי נישט געוואָלט האָבן איר הויז אין דעם אויבערשטן טייל, וואו די אַריסטאָקראַטיע האָט געוואוינט אָדער אין דעם נײַעם שטאָט־פערטל, וואָס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו באַבויען נאָך דעם שעפּסן־טויער, אויף יענער זײַט מויער צום הר־הצופים אַרויף, וואָס איז גיך אַרײַן אין דער מאָדע בײַ די ירושלימער רײַכע לײַט, ווײַל דאָרט איז נאָך געווען פיל פּלאַץ פאַר גערטענער צו פאַרלייגן. זי האָט דוקא געוואָלט האָבן איר הויז האַרט בײַ דער מויער, וואָס האָט אָפּגעשלאָסן די שטאָט בײַם נחל קדרון.

מען קאָן נישט זאָגן, אז עס איז געווען אַן אָנגענעם אָרט צו וואוינען. עס איז נישט אזוי שלעכט געווען ווי דער אנדערער טייל פון טאָל, נאָך דעם מיסט־טויער, וואָס מען האָט גערופן דער טאָל פון הנום, אין וועלכן עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן די קרעציקע און קראַנקע, — דאָרט אין דעם רינשטאָק, וואָס האָט אָפּגעצויגן דאָס וואַסער פון השלח. אָבער אויך דער נחל קדרון איז געווען גענוג שלעכט און, יעדנפאַלס, נישט קיין אָרט פאַר אַזאַ דאַמע צו מאַכן דאָרט איר קוואַרטיר. דער געשטאַנק פון די קראַנקע, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַרום דעם קאַרגן וואַסערל, איז נישט געווען צו דערטראָגן, און די פּלאָג פון פליגן און אינזעקטן, וואָס האָבן זיך געראַיעט אין דעם טאָל, האָט ממש פאַרמאַטערט. וואָרום אויף יענער זײַט טאָל, צופיסנס פון הר־הזתים, האָט דער כהן גדול אָדער, בעסער געזאָגט, דאָס הויז חנן, געהאַט זײַנע שטעלער און שפּײַכלער, וואו זיי האָבן אויפבעוואָרט די פעל פון די קרבנות. אין דעם שמוציקן טײַכל פון נחל קדרון האָבן דעם כהן גדולס מענטשן געוואַשן און געוואַלקערט די פעל פון די קרבנות, וועלכע זיי האָבן דערנאָך אַרויסגעשיקט אויף די מערק פאַרן האַנדל. מען קאָן זיך גאָר נישט פאָרשטעלן די שמוצי־קייט, וואָס עס האָט דאָרט געהערשט! גאַנץ ירושלים האָט אַרויסגעטראָגן דאָס מיסט און אָפּפאַלעכץ דורך דעם מיסט־טויער צום נחל קדרון.

אָרעמעלײַט, בעטלער און קראַנקע האָבן זיך שטענדיק געראַיעט דאָרט אויף די בערג מיסט, כדי אויסצוזוכן אָפּפאַלעכץ פון עסן, וואָס די רײַכע האָבן ארויסגעוואָרפן, אָדער פארפוילטע קליידער צו האָבן מיט וואָס זייער שאַנד צו באַדעקן. נישט בחינם האָבן די יידן דאָס אָרט גערופן „גי־הנום” און געמאכט עס פארן סימבאָל פון א שטראָף־וועלט, אין וועלכער די רשעים פאלן ארײַן נאָך זייער טויט. וואָרום צוזאמען מיט די קרעציקע און אָנגעשטעקטע, וועלכע די יידן האָבן געהאלטן איזאָלירט, האָט דער גאנצער נידעריקער טייל פון ירושלים פאָרגעשטעלט איין גרויסן אויפגעריסענעם בלאָטער, פון וועלכן בלוט און אייטער איז גערונען דורך טויזנטער רינעס פון דער הייליקער שטאָט, וועלכע יידן האָבן אזוי פארגעטערט...

און דוקא דאָרט האָט די דאָזיקע מרים זיך געלאָזט אויפשטעלן איר הויז; אין דעם האַרץ פון אָרעמקייט, צווישן די ענגע שמוציקע געסלעך האָבן זיך באהאלטן צווישן ציפּריסן און איילבירטן־ביימער די הויכע מויערן פון איר הויף. דורך דעם טאקע איז איר הויז ארומגערינגלט געוואָרן פון מחנות אָרעמעלײַט. גאנצע חמרים פון אומגליקלעכע, בלינדע און קראַנקע האָבן שטענדיק באלאגערט די טויערן פון איר הויז, וואוהין אירע דינער האָבן געהאלטן אין איין ארויסטראָגן עסן און געלט. זיי האָבן געהאט דעם שטרענגסטן באַפעל פון זייער הארינטע נישט צו פארטרײַבן די אומגליקלעכע, נאָר צו באזאָרגן זיי מיט אלעם נייטיקן.

ווי לעבנסלוסטיק די פרוי איז נישט געווען, ווי זי האָט נישט אויסגעטרונקען די בעכערס פון פרייד ביז צו דער דנאָ, האָבן זיך דאָך אויפן ראַנד פון די בעכערס אויפבעוואָרט טראָפּנס פון גיפט, פון אומרואיקייט און חרטה, מיט וועלכע איר רעליגיעזע משוגעת האָט איר לעבנס־לוסט פאַרסמט. אירע דינער זיינען ארומגעלאָפן מיט באציציתדיקטע סדינס, אין איר הויז האָט זיך נישט געפונען קיין אָנבליק פון א חיה אָדער מענטש, איר מעבל איז באשטאנען פון רײַכע מאטעריאלן, אָבער אָן יעדער באפּוצונג, קיין איין שפּור נישט פון אונזער קונסט און זיטן, אַלץ שטרענג ריטואַל לויטן יידישן געזעץ. וואָרום זי האָט דענסטמאָל געהאט רעליגיעזע אָנפאלן, וואָס דאָס איז כאראקטעריסטיש פארן אָריענטאַלישן מענטש. זי האָט זיך ארומגערינגלט מיט א כאַליאַסטרע גערעץ־אויסטײַטשער, געלערנטע און שרײַבער, נישט די ריכטיקע, וועלכע האָבן געפּרעדיקט אָדער געלערנט אין בית־מקדש־הויף, ניין — יענע ריכטיקע געלערנטע האָבן נישט געוואָלט הערן פון איר צוליב איר שלעכטן שם; און ווען זי האָט ארײַנגעשיקט א נדבה אין בית־מקדש אָדער א געשאנק, האָבן זיי זיך געהאלטן אין איין ארומשלאָגן און אין איין דיספּו־

טירן, צי יאָ אָננעמען פון איר דאָס געשאנק אָדער נישט, ווײַל זיי האָבן געהאלטן איר געלט פאר טרפה. עס האָבן זיך אָבער געפונען אין ירושלים גענוג „לינקע" געלערנטע, וועלכע האָבן זיך ווייניקער סקרופולן געמאכט אויס איר פראָפעסיע, זיי האָבן זי געהאלטן אין איין אָפשרעקן מיט גיהנום און טייוואָלים, און האָבן איר אויך פארזיכערט אין א צווייט לעבן. דערפאר האָבן זיי פון איר ארויסבאקומען דאָס געלט, וואָס די פאַרערער האָבן איר רײַכלעך צוגעשטעלט, פאר כלערליי וואוילטעטיקע צוועקן, דער עיקר אָבער אויף צו שטיצן געלערנטע. און הײַנט די אָרעמעלײַט! זיי האָבן פשוט איר הויז פארוואנדלט אין א הקדש פאר שנאָרערס, אין א בית־חולים פאר קראנקע. אלע אָרעמעלײַט פון ירושלים האָבן געוואוסט, אז בײַ מרים פון מגדל באקומט מען א גוטן מאָלצײַט אָפצועסן, א בעט אויף איבערצונעכטיקן און א פעטע נדבה צוגעלייגט. ווען אירע דינער האָבן זי אויף איר טראָג־בעטל ארויסגעפירט, זיינען צוויי פון זיי געגאנגען פאָראויס פאר איר מיט זעקלעך דינרס און פונאַנדערגעטיילט צווישן דער כאַליאַסטרע שנאָרערס, וואָס האָבן זיך געשלעפט נאָך איר ווי די קראָען. ווער שמועסט נאָך, אז זי איז אויפגעגאנגען אין בית־מקדש ארײַן א קרבן צו ברענגען, דענסטמאָל זיינען די ענגע גאסן פון דער אונטער־שטאָט שוואַרץ געווען פאר געדראַנג פון נויטבאדערפטיקע, צווישן וועלכע אירע דינער האָבן צדקה אויסגעטיילט. א חוץ דעם איז איר האנט אָפן געווען פאר פארשידענע וואוילטעטיקע צוועקן, וואָס די איידעלע פרויען פון ירושלים האָבן געגרינדעט. איר צדקה איז געווען אין לשער, פון העלפן אָרעמע קימפעטאָרענס ביז אויסצולייזן געפאנגענע. איך באדארף דיר נישט זאָגן, אז מרים פון מגדל איז נישט געוואָרן צוגעלאָזט צו דער חברה פון די נשים צדקניות אין ירושלים, מען האָט זיך אפילו געקווענקלט אָנצונעמען איר צדקה צוליב אתנן זונה, נאָר די חכמים האָבן געפונען אן אויסוועג — האָבן געפונען א היתר, אזוי אז דאָס געזעץ איז געבליבן גאנץ, און איר צדקה האָט מען דאָך אָנגענומען, און זי, די שטאָלצע שיינע פרוי, האָט זיך נישט באליידיקט: פארקערט, זי איז פול געווען מיט פרייד, וואָס מען האָט אָנגענומען אירע דינרן, וועלכע זי האָט באקומען פון אירע רײַכע פארערער.

קאַפּיטל צוועלף

מרים מאַגדאַלענאַס בשמים-גאָרטן.

און דוקא אַט אין דעם רינשטאָק, אין דער פאַרפּעסטעטער אַטמאָספערע פון שמוץ און געשטאַנק, האָט זי פאַרלייגט איר באַרימטע פּערפוםזאַמלונג, וואָס זי האָט לויט אירע רעצעפּטן געצויגן פון איר אייגענעם בלומען־גאָרטן, וואָס זי האָט זיך פאַרלייגט אויפן הר־הזתים. עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געוואָלט גיין אין גײַעג קעגן דעם געשטאַנק — מיט אירע אויסדערוויילטע שמעקעדיקע אייל. און נישט איין מאָנארך איז וועגן דער זאַמלונג פון אירע פּערפומען אײַפערזיכטיק געווען.

די יידן האָבן געהאַט אַ שוואַכקייט צו אייל און געווירצן. אין איינער פון די פיל קאַמערן פון בית־מקדש האָבן זיי געהאַט אַ ספּעציעלע לאַבאָראַטאָריע אײַנגעאָרדנט אויסצוקוועטשן אייל פון די זעלטנסטע געוויקסן און געווירצן פאַר דעם הייליקן לאָמפּ, ווי אויך פאַר די אַנדערע ריטועלע צוועקן, וואָס זײַנען געווען פאַרבונדן מיט זייער רעליגיעזן קולט. זיי האָבן אפילו געהאַט אַ באַזונדערן אוצר פון אייל און פּערפומען, וועלכן זיי האָבן טײַערער געשעצט ווי דעם אוצר פון גאָלד. עס זײַנען אַרומגעגאַנגען אין פאָלק פאַרשידענע לעגענדעס איבער דעם אייל־אוצר. עס האָבן זיך דאָרט געזאַלט געפינען די אויסטערלישסטע און זעלטנסטע מינים, וואָס די פּאַרערער פון דעם קולט אין די פאַרשפּרייטסטע ווינקלען פון דער וועלט האָבן געזאָלט צושיקן פאַרן בית־מקדש אַלס געשאַנק. אויך זייער אַלטע זאַלבונג־אייל, וואָס די יידן האָבן באַטראַכט פאַר הייליק, האָבן זיך געפונען דאָ. איבער אייניקע פון זיי איז פאַרציילט געוואָרן, אַז זיי שטאַמען נאָך פון דער צײַט, ווען די יידן זײַנען געווען אין דער מדבר: פון דער געטלעכקייט זײַנען די אייל איבערגעגעבן געוואָרן צו זאַלבן זייער דערוואַרטעטן משיח. אויף אַנדערע איז פאַרציילט געוואָרן, אַז זיי זײַנען פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער צײַט, ווען אַ פרעמדער האָט באַטרעטן דעם אוצר, כדי זיי זאָלן נישט אומריין ווערן, און דערנאָך האָבן זיי די כהנים ווידער אַנטדעקט. די יידן האָבן געטריבן אַן אומפאַרשטענדלעכן קולט מיט אייל, בשמים, געווירצן, וועלכע זיי האָבן באַנוצט צו אַלע זייערע ימים־טובים־פײַערונגען אָדער ווען זיי האָבן געבראַכט זייערע רייניגונגס־קרבנות. זיי האָבן באַנוצט אייל צו פאַרשידענע געלעגנהייטן: אייל, מיט וועלכע זיי האָבן די חתנים געזאַלבט, די כלות צו זייערע חתונות, די טויטע בעת זייער

באגרעבניש. שוין אָפּגערעדט פון די רײַכע, וועלכע האָבן זיך געזאָלבט מיט פּערפומען צו יעדן פעסטלעכן מאָלצײַט; נאָר דאָס פּשוטע פאָלק, דער אָרעמער פון די אָרעמסטע, האָט זיך אויך בײַ געוויסע געלעגנהייטן געשמירט דאָס לײַב מיט אײלן. זיי האָבן געהאַט אייל, מיט וועלכע זיי האָבן געהיילט קרענק, מכות, אויסשלאָגן; זיי האָבן געהאַט אייל, מיט וועלכע זיי האָבן זיך געשמירט, כדי צוצוציען די הערצער פון זייערע באַגערטע; בשמים, מיט וועלכע זיי האָבן זיך אָפּגערויכערט פון כשוף, פאַרהיטן זיך פון א שלעכט אויג; א חוץ די בשמים, וואָס זיי האָבן באַנוצט פאַר רייניגונגס־צוועקן. די שטאָט איז פול געווען מיט אייל־מילעכלעך און זי איז פאַרשמעקט געוואָרן פון די אויסטערלישסטע ריחות, וואָס די אַלע אינלענדישע און אויסלענדישע געווירצן און פּער־פומען האָבן ארויסגעגעבן פון זיך. וואָרום פון אַלע קרײַטעכצער, פלאַנ־צונגען און בליעכצן האָבן די יידן געקאָנט ארויסשלאָגן אײלן. אין זייער לשון האָבן זיי פאַרמאָגט אַן א שיעור נעמען פאַר די פאַרשידנסטע סאָרטן אײלן, לויט די געווירצן און געוויקסן, פון וועלכע זיי שטאַמען אָפּ און לויט די צוועקן, צו וועלכע זיי האָבן געדינט.

פאַרשטייט זיך, אז יעדע אַריסטאָקראַטישע פרוי אין ירושלים האָט געהאַט אירע אייגענע, אירע אינדיווידועלע פּערפומען־זאַלבן און קאָס־מעטיקעס, אויסגעקוועטשט פון אירע אייגענע אויסגעזוכטע פלאַנצונגען. מרים מאגדאַלענא האָט מיט אירע אײלן ארויסגערופן די קנאה צו זיך נישט פון איין אָריענטאַלישער פּרינצעסין.

מרים האָט געפירט א טאָפּלט לעבן: אין איר הויז בײַם נחל קדרון איין אַרט לעבן, און אויבן, אינדערהויך אויפן הר־הזתים, וואו זי האָט געהאַט איר בשמים־גאָרטן, גאָר אַן אנדער אַרט לעבן. אונטן אין טאָל איז זי געווען די וועלט־דאַמע, צו וועלכער עס האָט געצויגן די רײַכסטע און געבילדעטסטע יוגנט פון ירושלים, וואו זי האָט עמפּפאַנגען אירע רײַכע אַנהענגער און וואו זי האָט זיך באוויזן נאַקעט, אײַנגעהילט אין אירע געדיכטע פלאַמענדיקע האָר־קאַסקאַדן, וועלכע זי האָט געקאָנט מיט דער הילף פון אירע דינסטן אזוי קינסטלעך צוזאַמענפלעכטן ארום זיך, אז עס האָבן זיך נאָר געוויזן שפּאַלטן פון איר שטראַלנדיקן קערפּער. אויבן אָבער, אויפן הר־הזתים, האָט זי געהאַט א גאָרטן און א הויז אין דאָרף בית־היני, אין וועלכן עס האָבן געוואוינט איר שוועסטער מרתא מיט איר ברודער אליעזר. דעם גאָרטן האָט מען גערופן „גת־שמנים" — „אייל־טרעטער", ווײַל מען האָט אין אים די אײלן אויסגעטרעטן פאַר איר געברויך. דער גאָרטן האָט געשמט אין גאַנץ ירושלים און ער איז טאַקע געווען א וואונדער. זי האָט אין אים פאַרפלאַנצט די אויסטער־

לישסטע בלומען, די פּרעמדאַרטיקסטע געווירצן, קרײַטעכצער, וועלכע זי האָט געלאָזט ברענגען פון די ווײַטסטע לענדער. וואו זי האָט געהערט פון א זעלטענער פלאַנצונג, א בלום אָדער א קאַקטוס־דאָרן פּאַרוואָרפן ערגעץ אין דער מדבר און וואָס גיט ארויס פון זיך אן איידעלן געשמאַק, האָט זי געשיקט מענטשן און געלאָזט איבערטראָגן די פלאַנצונג אין איר גאָרטן ארײַן. זי האָט צו דעם צוועק געהאט אייגענע אייל־טרעטערס, בײַ וועלכע דער חוש הריח איז געווען זייער אנטוויקלט און זיי האָבן באזעסן געהיימע רעצעפּטן, איבערגענומען בירושה, ווי אזוי פון דעם בליעכץ די פּערפומען ארויסצוציען, ווי אזוי די געשמאַקן צו מישן, אז עס זאָל אן אייגנאַרטיקער פּערפום ארויסקומען. איבער איר גאָרטן זײַנען אין ירושלים ארומגעגאנגען לעגענדעס גאנצע, עס האָט זיך אין אים גע־זאָלט געפינען דער לעגענדאַרישער „מר־דרור", וואָס די יידן האָבן מיט זיך פון דער מדבר געבראכט, פון אים האָט מען אויסגעקוועטשט דעם אָריגינעלן פּערפום־אייל, וואָס זייער גאָט איז וואוילגעפעלן מיט אים זײַן מזבח אויסצורייכערן. דער „מר־דרור" איז אָבער מיט דער צײַט פאַרלוירן געוואָרן. מען האָט פאַרציילט אין ירושלים, אז די געלערנטע האָבן געשיקט צו מרים נאָכפאָרשן, צי אין איר בשמים־גאָרטן געפינט זיך טאקע דער זעלטענער „מר־דרור". און עס האָט זיך צעפלאַקערט א גאנצער וכוח צווישן די געלערנטע, צי מען מעג זיך באנוצן מיט אירע געווירצן פאַרן בית־מקדש אָדער נישט. דאַן האָט זי אויך מיט דער פאַר־שידנאַרטיקייט פון אירע פלאַנצן אָנגעמאַכט א סך זאָרגן אירע רע־ליגיעזע בעלי־יועצים — די געלערנטע: צי די פאַרשידענע מינים פון אירע פלאַנצונגען זײַנען געפלאנצט לויטן דין נאָך, יעדער מיט זײַן מין, צי חלילה נישט צוזאַמען אויסגעמישט פון פאַרשידענע מינים, וועלכע באַלאַנגען צו פאַרשידנאַרטיקע פלאַנצן־משפחות, וואָס לויט די יידישע געזעצן איז דאָס שטרענג פאַרבאָטן.

איר גאָרטן איז ווירקלעך געווען א גרויסע זעלטנהייט, ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א זאַמלונג פון די אויסגעזוכטסטע געווירץ־פלאַנצונ־גען פון די ווײַטסטע ערטער, פון דער מדבר, פון די אַאַזן, עס זײַנען דאָ געווען בערג־ און טאָל־פלאַנצונגען. ווען ווער פון די רוימישע אָדער גריכישע געלערנטע האָט זיך געפונען אין ירושלים, האָבן מיר זיך גע־ווענדעט צו מרים מאַגדאַלענא, אז זי זאָל ‧זיי דערלויבן צו שטודירן די פלאַנצונגען. זי האָט אָבער זייער זעלטן וועמען אין איר בשמים־גאָרטן אײַנגעלאַדן, דאָס דאָזיקע אָרט האָט זי אויסבאהאַלטן בלויז פאַר זיך. ווען זי איז מיד געוואָרן פון דעם רוישיקן לעבן, וואָס זי האָט געפירט אין ירושלים, איז זי פאַרשוואונדן געוואָרן פון דער שטאָט און האָט זיך אָפּגע־

שלאָסן אין איר בשמים־גאָרטן, און גאַנצע טעג און אָוונטן פלעגט זי פאַרברענגען אין נאָכקלערן און טראַכטן, מאַכן חשבונות מיט זיך אליין. וואָרום עס האָבן זי שטענדיק באַאומרואיקט פראַגן פון אייביקייט, וועגן דעם תכלית פון מענטש, וועגן דעם ציל פון לעבן; זי האָט זיך נישט געקאָנט באַגנוגענען לאָזן ווי אונזער איינער מיט די טאָג־טעגלעכע פריידן, וואָס דאָס לעבן ברענגט צו, ווי די פרוכטן פון א בוים. קיין שום זאַך האָט זי נישט געררייצט. אירע גאַלאַנטע באַנקעטן, וואָס זי האָט געגעבן אין איר הויז, זיינען מער געווען א פאַרגעסן־זיך, אן אָנשכורן זיך איידער א געגוס־באַדערפעניש. קוים האָט זי ווי א ליכט אויסגעברענט אירע פארלאַנגען אין אזא וואַרעמער נאַכט אונטער דעם שטערן־הימל פון איר טעראַסע, איז זי באַלד אויפן צווייטן טאָג פארשוואונדן געוואָרן אויף וואָכן־לאַנג, געפאַסט, געריייניקט זיך, חרטה געהאַט, און ביי די בערדיקע, שווארץ־געהילטע רבנים נאָכגעפאָרשט, מיט וואָס זי קאָן אירע זינד אָפּוואַשן.

און איר גאָרטן איז טאַקע געווען דאָס צוגעפּאַסטע אָרט אויף צו קאָנצענטרירן זיך און צו מאַכן א חשבון הנפש. מיר זיינען אלע געווען זייער ניי־געריק צו זען דאָס אָרט, וואו זי קאָן זיך אזוי לאנג באהאלטן און וועגן וועלכן מיר האָבן אזוי פיל געהערט, און אנומלט איז מיר געלונגען זי דאָרט צו באַזוכן.

מיר האָבן זיך אמאָל אוועקגעלאָזט, א פּאָר אונזערע פריינט, אויף דעם הר־הזתים, מיר זיינען דאָרט ארויפגעריטן, און ווען מיר זיינען אָנגעקומען אינדערהויך, האָט זיך פאר אונז אויפגעעפנט פון באַרג אראָפּ דאָס וויסטע טרויעריקע לאַנדשאַפט פון דער מדבר יהודה, מיט דעם ים־המלח איינגעפּאַסט אין איר. ער האָט אויסגעזען פון דער הויך, ווי אן אָפן מויל פון א חיה...

אונז איז געשען א גליק: מיר האָבן זי נישט געטראָפן אינדערהיים. זי איז גאָר געווען אין בית־מקדש־הויף, ווי עס פלעגט זיך מיט איר אָפּט מאכן, אז זי איז דאָרט אָפּגעזעסן גאנצע טעג און זיך צוגעהערט צו די דיסקוסיעס פון די געלערנטע. אונז האָט אויפגענומען א יונגערמאַן, ווי מיר זיינען שפּעטער געוואָר געוואָרן — איר ברודער. דאָס איז געווען אן אויסערגעוויינלעך הויכער מענטש, איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געהאט געזען אזא פּנים מיט אזעלכע לאנגע, אויסגעצויגענע באַקן. ער האָט מאָדנע גוט געשמייכלט, איך וואָלט געזאָגט: אידיאָטיש געשמייכלט. צי איז דאָס געווען נאַיִוויטעט אָדער גוטסקייט? צום ערשט האָב איך געהאט דאָס געפיל, אז ער איז נישט אינגאַנצן גייסטיק אנטוויקלט, וואָרום בשעת ער האָט גערעדט, האָט ער נישט אויפגעהערט צו שמייכלען

און איז ווילִיק געווען פאַר אונז, פרעמדע מענטשן, אַלדינג צו טון. שפּע־
טער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דאָס איז פּשוט פון נאַיִוויטעט, ווי מען
האָט עס אָפּט אָנגעטראָפן צווישן דעם לאַנד־פאָלק אין יהודה, אָבער
נאָך מער אין גליל. ער האָט אונז גאָרנישט געפרעגט ווער מיר זיינען
און וואָס מיר ווילן, ער איז אונז אַנטקעגנגעקומען מיט אַ הכנעהדיק
בוקן און אונז אַרײַנגעבעטן אין שטוב; ער האָט אונז פריער אַרויסגע־
טראָגן בעקנס וואַסער מיט האַנטוכער אונזערע פיס צו וואַשן, כאָטש
אונזערע פיס זיינען געווען גוט באַסאַנדלט. ער האָט אונזערע הענט גע־
וואַשן, און ווי דער מנהג איז בײַ זיי געווען צו עמפאַנגען אורחים, גע־
וואָרפן זיך אויף אונז קושן. אין שטוב איז פּעדאַנטיש ריין געווען און
איינפאַך, עס האָט מיט גאָרנישט דערמאָנט מרימס גרויס הויז אין ירו־
שלים, עס איז דאָ געווען נאָר דאָס נייטיקסטע: אַ פּאָר מאַטראַצן גע־
פלאָכטן אויס געטרוקנטע גראָזן אויף דער ערד־האַרטער פּאָדלאָגע, אַ
פּאָר קישנס און דעקעס, פונאַנדערגעלייגט אין די ווינקלען, פאַרשטעלט
מיט שוך־ווענטלעך אויס באַמבוס־האָלץ, אַ נידעריקער טיש, אַ פּאָר
מאַטראַצלעך לעבן אים; אַ חוץ דעם אַ פּאָר ליימענע, ערדענע אָדער
פלאַנצן־כלים, קירביס־פלאַשן, אַ פּאָר גרויסע קריגן, האָלצערנע ברעט־
לעך, — אַלץ היימישע מלאכה, — אין וועלכע עס איז געווען אויפבע־
וואָרט דאָס טעגלעכע ברויט און קעז. קריגן מיט זויערמילך זיינען גע־
שטאַנען אַרום דעם שטיינערנעם אויוון, פון וועלכן דאָ, ווי אין יעדן
אָרעמען הויז, איז דער רויך נישט אַרויסגעגאַנגען דורך אַן עפענונג, נאָר
דורך דער אָפענער טיר. די טיר און פענצטער זענען געווען פאַרהאָנגען
פאַר דער זון מיט פאָרהאַנגען אויסגעוועבטע פון שטרוי. דער יונגערמאַן
האָט אונז געבעטן זיצן. אָבער איך האָב זיך נישט געקאָנט באַפרײַען פון
דעם אײַנדרוק, וואָס דער יונגער מענטש האָט געמאַכט אויף מיר. זײַן
לאַנגזאַמקייט האָט אין זײַן רעדן אָפּטמאָל אַרײַנגעבראַכט אַ הפסקה,
אַזוי ווי זײַנע גלידער און זײַנע חושים וואָלטן שווער אין אים געאַרבעט,
דערבײַ אָבער האָט ער מיט זײַן גוטמוטיקן שמייכל און מיט זײַן הכנעה־
דיקער גרייטקייט געוואָלט פאַרגיטיקן זײַן פעלער, געוואָלט איבער־
בעטן דערפאַר, וואָס זײַנע באַוועגונגען זיינען נישט קיין געניטע פלינקע.
שפּעטער אָבער האָב איך אײַנגעזען, אַז זײַן פלעגמאַטישע טעמפּקייט
איז נישט געקומען פון זײַן גײַסטיקער צוריקגעשטאַנענקייט, ניין, דאָס
איז געקומען פון אַן אינערלעכער מנוחה־שטימונג, וואָרום שפּעטער,
בשעת ער האָט באַוויזן דעם בשמים־גאָרטן מיט זײַנע קאָמפּליצירטע
געוויקסן, האָט ער אַרויסגעוויזן אינטעליגענץ און וויסן. זײַן אומבאַריר־
טער גלויבן האָט אויף מיר געמאַכט אַן אײַנדרוק, ווי דער יונגערמאַן

וואָלט באַזעסן אַ פּעלער פֿון אומפּעיִק זײַן די זאַכן און געשעענישן צו אַנאַליזירן, און ער האָט געווירקט אויף מיר אומהיימלעך און פֿרעמד, ווי איך וואָלט נישט געהאַט פֿאַר מיר אַ מענטש מיט נערוון און ווילן, נאָר עפּעס אַן אומבאַקאַנטע חיה. די זעלבע אומהיימלעכקייט, — איך וואָלט געוועזן געזאָגט: טויט־באַרירנדיקע — האָט געטראָגן די גאַנצע שלוהדיקע שטימונג אין הויז. מען האָט געהאַט דאָס געפֿיל, צוליב דער מנוחה, וואָס הערשט דאָ און צוליב דער שטרענגער פּעדאַנטישער זויבערקייט און אָרדענונג פֿון די זאַכן, וואָס זיינען דאָ געשטאַנען, אַז אין דעם הויז וואוינען נישט קיין לעבעדיקע מענטשן, נאָר טויטע, — אַ זאַך וואָס מען האָט עס בשום אופֿן נישט געקאָנט צושרײַבן זײַן שוועסטער מרים אָדער אפֿילו דעם מיידל, וואָס ער האָט אַרײַנגערופֿן, מרתא. וואָרום בײַ איר גאַנצער נערוואָזיטעט, באַאומרואיקונג און באַזאָרגטקייט צוליב אונזער אומדערוואָרטעטן באַזוך, האָט זי אונז געוואָלט געפֿעלן (איך האָב באַמערקט, ווי זי האָט אַ שנעלן וואָרף געגעבן איר פּנים אין דעם גרויסן קריג מיט וואַסער, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער טיר, כּדי צו זען איר געזיכט) און האָט זיך געמיט אונז אײַנצונעמען. אקעגן, איר ברודער איז געווען אַזוי ווײַט פֿון אונז, ווי ער וואָלט באַלאַנגט צו אַן אַנדערער וועלט.

די זעלבע וועלט־פֿרעמדקייט האָב איך אויך געפֿילט אין אים, בשעת ער האָט אונז אין גאָרטן אַרײַנגעפֿירט און באַוויזן אונז די אויסטערלישסטע פּלאַנצונגען. ער איז געווען פֿאַראינטערעסירט אין דעם וואָס ער האָט אונז געוויזן, און דאָך נישט געווען פֿאַראינטערעסירט. מען האָט געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז אָט שטייט ער מיט אונז, רעדט מיט אונז וועגן זאַכן, וואָס רינגלען אים אַרום, וואָס ער זעט מיט די אויגן, רירט אָן מיט די הענט, און דאָך איז ער נישטאָ, ער איז ערגעץ אַנדערש־וואו, אַזוי ווי מען וואָלט אים געווען אויפֿגעוועקט פֿון אַ חלום אַרויס, אין וועלכן ער פֿירט זײַן רעאַל לעבן.

און פּונקט אַזוי ווי ער, אַזוי איז אויך געווען די גאַנצע אומגעבונג. איך האָב נאָך אַזעלכעס אין מײַן לעבן נישט געזען, איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז עס זיינען בנמצא אַזעלכע מינים פֿון געוויקסן, פֿון קרײַטעכצער און געבליטן. עס איז נישט געווען קיין געוויינלעכער גאָרטן פֿון בלומען, נאָר אַ בית־עולם, אין וועלכן עס זיינען אין פּלאַנצונגען פֿאַרשטיינערט געוואָרן מינעראַלן, ווערעם און חיות, אבֿרים פֿון אומבאַקאַנטע ברואים, אַלץ איז דאָ מגולגל געוואָרן אין געוויקסן און אײַנגעפּלאַנצט געוואָרן אין דער ערד צו אַ נײַ לעבן. מען איז געוואוינט אין דעם לאַנד אָנצוטרעפֿן אויף גרינסן און געוויקסן, וואָס מען באַגעגנט נישט אין קיין אַנדערע לענדער. די יידן זיינען אין זייער נאָרונג צום

מערסטן אָנגעוויזן (צוליב זייערע ריטועלע פֿאָרשריפֿטן, וואָס קאָמפּליצירן דאָס עסן פֿון פֿלייש) אויף גרינוואַרג. זיי האָבן צוליב דעם אַנטוויקלט די וואַריאַנטן פֿון גרינס מער ווי אין יעדן לאַנד. מען טרעפֿט דאָ אָן אויף מעלאָנען אָדער אַרטישאָקן, וואָס טראָגן אַזעלכע אומהיימלעכע פֿאָרמען, וואָס מען זעט עס נישט אין ערגעץ. זיי האָבן דאָ אַן אַרט עפּלמעלאָן, וואָס זיי רופֿן מיט דעם נאָמען „קסוס“, זעט עס אויס ווי א קלעטערנדיקע חיה, וואָס דראַפּעט זיך איבער די בלעטער. עס פֿאַרשפּרייט פֿון זיך אַזעלכע האַרטע שוואַרצע בלעטער ווי לעדער און שטעקט אַרויס פֿון די בלעטער ווילדע צונגען. די פֿרוכט איז א געמיש פֿון האַלב בלום און האַלב פֿרוכט, עס פֿאַרשפּרייט פֿון זיך א שטאַרקן ריח פֿון מיענטע, אַז עס בריט זיך אַזש אָפּ די צונג דערפֿון. פֿאַראַן דאָ אויך אַן אומהיימלעכער אַרטישאָק, וואָס זיי רופֿן „קינרס“; דאָס איז נישט קיין גרינס, נאָר א קאַקטוס, ער האָט נעגל ווי א ווילדע קאַץ און אונטער די נעגל א כשופֿדיקן שטויב, וואָס ציט־צו צו זיך אינזעקטן, נאָגט אויס פֿון זיי זייער חיות. מען טרעפֿט אויך אָן אויף א מין גרינס, וואָס זיינען באמת חיהדיקע געוויקסן, וואָס מען זעט אין קיין לאַנד נישט. דאָס אָבער וואָס איך האָב אָנגעטראָפֿן אין דעם בשמים־גאָרטן פֿון מרים מאַגדאַלענא, קאָן מען צו גאָרנישט פֿאַרגלײַכן.

אײַנגעבעט אין טיפֿן שאָטן פֿון דיקע באַוואַכנדיקע ציפּריסן, האָבן זיך אויסגעשפּרייט אויף א משופּעדיק שטיק אַראָפּהענגענדיק פֿעלד — שפּאַלירן פֿון פֿלאַנצונגען. שוין בײַם אַרײַנגאַנג פֿון גאָרטן־מויער האָבן זיך אויפֿגעעפֿנט פֿאַר אונז פֿיר בייטן פֿון בלומען, וואָס האָבן פֿאָרגעשטעלט א שפּאַליר פֿון רויט־פֿלאַקערדיקע מאָן־קעפּלעך, וואָס מען טרעפֿט נאָר אין פֿרילינג־צײַט אין ארץ־ישראל, און וועלכע דערמאָנען מיט זייערע פֿלאַמענדיקע קליידלעך אָן פֿײַער. דאַן איז געגאַנגען א סימפֿאָניע פֿון בלויע אויסגעזוכטע היאַצינטן, וועלכע לאָזן זייערע גלעקלעך אַראָפּהענגען און טוליען זיך איינס אין אַנדערן; א שפּאַליר פֿון ציטערדיקע, טוי־באַצוואָגענע מאַי־גלעקלעך; דערויף איז געקומען א שפּאַליר פֿון אויסגעזוכטע פֿיאָלעט־איריסן. די פֿיר קאָלירן — ווי עס האָט אונז דער ברודער פֿון מרים, אליעזר, דערקלערט — זאָלן סימבאָליזירן די פֿיר עלעמענטן, פֿון וואָס די וועלט איז געשאַפֿן: דאָס פֿײַער, די לופֿט, די ערד און דער ים. און ווי עס האָט אונז שפּעטער אויפֿגעקלערט דער זון פֿון כהן גדול, האָט דאָס דערמאָנט אינגאַנצן אין דעם זעלטענעם בבלישן פֿאָרהאַנג, וואָס הענגט פֿאַרן אײַנגאַנג פֿון אוהל אין זייער טעמפּל, וואָס איז צוזאַמענגעוועבט אויס די פֿיר פֿאַרבן, פֿון היאַצינט, ביססוס, שאַרלאַך און פּורפּור. דאַן זיינען מיר דערגאַנגען צו דעם אייגנטלעכן בשמים־

גאָרטן. דאָס איז נישט געווען קיין בשמים־גאָרטן, נאָר ווי איך האָב שוין געזאָגט — א פארכשופטער בית־עולם פון פארשידענע ברואים. עס האָבן זיך אויפגעהויבן צו אונז אויסטערלישע פנימער און פיגורן: א פעלד פון אכזריותדיקע אַראָם, וועלכע האָבן פון זייערע קנאָספּן־מײַלער ארויסגעשטעקט באהאָרטע און באגאַווערטע צונגען, און פון זייערע קעל־בעכער האָבן ארויסגעשטאַרצט שווערדן — א געמיש פון זאַטע אָפגעשלאָסענע פאַרבן, פון טיפסטן פיאָלעט ביז צום פלאַמענדיקסטן רויט; א פעלד פון דראגאָנען־בלימלעך, וואָס האָבן דערמאָנט אָן לעבעדיקע ווערעם; א פעלד פון איריסן, וואָס האָבן אין זייערע שקאַרמיצלעך געהאלטן געפאַנגען בלומען, וואָס זײַנען געווען געגליכן צו פליענדיקע זומער־פייגעלעך; בייטן מיט צניעותדיקע נעלקן, אײַנגעשלאָפן נאָך אין טיפן שלומער אין זייערע קנאָספּן־בעכערס; בייטן פון נאַרציזן, קימעל־פלאנצונגען און שטעכעדיקער פעפערמינץ, קזשאקעס פון מילדן בלוילעכן לאַווענד ביז צו דעם פארשכורנדן שאַרפן און פעפערדיקן אינגבער, מוסקאַרט־קזשאַקעס און צווײַגלעך שאַפראַן, צימרינג־געוויקסן — א פלאַנצונג פון שמאָלע צונגען אויס דיסטעל־געוויקס. שוין אָפגערעדט פון פעלד־בלומען, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם גאָרטן. עס איז געווען נישט נאָר א סימפאָניע פון פאַרבן, נאָר די לופט איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אומגעזעענע רויך־וואָלקנס פון ריחות.

נאָר די אלע בלומען זײַנען געווען היימישע, באקאנטע, וואָס מיר טרעפן אָן אין אלע גערטנער. מיר זײַנען מיטאמאָל ארײַנגעפאַלן אין א פעלד פון אויסטערלישע ברואים, וועלכע האָבן אויסגעשטרעקט צו אונז מוסקולירטע וואָרצלען־אברים און אָנגעכאַפּט אונז בײַ די קליידער מיט זייערע שטעכיקע צונגען־נעגל און אונז נישט געלאָזט ווײַטער גיין. דאָס זײַנען געווען די עקזאָטישע געוויקסן, פרעמדאַרטיקע, פון די ווײַטסטע ערטער, פון דער מדבר געבראַכט, ווי למשל, דער שאַרף־ריחדיקער חלבנה און לבונה, וועלכן מען האָט באַנוצט אין בית־מקדש, — די דאָזיקע פלאַנץ האָט מען איבערטראַנספּאָרטירט פון סיריע און מען האָט עס באנוצט אלס ווייררויך. איצט האָב איך געוואוסט, פונוואַנען עס שטאַמען די פיל רויכער־געווירצן, וואָס מרים מאַגדאַלענא האָט אין די פארשידענע מעטאלענע און ערדענע כלים אויסגערויכערט און אין אירע צימערן אויפגעשטעלט. מיר האָבן געזען אין איר גאָרטן פלאנצונגען, וועלכע האָבן מיט זייערע פאָרמען און קאָלירן דערמאנט אין איינצלנע אברים פון מענטשן און חיות — א רויט־ברענענדיקער קאַם פון א האָן, אן אויפגעשטעלט אויער פון אן אייזל, אָדער לאנגע, שנאָפלדיקע, ציטערנדיקע און עמפינדלעכע נעזער, דורך וועלכע זיי האָבן לופט און אינזעקטן

אויפגעשנאַפּט. דאָן זיינען געקומען די פאַרקריפּלטע ברואים, — די האָבן שוין גאָרנישט פון זיך קיין בלום ארויסגעבראַכט, נאָר נאַקעטע, פאַר־קרומטע וואָרצלען, פון וועלכע זיי האָבן ארויסגעשטעקט הענט, פויסטן, איינצלנע פינגער. טייל זיינען געשלאָפן, אנדערע זיינען וואַך געווען און האָבן געמאכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן זייערע פאַרקריפּלטע הענט אויסגעשטרעקט צום הימל נאָך געבעט, מען האָט געהערט א געוויין פון זיי, ווי פאַרשאָלטענע מגולגל־געוואָרענע מתים וואָלטן דאָ אויפגעשטאַנען אין דער פאָרם פון געוויקסן, און בעטן און רופן צו עמיצן נאָך הילף. אָט די אלע געוויקסן, פלאַנצונגען, בלומען, דערנער, קאַקטוסן, באקאנטע און אומבאקאַנטע, פון היימישן פעלד־בלימל ביז צו דעם פאַרוואָרפנסטן צווייגל פון דער וויסטער וויסטע, האָבן געמוזט אָפּגעבן זייערע פאַר־באָרגענע זאַפטן, אז זיי זאָלן צוזאַמענשטעלן די איילן און פערפומען פאַר מרים פון מגדל.

קאַפּיטל דרייצן

מרים מאגדאלענאס איילן.

נישט אַלעמאָל איז זי געווען געפאַנגען פון אירע רעליגיעזע משוגעתן, די מרים פון דער שטאָט מגדל. ווען זי האָט זיך באַפרייט פון זיי, האָט מען דערנסטמאָל אין איר הויז פאַרבראַכט די אינטערעסאַנטסטע אָוונטן פון ירושלים. אַלץ וואָס האָט נאָר א נאָמען געהאט אין שטאָט, האָט זיך באַגעגנט אין איר הויז.

דאָ האָבן מיר, רוימער, זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט די אויפגעקלער־טע יידן און מיר האָבן געקאָנט פריי אונזערע מיינונגען אויסטוישן. אונז האָט אַלע פאַראייניקט די וואונדערבאַרע פרוי, מיר זיינען אַלע ארונטערגעפאַלן אונטער דעם כשוף פון איר ברוין־קאַלירטער הויט, וואָס האָט ווי פערלמוטער־שיין ארויסגעלויכטן פון צווישן די שפּאַלטן פון אירע שלייערן. איר שטרענג געשלאָסענער קערפּער האָט באזעסן אַלע גע־היימנישן פון דער ליבע, מיט וועלכער ער איז געווען געזעטיקט ... איר שטאָלצער הויכער האַלדז, אירע גרויסע שוואַרצע אויגן — אָ, ווי זי האָט אונז אַלעמען, סיי ייד, סיי הייד, געפאַנגען געהאַלטן אין דעם כשוף, וואָס די ברכות פון איר לייב האָבן צוזאַמען מיט די ראַפינירטע פערפומען פון זיך ארויסגעגעבן. צו יעדער איר שטימונג האָט זי באַנוצט אַן אנדער מין שמעקעדיקן אייל, וואָס האָט געהאָלפן שאַפן די נייטיקע אַטמאָס־

פערע, אין וועלכער זי האָט זיך געוואונשן צו געפינען, זי האָט געקאָנט שפּילן מיט אירע פּערפומען ווי א שלאַנג מיט די קאָלירן פון זײַנע שיפּן. ווען זי איז טרויעריק און ערנסט געווען, ווען זי איז ארונטערגעפאַלן אונטער איר רעליגיעזער מעלאנכאָליע, האָט איר לײַב געהויכט מיט א טיפן שמעקעדיקן אָטעם, א געמיש פון העליאָטראָפּ מיט איריסן, וואָס האָט באוועבט דײַן געמיט מיט נאכט־שאָטנס, דיך ארײַנגעטריבן אין טיפסטן טרויער. ווען זי האָט דיך געוואָלט ארײַנברענגען אין א צניעות־דיקער איידעלער שטימונג, האָט זי נאָר באדארפט באנוצן אַן אייל, וואָס האָט ארויסגעגעבן פון זיך א דופּט פון אומשולדיקן, דערפרישנדיקן פּײַלכן, מיט מאַי־גלעקלעך געמישט. עס האָט דיר דערמאָנט אין פריי־לינגס־רעגן. און ווען זי האָט דיך געוואָלט פארכשופן און ארײַנאָטעמען אין דיר אַן עטער פון תאוהדיקע פארלאנגען, וועלכע זאָלן דורכדרינגען די צעלן פון דײַן הויט און פארשלעפערן דײַן ווילנס־חוש און אים אונ־טערטעניק מאַכן צו אירע געביטערישע פארלאנגען, האָט פון אירע שלייערן, פון אירע געדיכטע האָר־פלעכטן ארויסגעאָטעמט א רייפער, זיסער רויזן־געשמאַק, מיט א שארפן באַאומרואיקנדיקן ריח, וואָס קיי־נער האָט נישט געוואוסט ווי אים אָנצורופן. זי האָט דעם דאָזיקן געשמאַק ארויסבאקומען פון א געהיימניספולן קאַקטוס־וואָרצל, וועלכן זי האָט פון אראַבישן מדבר איבערגעפלאַנצט, א געווקס, וואָס האָט דיך פארשכורט — מיט צימרינג און נעגעלעך — ווי א שטאַרקער געטראַנק.

זי האָט צו דעם צוועק געהאט אין איינעם פון אירע צימערן א גאנצע זאַמלונג פון פּערפומען, אויפבאוואָרט אין די אויסטערלישסטע פלעשלעך און פלאַקאָנען פון פּערלמוטערדיקע קאָלירן, פון איידעלן פעניצישן, מיט רעגנבויגנדיקע שטראַלן פינקלדיקן גלאָז, באַצירט מיט קריגלעך, מנורות און הענגל ווײַנטרויבן; אנדערע ווידער זיינען באשטאנען פון טרערן־גלעזלעך מיט גרויסע דינע העלזלעך, וועלכע האָבן נאָר צו איין טראָפּן אדורכגעלאָזט. די טײַערסטע פּערפומען־אייל האָט זי געהאלטן אויפ־באוואָרט אין געוויינלעכע ערדענע און אין ליימענע קריגלעך, ווײַל דער איידעלער מאַטעריאַל מאַכט אויסוועפּן און ווירקט שלעכט אויף דעם אָריגינעלן גערוך פון די איילן. דאַן האָט זי פארמאָגט א גאנצע זאַמלונג פון פלאַקאָנען, אויסגעהוילן פון איידלשטיינער, טורקוסן, שמאַראַגדן, וועלכע זי האָט אויף גאָלדענע שנורן געטראָגן אויף איר האַלדז. אין חסדיקע מינוטן האָט זי איר אויסדערוויילטן באַזאַלבט מיט דעם טײַערן אינהאַלט, וואָס די קאָסטבאַרע פלאַקאָנען האָבן אין זיך אנטהאַלטן.

עס איז אויך בײַ זיי, בײַ די יידן, אנטוויקלט געווען דער חוש פון גערוך, זיי האָבן געקאָנט דערפילן זייערע באַליבטע דופטן דורך פאַר־

שלאָסענע ווענט און טויערן. יעדע משפּחה האָט פאַרמאָגט אירע אייגענע איילן, לויט וועלכע זיי האָבן זיך דערקענט, און וואָס איז איבערגעגאַנגען פון טאַטע צו זון ווי דער טײַערסטער ירושה־אוצר. זיי האָבן געהאַט ספּעציאַליסטן, וועלכע האָבן געוואוסט ווי אזוי צו שטויסן די בשמים, ווי אזוי צו מישן זיי; נישט נאָר פאַר דער דינסט פון בית־מקדש האָבן זיי די קונסט אַנטוויקלט, נאָר אויך פאַר דעם אייגענעם געברויך. „דין־שטויסערס״ — ווי זיי האָבן אָנגערופן די אייל־מילנערס, דאָס איז געווען בײַ זיי איינע פון די איידלסטע און טײַער באַצאָלטע פּראָפעסיעס. וועגן דעם שטויסן די איילן איז בײַ זיי ארומגעגאַנגען אפילו א ווערטל: „איילן האָבן ליב דאָס קול פון מערזשל״. טעג און וואָכן־לאַנג פלעגן זיי זיך דערמיט באַשעפטיקן. איך האָב פּערזענלעך געקענט אזעלכע אייל־מישערס. מיט איינעם פון זיי האָבן מיר אפילו געהאַט א זייער אינטע־רעסאַנטע באַגעגעניש, און טאַקע אין דעם הויז פון מרים מאַגדאַלענא. וועגן דעם וויל איך דיר דערציילן.

מיר זײַנען איינמאָל געווען אויסגעזעצט אויף א באַנקעט אין דער פאַרפומען־האַליע בײַ מרים מאַגדאַלענא. עס איז געווען א גרעסערע גע־זעלשאַפט. זי האָט דעם באַנקעט געגעבן לכבוד איר רײַכן באַבילאָנישן פאַרערער, א מיטגליד פון א גרויסער יחוסדיקער משפּחה, א פּרינץ, וועלכער פלעגט פון צײַט צו צײַט קומען קיין ירושלים ברענגען א קרבן פאַרן יידישן גאָט. עס איז זיי, די ירושלימער, געגאַנגען דעריקן, דעם יחוסדיקן און רײַכן באַבילאָנישן פּרינץ גוט אויפצונעמען, איז פאַר זײַן כבוד וועגן האָבן זיך דאָס פאַרזאַמלט בײַ מרים פון מגדל אַלע אירע פאַרערער. עס זײַנען געווען חנגס ביידע זין, די שוואָגערס פון כהן גדול; עס איז אויך געווען דער אשקאַלאָנישער אויבערשט און עס זײַנען נאָך געווען א פּאָר רײַכע יונגע מענטשן פון ירושלים, צווישן זיי אויך דער זון פון רײַכן נקדימון, אויך א פאַרליבטער אין מרים מאַגדאַלענא. פרויען זײַנען געווען ווינציק, מרים מאַגדאַלענא האָט נישט ליב געהאַט קיין פרויען־געזעלשאַפט, א חוץ דער קליינער שיינער אבישלג, וועלכע איז געוואָרן מרימס בוזעם־פרײַנדין, און נאָך א פּאָר יונגע מיידלעך. זי האָט ליב געהאַט צו זען ארום זיך יוגנט, און צוליב דעם האָט זי איר הויז נישט אָנגעפילט מיט קיין גריכישע און עגיפּטישע מוזיקער, ווי עס איז געווען די מאָדע צו האַלטן אין יעדן אָנשטענדיקן הויז אין ירו־שלים. וואָרום די גריכישע מוזיקער און זינגער און די עגיפּטישע פלייטן־שפּילער, וועלכע זײַנען געקומען פרײַוויליק קיין ירושלים זייער ברויט צו פאַרדינען, אָדער וועלכע מען האָט געקויפט אויף די שקלאַפן־מערק אין טירה און אשקלון, האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן זייער ערשטע יוגנט

און פאַרמאָגט שײַנענדיקע, ברייט־לבנהדיקע פּליכן אויף די קעפּ אָנ־שטאָט יונגע גלוסטנדיקע קערפּערס, אַזוי אַז דער רייץ פון זיי איז שוין געהאַט אויסגעוועפּט געוואָרן אין די פריערדיקע יאָרן... זי האָט פאַר איר הויז־מוזיק געהאַלטן יונגע לויים־שפּילער פון אָרעמע הײַזער, וועל־כע האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט אין בית־מקדש־דינסט אויפגע־נומען צו ווערן און האָבן געהאַט אַדורכגעמאַכט די פלייטן־מוזיק־שולע, וואָס איז געווען אײַנגעאָרדנט פאַר די לויים קינדער בײַ זייער טעמפּל. זיי האָבן געהאַט אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג און אַ שטרענגע שולע און זיי זיינען נישט געווען צום געברויכן פאַר אַנדערע צוועקן, ווי נאָר פאַר זייער מוזיק. אָבער פאַר אירע אייגענע טענץ האָט איר שטענדיק געמוזט באַגלייטן די קליינע פּיהאַ, איר באַליבטע עגיפּטישע פלייטן־שפּילערין.

די געסט זיינען געקומען אין זייער רײַכע קליידער לכבוד דעם פּרינץ, איינער האָט דעם אַנדערן געוואָלט איבערשטײַגן מיט זײַנע יוועלן, פּערל און אַנדערע איידלשטיינער, וועלכע זיי האָבן געלאָזט אַרויספינקלען דיסקרעט פון די פאַלדן פון זייערע זײַדן־געוועבטע כתונתן, וואָס זיי האָבן געטראָגן צום באַנקעט. דער באַבילאָנישער פּרינץ איז געקומען אין זײַן רײַכן צירונג, אין אַ הויב־אַרטיקן דיאַדעם, וועלכער האָט געפינקלט מיט טײַערע שטיינער. אָבער אונזערע אויגן האָט פאַר־כאַפּט דאָס באַבילאָנישע איידל־געוועבטע כתונת, וואָס ער האָט גע־טראָגן פאַרקנעפּלט ביז צום האַלדז, מיט פראַנזן אין פּערל אויסגעזעצט ווי מיט קנעפּ. די כהנישע קינדער זיינען נישט אָפּגעשטאַנען, זיי האָבן איבער זייערע כתונת פּסים געטראָגן זילבער־געוועבטע ענג־מאַנטלען. דער זון פון רײַכן גביר, וואָס זײַן געוויינלעכער ראַנג אַלס ישראל האָט אים נישט דערלויבט צו טראָגן קיין מאַנטל געוועבט אויס זילבער־פעדעם (דאָס איז געווען אַ טראַכט נאָר פאַר איינעם פון אַ הערשנדיקן הויז, וואָרום די זילבער־שײַן האָט באַדײַט די שײַן פון אַ מלאך פון גאָט), האָט אַלעמען געוואָלט איבערשטײַגן מיט זײַנע אויסערגעוויינלעך זעל־טענע רינגען, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זײַנע לאַנגע פינגער; די אײַנ־געפאַסטע שטיינער זיינען געווען שוואַרץ ווי די נאַכט, בלוי ווי דער הימל, און געפינקלט ווי די גרויסע פּראַכט־קייט, וואָס ער האָט געטראָגן אויפן האַלדז. ער האָט מיט זײַנע קאָלירן באַהערשט דאָס הויז, און מיר אַלע האָבן עס באַטראַכט פאַר אַ שלעכטן געשמאַק, וואָס דער אויפ־געקומענער גביר וויל אונז איבעררעשן מיט זײַן רײַכטום. מיר, די רוי־מער, זיינען געקומען אין אונזערע צענטוריאָנישע מיט מעדאַלן באַ־קליידטע פאַנצערס, וועלכע מיר האָבן אָנגעהאַלטן בײַם אָפיציעלן טייל

פון באַנקעט. שפּעטער, ווען מרים מאגדאלענא האָט געטאנצט פאר אונז און די געזעלשאפט האָט פארלוירן איר שטײַפקייט און אָנגעצויגנקייט און דער פּרינץ האָט אַראָפּגענומען דעם דיאַדעם פון זײַן קאָפּ, די כּהנישע קינדער — זייערע זילבערנע מאַנטלען, — האָבן מיר אויך זיך געלאָזט פון די דינער אויפעפענען אונזערע פּאַנצערס, דערוויַטערן די טאָגעס און מיר זיינען געבליבן אין אונזערע טוניקעס. וואָרום עס איז הייס געווען אין דעם הויז פון מרים מאגדאלענא פון דעם וואַרעמען אָנגעגליטן גערוך, וואָס די רויכער־פּאַנען האָבן אָנגעפילט דעם רוים.

צו איר טאַנץ האָט איר, ווי געוויינלעך, די קליינע פּיהא באַגלייט. פּיהא האָט געהאט א וואונדערבאר מויל, ווי אן אָנגעשוואָלענע מאַנדל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון איר פול רונדיק פּנים ווי א רייפע ווײַנ־טרויב; דורך אן אָפּעראַציע־שניט זיינען פארלענגערט געוואָרן אירע אויגן־ראַמען; אירע פּעך־שווארצע האָר זיינען אין צענדליקער קליינע געפלאָכטענע לאָקעלעך אַראָפּגעהאָנגען איבער איר רונדיק־אַראָפּפאלנ־דיקע אַקסלען. צווישן אירע לאָקן האָבן געבלישטשעט פארשידענע אָר־נאַמענטן, אויך א ברייטער ווײַסער קאַם אויס עלפנביין האָט געשטעקט אין אירע האָר; א פרישע לאָטאָס־בלום איז געווען איבער איר שייטל־שרינט און איז מיט איר אנטוויקלטן קעלך אַראָפּגעהאָנגען איבער איר שטערן. איר האַלדז איז הויך אנטוויקלט געווען ביז צום ברוסט־ביין אַראָפּ, אירע פּראָפּאָרציאָנעל צו לאנגע אָרעמס, ווי אירע נאַקעטע פיס, זיינען געווען באהאָנגען מיט פיל אָרנאַמענטן־רינגען. א לײַכטער שוואר־צער, מיט לאָטאָס־בלומען באַצירטער, טיולענער שלייער האָט אײַנ־געהילט איר גוט אנטוויקלטן קערפּער, ער האָט ווי דורך א זיפּ אדורכ־געלאָזט די קאָנטורן פון אירע גוט־געפאָרעמטע היפטן, ווי אויך אירע אנטוויקלטע ברוסטן. קניענדיק אויף איין פוס, האָט זי אויף איר לאנג אויסגעצויגענער האנט־האַרפע מיט אירע געל־לאַקירט־באנעגלטע פינ־גער אויסגעשפּילט א פּרעמדאַרטיקן מאָטיוו. און בײַ די צנועהדיקע טענער, וואָס די האַרפע גיט ארויס פון זיך, איז מרים מאגדאלענא ארויס־געקומען פאר אונז אײַנגעהילט אין א וואָלקן פון רויכערנדיקע געווירצן, וואָס יונגע לויים האָבן אויף רויכער־פּאַנען געטראָגן פאַראויס פאר איר. צום ערשט האָט מען גאָרנישט געזען. שפּעטער, ווען דער געווירץ־וואָלקן איז צערונען, האָט זיך אנטפּלעקט פאר אונז איר געשטאַלט. אָבער וואָס פאר א געשטאַלט! איר גאנצער נאַקעטער קערפּער איז געווען פארהוילן, ווי אין א שלייער, אין אירע לאַנגע רויט־פלאַמענדיקע האָר, וועלכע זע־נען געווען אזוי קינסטלעך צוזאַמענגעוועבט, אז עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט באקליידט געווען מיט א פײַער־לויכטנדיקן רויטן טוניק. דאָס

איידעלע געוועב פון אירע האָר האָט געלאָזט אדורכלײַכטן דעם טונקל־שײַן פון איר לײַב. דאָ האָט זי אויף א מינוט אנטפּלעקט דעם געוויכט פון איר שפּראָצנדיקער ברוסט, און אַנדערש מאָל דעם אויסגעפּולטן רוקן, דעם שטאַרקן נאַקן, דעם ציטערדיקן, געפּילפּולן רוקנביין, און באלד פארהוילן. אויף איר הויכן טורעם־האַלדז איז געהאָנגען, ווי תמיד, אויף א גאָלדענער קייט און עגיפּטישער פּלאַקאַן אויס עדלשטיין, וועלכער האָט ארויסגעאָטעמט פון זיך זײַן דופטיקן געשמאַק. איר געקרײַזלטער קאָפּ האָר האָט ארומגענומען א קראַנץ פון פרישע אָליוון־בלעטער, צווישן וועלכע עס האָט געגלאַנצט א טונקעלער שײַן פון אן אומבאקאַנטן איידלשטיין. אירע אויגן זײַנען געווען שווארץ געפארבט און קינסטלעך פארלענגערט דורך קאָסמעטיק און דורך דער קונסט פון איר סירישן פריזירער.און אזוי האָט זי מיט אירע מיט רינגען באצירטע באָרוועסע פיס אויסגעטאנצט א לײַדנשאפטלעכן עקזאָטישן טאַנץ צום מאָטיוו פון דער האַרפן־שפילערין און אויך פון די יונגע לויים — די געווירצן־רויכערער, וועלכע האָבן קניענדיק צוגעזונגען צו דער האַרפע.

ווי מען האָט מיר שפּעטער דערקלערט, איז עס געווען די יידנס א נאציאָנאלער טאַנץ, דורך וועלכן די פרויען דריקן אויס זייער ליבע־דורשט נאָך דעם אויסגעבענקטן מאַן. דער טאַנץ האָט פארקערפּערט זיי־ערס א פאָלקס־ליבע־ליד, וואָס איז געווען זייער פאָפּולער און מען האָט עס געהערט זינגען פון אלע גערטנער און סעדער אַראָפּ. דאָס איז זייער אן אלט ליד, מען שרײַבט עס צו זייער גרויסן קעניג שלמה. דאָ האָט זי אירע הענט אויסגעשטרעקט צו איר געליבטן מיט דורשטיקע, בענקנ־דיקע אויגן, דאָ האָט זי זיך אין זיך אליין באהאלטן, ווי א טויב אונטער אירע פליגל, צווישן אירע אָרעמס, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פון וועמען באשיצן. איר גאנצער קערפּער האָט געפיבערט, זי האָט זיך געבויגן אין ווייטאָגדיקן עקסטאַז, ווי זי וואָלט אליין פארשכורט געוואָרן פון דעם ריטם פון מאָטיוו, וואָס די האַרפּעס און די זינגערס האָבן אויסגעשפּילט. אין אירע אייגענע ריטמישע באוועגונגען האָט זי פארגעסן גאָר אינ־גאנצן אין אונזער עקזיסטענץ. עס איז איר אלצאיינס געווען, צי מיר זײַנען דערבײַ. זי האָט אנטפּלעקט איר ברוסט, איר רוקן, אירע אַקסלען אין דעם שטורמישן געווירבל־געשריי. איר מויל איז געוואָרן ווי א שוואָם, וואָס גלוסט צו פארשלינגען זיך אין קושן. זי האָט זיך אליין געהאלזט, אליין מיט איר לײַב ליביקייטן געשפּילט. ווען זי האָט מיטאמאָל אָנגע־הויבן צוצוברומען צו זיך די ווערטער פון דעם פאָלקסליד און דורך מימיק און באַוועגונג געשטײַגערט דעם עקסטאַז אין זיך אין דעם וואָלקן־פון פאַרשכורנדיקע דופטן און ריחות, וואָס אירע האָר האָבן ארויס־

געהויכט, זייַנען מיר אַלע מיטגעריסן געוואָרן און מיר זייַנען אַלע פֿאַראייניקט געוואָרן אין איין דורשטיקן באַגער, גלייַך אירע פֿערפֿומען און אירע באַוועגונגען וואָלטן אונזער בלוט צוזאַמענגעשמעלצט. איך האָב געקוקט אויף מייַן שכן, וואָס איז געלעגן לעבן מיר אויפֿן ליג־בעטל, איך האָב געזען דעם כהן גדולס זון חנן, ווי זייַנע ליפּן ציטערן, זייַן לאַנגע שפּיציקע נאָז איז בלייך געוואָרן און זייַנע אויגן האָבן זיך האַלב געשלאָסן. איך האָב געקוקט אויף דעם באַבילאָנישן פּרינץ און געזען, ווי ער ווערט פֿאַרצערט ווי אין בראַנד דורך זייַן הייסן טעמפּעראַמענט, זייַן דין טונקל געזיכט איז נאָך דינער געוואָרן. ער האָט די אויגן פֿאַרשלאָסן, זייַנע הענט האָבן זיך קראַמפּהאַפֿט געפּויסט, ער האָט אַ רויז געדריקט צו זייַן שטערן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט קילן מיט איר. איך האָב געקוקט אויף דעם אַשקאַלאָנער עלטסטן, וועלכער איז געשטאַנען אָנגעלענט בייַ אַ זייַל פֿון דעם טונקל־געהאַלטענעם רוים, ער איז בלייך געווען ווי די אַנדערע, נאָר זייַנע אויגן זייַנען גרויס געווען און פֿייַערדיק און פֿייַכט, ווי זיי וואָלטן זיך אין זייערע אייגענע טרערן געבאָדן. איך האָב געקוקט אויף די אַנדערע, אויף דעם זון פֿון דעם רייַכן ירושלימער, ווי ער האָט זיך קאָנצענטרירט און פֿאַרקוקט זיך אויף אַ שוואַרצן שטיין פֿון זייַנע רינגען, ווי ער וואָלט זיך אין זייַן ליכט געוואָלט פֿאַרגעסן.

מיטאַמאָל איז עפּעס געשען, און מיר זייַנען אַלע פֿון אונזער פֿאַרזונקענעם לעטאַרגיע־שלאָף אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן: דורך דער אָפֿענער האַליע, דורך דער קייט פֿון דער דינערשאַפֿט האָט זיך אַ מענטש אַדורכגעריסן. פֿון זייַן טאַפּנדיקער באַוועגונג האָט מען גלייַך דערזען, אַז ער איז בלינד; דין און בלייך ווי אַ פֿאַרטריקנטער וואָרצל פֿון אַ געוויקס, אַזוי איז ער אַרויסגעפֿאַלן פֿון זייַן צעריסענעם זאַק־העמד, וואָס ער האָט געהאַט אויף זיך. זייַן טויט בלינד פּנים האָט אָבער געשטראַלט מיט אַ פֿייַערדיקן פֿלאַם, זייַנע דינע ביינער זייַנען געווען ווי געשליפֿן, און מיט זייַנע שאַרפֿע אָרעמס רייַסט ער זיך פֿון דעם בינטל דינערשאַפֿט, וואָס האַלט אים געפֿאַנגען. ער שטרעקט אויס פֿון דעם געראַנגל זייַן פֿויגל־אַרטיק פּנים מיט די שטיקער טראָלדן פֿון זייַן שוואַרצער באָרד און שרייַט אָדער זינגט — מיט זייַנע אויסגעשטרעקטע אָרעמס צו מרים, — פֿערזן פֿון דעם פֿאָלקס־ליד, וואָס האָט זיך באַצויגן אויף אירע איילן:

„לריח שמניך הטובים...“ — נאָך דעם געשמאַק פֿון דייַנע גוטע איילן.

מיר זייַנען אַלע דערשטוינט געוואָרן, מיר האָבן נישט געוואוסט וואָס עס האָט פּאַסירט. מרים האָט אויפֿגעהערט צו טאַנצן, אַ וואונק געגעבן צו איר הויז־האַלטער, וועלכער האָט איר עפּעס דערקלערט.

און שטעל דיר פֿאָר, אַנשטאָט דעם בלינדן אָפּגעריסענעם בעטלער

צו הייסן ארויסוואַרפן אָדער אויפֿשרײַען פֿון כעס, וואָס זי איז געשטערט געוואָרן אין איר טאַנץ, איז זי ארויס אין א גרויס פריידיק לאַכן, וואָס האָט געגרענצט מיט ספּאַזמען, און זי האָט באַפֿוילן אירע דינער דעם בלינדן בעטלער אָפּצופירן, אים צו וואַשן און צו איילן, אין א לײַלעך אויס דעם פֿײַנסטן פֿעניציע־לײַוונט אײַנצוויקלען און דאָ אַרײַנברענגען אין באַנקעט־זאַל.

און צו אונז האָט זי זיך געווענדעט אין איר ספּאַזמען־געלעכטער און דערקלערט, אז דאָס איז בר־תּלמי, א בלינדער אייל־מישער, דער בעס־טער אין גאַנץ ירושלים. „ער האָט דערפילט דורך די מויערן מײַנע פֿער־פומען, און עס האָט אים ווילד געמאַכט. ער ווערט שטענדיק ווילד, ווען דער גערוך פֿון דעם אייל דערגייט צו אים, און ער רײַסט זיך ארײַן אין הויז. איר וועט דאָך נישט האָבן דאַקעגן, אז דער אומגליקלעכער זאָל נעמען א פּלאַץ צווישן אונז! גאָט האָט פֿאַרשלאָסן די שײַן פֿון זײַנע אויגן, דערפֿאַר געעפֿנט זײַן חוש פאַר געשמאַקן".

און שטעל דיר פֿאָר, זי האָט אים נאָכן וואַשן און זאַלבן ארײַנגע־פירט צווישן אונז און אוועקגעלייגט אים אויף א ליג־שטול, וואָס זי האָט געהייסן ברענגען פֿאַר אים, אוועקגעשטעלט פֿאַר אים די גלוסטנ־דיקסטע פּרוכטן און אויסגעזוכטסטע געטראַנקן. אָבער ער האָט נישט געגעסן און נישט געטרונקען, ער האָט זײַן גרויס פּנים אין זײַנע הענט באַהאַלטן, געאָטעמט שטאַרק און געהאַלטן אין איין רעדן צו זיך מיט די פֿערזן פֿון באַליבטן פֿאַלקסליד.

און נישט דאָס בלויז, זי האָט פֿאַר דעם בלינדן נאָכאַמאָל אויסגע־פירט איר טאַנץ, און ווען אפילו ער האָט נישט געקאָנט זען אירע בויג־זאַמע באַוועגונגען, האָט זי אָבער דערפֿאַר פֿאַר אים יעדעס מאָל אָן אָנ־דערן געשמאַק פֿון פֿערפֿומען געלאָזט פֿאַרבײַפירן, וואָס אירע האָר און שלייערן האָבן ארויסגעאָטעמט פֿון זיך. אומצייליקע זיינען זיי געווען און שאַרפֿע, ווי זאַטע קאָלירן. מען האָט באַשײַנפּערלעך געזען פֿון יעדן גערוך דעם קאָליר פֿון דער בלום אָדער וואָרצל, פֿון וועלכן ער איז ארויסגעצויגן געוואָרן. און יעדעס מאָל, ווען אירע שלייערן האָבן פֿון זיך אָן אנדערן גערוך ארויסגעגעבן, האָט דער בלינדער אויסגעשריגן מיט ענטוזיאַסטישע פרייד־געשרייען. ער האָט געקושט די לופֿט, ער האָט מיט זײַנע הענט אויפֿגעפאַנגען די ריחות, ווי זיי וואָלטן געווען באַלזאַמען און געגלעט מיט זיי זײַן לײַב, זײַן גרויס פּנים, זײַנע פֿאַרמאַכטע אויגן און גערעדט צו זיך פֿערזן פֿונם ליד: „ווער האָט מיך אזוי געטרייסט אזוי ווי דו, מײַן צנועה, דו אויסדערוויילטע פֿון מײַן האַרץ; דײַנע איילן לענען אונטער מײַן האַרץ ווי גוטער עפּל־געשמאַק, זיי היילן מײַנע

וואונדן ווי גוטער באַלזאַם, זיי לעשן אויס די עוולה פון באַליידיקטן און טרייסטן דעם געפּײַניקטן. זע, זיי שטרעקן אויס צו מיר דײַנע ווייכע גלוסטיקע הענט און גלעטן מיך, ווי אַ מוטער איר איינציק קינד! זינג צו מיר, מײַן געליבטע, זינג צו מיר דורך דײַנע געשמאַקן. איצט ברענגען זיי מיך צוריק אין מײַן מוטערס גאָרטן אַרײַן, ווען איך בין נאָך אַ קליין קינד געווען און מײַנע אויגן האָבן זיך נאָך געפרייט מיט דעם אָנבליק פון דער ליכטיקער זון. איצט דערפיל איך דעם פרישן קראָקאָס, וואָס האָט אין אונזער גאָרטן געבליט און איצט זע איך די צניעותדיקע בלויע יאַשמין־בלימלעך — אַזוי צניעותדיק און אַזוי אויפרײַסנד זענט איר, אַזוי קליין און אַזעלכע ריחות גיט איר אַרויס פון זיך. איצט קילט מיך דער ווינט פון פעלד און וואַלד אין דעם הייסן טאָג, דער געשמאַק פון די מאַי־גלעקלעך וואַשט מיך מיט דעם קילן טוי וואָס פאַלט אויף דער מאָרגן־רויז; עס טריפט דורך מײַן הויט אַרײַן דער האָניק פון די רויזן. אוי, באַטריב מיך נישט מיטן שטורעם פון אכזריותדיקן איריס, שרעק מיך נישט מיט דער נאַכט פון דער שווארצער רויז, באַזאַנפט מיך מיט דעם פײַלכן־געשמאַק, לען אונטער מײַן האַרץ דורך דעם טריפנדיקן האָניק פון מור. אָ, זינג צו מיר, שיינע כּלה מײַנע, מיט דעם געזאַנג פון דײַנע איילן...״ — און ער האָט אָנגעהויבן מיט ווילדן ענטוזיאַזם צו רעדן צו זיך פּסוקים, וואָס מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען...

און זי, מרים, פון מגדל, האָט געהאַלטן אין איין אָפּגעבן זיך מיט מיט אים; עס זעט אויס, אַז זי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אין אונז, זיך גאָרנישט אומגעקוקט אויף אונז, צי מיר זײַנען יאָ דאָ אין דער באַנקעט־האַליע אָדער נישט. זי האָט זיך פאַר דעם בלינדן געדרייט אין אַ ווילדן ווירבל, און פון אירע באַהאַלטענע האָר אויסגעשאָטן אויף אים איין פּערפום נאָכן אַנדערן, וואָס האָבן אַרויסגעטעמט פון איר. און יעדעס מאָל, ווען ער האָט דערפילט דעם געשמאַק פון אַן אייל, האָט עס אויסגעזען, ווי זײַנע אויגן וואָלטן צוריקגעקריגן דאָס ליכט און דערזען דעם שײַנענדיקן טאָג, דאָס ליכט אין דער פינצטערניש. עס האָט זיך דערהערט זײַן עקסטאַטישער אויסרוף, זײַן באַגאַוועטע מויל האָט געטרונקען איר לופט און גלײַכצײַטיק געגרופן פריידיקע אויסגעשרייען,, אַזוי אַז אונז איז איבערדריסיק געוואָרן דאָס דאָזיקע שפּיל.

איך האָב געזען, ווי דער יהודיקער באַבילאָנישער פּרינץ וואַרפט זיך ווי אין קאָנוואולסיעס אויף זײַן ליג־שטול, הויבט זיך אויף און זעצט זיך צוריק. בײַם יונגן חתן איז די נאָז נאָך בלייכער און שפּיציקער געוואָרן און זי האָט איצט אינגאַנצן צוגעדעקט ווי אַ שאַרפער שנאָבל זײַנע ליפּן. אַזוי זײַנען אויך שפּיציק און פלאַמענדיק געוואָרן זײַנע אויגן.

מען האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער וועט זיך יעדן אויגנבליק אויפרײסן פון זײַן געלעגער און צוגיין צום פרעמדן, פּרעכן בלינדן בעטלער און אים צעדורסן מיט זײַנע שאַרפע נעגל. און אַזוי איז אויך געווען מיט דעם זון פון רײַכן מאַן און אַזוי אויך מיט דעם אַשקאַלאָנער עלטסטן, מען האָט געקאָנט הערן דאָס הויכע קלאַפּן פון זײַן האַרץ פאַר קנאה און כעס; און אַזוי איז געווען מיט אונז אַלע. אָבער זי האָט געשיצט דעם בלינדן מיט איר טאַנצנדיקן קערפּער. מיר האָבן פאַר כעס אונזערע ליפּן געביסן און מיר האָבן איינער נאָכן אַנדערן פאַרלאָזט דעם באַנקעט־זאַל. צום ערשט איז עס געווען דער באַבילאָנישער פּרינץ, וועלכער האָט ווילד געכאַפּט זײַן אַראָפּפאַלדיקן דיאַדעם און זײַן מאַנטל, און הויך אומגעדולדיק גערופן זײַן דינער. מרים האָט זיך אָבער גאָרנישט אומגע־קוקט אויף אים. אַזוי אויך די כהנישע קינדער, און אַזוי אויך די אַנדערע. זי האָט אונז פּשוט געבעטן צו פאַרלאָזן דעם זאַל דורך אירע אומגעדול־דיקע באַוועגונגען און איר אויפגערודערטן, שרײַענדיקן ווילדן טאַנץ. מיר האָבן זי איבערגעלאָזט אַליין מיט דעם בלינדן, ענטוזיאַסטישן, זינגענדיק־שרײַענדיקן מאַן.

צומאָרגנס, ווען עס איז מיר אויסגעקומען פאַרבײַצוגיין דעם הויף פון די היידן, האָב איך זי אָנגעטראָפן, באַגלייט פון אַ דינערין, לעבן אַ געוועלב, וואו מען האָט פאַרקויפט קרבנות־טויבן. זי איז געווען אינ־גאַנצן באַדעקט אין שלייערן און אין טיכער ווי אַ וועסטאַלין. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט וואַרטן, ביז זי וועט פאַרטיק ווערן מיט איר אײַנקויף, וואָס האָט בײַ איר לאַנג געדויערט, ביז זי האָט זיך אויסגעזוכט די פּאַסנ־דיקע פאָר טויבן. ווען זי האָט מיך דערזען, האָט זי מיט איר שלייער צוגעדעקט די גרוי־בלוילעכע פינקלדיקע טויבן־קעפּלעך, וועלכע זי האָט געהאַלטן און מיט גרויס ליבשאַפט געהאַלדזט אין איר בוזעם, אַזוי ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז איך זאָל איר קרבן נישט פאַראומ־רייניקן מיט מײַן אָנבליק. איך האָב זיך צו איר דערנענטערט און צו איר עפּעס געזאָגט וועגן דעם נעכטיקן פאַרפאַל. אָבער זי האָט מיך נישט געלאָזט אויסרעדן, געגעבן מיר אַ צייכן מיט דער האַנט, און זי האָט זיך פון מיר דערווײַטערט. מײַן טריט און אויג האָבן זי נאָך באַגלייט ביז צום אײַנגאַנג פון ווײַבער־הויף. בײַ דעם אײַנגאַנג פון „קאָרינטישן בראָנזענעם טויער צום ווײַבער־הויף האָט זי זיך געלאָזט פון איר באַ־דינטן איבערטוישן איר אויבערשטן שלייער, זי האָט וואַרשיינלעך מורא געהאַט, אַז איך האָב איר שלייער פאַראומרייניקט מיט די רייד פון מײַן מויל. זי האָט אײַנגעהילט טיפער איר פּנים אין שלייער, מיט וועלכן זי

האַט אויך פאַרדעקט די קעפּלעך פון די טויבן. מיט א שמעקעדיקער בשמים־צווײַג אין האנט איז זי פאַרשוואונדן מיט קליינע זינגענדיקע טריט הינטער דעם טויער פון דעם פרויען־הויף...

קאַפּיטל פערצן
דער בלינדער אייל־מישער.

און מיטאמאָל איז דאָס אַלץ פאַרשוואונדן, ווי מיט דער האנט אָפּגעווישט. אזוי זענען זיי, די אָריענטאַלישע מענטשן. דו ווייסט קיינמאָל נישט, וואָס מאָרגן וועט מיט זיי געשען.

מרים האָט דעם בלינדן ארײַנגענומען צו זיך אין הויז, ער האָט געהאט אויף איר א פאַרניכטענדיקן אײַנפלוס און סוף כל סוף ארויסגעשלײַדערט זי פון לעבן, ווי מען רײַסט אויס א פּרעכטיקע פלאנץ אינמיטן פון איר בליאונג. ער איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבן געגלויבט, אז די טויטע וועלן אויפשטיין פון זייערע קברים, ווען זייער משיח וועט קומען, און ער האָט אויך מיט דער דאָזיקער לערע סוף כל סוף אָנגעשטעקט זײַן הארינטע.

דער בלינדער אייל־מישער איז געווען א געלערנטער און האָט זיך אויסגעקענט אין דער שריפט. מרים מאגדאלענא פלעגט אים שוין איצט האלטן לעבן זיך בײַ אַלע אירע עמפּאַנגען און באנקעטן. אן אָפּגעוואָשענער, א געזאַלבטער, די באָרד און די האָר אויסגעקעמט, איבערגעצויגן מיט א ציציתדיקן סדין — פלעגט ער זיצן אין א ווינקל און פלאַפּלען צו זיך אליין פסוקים פון די שריפטן. ער האָט אונז אָבער שוין אַלע פאַרווײַלונגען פאַרדאָרבן, אונזערע באַנקעטן זיינען דורך דעם בלינדן פאנאטיקער פאַרוואנדלט געוואָרן פון אמוזירנדיקע פאַרגעניגן־אָוונטן אין לאַנגווײַליקע האַר־שפּאַלטנדיקע און קאָפּווייטאָגדיקע דיסקוסיעס.

איינמאָל בין איך אָנוועזנד געווען בײַ אזא דיסקוסיע. איך האָב געוואָלט וויסן וועגן וואָס, אייגנטלעך, עס האנדלט זיך, און איך האָב מיר די מי געגעבן דאָס געשפּרעך פון דער דיסקוסיע נאָכצופאָלגן. דאָס איז מיר טאקע געלונגען, אָבער דערפאַר בין איך ארויסגעגאנגען פון באנקעט נישט מיט א געשוואָלענעם בויך פון טרינקען, נאָר מיט א געשוואָלענעם קאָפּ. דער צד פון כהן גדול האָט אויך געהאט זײַנע געלערנטע, געזעץ־אויסטײַטשער און הארטקעפּיקע פאנאטיקער; האָט שוין מײַן פרײַנד חנן יעדעס מאָל, ווען די מרים מאגדאלענא האָט איר בלינדן

אייל־מישער געבראכט, מיטגעשלעפּט מיט זיך א געלערנטן פון זײַן צד, און די צוויי האָבן זיך בײַ די נעזער געריסן. מיר, די פּרעמדע, האָבן זיך אמוזירט דערבײַ, ווי די געלערנטע פון ביידע צדדים האָבן זיך ארומגע־וואָרפן מיט פּסוקים און אויסטײַטשונגען פון זייער שריפט ווי זשאָנג־לערן מיט באַלעם־וואַרפן. זיי האָבן מיר דערמאָנט מיט זייער זשעסטי־קולירן, מיט די פינגער־שפּיציקע באַוועגונגען, מיטן שאָקלען זיך, אַטאַ־קירן און אָפּווערן זיך — אין א קאמף פון צוויי העגער. דער בלינדער האָט דעם אנדערן שיר נישט די אויגן ארויסגענומען מיט זײַנע פינגער־שפּיצן. דאָס געשפּרעך האָט זיך אַלץ געהאנדלט, ווי געוויינלעך, ארום דעם תחית המתים־פּראָבלעם. דער געלערנטער פון כהן גדולס צד האָט געטענהט, אז דער מענטש ווערט נאָכן טויט שטויב און — ווי אזוי קאָן שטויב צוריק לעבעדיק ווערן און פון קבר אויפשטיין? דאָס איז לויט אונזער אויפפאַסונג געווען זייער ריכטיק. און ער האָט געבראכט, ווי געוויינלעך, א ראיה צו זײַנע רייד א פּסוק פון זייערע שריפטן. דער בלינדער אייל־מישער האָט אָבער געצויגן א גאנצן קל־וחומר און ער האָט ארויסגעדרונגען אויף אזא אופן: „מה־דאָך א קערנדל פון א גערשטל, וואָס האָט נישט קיין קליידער און ווען מען לייגט עס ארײַן אין דער ערד, וואַקסט דערפון ארויס א גאנצע זאַנג, מיט שטרוי און אומצייליקע גערשטנדלעך, מיט פּלעוועס און הערעלעך, — מכל־שכן דער מענטש, וועלכן מען באַגראָבט אין זײַנע תכריכים־קליידער, וועט ער דאָך אוודאי צוריק פון דער ערד ארויסוואַקסן...״

— אָבער די קליידער פון מענטש, אין וועלכע מען באַגראָבט אים, ווערן דאָך אין דער ערד פאַרפוילט! — האָט דער צווייטער צד געטענהט.

— ווער רעדט דאָ פון געוויינלעכע קליידער, וואָס דער מענטש באַ־קליידט? די קליידער, אין וועלכע מען באַגראָבט דעם מענטש, דאָס זיינען זײַנע מעשים טובים, וואָס ער האָט געטון אויף דער ערד, אזוי ווי עס שטייט געשריבן: „גאָט איז באקליידט מיט גערעכטיקייט״. הייסט עס, אז גערעכטיקייט, ווי אַלע אנדערע מעשים־טובים, זיינען די אמתע קליי־דער פון מענטש, וואָס ער נעמט מיט זיך מיט אויף יענער וועלט, און לויט די מעשים טובים, וואָס ער האָט געטון אויף דער וועלט, אזוי רײַך וועלן זײַן די קליידער, אין וועלכע ער וועט זײַן אָנגעקליידט, בעת ער וועט זיך פון קבר אויפהויבן בײַ תחית־המתים!

— און די, וועלכע האָבן גאָר קיין מעשים־טובים נישט אין זייערע הענט, — האָט דער צווייטער צד געוואָלט וויסן — וועלן זיך נישט אויפהייבן?

— יאָ, זיי וועלן זיך אויך אויפהייבן, נאָר נאַקעט און בלויז, כדי

געמשפט צו ווערן!

און ער האָט אנטוויקלט א גאנצן אנאטאָמישן טראַקטאַט: אין דעם קערנדל פון מאַרך־ביין האלט זיך אויף דאָס גאנצע חיות פון צוקונפטיקן מענטש, פון דעם קערנדל זאָל זיך אין קבר צוריק אנטוויקלען דער גאנ־צער פיזישער קערפּער פון מענטש, ער זאָל צוריקקריגן נישט נאָר זיינע אָדערן און אברים, נאָר אפילו זיין אייגנאַרטיקע געשטאלט, זיין ליניע און אויסזען; וואָרום דאָס אויסזען פון יעדן מענטש איז א טייל פון דעם אויסזען פון דער געטלעכקייט, ווי עס שטייט געשריבן: „לאָמיר באשאפן א מענטש אין אונזער געשטאַלט!" הייסט עס, אז די געשטאלט פון יעדן יחיד באזונדער איז א טייל פון דער געשטאַלט פון דער געטלעכקייט. דורך דעם איז דאָס אויסערלעכע אויסזען פון מענטש אזוי וויכטיק, הייליק און אייביק ווי דער מענטש אליין, און עס וועט מיט דעם מענטש צוזאמען אויפשטיין צוריק פון קבר.

אָט אין אזעלכע לאנגווייליקע געשפּרעכן האָבן מיר שוין פון דענסט־מאָל אָן פארבראַכט אונזערע אָוונטן, און מיר, היידן, האָבן דאָס געמוזט אויסהערן.

אָבער מען האָט זי באדארפט זען, די מרים מאגדאלענא, בשעת דער בלינדער אייל־מישער האָט אנטוויקלט די לערע פון תחית־המתים לויט די געזעץ־אויסטייטשער. מען האָט באדארפט באטראכטן אירע אויגן, מיט וואָס פארא פריידיק, האָפענונגספול און גליקלעך ליכט זיי זיינען באשיינט געוואָרן! פון דענסטמאָל אָן האָט זי זיך געענדערט, זי האָט פארלוירן אינגאנצן אירע מעלאנכאָלישע איבערפאלן, זי איז שטענדיק געווען גליקלעך און פריילעך, אזוי ווי עס וואָלט זי פּערזענלעך דאָס גרעסטע גליק באגעגנט.

עס איז געוואָרן מיט איר וואָס אמאָל ערגער, זי איז שוין אינגאנצן ארונטערגעפאלן אונטער דעם בלינדנס איינפלוס. דער בלינדער איז דער־נאָך געוואָרן איינער פון די אָנהענגער פון דעם יוחנן המטביל, וועלכער ווערט געהאלטן געפאנגען פון טעטראַרך הורדוס אנטיפּאס פאר מאיעס־טעט־באליידיקונג — וועגן וואָס דער אלטער כהן גדול חנן האָט מיר פארציילט. נאָכדעם, ווי מען איז געוואָר געוואָרן, אז דער יוחנן המטביל ווערט געהאלטן אין געפאנגענשאפט פאר זיין דרייסטער ארויסטרעטונג קעגן טעטראַרך, האָט ער באקומען פיל אָנהענגער. דאָס פאָלק האָט אָנ־געהויבן צו גלויבן, אז ער איז זייערס אָן אלטער נביא, וועלכער איז צוריקגעקומען אין לעבן ארײַן. אויך דער בלינדער אייל־מישער איז געוואָרן זיינס א תלמיד, און האָט אויך די מרים מאגדאלענא מיטגע־שלעפט מיט זיך. זיי האָבן דערוואַרט, אז עפּעס־וואָס וועט איצט געשען,

אז דער דערלייזער וועט איצט קומען, ווי דער יוחנן האָט נביאות געזאָגט, און זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איין פּאַרברייטן צו זײַן קומען. די מרים פון מגדל האָט אונטער דעם אײַנפלוס פון דעם בלינדן אוועקגעוואָרפן אינגאַנצן דאָס אַרט לעבן, וואָס זי האָט געפירט, פאַרגעסן אין אירע פרײַנד און איז מיטאמאָל גאָר אינגאנצן פארשוואונדן געוואָרן פון שטאָט. צום ערשט האָבן מיר געמיינט, אז זי האלט זיך אויף אין בית־מקדש־הויף און זי וועט אין א צײַט ארום נאָך צוריק קומען אין לעבן ארײַן, ווי זי פלעגט עס שוין אָפטמאָל טון ווען עס איז זי באפאלן דער רעליגיעזער משוגעת. דאָסמאָל איז זי אָבער פארשוואונדן אויף א לאַנגע צײַט. מיר האָבן נישט געוואוסט, וואו זי איז אהינגעקומען, געמיינט, אז זי האָט אינגאנצן פארלאָזן די שטאָט. שפּעטער זיינען מיר אָבער געוואָר געוואָרן, אז זי האָט זיך פארקליבן מיט דעם בלינדן אין איר בשמים־גאָרטן, וואָס זי האָט געהאט אויפן הר־הזתים. דאָרט האָבן זיי געזאָלט זאַמלען ארום זיך נאָך אייניקע פון זייערע אָנהענגער, צווישן וועלכע — מען זאָגט — עס זיינען געווען אפילו קרעציקע און קראנקע. זיי האָבן פארוואנדלט איר פּרעכטיקן גאָרטן אין אן איינפאכע בשמים־פאבריק; זיי מאָלן פון די בשמים איילן און פארקויפן זיי אין דער שטאָט און אויך אין בית־מקדש־הויף. דערפון דערנערן זיי זיך אלע צוזאמען, און דאָס וואָס עס בלײַבט זיי איבער, צעטיילן זיי צווישן די אָרעמעלײַט.

אין א צײַט ארום, אז זי האָט נישט געלאָזט הערן פון זיך, זיינען מיר אלע נײַגעריק געוואָרן צו וויסן, וואָס עס איז געשען מיט איר. דער יונגער חנן, וועלכער איז געווען זייער פארליבט אין איר, האָט איר שוין פון לאנג געהאט ארומגעזוכט. ווען מיר זיינען געוואָר געוואָרן, אז זי איז אויבן בײַ זיך, האָבן מיר אנומלט גענומען צוויי פערד און ארויפגעריטן אויפן הר־הזתים זי צו באזוכן. עס איז געווען א היפש שטיק וועג ביז צו איר גאָרטן. מיר האָבן דאָס אָרט מער נישט דערקענט: אָנשטאָט דעם בארימטן הערלעכן בשמים־גאָרטן מיט די אויסגעזוכטסטע קרײַטעכצער און בלומען פון אלע עקן וועלט, האָבן מיר איצט אָנגעטראָפן אויף אן אייל־מיל. א גאַנצע כאליאסטרע אָרעמעלײַט האָבן זיך דאָרט געהאַט פאַרזאמלט, יונגע און עלטערע, וועלכע האָבן מיט איר צוזאמען באַארבעט דעם בשמים־גאָרטן. אלע זיינען זיי געווען פארנומען בײַם רייניקן די פלאנצונגען, בײַם שטויסן די בשמים — טייל מיט האנט־מילעכלעך און טייל מיט מערזשעלס. צווישן זיי זיינען געווען פיל פארדעכטיקע אין קראנקהייטן, וואָרום, ווי עס זעט זיך אויס, האָט זי מיטגעשלעפּט מיט זיך דאָס אָפּפאַלעכץ, בעטלער און אָרעמעלײַט, וועלכע האָבן שטענדיק באלאגערט געהאט איר הויז אין שטאָט. איינער איז דאָרט געווען אן

אַלטער, וועלכן זיי האָבן גערופן „פּאָטער״, שמעון האָט ער געהייסן, האָבן מיר זיך מורא געהאַט צו אים צוצורירן. איך בין זיכער געווען, אַז דער מאַן איז אָנגעשטעקט געווען מיט צרעת. מיר זיינען נישט אַמאָל זיכער געווען, צי זיי זיינען אַלע פרײַע מענטשן, פיל אַנטלאָפענע קנעכט האָבן זיך געמוזט געפינען צווישן זיי. און אָט צווישן דעם דאָזיקן אָפּפאַלעכץ פון מענטשן האָט זיך אַרומגעדרייט מרים מאַגדאַלענאַ מיט איר איידעלער פיגור, וואָס האָט נאָך אַלץ געהאַט דעם אָנבליק פון דורכזיכטיקן אַלבאַסטער אומעטום, וואו די הויט פון איר לײַב האָט זיך באַוויזן. דאָס האַרץ האָט שיר נישט געפּלאַצט פון צוזען, אַז דער דעליקאַטער קערפּער, וועלכער איז געוואוינט געווען צו זײַן געפלעגט אין די איידלסטע איילן, צו פילן זיך אײַנגעבעט אין נאָבעלע זײַדענע שטאָפן, אין פײַנסטן פּורפּורוואָל פון צידון, — איז אײַנגעוויקלט אין גראָבן זאַק, מיט רויען פילץ איבערן אויבערשטן האַלבן קערפּער. וואָרום עס איז געווען האַרבסטצײַט, די רעגן־פײַכטקייט איז געשטאַנען אין דער לופט, אין ירושלים איז שוין קאַלט געווען, און זי האָט געציטערט אויפן גאַנצן לײַב. אירע הענט זיינען שוין גראָב געווען פון אַרבעט, און איר פּנים, וואָס איז געפלעגט געווען מיט די אויסגעזוכטסטע קאָסמעטיקס, איז שוין פאַרהאַרטעוועט געווען, פול מיט קנייטשן און שפּרענקעלעך פון דער ברענענדיקער זון. דאָס איינציקע איבערבלײַבעכץ פון איר שיינקייט, וואָס זי האָט אַרויסגעראַטעוועט פון די נעגל פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם, אין וועלכן זי איז אַרײַנגעפאַלן, זיינען געווען אירע רויטע האָר, וועלכע זיינען נאָך אַלץ געווען אַראָפּגעלאָזט ווי פײַער־צונגען איבער אירע געטאָקטע פּלייצעס.

פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט אונז באַלד באַמערקט און האָט אונז אויפגענומען אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט מיט איר געשען אויסטערלישס. מיר האָבן זיך אויך געמאַכט נישט באַמערקן די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיט איר. זי האָט אונז פאַרבעטן אַוועקצוזעצן זיך לעבן דעם בלינדן, אַרום וועלכן די אַרבעטער זיינען געווען קאָנצענטרירט. זיי האָבן אַלע צוגעטראָגן געטריקנטע בלומען און בשמים־בלעטלעך צום בלינדן, וועלכן זיי האָבן גערופן בר־תלמי. ער האָט געהאַט פאַר זיך שטויסן פאַרטריקנטע יאַשמין־בלימלעך, בשמים־בלעטלעך און שקאָרמיצלעך פון דראַגאָן־בלימלעך, מיט וואָרצלען פון בשמים. ער האָט די בלעטלעך אַדורכגעפירט פאַר זײַן נאָז און יעדעס געוואָרפן אין אַן אַנדער מילעכל פון די, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום אים. פאַרשידן זיינען געווען די מילעכלעך, מערסטנס זיינען דאָס געווען האַנט־מילעכלעך פון האַרטע שטיינער אָדער אויס מאַרמאָר; אַנדערע בשמים האָט מען געשטויסן אין

מעטאַלענע מערזשלס, לויט די פאַרשידענע סאָרטן איילן און בשמים־געווירצן, וועלכע דער מערזשל האָט באַדאַרפט אויסהאַמערן. דאָס אַלץ האָט בר־תלמי געטון בלינדערהייט. זיינע אויגן, וועלכע זיינען געווען אָפּן, נאָר איבערגעצויגן מיט גלאַנצנדיקע, טויטע, ווייס־באַטריבטע הײַטלעך, זיינען בלינד — האָט זיך געדאַכט — פאַר אַלץ און אַלעם, — נאָר די בשמים־ריחות זעען זיי ווי העלע קאָלירן, וואָס עס וואַרפן פון זיך די געווירצן און בלומען. טוענדיק אָבער זײַן אַרבעט, האָט ער נישט אויפגעהערט צו פאַרציילן עפּעס, צו וואָס די אַרומיקע האָבן זיך צו־געהערט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם. זיי האָבן אַלע אײַנגעהאַלטן דאָס שאַר־פּע קלאַפּן מיט די שטייסלען, כדי זיי זאָלן זיך קאָנען צוהערן צו זײַן קול. און גערעדט האָט ער, אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס מיט זײַנע בלינדע אויגן געזען צושוועבן פון דער ווײַטער פאַרנעפּלטקייט. אפילו מײַן באַגלייטער, דער יונגער חנן, איז פאַראינטערעסירט געוואָרן צו הערן וואָס ער זאָגט. מען האָט אָנגעזען אין זײַן לאַנגער נאָז, וועלכע איז בלייך גע־וואָרן פאַר אויפרעגונג און אין זײַנע שפּיציקע אויגן, וועלכע האָבן זייער חלף־גלאַנץ באַקומען, אז ער איז אויפגעבראַכט, דאָך אינטערעסירט עס אים וואָס דער בלינדער פאַרציילט. שוין אָפּגערעדט פון מרים מאגדא־לענא, — מען האָט באַדאַרפט זען איר פּנים, אירע אויגן, די גליקלעכ־קייט און די דערלייזונג, וואָס האָט געשײַנט אויף איר. אין דער קלאָר־קייט פון אירע אויגן האָט מען דערפילט איר געמיט. ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן, האָט דער בלינדער גערעדט וועגן דעם זעלבן, וואָס מען האָט אומעטום איצט גערעדט צווישן די יידן אין ירושלים, אין גאַנץ יהודה און אין גליל. וואו מען איז געקומען, וואו מען איז געשטאַנען, האָט מען נאָר געהערט רעדן צווישן זיי וועגן זייער משיח, וועלכן זיי האָבן דערוואַרט יעדן טאָג, אז ער זאָל קומען, אַזוי ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן א רעאַלער זאַך, וואָס דאַרף אָט שוין געשען; אָט ווי וועגן זייערס א קעניג, וועלכער איז געגאַנגען אין קריג אַרײַן, האָט א גרויסע שלאַכט געוואונען און מען דערוואַרט יעדן טאָג, אז ער זאָל אין זײַן טריאומף אין דער שטאָט אײַנציען; די שליחים, וואָס ער האָט אַרויס־געשיקט, זיינען שוין אָנגעקומען מיט דער בשורה, אָט שטייט ער שוין הינטערן טויער . . . — אַזוי האָבן זיי אַלע דעם משיח דערוואַרט און דאָס אין אַלע קלאַסן, אין אַלע שיכטן, סײַ אָרעם, סײַ רײַך . . .

עס איז אויסגעבראָכן דאָרט צווישן די אַרומיקע און דעם זון פון כהן גדול, חנן, — ווי געוויינלעך אומעטום, ווען יידן קומען זיך צונויף — א שטורעמדיקער וכוח איבער דעם משיח. דער קלוגער, אויסגערעכנטער חנן האָט דאַסמאָל נישט געקענט מײַסטערן זײַן מיט פאַרדאַכט באַאָבאַכ־

טנדיקן שטילן שמייכל, וואָס פלעגט שפּילן אויף זײַנע ליפּן, ווען ער האָט זיך צוזאמענגעטראָפן מיט דעם אומצוטרויענדיקן פּעבל. ער האָט זיך געלאָזט מיטרײַסן פון זײַן הייסן טעמפּעראמענט, ער האָט פארגעסן אין זײַן ראַנג און שטעלונג און איז געוואָרן ווי איינער פון זיי. איך האָב שוין דענסטמאָל אָנגעהויבן פארשטיין דאָס אומגייענדיקע לשון פון דעם יידישן המון, אין זייער אַראַמעאישן דיאלעקט האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט פיל גריכישע ווערטער, וואָס זיי האָבן באַנוצט אין דער שפּראַך פון זייער טעגלעכן אומגאַנג. איבריקנס, האָט מיר שפּעטער אויף מײַן פאַר־לאַנג דעם כהן גדולס זון גענוי דאָס געשפּרעך איבערגעגעבן. פיל האָב איך זיך אויך געקאָנט משער זײַן פון זייערע לעבהאַפטע, טעמפּעראַ־מענטפולע באַוועגונגען און זשעסטיקולירן, וואָס האָבן באַגלייט זייערע דיסקוסיעס. איך ווייס נישט, צי זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי האָבן פאַר זיך דעם אַלמעכטיקן חנן בן חנן. אָבער דער בלינדער האָט עס יאָ גע־מוזט וויסן, — ער האָט אים דערקענט אין זײַן שטימע, און צוליב דעם, זעט זיך אויס, האָט ער אים פּראָוואָצירט און ארויסגעבראַכט פון געדולד.

זיי האָבן גערעדט וועגן דעם, וויפיל ברויט און אייל, האָניק און ווײַן זייערע פעלדער און ווײַנגערטנער, בינשטאָקן און טייטלביימער וועלן ארויסגעבן, ווען זייער משיח וועט קומען; ווי זיי וועלן זיך באָדן אין וואוילטאָג און רײַכטום, און וויפיל מדינות ער וועט פאַר זיי אײַנ־נעמען; ווער עס וועט אַלץ נישט זײַן צו זיי אונטערטעניק און וואָס פאַרא ניסים עס וועלן אַלץ נישט געשען אין יענע טעג, ווען דער הימל וועט זיך שפּאַלטן און די ערד וועט ציטערן.

— אָבער ווער וועט דאָס זײַן דער משיח, וועלכער שטייט שוין הינ־טער אײַער טיר און הערט זיך צו צו אײַער געוויין? — א מעכטיקער קעניג אזעלכער, וואָס וועט אָלע אײַערע שפּײַכלערס אָנפּילן מיט תבואות, אָלע אײַערע קריגן מיט אייל און האָניק און וועט יעדן איינעם פון אײַך גערטענער און פעלדער מיט וועלדער פאַרטיילן? יעדע נאַקעטקייט וועט ער באַדעקן, איבער יעדן קאָפּ וועט ער א דאַך אויסשפּרייטן? ווער איז דאָס דער, וואָס איר לייגט אזוי פיל האָפענונגען אויף אים? פונוואַנען וועט ער דאָס אַלץ נעמען, כדי אזוי פיל חלומות וואָר צו מאכן? ע ר וועט דאָס אזוי פיל לענדער אײַננעמען? מיט וואָס פאַר א חייל? ווער וועלן זײַנע פאַרבינדעטע זײַן, כדי אָלע פעלקער פון דער וועלט אונטער זײַנע פיס צו ברענגען? א קעניג אזעלכער א גרויסער וועט ער זײַן?... — האָט זיי געפרעגט דעם כהן גדולס זון מיט שפּאָט און פאראכטונג.

א געלעכטער, מיט א געשפּריץ פון שפּייעכץ פון אָנצייניקע מײַלער האָט זיך געהערט ארום.

— אנישט באדארף ער דען לענדער איינגעמען? די פעלקער וועלן אליין ווערן צו אים אונטערטעניק!

— אז גאָטס אויסדערווײלטער וועט קומען, וועט פון איין ווײַנטרויב אזוי פיל ווײַן זיך גיסן, אז איך וועל מיר קאָנען פון אים אָנצאַפּן גאנצע קריגן און טרינקען, טרינקען, טרינקען אָן אויפהער! — האָט א מאַן מיט פארקלעפּטע אויגן פון ראָפּע מיט א שטום־לאַכנדיקער צורה און מיט אן אָנציינדיקן מויל ארויסגעשפּריצט פון זיך.

— און איך... איך... — האָט א שטאַמלער מיט פארקאַלטנוואטער באָרד פון מיסט און שמוץ ארויסגעקרעקט — איך וועל מיר אין פעלד ארויסגיין, איין זאַנג וועל איך מיר אָפּשנײַדן, און עס וועלן זיך פון איר גאנצע זעק מיט קערנער שיטן און איך וועל האָבן ברויט צו עסן אויף וואָכן, אויף חדשים־לאנג צום ערשטן מאָל צו דער זעט.

— נאַר אײנער, אנישט וועסטו דען באדארפן דיר די קערנער אליין אויסשלאָגן? — דער ווינט וועט שוין פאר דיר דעם ווייץ דרעשן, דו וועסט נישט ברויכן אפילו די תבואה אין דער מיל ארײַנצוברענגען, אזוי ווי עס וואַקסט — וועט עס האָבן דעם טעם פון ברויט! — האָט אן אַנ־דערער פאנטאזירט.

— און איך וועל מיר ליגן א גאנצן טאָג אונטער א טייטלבוים, און דער האָניק יועט טריפן מיר פון די טייטלען גלײַך אין מויל ארײַן — האָט נאָך עמיצער געשטשירעט מיט פרייד, ארויסשטעקנדיק די צונג פון זײַן ברייט־אויפגעשניטן מויל, ווי ער וואָלט שוין איצט געלעקט דעם האָניק.

עס איז דאָרט געזעסן אײַנגעקאָרטשעט אונטער זיך א הויקערדיקע פרוי. זי האָט מיט איר הויקערדיקן קערפּער פארשטעלט די קרומע פיס אונטער זיך און האָט אויסגעקוקט ווי א פירעקיק קלעצל, איר ביינער־דיקער שארפער קאָפּ האָט ארויסגעשטארצט צווישן די שאַרפן פון איר הויקערדיקער ברוסט. זי האָט אויסגעצויגן א קורצן האלדז און מיט א שנאָפּלדיקער שטימע געפּאָנפּעט:

— און איך וועל מיר יעדן טאָג... יעדן טאָג... יעדן טאָג...

— וואָס וועסטו דיר יעדן טאָג? — פרעגן די אנדערע מיט נײַ־געריקייט.

און מיט א קוים־אײַנגעהאלטענער, פון פרייד איבערגעכליפּעטער שטימע, ווי זי וואָלט זיך מיט א זיסן געטראַנק געקרעקט, האָט זי ארויס־געלאכט:

— איך וועל יעדן טאָג א זון געבוירן!...

אָבער דער בלינדער בר־תלמי האָט זיי אָלעמען אײַנגעשטילט. שוין

א לענגערע צייט האָט ער זיי מיט זיינע שאַרנדיקע הענט געוואָלט אָנ־כאַפּן ביי די גאָרגלען און זיי אײַנשטיקן. זיי האָבן נישט באמערקט, נישט געוואָלט זען די רויטע לעכער פון זיינע אויגן, וועלכע האָבן אויסגעדאכט זיך, אז זיי שרייען; זיי האָבן נישט געוואָלט זען זיין צום געוויין אויס־געקרומט פּנים, זיין פון אויפרעגונג פאַרהוסטנדיק קול, אַזוי זיינען זיי געווען פאַרנומען מיט דער פרייד פון זייער שפע, אין וועלכער זיי וועלן זיך באָדן, ווען משיח וועט קומען. ענדליך האָט דער בלינדער איבערגע־שריגן זיי:

— ניין, נישט דאָס, נישט דאָס, נישט בלויז עסן און טרינקען און וואוינען און קינדער האָבן! ניין, נישט דאָס, נישט דאָס! לא בחיל ולא בכוח, כי אם ברוח ה׳ — דער הייליקער גייסט, ווי דער נביא האָט נביי־אות געזאָגט. א צייט פון בלויז גערעכטיקייט, פון לויטער אמת, א צייט פון הערשאפט פון גאָט!...

אָבער איצט איז חנן אומגעדולדיק געוואָרן:

— ווער וועט דאָס זיין דער מאַן, וואָס וועט דאָס וואונדער באשאפן, דאָס וואונדער, פון וועלכן איר חלומט אזוי, וואָס וועט די אלע נויטן זעטיקן? א מאַן, א נייער שלמה המלך, א מלך פון דודס הויז אָדער גאָט אליין וועט אויף דער ערד אראָפּקומען די וואונדער באוויזן? אז שלמה המלך מיט זיין גרויסער חכמה האָט דאָס וואונדער נישט באוויזן, ווי אזוי וועט דעס דער נייער שלמה באוויזן?

— א נייער שלמה? — ציט דער בלינדער פאנאטיקער אין זיין גע־דאנק — אודאי וועט ער זיין פון דודס הויז ווי דער נביא האָט נביאות געזאָגט! אָבער קיין מלך וועט ער נישט זיין, ניין, אויף קיין נייעם שלמה וואַרטן מיר נישט, נישט אויף קיין מלכים וואַרטן מיר! וואָס האָבן מיר, מישטיינס געזאָגט, געהאט פון אונזערע מלכים? זיינען דען נישט מקוים געוואָרן דעם נביא שמואלס רייד, וואָס ער האָט פאראויסגעזאָגט — וואָס די יידישע מלכים וועלן טון מיט אונז: „אייערע קינדער וועט ער נעמען צו שפּאַנען זיינע רייטוועגן און אייערע טעכטער וועט ער קעכינס און דינערינס מאכן!”... עס איז נאָך ערגער געוואָרן! ווי לאַנג האָט דען געדויערט דוד המלכס מלוכה איבער אונז? שוין זיין שלמה האָט אונז אין קנעכט פאַרוואנדלט, ווי זיין שווער פרעה האָט געטון מיט זיין פאָלק, וועמענס טאָכטער ער האָט זיך פאַר א ווייב גענומען. וואָס האָבן מיר געהאט דערפון, וואָס ער האָט א רייכן בית־מקדש פאַר גאָט אויפגע־שטעלט? פון זיין גאָלדענעם מזבח האָבן אַנגסטן פון דעם געפייניקטן פאָלק ארויסגעטריפט. אזוי גרויס ווי ס׳איז געווען דער קופּערנער ים, וואָס די קינדער פון צידון האָבן פאַרן בית־מקדש געגאָסן, אזוי פול איז

ער געוועזן מיט די טרערן פון זײַן פֿאָלק, וואָס ער האָט אין קנעכטשאַפֿט געהאַלטן. ניין, נישט קיין מזבח פון גאָלד און נישט קיין ים פון קופּער פאַרלאַנגט גאָט, נאָר א הארץ פון א געראכטן מענטש און ריינע הענט, וואָס זאָלן נישט אונטערדריקן קיין אלמנות, נישט באַוועלן קיין יתומים. און האָט ער דען נישט, שלמה, דער גרויסער יידישער קעניג, פיל פרעמ־דע ווײַבער זיך גענומען, במות פאר די אומווירדיקע און עקלדיקע געצן פון מואב אויפגעשטעלט, וואָס צוליב אים האָט גאָט דאָס פאָלק פון ישראל צעשפּאָלטן און צעבראָכן אויף שטיקלעך? זיינען זײַנע קינדער אין בעסערע וועגן געגאנגען, האָט דען נישט געזאָגט רחבעם, זײַן זון: „מײַן פאָטער האָט אײַך געשלאָגן מיט ריטער און איך וועל אײַך שלאָגן מיט שטעכיקע דערנער!״ און האָבן דען אונז נישט אלע זייערע קינדער געשלאָגן מיט שטעכיקע דערנער, צו אָפּגעטער געדינט, געטון דאָס שלעכטס אין גאָטס אויגן, ביז גאָט האָט אונז פאראומווירדיקט, אוועק־געוואָרפן, ווי מען ווארפט אוועק אן איידעלן דרור־פלאנץ, וואָס איז ווילד געוואָרן און אנשטאָט שמעקעדיקע בלומען ברענגט עס פון זיך שטעכעכץ ארויס (ווארפט ער מיט פאראכטונג א ביטער קרויט פון זײַן האנט ארויס), ביז גאָט האָט זײַן הויז חרוב געמאכט און אונז מיט שאַנד און פּײַן אין גלות פארטריבן! און זיינען זיי דען שפּעטער בעסער געווען? איין דור האָט קוים געדויערט דאָס געשלעכט פון די חשמונאים, אָדער דאָס אויך נישט, און באלד האָבן זיי אליין אוועקגעשטעלט דאָס אומ־ריינע חזיר אין בית־מקדש, קעגן וועלכן זייער זיידע האָט מיט אזא העלדנמוט געקעמפט. קוקט זיך צו, וואָס עס איז געוואָרן אויס דעם צווייטן אָדער דריטן דור פון די חשמונאים־קעניגן! זיי האָבן מיט זייערע שטענדיקע מחלוקת, נישט־פארגינערײַ אדומען געבראכט אין לאנד ארײַן און א פרעמדן רשע איבער אונז אלס קעניג געזעצט! דאָס זיינען געווען די יידישע קעניגן, וועלכע מיר אליין האָבן איבער זיך געזעצט, ביז מיר האָבן געמוזט בעטן, אז שוין גלײַכער א פרעמדע מאַכט זאָל אי־בער אונז הערשן. אָדער צי איז די הערשאַפט פון די כהנים גדולים בע־סער? קוקט זיך צו, וואָס זיי טוען מיט אונז (איך האָב מיט נײַגעריקייט באַאָבאַכטעט דעם חלף־גלאַנץ אין חננס אויגן; דער בלינדער האָט, זעט זיך אויס, לאנג געווארט אויף דער געלעגנהייט, ער זאָל אים דאָס אין פנים זאָגן)! זיינען די הײַנטיקע בני־חנן בעסער ווי די בני־עלי? שלעפּן זיי דען נישט מיט די גאָפּלען פון גאָטס טאָפּ ארויס? האָט זיך דען נישט געהערט א שטימע די טעג פון בית־מקדש רופן: „בני־עלי לא ידעו את ה׳״...

חנן איז בלייך געוואָרן:

— וואָס האָט זיך געהערט?

— א בת־קול האָט אויסגערופן אין בית־מקדש, די כהנים ביַי דער עבודה האָבן געהערט און פאַרציילט צווישן פאָלק: „בני עלי לא ידעו את ה׳" — דאָס מיינט מען די בני חנן — האָט איינער פון זיי זיך אָנגערופן.

און אן אנדערער האָט זיך אריַינגעמישט:

— איך האָב געהערט אין בית־מקדש־הויף פון א רבי אויסטיַיטשן אויף די בני־עלי דעם פסוק: „שנות רשעים תקצרנו!"...

האָט א דריטער צוגעגעבן:

— ניין, נישט אויף קיין ניַיעם שלמה, נישט אויף קיין בני־עלי וואַרטן מיר, נאָר אויף דעם מלך המשיח, ווי דער נביא האָט נביאות געזאָגט.

אָבער דער יונגער חנן האָט עס מער נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט מיך אָנגעכאַפּט ביַי דער האַנט און געזאָגט:

— קומט, הגמון, מיר זיינען צווישן רעבעלן!...

ווען מיר זיינען צוריק אהיימגעריטן, האָט ער פון גרויס אויפרעגונג געשוויגן א לאַנגע צייַט. מיר זיינען זיכער געווען, אז זיי האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, ווער מען זיי האָבן פאַר זיך. דער סגי־נהור האָט דאָך דעם כהן גדולס זון אוודאי געמוזט דערקענען לויט זיַין שטימע, ער האָט דאָך מיט אים אָפט דיסקוטירט. חנן האָט געקאָכט אין זיך און אין זיך גע־דריקט. כדי אים ליַיכטער צו מאכן, האָב איך פאַרפירט א געשפּרעך מיט אים:

— וואָס וועסטו אים טון דערפאַר? די צונג אויסשניַידן?

— ליידער האָבן מיר נישט אזעלכע שטראָפן — האָט ער געזאָגט מיט באַדויערן. — צום בעסטן וואָלט איך געלאָזט א לעפל מיט צעלאָזענעם בליַי אין זיַין קעל אריַינגיסן. דאָס איז אייגנטלעך די געזעצלעכע שטראָף פאַר אים, מיר קאָנען אָבער נישט אליין קיין טויט־אורטייל ארויסגעבן. איר האָט פון אונז די רעכט אָפּגענומען, — האָט ער געזאָגט מיט א קרעכץ — אייגנטלעך וואָלט איר אים באַדאַרפט לויט איַיער מנהג אויף א האָלץ קרייציקן.

— ווען ער וואָלט עס געווען געזאָגט אויפן קייסער אָדער אויף אונ־זער רוימישער הערשאַפט, מעגסטו זיכער זיַין, וואָלטן מיר זיך שוין מיט אים אן עצה געגעבן. ער האָט באַליידיקט איַיער רעליגיע און איַיערע קעניגן, עס איז די שענדונג פון איַיער רעליגיע און טעמפּל, — מוז איַיער סנהדרין דעם פּסק־דין ארויסגעבן.

— דאָס איז די צרה מיט אונז, אין אונזער סנהדרין האָבן זיך ליידער

אַרײַנגעכאַפּט אַ סך פֿון די פּרושים. וואָס מיינסטו וועלן זיי אים טון דערפֿאַר, וואָס ער האָט דאָס אַנדענקען פֿון אונזערע קעניגן און אונזערע כהנים באַליידיקט? זיי וועלן אים נײַן און דרײַסיק מלקות געבן. איז אַ וואונדער, וואָס עס מערן זיך בײַ אונז רעבעלן און אויפֿשטענדלער?

— איז טאַקע שלעכט! איך האָב לעצטנס דעם פּראָקוראַטאָר באַריכטעט וועגן דער לײַכטקייט פֿון אײַער שטראָף.

— אָך, לאָז מיך נאָר איינמאָל קומען צו דער מאַכט — קרעכצט דער יונגערמאַן — וועל איך שוין וויסן, וואָס מיט אַזעלכע צו טון!

דערווײַל זײַנען מיר אָנגעקומען צו רײַטן צום טויער פֿון דער שטאָט. אין שטאָט־טויער האָבן מיר צוזאַמען מיט די אַנדערע שטײַער־אויפֿמאָנער מיט די היטערס אויך אָנגעטראָפֿן אויף די שמשים פֿון כהן גדול. מיר האָבן זיי דערקענט אין דעם, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין די הענט די בלײַ־באַשווערטע קאַנטשוקעס. זיי זײַנען געגאַנגען אָנגעטון אין הויכע ווײַסע מיצן מיט טעוועלעך אויף די ברוסטן — די אָפּצייכענונג פֿון כהן גדול. זיי זײַנען דעם באַליבטן זון פֿון כהן גדול אַנטקעגנגעלאָפֿן און געבויגן זיך פֿאַר אים אין ערפֿורכט.

— גייט אַרויף אין דאָרף הינני, אין דעם בשמים־גאָרטן פֿון מרים מאַגדאַלענאַ, דאָרט געפֿינט זיך אַ סגי־נהור, וועלכן מען רופֿט בר־תּלמי, בינדט אים און ברענגט אים פֿאַרן משפּט פֿון כהן גדול, ער איז איינער פֿון די געפֿערלעכסטע טעמפּל־לעסטערער.

די שמשים זײַנען שוין געווען אויף זייער וועג.

עס זעט אויס, אַז חנן האָט בײַם משפּט נישט געקאָנט אַדורכזעצן צו פֿאַרשיקן דעם בלינדן אַלס שקלאַף אין זײַנע אייל־מילן, ווי עס האָט זיך אים געוואָלט. חנן בן חנן האָט מיך גערופֿן בײַצוּוואוינען די עקזעקוציע איבער דעם בלינדן.

— וואָס האָב איך אײַך געזאָגט, מער ווי אויף נײַן און דרײַסיק מלקות וועלן זיי אים נישט פֿאַרמשפּטן. איז אַ וואונדער, וואָס עס מערן זיך בײַ אונז פֿאַרברעכער — האָט ער זיך צו מיר געווענדט, און מיך צוגעפֿירט צו דעם קליינעם בית־דין, וואָס איז געווען בײַם אײַנגאַנג פֿון דעם אינערלעכן הויף פֿון בית־מקדש. די שמשים האָבן נאָר־וואָס אַרויסגעטראָגן דעם בלינדן אייל־מישער און אַוועקגעלייגט אים אויף דער מאַרמאָרנער פּלאַטע, כדי די עקזעקוציע פֿון נײַן און דרײַסיק מלקות איבער אים אויסצופֿירן. מיט טאָפּל־געניייטע רימענס אויס אייזל־ און אָקסן־פֿעל האָבן זיי אים אויפֿן נאַקעטן רוקן אַראָפּגעלאָזט די שמיץ. זיי האָבן געקאָנט שמײַסן, די ווײַסע הויך־באַמיצטע כהן גדולס שמשים

מיט די שפּיציקע בערד. און דערבײַ איז איינער פון זיי געשטאַנען און פרום געציילט די שמיץ: „איינס, איינס און איינס, איינס און צוויי...״

פון אונטער די שמיץ האָט זיך קיין זיפץ נישט געהערט פון בלינדן, ער האָט זיך נאָר געקלאַפּט אין הארץ ארײַן און זיך מתודה געווען.

באַלד דערויף איז ער מיט מרים מאַגדאַלענא אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון דער שטאָט. ווי מיר האָבן געהערט, זיינען זיי אוועק קיין גליל, דאָרט האָט געזאָלט א נײַער וויזיאָנער אויפשטיין.

וואָס עס איז דענסטמאָל געוואָרן מיט דעם בלינדן אייל־מישער, ווייס איך נישט. איך האָב געמוזט פאַרלאָזן יהודה אויף א געוויסער צײַט און בין אוועק קיין גליל אין א וויכטיקער שליחות צום טעטראַרך הור־דוס אנטיפּאס. אָבער שפּעטער האָב איך זיך נאָכאמאָל באגעגנט מיט אים, מיט אים און מיט מרים פון מגדל, נאָר אונטער גאנץ אנדערע אומשטענדן שוין...

קאַפּיטל פופצן

בײַם טעטראַרך פון גליל.

באַלד האָב איך געהאט די געלעגנהייט זיך צו באקענען מיטן טעט־ראַרך הורדוס אנטיפּאַס אין זײַן נײַער הויפּט־שטאָט, וואָס ער האָט אויס־געבויט בײַם ברעג פון כנרת, נישט ווײַט פון די וואַרעמע קוואַלן. איך האָב זיך געפונען בײַ הורדוסן אין אן אָפיציעלער שליחות. צווישן דעם פּראָקוראַטאָר פּאָנטיוס פּילאטוס און דעם טעטראַרך האָט נישט גע־הערשט קיין שלום־בית פון ערשטן טאָג אָן. עס האָט זיך געהאנדלט וועגן אן עטיקעט־פראגע: ווער עס האָט וועמען פריער א וויזיט אָפּצור־שטאַטן. דער טעטראַרך האָט זיך באטראכט אלס פּערזענלעכער פרײַנד פון קייסער טיבעריוס, פאר וועמענס כבוד וועגן ער האָט זײַן הויפּט־שטאָט אויפגעבויט (אַלע האָבן זיך געהאלטן פאר פרײַנד פון קייסער און וועגן דעם אפילו אויף די מטבעות געלאָזט אויסקריצן), א חוץ דעם — א הערשער איבער א מדינה, כמעט א קעניג, און אויפן פּראָקוראַטאָר האָט ער אראָפּגעקוקט ווי אויף א רוימישן פונקציאָנאר. פּאָנטיוס פּילאַ־טוס ווידער האָט אים איינפאך איגנאָרירט. איבעריקנס איז הורדוס אנ־טיפּאָס גאָרנישט געווען קיין באליבטער מענטש, אויך דער פּראָקאָנסול פון סיריע, וויטעליוס האָט אים נישט זייער גערן געהאט, און וואָס אָנ־באטרעפט זײַן פרײַנדשאפט מיטן קייסער, איז נאָך אויך געווען א גרויסע

פראַגע; גיכער איז ער געווען א גאַנצער מחותן מיט סעיאַנוס, דעם קייסערס מעכטיקן בעל־יועץ, וועלכן אַלע האָבן געהאַלטן אין איין באַשיטן מיט מתנות און פון וועלכן אַלע האָבן דערוואַרט טובות. דער טעטראַרך איז געווען א כיטרער און אדורכגעטריבענער אַזיאַט. פון אויבנאויף איז קוים געווען צו דערקענען, אַז ער איז א ייד, קיין איין שפור יידישקייט איז נישט געווען אין אים אָנצוזען: דאָס הורדוסישע כאַראַקטעריסטיש ענערגיש געזיכט; דער שטאַרקער שעדל־ביין אונטער זײַן הויט ווי אויס האַרטן שטאָל געגאָסן; קיין סימן פון קיין באָרד נישט; פון זײַן מיט ענערגיע שפּראַצנדיקן פּנים האָט ארויסגעקוקט א דורכדרינגלעכער, אומצוטרויִלעכער בליק, וואָס איז געקומען פון זײַנע שומרונישע שטאָלבליצנדע גרויע אויגן, — אזוי האָט מען געמיינט, מען האָט פאַר זיך א רוימישן חייל־פירער (אַלע האָבן זיי געוואָלט אויסזען ווי עכטע רוימער). זײַנע אָרעמס זיינען געווען שטאַרק מוסקולירט, ער איז געווען א גוטער בויגן־ציער און א גלענצנדער שפּיזן־וואַרפער, אין גײַעג האָט ער זיך וואונדערבאַר אויסגעצייכנט; ער האָט זיך אויך אײַנגעשאַפט גוטע מאַנירן, אפילו גערעדט נישט קיין שלעכטן לאטײַן און גריכיש. נאָר דאָס אַלץ איז בלויז געווען אויבנאויף. זײַן העלעניסטישע קולטור איז אויף אים געהאַנגען, ווי א רוימישע טאָגע אויף א ווילדן גערמאַנישן פירשטלינג.

אזוי ווי ער איז נישט באַשטימט געווען צו ירשענען די קרוין נאָכן פאָטער, האָט אים הורדוס נישט געשיקט שטודירן קיין רוים, ווי ער האָט דאָס געטון מיט די קינדער פון זײַן ווײַב מרים. אָבער נאָכדעם, ווי דער פאָטער האָט געטויט מרימס קינדער פאַר פאַראַט, ווי אויך דעם דריטן זון זײַנעם, וועלכן ער האָט געהאַט באַשטימט פאַרן טרוינפאָלגער — וואָס דאָס האָט געבראַכט דעם קייסער אויגוסטוס צו זאָגן דאָס שיינע וואָרט: — „איך וואָלט ליבער געוואָלט זײַן א חזיר, איידער א זון פון הורדוס‟, — איז אנטיפאַס, וועלכער איז געווען א זון פון א שומרונית, באַשטימט געוואָרן אין הורדוסעס צוואה אַלס קעניג פון גליל און פּערעא. אָבער קייסער אויגוסטוס האָט אים נאָר געגעבן דעם טיטול פון טעטראַרך.

דער גאָט פון טעטראַרך אנטיפּאַס איז געווען, ווי בײַ אַלע זײַנע ברידער, זײַן פאָטער, דער גרויסער הורדוס, און ער האָט אים געפּרוווט אין אַלעם נאָכטון. פּונקט ווי הורדוס האָט ער זיך געהאַלטן פאַר א פרײַנד פון קייסער און סענאַט, און פאַרשאַטן דעם קייזערלעכן הויף און אַלע אײַנפלוסרײַכע סענאַטאָרן מיט טײַערע מתנות, וואָס ער האָט ארויסגעפּרעסט פון זײַן פאָלק. מיר האָבן אָבער זײַן לאָיאַליטעט־פאַרזיכערונג נישט ערנסט גענומען, מיר האָבן אים גוט נאָכשפּיאָנירט און געוואוסט פון די געהיימע פאַרזאַמלונגען, וואָס ווערן בײַ אים אָפּגעהאַלטן מיט די

ארומיקע טעטראַרכן און פּרינצן. מיר האָבן די פאַרזאַמלונגען אָדער „געזעלשאַפטלעכע פאַרווײַלונגען", ווי ער האָט דאָס אָנגערופן, איינפאַך פאַרבאָטן. און ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז אונזער פאַרדאַכט אויפן טעטראַרך געווען נישט אומבאַגרינדעט. א גאַנצן אַרסענאַל פון פּאַנצערס האָט מען בײַ אים געפונען. נאָר דאָס איז א מעשה אויף שפּעטער, איצט האָבן מיר נאָר דאָס איינע געוואוסט: ער קאָן קיין איין טאָג זײַן הערשאַפט אין גליל נישט אָנהאַלטן אָן דער שטיצע פון אונזערע קאָהאָרטעס.

אַזוי ווי זײַן פאָטער, האָט ער אויך געהאַט א מאַניע פון בויען. ער האָט אָבער דאָס בוי־משוגעת נישט געקאָנט אַזוי אויסברייטערן ווי זײַן פאָטער, ווײַל ער האָט נישט געהאַט די מיטלען דערצו. ער האָט פון זײַן פאָלק, די גלילער, אויסגענאָגט יעדן לויט פעטס ביז דעם לעצטן ביין דורך פאַרשידענע שטײַערן, קאָנטריבוציעס און קאָנפיסקאַציעס, וואָס ער האָט אַרויפגעלייגט אויף זיי, כדי צו זײַן ביכולת זײַן בוי־משוגעת צו זעטיקן. דאָך איז א וואונדער, ווי אַזוי ער האָט פון דעם קליינעם לאַנד גליל, וועלכעס איז אפילו רײַך געווען אין פרוכטבאַרער ערד און האָט צוגעשטעלט שפּײַז און פרוכטן פאַר דעם האַלב־ווילדן יהודה, אָבער דאָך קליין אין אומפאַנג, דאָס זעלבע אויך פון דער זאַמדיקער פּעו"עא — געקאָנט אַרויספּאָמפּען אַזוי פיל גאָלד, כדי צו קאָנען אויפבויען כאָטש אַזאַ שטאָט, ווי עס איז געווען זײַן נײַע רעזידענץ טיבעריאַס. דער טעטראַרך האָט מיט עכטער באַרבאַרישער דורכגעטריבענער כיטרעקייט געשפּילט א טאָפּל־שפּיל: פאַר די יידן האָט ער זיך אויסגעגעבן, אַז ער איז א געטרײַער אָנהענגער פון דער יידישער טראַדיציע און אן אייפעריקער אויספירער פון יידישן געזעץ. ער האָט, צום בײַשפּיל, נישט געלאָזט אויספּרעגן אויף זײַנע מטבעות קיין געשטאַלט פון א מענטש אָדער א חיה, נאָר ווי זײַן פאָטער הורדוס האָט ער זײַנע מטבעות בלויז באַצירט מיט צייכענונגען, וואָס סימבאָליזירן די פרוכטבאַרקייט פון זײַן לאַנד, ווי קאָרן־זאַנגען און איילבירטן־ביימער, כדי צו געפעלן ווערן אין די אויגן פון די יידישע געזעצגעבער. ער פלעגט אויך אויף די ימים־טובים אָפט באַזוכן ירושלים לויט דעם יידישן מנהג, געווען אן אָפּטער גאַסט אין בית־מקדש און געזעטיקט דעם מזבח מיט די פעטסטע שעפּסן און רינדער. אויך אין געזעץ האָט ער געהאַלטן נישט מיט די אויפגעקלערטע און ציוויליזירטע צדוקים, נאָר מיט די רעאַקציאָנערע פאַנאַטיקער און די געזעץ־אויסטײַטשער. דערפאַר אָבער האָט ער בײַ זיך אינדערהיים, אין זײַן נײַער הויפּט־שטאָט, געפירט א לעבן פון אן עכטן הייד. קודם כל, כדי צו האַלטן די יידעלעך ווײַט פון זיך,

אַז זיי זאָלן זיך אים נישט אַרײַנמישן אין פּריוואַטן לעבן, האָט ער געלאָזט אויפֿבויען זײַן נײַע הויפּטשטאָט אויף אַן אַלטן בית הקברות, כּדי די ייִדן זאָלן לויט זייערע געזעצן דערקלערן דאָס אָרט פֿאַר אומריין און זאָלן זיך נישט וועלן באַזעצן אין דער דאָזיקער שטאָט. ער האָט באַצויגן אָרעמע גריכן, אַשקאַלאָנער, פֿעניציער פֿון טירא און עכּו, מען זאָגט אַפֿילו, אַז ער האָט בעטלערס און אַנטלאָפֿענע שקלאַפֿן צונויפֿגעשלעפּט אין זײַן הויפּטשטאָט דערפֿאַר, ווײַל זײַנע ייִדישע אונטערטאַנען האָבן נישט געוואָלט דאָס אָרט באַטרעטן. ער האָט אַפֿילו געבראַנגט קאָלאָניסטן פֿון ציפּערן און סיריע און האָט זיי באַשאָנקען מיט בוי־פּלעצער און אַליין אויפֿגעבויט פֿאַר זיי הײַזער, שווים־בעדער, גימנאַזיומס, טעאַטערן, פֿאַר וועלכע ער האָט אַראָפּגעבראַכט שוישפּילער און גלאַדיאַטאָרן פֿון אַנטיאָכיע. ער האָט אַפֿילו אָלימפּישע שפּילן אײַנגעאָרדנט, פֿאַר וועלכע ער האָט הויכע פּרײַזן אויסגעשטעלט, כּדי עס זאָל זיך לוינען די וועט־לויפֿער צו קומען צו אים אַזש פֿון אַלעקסאַנדריע, פֿון אַטען און פֿון אַנדערע גריכישע שטעט, — אַזוי ווי זײַן פֿאָטער, דער גרויסער הורדוס, האָט זיך געפֿירט. שוין אָפּגערעדט פֿון דעם באַרימטן טעמפּל אויס ווײַסן מאַרמאָר און מיט רײַכע קאָלומנעס, וואָס ער האָט מיט אַזאַ פּראַכט לכּבֿוד דעם קייסער אויפֿגעשטעלט אין זײַן נײַער הויפּטשטאָט. אויף אַלעס האָבן די אָרעמע ייִדעלעך געמוזט זייער געלט געבן!

איך האָב אויך, פֿאַרשטייט זיך, די ערע געהאַט צו באַקענען זיך מיט דער דאַמע פֿון הויז, הורודיה. דאָס איז געווען אַ העכסט געבילדעטע און גוט דערצויגענע מטרונותא. הורדוס אַנטיפּאַס האָט זי צוגענומען פֿון זײַן ברודער, בײַ וועלכן ער האָט זי באַגעגנט אויף זײַן וועג קיין רוים. די דאַמע איז געווען אַמביציעז, געהאַט גרויסע באַקאַנטשאַפֿט אין רוים און האָט פֿאַרן טעטראַרך געשטרעבט אַרויסצובאַקומען דעם קעניג טיטול און צו פֿאַרגרעסערן זײַן טעריטאָריע אויפֿן חשבון פֿון זײַנע ברידער.

זי האָט זיך מיט איר ברודער אַגריפּאַ דערצויגן אויפֿן הויף בײַם קייסער אויגוסטוס, און דערפֿאַר איז זי געווען אויסגעקאָכט אין אַלע אינטריגעס פֿון דער הויכער געזעלשאַפֿט אין רוים, פֿאַרמאָגט פֿרײַנד אין די העכסטע ספֿערן. זי איז געשטאַנען אין שטענדיקער קאָרעספּאָנדענץ מיט די אײַנפֿלוסרײַכסטע פּערזענלעכקייטן פֿון דער הויפּטשטאָט, מיט דער קייסערין, ווי אויך מיט דער טאָכטער פֿון גערמאַניקוס, אַגריפּינאַ, וועלכע האָט אָנגעהויבן אַ גרויסע ראָלע צו שפּילן אין די רעגירונגס־קרייזן. זי האָט דאָס אײַנגעפֿירט אין דעם הויף פֿון טעטראַרך די העלעניסטישע קולטור, אַרומגערינגלט זיך מיט גריכישע פֿילאָזאָפֿן, מיט רוימישע שוישפּילער, טענצערינס, מיט דעם גאַנצן פּראַכט און

גלאַנץ, וואָס עס געהער צו א גרויסן קעניגלעכן הויף. זי האָט אראָפּגע־בראַכט אין טעטראַרכס הויף אריַין דעם ברודער פון ניקאָלאַאָס פון דמשק, פּטאָלאָמעאוס, וועלכער האָט געפירט פאַרן טעטראַרך די מלוכה־געשעפטן, געשריבן פאַר אים די רעדעס, וואָס אים איז אויסגעקומען צו האלטן ביַי פאַרשידענע געלעגנהייטן, ער האָט געפירט אויך פאַר אים די קאָרעספּאָנדענץ מיט רוים. דורך דעם טעטראַרכס געביט זיינען אָפט אדורכגעגאנגען רוימישע חייל־פירער, הויכע באַאַמטע זיינען גע־קומען אויפמאָנען די שטיַיערן, — זיינען זיי אַלע אין טעטראַרכס הויף אויפגענומען געוואָרן מיט די פריַינדלעכסטע פּנימער און מיט אָפענע אָרעמס. מען האָט געגעבן פאַרוויַילונגען אין די טעאַטערן, אין די צירקן פאַר זייער כבוד וועגן און מ׳האָט געבראַכט קרבנות אין די טעמפּלען לכבוד דעם קייסער. די רוימישע אַרמיי־פירער אָדער די באַאַמטע פון שטאָטהאַלטער האָבן געקאָנט צו וויסן געבן אין רוים און יעדן איינעם וועמען מ׳האָט באַדאַרפט — וועגן דעם גריכיש־רוימישן קולטור־ווינקל, וואָס דער טעטראַרך האָט געשאַפן ווי אַן אינזל אין דער וויסטעניש פון יידישער באַרבאַריַי, וועגן דער רוימישער פריַינדשאַפט און ליבע, וואָס מען פילט אין דעם ים פון פון פיַינטשאַפט און פרעמדקייט אויף דער אומרואיקער יידישער, גלילער ערד...

אויך מיך האָט מען ביַים טעטראַרך אַלס פאַרטרעטער פון פּראָקו־ראטאָר פון יהודה אויפגענומען מיט ברייטע אָרעמס. די טעטראַרכין האָט מיר איר הויז היימיש געמאַכט פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס איך האָב באַטרעטן די שוועל פון איר הערלעכער זיַילן־האַליע. זי האָט מיך אונטערן אָרעם גענומען און געפירט מיר וויַיזן די פּראַכטפולע גערטענער, וועלכע האָבן זיך אריַינגעשוואָנקען אין דעם ראַנד פון דער רואיקער, ווי גלאָז געשליפענער כנרת־אָזערע, די שיינע וואַסער־רע־זערוואָרן איַינגעזעצט ווי יווועלן צווישן עקזאָטישע בלומען און פלאַנ־צונגען, צווישן וועלכע אויסטערלישע פייגל זיינען ארומגעפלויגן. אנומלט, ווען איך האָב מיט איר שפּאַצירט אין דער פּראַכטפולער אַלעע פון יריחו־פּאַלמען, וואָס האָט באַוואַכט דעם ברעג פון דער אָזערע אין איר גאָרטן, האָט זי מיר געזאָגט אין בעסטן רוימישן לאַטיַין:

— לײדער זיינען מיר צו וויַיט פון רוים, צו וויַיט פון זיַינע קולטור־אוצרות. אָבער מיר טוען אַלץ, כדי אויפצוהאַלטן ביַים ראַנד פון דער מדבר דעם גייסט פון רוימישן געניוס, וועלכער איז דער איינציקער ליכט־ און פרייד־ברענגער פאַר די מענטשן.

זי האָט מיר אויך פאָרגעשטעלט איר טעכטערל שלומית, א קינד פון איר ערשטן מאַן, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט אין הויף פון טעטראַרך.

דאָס פֿריילין האָט דענסטמאָל געקאָנט אַלט זײַן נישט מער ווי א נײַן־צען יאָר. איר שפּילערישע געקרײַזלטע לאָקן־כוואַליע האָט זיך ווילד גע־גאָסן איבער אירע באַוועגלעכע, ציטערדיקע יונגע נאָקן און פּלייצעס. צווישן די האָר־שפּאַלטן האָבן ארויסגעקוקט א פּאָר אומרואיקע שוואַרץ־גלאַנציקע קירשן־אויגן. איר קערפּער איז געווען ווי א שלאַנגען־גוף בויגזאַם, באַוועגלעך און עלאַסטיש, און זי האָט מער אויסגעזען ווי א גוט־געפּלעגטער יִינגלינג. איר קערפּער איז געווען ווי א סטרונע אָנגע־צויגן פֿון א שטאַרקן אָרעם אויף א פֿײַלנבויגן. מיט איין וואָרט — א כאַראַקטעריסטישע אָריענטאַלישע שיינקייט, לײַדער א ביסל יידיש, צו יידיש עקזאַלטירט, מיט נערוועאישער אויפציטערדיקייט. זי האָט גע־האַלטן אין איין קלינגען מיט אירע אומצײַליקע אָרנאַמענטן, וואָס האָבן לויטן אראַבישן אָרט אירע האָר־פלעכטן אראָפּגעשווערט, אויך זײַנען פֿיל אָרנאַמענטן אויף אירע הענט, האַלדז און פֿיס געהאָנגען.

— זי איז נאָך אביסל ווילד — האָט די מטרונותא פֿאַר מיר פֿאַר־ענטפֿערט די נישט־געשליפֿנקייט פֿון איר טאָכטער — ביז הײַנט האָט זי נאָך אייגנטלעך קיין אָנשטענדיקע דערציאונג נישט גענאָסן, מיר האָבן געוואוינט בײַ איר פֿאָטער אינדערמיט פֿון דער וויסטע, איז זי מיר גע־וואַקסן ווילד ווי א יונג סאַרנעלע — האָט זי די טאָכטער געגלעט איבער איר געקרײַזלטן קאָפּ און געשפּילט זיך מיט אירע לאָקן, — אָבער איצט וועט אַנדערש ווערן — האָט זיך די מוטער געטרייסט — איצט האָבן מיר פֿאַר איר געקויפֿט א גריכישן דערציער אויפֿן אשקאַלאָנער שקלאַפֿן־מאַרק, א העכסט אויסגעבילדעטן מענטש אין אַלע וויסנשאַפֿטן, מיט די בעסטע גריכישע מאַנירן. איר דערציאונג וועט שטיין אונטער דער אויפֿ־זיכט פֿון אונזער פֿרײַנד פּטאָלאָמעאוס. דער כיליאַרך האָט זיך דאָך אוודאי באַגעגנט מיט אונזער שטאַט־סעקרעטער — זאָגט זי מיט שטאָלץ — ער איז א ברודער פֿון דעם בארימטן ניקאָלאַאָס פֿון דמשק, וואָס האָט אַזוי אָפֿט פֿאַרטרעטן אונזער גרויסן פֿאָטער הורדוס פֿאַרן קייסער אויגוסטוס. אונטער זײַן געניט אויג וועט מײַן טעכטערל זיך אָנ־נעמען מיט גריכישער קולטור, וואָרום דאָס פֿריילין וועט באַלד באַדאַרפֿן אַרײַנגיין אין דער געזעלשאַפֿט און שפּילן אַ ראָלע אין מלוכהשן לעבן. די קליינע וועט באַלד אליין ווערן א הערשערין, איר פֿעטער פֿיליפּוס, נעמלעך, דער טעטראַרך, שדכנט זיך צו איר. מײַן מאַן און איך גייען גערן אײַן אויפֿן שידוך, און אַלס צוקונפֿטיקע טעטראַרכין באַדאַרפֿסטו, מײַן קינד, וויסן, ווי מיט מענטשן זיך אומצוגיין. — האָט זי פֿאַרענדיקט, וועגדנדיק זיך צום טעכטערל...

פֿאַרשטייט זיך, אז מען האָט זיך דאָרט אין הויף פֿון אַנטיפּאַס

שוין נישט געצערעמאָניעט מיט די יידישע געזעצן: וואָס מען מעג יאָ און וואָס מען טאָר נישט עסן. אין ערשקלאַסיקער אַלעקסאַנדרישער קוכער איז דאָרט געווען. און ערשט די פאַרווײַלונגען בײַם עסן, די שקלאַפן־טענצער און טענצערינס, די מוזיקער! — מען האָט געקאָנט מייבען, אַז מען געפינט זיך נישט בײַ קיין יידישן קעניג אין הויף, אין אַ פאַרוואָרפענער פּראָווינץ צווישן באַרבאַרן, נאָר אין דער בעסטער רוימישער געזעלשאַפט. דערצו נאָך האָט פּטאָלאָמעאוס פון דמשק פאַרשענערט דאָס מאָלצײַט מיט זײַנע פילאָזאָפישע געשפּרעכן און מיט זײַנע סאָפיסטישע אויספירונגען. איך וועל נישט דערפון פיל דערציילן, ווײַל נאָך אַלעם זיינען די אַלע פילאָזאָפישע געשפּרעכן צווישן שקלאַפן־טענץ און ווײַנזויפן לאַנגווײַליק. דאָרט האָב איך אויך געהאַט די געלעגנהייט נאָך אַמאָל זיך צו באַגעגענען מיט דעם שפּעטערדיקן יידישן קעניג און איצטיקן חובות־מאַכער און ווערפל־שפּילער, אַגריפּאַ. ער איז געווען צו גאַסט בײַ זײַן פעטער און שוואָגער הורדוס אַנטיפּאַס, בײַ וועמען ער האָט פאַרנומען אַ גוטע שטעלע, וואָס האָט אַרײַנגעבראַכט גרויסע אײַנקונפטן. ער איז געווען אַן אויפזעער איבער די מערק. אָבער וויפיל דער יידישער אַריסטאָקראַט אַגריפּאַ האָט נישט אויסגעפּרעסט פון די אָרעמע גלילער פערמערס און גערטנער, איז אים אַלץ געווען ווינציק (איבריקנס, וויפיל פלייש האָט געקאָנט זיצן אויף דעם ביין, פון וועלכן עס האָבן שוין אָפּגעגריזשעט די גרויסע, רוים און דער טעטראַרך?). דער יידישער פּרינץ אַגריפּאַ האָט שוין דענסטמאָל געהאַט אַרום זיך אַ גרויסן שטאַב און געלעבט נישט ווי אַ צוקונפטיקער, נאָר ווי אַ איצטיקער הערשער. געוואוינט צו דעם העכסטן לוקסוס פון זײַן דערציאונג אין קייסר אויגוסטוס הויף, האָט ער תמיד זיך געניויטיקט אין געלט. און וויפיל ער האָט נישט קיין חובות געמאַכט, בײַ וועמען עס האָט זיך נאָר געלאָזט — פון זײַנע פרומע לאַנדסלײַט אָן, ביז צו די העכסטע פּערזענלעכקייטן פון דער רוימישער אימפּעריע, וועלכע זיינען אַלע געווען זײַנע פרײַנד, — איז אים אַלץ ווינציק געווען. ער פלעגט אָפט קומען צו זײַן שוואָגער און פעטער, דעם טעטראַרך, פון אים געלט באָרגן (אויף וואָס אַלץ די גלילער פויערים האָבן געמוזט אַרבעטן!).

מיר האָבן זיך אייגנטלעך גוט געקענט, איך האָב זיך שוין געהאַט מיט אַגריפּאַ אייניקע מאָל באַגעגנט בײַ אָפיציעלע פײַערלעכקייטן אין צעזאַריע, אויך אין אַנטיאָכיע. ער האָט מיך אָבער קיינמאָל נישט דערקענט, איך בין געווען, ווײַזט אויס, צו קליין, אַז דער יידישער פּרינץ זאָל מיך באַמערקן. אין נעאַפּאָלוס (אין שומרון), בײַ די פערד־געיעגן אויף דער רוימישער אַרענע, האָב איך געהאַט אַנומלט מיט אים אַ קליינעם

צוזאמענשטויס. דער פּרינץ אגריפּא איז געווען א ליידנשאַפטלעכער שפּילער, און יעדעס מאָל ווען דער פּראָקוראַטאָר האָט אײַנגעאָרדנט א פערד־געיעג, איז דער פּרינץ געווען פון די ערשטע אײַנשטעלער. די הערלעכע אַרענע אויף דעם קאַפּעל פון די שומרונישע בערג איז געווען צו קאָסטבאַר, אז דער פּראָקוראטאָר זאָל זי קאָנען אויסהאַלטן מיט אירע פיל פּאַלאצן, זײַלן־אַלעען און טעמפּלען. ליידער האָט מען שוין בײַ אונזער אדמיניסטראַציע די געביידעס אָנגעהויבן צו פארנאכלעסיקן, אָבער פון צײַט צו צײַט, ווען דער פּראָקוראטאָר האָט געהאַט בכבודיקע געסט פון רוים אָדער פון אנטיאָכיע, האָט ער דאָרט אײַנגעאָרדנט לכבוד זייער באזוך אַטלעטישע שפּילן, פערד־געיעגן און גלאַדיאַטאָרן־קאַמפן. דער פּרינץ אגריפּא, וועלכער האָט זיך געלאַנגווײַלט אין הויף פון זײַן שוואָגער אין טבריה און געפּלאָגט זיך מיט זײַן קעניגלעכן אַמט, וואָס ער האָט פארנומען בײַ אים, האָט געזוכט יעדע געלעגנהייט וואָס האָט זיך נאָר געמאכט, כדי זיך צונויפצוקומען מיט די רוימער.

צווישן די רײַט־וואָגן־טרײַבער, וועלכע האָבן זיך געזאָלט יאָגן אויף דער אַרענע, האָבן זיך אויך געפונען די קינדער פון עלטסטן כהן גדול, מײַן פרײַנד טעאָפילוס, וועלכער איז געווען א געשולטער וואָגן־לענקער און זײַן ברודער מתתיהו. איך האָב געשטעלט אויף מײַן פרײַנד טעאָפילוס, און דער פּרינץ אגריפּא — אויף זײַן ברודער מתתיהו, וועלכן ער האָט פּאַוואָריזירט און איז געווען מיט אים אין פרײַנדלעכע באַציאונגען. מיר זיינען ביידע געשטאנען בײַ אונזערע פּאַוואָריטן, באטראכט די אומגעדולדיקע ראַסיקע פערד און צוגעגעבן מוט די וואָגן־לענקערס אין אייפער פון געוועט. כדי מער קוראזש צו וועקן בײַ זײַן פרײַנד, האָט דער יידישער פּרינץ ארויפגעיאָגט דאָס געוועט אויף א הויכע גאָלד־סומע. איך, וואָס כ׳בין זיכער געווען אין זיג פון מײַן פרײַנד טעאָפילוס, וועמענס מוסקול־שטארקייט איך האָב גוט געקענט, אָבער כ׳בין גאָרנישט זיכער געווען אין דער גרויסער סומע, וואָס דער יידישער פּרינץ האָט אזוי פארשווענדעריש ארײַנגעוואָרפן אין דעם געוועט, האָב פארלאנגט, אָנשטאָט א וואָרט, באַרעס געלט. דער פּרינץ האָט זיך באלייdיקט. איך האָב געוואוסט, אז איך האָב אים אָנגערירט אין א שוואַכן פונקט. ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט א פאראַכטנדיקן בליק, וואָס האָט געזאָלט זאָגן: „ווער איז דאָס דער, וואָס וואַגט צו צווייפלען אין מײַן וואָרט?” און ער האָט געמאכט א באמערקונג צו א נעבנשטייענדיקן פרײַנד:

— מען ווייסט שוין נישט מער הײַנט, מיט וועמען מען קומט זיך צונויף אין דער העכערער געזעלשאַפט; אמאָל איז עס אַנדערש געווען, מען האָט יעדן איינעם, וואָס האָט געהאַט א צוטריט צו דער געזעלשאַפט, געקענט!

איך בין אים, פארשטייט זיך, נישט שולדיק געבליבן קיין ענט־פער און האָב אים צוריקגעזאָגט:

— אמאָל האָבן די פּרינצן פון הויז הורדוס געדעגנט מיט גאָלד, היינט רעגענען זיי מיט נישט־קוראַנטע וועקסלען!...

עס איז געוואָרן צווישן אונז א געשפּאַנטע שטימונג. דער פּרינץ האָט זיך אָפּגעזאָגט פון געוועט. פון דענסטמאָל אָן האָט ער געטראָגן א בייז האַרץ אויף מיר.

זעלבסטפארשטעדלעך, האָט ער מיר דאָסמאָל, אין טיבעריאַס, גאָר־נישט דערקענט. „גאָרנישט געוואוסט, אז עס געפינט זיך א כיליאַרך אין ירושלים!" — האָט ער אָפּגעענטפערט זיין שוועסטער, דער טעט־ראַרכין, ווען זי האָט מיך פאר אים פאָרגעשטעלט, און ער האָט געמאכט א דערשטוינט פארלאַנגווייליקט געזיכט, ארויסגענומען זיין שמאַראַגד, צוגעלייגט צום אויג און מיך באטראכט. איך האָב אים דערויף אָפּגע־ענטפערט: „איך האָב שוין געהאט דאָס פארגעניגן איידער צו קענען־לערנען אויפן פערד־געיעג אויף דער אַרענע פון נעאַפּאָלוס". ער האָט זיך קוים דערמאָנט. די שוועסטער אָבער, וועלכע איז געווען א וואויל־דערצויגענע דאַמע און געוואוסט צו מאנעווורירן אין דער געזעלשאפט, האָט אויך דאָס מאָל פארגלעט די זאַך:

— אגריפּאַ, דאָס איז דער הויפּטמאַן קאָרנעליוס, דער פארטרוי־אונגס־מאַן פון פּאָנטיוס פּילאַטוס!

איבריקנס, האָט מען אים נישט גערן געהאט, דעם פּרינץ. ער האָט דעם טעטראַרך באהאנדלט נישט ווי א קעניגלעכע פערזאָן, נאָר ווי ער וואָלט געווען עפּעס מינדערוועדטיקס. דער אייגציקער עלטערער מענ־לעכער יורש פון דער גרויסער יחסנישער חשמונאים־משפּחה פון וועלכער ער האָט געשטאַמט פון זיין באָבעס צד, דער טראַגיש־אומגעקומענער מרים; דער יוגנט־פריינד פון קייסער טיבעריוסעס אייגציקן זון, וועל־כער איז יונג געשטאָרבן, און דער פריינד פון זיינע פעטערס, גערמאַני־קוס קינדער, קאַליגולאַ און קלאַודיוס — האָט ער, פארשטענדלעך, גע־האַלטן פון זיך זייער פיל און אַראָפּגעקוקט אויפן טעטראַרך מיט פאר־אַכטונג. יעדעס מאָל, ווען ער האָט דערמאָנט רוים, האָט ער נישט פארגעסן צוצולייגן: „מיין פריינד קאַליגולאַ", „מיין פריינד קלאַודיוס" און מער נאָך ווי קלאָר געגעבן צו אָנצוגעהערן — מיט א מינע, פאר־שטייט זיך — אז דער קייסער טיבעריוס לעבט צו לאַנג, אז עס איז צייט, די רוימישע הערשאפט זאָל צופאַלן איינעם פון זיינע פריינד, דענסטמאָל וועלן זיך פאר אים אויך אָנהייבן אנדערע צייטן.

איך האָב אים פיינד געהאט דעם יידישן אריסטאָקראַט, וועלכער

רימט זיך מיט זײַנע באַקאַנטשאַפטן אין דער העכסטער רוימישער געזעלשאַפט און װעלכער איז געװען אױסגעקאָכט אין דער רוימישער פּאָליטיק און געהאַלטן אין אײן אינטריגירן מיט די הױפּלײַט. ער האָט געהאַלטן אין אײן פּאַרזעצן זײַן פרײַנדשאַפט מיט צוקונפטיקע קסרים און זײַן אױסזיכט צו װערן קעניג פון יהודה און אפשר איבער גאַנץ ארץ ישראל. אױסגעזען האָט ער שױן אינגאַנצן װי אַ רוימער, קײן סימן פון אַ באָרד נישט געטראָגן, געגאָלט די װאָנסעס, מיט אַ רונדיק פלײשיק פּנים איז ער געזעסן, דער ייִדישער אַדלמאַן און געשפּילט זיך, לױט דעם פאַסאָן פון די רוימישע אַריסטאָקראַטן, מיט אַ געשליפענעם שמאַראַגד, װעלכן ער פלעגט פון צײַט צו צײַט צוטראָגן צו אײנעם פון זײַנע אױגן און באַטראַכטן זײַן אומגעבונג מיט פאַרלאַנגװײַלטער, גלײַכגילטיקער מינע. מיר האָט ער צומאָל קײן בליק נישט געשאָנקען, װי איך װאָלט גאָרנישט פאַר אים עקזיסטירט, דאָס זעלבע אױך די אַנדערע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. ער האָט זיך געהאַלטן פונדערװײַטנס פון אַלע, פאַרלאָזט דאָס מאָלצײַט אינמיטן דערינען און אַװעקגעגאַנגען פון באַנקעט. פאַרשטײט זיך, אַז איך האָב זיך גוט אונטערן אױער פאַרשריבן זײַנע באַמערקונגען װעגן קײסערס לאַנג לעבן און לאַנגער הערשאַפט, און געלאָזט װיסן שפּעטער װעמען מען באַדאַרף. נײן, איך האָב אים נישט ליב געהאַט, אָבער ייִדישן קעניג אַגריפּאַ דעם ערשטן. דערפאַר זײַן שװעסטער הורודיה — אַלע מײַנע ערן! װאָס פאַראַ אינטעליגענטע רײצנדיקע פּערזאָן! זי האָט געהאַלטן מיך אין אײן אַמוזירן, אין אײן איבערבעטן פאַר איר ברודערס האַלטונג. „איר װײסט דאָך — געװאױנט צו רוימס לוקסוס, װאָס קאָן ער דאָ טון בײַ אונדז אין דער פאַרװאָרפענער פּראָװינץ? איז ער פאַרלאַנגװײַליקט און איריטירט” — האָט זי געהאַלטן אין אײן פאַרענטפערן און פאַרגלעטן די טאַקטישע פעלערן פון איר ברודער.

איבעריקנס האָב איך געהאַט דעם כבוד אײַנגעלאַדן צו װערן צו פאַרברענגען מיטן טעטראַרך און זײַן פאַמיליע אױף זײַן פעסטונג־שלאָס מכוור, װאָס ער האָט געהאַט אױף יענער זײַט ים המלח, אין זײַן פּראָװינץ פּערעאַ. ער האָט זיך געקליבן דאָ צו פײַערן דעם יום־טוב פון זײַן געבורטס־טאָג אין דעם ענגן קרײַז פון זײַנע פאַמיליע־מיטגלידער און נאָענטע פרײַנד, צו װעלכע איך האָב געהאַט די ערע געצײלט צו װערן.

מכוור איז געלעגן אױף אַ הױכן באַרג און האָט מיט איר מעכטיקער הײך אַראָפּגעקוקט אױף דער װײַטער װיסטע, װאָס האָט מיט אירע זאַמד־כװאַליעס זיך אָנגעשלאָגן אין די מױערן פון דער פעסטונג. מכוור איז געשטאַנען האַרט בײַ דער גרענעץ פון אַראַביע, װאו עס איז געלעגן

די טעריטאָריע פון טעטראַרכס פריערדיקן שווער און איצטיקן שונא, דער אראבישער קעניג. א שונא איז ער אים געוואָרן צוליב דעם, וואָס ער האָט זײַן ערשטע פרוי, די טאָכטער פון אַראַבישן קעניג, אויסגע־טוישט אויף דער הורודיה. עס איז געווען שווער ארויפצוקומען צו דער פעסטונג, מיר האָבן זיך אויף אונזער רײַך־באפוצטן, מיטן גאנצן קאָמ־פאָרט און באקוועמלעכקייט אויסגעשטאַטעטן קאַראַוואַן פון קעמלען, אייזלען און מולען, געשלעפּט א גאנצן טאָג אויף דעם שווער־באשטײַ־גנדיקן בארג, וואָס איז באשטאנען נישט אויס זאַמד, נאָר אויס צוזאמענ־געברענטע שטיינער. ווי א לאַווע פון א פײַערשפּײַענדיקן באַרג וואָלט אדורכגעגאנגען די גאנצע געגנט און אָפּגעלעקט יעדעס גרעזל און יעדע שפּראָצונג, נאָר וואו נישט וואו האָט אן אָרעמער קאַקטוס זײַן שטעכע־דיק לעבן געפירט צווישן די שטיינער. דאָס אָרט האָבן טאקע די יידן גערופן סדום, און לויט זייער טראדיציע איז עס אמאָל געווען א פרוכט־בארע געגנט, נאָר גאָט האָט פארשאָלטן דאָס לאַנד איבער די זינד פון אירע אײַנוואוינער און פארוואנדלט עס אין פארברענטע שטיינער און אין אַשיק זאַמד. אויף אָט דעם שפּיץ באַרג איז געשטאנען די פעסטונג אויס געהאקטן שטיין און באהערשט די גאנצע מדבר ארום. פון דער ווײַטנס האָט מען געזען דעם שטרייף פון דערפרישנדיקן גרינס פון די פּעטע טייטל־ביימער, איילבירטן און ווײַנגערטנער פון יריחו, וועלכע האָבן ארומגענומען איין זײַט פון ים המלח און פארלוירן זיך מיט דער לעגנ פון ירדן אין דעם ירדן־טאָל ארײַן. אָבער דער גאנצער ים המלח איז געזעסן אײַנגעגראָבן, ווי א פינקלדיק אויג אין א וויסט פּנים פאר־זעצט, אין דעם ראַנד פון דעם מדבר ארום. דאָרט אויבן אויף דער פעס־טונג האָט דער יידישער טעטראַרך אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם ארויפ־געצוואונגענעם מאנטל פון רוימישער קולטור, מיט וועלכן זײַן ווײַב האָט אים געהאַלטן אײַנגעצוימט אין זײַן הויפּטשטאָט, אין טבריה. דאָ האָט ער זיך אויפגעפירט ווי אן אמתער אַזיאַטישער טיראַן אין זײַן גאַנ־צער אומגעצוימטער נאַטור. ער האָט דאָ געהאַט זײַן אַראַבישן האַרעם מיט אָן א שיעור קעבס־ווײַבער, מיט אומציילִיקע שקלאַפן און שקלאַפינס, וואָס זײַנען אראביש ווײַב, די טאָכטער פון אראבישן קעניג, האָט אים באַ־שאָנקען צו זייער חתונה. ער האָט דאָ געפירט אן עכט ווילד לעבן און נישט זשענירט זיך פאר זײַן קולטורעל ווײַב און פאר זײַנע געסט. „ער באַדאַרף זיך אויסלעבן...״ — האָט די קלוגע הורודיה מיט איר וועלט־פארשטענדעניש אויפגעקלערט און א גוט־הארציקן שמייכל געטון. „ווען ער איז א פּאָר חדשים דאָרט אונטן אין פּאַלאַץ צווישן ציוויליזירטע מענטשן, אין א קולטורעלער אטמאָספערע, ווערט אים ענג און ער מוז

ארויפקומען אויף א פּאָר טעג אין זײַן באַרבאַרישן שלאָס אַלע שטריק אויפצולאָזן, דאָ קאָן ער האָבן אזוי פיל קעבסווײַבער, וויפיל ער וויל נאָר, דאַן ווערט ער ווידער געלאַסן, אײַנגעשטילט און פּעאיק צווישן מענשן זיך צו געפינען״

אין דעם געפענגעניש־קעלער פון דער פעסטונג האָט מען דענסטמאָל געהאלטן א פּאָליטישן געפאנגענעם. אייגנטלעך האָט מען אים דאָרט געהאלטן פאר מאַיעסטעט־באַליידיקונג, אָבער די נאטור פון זײַן פאַרברעכן איז געווען א פיל שווערערע און געפערלעכער ווי א געוויינלעכע מאַיעסטעט־באַליידיקונג, וואָרום דער מאן האָט געהאט א גרויסע אָנהענגערשאפט און איז געווען זייער באַליבט בײַ די נאַיִווע און אומוויסנדע מאסן, וועלכע האָבן אים באטראכט פאר א נביא. דאָס איז געווען דער אָנפירער פון יענע משוגענע און פאנאטישע עסייער, ווי האָט ער דאָס געהייסן? יאָ, יוחנן המטביל האָבן זיי אים גערופן. דאָס איז טאקע געווען אָט דער פאנאטישער וויסטליִנג, וועלכער האָט געוואַגט צו קומען פאַרן טעטראַרך און אים זידלען און שעלטן דערפאַר, ווײַל ער האָט צוגענומען בײַ זײַן ברודער די פרוי; די ערנווירדיגע דאַמע האָט ער אָנגערופן מיט אָרדינערע נעמען און פאַרגליכן זי מיט אַן אויסגעלאַסענער קעניגין, וואָס די יידן האָבן אַמאָל געהאט און אויף וועלכער זייערס א נביא האָט א שלעכטן סוף אָנגעזאָגט, און עס האָט טאקע געזאָלט מקוים ווערן. אויפן באַפעל פון טעטראַרך האָט מען אים געפאנגען גענומען אין דער וויסטע, לעבן יריחו, וואו דער ירדן גיסט זיך אין ים המלח ארײַן. דאָרט האָט ער זײַן קוואַרטיר געהאַט און דאָרט האָט ער דאָס פאָלק גערופן צו זיך. מען האָט אים אין קייטן געשמידט און געבראַכט אויף דער פעסטונג, וואו מען האָט אים געהאַלטן אין דעם פעסטונגס־קעלער. ווי יעדער טיראַן, איז אויך דער טעטראַרך געווען אַבערגלויביש, ער האָט מורא געהאט זיך צו באגיין שלעכט קעגן דעם מאַן, וועלכן דאָס פאָלק האָט צוגעשריבן א נביאישע קראפט. כדי אים אומשעדלעך צו מאכן, האָט ער אים געהאלטן געפאנגען אין דער ווײַטער, וויסט־ליגנדיקער פעסטונג און נישט געאײַלט זיך אויסצופירן איבער אים די עקזעקוציע. ער האָט אפילו צוגעלאָזט צו אים אין דער פעסטונג זײַנע תלמידים, מיט וועלכע יוחנן האָט ווײַטער געלערנט זײַן פאנאטישע לערע. און ווי איך בין געוואָר געוואָרן, האָט יוחנן אפילו פון דער תפיסה ארויס ארויסגעשיקט שלוחים צו פרעדיקן זײַן געפערלעכע לערע. ער האָט געהאט אין דער תפיסה אַלע פרײַהייטן, ווײַל דער טעטראַרך האָט מורא געהאט פאר דעם פאנאטיקער, וועלכן ער האָט געהאלטן פאר א נביא.

די טעטראַרכין האָט אין דער האנדלונג פון איר מאַן געזען גרינג־

שעצונג צו איר פּערזאָן, א דערנידעריקונג פון איר כבוד, און פון שטאנד־פּונקט פון רעגירונגס־אינטערעס באטראכט דעם טעטראַרכס שוואכקייט פאר זייער געפערלעך, ווארום די לאנג־אָפּגעצויגענע שטראָף פון דעם מאַיעסטעט־לעסטערער קאָן ארויסרופן בײַם פאָלק נאָכמאַכערס, און וואָס נאָך ערגער — א גרינגשעצונג פאר די רעגירנדיקע פּערזענ־לעכקייטן און פארן גאנצן הערשער־סיסטעם, א מאָטיוו, צו וועלכן איך האָב אינגאנצן צוגעשטימט. איך האָב דאָס שפּעטער קלאָר פאָרגעלייגט פארן טעטראַרך, אים אויך קלאָר געמאכט דעם שטאנדפּונקט פון רוים אין דעם ענין. איך האָב צו אים געזאָגט: „ווען אפילו דער ענין איז א ריין לאָקאלער און ליגט אין דער יורידיקציע פון טעטראַרך, מוזן מיר אָבער פון רוימישן שטאנדפּונקט עס באטראכטן פאר א געפאַר פאר דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, אויב פארברעכער בלײַבן אומבאשטראָפט, מעג עס זײַן צוליב וואָסער ס׳איז נישט מאָטיוו״. און איך האָב פאר־לאנגט פון טעטראַרך א שנעלע אויספירונג פון דער עקזעקוציע פון אזא געפערלעכן פארברעכער, ווי דער דער יוחנן המטביל איז געווען. רוים קאָן נישט צולאָזן קיין פארנאכלעסיקונג אין די געזעצן, — האָב איך דעם יידישן פירשט קלאָר געמאכט — דאָס קאָן עלול זײַן צו שטערן די עפנטלעכע רו.

די טעטראַרכין האָט מיר הארציק געדאנקט, אויך פּטאָלאָמעאוס, וועלכער איז געווען דער ראָטגעבער פון טעטראַרך, איז מיט מיר געווען איינפארשטאַנדן. אונזערע ווערטער זענען אָבער געפאַלן אויף טויבע אויערן, דער טעטראַרך האָט זיך דוקא דאָ, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין א פארברעך קעגן זײַן געקרוינטער פּערזאָן, אקעגנגעשטעלט ווי אן אײַנגעשפּאַרט אייזל. ער האָט אָנגעגעבן אויסטערלישע מאָטיוון: כדי אויסצומײַדן די אויפרעגונג אין פאָלק, מוז ער די עקזעקוציע אָפּלייגן אויף א געוויסע צײַט, ווען די פּאָפּולאַריטעט פון דעם מאַן וועט דורך זײַן לאנג שווײַגן ווערן אויסגעלאָשן. מיר האָבן אָבער געוואוסט, אז דאָס איז נאָר א תירוץ, אז אינערלעך אין הארץ האָט ער מורא פאר דעם מאַן, וועלכן זײַן אַבערגלויבישע נאטור שרײַבט צו געטלעכע מאכט. ווארום אינדעראמתן איז דער טעטראַרך אין זײַן נאטור געווען דער זעלבער באַרבאַר ווי זײַן פאָלק.

איך בין זייער נײַגעריק געווען צו זען דעם מאַן, פאר וועלכן דער טעטראַרך האָט אזוי מורא. איך האָב געבעטן דעם סעקרעטאר פון טעט־ראַרך, פּטאָלאָמעאוס, וועלכער האָט צוליב זײַן לאנגן ווײַלן אויפן הויף פון גרויסן הורדוס געקאָנט דאָס לשון פון דער באפעלקערונג, אז ער זאָל מיר ווײַזן דעם דאָזיקן מאַן. ער איז געווען אזוי ליבלעך אליין מיך

אראָפּצובאַגלייטן אין די קעלערן פון דער פעסטונג־געפענגניש און צו געבן מיר די נייטיקע אויפקלערונגען און אפילו פאר מיר צו פארטײַטשן אין לאטײַניש די ווערטער פון דעם פאנאטיקער.

מיר האָבן אים געפונען א צוגעקייטלטן מיט איין האַנט צו דער וואַנט; דורך דעם אָפענעם לאָך, וואָס איז געווען אויסגעהאַקט אין זײַן קעלער־תפיסה, האָט ער ארויסגערעדט צו א המון פון זײַנע אָנהענגער, וועלכע האָבן געהאט באלאגערט דאָס תפיסה־לאָך. ער האָט געהאלטן אין איין זשעסטיקולירן מיט דער איינער פרײַער האנט און אין זיי עפּעס ארײַנגערעדט מיט גרויס ענטוזיאַזם. ער האָט אונז אפילו קיין בליק נישט געשאָנקען. ער איז געווען אזוי פארנומען מיט די לײַט אינדרויסן, אז ער האָט אפילו נישט באמערקט אונזער ארײַנקומען.

איך בין דערשטוינט געוואָרן, ווי אזוי מע האלט א פּאָליטישן געפאַנגענעם, און מע לאָזט צו צו אים זײַנע אָנהענגער. איך האָב אָבער פאָרלויפיק געשוויגן, מיך האָט אינטערעסירט דער געפאנגענער פאנאטיקער.

אזוי ווי איך האָב מיר אים פאָרגעשטעלט, אזוי האָט ער טאקע אויסגעזען: פּונקט ווי איינער פון די, וועלכע איך האָב אזוי אָפט געזען אין בית־מקדש־הויף... צוגעשמידט צו דער וואנט פון דער קעלער־תפיסה, איז געשטאנען א הויכער מאן, דין, אויסגעמאָגערט, די ביינער האָבן אים ארויסגעשטאַרט פון דער זון־ און מדבר־אָפּגעברענטער הויט. נאָר ווי דין ער איז נישט געווען, זיינען זײַנע מוסקולן שטארק און ביינערדיק געווען ווי פון א ריז. אויפן באוואקסענעם קאָפּ האָר האָט ער געטראָגן א קעסטעלע פון לעדער, פארבונדן מיט א רצועה, ווי איך האָב אָפט געזען טראָגן ־־י געזעץ־געלערנטע אויף די קעפּ און אויף די הענט, — ווי מען האָט עס מיר דערקלערט, אנטהאלט זיך אין דעם לעדערנעם קעסטעלע די דערקלערונג פון ליבע און באַקענטעניש צו גאָט. ער האָט מיט דער איינער פרײַער האנט אַכטונג געגעבן, אז דאָס לעדערנע קעסטעלע, אָדער ווי זיי האָבן דאָס אָנגערופן „תפילין", זאָל אים נאָר נישט חלילה פון קאָפּ אראָפּפאַלן. זײַן קאָפּ איז געווען באַדעקט מיט א קאַסקאַדע פון ברענענדיקע שווארצע לאָקן, דורך דעם איז דער לעדערנער באנד פון די תפילין צו ענג געווען אויף זײַן קאָפּ. אויף זײַן זאַק־קלייד, וואָס ער האָט געטראָגן, האָט ער, ווי אלע אנדערע יידן, געהאט צוגעבונדן אזעלכע פראַנזלען, „ציצית" האָבן זיי דאָס גערופן. ער איז געשטאנען מיטן פּנים געווענדעט צו דעם איינציקן שטראַל ליכט, וואָס האָט אדורכגעדרונגען דורך דער קליינער שמאָלער עפענונג אין דעם פעסטונג־קעלער. ער האָט געקוקט מיט זײַנע מדברדיקע פײַערדיקע אויגן פון

זײַן אויסגעבליייכטן ביינערדיקן פּנים ארויס, און מיט פאנאטישן פײַער גערעדט צו די יידן, וועלכע האָבן זיך געשטופּט ארום דעם קעלער־לאָך. ער האָט זיך געווענדט צו זיי מיט יענעם עקזאַלטירטן ערנסט, אויף וואָס פאנאטיקער זיינען נאָר פעאיק. ער האָט דעקלאַמירט צו זיי פון זייערע שריפטן א נביאות וועגן דעם דערלייזער, וואָס זיי דערווארטן, אין דעם לשון פון זייער שריפט, אין העברעאיש:

ער איז געוואָרן אויסגעקליבן און באהאלטן מיט גאָט
איידער די וועלט איז באשאפן געוואָרן
און וועט זײַן מיט אים אויף אלע אייביקייטן.
ער וועט משפּטן די באהאלטענע מעשים פון מענטש,
קיינער וועט נישט קאָנען פארלייקענען זיי פאר אים
נאָך זײַן אייגענעם ווילן.

— ער איז נישט קיין שלעכטער רעטאָריקער — רוף איך זיך אָן צו פּטאָלאָמעאוסן — ווען ער וואָלט נישט געווען אזוי געפּערלעך, וואָלט מען זײַן טאלענט געקאָנט אויסנוצן פאר אונזערע טעאַטערן. וואָס זיינען דאָס פארא ווערטער, וואָס ער דעקלאַמירט?

— דאָס זיינען פּסוקים פון דעם ספר „חנוך", — א וויזיאָנער, וואָס האָט געלעבט נאָך אין דער צײַט פון די חשמונאים־קעניגן און נביאות געזאָגט איבער זייער משיח, וואָס באדארף קומען און זיי אויסלייזן. דאָס ספר „חנוך" האָט זיי דעם קאָפּ פארדרייט, און זיי פאנטאזירן וועגן א משיח. הערט זיך צו, וואָס ער זאָגט!

יוחנן האָט זיך אויף אונז גאָרנישט אומגעקוקט, ווי מיר וואָלטן גאָרנישט געווען. ער האָט געהאלטן אין איין רעדן צו די יידן, וועלכע האָבן באלאגערט זײַן תפיסה־לאָך:

אין יענעם טאָג זע איך דעם ברונעם פון גערעכטיקייט,
אלע דורשטיקע טרינקען פון אים.

איידער די זון און די הימל־צייכן זיינען באשאפן געוואָרן,
איידער די שטערן פון הימל זיינען געמאכט געוואָרן,
איז זײַן נאָמען פון דעם האר אויסגערופן געוואָרן,
ער וועט זײַן אן אָנלען־שטעקן פאר אלע גערעכטע,
אז זיי זאָלן זיך אויף אים שטיצן און נישט פאלן.

דער מענטשן־זון, דעם וואָס דו זעסט,
מאכט די קעניגן און די מאכטהאָבער פון זייערע געלעגערס,
און די שטארקע פון זייערע טרוינען אויפהייבן.
ער פארשטויסט די מלכים פון זייערע טרוינען

און פון זייערע מדינות,
פינצטער וועט זײַן זייער וואוינונג
און מיט ווערעם זייערע כלה־בעטן.

— אָבער דאָס איז דאָך מאַיעסטעט־באַליידיקונג אין העכסטן גראַד, די ווערטער זיינען דאָך קעגן דעם קייסער געריכטעט, קעגן סענאַט, קעגן דער רוימישער וועלט־הערשאַפט, און דאָס לאָזט איר עפנטלעך פּרעדיקן! — זאָג איך אַן עמפּערטער.

— דערפאַר טאַקע האָט מען אים דאָ אַרײַנגעזעצט!

— אָבער אַזוי האַלט איר אײַערע פּאָליטישע געפאַנגענע! איר לאָזט צו צו אים זײַנע אָנהענגער, כדי ער זאָל צווישן זיי זײַן געפערלעכע אַגי־טאַציע טרײַבן! זעט נאָר, ווי ער רעדט זיך דורך מיט זיי, ער קאָן דאָך אויך דערהאַלטן פון זיי ידיעות פון דער דרויסנדיקער וועלט!

— יאָ, ליידער איז עס אַזוי, נישט נאָר ער דערהאַלט ידיעות, נאָר ער שיקט אַרויס זײַנע שלוחים צו די תּלמידים זײַנע, ער פירט ווײַטער אָן זײַן אַגיטאַציע אַזוי ווי ווען ער איז געווען אויף דער פרײַ.

— אָבער אום גאָטס ווילן, וואָס טוט זיך דאָ בײַ אײַך?

— מיר קאָנען גאָרנישט טון קעגן אים, כּיליאָרך — האָט מיר פּטאָלאָמעאוס אײַנגערוימט אין אויער אַרײַן — דער טעטראַרך האָט מורא פאַר אים. ווען ער הערט זײַן שטימע פון קעלער אַרויס, ציטערט ער ווי אַ קינד. ער גלויבט, אַז דער מאַן באַזיצט אַ געהיימע קראַפט, ער איז פון גאָט געשיקט, און ער ציטערט פאַר אים. רעדט איר מיטן טעט־ראַרך, אפשר וועט איר מיט אײַער אויטאָריטעט בײַ אים עפּעס פּועלן!

— יאָ, ווען עס וועט נישט אַנדערש גיין, וועט זיך דער פּראָקאָנסול פון אַנטיאָכיע מוזן אַרײַנמישן. עס טוט אונז לייד אַרײַנצוגרעדן אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון טעטראַרכס ממשלה, אָבער ווען איר האָט נישט דעם מוט אָנצונעמען די נייטיקע שריט פאַר דער רו אין לאַנד, וועט ער עס מוזן אויף זיך נעמען!... האָב איך געזאָגט דעם שטאַט־סעקרעטאַר.

קאַפּיטל זעכצן

קאָרנעליוס בײַ סאַלאָמעאָס טאַנץ.

אָבער דאָס וואָס מיר, דיפּלאָמאַטן, שטאַטסמענער, האָבן נישט גע־קאָנט בײַם טעטראַרך פּועלן און אויספירן, האָט עס געפּועלט און אויס־געפירט אַ צען־יעריק מיידל.

שפּעטער, אין אָוונט, איז לכּבוד דעם טעטראַרכס געבורטסטאָג געגעבן געוואָרן אויף דער זײַלן־טעראַסע פון דער פעסטונג דער אָפיציעלער באַנקעט אין עכטן אָריענטאַלישן סטיל. די פײַער־שטורקאַצן האָבן באַלויכטן די ווילדע געגנט אַרום, און בײַ דעם רעגנדיקן שטערן־שימער האָט מען געזען דעם שפּיגל פון ים־המלח, ווי ער האָט אויף זײַן פינקלדיקער אויבערפלאַך געפאַנגען געהאַלטן די ליכטער פון הימל. דער טעטראַרך איז געווען אין בעסטן הומאָר, אויפגערוימט פון דעם שטאַרקן ציפּריס־ווײַן, וועלכער איז געמישט געווען מיט האָניק, וואָס די טרינקדינער האָבן אים געהאַלטן אין איין אָנגיסן אויף די דרינגענדיקע ווינקן און צורעדן פון דער טעטראַרכין. ער האָט מיט וואוילווילן צוגעקוקט צו די טענץ־קאַראַהאָדן פון זײַנע אין פיל אָרנאַמענטן באַהאָנגענע, האַלבנאַקעטע אַראַבישע און נעגרישע טאַנץ־שקלאַפינען, וואָס זײַן אַראַביש ווײַב האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך. אָבער די טענץ פון די איבערגעשטאַנענע, פאַרעלטערטע אַראַבישע טענצערינס זײַנען אים באַלד איבערדריסיק געוואָרן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט רויטע פאַרלאָפענע אויגן און מיט אַן אויפגעבלאָזן פּנים אויף די באַנקעט־אָנטיילנעמער, און זײַן בליק איז געפאַלן אויף דער קליינער שלומית, וועלכע איז געזעסן מיט איר מוטער בײַם באַנקעט־טיש. אירע איבערן דינעם האַלדז אַראָפּפאַלנדיקע שוואַרצע לאָקן, האָבן יעדעס מאָל ווען זי האָט באַוואויגן מיטן קאָפּ געהאַלטן אין איין קלינגען מיט אירע אָרנאַמענטן, מיט וועלכע די האָר זײַנען געווען באַשווערט. דער טעטראַרך האָט געקוקט אויף דער קליינער מיט וואוילגלוסטיקע אויגן, וואָרום זי איז געווען גוט אָנצוקוקן. מיט איר דינער פיגור און שיינער טונקעלער הויט איז זי ווירדיק געווען צו פאַרנעמען אַן אָרט נישט נאָר בײַם טעטראַרך פון יהודה, נאָר אויך בײַם קייסער טיבעריוס. כּדי גלייך צו זײַן אין אַלעם צו דעם קייסער, האָבן אַלע אונזערע באַרבאַרישע הערשער געמיינט, אַז זיי מוזן אים אין אַלץ נאָכטון, זיי זײַנען געוואָרן מיטאַמאָל גרויסע מפונקים און געזוכט זייער ליבע־דורשט צו שטילן אויף דעם איידעלן און נאָבעלן העלענישן שטייגער... אין אַלע הייף פון אונזערע באַרבאַרישע הערשער האָט מען דענסטמאָל געקאָנט געפינען די שענסטע לוסט־יינגלעך און מיידלעך, ווי בײַם קייסער אין רוים. איך ווייס נישט, צי דער טעטראַרך פון גליל און פּערעאַ האָט ווירקלעך געהאַט אַזאַ ראַפינירטן און איידעלן געשמאַק אין דער ליבע אָדער עס איז בײַ אים נאָר געווען בלויז אַן אַמביציע נאָכצוטון דעם קייסער; דער טעטראַרך האָט געענדערט זײַן געשמאַק, און אַנשטאָט אַראַבישע טענצערינס און עגיפּטישע שקלאַפינען זײַנען אים געפעלן געוואָרן יונגע מיידלעך...

ער האָט געקוקט אויף דער יונגער שלומית, און אויף זײַן פּנים האָט זיך אויסגעגאָסן אַ ליידנשאַפטלעכע פרייד, וואָס ער האָט נישט געקאָנט — אָדער דער ווײַן, וואָס ער האָט געטרונקען, האָט נישט געלאָזט — אונטערדריקן אפילו אין אונזער אָנוועזנהייט.

— און איצט וועט די קליינע שלומית טאַנצן פאַר מיר! — האָט דער טעטראַרך פלוצים זיך אָנגערופן.

אָבער די קליינע שלומית איז געווען די איינציקע, וועלכע האָט געוואָגט דעם טעטראַרכס ווילן זיך אנטקעגנצושטעלן. מיט קינדערישער קאַפּריזנעקייט האָט זי געגעבן אַ שאָקל מיט אירע שווארצע, אָרנאַמענטן־באצירטע לאָקן אויף „ניין" און געענטפערט:

— די קליינע שלומית וועט נישט טאַנצן! — און זי האָט גענומען איר מוטערס אָרעם און באהאַלטן דעם קאָפּ אין דער מוטערס שוויס־טוך, ווי זי וואָלט געוואָלט זיך שיצן.

דער טעטראַרך איז אין ערשטן אויגנבליק ערנסט און פאַרשטומט געוואָרן פון דעם אָפּזאָגנדיקן ענטפער, ווי ער וואָלט זיך געוואַקלט אויס־צוברעכן אין כּעס, ער האָט זיך אָבער געשעמט פאַר אונז און געענדערט דעם טאָן. און ווי ער וואָלט זיך געשפּילט מיט דער קליינער שלומית, האָט ער זי גערייצט:

— די קליינע שלומית וועט יאָ טאַנצן פאַרן טעטראַרך!

— ניין, זי וועט נישט טאַנצן! — האָט די קליינע שלומית געהאַלטן אין איין שאָקלען מיטן קאָפּ.

— און ווען דער טעטראַרך פון גליל און פּערעאַ וועט זי בעטן זײַן ווילן צו טון? — האָט דער טעטראַרך געפרעגט.

— וועט זי נישט געהאָרכן! — האָט די קליינע אָפּגעענטפערט.

נישט די קליינע, נאָר דער טעטראַרך איז אַרײַנגעיאָגט געוואָרן אין אַמביציע דורך דער דאָזיקער שפּיל.

— און אז דער טעטראַרך פון גליל און פּערעאַ וועט דער קליינער שלומית צוזאָגן אַ פּאַלאַץ אין טבריה מיט אַ גאָרטן, אין וועלכן יונגע אינדן וועלן ארומגיין שפּאַצירן, מיט שיינע פּאַוועס און שיינע פּאַפּו־גייען? — האָט ער זיך אָנגערופן אין אַן ערנסטן טאָן, וואָס האָט אונז אַלעמען שוין פאַרוואונדערט.

— וועט זי אויך נישט טאַנצן! — האָט די קליינע אָפּגעענטפערט אין אַ קינדערישן טאָן.

און מיר אַלע האָבן זיך צעלאַכט, מיר האָבן זיך אַלע אמוזירט מיט דער שפּיל, וואָס גייט אָן צווישן דעם טעטראַרך און דעם קליינעם מיידל. מען האָט מער נישט געוואוסט, ווער עס איז דאָס קינד און ווער עס איז

דער טעטראַרך, וואָרום אויב ביז איצט איז עס געווען שפּיל, איז די שפּיל אָבער ערנסט געוואָרן. די אויגן פון טעטראַרך האָבן געשאָטן מיט פונקען פון כעס. מען האָט אָנגעזען, אַז עס גייט אים אין לעבן, ער איז אויף אַלעם פּעאיק, אַבי צו צוימען דאָס קאַפּריזנע קינד און דורכאויס ברעכן די עקשנות פון איר, מיט גוטן אָדער מיט בייזן זי צו צווינגען צו טון זײַן ווילן. עס האָט אויסגעזען, אַז ער איז בערייט אפילו אָנצו־ווענדן געוואַלד איבער דער קליינער, עס האָט אים נאָר נישט געפּאַסט פאַר אונז, די רוימישע געסט, וואָס זיינען געווען בײַ דער דאָזיקער סצענע. און אפשר איז אים געגאַנגען דוקא דעריין, כדי צו ברעכן איר ווילן מיט גוטן, אַז זי זאָל פון איר אייגענעם רצון פאַר אים טאַנצן. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף דער פרוי זײַנער, פאַרקערט — עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זי געוואָלט דערמיט קרענקען. עס האָט אויס־געזען, ווי עס וואָלט אָנגעגאַנגען א געיעג נישט צווישן אים מיטן קינד, נאָר צווישן אים מיט דער איידעלער דאַמע, פאַר וועלכער ער האָט נישט באַהאַלטן, ווי פאַר אונז אַלע, דעם וואויללוסט־בײַגעשמאַק, וואָס האָט באַגלייט זײַן עקשנותדיק באַשטיין דערויף, אַז די קליינע זאָל טאַנצן.

— און ווען דער טעטראַרך פון גליל און פּערעא וועט צוזאָגן דער קליינער שלומית, אַז אויב זי וועט טאַנצן פאַר אים, וועט ער יעדן וואונש אירן דערפילן, און מעג עס אפילו זײַן די העלפט פון מײַן קעניג־רײַך? — האָט ער געזאָגט איצט שוין אין ערנסט און האָט געקוקט מיט זײַן שאַרפן בליק גלײַך דער פרוי אין די אויגן אַרײַן.

— „וועט זי אויך נישט...״ — האָט די קליינע סאַלאָמעא שוין גע־האַלטן אין אָפּענטפערן, אָבער דאָ האָט זיך די מוטער אַראָפּגעבויגן און, ווי וועלנדיק די טאָכטער צורעדן צו דערפילן דעם טעטראַרכס וואונש, האָט זי איר עפּעס אין אויער אַרײַנגעשעפּטשעט. די קליינע שלומית האָט געענדערט דעם טאָן און איבערגעפרעגט דעם טעטראַרך:

— וועט דער טעטראַרך פון גליל און פּערעא דערפילן יעדן וואונש, וואָס די קליינע שלומית וועט נאָר בעטן בײַ אים, ווען זי וועט פאַר אים טאַנצן?

דער טעטראַרך האָט זיך געשאָקלט אויף זײַן געלעגער פאַר פרייד און נחת. דער קינדערישער טאָן פון דער קליינער האָט אים אַמוזירט, דער שוייס איז אים גערונען איבער זײַן גרויסן קאָפּ. ער האָט איר אָפּ־געענטפערט, נאָכמאַכנדיק איר טאָן:

— דער טעטראַרך פון גליל און פּערעא זאָגט צו דער קליינער שלומית צו דערפילן יעדן וואונש אירן, ווען זי וועט טון זײַן רצון און טאַנצן פאַר אים.

דענסטמאָל האָט זיך אָן א וואָרט אויסצורעדן אויפגעהויבן די קליינע שלומית און געשטעלט זיך אויף דער טעראַסע פאַר דעם טעטראַרך, נאָענט פון זײַן געלעגער. און אזוי ווי זי איז געשטאַנען אָן יעדער פאַרבריי־טונג, האָט זי זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן שטייענדיק אויף איין אָרט צו דער באַגלייט־מוזיק פון איינאיינציקן פײַקל, וואָס א קנעכט האָט אויס־געקלאַפּט פאַר איר. נאַיוו, מיט קינדערישער אומדערשראָקנקייט און אומשולדיקייט האָט זי אין דער באַוועגונג אראָפּגעוואָרפן פון איר אוי־בערשטן האַלבן קערפּער דעם לײַכטן טוניק, וואָס זי האָט געטראָגן, און אנטבלויזט איר קינדערישן בויך ביזן נאַפּל. אירע פיס האָבן זיך קוים באַוואויגן, ווי זי וואָלט געוועזן צוגעשמידט צו איר אָרט, האָט זי די טאַנץ־באַוועגונגען אויסגעפירט מיט איר דינעם, טונקל־הויטיקן קינ־דערישן בויך. יעדער מוסקול פון איר גוט־געפאַרעמטן קערפּער האָט געציטערט. די מוסקל־שפּיל פון איר בויך־טאַנץ — דערפאַר טאַקע, וואָס עס איז געוואָרן פון א קינד אויסגעפירט — האָט אויפגעקאָכט די גע־בליטן נישט נאָר בײַם טעטראַרך, נאָר אויך בײַ אונז אַלע, וואָס מיר זיינען דאָרט געוועזן. אָבער זי האָט די ליידנשאַפטלעכע באַוועגונגען אויסגע־פירט מיט אזא אומשולדיקער מינע, אז מיר האָבן געצווייפלט, צי דאָס יונגע מיידל ווייסט, וואָס זי טוט אָדער נישט. וואָרום אירע באַוועגונגען האָבן וואָס אמאָל מער אָנגענומען ארויספאָדערנדיקע אויסגעלאַסנקייט. איצט האָט זי געווענדט צו אונז איר נאַקעטן רוקן. עס איז געווען א געזאַנג פון קינדערישע מוסקולן אונטער א טונקל־דורכזיכטיקער הויט, וועלכע האָט שימערירט מיט פּערל־שײַן, געגאָסן אין דער איידלסטער פאָרעם. נישט ווילנדיק האָב איך געטראַכט וועגן קייסער טיבעריוס: אַך, וואָלט זי געווען א שיינע מתנה פאַר דעם אַלטן זינדער, און אפילו ווען ער געפינט זיך איצט אויף דער אינזל קאַפּרי אין פילאָזאָפישער נאָכדענקונג איבער זײַן פאַרגאנגענעם לעבן, וואָלט ער פאַר דעם רוקן און דעם בויך אַלע יחידותדיקע געדאַנקען פון וועלט־תכלית אָפּגעגעבן. איך האָב אין האַלבן שפּאַס וועגן דעם מיטגעטיילט א פרײַנד מײַנעם, א רוימישן אר־מיי־פירער, וועלכער איז געווען מײַן שכן. די טעטראַרכין, וועלכע האָט זיך נישט געפונען ווײַט פון אונז, האָט געהערט מײַן פליסטערן אין אויער פון דעם רוימישן אָפיציר וועגן איר טאָכטער. אָבער זי איז געווען צו קלוג זי זאָל זיך מודה זײַן, האָבן מיר דעריבער נאָר באַמערקט א גע־וויסע געמאַכטע אָדער נאַטירלעכע שעמעוודיקע רויטקייט איבער איר פּנים. זי האָט זיך צוגעבויגן צו אונז און געזאָגט:

— איך ווייס נישט, פונוואַנען דאָס קומט צום קינד, דאָס האָבן

די אראבישע שקלאפינען זי אויסגעלערט, זי אליין ווייסט נישט וואס זי טוט!

— יעדנפאלס קאן איך דער טעטראַרכין פארזיכערן, אז ווען דער קייסער טיבעריוס זעט דאס קינד, זיינען די שאנסן פון טעטראַרך צו באקומען דעם קעניג־טיטול און צו פארגרעסערן זײַן טעריטאָריע פיל העכער.

די טעטראַרכין האט דעם וויץ אויפגענומען גוטמוטיק, ווי ער איז געגעבן געוואָרן (אָ, זי איז געוועזן א וועלט־דאַמע!) און זי האט מיר גע־דראט מיט איר שווייס־טוך:

— איר זענט א ציניקער, אויבערשט קאָרנעליוס! פון אזא ערנסטן מענטש ווי איר האב איך דאס נישט דערוואַרט...

דערווײַל איז די קליינע פאר מידקייט און עקזאלטירטקייט געפאלן אויף די דינע פיסלעך. די מוטער האט זיך דערשראָקן און געוואָלט זיך אויפהויבן פון איר אָרט, אָבער דער טעטראַרך, ווי שווער ער איז נישט געלעגן אויף זײַן געלעגער, איז פריער געווען פאר איר און די קליינע אויפגעהויבן אויף זײַנע הענט און געטראָגן זי צו זיך אויף זײַן געלעגער און זי אוועקגעזעצט אויף זײַנע קניען.

— נו, איצט, קליינע שלומית, קאָנסטו דיר אויסביטן פון טעטראַרך פון גליל און פערעא, וואָס דײַן קליין הערצל גלוסט, — און ווי דער גרויסער אחשורוש האט געזאָגט צו דער שיינער אסתר, ווען זי האט גע־פונען חן אין זיינע אויגן: „ביז צו דער העלפט פון מײַן קעניגרײַך"...

אָבער די קליינע שלומית האט אָפגעענטפערט:

— און איצט וועט מיר דער טעטראַרך פון גליל און פערעא לאָזן דורך זײַנע געטרײַע גערמאַנער, אויף א זילבערנער טאַץ ברענגען דעם קאָפּ פון יוחנן!

מיר האָבן צום ערשט נישט פארשטאנען, וואָס די קליינע וויל, כאָטש מיר האָבן זיך אלע צוגעהערט צו איר וואונש, אויף וועלכן מיר אַלע זיינען געווען געשפאַנט, און כאָטש מיר אַלע זיינען געוואָרן מיט־ארײַנגעצויגן אין דער שפּיל צווישן טעטראַרך און דעם קינד. אויך דער טעטראַרך האט נישט פארשטאַנען, אזוי איבערראַשט איז ער געווען פון דעם מאָדנעם וואונש פון דער קליינער, און ער האט איבערגעפרעגט:

— וועמענס קאָפּ זאָלן דיר מײַנע געטרײַע גערמאַנער ברענגען אויף א זילבערנער טאַץ?

— פון יוחנן המטביל, דעם נביא, וואָס דו האלטסט דאָ געפאנגען אונטן — האט זי געוויזן אויף דעם קעלער־געפענגניש.

— פון דעם משוגענעם נביא? — האט דער טעטראַרך איבערגע־

פרעגט און איז בלייך געוואָרן — וואָס פאַר אַן אײַנפאַל? וואָס טויג דיר א קאָפּ פון א מענטש?

מיר זײַנען אַלע געבליבן זיצן דערשטוינט, נאָר די טעטראַרכין האָט זיך אָנגערופן:

— איך ווייס נישט, פונוואַנען עס קומען צום קינד אַזעלכע אויס־טערלישע אײַנפאַלן, נישט אַנדערש נאָר די דערציאונג אירע איז אין דעם שולדיק, אויפגעוואַקסן אין א מדבר!

— וואָס, דו האָסט מורא פאַר אים, דערפאַר ווײַל ער איז א נביא, טעטראַרך פון גליל און פּערעאַ? — האָט די קליינע שלומית געפרעגט מיט א נאַיִווער מינע, זיצנדיק אויף זײַן קני און שפּילנדיק זיך ווײַטער מיט דעם טעטראַרכס פּנים.

דער טעטראַרך האָט א דונערנדיקן בליק, ווי א דערצערנטער צעאוס, געוואָרפן אויף איר מוטער, דערנאָך אויף זײַן שטאַטס־פירער פּטאָלאָ־מעאוס, וועלכער האָט בשעת מעשה פרום דעם קאָפּ געבויגן, דאַן האָט ער מיר געקוקט גלײַך אין די אויגן אַרײַן און אָפּגעענטפערט מיט א זיכערן שטאָלצן טאָן. דער ענטפער האָט געגאָלטן פאַר אונז אַלעמען:

— דער טעטראַרך פון גליל און פּערעאַ האָט פאַר קיינעם נישט קיין מורא, פאַר קיינעם נישט, אפילו... — דאָ האָט ער געוואָלט עפּעס שרעקלעכעס זאָגן, וואָס מען האָט אָנגעזען אין זײַן פאַרבלייכטער אויפ־געגעטקייט, נאָר זעט זיך אויס, אין לעצטן אויגנבליק האָט ער זיך באַזיגט און אויסגעדרייט דעם דישל: — ...אפילו נישט פאַר דעם קע־ניג פון אַראַביע, וועלכער שרעקט אים מיט מלחמה דערפאַר, וואָס ער האָט זײַן טאָכטער אויסגעטוישט אויף זײַן ברודערס ווײַב, — האָט ער דאָס ווײַב דורכגעלעכערט מיט זײַן בליק.

— אָבער דאָך האָסטו מורא פאַר אים! — האָט די קליינע אָנגעוויזן מיטן הענטל אויפן קעלער.

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך האָב פאַר קיינעם נישט קיין מורא, א חוץ — פאַרשטייט זיך — פאַרן קייסער פון רוים, וועלכער איז מײַן לעבנסלענגלעכער פרײַנד, — האָט ער געקוקט אויף מיר, ווי ער וואָלט מיר געוואָלט דראָען מיט עפּעס.

— און פאַר וואָס ווידער ווילסטו מיר נישט געבן זײַן קאָפּ?

— ווײַל א קאָפּ פון א מענטש איז נישט קיין שפּילכל פאַר א קליין מיידל! — האָט דער טעטראַרך אָנגעקוקט זײַן ווײַב און געגעבן איר אָנ־צוזעהערן, אַז ער ווייסט, ווער עס האָט די קליינע צו דעם צוגערעדט.

— דו האָסט מיר צוגעזאָגט, פאַר אַלע מענטשן דאָ געזאָגט, צו דער־פילן מײַן יעדן וואונש, און איצט ווילסטו נישט האַלטן דײַן וואָרט, טעט־

ראַרך פון גליל און פּערעאַ?

דער טעטראַרך האָט זיך אויף אונז אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט פון אונז דערוואַרט הילף. מיר אַלע האָבן אָבער זײַנע בליקן אויסגעמיטן. ער האָט דאָס פאַרשטאַנען.

— יאָ, דו האָסט רעכט, קליינע שלומית, דער טעטראַרך פון גליל און פּערעאַ איז אַ קנעכט צו זײַן וואָרט, ווי יעדער מאָנאַרך, ווי יעדער קייסער פון רוים! גייט און טוט איר ווילן! — האָט ער זיך געווענדט מיט זײַן בליק צו די גערמאַנישע זעלנער.

פּטאָלאָמעאָוס פון דמשק האָט אַ וואונק געגעבן צו דער גערמאַני־שער וואַך, וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם טויער, און זיי האָבן זיך דערווײַטערט.

געשפּאַנטע שטילקייט האָט געהערשט דורך דער צײַט, קיינער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. דער טעטראַרך האָט די קליינע סאַלאָמעאַ אַראָפּגעזעצט פון זײַנע קניען, דערלאַנגט זײַן בעכער דעם אָנגיסער, דערנאָך אויפגעהויבן זײַן האַנט מיטן בעכער אינדערהויך און אויסגערופן:

— פאַרן פרידן פון רוים און פאַרן קייסער!

מיר האָבן דעם דעם טאָוסט איבערגעחזרט.

און דער טעטראַרך איז רואיק געוואָרן, עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט פון זײַן אינערלעכער אָנגסט אַנטלאָפן צום קייסער, כדי צו זוכן שוץ בײַ אים.

נאָך אַ ווײַל האָבן צוויי גערמאַנישע זעלנער אַרײַנגעבראַכט אויף אַ זילבערנער טאַץ אַ מענטשן־קאָפּ, עס איז געווען דאָס זעלבע מוסקו־לירטע און האַרטע פּנים, די הויט איבערגעצויגן איצט מיט אַ בלוי־אַשי־קער קאָליר פון טויט, אויף זײַנע פאַרלאָזענע לאָקן האָבן זיי אים אַרויפ־געזעצט דאָס לעדערנע קעסטעלע — די תפילין, אַזוי ווי ער האָט זיי גע־טראָגן בײַם לעבן. די אויגן זיינען געווען געעפנט, אַזוי אויך זײַנע ליפּן — מיר האָט זיך געדאַכט צו פאַרנעמען זײַן שטים.

נאָר איידער זיי האָבן דערלאַנגט די טאַץ מיטן מענטשן־קאָפּ צו דער קליינער סאַלאָמעאַ, וועלכע האָט אויסגעשטרעקט די הענט, זיינען די תפילין אַראָפּגעפאַלן פון דעם אָפּגעשניטענעם קאָפּ און אַרײַנגעפאַלן אין דעם בלוט, מיט וועלכן די טאַץ איז געווען אָנגעפילט. די אויגן פון טויטן קאָפּ האָבן זיך פאַרמאַכט, אַזוי אויך זײַנע ליפּן.

אָבער באַלד האָט זיך דערהערט אַן אומהיימלעך יאָמערן, וואָס איז אויפגעגאַנגען צו אונז אויף דער זײַלן־האַליע פון דעם הויף פון שלאָס, דאָס יאָמערן איז געווען אויסגעמישט מיט שילטן און אויסגעשרייען. איך האָב זיך געוואונדערט, וואָס מען לאָזט צו בײַם טעטראַרך אין הויף

פרעמדע מענטשן. מיר האָבן זיך געמאַכט נישט הערן און געפּרוווט ווײַטער אָנהאַלטן דאָס געשפּרעך בײַם טיש מיט דער דאַמע פון הויז, ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען. אָבער איך האָב געקוקט אויפן פּנים פון טעטראַרך און איך האָב געזען, ווי עס איז טונקל געוואָרן ווי אַש פאַר לויטער שרעק. ער איז שוין אינגאַנצן אויסגעניכטערט געוואָרן, און א שרעקלעכע אומרואיקייט איז אים באַפאַלן. ער האָט געפּרוווט מיט אַלע מיטלען צו פאַרשטעלן זײַן שרעק פאַר אונז. ער האָט ווײַטער געשפּאַסט, אָבער שוין נישט מער מיט דער קליינער שלומית. די קליינע האָט ער פון זיך אָפּגעשטופּט מיט פאַראַכטונג, ווי מען רוקט אוועק עפּעס עקל־דיקס. ער האָט אויך באַפוילן די סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן צונעמען פון איר די זילבערנע טאַץ מיטן בלוטיקן מענטשן־קאָפּ. די קליינע האָט פּראָ־טעסטירט, וואָס מען נעמט צו איר אייגנטום... דער טעטראַרך האָט א דראָענדיקן בליק געוואָרפן אויף דער טעטראַרכין, זי האָט אים פאַר־שטאַנען, און די קליינע צוגענומען צו זיך און זיך באַמיט זי אײַנצוּשטילן. צו אונז האָט זיך די דאַמע געווענדט מיט א מחילהדיק שמייכעלע, זיך פאַרענטפערט פאַר איר טאָכטער:

— איך ווייס נישט, פונוואַנען עס קומען צו איר אַזעלכע אומאָנגע־נעמע אײַנפאַלן. זי האָט דאָס אין דעם ווילדן הויף בײַ איר פאָטער גע־לערנט, — און זי באַרואיקט די קליינע — א מענטשן־קאָפּ? ווער האָט דאָס געהערט, אַז א קינד זאָל זיך שפּילן מיט א מענטשן־קאָפּ?!

דער טעטראַרך האָט זיך געמיט ווײַטער אָנצוהאַלטן דעם באַנקעט, באַפוילן די ווײַן־אָנגיסער, אַז זיי זאָלן אַרומטראָגן די קריגן און ער האָט געהאַלטן אין איין טרינקען פאַרן פרידן פון רוים, פאַר זײַן פרײַנדשאַפט מיטן קייסער און פאַר אַלע גרויסע לײַט פון דער אימפּעריע!... אָבער דער ווײַן האָט נישט געקאָנט פאַרשכורן זײַן אומרואיקייט און שרעק. דאָס קלאָגן און יאָמערן האָט אַלץ נישט אויפגעהערט אַרײַנצודרינגען צו אונז פון דעם הויף.

— דאָס זיינען זײַנע נאָכפאָלגער, די תלמידים פון דעם יוחנן, זיי באַ־וויינען אים איצט אין הויף — רוימט מיר אײַן פּטאָלאָמעאוס אין אויער.

— פאַרוואָס טרײַבט איר זיי נישט אַרויס פון הויף?

— ער לאָזט נישט — ווינקט ער צו מיר אויפן טעטראַרך.

באַלד האָט זיך אינדרויסן דאָס קלאָגן אײַנגעשטילט, עס איז גע־וואָרן פאַרדעכטיק שטיל. און מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט איין איינ־ציקע שטימע, וואָס האָט געשאַלט, ווי עס וואָלט געווען געבלאָזן מיט דעם אומהיימלעכן קול פון זייערע שופרות. מען האָט עס קלאָר און דײַט־לעך געהערט, ווי עס וואָלט מיט א שאַרפער שווערד די ווענט דורכגע־

שניטן און אַרײַנגעדרונגען צו אונז אויף דער ליג־האַליע. דאָס קול האָט דעקלאַמירט אַ העברעאישן פּערז פון זייערע נביאים, װעלכן זיי האָבן צוגעפּאַסט אויף דעם נאַר־װאָס געקעפּטן אויפרודערער. איך האָב מיר פאַרשריבן דעם זאַץ, װאָס דאָס קול האָט אויסגערופן, װײַל עס האָט געמאַכט אַן אויסערגעװײנלעכן אײַנדרוק נישט נאָר אויפן טעטראַרך, נאָר דאַסמאָל אויך אויף דער אייביק־רואיקער און גוט־דערצויגענער טעטראַרכין. זי האָט אויפגעציטערט.

— „אַ שטימע רופט אין דער מדבר: מאַכט אַ װעג פאַר גאָט!“...

— פאַריאָג זיי פון הויף! — האָט די טעטראַרכין זיך געװענדט צום טעטראַרך — זיי שטערן דעם באַנקעט!

— װעמען זאָל איך פאַריאָגן? עס איז דאָך די שטימע, װאָס רופט פון דער מדבר, איך קאָן די שטימע נישט אײַנשטילן!

דאָס האָט דער טעטראַרך געזאָגט, פּלוצלינג האָט ער זיך אויפגעהויבן און נישט געקוקט אויף די רוימישע געסט, װאָס ער האָט געהאַט בײַם טיש, האָט ער פאַרלאָזט דעם באַנקעט.

מיר זיינען געבליבן זיצן דערשטוינט איבער דער האַנדלונג פון טעטראַרך.

די טעטראַרכין האָט באַלד צוריקגעפונען איר רואיקייט, און כדי אָפּצוװישן דעם שלעכטן אײַנדרוק, װאָס איר מאַן האָט געמאַכט אויף אונז, האָט זי זיך אָנגערופן צו מיר:

— װאָס איז דער חילוק? דער פאַרברעכער האָט זײַן שטראָף באַקומען, דאָס געזעץ איז באַפרידיקט — און רוים קען רואיק זײַן.

— איך װעל עס דעם פּראָקאָנסול מיטטיילן. אײַער קליינע טאָכטער האָט זיך פאַר רוים פאַרדינט געמאַכט.

קאַפּיטל זיבעצן

קאָרנעליוס אין כפר-נחום.

נאָך דעם טויט פון יוחנן המטביל האָט דאָס װאַרטן אויף משיחן בײַ די יידישע מאַסן נישט אויפגעהערט, אדרבה — עס איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געװאָרן. זיי האָבן אויסגעטײַטשט, אַז װאָס ערגער די צײַט װערט, אַלץ נעענטער רוקן זיך צו די טעג פון זײַן קומען. זיי האָבן דאָס אָנגערופן „משיחס צײַטן“. און באַלד האָט זיך דערהערט, אַז אין גליל — װי עס איז געװען צו דערװאַרטן — איז אויפגעשטאַנען אַן אַנדערער,

וועלכער רופט צו תשובה און פֿאַרצובּרייטן זיך צום מלכות שמים, וואָס דערנענטערט זיך. צום ערשט האָבן זיי אים געהאַלטן פֿאַר אַ תּלמיד פֿון דעם געטייטעטן יוחנן המטבּיל. שפּעטער האָבן זיי געזאָגט, אַז ער איז יוחנן המטבּיל אַליין, וועלכער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון טויט צוריק אין לעבן אַרײַן. אַנדערע ווידער האָבן געזאָגט, אַז ער איז דער נביא אליהו, וועלכער האָט געלעבט מיט יאָרן־יאָרן צוריק און האָט בײַ זײַן לעבן גרויסע וואונדער באַוויזן. וואָרום אויך דער, וועלכער האָט זיך באַוויזן אין גליל, בײַם בּרעג פֿון ים כּנרת, טוט אויך גרויסע וואונדער, ער היילט קראַנקע, ער רייניקט קרעציקע, טרײַבּט אַרויס שלעכטע רוחות. און אַזוי ווי דער נביא אליהו איז זייער באַליבּט און געערט געווען, דעריבּער האָבן זיי אים געהאַלטן פֿאַר דעם צוריקגעקומענעם אליהו, וועלכער וועט זיי פֿון זייער נויט אַרויסהעלפֿן.

איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט זײַן נאָמען אָנרופֿן בײַם אַלטן כּהן גדול חנן. איינמאָל אין אַ פֿרילינגס־נאָכמיטאָג בין איך אַרומגע־גאַנגען אין גאָרטן פֿון כּהן גדול, צווישן די שווים־בּעדער, וואו איך האָב זיך צוגעקוקט צו די גימנאַסטישע און די שווימערישע קונצן, וואָס די יוגנט — די קינדער פֿון עלטסטן כּהן גדול מיט זייערע פֿרײַנד האָבן אויסגעפֿירט. טרעפֿט מיך דער אַלטער חנן און זאָגט צו מיר, קוים אײַנ־געהאַלטן פֿון געלעכטער:

— איר הערט, עס האָט זיך שוין ווידער אויסגעפֿונען אַ נביא בײַ זיי, וועלכער פּרעדיקט דאָס מלכות־שמים פֿאַר די גראָבּע יונגען אין גליל. דאָסמאָל קומט דער נביא פֿון נצרת, כאַ, כאַ, כאַ, — פֿון נצרת! — און דער אַלטער חנן קאָן נישט אײַנהאַלטן זײַן לאַך־קראַמף, אַזש טרערן שפּריצן פֿון זײַנע אויגן און פֿאַלן אין דער שטײַפֿער געקניפּטער באָרד, וועלכע שפּרינגט אונטער איבּער זײַן באַוועגלעכער בּרוסט — איר פֿאַרשטייט: פֿון דער שטאָט נצרת!

— וואָס איז נצרת? — פֿרעג איך אים.

— „קאָן עפּעס גוטס אַרויסקומען פֿון נצרת?", זאָגט דאָס שפּריכ־וואָרט, פֿון דער שטאָט פֿון עמי־הארצים, פֿון פֿעלד־אַרבּעטער און טיש־לערס, וועלכע קאָנען נישט דאָס געזעץ און ווייסן זיך נישט אָפּצוהיטן פֿון אומריינקייט.

זיי האָבן, נעמלעך, געהאַט צוויי פֿאַרשידענע באַציאונגען צו זייערע לאַנדסלײַט. די געבּילדעטע, די וואָס האָבן זיך אויסגעקאָנט אין דער שריפֿט, האָבן זיך גערופֿן צווישן זיך „חבר", דאָס הייסט קאָלעגע, אַ מענטש פֿון דער געזעלשאַפֿט, אַ גלײַכבּאַרעכטיקטער טיש־גענאָסע, מיט וועלכן מען האָט געקאָנט צוזאַמען בּרויט בּרעכן, ווײַל ער האָט געוואוסט

די געזעצן פון ריינקייט און אומריינקייט. די אומגעבילדעטע, די אומ־ווויסנדיקע האָבן זיי גערופן „עמי הארצים", דאָס הייסט: מענטשן פון לאַנד, וועלכע זיינען אומפעאיק, אז מען זאָל מיט זיי פאַרקערן.

אין נצרת, ווי איבעריקנס, אין גאַנץ גליל, איז א גרויסער טייל פון דער לאַנד־באַפעלקערונג, ווי אויך פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג באַשטאַנען פון די עמי־הארצים. איז דערפאַר גליל ביי די יידן אָנגע־רופן געוואָרן: „אָן אויסמישעכץ פון פעלקער".

איז דעריבער א וואונדער געווען, אז פון דעם שטעטל, וואָס האָט זיך מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון אנדערע שטעטלעך, וועלכע זיינען געלעגן אויפן וועג פון צעזאַריע קיין דמשק, זאָל ארויסקומען א געלערנ־טער, וועלכן זיי האָבן געקרוינט אַלס נביא. וואָרום אין דעם שטעטל, ווי אין דער גאַנצער געגנט, זיינען געווען קנאַפּ געלערנטע לייט.

ווען איך בין געגאַנגען קיין צפורן אָדער קיין טבריה צום טעטראַרך, איז מיר אויסגעקומען פאַרביי־צוגיין נצרת. דורך דעם שטעטל האָט גע־פירט א קאַראַוואַנען־וועג פון דעם גרויסן ים, דורך דעם רייכן טאָל פון עמק־יזרעאל, קיין דמשק. דאָס שטעטל ליגט באַהאַלטן צווישן די בערג, אָבער מיטן פּנים קוקט עס אראָפּ אין דעם רייכן טאָל עמק־יזרעאל. קוים איז מען נאָר א פּאָר טריט ארויס דערפון, האָבן זיך שוין ווי א פליסנ־דיקער טייך אויסגעגאָסן די כוואַליעס באַאַרבעטע פעלדער־בייטן, וואָס זיינען געלעגן ווי איינגעפּאַסט אין א ראָם צווישן די בערג תבור און גלבוע. דאָס שטעטל אליין איז איינגעבעט געווען אין גאָלדענע ווייַנגער־טענער, אין טונקעלע ציפּריסן־וועלדלעך, אין פּעטע און אין האָניק־טריפנדיקע פאַלמען־ און פייגן־ביימער, אָבער דאָס פּנים פון דער לאַנד־שאַפט איז דער גרוי־זילבערדיקער איילבירטן־בוים. די גרינס־פעלדער, די גערטענער און די וועלדלעך זיינען גוט באַאַרבעט געווען. א פלייסיק אַרבעטזאַם פאָלק פון אָרעמע פּאַרמערס האָט זיך צווישן זייַנע גער־טענער און פעלדער אויפגעהאַלטן. דאָס שטעטל איז געווען אָן אָרעמס, לויטער פּויערים און בעלי־מלאכות, די הייזלעך זיינען באַשטאַנען אויס געטריקנטער ערד, מיט אויס פאַלמען־בלעטער געפלאָכטענע דעכער און צוימען. דאָ און דאָרט האָט מען צווישן זיי געזען זיצן א בעל־מלאכה—א זאָטל־מאַכער, א געצעלט־פלעכטער, א שפּינער, א טעפּער, א סנדלר (שוסטער), נאָר וואָס מ'האָט צום מייסטן געזען, זיינען עס געווען טיש־לער. דאָס שטעטל איז געלעגן אויפן וועג און האָט פאַרמאָגט א פּאָר טרינק־ברונעמער פאַר די בהמות, א פּאָר שאָטן־ביידלעך פאַר די דורכ־וואַנדערער אויף אָפּצורוען זיך. די וועגענער־מאַכערס האָבן דורכדעם געהאַט א סך צו טון, אָפּטמאָל האָט זיך א ראָד צעבראָכן פון א דורכציענ־

דיקן וואָגן; מערסטנס האָבן זיי אָבער געאַרבעט פאַר די אָרטיקע פּויערים, וועלכע האָבן זיך גענייטיקט אין האָלצערנע אַקערס, אין גראַביעס, אין האַקעס, מיט וועלכע זיי האָבן די פּרוכטן פון די ביימער אַראָפּגענומען, און אויך אין אַנדערע האָלצערנע כּלים, וואָס די סטאָליאַרעס האָבן אויסגעאַרבעט.

שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט דעם נביא, וועגן וועלכן דער אַלטער כּהן גדול האָט מיר פאַרציילט אין ירושלים. ניין, עס איז שוין גאָרנישט געווען אַזאַ שפּאַס, ווי דער אַלטער חנן האָט דעראויס געמאַכט, עס איז לײדער געווען אַ זייער ערנסטער ענין.

יאָ, עס איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט אים, אָבער נישט אין נצרת, נאָר אין דער שטאָט כּפר־נחום.

כּפר נחום איז געלעגן בײַם ברעג פון ים כּנרת אָדער, ווי די יידן האָבן אים גערופן: „ים גנוסר", וואָס דאָס האָט געזאָלט הייסן — „דער גאָרטן פון די פירשטן", ווײַל דער ים כּנרת ליגט אויסגעבעט אין אַ טאָל, וואָס איז איין בליענדיקער גאָרטן פון תּבֿואות און רײַכע פּרוכטן. דאָס כּפר נחום איז געווען אַ גרעסערע פּראָווינץ־שטאָט, וואוהין די אַרומיקע פּויערים האָבן זייערע פּראָדוקטן געבראַכט צו פאַרקויפן. כּפר נחום האָט געהאַט אַ פישער־האַפן און אַ צאָל־אַמט, דאָרט האָט מען בערלינקעס מיט תּבֿואות און פּרוכטן פון דער רײַכער אומגעבונג אָנגעלאָדנט און אָפּגעפירט צום פאַרקויפן צום ברעג פון יענער זײַט ים כּנרת, וואו עס האָבן זיך שוין געפונען די מדינות פון טעטראַרך פיליפּוס, יטור, טרכונא און די אַנדערע. אָבער געלעבט האָט דאָס שטעטל פון צוויי הויפּט־קוואַלן: פון די רײַכע פּרוכט־סעדער, וואָס האָבן עס אַרומגערינגלט, און אויך פון די פיש, וואָס מ'האָט אַרויסגעצויגן פון ים כּנרת. עס איז געווען אַ הערלעך בילד צו זען אין לבֿנה־אָוונטן, ווען די פישער פון כּפר־נחום האָבן זיך איבער דעם בלויען, קריסטאָל־געשליפענעם ים כּנרת, וואָס האָט געפאַנגען געהאַלטן אין זײַנע כוואַליעס די לבֿנה מיט די שטערן, אַרויסגעלאָזט מיט אומציילן שיפלעך, וועלכע האָבן פאַרוואָרפן זייערע נעצן. פון דעם כּנרת האָבן זיך געהערט געזאַנגען, אָפטמאָל ליבעס־לידער פון באַרימטן „שיר השירים" אָדער פרומע געזאַנגען פון תּהילים. דער קליינער פישער־האַפן איז בײַטאָג פול געווען מיט זעגלען, ווײַבער האָבן פישער־נעצן אויסגעלייגט צו טריקענען אָדער צו פאַריכטן. די פישער ווי די פיש־טריקענערס זיינען מערסטנטייל געווען אָנגעשטעלט בײַ רײַכע אונטערנעמערס, וועלכע האָבן די געטרוקנטע פיש פון ים כּנרת פאַרשפּרייט צום פאַרקויפן איבער דער פּראָווינץ יהודה און גליל. וואָרום די פישער־באַפעלקערונג איז געווען זייער אָרעם. אַליין האָבן

זיי אזא אונטערנעמונג, צוליב די צאָל־אָפּצאָלונגען, נישט געקאָנט אויספירן, האָבן זיי זיך דעריבער פאַרדונגען צו גרעסערע אונטערנעמונגען. ארבעטס־הענט זיינען אין גליל זייער ביליק געווען. די פיש־טריקענער האָבן זיך באַגנוגענען געלאָזט מיט א פּאָר פייגן אָדער טייט־לען אָדער מיט מצות־פּלעצלעך געבאַקענע אויפן פייער. ווען נישט די גרויסע שטייערן, וואָס מען האָט געריסן פון די פישערס און טריקענערס, וואָלט דאָס שטעטל געקאָנט גוט לעבן; נאָר ווי געזאָגט, זיינען ביים ברעג פון ים געווען א פּאָר צאָל־סטאַנציעס אָדער צאָל־ביידלעך... קודם כל האָט דאָרט געהאַט, פאַרשטייט זיך, זיינע צאָל באַאַמטע דער טעטראַרך פון גליל, אונטער וועמענס רעגירונג כפר נחום איז ארונטערגעפאַלן. דער פיש־פאַנג איז געווען פאַר דער שאַץ־קאַמער פון טעטראַרך פון גרויסער וויכטיקייט. און א חוץ דעם האָבן אויך מיר געהאַט אונזערע שטייער־פּאַכטערס, אונזערע שטייער־אויפמאָנערס. דאָס שטעטל האָט געווימלט פון פישערס, טריקענערס, פּרוכט־הענדלער און שטייער־אויפ־מאָנערס. ווי דאָס שטעטל האָט נישט שווער געאַרבעט, האָט עס זיך נישט געקאָנט ארויספאַרבעטן צו קאָנען בויען אַן אייגענע שול, און אונזערס אַן עלטסטער איבער הונדערט, וועלכער האָט דאָרט געוואוינט, האָט זיי געמוזט ארויסהעלפן אין דעם. וואָרום וואָס די מוכסים האָבן נישט צוגע־נומען פון זיי כאַר פאַרשידענע אָפּצאָלונגען, האָבן די שלוחים פון כהן גדול אויפגעמאָנט פאַר בית־מקדש־אָפּצאָלן.

איך האָב אָפטמאָל דאָס שטעטל באַזוכט. ווען איך האָב מיך געפונען צו גאַסט ביים טעטראַרך אין טבריה, האָב איך קיינמאָל נישט פאַרפעלט, ביי א רואיקן וועטער אָדער ביי א שיינער לבנה־נאַכט צו נעמען א שיף־שפּאַציר איבער דעם ים כנרת קיין כפר נחום, כדי איינצוקויפן פאַר זיך פריש־געפאַנגענע פיש, וועלכע זיינען ביי דעם ברעג געווען באַרימט. אויך האָט מיך אָפטמאָל דער וועג קיין סיריע צום לעגאַטוס אין אַנ־טיאָכיע געפירט איבער כפר־נחום. טיילמאָל פלעג איך אויך קיין דמשק גיין, מיט שטאָטלעכע ענינים צום טעטראַרך פיליפּוס, — איך בין שטענ־דיק געריין געווען זיך אָפּצושטעלן אין דעם שטעטל.

מיר האָבן אין דעם שטעטל געהאַט סטאַציאָנירן אַן עלטסטן איבער הונדערט מיט זיין קאָהאָרטע; אָפיציעל איז ער געשטאַנען אין דינסט ביים טעטראַרך, אָבער באמת איז ער געווען, פאַרשטייט זיך, מיט זיין קאָהאָרטע אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם פּראָקאָנסול אין אַנטיאָכיע. דאָס אָרט איז געווען א וויכטיקער סטראַטעגישער פּונקט און איז גע־לעגן אויף דער גרענעץ פון צוויי טעטראַרכיעס; עס איז אויך געווען אַן איינקונפט־פּלאַץ פאַר אונזער מלוכה־אוצר. דער עלטסטער האָט גוט

געלעבט מיט די אָרטיקע יידן און גערן געהאַט מיט זיי צו פאַרברענגען. יעדעס מאָל, ווען מיר איז אויסגעקומען פאַרבײַצופאָרן דאָס שטעטל, האָב איך, פאַרשטענדלעך, לאָזשירט בײַ מײַן פרײַנד, דעם עלטסטן. איינמאָל אין פרילינגס־צײַט — די שענסטע צײַט פון לאַנד און די הערלעכסטע פאַר דער כנרת־געגנט, ווען די נאַטור איז אין איר פולער בליאונג, — ווען איך בין געקומען צו מײַן פרײַנד, האָט ער מיר פאַר־ציילט וועגן אַ וואונדערבארן אויסטערלישן מענטש, וועלכער האָט זיך באוויזן צווישן די יידן אין שטעטל. ער באזיצט די קראפט צו היילן קראַנקע און אַרויסצוטרײַבן בייזע רוחות פון באזעסענע, און נאָך אַנ־דערע וואונדער טוט ער אין שטעטל.

מיט וויזיאָנערן, כשופמאכערס, באַפרײַערס פון שלעכטע גייסטער האָב איך גענוג אָנגעזען אין ירושלים, דאָ האָט געווימלט מיט זיי. כשוף טרײַבן האָבן זיי אַלע געקאָנט. די זיצערס אין סנהדרין אָדער זיי־ערע שופטים האָבן געמוזט קענען כשוף, כדי זיך נישט צו לאָזן אָפּנאַרן פון כשוף־מאַכערס, און דאָך זיינען זיי נישט געווען אַזעלכע כשוף־מאַכער ווי די כאַלדעער. פונדעסטוועגן ווען מײַן פרײַנד האָט מיר פאַר־ציילט, אַז י ע נ ע ר האָט מיט אים אליין אַ וואונדער געטון, האָט עס מיך פאַראינטערעסירט. ער זאָל, נעמלעך, האָבן זײַן אייגענעם דינער, אַ ליב גריכיש יינגל פון אינזל ראָדאָס, וועלכן איך האָב גוט געקענט און וואָס איז פלוצלינג געהאַט געליימט געוואָרן אויף אַלע אברים — אויס־געהיילט מיט איין איינציק וואָרט. דער אויבערשט, וועלכער איז, איב־ריקנס, געווען נישט קיין קליינער ענטוזיאַסט, אַ פרײַנד פון די יידן און, ווי איך בין אים חושד, האָט ער געהאַט אַ געהיימע נייגונג צו זייער אמונה, האָט מיר פאַרציילט מיט אַלע איינצלהייטן, ווי אזוי דאָס איז פאָרגעקומען:

„דאָס יינגל אַנדרוס, וועלכן מיר האָבן אַלע גערן און דו ווייסט דאָך, אַז ער איז בײַ מיר ווי אַן אייגענער זון, איז פלוצלינג אוועקגע־פאַלן. איך ווייס נישט, וואָס עס איז געשען מיט אים, נאָר ער קאָן נישט מיט קיין אבר רירן. איך האָב זיך זייער דערשראָקן, דער גורל פון יינגל איז מיר שטאַרק אָנגעגאנגען, און אין מײַן פאַרצווייפלונג האָב איך נישט געוואוסט צו וועמען זיך צו ווענדן. מיר האָבן דאָ נישט קיין דאָקטוירים און די באַפעלקערונג ווענדט זיך דאָ אין אַזעלכע פאַלן צו נאַטור־היילער, וועלכע מיר האָבן זייער פיל, וועלכע היילן די קראַנקע מיט וואונדער־קרײַטעכצער, אָפּשפּרעכונגען, אַמולעטן און דאָסגלײַכן. דאָ הער איך מיטאַמאָל וועגן אַ וואונדערלעכן מענטש, וועלכער האָט דאָ נישט לאַנג אויסגעהיילט אַ קרעציקן, וואָס מיר אַלע האָבן געקענט און

זיך געהיטן פאַר אים. אין דער שול האָבן זיי אים געהאַלטן פון דרויסן, בײַם פּאָליש, מורא געהאַט, אַז ער זאָל זיך צו זיי נישט צורירן. אָט דער קרעציקער האָט אַנומלט אַלײן אָנגעטראָפן דעם וואונדערלעכן מענטש און ער האָט זיך געבעטן בײַ אים: „אַז דו ווילסט, קאָנסטו מיך היילן!" האָט זיך דער וואונדערלעכער מענטש אָנגערופן: „איך וויל, אַז דו זאָלסט געהיילט ווערן!". אין דעם זעלבן אויגנבליק איז דער קרעציקער געוואָרן ריין, ווי מיט אַ נײַער הויט איבערגעצויגן זײַן לײַב. דער מאַן האָט אים געהייסן גיין צום כהן און ברענגען זײַן קרבן, און אים אָנגעזאָגט קיינעם נישט צו דערציילן וועגן דעם. פאַרשטייט זיך, אַז אויפן צווייטן טאָג האָט דאָס גאַנצע שטעטל דערפון געוואוסט און אויך איך. גענוג, ווען איך זע, ווי מײַן אַנדרוס וואַרפט זיך אין קראַמפּן — צי האָט ער געגעסן עפּעס אומזעלכעס, אָדער אַ בייזע גיפטיקע מיק האָט אים אַ שטאָך געטון, מײַן האַרץ האָט מיר אויף אים זייער וויי געטון. בין איך אַוועק צו די יידן און זיי געזאָגט: „איך בין שטענדיק גוט געווען צו אײַך, איך האָב אײַך אַפילו געהאָלפן אַ שול בויען, איצט מוזט איר מיר העלפן, גייט צו אײַער וואונדערלעכן מאַן, און זאָל ער געזונט מאַכן מײַן ייִנגל." זיי זיינען אַוועק צו אים. איך האָב נישט געוואַרט אויף זייער שליחות און איך בין זיי נאָכגעגאַנגען און האָב אָנגעטראָפן דעם מאַן. שוין זײַן אויסערלעכער אויסזען האָט אויף מיר אַ שטאַרקן אײַנדרוק געמאַכט. איך האָב זיך געווענדעט צו אים מיט דער בקשה, אַז ער זאָל מײַן ייִנגל היילן, וואָרום איך קאָן נישט צוקוקן זײַן צער. דער מאַן האָט געקוקט אין מײַן פּנים אַרײַן און געזען, אַז איך מיין עס ערנסט, איך גלויב טאַקע, אַז ער קאָן העלפן דעם ייִנגל, האָט ער זיך אָנגערופן: „איך וועל גיין צו דיר אַהיים און וועל אים היילן." איך בין גערירט געוואָרן פון זײַן גוטסקייט, וואָס מיך, אַ פרעמדן, זאָל ער וועלן באַזוכן, נישט געקוקט דערויף, וואָס לויט דעם דין טאָרן זיי זיך נישט געפינען בײַ אַ הייד אין שטוב. האָב איך זיך אָנגערופן צו אים: „דו באַדאַרפסט זיך נישט מטריח זײַן אין מײַן הויז צו קומען, דו קאָנסט באַפעלן די גייסטער מיט דײַנע ווערטער, ווי איך מײַנע זעלנער, איך ווייס דאָס!". ער איז גערירט געוואָרן פון מײַנע רייד און אָנגערופן זיך צו די, וואָס האָבן אים באַגלייט: „צווישן די יידן האָב איך נישט געפונען אַזאַ גלויבן, ווי דער פרעמדער האָט." און ער האָט געזאָגט צו מיר: „גיי אַהיים און אַזוי ווי עס איז דײַן גלויבן, אַזוי וועט געשען!", און איך מוז דיר זאָגן — האָט מיר דער עלטסטער פאַרזיכערט — אַז ווען איך האָב אָנגעקוקט דעם מענטש, האָב איך געמוזט גלויבן אין אים, אַז ער קאָמאַנדירט איבער גייסטער, ווי מיר איבער זעלנער! און שטעל דיר פאָר, איך בין אַהיימגעקומען און האָב גע־

פונען מײַן אנדרוס גיין און רעדן און באַוועגן זיך ווי דו און איך!״

געהערט פון דעם עלטסטן וועגן דעם דאָזיקן וואונדער, בין איך נײַגעריק געוועזן דעם מאַן צו זען, און איך האָב געפרעגט:

— צענטוריאָ, קאָן איך דײַן וואונדער־טוער זען?

— געוויס, ער איז יעדן טאָג בײַם האַפן, ער האַלט זיך דאָרט אויף צווישן די פישערס און די פיש־טריקענער. אויב דו ווילסט, קום מיט מיר, וועסטו אים טרעפן.

איך בין אוועק מיט מײַן פרײַנד צום פישער־האַפן. דאָס איז געווען אַן אָרעמער האַפן, וואָס האָט זיך ארײַנגעשניטן אין לאַנד און איז גע־ווען אָפּגעצוימט פון דער אָזערע דורך א דאַמבע פון שטיינער־בלאָקן, וואָרום דער רואיקער שטילער כנרת קאָן זיך אמאָל אזוי צעבייזערן, אַז די כוואַליעס שלאָגן אָן אָויף די פונדאַמענטן פון די הײַזער. פישער־מענער זיינען געזעסן אין זייערע שיפלעך, און אויפן ברעג פארן האַפן האָבן מיר געזען א רעדל מענטשן. ווײַבער האָבן איבער דעם לאַנגן זאַמדיקן ברעג אויסגעצויגן די נעצן פון זייערע מענער און זיי פאַר־ראַכטן. די מענער — אין די האַלבע לײַבער ארײַן אויפגעפּראַלט, וואָרום עס איז שוין געווען דענסטמאָל געגוג הייס אין דעם וואַרעמען ים־כנרת קלימאַט — האָבן געטון זייער ארבעט, געשלעפט קערב, עמערס מיט פיש פון די בערלינקעס אויפן ברעג ארויס, אײַנגעלייגט זיי אויף די טישן, אויף די שטיינערנע פּלאַטן, וואָס זיינען דאָרט געווען, באַזאַלצן זיי און אויסגעשפּרייט צו טריקענען איבער דעם הייסן ברעג, וואָס איז געווען באַלייגט מיט פּאַלמען־בלעטער. ווידער אַנדערע האַלב־נאַ־קעטע טרעגער און שלעפּער האָבן אויף זייערע פון דער זון אָפּגעברענטע גלאַנציק־מעכטיקע רוקנס געטראָגן זעק מיט תבואות, פולע קערב מיט פרוכטן, בינטלעך פארשידענע גרינסן, וואָס די פּאַרמערס פון עמק האָבן געבראַכט אויף זייערע אייזעלעך צו פירן צום ברעג, און אָנגעלאָדנט עס אויף די בערלינקעס און זעגל־שיפן, וועלכע זיינען געשטאַנען אין האַפן. מס־אויפמאָנער האָבן אויפגעמאָנט די אָפּצאָלונגען, די אויפקויפער פון תבואות האָבן זיך געדונגען מיט די פּאַרמערס, די אויפזעער האָבן אונ־טערגעיאָגט די פיש־טריקענערס צו זייער ארבעט. אָבער נישט געקוקט אויף זייער באַשעפטיקונג, זעען מיר, ווי פון צײַט צו צײַט לויפט ווער אוועק פון דער ארבעט און שטעלט זיך אוועק אין א רעדל מענטשן, וועלכע האָבן ארומגערינגלט א געזעץ־אויסטײַטשער, וואָס פּרעדיקט פאַר זיי. און אַנדערער לויפט אַפּ פון רעדל און קומט צו צו די פישערס אָדער צו די טריקענערס אָדער צו די אויפלאָדנדיקע טרעגערס, זשעס־טיקולירט מיט די הענט אין גרויס ענטוזיאַזם, און פארציילט זיי, וואָס

עס קומט דאָרט פֿאָר אין דעם רעדל. מיר זיינען נײַגעריק געוואָרן צוצוגיין צום רעדל מענטשן, אָבער מײַן פֿרײַנד האָט מיך אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז מיר מוזן זײַן פֿאָרזיכטיק, וואָרום ווען זיי וועלן אונז דערזען, כאָטש מיר זיינען אײַנגעהילט אין אונזערע רוימישע טאָגעס, וועלן זיי זיך דערשרעקן און וועלן זיך פֿונאַנדערלויפֿן, מיינענדיק, אַז מיר ווילן זיי איבערפֿאַלן.

מיר האָבן זיך ביידע אומבאַמערקטערהייט צוגעגנבעט צום רעדל מענטשן, אָפּגעשטעלט זיך הינטער אַ פֿײַגנבוים און באַאָבאַכטעט, וואָס עס קומט דאָרטן פֿאָר.

בײַם ברעג, אַביסל אָפּגערוקט פֿון האַפֿן, זיינען געשטאַנען אַ פּאָר פֿאַרלאָזטע פֿײַגנביימער. עס האָט דאָרט געמוזט אַמאָל זײַן אַ וועלדל פֿון פֿײַגנביימער אָדער אַן אַלעע אין אַ גאָרטן, וואָס די כוואַליעס פֿון דער אָזערע האָבן מיט דער צײַט אָפּגעשווענקט. איצט זענען נאָר איבערגעבליבן אַ דרײַ־פֿיר פֿײַגנביימער, וואָס האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט אויפֿן ברעג. אין דעם הויכן פֿרילינג, ווען די נאַטור אַרום האָט געבליט פֿון אונטער אַ שטיין און זאַמד אַפֿער, זיינען די פֿײַגנביימער געווען נאַקעט און ליער, בלויז אַ פּאָר איינצלנע צווײַגן האָבן זיך באַוויזן הויך איבער זייערע קעפּ. די ווײַבער האָבן אָן זיי זייערע נעצן אָנגעבונדן צום פֿאַרריכטן, זיי האָבן אויף די צווײַגן זייערע פֿישער־קערב אויסגעהאָנגען צום טריקענען. פֿישערס — קונים, וועלכע זיינען געקומען מיט ליידיקע קערב, אָנגעלאָדן אויף אייזעלעך, צום האַפֿן פֿיש צו קויפֿן, האָבן זייערע אייזעלעך בײַ די ביימער אָנגעבונדן. די אייזעלעך האָבן די קאָרע געגריזשעט, און די פֿייגנבלעטער זיינען געווען מער באַדעקט מיט פֿיששיפּן און זאַלץ־פֿײַכטקייט ווי מיט בלעטער און פֿײַגן. עס איז נישטאָ קיין מער טראַגישער אָנבליק, ווי אַ נאַקעטער פֿײַגנבוים, ווען ער שפּרייט אויס זײַנע גרויסע פֿאַרקריפּלטע צווײַגן ווי הענט פֿון אַ געקרייציקטן, וואָס פֿאַלן אַראָפּ פֿון האַלץ. אונטער אַזאַ נאַקעטן בוים מיט אויסגעשטרעקטע הילפֿלאָזע צווײַגן האָב איך געזען שטיין אַ יונגעמאַן, אַרומגערינגלט פֿון אַ קרייז מיט פֿישערס, טריקענערס, האַפֿן־טרעגערס, אויך פּויערים, וועלכע האָבן אויף זייערע אייזעלעך צוגעבראַכט זייערע פּראָדוקטן צו פֿאַרקויפֿן בײַם האַפֿן פֿון כּפֿר־נחום. מען האָט באַדאַרפֿט זען די איינפֿאַכע מענטשן, מיט די כּלים פֿון זייער מלאכה אין די הענט, די פֿישערס מיט די האַקן, די טרעגערס מיט די קערב, די פּויערים מיט די אייזלעך־שטעקנס, ווי זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם מאַן. מיט וואָס פֿאַרא פֿרייד און דאַנקבאַרקייט זיי האָבן זיך צוגעהערט צו זײַנע ווערטער, צוגעשאָקלט מיט זייערע קעפּ. פֿאַר נחת איז פֿון זייערע שטערנס שווייס

גערונען, וועלכע זיי האָבן געווישט מיט די אַרבל פון זייערע קליידער. פאַר נחת האָבן זיי זיך מיט די שטעקנס, מיט וועלכע זיי האָבן אָנגעטריבן זייערע בהמות, און מיט די האַקנס געקראַצט די פאַרשוויצטע רוקנס. איינער האָט צו דעם אַנדערן צוגעוואונקען מיט די גלאַנצנדיקע שוואַרצע אויגן פון זייערע פאַרהאַרטעוועטע, פון זון און ווינט געשמיסענע פּנימ־ער, און צוגעטאַקעוועט אים מיט זייערע געדיכטע בערד. אממייסטנס האָט מיך געוואונדערט, וואָס אויך די שטײַער־אויפמאָנער זײַנען גע־שטאַנען אַרום אים. די מוכסים האָט מען דערקענט אין די בלײַערנע בײַטשן, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין די הענט; די טאָרבעלעך געלט אָנ־געבונדן בײַ זייערע גאַרטלען, מיט די בלעכן אויף זייער ברוסט — דעם סימן פון זייער אַמט. די שטײַער־אויפמאָנער זײַנען געווען פאַרעכנט בײַ די יידן פאַר זינדיקע מענטשן, און מען איז זיך נישט גערן מיט זיי צוזאַממענגעקומען. דאָ זײַנען זיי געשטאַנען אַלע אין איין גרופּע און אַרומגערינגלט דעם יונגן מענטש ווי אַ קראַנץ פון ברידער. וואָס אַמאָל איז דער קראַנץ אַרום אים מער געוואַקסן, אַנדערע אַרבעטער, וועלכע זײַנען נאָך באַשעפטיקט געווען בײַ זייער אַרבעט, האָבן זיך אוועקגע־גנבעט, אויסבאַהאַלטן זיך פאַר די אויפזעערס און געקומען צוצולויפן צו דעם רעדל אַ וואָרט אויפצוכאַפּן, ווי אַ דורשטיקער, וועלכער רײַסט זיך צו אויף אַ מינוט צו אַ פרישן קוואַל אַ שלוק וואַסער צו נעמען. בײַם ברעג טײַך האָט מען געזען אייניקע פישער־שיפלעך, אין וועלכע פּי־שערס מיט אָפּגעברענטע פּנימער און אויפגעפּראַלטע העלדזער, האַלב־באָרוועסע זײַנען געשטאַנען און האָבן זיך אויך צוגעהערט, וואָס דער מאַן זאָגט. אַנדערע פישערס זײַנען געזעסן פאַרטראַכט אין זייערע שיפ־לעך, אויף די דלאָניעס אָנגעלענט זייערע שוואַרץ־בערדיקע פּנימער. זיי אַלע זײַנען אַזוי פאַרכאַפּט געווען פון דעם מאַנס ווערטער, אַז זיי האָבן נישט באַמערקט, ווי מיר, מײַן פרײַנד און איך, האָבן זיך אײַנדער־שטיל דערנענטערט צו זיי און אויך זיך אוועקגעשטעלט מיט זיי צוזאַ־מען צוצוהערן זיך, וואָס דער מאַן האָט צו זאָגן.

איך מוז זיך מודה זײַן, אַז דער ערשטער אָנבליק פון דעם מאַן האָט אויף מיר געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן אײַנדרוק, אַן אײַנדרוק, ווי איך וואָלט געזען עפּעס רעאַלעס און דאָך נישט רעאַלעס. קודם כל, שוין זײַן פיגור אַליין און די פּאָזע, ווי ער איז געשטאַנען מיט די הענט אויסגעשפּרייט אונטער דעם נאַקעטן פײַגנבוים מיט די נאַקעטע צווײַגן!

ער האָט געקאָנט אַלט זײַן אַ יאָר דרײַסיק, אויסערגעוויינלעך דין און אויסגעמאָגערט, אָבער נישט מוסקולירט ווי דער יוחנן, וועלכן איך האָב געזען אין תפיסה־קעלער בײַם טעטראַרך און נישט אַזוי מענלעך

ברייט. נייַן, דער דאָזיקער יונגער מאַן דאָ האָט געהאַט א פיגור פון א שוואַך קינד, און דאָך איז ער געווען העכער פון אַלע. זײַן קאָפּ איז געזעסן אויף א הויכן דינעם האַלדז, און דורך דער איידעלער הויט האָט מען אַרויסגעזען די אָדערן פון זײַנע שלייפן. ער האָט אַרויסגעשטאַרצט פון דעם גאַנצן רעדל האַלב־נאַקעטע מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, אַזוי ווי ער וואָלט נישט געווען געשטאַנען אויף דער ערד, נאָר אויף אומגעזעענע טרעפּ. זײַן פּנים איז געווען אויסערגעוויינלעך בלייך, אָבער דאָך באַלעבט, יונג און געמאַכט אַן אײַנדרוק, ווי די בלייכקייט וואָלט געווען די נאַטירלעכע קאָליר פון זײַן הויט. א יונגע שוואַרצע באָרד, וועלכע האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט זײַנע לאַנגע פּאות, וואָס ער האָט לויט דעם יידישן אַרט געטראָגן, האָט אַרומגענומען זײַן לענגלעכדיק פּנים און נאָך מער בולט אַרויסגעבראַכט די ווײַסקייט פון זײַן געזיכט. זײַן קלייד, וואָס האָט אים פּאַרדעקט — לויט דער אַרט ווי די געלערנטע לײַט האָבן געטראָגן — פון דער עפענונג בײַם האַלדז ביז איבער די פיס, איז געווען טונקל. איבער דעם קלייד האָט ער, נאָכן יידישן מנהג, געטראָגן א מין טוניק אָן אַרבל מיט בלוי־ווײַסע שטרייפן, אין וועלכע עס זיינען געווען אָנגעבונדן פיר לאַנגע טראָלדן, „ציצית”, און זיי האָבן אים דערגרייכט ביז צו די פיס. אַזוי איז ער געשטאַנען אונטער דעם נאַקעטן פײַגנבוים און ער האָט זיי עפּעס אויפגעקלערט אויף זייער אַראַמעאישן זשאַרגאָן.

איך האָב נישט גוט פאַרשטאַנען אַלדינג, נאָר איך האָב שוין דענסטמאָל אויף אַזוי פיל געקאָנט די לאַנדס־שפּראַך, אַז איך האָב געוואוסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. ווען ער וואָלט נישט מיט אַזוי פיל פּסוקים פון דער שריפט זיך באַנוצט, וואָס ער האָט זיי געזאָגט אין דעם אַלטן העברעאיש, וואָלט איך אים נאָך בעסער געווען פאַרשטאַנען. דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען געווענדט צו די אָרעמע מענטשן, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט, צו די פיש־זאַלצער און פיש־טרעגער, וועלכע זיינען געווען זײַנע צוהערער. ער האָט זיי געמוזט זאָגן טרייסט־ווערטער איבער זייער שווער לעבן, וואָרום מען האָט דערקענט אין זייערע באַגליקטע פּנימער, אין זייערע אָפענע מײַלער, אין זייערע פריידיקע אויגן, אַז ער זאָגט זיי עפּעס גוטס. ווי איך האָב פאַרשטאַנען און ווי עס האָט מיר דערנאָך מײַן פרײַנד דערקלערט, האָט ער זײַנע אָרעמע צוהערער געטרייסט, זאָגנדיק זיי, אַז זיי זיינען דאָס זאַלץ פון דער ערד און פון זיי און דורך זיי וועט די הילף קומען. „וואויל איז צו די, וואָס האַלטן זיך קליין, וואָרום זיי וועלן האָבן דאָס הימלרײַך, וואויל איז צו די אָרעמע, וואָרום זיי וועלן ירשענען דאָס לאַנד!” און דאַן האָט ער

עפּעס ציטירט פון דער שריפט: „דאָס פאָלק, וואָס גייט אין דער פינצ־טער, האָט דערזען א גרויסע ליכט, און די וואָס זיצן אין דעם לאַנד פון טויט איז א ליכט געפאַלן איבער זיי...״

פלוצלינג האָב איך באמערקט אויף די פּנימער פון די צוהערער אן אויפשטראַלנדיקע גליקזעליגקייט, ער האָט זיי געמוזט עפּעס זייער קלוגעס זאָגן, וואָרום זיי האָבן אים געקוקט אין אָפענעם מויל אריין און געשלונגען זיינע ווערטער. „דאָס דערקלערט ער זיי מיט א משל, וואָס זיי האָבן אזוי ליב״ — האָט מיר דער עלטסטער צו פארשטיין געגעבן.

מיט אמאָל האָבן מיר דערהערט א גרויס גערודער, א געשריי און א געבייזער, און א רעגן פון קאנטשוגעס האָט אָנגעהויבן צו פאַלן איבער די קעפּ פון די צוהערער. עס איז געוואָרן א געלויף. מיר האָבן זיך אומגעקוקט און געזען, ווי די אויפזעער איבער דער אַרבעט פון די פּיש־טריקענער, וואָס די אונטערנעמער האָבן אָנגעשטעלט, האָבן אָנ־געהויבן צו קלאַפּן איבער די קעפּ פון די טאָג־לוינער, וועלכע זיינען געשטאַנען מיט זייערע כלים אין די הענט — ארום דעם יונגענמאַן און זיך צוגעהערט צו זיינע רייד מיט דורשט. נאָך בלייט די פרייד אויף זייערע פּנימער פון זיינע רייד, וואָס איז פאר זייערע אויערן זיס געווען צו הערן, און דאָ מיטאמאָל דערפילן זיי די קלעפּ פון די אויפזעערס אויף זייערע קעפּ. פיל פון די טאָג־לוינער האָבן געכאַפּט זייערע כלים, די קאָרבן, די האַקעס, די זאַלץ־שאַפלען און זיינען פלינק אוועקגעלאָפן צו זייער אַרבעט. אנדערע זיינען אָבער אזוי צוגעצויגן געוואָרן פון זיינע רייד, אז זיי האָבן זיך ווייטער אָפּגעשטעלט הערן, נאָר די אויפזעערס זיינען איצט ארויס מיט א געוואַלד און א געשריי אויף דעם פּרעדיקער.

— וואָס איז ער געקומען אהער צו שטערן די אַרבעטער, ווייסט ער דען נישט, אז זיי זיינען טאָג־לוינער?

— דער טאָג פון טאָג־לוינער געהער צו זיין האַר! — האָט דער עלטסטער פון די אויפזעער געשריגן אויף דעם פּרעדיקער.

— יאָ, דו האָסט רעכט — האָט ער אָפּגעענטפערט דעם אויפזעער מיט א שמייכל אויף זיין בלייך פּנים — דער טאָג פון טאָג־לוינער גע־הער צו זיין האַר, אָבער קיינער קאָן קיין האַר נישט אָנגערופן ווערן, נאָר דער האַר פון דער וועלט און צו אים געהערן אונזערע טעג. צו וואָס איז די זאַך געגליכן?

און ער האָט זיי געוואָלט פארציילן עפּעס, אָבער די אויפזעער האָבן אים איבערגעשריגן:

— ער וועט זיינע שיינע דרשות האַלטן שבת אין דער שול און נישט דאָ ביי דער אַרבעט!

— עס איז קעגן דעם געזעץ צו באַלעמוטשען דעם טאָג־לוינער אין זײַן אַרבעט אפילו דורך תורה פּרעדיקן — האָבן די אויפזעערס איצט באַקומען א שטאַרקונג פון אן ערנסטן, טונקל־געקליידטן מאַן, וועלכער איז צוגעקומען צו דער פאַרזאַמלונג. איך האָב אים שוין פון לאַנג געהאַט באַמערקט. ער איז געשטאַנען פונדערווײַטנס און זייער פאַראינטערעסירט זיך צוגעקוקט צו דער גאַנצער סצענע; דאָס איז דער סגן פון דער שול, אין וועלכער דער יונגער פּרעדיקער האָט געהאַט לעצטן שבת אין זײַן דרשה א וכוח וועגן זייער געזעץ־אויסטײַטשונג.

דערמוטיקט דורך די ווערטער פון דעם ווירדיקן סינאַגאָגע־פונק־ציאָנאַר, האָבן די אויפזעער מער חוצפּה באַקומען קעגן דעם פּרעדיקער.

— מיר וועלן אים פון דאַנען פאַרטרײַבן, דעם געזעץ־צעשטערער, מיר וועלן אים צום בית־דין לאָדן, ער זאָל אונז געבן שאָדן־ערזאַץ!

ווער ווייסט, מיט וואָס די סצענע וואָלט זיך געענדיקט, ווען עס וואָלטן זיך פּלוצלינג נישט באַוויזן עטלעכע מענער און אַרומגערינגלט מיט א וואַך דעם פּרעדיקער. איינעם פון זיי האָב איך שוין פריער באַמערקט, ער איז געזעסן בײַם ברעג פון דער אָזערע אין זײַן שיפל. דאָס איז גע־ווען א שוואַרץ־בערדיקער ייד, מיט ברייטע פּלייצעס, א נידעריקער איז ער געווען, נאָר א פעסטער, ווי איין גרויסער וואָרצל, ער האָט זײַנע אָדערדיקע מוסקולירטע הענט אויסגעשטרעקט, ווי ער וואָלט דעם יונגנ־מאַן געוואָלט באַשיצן אין זײַנע אָרעמס. נאָך א צוויי־דרײַ מענער, אויך פישער־יידן, מיט אויפגעפּראַלטע האָריקע ברוסטן, צעפּלאָשעטע בערד, פאות און האָר, האָבן געלאָזט בײַם ברעג ליגן זייערע פישער־נעצן, מיט וועלכע זיי זיינען באַשעפטיקט געווען, און אַרומגעשטעלט זיך אַרום דעם פּרעדיקער צו באַשיצן אים קעגן די אָנגרייפנדיקע אויפזעער, וואָס האָבן שוין זייערע קאַנטשוגעס געלאָזט פירן אין דער לופטן.

— דער האַפן איז א רשות הרבים און געהער צו אַלעמען, נישט נאָר צו אײַערע פּאַדריאַטשיקעס! — האָט דער ערשטער פישער גע־שריגן — ווער עס וויל דאָ רעדן, קאָן רעדן!

אָבער דער מאַן, וועלכער איז געשטאַנען אינמיטן דעם טומל פון די אויפזעערס, ווי ער וואָלט נישט געווען דערבײַ און נישט געזען, וואָס עס טוט זיך, האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף די רייד און דעם געשריי אַרום אים. ער האָט זײַן גאַנצע אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט איצט אויף דעם פישער־ייד, וואָס איז אים געקומען צו הילף. איך האָב עס באַמערקט, ווי ער האָט זײַנע גרויסע שוואַרצע אויגן אַרײַנגעגעבערט אין דעם נאַיוון, פּראָסטן פּנים פון דעם פישער־ייד, וועלכער איז דער־שראָקן געוואָרן פאַר זײַן בליק. און דיביידע מענער האָבן זיך א ווײַלע

אַנגעקוקט אין די אויגן און געשוויגן. דאַן האָט דער פישער גענומען דעם פּרעדיקער בײַ דער האַנט, ווי א פאָטער א קינד, און האָט אים אַרויסגע־פירט פון דעם טומלדיקן עולם.

א לאַנגע ווײַלע האָבן נאָך די פישער־זאָלצער זיי ביידע נאָכגע־קוקט, ווי זיי האָבן זיך דערווײַטערט אין שאָטן פון דער גאַס. דאַן האָב איך געהערט, ווי זיי האָבן גערעדט צווישן זיך:

— דאָס איז דערפאַר, ווײַל ער חברט זיך מיט אונז, אָרעמע מענטשן, דעריבער האָבן אים די אַנדערע פײַנד.

— ער איז אונזער טרייסטער. ווער האָט נאָך צו אונז גערעדט אַזעל־כע רייד — האָט אַן אַנדערער אים נאָכגעקוקט.

— ער איז יוחנן אַליין, וועלכער איז פון קבר אויפגעשטאַנען צו טרייסטן אונז.

— ער איז אליהו הנביא, ווי אליהו הנביא היילט ער די קראַנקע.

— נו, נו, איר וועט אַלץ אין שול שפּעטער פאַרציילן. איצט צו דער אַרבעט צוריק! — האָבן די אויפזעער אָנגעטריבן די פאַרחלומטע אַר־בעטער, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין נאָכקוקן די אָפּגייענדיקע מיט פאַרבענקטע אויגן.

— אייגנטלעך האָבן זיי רעכט! — רוף איך זיך אָן צו מײַן פרײַנד, דעם צענטוריאָן, וועלכער שטייט פאַרחלומט ווי די אַנדערע.

— ווער? — פרעגט ער מיך.

— די אויפזעערס. דאָס זיינען טאָג־לוינערס, זייער אונטערנעמער צאָלט זיי פאַר דער צײַט, און ער רײַסט זיי אָפּ פון דער אַרבעט! אייגנטלעך, איז ער א געזעץ־שטערער!

דער צענטוריאָן האָט מיך אָנגעקוקט מיט ווייטאָג, און א טרויערי־קייט איז געלעגן אין זײַן בליק.

— יאָ, ער איז אַן אַרבעט־שטערער, ווי די זון און ווי דער פרילינג־רעגן, אויך זיי באַלעמוטשען די מענטשן מיט פרייד און נחמה...

איך האָב נישט פאַרשטאַנען מײַן פרײַנד. יעדנפאַלס, איז געווען די העכסטע צײַט זיך צו דערווײַטערן, וואָרום די אַרבעטער האָבן אונז אָנ־געהויבן צו באַמערקן. זיי האָבן זיך דערשראָקן אויף אונזער דערשײַנונג, און זיי האָבן זיך שוין געוואָלט פונאַנדערלויפן. ווען זיי האָבן אָבער מיך געזען לעבן זייער עלטסטן, וועלכער איז געווען מיט די יידן פון דער שטאָט אין גוטע באַציאונגען, האָבן זיי זיך באַרואיקט.

— קום, לאָמיר גיין—זאָג איך צו דעם צענטוריאָן—די יידן וועלן מיינען, אז מיר ווילן זיך באַקערן צו זייער גלויבן; ווען מיר וועלן בלײַבן, וועלן זיי לויט דעם יידישן שטייגער באַלד מיט אונז צופיל נאָענט ווערן...

קאַפּיטל אַכצן

דער רבי פּירט טיש.

איך מוז זיך מודה זײַן, אז דער מאַן האָט פון ערשטן אויגנבליק אָן, ווען איך האָב אים געזען ארומגערינגלט מיט די יידן — זײַנע אָנהענגער, וועלכע האָבן זיך מיט אזא דורשט צוגעהערט צו זײַנע רייד אונטער דעם פאַרטריקנטן פײַגנבוים, מיך נישט רוען געלאָזט. שוין זײַן אויסערלעך אויסזען אליין, זײַן האנדלונג, זײַן אומגיין זיך מיט מענטשן רופט ארויס א טיפן גלויבן און אן אומבאגרענעצטן צוטרוי צו זיך. און איך מוז זיך מודה זײַן, אז עס האָט געפעלט א האָר, וואָלט ער מיך אויך געווען מיט־ארײַנגעצויגן אין זײַן צויבערקרײַז, וואָס ער האָט געשאפן ארום זיך. בלויז אדאַנק מײַן מענלעכן כאַראַקטער, אדאַנק מײַן דיסציפּלינירטער דערציאונג האָב איך אויסגעמיטן פון ארויפצוגליטשן זיך און פאַרפירט צו ווערן פון זײַן אַזיאַטיש־מאַגנעטישער קראַפט, ווי ער האָט עס לײדער מיט אנדערע רוימער געטון, ווי למשל, מיט מײַן פרײַנד, דעם הויפּטמאַן פון כפר נחום. אינדעראמתן אָבער בין איך געווען נאָענט דערצו און א געוויסע צײַט האָב איך מיך נישט געקאָנט באפרײַען פון אים.

און עס איז קיין וואונדער נישט. אָט בין איך אנומלט אליין געווען אן עדות דערפון, ווי ווײַט עס קאָן דערגיין דער כח פון גלויבן. מיר רוימער ווייסן עס גאָרנישט. מיר, וועלכע שטייען אינדרויסן, קאָנען עס גאָרנישט באַגרייפן, ווי ווײַט זיי, די ידן, זיינען פאַרנאַרט פון דעם גלויבן. מען האָט זיי נאָר באַדאַרפט זען אין בית־מקדש־הויף, ווי זיי זיינען געשטאַנען אין א יום־טוב אײַנגעפּרעסט ווי די הערינג איינס לעבן דעם אנדערן, אז קיין פינגער האָט מען נישט געקאָנט ארײַנשטעקן צווישן איין לײַב און דעם אנדערן, און דאָך האָבן זיי זיך אײַנגערעדט, אז ווען זיי וואַרפן זיך אויף דער ערד צום מתודה זײַן זיך, געשעעט א נס און עס איז דאָ גענוג פּלאַץ פאַר אלע, אז איינער זאָל דעם אנדערנס ווידוי נישט הערן. און עס איז טאַקע אזוי געווען. נאָר צי דער פּלאַץ האָט זיך טאַקע אויסגערוקט פאַר זיי, צי זיי האָבן זיך אײַנגעקוועטשט און אײַנגעשרענקט, אז איינער זאָל דעם אנדערן נישט אָנרירן, דאָס קאָן מען נישט וויסן. זיי האָבן, למשל, געגלויבט, אז אין גאַנצן בית־מקדש־הויף, וואו זיי האָבן טאָג־איין, טאָג־אויס געהאלטן אין איין שעכטן קרבנות, האָט זיך קיין איין פליג נישט באוויזן. אמת, דער גלויבן איז דערצו דאָ, וואָרהאַפטיק צו מאַכן אומוואָרהאַפטע זאַכן, — אויך אונזערע געטער קענען אין דער

הינזיכט עפּעס אויפטון. — צעאוס קאָן זיך פּאַרוואַנדלען, ווען ער באַדאַרף, אין א שוואַן אָדער אין א גאָלדענעם וואָלקן; אָבער דעם כח, וואָס די יידעלעך האָבן זייער גאָט צוגעשריבן, דעם גלויבן, וואָס זיי האָבן אים געשאָנקען — ניין, אין דער קונסט האָט זיי קיינער נישט געקאָנט איבעריאָגן.

דער מאַן איז שוין דענסטמאָל אין כפר נחום זייער באַליבט און באַרימט געווען, ער איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע רבּיס נישט נאָר בלויז בײַ די פישער־יידן פון קליינעם פּאָרט, נאָר אפילו בײַ די געבילדעטע און געלערנטע פון דער גאַנצער אומגעבונג: נאָכדעם ווי ער האָט דערקלערט פֿײַערלעך אנומלט שבת אין דער שול, אז „ער איז נישט געקומען צו.צעשטערן די תורה און די רייד פון די נביאים, נאָר זיי צו דערפילן”, האָבן זיי מיט אים שלום געמאַכט. ער האָט אפילו געזאָלט אין דער שול עפנטלעך דערקלערן, אז „גיכער וועלן הימל און ערד אונטערגיין איידער א „קצו של יוד” פון זייער תורה”, צי עפּעס אזעלכעס ענלעכס. אזא אײַנגערעדטע, חוצפּהדיקע וויכטיקייט האָבן די יידן צוגעשריבן צו זייערע הייליקע ביכער. אין דעם גרויסהאַלטן זיך מיט זייער לערע האָט זיך דער רבי — ווי זײַנע מיינונגען זיינען זיך נישט פונאנדערגעגאנגען מיט די אָפיציעלע רבּיס — נישט אָפּגעשיידט פון די אנדערע. אלע זיינען זיי געווען איבערצײַגט, אז זייער שריפט באַזיצט א געטלעכע מאַכט, אז זי איז געגעבן געוואָרן צו זיי פון הימל. יעדנפאלס, נאָך דער דאָזיקער שאָוויניסטישער דערקלערונג, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן אין זייער שול, האָבן די שריפט־געלערנטע און די שרײַבער זיך מיט אים אויסגעגלײַכט. זײַן וואונדער־טון האָט בײַ זיי קיין פאַרדרוס נישט ארויסגערופן, פאַרקערט — עס איז געווען גאַנץ אין אָרדענונג, אז געלערנטע און פרומע מענטשן זאָלן העלפן קראנקע דורך תפילות און ניסים. איך האָב דאָך שוין געזאָגט, אז וואונדער־טון האָבן זיי אלע געקאָנט. אויך אנדערע רבּיס האָבן געהיילט קראנקע אויף אזא אופן.

ער האָט שוין זײַנע אייגענע תלמידים געהאַט, אמת טאקע, נישט פון געלערנטן קלאַס, נאָר פון אָרעמען פאָלק — א פּאָר פישער־יידן, וועלכע האָבן געוואָרפן די פּרנסה און זיינען אים נאָכגעגאנגען. און בײַ איינעם פון זיי, בײַ דעם טאקע, וועלכער האָט אים פון די אויפזעערס אָפּגעראַטעוועט, האָט ער געוואוינט. ער איז געווען זײַן ערשטער תלמיד. איך האָב זיך דערנאָך מיט דעם דאָזיקן פישער־ייד באַקענט, שמעון האָט מען אים נאָך דענסטמאָל גערופן. דאָס איז געווען אַן איינפאכער פישער, מיט א געדיכטער שווארצער קאָלטענעוואַטער באָרד. זײַן שקעלעטן־

ביין איז געווען ווי אויס שטאָל געגאָסן און האָט זיך אַרויסגעשניטן פֿון אונטער זײַן אָפּגעבערנטער טונקעלער הויט. זײַנע הענט — אײַזן־שטאַנגען, ער האָט געקאָנט מיט זיי אַ בוים מיטן וואָרצל אויסרײַסן; זײַן פּנים, וואָס איז געשמיסן געווען פֿון טאָג־שטורמען און נאַכט־ווינטן, בעת ער האָט אויף זײַן שיפֿל פֿאַרבראַכט, איז געווען ווי אויס קיזלשטיין געהעמערט. דער דאָזיקער מעכטיקער מאַן האָט פֿאַרמאָגט אַן אויסטערלישע ליבע און איבערגעגעבנהייט צו זײַן רבין. ווען דאָס פֿאָלק האָט געדרענגט צו זײַן רבין, אַרומגערינגלט אים מיט מויערן פֿון קראַנקע און אָרעמע און געבעטן בײַ אים הילף, האָט דער פֿישער־מאַן גענומען דעם שוואַכן גוף פֿון זײַן רבין אויף די הענט, ווי אַ טאַטע נעמט זײַן קליין קראַנק קינד, און אים אַוועקגעטראָגן מיט זיך. דער דאָזיקער שמעון האָט נאָר געלעבט פֿאַר זײַן האַר. עס איז געווען רירנדיק צו זען, ווי דער שטאַרקער און מעכטיקער מאַן איז געשטאַנען הינטער דעם שוואַכן דינעם ייִד, בשעת יענער האָט גערעדט אין אַ קרײַז פֿון זײַנע אָנהענגער, צו די פֿישערס בײַם פּאָרט אָדער צו די דאַוונערס אין דער שול, און געקוקט אים אין מויל אַרײַן מיט ציטערנדיקער פֿרייד. זײַן טונקל באַהאָריקט פּנים האָט געלויכטן אינגאַנצן פֿאַר נחת. ער האָט תּמעוואַטע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יעדן וואָרט, וואָס זײַן רבי האָט געזאָגט, און די גרויסע הענט געהאַלטן גרייט זײַן רבין צו באַשיצן פֿון יעדן איינעם, וואָס קומט נאָענט צו צו אים. אין זײַנע אויגן האָבן געציטערט טרערן פֿון באַגייסטערונג, אַזוי האָט ער געהויכט איבער אים. זײַן רבי האָט שוין דענסטמאָל פֿאַרמאָגט נאָך אַנדערע תּלמידים, טאַקע אַ ברודער פֿון דעם זעלבן שמעון, וועלכער האָט אויך ווי דער שמעון אַוועקגעוואָרפֿן די אַרבעט בײַ דעם פֿיש־פֿאַנגען און איז נאָך אים נאָכגעגאַנגען. געווען אַזאַ מנהג בײַ ייִדן, אַז זייער רבין האָבן זיי טײַערער געהאַלטן אפֿילו פֿון זייער אייגענער משפּחה. אָפּטמאָל האָט זיך געטראָפֿן בײַ זיי, אַז זיי האָבן פֿאַרלאָזט זייער הויז און פֿעלד, זייער ווײַב און קינדער, געוואָרפֿן זייער באַשעפֿטיקונג און זײַנען נאָכגעגאַנגען נאָך אַ לערער, וועלכער האָט זיי צוגעצויגן מיט זײַן לערע. אַ חוץ די צוויי ברידער זײַנען דעם מאַן נאָכגעגאַנגען נאָך אַנדערע תּלמידים, אויך צוויי אַנדערע ברידער, יעקבֿ און יוחנן, זיי זײַנען אַוועק פֿון זייער רײַכער מוטער פֿון בית־צדה, אַ קליין שטעטל נישט ווײַט פֿון כּפֿר־נחום. איבעריקנס, זײַנען דאָס געווען ביטערע יונגען, עכטע מאַקאַבעער! ער האָט זיי גערופֿן „קינדער פֿון שטורעם", זיי זײַנען גרייט געווען יעדן איינעם צו דורסן, צו צעשנײַדן, אויב עס האָט ווער עפּעס שלעכטס גערעדט אויף זייער רבין אָדער נישט געגלויבט אין אים. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַרומקריגן מיט די

אַנדערע יידן, אַזוי אַז זייער רבי האָט זיי שטענדיק געמוזט האַלטן אין דער צוים, זיי זאָלן קיין געררודער נישט אַרויסרופֿן. נאָר דער באַליבטס־טער און איבערגעגעבנסטער תּלמיד פֿון זיי איז בײַ אים געווען אָט דער שמעון, און בײַ דעם דאָזיקן שמעון, ווי געזאָגט, האָט ער זיך אויך אויפֿ־געהאַלטן, — נישט בײַ אים אייגנטלעך, נאָר בײַ זײַן שוויגער.

איך בין נײַגעריק געווען צו זען זײַן קוואַרטיר, בין אַנומלט צו־זאַמען מיט נאָך אַנדערע אים נאָכגעגאַנגען אַהיים. ווען ער האָט זיך באַוויזן בײַם פּאָרט אָדער אין דער שול, האָבן אים שטענדיק מענטשן אַרומגערינגלט, אָרעמע און קראַנקע, און זיי פֿלעגן אים צובאַגלייטן אַהיים, בעטנדיק זיך בײַ אים, אַז ער זאָל זיי היילן. איך בין אַלזאָ מיט אַ חבֿרה נאָכשלעפּער נאָכגעגאַנגען נאָך אים ביז צו דעם הויף, וואו עס האָט געוואוינט שמעונס שוויגער. פֿאַרן טויער פֿון הויף האָט זיך דער פֿישער־ייִד שמעון אָוועקגעשטעלט מיט זײַן ברייטער פֿיגור, פֿאַרשטעלט דעם אײַנגאַנג און נישט געלאָזט קיינעם אַרײַנגיין.

— לאָזט אים אָפּרוען אַ ווײַלע, איר זעט דאָך, אַז ער איז שוואַך! — האָט ער זיך געבעטן בײַם צודרינגלעכן עולם.

ווען ער האָט מיך דערזען — ער האָט מיך שוין דענסטמאָל געקענט, איך האָב זיך מיט מײַן פֿרײַנד, דעם הויפּטמאַן פֿון כּפֿר־נחום, אָפֿט גע־וויזן אין זײַנע קרײַזלעך, — האָט ער צוליב דרך־ארץ פֿאַר אַ רוימישן אָפֿיציר מיך אַרײַנגעלאָזט.

עס איז געווען אַן אָרעמער הויף, אַרומגערינגלט מיט אַ צוים פֿון צווײַגן און אַרומגעפֿלאָכטן מיט פּאַלמען־בלעטער. אין הויף זײַנען גע־שטאַנען אַ פּאָר ־דאַרע, האַלב־פֿאַרשטויבטע פֿײַגנביימער און עטלעכע פּאַלמען, וואָס מען האָט געפֿונען אין יעדן אָרעמען ייִדישן הויף (אָן פּאַלמען־ביימער האָבן זיי זיך נישט געקאָנט רירן און זיי האָבן נוצן געצויגן פֿון די דאָזיקע ביימער פֿאַר אַלע זייערע באַדערפֿעניש — זומער צו פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר דער היץ און ווינטער צו באַדעקן מיט זיי דעם דאַך פֿאַרן רעגן). די קאָרע פֿון די פּאַלמען און פֿון די פּאָר פֿײַגנביימער איז אויפֿגעפֿרעסן געוואָרן פֿון די פֿיש־שיפֿן, וואָס די אויפֿגעהאָנגענע נעצן צום טריקענען האָבן אויף זיי איבערגעלאָזט. פֿאַרן הויז האָט זיך געפֿונען אַ גוט־באַאַרבעטער גרינס־גאָרטן, אָן וועלכן קיין ייִדישע שטוב האָט זיך נישט געקאָנט באַגיין, דער גרינס־גאָרטן איז געווען זייער שפּײַזער. אינמיטן הויף איז געשטאַנען, אָנגעלענט אויף צוויי אַלטע אייל־בירטן־ביימער, אַ קליין הײַזל, וואָס איז באַשטאַנען פֿון געטריקנ־טער ערד און אַרומגעלייגט מיטביימער־שטאַמען, אַרומגעפֿלאָכטן מיט פּאַלמען־צווײַגן. אויפֿן דאַך, צו וועלכן מען האָט דערגרייכט אויף אַ

לײטערל, איז געװען אױפֿגעשטעלט אַ בײַדל, אױך געפֿלאָכטן אױס אײלבירטן־צװײַגן. דאָס בײַדל אױפֿן דאַך האָבן זײ אױפֿגעשטעלט פֿאַר זײער רבין. אַרבעס־בלימלעך, װאָס זײנען געװען פֿאַרפֿלאַנצט בײַ דער זײַט פֿון הױז, האָבן זיך איצט, אין פֿריִען פֿרילינג, אַרױפֿגעקריגן אױפֿן דאַך און געצױגן זײערע קראַנצן פֿון בלױ־ראָזע אײדעלע בלימלעך איבער דעם בײַדל. אין הױף בײַם ערדענעם באַק־אױװן איז געשטאַנען אַן עלטערע פֿרױ אין אַ זאַק־קלײד, זי האָט אױף אַ פֿײַערל פֿון געטריקנטע צװײַגן געבאַקן פֿלעצלעך. די דאָזיקע פֿרױ זאָל האָבן מיט אַ פּאָר טעג פֿריִער פּלוצלינג קראַנק געװאָרן, די גאַנצע שטאָט האָט געװוּסט, אַז זי האַלט בײַ שטאַרבן, און דער רבי האָט זי געהײלט. אַלע האָבן געװוּסט פֿון דעם װוּנדער, װאָס דער רבי האָט געטון דער אַלטער פֿרױ, שמעונס שװיגער, און מען איז זי געקומען אָנקוקן. אױף דער צװײטער זײַט הױף האָבן זיך געטריקנט אַ פּאָר פֿישער־נעצן, װאָס מען האָט זײ שױן זינט אַ געװיסער צײַט נישט געברױכט, װאָרום די פֿישער־ברידער האָבן זײער מלאכה געװאָרפֿן און זײנען געװען פֿאַרנומען מיטן רבין. אין הױף האָבן זיך אַרומגעדרײט אײניקע מענטשן — אַ פּאָר יונגע מענער און פֿרױען, װעלכע האָבן די עלטערע װײַבער צוגעהאָלפֿן בײַם צוגרײטן דאָס אָװנטברױט.

װי איך בין געװאָר געװאָרן, האָט זיך צום אָװנטברױט געזאָלט צוזאַמענקומען אַ גרעסערע גרופּע גלױביקע צו דער אַלגעמײנער סעודה מיט זײער רבין, און די הױף־מענטשן האָבן מיט שטילן ערנסט צוגעגרײט צו דער סעודה. די װײַבער האָבן געבאַקן מצה־פֿלעצלעך אין די אױװנס, די מענער האָבן די פֿישער־ברעטער צוזאַמענגעלײגט פֿאַר טישן, אין אַ װינקל איז געשטאַנען אַ פֿרױ און האָט אין אַ קריג געװאַשן דאָס קלײד פֿון זײער רבין, אָבער אַלץ איז דאָ צוגעגאַנגען זײער שטיל. זײ האָבן אַנשטאָט צו רעדן איבערגעװוּנקען זיך מיט די אױגן און מיט די הענט, װאָרום זײ האָבן נישט געװאָלט שטערן זײער רבין, װעלכער האָט זיך איצט געפֿונען אַלײן אױף זײַן דאַך־שטיבל פֿאַרטיפֿט אין געבעט.

איך האָב דערזען, אַז איך האָב די מענטשן אַרײַנגעבראַכט אין שרעק מיט מײַן פּלוצלינגן דערשײַנען, און איך האָב זיך דערװײַטערט. אָבער אין אָװנט האָט מיך מײַן פֿרײַנד באַגלײט אין הױף פֿון שמעון דעם פֿישער. מיר האָבן איבער אונזערע רױמישע קלײדער אַריבערגעװאָרפֿן אַזעלכע זאַק־צודעקן, װי די אַנדערע. װען מיר זײנען אָנגעקומען צום הױף, איז שױן געװען אַ גרױס געשטײ פֿון מענטשן אַרום דער צװײטער און בײַ דעם אײַנגאַנג פֿון טױער, מען האָט אונז צוזאַמען מיט די אַנדערע אַרײַנגעלאָזט. אינעװײניק, אין הױז פֿון שמעון, אין אַ געװוּג גערױמיגער

שטוב, פון וועלכער מען האָט אַלץ אַרויסגענומען, נאָר איבערגעלאָזט בלויז מאַטראַצן געפּלאָכטן אויס גראָז, וואָס זיינען געווען אויסגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, זיינען אַרום אַ לאַנגן טיש, צונויפגעקלאַפּט אויס פישער־ברעטער, אַרומגעזעסן אַן ערך פופצן־צוואַנציק מענער, אַנדערע זיינען געשטאַנען אַרום דעם טיש. דער טיש איז געווען באַלויכטן מיט אַ פּאָר ערדענע אייל־לעמפּלעך, וואָס זיינען אַראָפּגעהאָנגען פון די צווייגן און בעלקעס איבער די טישן. איבעריקנס, איז אויך די נאַכט געווען אַ ליכטיקע, אַ פרילינגס־נאַכט ביי דער כנרת־אָזערע, און די גרויסע שטערן האָבן זיך אַריינגעגנבעט און באַרעגנט די שטוב מיט ציטערדיקן הימל־ליכט.

אויבנאָן, האַלב־געלעגן און האַלב־געזעסן, האָט דער רבי פון דעם קראַנץ שוואַרץ־באַבערדיקטע און שוואַרץ־באַהאָרטע מענער אַרויסגע־שיינט מיט דער ליכטיקער ווייסקייט פון זיין קלייד און מיט דער בלייכ־קייט פון זיין פּנים. דער מערסטער טייל לייט, וואָס האָבן אָנגעפילט די שטוב, זיינען געווען פישער־פאָלק און פויערים פון טאָל, וועלכע האָבן געבראַכט זייערע באַרימטע ווייצן אין שטאָט אַריין צו פאַרקויפן, זיי האָבן געהערט פון דעם מערקווירדיקן מאַן, זיינען זיי געקומען צו שמעונען אין הויף אַריין זען אים, הערן אים און אפשר דורך אים גע־האָלפן ווערן. די ווייבער האָבן געבראַכט דאָס געקעכץ, וואָס זיי האָבן געקאָכט אין דער קיך אויפן הויף, מצות־פלעצלעך און געבראָטענע קליינע פישלעך, געוויקלט אין טייג, וואָס מען האָט צוגעגרייט פאַרן רבינס כבוד וועגן, און אויך פיל גרינוואַרג אין ערדענע טעלער פונאַנ־דערגעשטעלט אויפן טיש. אַנדערע ווייבער האָבן פון זייערע שטובן מיט־געבראַכט מתנות און אוועקגעשטעלט פאַרן רבין — איינע אַ קריג וויין, אַן אַנדערע אַ טעפּל האָניק, אויך פיל פרוכטן, געטריקנטע פייגן און טייטלען.

אויך פיל קינדער זיינען דאָרט מיט זיי מיטגעווען, די פאָרמערס האָבן די קינדער אין די טליתים געבראַכט און דערלאַנגט זייערע קעפּ־לעך אונטער דעם רבינס הענט, כדי ער זאָל זיי בענטשן. ער האָט אָבער גענומען די קינדער און אַרומגעזעצט זיי אַרום זיך ווי אַ קראַנץ.

די ווייבער האָבן פאַר אים די פלעצלעך אויסגעלייגט, און איידער ער האָט זיי געבראָכן, האָט ער זיך אָנגערופן צום עולם:

— לאָמיר בעטן צו אונזער פאָטער אין הימל!

האָט איינער פון זיי געזאָגט:

— רבי, מיר זיינען אומוויסנדע לייט, מ'האָט אונז נישט געלערנט ווי אַזוי צו בעטן.

האָט ער געזאָגט צו זיי:

— שטייט דען נישט געשריבן: „תמימים זאָלט איר זײַן צו אײַער גאָט”. איר זענט מער חשובים בײַ גאָט ווי די געלערנטע לײַט, וואָרום עס שטייט געשריבן: „די תמימות פון די גערעכטע וועלן מיך טרייסטן”.

האָט אַן אַנדערער געזאָגט פון אַ ווינקל אַרויס:

— מיר זײַנען זינדיקע, רבי!

דערויף האָט ער אָפּגעענטפערט מיט אַ משל:

— צוויי מענטשן גייען אַרויף אין בית־מקדש, איינער איז אַ זינ־דיקער און דער צווייטער איז אַ צדיק. דער זינדיקער שטייט מיט אַ צעבראָכן האַרץ פאַר דעם הייליקטום און ער וואַגט נישט די אויגן אויפ־צוהייבן, ער לאָזט זײַן בליק זינקען צו דער ערד און זאָגט בײַ זיך אין האַרץ: „טאַטע אין הימל, דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ זינדיקער מענטש, זײַ מיר מוחל און האָב רחמנות אויף מיר!” דער צווייטער, דער צדיק, שטייט און זאָגט בײַ זיך אין האַרץ: „טאַטע אין הימל, דו ווייסט דאָך און קענסט מיך, איך בין נישט ווי דער זינדיקער מענטש, וואָס שטייט דאָ לעבן מיר, נאָר איך גיי אין דײַנע וועגן און טו דײַן געבאָט”. איך זאָג אײַך, אַז דער זינדיקער גייט צוריק נײַ־געבוירן, אומשולדיק ווי אַ קליין קינד, און דער צדיק איז באַשוועַרט מיט זינד!

ווען דער עולם האָט זיך באַרואיקט פון דער התלהבות, וואָס דאָס משל האָט אַרויסגערופן בײַ זיי, — האָט זיך איינער פון זיי אָנגערופן, אויסשטרעקנדיק די הענט צו אים:

— לערן דו אונז, רבי, ווי אַזוי מיר זאָלן בעטן צו גאָט!

האָט ער זיי אָפּגעענטפערט:

— מיינט נישט, אַז אײַער פאָטער אין הימל ווייסט נישט אײַערע באַדערפעניש נאָך איידער איר בעט צו אים. דעריבער זאָלט איר אַזוי בעטן: זאָגט מיר נאָך איצט וואָרט בײַ וואָרט.

און דער רבי האָט פאַרדעקט דאָס ברויט מיט זײַנע הענט, פאַר־מאַכט זײַנע אויגן און געזאָגט וואָרט בײַ וואָרט, און די גאַנצע עדה האָט אים נאָכגעזאָגט:

„אונזער פאָטער אין הימל, דײַן נאָמען זאָל געהייליקט ווערן, זאָל אויפשטיין דײַן מלכות, און דײַן ווילן זאָל געשען ווי אין הימל אַזוי אויך אויף דער ערד. אונזער טעגלעך ברויט גיב אונז הײַנט, זײַ מוחל אונזערע זינד, ווי מיר זײַנען מחויב אַנדערע מוחל צו זײַן. ברענג אונז נישט צו קיין נסיון, נאָר באַשירעם אונז פון שלעכטס. צו דיר געהערט דאָס קעניג־רײַך, די גבורה און די שיינקייט אויף אַלע אייביקייטן”...

דערנאָך האָט ער גענומען די פּלעצלעך ברויט, געבראָכן זיי אין

שטיקלעך און ארומגעטיילט צווישן דעם עולם, אפילו די ווײַבער און קינדער, יעדן האָט ער א שטיקל פלעצל געגעבן. דאַן האָט ער גענומען זײַן ברויט, אײַנגעטונקען עס אין זאַלץ, פארמאכט די אויגן און עפּעס געזאָגט. אָבער ווי נאָר דער רבי האָט געוואָלט דאָס ברויט צו זײַן מויל נעמען, האָט זיך א שטימע דערהערט פון א ווינקל פון טיש:

— רבי, מיר האָבן פארגעסן צו וואַשן אונזערע הענט פארן עסן.

דער רבי האָט אים אָנגעקוקט און אָפּגעענטפערט אים:

— פאר ריינע איז אַלץ ריין!

און ער האָט גענומען זײַן ברויט אין מויל ארײַן, און אזוי האָבן אויך געטון די אַנדערע.

איך האָב זיך אומגעקוקט, ווער עס האָט געוואַגט זײַן רבין צו שטערן. און פלוצלינג איז מיר פון א ווינקל פון טיש, אין דער באלויכטונג פון די אייל־לאָמפּן, אויפגעגאנגען א האלב געזיכט פון א מאַן, וואָס איז געזעסן פארבאָרגן הינטער אן אנדערנס רוקן און וואָס איך בין זיכער געווען, אז איך האָב עס ערגעץ־וואו געזען. איך האָב זיך אָבער נישט געקאָנט דערמאנען — ווען און וואו. ווען איך האָב זיך אָבער גוט צוגעקוקט צו דעם געזיכט, געזען די שטיקער טראָלדן געלע באָרד, וואָס זיינען געזעסן ווי אָנגעקלעפּט צו זײַנע לאנגע באַקן — האָב איך זיך דערמאָנט, אז די באָרד פון דעם דאָזיקן מענטש איז מיר שטענדיק געווען אויפפאַלנד. איצט האָב איך געוואוסט ווער ער איז. יעדעס מאָל, ווען עס איז מיר אויסגעקומען פארבײַצוגיין דעם קליינעם אינערלעכן הויף, וואָס האָט זיך געפונען בײַם ארײַנגאַנג פון טויער צום כהן גדולס גערטענער, איז דאָרט געזעסן אויף א טרעפּ לעבן דער וואַך א מאַן מיט אן אויסערגעוויינלעכער באָרד. זײַן באָרד איז באשטאנען אויס שטיקער געלע טראָלדן, וואָס זיינען געזעסן אָפּגערוקט איינס פון אנדערן אויף זײַנע אומצייליקע בראָדעווקעס, ווי וועלדלעך פארקליבן אויף בערג־שפּיצלעך. די באָרד זײַנע האָט טאַקע געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, אָבער נאָך מער — זײַנע אויגן. זײַנע אויגן זיינען געווען ווי אויס דעם בלויסטן קרישטאָל געשליפן, קאַלט און טרוקן, ווי זיי וואָלטן זיך קיינמאָל נישט געווען אין טרערן געבאָדן, ווי זיי וואָלטן נישט אויס נערוון און מוסקעלן, אויס פלייש און אָדערן געוועבט געווען, נאָר אויס א געשליפענעם שטיין. דערבײַ האָבן זיי פארמאָגט אזא טיפן דורכדרינגלעכן בליק, אז עס האָט זיך געדאכט, ווי שטאָכן פון געשארפטע שפּיזן וואָלטן זיך אין שטראַלן פארוואנדלט און נעמען דיך דורך. דו האָסט געפילט זײַנע בליקן אויף דיר, אויף דײַן קאַרק, אויף דײַן רוקן, ווי עס וואָלטן זיך נאָגנדיקע פּיאַווקעס אין דײַן לײַב אײַנגעזויגן. יעדעס מאָל, ווען עס

איז מיר אויסגעקומען פאַרבײַצוגיין דעם קאָרידאָר פון אינערלעכן הויף, וואו דער דאָזיקער מאַן פלעגט זיך אויפהאַלטן — צי ער איז יאָ אַנוועזנד געווען, צי נישט — האָב איך שטענדיק געהאַט דאָס געפיל, אַז איך גיי אַדורך אַ געזעענער, אַ באַאָבאַכטעטער, אַז פון ערגעץ הינטער אַ וואַנט, אַ טיר, אַ שפּאַלט באַטראַכט מיך עמיצער. איך האָב אָבער באַין אופן נישט געקאָנט זיכער זײַן, צי איז דאָס דער זעלבער מאַן, וועלכן איך האָב אַזוי אָפט געזען בײַם כהן גדול אין הויף־קאָרידאָר, צי איז דאָס אַן אַנדערער. ווי ער וואָלט זיך נישט געקאָנט באַפרײַען פון זײַן נאַטור, זיצט ער דאָ בײַם טיש פון זײַן רבי, ווי אין הויף־קאָרידאָר בײַם כהן גדול, נישט מיטן פּנים צו די מענטשן, נאָר אָן אַ זײַט, באַהאַלטן הינטער יענעמס רוקן, און איבער די פּלייצעס פון אַן אַנדערן לאָזט ער מיט זײַנע קאַלטע שטראַלן־בליקן אַדורכנעמען אַלץ, וואָס זיצט אַרום אים. אָבער דאָך איז דאָס פּנים זײַנס מיר גאַנץ נײַ, ווי איך וואָלט עס צום ערשטן מאָל געזען. עס איז מיר אויפגעגאַנגען אין מײַן זכרון דאָס גע־שפּרעך מיטן אַלטן חנן בײַ אים אינדערהיים, ווען ער האָט מיר פאַר־ציילט צום ערשטן מאָל וועגן דעם רבין פון גליל. זאָל ער האָבן וועמען דאָ פון זײַנע לײַט אַהערגעשיקט, אַז ער זאָל דעם מאַן נאָכפאָרשן?

— אָ, דו אַלטער כיטרער פוקס, אומעטום האָסטו דײַנע אויגן און דײַנע אויערן!... — האָב איך מיר געטראַכט.

דערווײַל איז די סעודה בײַם רבינס טיש ווײַטער אָנגעגאַנגען. די, וואָס זיינען דאָ געזעסן, זיינען געווען אָרעמע לײַט, און דאָס עסן איז געווען אַן אָרעמס, ווי בײַ פּויערים און פישערס: פּלעצלעך און אַליוון, געשטאַנענע מילך, וואָס זיי האָבן פון אַ גרויסער ערדענער כלי אַרויס־גענומען שטיקלעכווײַז מיט די הענט. זיי האָבן אויך געטונקען זייער ברויט אין שיסלען מיט האָניק. דער רבי האָט גענומען אַ פישל אויס דער שיסל און געגעסן און דערנאָך די כלי איבערגעגעבן צו די אַנדערע. אַזוי האָבן זיי איינער נאָכן אַנדערן אַ פישל מיט זייערע פינגער גענומען און געגעסן. אויך פון דעם באַרג מיט געטרוקנטע טייטלען האָט ער אַרויסגענומען איינעם און געגעסן, דערנאָך די אַנדערע איבערגעגעבן. צווישן איין עסן און דעם אַנדערן האָבן זיי קאַפּיטלעך תהילים געזונגען, וואָס איינער פון זיי האָט געקענט פון אויסנווייניק. נאָכן עסן האָט זיך דער רבי די הענט געוואַשן אין אַ כלי, וואָס דער פישער־ייִד האָט אים דערלאַנגט, און די אַנדערע האָבן אים נאָכגעטון. אַלץ איז שטיל געוואָרן, זייערע פּנימער און זייערע אָפענע מײַלער געבויגן צום ווײַסן פעלק, וואָס איז געזעסן אויבנאָן בײַם טיש, אויך די ווײַבער האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים און אויך די קינדער. אַלע האָבן זיך אײַנגעמויערט איינער

אין דעם אנדערן און זיינען געוואָרן ווי איין קערפּער, און אין דעם קער־פּער איז געווען איין נשמה — זייער רבי. דער רבי האָט זיי געמוזט עפּעס שיינס און עפּעס גוטס זאָגן, ער האָט דאָס פאַרקלײדט דורך א משל. אויף וויפיל איך האָב געקאָנט ארויסנעמען פון זײַנע רייד און פון זייער פרייד, האָב איך פאַרשטאַנען, אז זײַנע ווערטער מוזן אויפעפענען פאַר זיי א טיר, וואָס זיי האָבן געמיינט, אז זי איז פאַר זיי אויף אייביק פאַרשלאָסן. מען האָט באַדאַרפט זען די פרייד אויף זייערע פּנימער, וואָס זײַנע ווערטער האָבן בײַ זיי ארויסגערופן!

און ווי זיי שטייען אזוי מיט התפּעלות ארום און הערן זיך צו צו זײַנע רייד, דערהערן מיר א גערויש פון דער הויף, — ווי עס וואָלט עפּעס זיך אײַנגעבראָכן און געקנאָקט. איך קוק זיך ארום, און וואָס זע איך? פון באַלקן, וואָס באשטייט אויס פּאַלמען־צווײַגן, לאָזט זיך אראָפּ אויף א שטריק אָנגעבונדן א בעט מיט א קראַנקן, ווי פון הימל אראָפּ־געפאַלן. צוויי פּאָר מעכטיקע הענט לאָזן פון דעם דאַך אראָפּ דאָס בעט און שטעלן עס אנידער פאַרן רבין. און וואָס עס האָט מיך אממערסטן פאַרוואונדערט איז, וואָס די מענטשן, וועלכע האָבן זיך אין שטוב גע־פונען, זיינען גאָרנישט איבעראַשט געוואָרן פון דער דאָזיקער סצענע, זיי האָבן עס אָנגענומען פאַר א גאַנץ געוויינלעכע זאַך. זיי האָבן זיך אָפּ־גערוקט אָן א זײַט און פּלאַץ געמאכט פאַרן בעט מיטן קראַנקן. א מענטש א סקעליעט באמיט זיך אויפצוזעצן אויפן בעט און שטרעקט אויס זײַנע טויטע ביינערדיקע הענט צום רבין. דאָס פּנים פון קראַנקן איז געווען נאַקעט פון האָר, דער קאָפּ איז געווען אויסגעקראָכן, ער איז מער ענ־לעך געווען צו א שעדל פון א טויטן ווי פון א לעבעדיקן מענטש, בלויז וואָס זײַנע אויגן זיינען געזעסן אין דעם אויסגעטריקנטן ביין, און מיט די אויגן און מיט די ביינערדיקע הענט האָט ער זיך אָנגעלענט אין זײַן רבין. זײַנע ווײַסע ליפּן האָבן זיך באוואויגן און ער האָט געשטאַמלט:

— העלף מיר, העלף מיר, געטלעכער מאַן!

די מענגע האָט די הענט אויסגעשטרעקט צום רבין, און מיט זייערע ציטערדיקע בערד האָבן זיי צוגעשאָקלט:

— רבי, העלף אים!...

דער רבי האָט זיך אויפגעהויבן פון זײַן אָרט — איך זע אים ווי איצטער — ער גייט צו מיט זײַנע נאַקעטע פיס, וואָס שטאַרצן ארויס פון זײַן ווײַסן קלייד, צו דעם בעט פון קראַנקן, בויגט צו זײַן פּנים נאָענט צום פּנים פונעם קראַנקן, זייערע אויגן טרעפן זיך און באהעפטן זיך איינס צום אַנדערן. אזוי שטייט ער א לאַנגע ווײַלע און קוקט דעם קראַנקן אין די אויגן ארײַן. דאָס פּנים פון רבין איז בלייך, אָנגעשטרענגט, אזוי

אז מען האָט געזען, ווי די בלויע אָדערן שיסן אַדורך די הויט פֿון זײַנע שלייפֿן און זיי באַוועגן זיך ווי קופּקעלעך קריכנדיקע שלאַנגען — אָט וועלן זיי אַדורכזעצן דורך דער אָנגעצויגענער הויט. אָנגעהעקלט אין דעם קראַנקנס אויגן, שטייט דער רבי מיט זיינע הענט אויפֿן קראַנקנס לײַב און פֿרעגט אים מיט אַ הויך קול:

— מרדכי בין יוסף, גלויבסטו באמונה שלמה, אַז איך באַזיץ דעם כח און דעם רשות פֿון אונזער פֿאָטער אין הימל דיר צו העלפֿן?

און דער קראַנקער האָט אים נאָכגעשטאַמלט וואָרט אין וואָרט:

— איך, מרדכי בן יוסף, גלויב באמונה שלמה, אַז דו, אונזער רבי, ישוע בן יוסף באַזיצסט דעם כח און דעם רשות פֿון אונזער פֿאָטער אין הימל מיר צו העלפֿן.

האָט דער רבי זיך אויסגעגלײַכט. ווען ער האָט זיך אויסגעגלײַכט, האָב איך געמיינט, אַז זײַן הויכער קאָפּ איבער זײַן הויכן האַלדז שטײַגט צו די שטערן, אַזוי איז ער געשטאַנען שטײַף און גלײַך און אַלץ געהאַלטן זײַנע אויגן אין די אויגן פֿון קראַנקן, און מיט אַ באַפֿעלנדיקער שטימע זיך אָנגערופֿן, ווײַזנדיק מיטן אויסגעשטרעקטן פֿינגער צום קראַנקן אין בעט:

— מרדכי בן יוסף, איך באַפֿעל דיר מיטן כח פֿון דער אמונה — הייב דיך אויף פֿון דײַן געלעגער!

דער קראַנקער האָט אים אָנגעקוקט אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער זאָגט צו אים. אָבער דער רבי האָט נישט אָפּגעטון זײַן בליק פֿון אים.

פּלוצלינג האָט דער קראַנקער גענומען זײַנע הענט, אונטערגע־שטיצט זיך, געפּרוּווט זיך אויפֿצוהייבן. צום ערשטן מאָל איז ער צוריק־געפֿאַלן, האָט ער געפּרוּווט אַ צווייט מאָל דאָס טון אונטער די שמײַכלענ־דיקע בליקן פֿון זײַן רבין. מיט מורא אין פּנים האָט דער קראַנקער אויס־געפֿירט דעם באַפֿעל. דאָס צווייטע מאָל האָט ער זיך אונטערגעהויבן, דעם קאָפּ געלאָזט פֿאַלן. אָבער דער רבי האָט אים געהאַלטן כסדר צוגעשמידט צו זײַן בליק, און מיט אַ ווייטאָגדיקן גרימאַס האָט דער קראַנקער אַרויס־געשטעלט איין דאַרן סקעלעטישן פֿוס נאָכן אַנדערן אויף דער פּאָדלאָגע. די פֿיס האָבן געציטערט אונטער אים, עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי ברעכן זיך, אָט פֿאַלן זיי. אָבער אונטער דעם רבינס אָנטרײַבנדיקן בליק האָט ער די פֿיס אויסגעגלײַכט, אויפֿגעשטעלט זיך און געמאַכט צוויי־דרײַ האַלצערנע טריט און געפֿאַלן אויף זײַן רבינס ברוסט.

— הושענה! — איז דאָס פֿאָלק אַרום ווילד געוואָרן פֿאַר פֿרייד, געכאַפּט דעם קראַנקן מרדכי, אַרופֿגעוואָרפֿן אויף זײַן סקעלעטיש לײַב אַ זאַק,

וואָרום ער איז געווען אינגאַנצן נאַקעט, און אוועקגעלייגט אים לעבן טיש.

מע האָט געהאלטן אין איין קומען אהער. מען האָט געהערט אין שטאָט, אז דער וואונדערלעכער רבי האלט זיך אויף ביי שמעון פישער אין הויז, איז באַלד דער גאַנצער הויף אָנגעפולט געוואָרן מיט קראַנקע; גרויסע, שטארקע מענער האָבן אריינגעפירט אין שטריק געפּענטעטע ווייבער, וועלכע זיינען געווען באַזעסן פון שלעכטע גייסטער. די גייסטער האָבן ארויסגעשריגן פון די לייבער פון די באַזעסענע אין אלערליי לשונות, נאָכגעמאכט קולות פון שטוב־חיות. אנדערע קראַנקע — האָבן זייערע אָנגעהעריקע געשלעפּט אויף די פּלייצעס; עס איז נישט געווען מער אויסצוהאלטן פון די קולות, געבעט־אויסרופן, אַנגסטיגע געשרייען, הילף־רופן, אויסגעמישט מיט די שטימען פון שטוב־חיות, פון בהמות, מיט א קלאָגן און מיאַוקען, אז מען האָט געקאָנט פארטויבט ווערן. כ׳האָב געמיינט, אז איך בין פארבלאָנדזשעט געוואָרן אויף אן אינזל פון מכשפות, אז איך טרינק זיך אין א קאַליוזשע פון מענטשלעכן אָפּפאַל, קראַנקהייט און באַזעסנקייט. דאָס געשטאַנק פון פוילנדיקע לייבער, פון פאַרלעגענע קראַנקע גופים איז נישט געווען איבערצוטראָגן. איך האָב מער נישט געוואוסט, צי איך בין משוגע אָדער זיי. און דאָס געשריי „הושענה! הושענה!״ האָט פארהילכט די נאַכט.

איך האָב געוואָלט אוועקלויפן פון דעם דאָזיקן כשוף־קעסל און גערופן מיין פריינד, נאָר מיר האָבן זיך נישט געקאָנט ארויסקריגן פון דעם שרייענדיקן געדראַנג פון מענטשן, צווישן וועלכע מיר האָבן זיך געטרונקען. אָבער פון דעם אלעם איז זייער רבי געוואָרן אזוי אויסגעבלייכט און מיד, אז מען האָט געמיינט, אָט פאלט ער אוועק און ער ווערט א טייל פון דעם באַרג מענטשלעכע גופים, צווישן וועלכע ער איז געשטאַנען איינגעטונקען ביז איבערן האַלבן לייב. ער האָט געוואָלט אוועק, אָבער דער ים פון קראַנקע האָט מיט זיינע כוואַליעס אים ארומגערינגלט ווי אן ענגע מויער. זיי זיינען געלעגן ביי זיינע פיס, האָבן געקושט זיין קלייד, אויסגעשטרעקט די הענט צו אים מיט וויינענדיקע יללות:

— הושענה! הושענה!

ביז שמעון האָט זיך מיטאמאָל געפעדערט, האָט זיך דורכגעשניטן א וועג מיט זיינע שטאָלערנע הענט צווישן די קראַנקע און באזעסענע, און געכאַפּט דעם רבין אויף זיינע מעכטיקע אָרעמס, באַדעקט אים מיט זיין ווייסן מאַנטל, און טרעטנדיק איבער גופים און איבער קעפּ, האָט ער דעם רבין ארויסגעטראָגן פון דעם שטורעמדיקן ים פון צרות און פּיין, וואָס האָט אים ארומגערינגלט, ווי א פישער ראטעוועט א טרינקענדיקן. ער איז ארויס פון הויף און איז אוועק מיט אים וויַט אין פעלד אריין.

*

בײַם טויער, ווען איך האָב געוואָלט אריבערטרעטן די שוועל, האָב איך זיך אָנגעטראָפֿן אויף דעם מאַן מיט דער געלער טראָלדן־באָרד און טרויעריקן פּנים. איך האָב אים אײַנגעהאַלטן.

— יהודה, מאַן פֿון קריות!

ער האָט זיך אומגעקוקט פאַרוואונדערט.

— ווער פרעגט אויף מיר?

מיר האָבן זיך בײדע אין די פּנימער אַרײַנגעקוקט.

— דו דערקענסט מיך נישט?

— ווער ביסטו דען אזעלכער?

— יהודה, דו דערקענסט נישט דײַן הגמון?

ער האָט אויפגעהויבן זײַנע אייגן, און זײַן בליק האָט מײַן הויט אדורכגעגעבערט ביז צו מײַן אינערלעכן.

— הגמון? ווי קום איך, אָרעמער מענטש, צו קענען דעם הגמון?

— האָב איך דיך נישט געזען אין כהן גדולס הויף, יהודה?

— אין כהן גדולס הויף? געוויס, איך בין אונטערטעניק דעם כהן גדול, ווי יעדער ערלעכער ייד.

— וואָס טוסטו דאָ, יהודה איש קריות?

— איך בין געקומען אָפּגעבן כבוד א גרויסן רבין, ווי דער דין איז, און צו זיצן בײַ זײַנע פיס און צוהערן זיך צו גאָטס וואָרט. אָבער וואָס טוט דאָ א הגמון צווישן יידן? — פאָרשט ער מיך.

איך מוז מודה זײַן, אז איך האָב געמוזט בויגן מײַן בליק פאַר אים.

און איך האָב ווידער נישט געקאָנט אָפּמאַכן בײַ זיך, צי איז עס דער יהודה, דער זעלבער מאַן, וועלכן איך האָב געזען בײַם כהן גדול אין הויף, צי איז זײַן ענלעכקייט מיט יענעם בלויז א צופאל?...

קאַפּיטל נײַנצן

די באַרג-פּרעדיקט

איך האָב זיך דעם פרילינג אויפגעהאַלטן אין כפר־נחום לענגער, ווי איך האָב פריער בדעה געהאט. איך מוז מודה זײַן, אז דער מאַן האָט

מיך נישט געלאָזט רוען. נאָר וואָס זאָל איך באהאלטן? עס איז געווען א נאַרעשקייט, איך האָב צוליב דעם פאַרנאַכלעסיקט מײַנע אַמטלעכע ענינים, אָפּגעלייגט מײַן רייזע צום לעגאַטוס קיין אנטיאָכיע אויף דעם וועג, אויף וועלכן איך האָב זיך געפונען, אויף וואָכן לאַנג אונטער דעם אויסרייד, אז איך בין נישט געזונט, אז דער שווערער קלימאַט אין ירו־שלים דורך דעם ווינטער האָט מיך אָנגעשטרענגט און איך באדארף מײַן געזונט צו פארבעסערן און אויפהאלטן זיך צוליב דעם אינם ווארעמען טאָל אויף א געוויסע צײַט. איך קאָן עס מיר נאָך ביז הײַנט נישט דער־קלערן, וואָס אזעלכעס עס איז געווען אין דעם מענטש, וועלכער גוטער אָדער שלעכטער רוח האָט געווירקט אין אים, וואָס ער האָט געהאט אזא קראַפט איבער מענטשן, — נישט בלויז איבער אייגענע, דאָס איז צו פארשטיין, — נאָר אויך איבער פרעמדע, איבער מיר, למשל. איך בין דענסטמאָל געווען אזוי פארנאַרט אין אים, אז איך בין אים, פונקט ווי דער יידישער המון, נאָכגעגאנגען נאָך יעדן שריט. איך מוז אפילו צו־געבן, אז דאָס האָט אויך די ווירדע פון מײַן אַמט אָנגערירט, איך בין דורך דעם אין די אויגן פון די יידן אראָפּגעפאלן. עס איז אָפּגעמעקט געוואָרן יעדע דיסטאַנץ צווישן מיר און זיי און, ווי זייער שטייגער איז, האָבן זיי מיך באלד אָנגענומען אינגאנצן פאר א זייעריקן, ווי דעם הויפּטמאַן פון דעם דאָזיקן אָרט. מיט די יידן מוז מען וויסן ווי זיך אומ־צוגיין, צו האלטן זיי פון זיך א מײַל פונדערווײַטנס. איך האָב זיך אָפּט־מאָל דערפאר אליין פאַרוואורפן געמאכט און באשטימט אָפּצוהאַקן, צו פארלאָזן כפר־נחום. אָבער ווער עס האָט דעם מאַן נאָר איין מאָל געהערט און געזען, האָט שוין פארלוירן זײַן אייגענעם ווילן צוליב אים. יאָ, איך בין אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דעם משוגעת, ווי אלע זײַנע נאָכלויפער.

און נאָכלויפער האָט ער געהאַט זייער פיל, ער איז דענסטמאָל געשטאַנען אויף דער הייך פון זײַן רום. נישט נאָר דאָס אָרעמע פאָלק און די אומוויסנדע מאַסע איז אים געקומען הערן און זען זײַנע וואונדער, נאָר אויך די געלערנטע, די שריפט־אויסטײַטשער, די שרײַ־בער און אויך פיל געבילדעטע מענטשן פון אונזערע לײַט. פון טבריה זיינען יעדן טאָג אפילו געבילדעטע גריכן אראָפּגעקומען. פון טעטראַרך פיליפוסעס מלוכה פון יענער זײַט כנרת איז מען אריבערגעקומען מיט קראנקע, לאָמע און באזעסענע, און אויך אזעלכע, וואָס האָבן קיין שום מום נישט געהאט, נאָר זיינען געקומען בלויז אים הערן. וואָרום איינס מוז מען צוגעבן, אז רעדן האָט ער געקאָנט. איך ווייס נישט פונוואַנען דאָס האָט זיך צו אים גענומען, צו דעם איינפאכן סטאָליאר־ייִנגל פון נצרת. ער האָט צומאָל נישט פארמאָגט קיין גריכישע בילדונג, קיין רע־

טאָריק אויף אויסצודריקן זיך אין א פּרעציזן אופן פון געבילדעטע מענטשן דורך קנאַפּע פּאַסנדיקע ווערטער, מיט געטאָקטע אויסגעפּורעמטע זאצן, וועלכע צילן דירעקט צום ענין און ווערן ווי פּערל געצויגן אויף א שנור. זײַן סטיל איז געווען א ריין יידישער, א שלאַבריקער, א לויזער און א צעוואָרפּענער, דערפאר האָט ער געהאט א באגאַבונג צו באקליידן זײַנע געדאנקען מיט רײַכע משלים, וועלכע האָבן ווי האַמערס געשלאָגן אין די מוחות פון זײַנע פּראָסטע צוהערער און זיינען ווי לעבעדיקע בילדער געשטאנען פאר זייערע אויגן און וועלכע זיי האָבן שוין נישט געקאָנט פאַרגעסן. דאָס באַהאַלטן די געדאַנקען אונטער קליידער פון משלים, איז איבריקנס געווען א ריין יידישע רעד־אַרט פון די געבילדעטע. צוליב דער שטענדיקער פײַנדלעכער מאַכט, אונטער וועלכער זיי האָבן זיך געפונען, האָבן זיי נישט געהאט די מעגלעכקייט פון דעם פרײַען מאַן אויסצודריקן זיך אָפן אָן מורא, ווי מיר, רוימער, למשל. זייערע געלערנטע האָבן מיט ריין יידישער כיטרעקייט באהאלטן זייערע געדאַנקען אונטער אַלעגאָרישע איבערגעטריבענע משלים. מער פון אַלע אנדערע האָט דער יידישער געלערנטער געהאט די באגאַבונג אויסצודריקן די טיפסטע פילאָזאָפישע אידייען אין א משלים־שפּראַך, וועלכע איז פארשטענדלעך געוואָרן נישט דורך ווערטער, נאָר דורך דעם בילד, וואָס ער האָט געשילדערט.

איבריקנס, איז גאָרנישט אזוי שלעכט געווען צו פארברענגען דעם פרילינג בײַם ברעג פון דער כנרת־אָזערע. עס איז מיר טאקע שווער געווען זיך אָפּצורײַסן פון דער הערלעכער לאנדשאפט און פון דעם ווארעמען קלימאַט. עס איז געווען די שענסטע צײַט פון יאָר אין לאנד און אויף דעם שענסטן פונקט פון דער מדינה. נאָך דעם אומעטיקן אָנבליק פון די בערג פון יהודה, וועלכע טריקענען אויס דײַן בליק און דײַן מוח מיט זייער טראַגישן אויסזען און האַלטן דײַן געדאַנק און דײַן געפיל שטענדיק אין מאָנענדיקער, דענקענדיקער שפּאַנונג, — איז ווירקלעך געווען אן אָפּרוּ צו באָדן דאָס אויג, דאָס געפיל, דײַן געדאנק און דײַנע נערוון אין דער אידילישער מנוחה, וואָס די זעטיקע גרינקייט פון ירדן־טאָל שפּרייט אויס ארום זיך אין פרילינג—אין אָנבליק פון די אומצייליקע ציפּריסן, פּאַלמען, אָליוון־וועלדלעך, פײַגנביימער, ווײַנגערטענער און די לאנגע זעטיקע בייטן מיט תבואות, וואָס זיינען אזוי בארימט איבערן לאַנד. אויסגעבעט אין א טאָל, וואָס ליגט נידעריקער פון ים־פלאַך, ווערט דאָ אַלץ פריער צײַטיק ווי אין די אַנדערע פּראָווינצן. די פלאָרע איז רײַך, א מענגע בלומען און פלאנצונגען באדעקן די גאנצע אויבערפלאַך

פון לאנד. דו האָסט דאָ נישט קיין איין שטיקל באָדן, קיין איין שטיין, קיין איין הויז, קיין בײמל, וואָס זאָל נישט ארומגערינגלט ווערן אין פרילינג מיט די הערלעכסטע פעלד־בלומען און פלאנצונגען, וואָס שיסן ארויס פון אונטער דער ערד און שלענגלען זייערע וויאָלעטענע בלומען איבער די ווענט און מויערן, פלעכטן זיך ארײַן אין די ריטער און אין די פארטריקנטע פאַלמען־צווײַגן. יעדעס פעלד־בײמל, יעדעס ווײַנגאָרטן־שטיבל איז באדעקט מיט בליענדיקע בליטן, רויטע מאָן־קעפּלעך שיטן זיך אויס איבער די פעלדער, קריכן דורך די צוימען אין די אויסגעטרע־טענע הייף ארײַן. אלע וועגן, אלע וואסער־קאָרעטעס זיינען באוואָקסן מיט בליענדיקע אָלעאַנדרעס, צי מען פלאנצט זיי יאָ, צי מען פלאנצט זיי נישט — זיי שפּרינגען פון דער ערד ארויס פון זיך אליין. און הײַנט דער בלויער געשליפענער כנרת, אויסגעבעט אין דעם גרינעם באבלימטן טעפּיך, ארומגערינגלט מיט בערג, פון וועלכע דער העכסטער און ווײַטסטער פון זיי קוקט ארויס איבער זייערע רוקנס מיט זײַן אייביקן שניי־קאפּעל, וואָס ער טראָגט אויף זיך. בײַנאַכט, ווען די לבנה שפּילט איבער די כוואַליעס פון כנרת און די ליכטער פון זײַנע פישער־שיפלעך, מיט וועלכע ער איז פארפּולט, טובלען זייערע פײַערדיקע פלאמען אין די טיפסטע וואסערן, הערט זיך דאָס רופן פון די פישערס, דער רויש פון זייערע וויאָסלעס, וואָס שלאָגט אָפּ אין וואסער. אָפטמאָל דערהערט זיך פון דער אָזערע א געזאַנג אָדער א פרום געבעט פון א פישער־שיפל. ניין, עס איז גאָרנישט געווען אזוי שווער צו פארברענגען דעם פרילינג אין כפר־נחום!

אין איינעם פון אזא פרילינג־טאָג האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו הערן דעם מאָן פרעדיקן אינדרויסן הינטער דער שטאָט. איך בין גע־וואָר געוואָרן דורך מײַן פרײַנד דעם הויפּטמאַן, אַז אין א געוויסן טאָג באַכמיטאָג — עס איז געווען זייערס א יום־טוב, דאכט זיך, ווען זיי בעטן פאר דיביימער, עס איז בײַ זיי דעמאָלט א האלבער יום־טוב — וועט דער מאָן הינטער דער שטאָט אויף א בערגל פרעדיקן. כדי נישט אויפ־פאַלנד צו זײַן מיט אונזער לעגיאָנערישער קליידונג, האָבן מיר איבער די פאנצערס רוימישע טאָגעס פארוואָרפן און מיר זיינען מיטן עולם ארויסגעקומען הינטער דער שטאָט.

די בערגלעך אין ארץ ישראל זיינען אזוי געבילדעט ווי פלאַטפאָר־מען. דאָס דאָזיקע בערגל האָט געקאָנט זײַן נישט מער ווי א צוואנציק־דרײַסיק מעטער הויך, אָבער עס איז געלעגן זייער משופּעדיק אויס־געצויגן. מיר זיינען געווען סך הכל א פּאָר הונדערט מאָן, מערסטנס פון אָרעמען פאָלק, זײַנע שטענדיקע באגלייטער — פישער, פיש־טריקענער,

קליינע פויערים, שטאָטישע בעלי־מלאכות, אָבער עס איז אויך געווען א גרויסע צאָל פון דעם געלערנטן קלאַס. די שריפט־אויסטײַטשער און די סופרים אין זייערע בכבודיקע שווארצע קליידער, מיט קעפ־באדע־קעכץ — וואָס איז געווען דער סימן פון זייער געלערנטקייט — זיינען געשטאַנען אין א גרופּע באזונדער. טייל פון זיי האָבן אויף פּאַרמעט־ראָלן, אנדערע אויף פּאַפּירוסן געהאט מיט זיך ביכער פון די הייליקע שריפטן, אין וועלכע זיי האָבן נאָכגעקוקט און זייער ערנסט צווישן זיך דיסקוטירט. איך האָב נישט געוואוסט, אז אונז וועט אויסקומען בײַצו־וואוינען א זייער וויכטיקע געשעעניש, וואָרום אויף דער דאָזיקער פאר־זאמלונג האָט ער, אזוי צו זאָגן, צום ערשטן מאָל פעסטגעלייגט זײַן לערע. ווײַזט אויס, אז די געלערנטע האָבן געוואוסט דערפון און אפשר איז עס געווען באשטימט פאר זיי, און זיי זיינען געקומען נישט נאָר פון כפר־נחום, נאָר אויך פון די ארומיקע שטעטלעך, אזש פון נעים. עס זיינען געקומען די סגנים פון די שולן, די חזנים און די יושבי־ראש, וועלכע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די אָרטיקע בתי־דינים. די גע־לערנטע רבנים, ווי זיי וואָלטן מורא געהאט צו שטיין צוזאמען מיטן פּראָסטן פאָלק, אז זיי זאָלן נישט אומריין ווערן, האָבן זיך גרופּירט בא־זונדער. אין דער גרופּע פון די געלערנטע זיינען געווען די אלע, וועלכע האָבן זיך טיטולירט „חבר". דאָס געמיינע פאָלק איז געשטאַנען אָפּגע־רוקט פון זיי אויף א געוויסער דיסטאַנץ, נישט געוואָגט אָדער נישט גע־וואָלט קומען אין זייער נאָענטקייט. אָבער הײַנט האָט זיך דאָס געוויינ־לעכע פאָלק געפילט צו זײַן דער מורינו...

דער באַרג איז געווען באשאָטן, ווי דאָס גאנצע פעלד ארום, מיט קעפּלעך רויטן מאָן, וועלכע האָבן מיט זייערע רויטע לײַכט־שוועבנדיקע קליידלעך געציטערט און געפלאַטערט איבער דער טיפער גרינקייט פון גראָז. אויפן שפּיץ פון באַרג האָבן זיך פארקליבן א פּאָר ציפּריסן־ביימער, איינער פון זיי איז געווען העכער פון די איבעריקע מיט צוויי קעפּ און ארויסגעשטאַרצט מיט זײַן טונקל־גרינער קרוין פון די אנדערע. עס האָבן זיך צווישן זײַנע געדיכטע צווײַגן געמוזט געפינען נעסטן פון שוואַלבן, וואָרום שוואַלבן־מוטערס האָבן געהאַלטן אין איין צוויטשערן און צוברענגען שפּײַז אין זייערע שנאָבלען צו די קליינע, וואָס זיי האָבן געהאט אין די נעסטן. ווען דער עולם איז שוין געווען פארזאמלט, האָבן מיר געזען אים אָנקומען פון ברעג פון טײַך — וואו אהין זײַנע תלמידים האָבן אים מיט א שיפל פון כפר־נחום צוגעפירט. זײַן ווײַסער באציצית־דיקטער סדין האָט, ווי תמיד, ארויסגעשײַנט פון דעם פרישן גרינעם גראָז, אויף וועלכן ער האָט געטרעטן מיט זײַנע באסאַנדלטע פיס. פּונקט

ווי די שריפט־געלערנטע איז ער אויך געווען ערנסט, דאָס מאָל באַ־וואָרפן מיט א שווארצער קאַפּע, א מין פּילץ, וואָס האָט מיט א באַשליק פאַרדעקט זײַן קאָפּ. מיט געציילטע, פּאַמעלעכע טריט איז ער צוגעקו־מען צום באַרג, באַגריסט זיך מיטן עולם און מיט די שריפט־געלערנטע מיט זייער געוויינלעכער באַגריסונג: „שלום עליכם", אויף וואָס די אַנ־דערע האָבן אים געענטפערט: „עליכם שלום". איינער פון די תלמידים האָט אים דערלאַנגט א טלית, ער האָט דעם טלית אָנגעטון אויף זײַן קאָפּ און א ברכה געמאַכט. דערנאָך האָט ער זיך מיטן טלית ארומגע־הילט, ארויפגעגאנגען אויפן בערגל, אוועקגעשטעלט זיך אונטער א ציפּ־ריס־בוים און האָט אויפגעהויבן זײַנע הענט, ווי ער וואָלט געוואָלט מיט זיי באַדעקן דאָס גאַנצע פאָלק, און ער האָט אָנגעהויבן צו פּרעדיקן.

לאַנג און ערנסט האָט ער גערעדט, טייל ווערטער האָט ער געציילט, ווי ער וואָלט זיי אונטערגעשטראָכן, אזוי ווי ער וואָלט דאָס וואָרט נישט אויף דער הוילער לופט ארויסגעשיקט און עס וואָלט נישט באַשטאַנען אויס קלאַנגען, וואָס ווערן פאַרלאָשן אין דעם חלל פון דער לופט און זיינען שוין מער נישטאָ, נאָר ער האָט ארויסגעשאַלט יעדעס וואָרט, ווי ער וואָלט עס געווען אײַנגעקריצט מיט א נישט־אויסלעשבארער שריפט אין דעם זכרון ארײַן. און מיט וואָס פאר א כוח ער האָט גערעדט! דער שוואַכער, ווי אויס דינע ביינדלעך געבויטער קערפּער, איז אויסגע־וואַקסן אויפן באַרג ווי א מעכטיקער מענטשלעכער פּיראַמיד. עס האָט זיך אויסגעדאכט, אז ער און דער באַרג זיינען צוזאמענגעוואקסן, ער האָט אזוי הויך און ברייט אויסגעזען, ווי דער באַרג וואָלט נאָר געווען פאר אים א פונדאמענט. איך ווייס נישט, ווי אזוי די שמאָלע פיגור האָט אָנגענומען אזא ברייטן פאַרנעם אין שטח, צי איז דאָס נאָר געווען אן אָפּגענאַר פון אויג צוליב דעם פאַרנאכטלעך־רויטן פײַער־ליכט, וואָס האָט געגאָסן אויף אים? און אזוי ווי זײַן פיגור, אזוי איז אויך געווען זײַן שטימע, וועלכע האָט אָנגעפילט דעם הוילן חלל...

מען האָט באַדאַרפט זען די פאַרוואונדערטע פּנימער פון די גע־לערנטע און שרײַבערס, וועלכע זיינען געשטאנען אין זייער אָפּגעזונ־דערטער גרופּע, זיי האָבן זיך איינס דאָס אנדערע אָנגעקוקט מיט דער־שטוינען און אויפגעצויגענע אָרעמס, באַזונדערס, ווען ער האָט באַטאָנט געוויסע שטעלן פון זײַן פּרעדיקט מיט אן אקצענטירונג, ווי דעריבער איז נישטאָ מער קיין צווייפל און קיין אָפּפרעג. אנדערש האָבן אויפגע־פאַסט זײַנע ווערטער די אומוויסנדיקע מאַסן, זיי האָבן נאָך פון פריער מסכים געווען צו יעדן אויספיר זײַנעם און צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. זיי האָבן זיך אײַנגעבויגן, ווי זיי וואָלטן זייערע רוקנס ארונטערברענ־

געגן אונטער דעם יאָך פון זײַנע געזעצן, וואָס ער האָט אויסגעקריצט פאַר זיי. מיט געלײַטזעליקטע פּנימער, מיט דערלייזטע אויגן האָבן זיי פאַר־חלשטע געשלונגען די ווערטער און צוגעשטימט. אָבער די געלערנטע, קאָנצענטרירט אין זיך, אַזוי אַז זייערע אָדערן האָבן ווי אָנגעשוואָלענע מוסקולן ארויסגעשלאָגן אויף זייערע גרויסע שטערנס, פּנימער און העל־דזער, ווי זייער בלוט וואָלט געהאַרטעוועט געוואָרן אין זיי, — זיינען שווײַגנדיקע געשטאַנען און צוגעהערט זיך צו די ווערטער, געקנייטשט די שטערנס און פאַרביסן די ליפּן. טיילמאָל האָבן זיי, נאָך אַ קליינעם ישוב־הדעת מיט זיך, צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. למשל, ווען ער האָט געזאָגט: „ווען דו ווילסט מקריב זײַן דײַן קרבן אויפן מזבח און דו וועסט זיך דאָרטן דערמאַנען, אַז דײַן ברודער האָט עפּעס קעגן דיר, אַזוי לאָז איבער דײַן קרבן פאַר דעם מזבח און גיי איבערבעט דיך צום ערשט מיט דײַן ברודער און דערנאָך זאָלסטו קומען מקריב זײַן דײַן קרבן!“ — ווען ער האָט דעם דאָזיקן זאַץ ארויסגעזאָגט, האָט ער אַ סעקונדע ווי אַ הפסקה געמאַכט, ווי ער וואָלט געוואָלט הערן דעם עכאָ בײַ די געלערנטע. זיי האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע שטאַר אָנגעקוקט, ווי זיי וואָלטן גע־ווען שטילערהייט אַנאַליזירט דעם געבאָט, דערנאָך האָבן זיי מיט צו־פרידנהייט מסכים געווען. אַן אַנדערש מאָל האָבן זיי אָן צו אַנאַליזירן מיט שטאַרקע זשעסטן פון זייערע בערד און זייערע הענט באַטאָנט זייער איינשטימיגקייט. למשל, ווען ער האָט געזאָגט: „ווען דו גיסט צדקה, זאָל דײַן לינקע האַנט נישט וויסן, וואָס דײַן רעכטע האַנט טוט!“, און בײַ נאָך אַזעלכע שפּרוכן, וועלכע זעען זיך אויס אין אײַנקלאַנג צו זײַן מיט דער לערע, — האָבן זיי מיט פרייד און מיט גרויס יראת הכבוד מיטגעשאָקלט מיט די בערד. אַן אַנדערש מאָל האָט זיך באַוויזן אויף זייערע פּנימער ווי אַן אומצופרידענע מינע. ווען ער האָט, למשל, זייער מחמיר געווען און באַשווערט די געזעצן, האָבן זיך זייערע שטערנס מיט טרויעריקייט געקנייטשט און זיי האָבן געברומט איינער דעם אַנ־דערן אין אויער אַרײַן: „ער האַלט מיט דעם הויז פון שמאי“. אַן אַנדערש מאָל האָבן זיי געזאָגט: „ער האַלט מיט דעם הויז פון הלל“. דאָס זיינען געווען שולן פון זייער לערע, אין וועלכע זיי האָבן געוואָלט זײַנע געזעצן אַרײַנפּאַסן. בשעת ער האָט געזאָגט: „האָט ליב אײַערע פײַנד; בענטשט די וואָס שילטן אײַך; טוט גוטס יענע, וואָס האָסן אײַך; בעט פאַר די, וואָס באַליידיקן און רודפן אײַך!“, — האָבן זיי איינער צום אַנדערן אויסגעשטרעקט די הענט אין פאַרצווייפלונג, ווי זיי וואָלטן שוין באַ־דאַרפט מאָרגן נעמען און אויספירן דעם געבאָט. מיט שרעק האָבן זיי זיך געקוקט אין די אויגן אַרײַן און געזאָגט איינער צום אַנדערן, ווײַזנדיק

מיט פאַרצווייפלטע האַנט־זשעסטן: „אוודאי וואָלט עס באַדאַרפט אַזוי זײַן! אָבער ווער קאָן דאָס אויספירן? — אַ מלאך פון הימל, נישט קיין פּראָסטער בשר ודם!"...

אַזוי האָבן זיי אויך אין שרעק אויפגעציטערט, ווען ער האָט זיי געזאָגט: „אָבער איך זאָג אײַך, איר זאָלט אײַך נישט ווידערשטעלן דעם בייזן, נײַערט ווען אײנער וועט דיך שלאָגן אויף דער רעכטער באַק, אַזוי שטעל אים אונטער די אַנדערע באַק", — ווי זיי וואָלטן עס שוין מאָרגן באַדאַרפט גיין אויספירן, אַזוי האָבן זיי זיך דערשראָקן פאַר די ווערטער. אָבער אָפטמאָל זײַנען זייערע פּנימער אָנגעלאָדנט געוואָרן מיט פינצ־טערע וואָלקנס, זייערע לאַנגע ברעמען האָבן זיך אויפגעשטעלט. יעדעס מאָל, ווען ער האָט דערמאַנט דאָס וואָרט: „אָבער איך זאָג אײַך..." האָבן זיי פאַרקרומט זייערע פּנימער און בערד, מיט שאַקירטער דער־שטוינונג געהויבן די אַקסלען, און מיט די הענט פאַרוואונדערט געפּרעגט איינער דעם אַנדערן. אָבער די גרעסטע דערשטוינונג האָט אַרויסגערופן די פאָלגענדע שטעלע: „עס איז אײַך געזאָגט, אַז ווער עס וויל זיך פון זײַן ווײַב שיידן, זאָל ער איר געבן אַ גט. אָבער איך זאָג אײַך, אַז ווער עס וועט זיך פון זײַן ווײַב שיידן, אַ חוץ ווען עס האַנדלט זיך וועגן זנות, אַזוי מאַכט ער זי פאַר אַ זונה. און ווער עס נעמט אַ גרושה, דער איז אַ נואף!"...

— פונוואַנען דרינגט ער דאָס אַרויס? — האָבן זיי געשאָקלט מיט די קעפּ פון פאַרוואונדערונג — דאָס איז דאָך קעגן תורת משה. משה האָט דאָך דערלויבט דעם גט, און ער גייט פאַרביטן, איז ער דען גרעסער פון משה?

— אויך אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: „ווער עס גט אָפּ זײַן ערשטע פרוי, אויף דעם פאַרגיסט דאָס מזבח טרערן" — האָט אַן אַנדערער גע־פּרוווט אים פאַרענטפערן.

— יאָ, געוויס איז עס שלעכט. פערציק טעג איידער דאָס קינד ווערט געבוירן, ווערט אין הימל אויסגערופן: בת־פלוני לפלוני. דער רבונו של עולם איז מזווג זווגים, און דו קומסט צעשטערן זיי? אָבער דאָס וואָס ער פּרעדיקט דאָ איז דאָך פאָרט קעגן תורת משה!...

אַ גוטע לאַנגע ווײַלע האָט געדויערט די הפסקה. זײַן אויספירונג וועגן גט האָט אויפגערודערט די געמיטער פון די געלערנטע, און עס האָט אַ ווײַל גענומען ביז דער עולם איז געקומען צו זיך. עס האָט זיך דערהערט אַ קנאַקעדיק גערויש פון אויפפּראַלן די ראָלן פון זייערע שריפטן, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין די הענט, און איינער האָט דעם אַנדערן געוויזן אויף דער שטעלע אין דער שריפט, וואו משה האָט מתיר

געוועז גטין, און מיט דערשטוינעז האָבן זיי אויסגעשפּרייט די הענט, און מיט שאָקלען פון די קעפּ און בערד אויף „ביין", האָבן זיי באַקרעפּטיקט מיט גרימאַסעדיקע אויסדרוקן אויף זייערע פּנימער דעם ווידערשטאַנד זייערן. דערפאַר אָבער האָבן זיי אָפּגעעטעמט פון דער שפּאַנונג, ווען ער האָט זיי דערמאָנט, אַז זיי באַדאַרפן האָבן בטחון אין זייער גאָט און נישט זאָרגן וועגן דעם מאָרגנדיקן טאָג. ער האָט זיי געהייסן פאַרקוקן זיך אויף די פייגל פון הימל, וועלכע זייען נישט און שניידן נישט און זאַמלען נישט אָן אין קיין שפּייכלערס אַריין, און זייער פאָטער אין הימל שפּייזט זיי, — „זענט איר דען נישט בעסער פון זיי?"

„און פאַרוואָס זאָרגט איר פאַר קליידונג? קוקט אָן די רויזן אין פעלד, ווי זיי וואַקסן, זיי אַרבעטן נישט און שפּינען נישט! און איך זאָג אייך, אַז אויך שלמה אין זיין גאַנצער שיינקייט איז נישט געקליידט געוועז ווי איינע פון זיי" — האָט ער זיי געוויזן אויף די מאָן־קעפּלעך, וואָס זיינען געוואַקסן צו זיינע פיס. — „אויב גאָט באַדעקט אַזוי דאָס גראָז פון פעלד, וואָס היינט איז עס דאָ און מאָרגן ווערט עס אין פייער אַריינגעוואָרפן, וועט ער דען אייך נישט פיל מער קליידן? אוי, איר קליין־גלויביקע!"

— א שיינע אגדה! — האָט זיך געהערט א נחתדיקע צושטימונג, און מען האָט באַדאַרפט זען די פרייד אויף די פּנימער, דאָס גליק, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון די ענטוזיאַסטישע אויגן צוליב דעם, וואָס זיי באַדאַרפן נישט צו אַרבעטן, נישט זייען און שניידן און נישט קלערן וועגן דעם רעגן און ווינטער, נאָר פאַרלאָזן זיך אויף זייער גאָט, אַז ער וועט זיי זעטיקן ווי די פייגל און באַקליידן ווי די בלומען.

טייל פון די געלערנטע און שריפט־אויסטייטשער האָבן אויך ביי די ווערטער פאַרצויגן זייערע שטערנס אין א געוועב פון קנייטשן, אָבער ביי די אַנדערע האָט עס א שמייכל אַרויסגערופן, איך גלויב, אַז מער צוליב די שיינע מליצהדיקע פאַרגלייכונגען, איידער איבער דעם קלוגשאַפט, וואָס איז געלעגן אין דעם שיינעם לבוש פון זיין משל.

נאָכדעם ווי ער האָט זיין פּרעדיקט פאַרענדיקט, איז ער אַראָפּגעגאַנגען פון באַרג. זיין פּנים איז בלייך געוועזן פון אָנגעשטרענגטקייט, אָבער זיינע אויגן, וועלכע זיינען אויסערגעוויינלעך גרויס געוועזן, האָבן זיין פּנים באַלויכטן מיט א דערלייזנדיק ליכט. ער איז פאַר גליק טרויעריק געוואָרן און ער איז זייער שיין געוועזן, מיט א מאָדנער שיינקייט, וואָס איך האָב עס נאָך ביז איצט נישט געקענט. אַן אויסגעלייטערטע רואיקייט האָט געהערשט איבער אים. און צום ערשטן מאָל איז מיר

עפּעס געשען, וואָס איך קאָן עס נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג נישט דערקלערן: ווען ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון באַרג, איז ער באַלד אַרומגערינגלט געוואָרן פון די שוואַרץ־באַקליידטע רבים, וועלכע האָבן פאַרפירט אַ שמועס מיט אים מכוח זײַן דרשה. די רבים האָבן זיך אָנגעהויבן צו שפּאַרן מיט אים מכוח זײַן לערע. טייל האָבן אויפגעראָלט זייערע פאַרמעטענע מגילות און באַוויזן אים די שטעלן אין זייערע שריפטן, וואָס זײַנען געווען אין סתירה מיט זײַן לערע, אַנדערע האָבן געפּרוווט פאַרענטפערן, נאָר איינער איז דאָרט געווען אַ גרויסער געלערנטער פון דער שטאָט נעים, וועלכער האָט זיך אַממײַסטן געשפּאַרט מיט זייער רבין און זיך געאַמפּערט מיט אים.

כל זמן די געלערנטע האָבן געהאַט אַרומגערינגלט זייער רבין, איז דער פּראָסטער המון, צווישן וועלכן עס האָבן זיך געפונען מערסטנטיילס זײַנע אָנהענגער, געשטאַנען פונדערווײַטנס און מיט יראת הכבוד געקוקט אויף די געלערנטע און נישט געוואַגט זיך צו דערנענטערן און צו שטערן די רבים אין זייער הייליקן וכוח. אָבער זעט זיך אויס, אַז שמעון האָט מורא געהאַט עס זאָל צווישן זײַן רבין און די אַנדערע רבים נישט אויסברעכן קיין מחלוקה, האָט ער זײַן רבין אָפּגעפירט און געבעטן זיך בײַ אים, אַז ער זאָל זיך אָפּרוען אַביסל אויפן גראָז, וואָרום ער האָט מיט אַן אמת בלייך אויסגעזען און קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס נאָך דער אָנגעשטרענגטער דרשה. קוים אָבער האָט דער שטאַרקער פישער־ייִד מיט מוטערלעכער זאָרג אָפּגעפירט אים פון די רבים, אַזוי האָט זיך דאָס פאָלק באַלד געוואָרפן אויף אים און אַרומגערינגלט אים ווי מיט אַן אײַזערנער מויער. עס איז נישט געווען קיין ענדע צו די ענטוזיאַסטישע אויסגעשרייען, צו דער ליבע און אַנטציקונג, וואָס זיי האָבן אים אַרויסגעוויזן, ווי צו אַ העלד זייערן, וועלכער וואָלט צוריקגעקומען פון שלאַכטפעלד, אויף וועלכן ער האָט פאַר זיי אַ האַלבע וועלט אײַנגענומען. טייל האָבן אים דאָס קלייד געקושט, אַנדערע האָבן זיך געשאַרט אַרום אים, אַז ער זאָל זיי נאָר באַרירן מיט זײַן קלייד. מיטאַמאָל האָבן זיך אויך קינדער באַוויזן, וואָס די עלטערן, די פאָטערס און מוטערס, האָבן צו אים די קעפּלעך אונטער די הענט גערוקט, אַז ער זאָל זיי באַרירן און בענטשן. און מיטאַמאָל זײַנען ווי פון דער הוילער הויט אויסגעוואַקסן קראַנקע, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן צו זײַנע פיס און פאַרשטעלט אים דעם וועג. בחינם האָבן די תלמידים, ספּעציעל די קינדער פון דער מוטער זבדי, אויסגעקעמפּט אַ וועג מיט זייערע אָרעמס צווישן דער ברויזנדיקער מאַסע, דער רבי האָט נישט געקאָנט קיין איין שריט מאַכן, ביז דער שטאַרקער שמעון האָט אים נישט געכאַפּט אויף זײַנע אָרעמס

ווי אויף אײַזערנע שטאַנגען און אים אוועקגעטראָגן. דאָס פּאָלק האָט זיך אָבער, ווי אַן ארויסגעזעצטער טײַך דורך א פארצוימטער דאַמבע, נאָכ־געיאָגט נאָך אים.

און צו מײַן שאַנד מוז איך צוגעבן, אז אויך מיר, דער הויפּטמאַן פון כפר־נחום און איך, דער כיליאַרך פון ירושלים, האָבן פארגעסן אונזער ווירדע און ווער מיר זיינען. אָנגעשטעקט פון דעם אַלגעמיינעם ענטו־זיאַזם ווי פון א קרענק, האָבן מיר זיך אויסגעמישט מיט די יידן און אים נאָכגעלאָפן, אים אויך ארומגערינגלט, אזוי ווי מיר וואָלטן געווען א טייל פון זיי און די פרעמדע לערע, וואָס ער האָט דאָ געפּרעדיקט — ווי ווײַט איך האָב זי געקאָנט נאָכפאָלגן — איז אויך פאר אונז געגעבן. אזוי האָבן מיר זיך געהאט פארגעסן. אויף דעם הויפּטמאַן איז קיין וואונ־דער נישט געווען, ער איז שוין פון לאַנג געהאט ארונטערגעפאלן אונטער דעם יידישן אײַנפלוס, אָבער איך? איך, דער כיליאַרך פון ירושלים, קאָמענדאנט פון דער פעסטונג אנטאָניא אונטער דער פּראָקוראטור פון פּאָנטיוס פּילאַטוס?! יאָ, יאָ, איך מוז מודה זײַן, אז דענסטמאָל נאָך דער באַרג־פּרעדיקט בין איך זייער נאָענט געווען ארונטערצופאלן אונטער זײַן צויבער־קראפט. און עס איז געשען דאָס אוממעגלעכע: פארכשופט פון דער אָנגעלאָדענער אטמאָספערע, וואָס ער האָט געשאפן ארום זיך, בין איך צוגעגאנגען צו אים און האָב זיך צום ערשטן מאָל פארבויגן פאר א ייד. ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיט א ווייטאָגדיקן רחמנות געקוקט מיר אין די אויגן ארײַן. איך קאָן מיר נישט דערקלערן ביז הײַנט, וואָס ער האָט געזען אין מיר. פון זײַן בליק איז ארויסגעגאנגען א טראַגישער ווייטאָג און א רחמנות, וואָס האָט מיך צעבראָכן. צום ערשטן מאָל האָב איך נישט אויסגעהאלטן דעם בליק פון א יידישן מאַן און האָב געמוזט אראָפּבויגן מײַן קאָפּ צו דער ערד. דאָס מערקווירדיקסטע איז, וואָס איך האָב זיך דענסטמאָל גאָרנישט געשעמט אונטערטעניק צו ווערן אונטער אים. זײַן בלייך אויסגעשטראַלט פּנים, זײַנע ציטערדיקע ליפּן, דער עיקר — זײַנע מיט אומענדלעכן רחמנות און ליבע אויסדריקנדיקע אויגן, האָבן מיך אזוי גערירט, אז איך האָב זיך מיטאמאָל נאָענט געפילט צו אים. זײַן אויסגעבלייכט פּנים פון דעם שווארצן ראַנד ארויס, זײַן יינגלעשע שוואַכע פיגור, זײַן דינער האלדז, בכלל זײַן גאנצער קערפּער האָט אויף מיר געמאַכט אן אײַנדרוק, ווי אי־בער דעם מאַן וואָלט געשוועבט עפּעס אומפארשטענדלעכעס. און צום ערשטן מאָל האָט מיך א שרעק ארומגענומען פאר דעם אומבאקאנטן, נישט נאָר א שרעק, נאָר אויך א רעספּעקט פאר דעם אומבאוואוסטן, וואָס שטייט פאר מיר. ביז איך האָב זיך צוזאמענגענומען און מיט כעס

זיך פאַרגעוואָרפן דעריבער, וואָס איך גיב זיך איבער די געפילן, און איך האָב גערופן צו מײַן פרײַנד:

— קום, לאָמיר גיין פונדאנען!

און איך האָב זיך טאקע באַלד דערווײַטערט, וואָרום איך האָב צום ערשטן מאָל מורא געקריגן, אַז עס זאָל נישט עפּעס מיט מיר געשען...

קאַפּיטל צוואַנציק

דער הויפּטמאַן פון כפר־נחום

איך האָב שוין פון לאַנג באַמערקט דעם שעדלעכן אײַנפלוס, וואָס דער יידישער רבי האָט אויסגעווירקט אויף מײַן פרײַנד, דעם צענטוריאָן פון כפר־נחום. די געטער קומט א דאַנק, וואָס איך האָב זיך באַצײַטנס געכאַפּט, איך קאָן זאָגן, אין דער לעצטער מינוט, איידער עס איז צו שפּעט געווען. איך בין שוין באַלד באַרייט געווען, ווי מײַן פרײַנד, אויפֿצוגעבן די אזוי שווער דערוואָרבענע רוימישע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן זיך בײַ אונז אויסגעאַרבעט דורך א שטרענגער דיסציפּלין, וועלכע פאַרעמט אונזער מענלעכן כאַראַקטער, און ווי מײַן פרײַנד, אַרונטערצופאַלן אונטער דעם אַזיאַטישן אײַנפלוס. ער איז געווען א וואָרנונג פאַר מיר.

דער הויפּטמאַן פון כפר־נחום איז צו לאַנג דערווײַטערט געווען פון א ריכטיקן רוימישן לאַגער, ער האָט זיך צו לאַנג געפונען אין א יידישער סביבה. יאָ, מען קאָן צו אַלע אומפאַראַנטוואָרטלעכע משוגעתן דערגיין, ווען אזא איינער פון אונז ווערט פאַרוואָרפן אויף יאָרן ווײַט פון דער רוימישער ציוויליזאַציע, אין א באַרבאַרישער קאָלאָניע. עס טרעפן זיך בײַ אונז זייער אָפט פאַלן אזעלכע. די בעסטע מענטשן אונזערע, העלדן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט פאַר דעם רום פון רוים און פאַרן קייסערס כבוד מיט גרויסע גבורות אויף די שלאַכטפעלדער קעגן די באַרבאַרן, — איז קוים ווערן זיי אַלס פאַרוואַלטער אַרײַנגעזעצט אין די אײַנגענומענע שטעט, ווערן זיי אַנגעשטעקט מיט די ווילדע מנהגים פון די באַרבאַרן און מישן זיך אויס מיט זיי. מען מוז האָבן כאַראַקטער, כדי אויסצוהאַלטן אין א פרעמדער סביבה, אין דער איינזאַמקייט, און נישט צו פאַרלירן זיך. ליידער האָט דער הויפּטמאַן פון כפר־נחום אזא כאַראַקטער נישט געהאַט. נאָך איידער דער וואונדערלעכער יידישער רבי האָט זיך באַוויזן אין כפר־נחום, האָט דער הויפּטמאַן שוין געהאַט אַרויסגעוויזן א שטאַרקע נייגונג צום יידנטום. ער האָט פאַרנאַכלעסיקט

דאָס קולטיווירן אין לאנד אונזערע רעליגיעזע אינסטיטוציעס, שוין אָפּ־גערעדט דערפון, אז ער האָט נישט געזאָרגט וועגן די טעאַטערן און גימנאַזיומס, וואָס דאָס איז געווען זײַן פליכט. ער האָט זיך ווייניק־וואָס באוויזן אין די טעמפּלען פון אונזערע געטער; אפילו אין טעמפּל פון קייסער, וואָס דער טעטראַרך האָט אויפגעשטעלט אין דער נײַער רעזי־דענץ, איז ער זעלטן געקומען, א חוץ צו די אָפיציעלע פײַערלעכקייטן. דערפאר אָבער איז ער געווען א גאנצער אײַנגייער אין די יידישע סינאַ־גאָגעס. ער האָט זיך געלאָזט פארפירן פון זייערע מיסטישע דינסטן צו זייער אומגעזעענעם גאָט, ער האָט זיך געלאָזט פון די געלערנטע זייערע אויפקלערן איבער די געזעצן פון זייער רעליגיע. ער האָט פאַרגליכן די יידישע פילאָזאָפישע לערע צו אונזער אייגענער, און דער רעזולטאַט איז געווען, אז נאָך אייניקע יאָר איז ער אזוי ארײַנגעצויגן געוואָרן אין דער אמונה פון דעם אומפארשטענדלעכן גאָט פון די יידן, אז אנשטאָט א טעמפּל פאר יופיטער, האָט ער פאר די יידן פון כפר־נחום אויסגעבויט א סינאגאָגע. איך האָב זי געזען, ער האָט זי מיר מיט שטאָלץ געוויזן. זי איז געווען אין שענסטן גריכיש־אלעקסאנדרישן סטיל געהאלטן, מיט א מאַרמאָר־פאַסאַדע, מיט הערלעכע זײַלן אויס גראַניט, אויף וועלכע עס האָבן זיך געפונען אויסגעהאַקט יידישע אָרנאמענטן, און עס האָט נישט געפעלט אין איר קיין מאָזאַיק־דיל, אויסגעזעצט מיט די יידישע רעליגיעזע סימבאָלן. די יידן, פארשטייט זיך, זיינען אים געווען דאַנק־באַר, און אונזערע סאָלדאַטן האָבן אינדערשטיל געמורמלט.

ער איז געווען ארומגערינגלט מיט יידישע געלערנטע, זיי זיינען געווען זײַנע בעסטע פרײַנד. אמת טאקע, צו אים אין הויז ארײַן זיינען זיי נישט ארײַנגעקומען, ווײַל די יידן קומען נישט צו א פרעמד־גלויביקן אין שטוב ארײַן — צוליב זייערע געזעצן וועגן ריינלעכקייט. דערפאר אָבער האָט ער זיך באגעגנט מיט זיי אויף דער גאַס און אָפטמאָל אויך אין זייערע סינאַגאָגעס און לערנהײַזער, וואו זיי האָבן אים געלערנט און אויסגעטײַטשט די שריפט פון זייערע הייליקע ביכער. פון די יידן איז ער אויך געוואָר געוואָרן וועגן דעם וואונדערלעכן מאַן, וואָס האָט זיך באוויזן אין זייער שטאָט.

און דאַן איז געקומען דער וואונדער מיט דעם יינגל אנדרוס. דאָס איז געווען אַן אלעקסאנדריש־גריכישער שקלאַף, וואָס מײַן פרײַנד האָט געקויפט אויפן שקלאַפן־מארק. איך האָב אים גוט געקענט, דאָס יינגל, ער האָט אונז נישט איינמאָל באדינט, ווען איך בין געזעסן מיט מײַן פרײַנד דעם הויפּטמאַן אין זײַן ווילע, וואָס ער האָט געהאט הינטער דער שטאָט אויפן וועג קיין טבריה, אין דער זײַלן־האַליע, וואָס איז ארויס־

געגאַנגען אויף דער אָזערע כנרת. איך גלויב, אַז ער האָט אַנדרוסן געקויפט פאַר לוסט־צוועקן, וואָרום דאָס ייִנגל איז אויסערגעוויינלעך שיין געווען, דין געבויט, מיט אַ פיגור, וואָס מען געפינט זי נאָר אויסגעשניצט אויף די דענקמעלער פֿון די פּרעהס אין מצרים. שפּעטער אָבער, פאַרשטייט זיך, אַז אונטער דעם פאַרדאָרבענעם אײַנפלוס פֿון דער ייִדישער לערע, וועלכע פאַראַכטעט אַזאַ אַרט ליבע, פּונקט ווי יעדע פרייד אין לעבן — האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פֿון דעם דאָזיקן געניוס, און זײַנע געפילן צום ייִנגל פאַרוואַנדלט אין אַ פאָטערלעכער צערטלעכקייט. ער האָט דאָס ייִנגל באַפרײַט און אַדאָפּטירט אים אַלס זון. זײַן ליבע צום ייִנגל האָט זיך אַריבערגעטראָגן דערנאָך אויך אויפן ייִדישן רבין, וועלכער האָט אויף אַזאַ וואונדערלעכן אופן זײַן אַדאָפּטירטן זון געהיילט. שפּעטער אָבער, ווען ער האָט זיך נענטער באַקענט מיט דעם ייִדישן רבין, מיט זײַנע וואונדערלעכע מעשים, האָט זײַן פאַרערונג פאַר דעם מאַן אויפגעצערט זײַן גאַנצע ליבע און צונייגונג פאַר דעם ייִנגל.

ער איז געווען אַ מאָדנער מענטש, דער הויפּטמאַן, ער האָט שטענדיק געמוזט וועמען פאַרערן, זײַן נשמה איז דורשטיק געווען און זי האָט שטענדיק געזוכט נאַרונג. עס איז געווען טאַקע אַ בושה, אָבער גלײַכצײַטיק אויך אינטערעסאַנט צוצוזען, ווי דער מעכטיקער מאַן מיט זײַן אויסערגעוויינלעכן שטאַרקן קערפּער־בוי, מיט דער ברוסט, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט צו די פֿײַלן פֿון מלחמה־מזל אויף די שלאַכטפעלדער, מיט די מעכטיקע קניען, וואָס האָבן געטרעטן טיף אין די בלאָטעס, אין די אומבאַקאַנטע זומפּן פֿון די דײַטשע וועלדער, — אָט די ברוסט, וואָס איז באַקליידט געווען מיט אַ זילבערנעם מלחמה־פּאַנצער, באַצירט מיט געגלייזטע מעדאַל־קעפּלעך — די סימבאָלן פֿון זײַנע פאַרדינסטן און נצחונות אויף דעם מאַרס־פעלד — אָט די ברוסט האָט ער פאַרבאָרגן אין אַ ייִדישן „סדין" מיט ציצית־טראָלדן, כדי מען זאָל אים נישט דערקענען, און געשטעלט זיך בײַ די טויערן פֿון די ייִדישע סינאַגאָגעס אָדער פֿון זייערע לערנהײַזער, אָדער גאָר אײַנגעהילט אין זאַק־קליידער, ווי די אָרטיקע אָרעמע באַפעלקערונג, איז געשטאַנען צווישן דעם אָרעמען אַרבעטער־פאָלק, כדי צוצוהערן זיך צו דער לערע פֿון דעם ייִדישן רבי. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט די רעליגיעזע ענינים פֿון אַ פרעמד אונטערטעניק פאָלק, איבער וועלכן ער איז געזעצט געוואָרן צו הערשן און רעגירן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט מיט דרך־ארץ פאַר זייערע אַלטע לײַט, געשיקט קרבנות און מתנות פאַר זייער טעמפּל אין ירושלים. זינט אָבער ער האָט באַגעגנט דעם וואונדערלעכן רבי, איז ער שוין נישט מער אָפּגעטרעטן פֿון אים. ער האָט זיך געפֿונען אויף אַלע פאַרזאַמלונ־

גען, וואו דער מאַן האָט גערעדט, שבת איז ער געשטאַנען בײַ דער טיר פון דער שול, כדי צוצוהערן זיך צו זײַן פּרעדיקט, געקראָכן אין דעם אָרעמען הויף פון שמעון דעם פישער, כדי בײַצוזײַן בײַ די מאָלצײַטן, וואָס דער רבי האָט געפּראַוועט מיט די אָרעמע פישער און שטײַער־אויפמאָנער.

זינט יענעם מערקווירדיקן נאָכמיטאָג, ווען דער מאַן האָט געהאלטן זײַן פּרעדיקט אויפן באַרג, האָט דער הויפּטמאַן פון כפר־נחום מער נישט געפונען קיין רו. ער איז אָפט אליין געזעסן אין זײַן געשלאָסענעם הויף־גאָרטן בײַ די סטאַטועס פון די געטער אָדער אין איינזאַמקייט ארומגע־גאנגען בײַם ברעג פון כנרת פארזונקען אין געדאנקען און נאָכגעטראַכט אין די ווערטער פון דעם יידישן רבי. ער האָט זיך געלאָזט מאַכן א קאָפּיע פון דער רעדע אויף א פּאַפּירוס געשריבן, וואָס איינער פון די תלמידים פון דעם רבין האָט זי געהאט פארצייכנט, און ער האָט זי געהאלטן אין איין שטודירן. ער האָט געקאָנט יעדן זאַץ אויסנווייניק, און ווען ער איז געזעסן אליין, פלעגט ער איבערחזרן די ווערטער. אָפט־מאָל האָט ער אויך מיך געוואָלט געווינען פאר זײַן רבינס לערע, און פלעגט מיט מיר אײַנחזרן איינצלנע שטעלן פון זײַנע רייד.

איינמאָל זיינען מיר געזעסן אין דער זײַלן־האליע פון זײַן הויז, וואָס איז ארויסגעגאנגען אויף דער אָזערע. אָוונט איז עס געווען, און מיר האָבן זיך צוגעקוקט צום שפּיל פון די לבנה־שטראַלן מיט די כוואַליעס. די לבנה איז ווי א בלוטיקער באַלעם דורכגעשוואומען די הימל־וואָלקנס, צעריסן זיי, און אירע שטראַלן האָבן באַאומרואיקט די כוואַליעס פון דער וויגנדיקער אָזערע. צווישן זײַנע קניען האָט מײַן פרײַנד געהאלטן דאָס ייִנגל אַנדרוס, וועלכן ער האָט געגלעט מיט דער האַנט איבער די גע־לאָקטע האָר און, אָנלענענדיק זײַן קאָפּ אויף דער האַנט, האָט ער גערעדט צו זיך אליין פראַזן אין דער פרעמדער אָרט־שפּראַך.

— וואָס איז דאָס, וואָס דו זאָגסט? — האָב איך געפרעגט.

— איך חזר איבער די ווערטער פון דעם וואונדערלעכן מאַן, וועלכן מיר האָבן געהערט פון באַרג אראָפּ פּרעדיקן: „בעט און עס וועט אײַך געגעבן ווערן, זוכט און איר וועט געפינען, קלאַפּט אָן און מ׳וועט אײַך אויפמאַכן״.

— איך זע נישט אין דעם קיין באַזונדערע פילאָזאָפיע, וועלכע זאָל באַגליקן אָדער באַרײַכערן דעם דענקענדיקן מענטש. דער זאַץ רוט נישט אויפן פיעדעסטאַל פון דערוואָרבענע דערפאַרונגען פון דער ווירק־לעכקייט אָדער פון דעראָבערטן וויסן — דאָס איז א געמיט־צושטאַנד

פון דעם אומדיסציפּלינירטן יידיש־טרוימערישן גייסט, וואָס הייסט זוכן די גליקזעליקייט אין דעם ים פון גאָרנישט.

— דאָס איז דער אָנהייב פון אַלע אמתן — ענטפערט מיר אָפּ דער הויפּטמאַן מיט בענקשאַפט פון א באַרבאַר, — אונזערע דעראָבערונגען באַדאַרפן זיך נישט אָנשלאָגן אין דער ענגער מעטע פון אונזער באַוואוסטזײַן; אונזער וועלט ענדיקט זיך נישט מיט דער כימערע פון הימל, שטערן און לבנה, וואָס עס דאַכט זיך אונז אויס צו דערגרייכן מיט דער האַנט, אָדער בײַ יענעם מילך־וואָלקן, וואָס הילט אײַן די בערג פון יענער זײַט כנרת; אונזער לעבן ענדיקט זיך נישט בײַם ראַנד פון אונזער קבר, — איבער די וואָלקן און איבער די הימלען זיינען נאָך דאָ אנדערע וועלטן, ווי עס איז דאָ א צווייט לעבן נאָך אונזער טויט. דאָס איז דאָס אייביקע זײַן, דאָס אומענדלעכע באַוואוסטע אומבאַוואוסטזײַן, דאָס אייביקע זוכן און געפינען. און זינט איך האָב געהערט די ווערטער און איך טראַכט מיך אַרײַן אין זיי, פאַרנעם איך די שטים פון יענער זײַט, נישט נאָר פון אונזער צײַט און רוים, נאָר אויך פון דער אומענדלעכקייט, די וואָס וואוינט אין מײַן אייגן האַרץ. איך פיל ווי אַן אָנהייב פון א גלויבן, אז עס זיינען דאָ טירן, אין וועלכע מען קאָן אָנקלאַפּן און אז הינטער די טירן איז דאָ ווער — וואָס קאָן עפענען. זינט איך האָב געהערט די ווערטער, פיל איך, אז איך בין אָנגעקומען צו אַן אייביקן קוואַל, וואָס שעפּט זיך קיינמאָל נישט אויס. איך הייב אָן צו פאַרשטיין דעם גלויבן.

איך האָב אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. איך האָב זײַנע ווערטער נישט פאַרשטאַנען.

— אָבער דאָס זיינען דאָך אַלץ פאַנטאַזיעס, וועלכע קאָנען נישט אויפגעפּאַסט ווערן פון אונזער שכל הישר, וועלכער שטיצט זיך אויפן חוש פון דער ווירקלעכקייט. אזעלכע געמיט־שטימונגען פּאַסן זיך פאַר דעם פּאַטאַליסטישן מענטש, וועלכער האָט נישט די מעגלעכקייט און דעם כח צו פאַרעמען זײַן אייגענעם מזל. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרזוכט די ברכות און קיינמאָל נישט געפילט די אייגנשאַפטן, וואָס זיינען באַשערט פאַר דעם רוימישן מאַן, עס איז אים פרעמד גבורה, ער ווייסט נישט פון קיין מלחמה־גליק, ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו געניסן פון דעם בעכער פון זיג, וואָס עס הייסט צו באַהערשן די ערד מיט דעם שלאַג פון דײַן שווערד. ער האָט קיינמאָל נישט גענאָסן פון אמתן גליק, זײַן כאַראַקטער איז נישט דיסציפּלינירט. ער קען נישט דעם אמתן ווילנס־דראַנג נאָך ליבע, נאָך הערשאַפט, נאָך נקמה, נאָך קאַמף. וואָס ווייסן זיי פון לעבן און וועלט, אז אזא איינער פון זיי

זאָל דעריבער משפטן? זיי האָבן זיך באַגניגענען געלאָזט מיט די זאַמדן און שטיינער־בערג פון זייער קליינטשיק לאַנד. די ערד איז געווען צו זיי קאַרג, איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס זיי האָבן זייערע אויגן צו די הימלען אויפגעהויבן און געחלומט פון א לעבן איבער די וואָלקנס. דאָס פאַנטאַסטישע לעבן, ארויסגעדרונגען פון דער געמיט־שטימונג, איז צוגעפאַסט פאַר די באַרבאַרן, וואָס האָבן עפּעס אנדערש נישט. אָבער וואָס האָבן מיר, רוימער, דערמיט צו טון? מיר האָבן די וועלט איינגעצוימען! זיינען דען דיר נישט גענוג אונזערע העלדן? ווילסטו אפשר אויסטוישן דעם גרויסן מאַריוס, סולא, צעזאַר, דעם גאָט אויגוסט, אונזער אייגענעם פעלד־פירער גערמאַניקוס, וועלכע האָבן די וועלט פאַר רוים דעראָבערט, אויף די פּאַטריאַרכן פון די יידן, כדי דו זאָלסט קאָנען זיצן מיט זיי אין קעניגרייך פון הימל? — פרעג איך אים אין שפּאַס.

אָבער ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען ער האָט מיר מיט דעם גאַנצן ערנסט אָפּגעענטפערט:

— די גבורות פון אונזערע העלדן? יאָ, ווער קאָן זיי דען איבער־ציילן? זיי האָבן רוימס שווערד געטראָגן איבער די פעלקער און איר ממשלה אויסגעשפּרייט איבער פיל לענדער. ווער קאָן דאָס לייקענען? אָבער צי האָבן זיי געקאָנט באַפעלן איבער די גייסטער, ווי מיר איבער אונזערע סאָלדאַטן? האָבן זיי געקאָנט זייערע אייגענע מזלות איבעראַנ־דערשן, באַשטימען פאַר זיך זייער באַשערטקייט? האָבן זיי געקאָנט פאַר זיך א נעץ אויסשפּינען, וואָס זאָל זיי אויפפאַנגען, ווען זיי זיינען געפאַלן אין דעם באָדנלאָזן אָפּגרונד פון טויט? האָבן זיי מיט אַלע זייערע היילות און כחות געקאָנט שטומפּיק מאַכן די אומגעזעענע ציין פון דעם וואָרעם, וואָס הייסט „צייט" — וועלכער פרעסט אזוי פרעך דאָס לייב סיי פון גרויסן און סיי פון קליינעם? צי האָבן זיי געקאָנט, מיט אַלע זייערע וואונדערבארע קאַמפן און גבורות, אויסקעמפן איין איינציקן טאָג, איין מינוט פון דער לענג פון זייער צייט, אָדער אלס מלחמה־מס אויפמאָנען איין איבעריקן אָטעם פון דער צאָל, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר זייער קיום? צי האָבן זיי מיט אַלע זייערע נצחונות גע־וואונען פאַר זיך איין סעקונדע פון פרייד, וועלכע זאָל נישט זיין אָנגע־שטעקט מיט דער קרענק פון סוף? וואָס איז זייער עשירות, אויב עס באַשטייט פון רעאַליטעטן, וואָס ווערן געמאָסטן מיט דער מאָס פון פאַר־ניכטונג? וואָס זיינען זייערע זיגן, אז דער זיגער און באַזיגטע טיילן איין גורל, ווערן געוואָרפן אין דעם זעלבן גרוב פון אייביקער נאַכט? וואָס זיינען זייערע מעשים, אז זיי ווערן געמאָלן דורך די מילשטיינער פון פארניכטונג און ווערן צעבלאָזן פון ווינט פון פארגאַנגענהייט און

אויסגעבלאָזן אין דער נישטיקייט פון אונזער באַגרענעצטן זײַן? זיג איז דאָס, וואָס עס שאַפט אייביקע ווערטן, וואָס קיין צײַט און קיין סם האָט נישט קיין שליטה איבער זיי. זיג איז דאָס, וואָס עס שאַפט די אייביקע פרייד פון אומפאַרגענגלעכן באַזיץ. גבורה איז דאָס, וואָס באַקעמפט מאָמענטאַלע ליידנשאַפטן און וואונשן, וועלכע זעטיקן זיך אין זייער דערפילונג. דער זיג איבער דיר אַליין מאַכט דיך פעיִק אויפצונע־מען די גרויסע ברכה פון גלויבן אין אַן אומפאַרגענגלעכער, איינציקער און אייביקער מאַכט, וועלכע האָט דיך מיט איר חסד אַרונטערגענומען אונטער איר השגחה און וואַכט איבער דיר אין אַלע וועלטן, אין אַלע צײַטן, אין אַלע פאָרמען און אין אַלע עקזיסטענצן, וואו דו געפינסט זיך. — אָ, דענסטמאָל קאָנען שוין מײַנע ביינער צעריבן ווערן, קאָן זיך שוין מײַן בלוט גיסן איבער אַלע שלאַכטפעלדער פון לעבן — גאָט וועט זאַמלען מײַנע ביינער און אויפשעפּן מײַן פאַרגאָסן בלוט און צוזאַמענ־וועבן עס צוריק אין איין גאַנצקייט. — וועלכע פײַערן קאָנען מיך פאַר־ניכטן? וועלכע מלחמות קאָנען מיך בײַשטיין? איך בין די אייביקייט אין אים. די מאַכט און דער זיג קענען מיר געבן נאָר איין איינציקע גבורה: אויפגענומען צו ווערן אין דעם בונד, וואָס די איינציקע אייביקע געטלעכקייט האָט געשלאָסן מיט דעם מענטש. די צוגעהעריקייט צו דעם דאָזיקן בונד פאַרזיכערט מיר קיינער נישט, נאָר דער גלויבן פון די באַרבאַרן איבער וועלכע מיר הערשן — די יידן! דאָס איז עס וואָס איך זוך בײַ זיי.

איך בין דערשטוינט געוואָרן פון זײַנע רייד. כ׳האָב אים אָנגענומען בײַ דער האַנט און געפרעגט:

— הויפּטמאַן, וואָס איז מיט דיר? וואוהין געהערסטו?

— קאָרנעליוס, דו ווערסט מיך נישט פאַרשטיין, דו ביסט בלינד און דו זעסט נישט. איך פיל, אַז עס ווערט עפּעס אין מיר געבוירן, אַ טיר עפנט זיך פאַר מיר, דו קאָנסט דורך איר נישט אַרײַנגיין. איר נאָמען איז — דער גלויבן.

איך האָב אים מער נישט אָפּגעענטפערט, איך האָב געזען, אַז דער מאַן איז פאַרפאַלן...

קאַפּיטל איינאונצוואַנציק.

קאָרנעליוס דערשמעקט די געפאַר.

די נאַכט בין איך נישט געשלאָפן. איך האָב מיר געלאָזט געבן פון מײַן פרײַנד, דעם הויפמאַן, די פרעדיקט, וואָס דער מאַן האָט געהאלטן אויפן באַרג. דער הויפטמאַן האָט זי איבערגעזעצט פאר אייגענע נוצן פון אראמעאיש אויף גריכיש. בשעת איך האָב זי געהערט, האָב איך טיילווײַז נישט פארשטאנען אין דער אָריגינאַל־שפּראַך, פיל האָב איך פארהערט, ווײַל בשעת ער האָט גערעדט, האָט מיך מער אמוזירט צו באָבאַכטן די ווירקונג פון זײַנע רייד אויף די צוהערער, ווי די עצם קלוגשאפט זײַנע. איצט אָבער, האָבנדיק פאר מיר די פרעדיקט אין א מענטשלעכער שפּראַך, האָב איך זי אנאליזירט פונקט נאָך פונקט און איך בין געקומען צו דער מסקנה, אז די טעטיקייט פון דעם מאַן, אונטער וואָס פארא אומשולדיקער פאָרעם ער זאָל זי נישט באהאלטן (אז ער מיינט בלויז די מענטשן צו ברענגען אויפן דרך הישר), קאָן אָבער אונז מיט דער צײַט פיל אומאָנגענעמלעכקייטן פארשאפן. איבעריקנס, איז ער גאָר נישט אזא נעבעכל, ווי ער מאכט זיך, זײַן לערע קאָן זייער געפערלעך ווערן פארן יידישן רעליגיעזן רעזשים (וואָס מיר זיינען פאראינטערעסירט, אז די איצטיקע מאַכטהאָבער זאָלן בלײַבן הערשן איבער אים), און אויך פאר אונזער אייגענער הערשאפט. די גאנצע לאטײַנישע ציוויליזאַציע אין מזרח קאָן אפשר דורכדעם געשטעלט ווערן אין געפאַר. אין אָריענט פארשפרייטן זיך אזעלכע אידייען צווישן די אומוויסנדיקע מאַסן, ווי פײַער־צונגען אין אן אויסגעטריקנטן וואַלד, דערצו נאָך אויף דעם פאנטאסטיש־פאנאטישן באָדן, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער יידישער עלעמענט. צום ערשט הויבן זיך אָן אזעלכע זאכן אומשולדיק, בלויז מיט אינערלעכע רעליגיעזע ענינים, און ענדיקן זיך שטענדיק מיט רעוואָלט, אויפשטאַנד און בונטן קעגן דעם הערשנדיקן רעזשים און קעגן רוים. אָ, מיר קענען דאָס פון דערפאַרונגען! וואָרום ווי זיי באהאלטן זיך נישט אויס אלע אונטער דער מאַסקע פון זייער רעליגיע, אין וועלכער מיר מישן זיך נישט, באצוועקן זיי אלע אָבער איינס און דאָס זעלבע: אראָפצוווארפן פון זיך די פרעמדע הערשאַפט און מאַכט.

צו טײַער האָבן אונז די אויפשטאנדן פון די יידן געקאָסט, אז מיר זאָלן זײַן גלײַכגילטיק צו זיי, מיר מוזן אַכטונג געבן און שטענדיק זײַן אויף דער וואַך. וואָרום קוים נעמט זיך אָן בײַ זיי א לערע, האַלטן זיי

זיך דערבײַ ביז אין טויט אַרײַן. איידער מיר זיינען געקומען אין לאַנד אַרײַן, נאָך בײַ דעם ערשטן פּראָקוראַטאָר קאָפּאָניוס, איז אויפגעשטאַנען בײַ זיי א מאַן, וועלכער האָט ענלעכס געפּרעדיקט. יהודה דער גלילער — האָט ער זיך גערופן. ער האָט אָנגעהויבן, דאכט זיך, ווי דער רבי, מיט א ריין רעליגיעזן ענין זייערן, עס האָט גאָרנישט געהאַט מיט אונז צו טון, ער האָט אין די גלילער מאַסן אַרײַנגעוואָרפן א לאָזונג, אין זייער שפּראַך הייסט עס: „צו גאָט אליין געהערט די הערשאַפט". דאָס האָט זיך באַלד אָנגעצונדן ווי א פּלאַקער־פֿײַער, וואָרום וויבאַלד צו זייער גאָט אליין געהערט די הערשאַפט, מוז מען זיך דאָך קעגנשטעלן יעדער פרעמדער מאַכט! און באַלד האָבן זיי אויפגעהערט צו צאָלן מס דעם קייסער, זיי האָבן פארשמיסן און ארויסגעיאָגט די באַאַמטע פון די קליינע ערטער, עס האָבן זיך אויפגעהויבן בונטן, מען האָט זיך באַהאַלטן אין די היילן, איבערגעפאַלן רייזנדע אויף די וועגן און געקליבן זיך צו פארטרײַבן אונזערע לעגיאָנען. פארשטייט זיך, אז מען האָט זיך פלינק מיט זיי אַן עצה געגעבן. דער פּראָקוראַטאָר האָט זיך ענערגיש גענומען צו זיי, פיל פון זיי האָט מען צום האַלז צוגענעגלט, א סך אויף די שקלאַפן־מערק פארקויפט, פאר דעם חיות־געראַנגל קיין רוים און אין אנדערע ערטער צעשיקט, מערערע פון זיי האָט מען אויף די גאַלערעס אײַנגעשפּאַנט. נאָך יאָרן און יאָרן איז מיר אויסגעקומען אויף א רעגירונגס־שיף, וואָס האָט מיך געפירט פון אלעקסאַנדריע קיין צעזאַריע, אָנצוטרעפן אויף איינעם פון די אַנטיילנעמער, וואָס איז נאָך געבליבן בײַם לעבן פון דעם אויפשטאַנד. דער קאַפּיטאַן האָט מיר פארציילט, אז ער האָט צווישן די שיף־שקלאַפן איינעם א פענאָמען, וואָס נאָך צוועלף יאָר האַלט ער נאָך אויס דאָס שקלאַפן־דינסט אויף דער שיף. איך בין פאַר־אינטערעסירט געוואָרן אים צו זען און האָב זיך ארונטערגעלאָזט אונטן אין דעם שקלאַפן־קערקער פון דער שיף, וואו די פארברעכער זיינען צוגעשמידט צו די רודערס, דאָרט האָב איך אָנגעטראָפן אויף א מעכטיקן מאַן. ער איז געווען א נאַקעטער צוגעשמידט מיט זײַנע ביידע פיס צו די קלעצער פון דער שיף, זײַנע הענט מיט רינגען צוגעפעסטיקט צו די רודערס, ער האָט נישט געקאָנט קיין באַוועגונג מאַכן מיט זײַנע הענט, אז ער זאָל נישט מיטשלעפּן מיט זיך די שווערע רודערס. זײַנע אויגן זיינען געווען אויסגעברענט — צוויי רויטע פליישיקע וואונדן, פון וועלכע עס האָט געטריפט בלוט און אייטער, ער איז געווען פארדעקט מיט די לאַנגע גרויע פאַסן קאָלטענעס האָר, וועלכע זיינען פון שמוץ צוזאַמענגעקלעפּט געוואָרן. לויט דער קאָמאַנדע פון שטײַערמאַן בײַ דעם לענקער פון דער שיף האָט ער מיט דער מאַכט פון זײַן שטאַרקן ברוסט־

קאָסטן און אײַזערנע אָרעמס באַוואויגן די רודערס. קוים האָט ער נישט אָנגעהאַלטן דעם טעמפּאָ מיט די אַנדערע רודערערס, זײַנען געפאַלן אויף זײַן לײַב די בלײַערנע שמיץ פון דעם אויפזעערס קאַנטשוק. עס איז נישט געווען איבערצוטראָגן דעם געשטאַנק, וואָרום די צוגעשמידטע שיף־שקלאַפן זײַנען באַשטאַנען אויס די ערגסטע מערדערס, אויפרודערערס, האָבן מיר זיי געלאָזט דאָרט פאַרפוילט ווערן אין זייער נאַטירלעכן אָפּפאַלעכץ, וואָס זיי האָבן ווי די חיות אָפּגעוואָרפן פון זיך. צו עסן האָט מען זיי געגעבן נאָר אויף אַזוי פיל, כדי זיי צו דערהאַלטן בײַם לעבן און אויסנוצן זייערע כחות צו טרײַבן די שיף. מיר האָבן זיך נישט געניטיקט אין שקלאַפן, כדי מיר זאָלן באַדאַרפן זאָרגן פאַר זייער לעבן, מיר האָבן נישט געוואוסט וואו אהינצוטון די אָן א שיעור קריגס־געפאַנגענע, בונטאָווניקעס, פאַרברעכער, וואָס אונזערע קאָלאָניעס האָבן אונז צוגעשטעלט (קייסער טיבעריוס איז נישט קיין פאַרשווענדער, אין זײַן קאָרגשאַפט מאַכט ער נישט קאַליע די פּראָווינצן און דאָס פּעבל פון רוים מיט צופיל צירק־שפּילן, וואָרום נישט אין קיין מענטשן איז געגאַנגען, מענטשן פאַר די חיות צו וואַרפן האָבן מיר געהאַט גענוג, נאָר די חיות קאָסטן צו טײַער), — האָבן מיר די מענטשן באַנוצט צו די גאַלערעס. „קיינער פון זיי — האָט מיר דער אויפזעער איבער די געפאַנגענע מיטגעטיילט — האַלט נישט אויס דאָ אין די גאַלערעס מער פון זעקס־אַכט חדשים. און דער בלינדער דאָרטן — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף דעם בלינדן מאַקאַבעער — איז דער איינציקער, וואָס זיצט שוין דאָ איבער צוועלף יאָר. מיר פאַרשטייען נישט דעם סוד פון זײַן גבורה, וואָס דערהאַלט אים בײַם לעבן". ווען איך בין נענטער צוגעקומען צו אים, האָב איך געהערט, ווי ער מורמלט עפּעס מיט זײַנע ליפּן אין אַן אומפאַרשטענדלעכן לשון. „דאָס איז דער מלחמה־געשריי פון זייער בונד! — האָט מיר דערקלערט דער אויפזעער — וואָס ער האַלט אין איין איבערחזרן אין זיך".

— און וואָס באַדײַט דאָס? — פרעג איך.

— אַז „צו זייער גאָט אַליין געהערט די הערשאַפט!"... — האָט מען מיר געענטפערט.

און אָט אַזוי זיצט ער א האַלב פאַרפוילטער בלינדער אין דעם מיסטקאַסטן פון זײַן אָפּפאַלעכץ, צוגעקייטלט צו די שיף־קלעצער און מורמלט נאָך אַלץ פאַר זיך זייער מלחמה־געשריי: „צו גאָט אַליין געהערט די הערשאַפט!". דאָס וועט זײַן זײַן לעצטער אָטעם־הויך. אַזוי זײַנען זיי די יידן, קוים נעמען זיי זיך עפּעס אין קאָפּ אַרײַן, ווערסטו שוין מיט שמיץ נישט קאָנען פון זיי אַרויסשמײַסן. אויך דער רבי, וועמענס פּרעדיקט איך

האלט איצט אין דער האנט, איז פון דעם סאָרט מענטשן, אויך ער שטעלט די געטלעכקייט אלס דעם איינציקן הערשער און לאָזט נישט צו קיין אַנדערע מאַכט לעבן איר. „איין מענטש קאָן נישט קיין צוויי הארן דינען!" — זאָגט ער. נאָך מער, ער גייט אין זײַן פאַנאַטישן גלויבן אזוי ווײַט, אז ער הייסט זײַנע אָנהענגער אוועקוואַרפן יעדן שכלדיקן איינשאַף פון ברויט און קליידער דורך אַרבעט און פּראַצע: „זאָרגט נישט פאַר אײַער לעבן, וואָס איר זאָלט עסן און וואָס איר זאָלט טרינקען, אויך נישט פאַר אײַער לײַב וואָס איר זאָלט אָנטון"...

אָבער דאָס הייסט דאָך דאָס פאָלק באַלעמוטשען מיטן אײַנריידן, אז זיי זאָלן נישט אַרבעטן, אז זיי זאָלן נישט זייען און נישט שנײַדן, נאָר פאַרלאָזן זיך, אז גאָט וועט זיי אַלץ פון הימל אַראָפּשיקן.

„זאַמלט אײַך נישט אָן קיין אוצרות אויף דער ערד, וואו די מילב און דער ראָסט פאַרדאַרבט אַלץ און וואו גנבים קאָנען זיך אײַנברעכן און באַגנבענען, זאַמלט אײַך אָבער אָן אוצרות אין הימל, וואו די מילב און דער ראָסט פאַרדאַרבן נישט..."

דאָס הייסט דאָך אָבער בפירוש אויפרודערונג, דאָס איז דאָך בונט! דאָס איז דאָך אַן אַטענטאַט אויף דער גאַנצער עקזיסטירנדיקער הער־שאַפט, דאָס איז דאָך פיל ערגער פון דעם, וואָס דער בונטאָוושטשיק יהודה פון גליל האָט געפּרעדיקט. דאָס הייסט דאָך, גאָרנישט אַרבעטן, צע־שטערן אַלע פאָרמען פון דעם עקזיסטירנדיקן סיסטעם, נאָר צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און אויסצוואַרטן, ווי זייער אומגעזעענער גאָט וועט זיי א ברויט פון הימל אַראָפּוואַרפן. ווען זײַנע רייד זאָלן זיך חלילה אָנ־נעמען בײַם פאָלק, גייט דאָס לאַנד צו גרונד. פון וועמען וועלן מיר דאַן אונזער מס אויפמאָנען, פון וואָס וועלן מיר אונזערע סאָלדאַטן אויס־האַלטן? דער דאָזיקער מאַן הייסט פאַרניכטן דאָס לעבן, כדי אונז צו פאַרניכטן. פאַרוואָס לאָזט מען אזא איינעם אויף דער פרײַ און מען דער־לויבט אים צו טון אומבאַשטראָפט זײַן שעדלעכע טעטיקייט?

ער בענטשט די, וואָס ווערן גערודפט פון דער גערעכטיקייט. ער פאַרניכטעט דאָס געריכט: „ווען איינער וועט זיך וועלן מיט דיר קריגן בײַם געריכט, כדי דײַן קלייד אוועקצונעמען, אזוי לאָז אויך איבער דײַן מאַנטל". נישט לאַדענען זיך אין געריכט — הייסט דאָך דערמוטיקן אומגערעכטיקייט! נישט שווערן אפילו הייסט ער: „ווײַל דו קאָנסט נישט איין איינציקע האָר ווײַס אָדער שוואַרץ מאַכן". אָבער דאָס איז דאָך אַן אַטענטאַט אויף אַלע געריכטס־אַנשטאַלטן, אויף אַלע פאָרמען פון לעבן! ער מעקט אויס אַלע קאָדעקסן, צעשטערט אַלע געזעצן, ער הייסט נישט אנטקעגנשטעלן זיך דעם שלעכטן, ווי דאָס געזעץ איז:

„אָבער איך זאָג אײַך, איר זאָלט זיך נישט אנטקעגנשטעלן דעם בייזן, נײַערט ווען איינער וועט דיך שלאָגן אויף דער רעכטער באַק, אזוי שטעל אים אויך די אנדערע באַק אונטער!"

— וואוהין צילט דער דאָזיקער מענטש? — האָב איך זיך געפרעגט.

דאָס וואָס ער פּרעדיקט איז א פארניכטונג פון אלדינג, וואָס עס איז דערוואָרבן געוואָרן דורכן מענטש פון זײַנע דערפאַרונגען, אויסגעפּײַנערט אין קאַמף פאר הערשאַפט און העכערקייט, אײַנגעפונדעוועט דורך טראַדיציע, גערעגלט און פעסטגעזעצט געוואָרן דורך מנהגים, מצוות און געזעצן, קאָנטראָלירט און קולטיווירט דורך אינסטיטוציעס, מאכטהאָבער און גייסטיקע פירער, — און דאָ הייסט דער מאַן באשאַפן א גאנץ נײַע וועלט, אויף א גאנץ נײַעם סדר־עולם, באגרינדעט אויף גאנץ אנדערע קעגנגעזעצטע פּרינציפּן. אַלץ וואָס איז בײַ אונז פאַרעכנט פאַר מעלות, פאר די העכסטע דערוואַרבונגען פון דער מענטשלעכער אויסדערוויילטקייט, וועט בײַ אים פאַרעכנט פאַר חסרונות, וואָס מען באַדאַרף אויסמײַדן, און פאַרקערט — חסרונות און פעלערן ווערן דורך אים ארויסגעשטעלט אלס די העכסטע מאָראלישע געבאָטן, וואָס זיינען דאָס איינציקע ווירקלעכע גוטס פון מענטש, וואָס האָט די וועלט און חיה צו זײַנע פיס געלייגט. נישט די מענטשלעכע ווירדע און שטאָלץ, וואָס האָט אויסגעהאַמערט דעם מענטשלעכן כאראקטער, נאָר שוואַכקייט און נאָכגעביקייט, נידעריקער געמיט, עניוות און זאַנפטקייט — די דאָזיקע וועלן די ערד ירשנען, און דאָס קעניגרײַך פון הימל וועט זײַן זייערס. נישט רײַכטום, געזאַמלט דורך פלײַס און דעראָבערונגען, נאָר אָרעמקייט, וואָס קומט פון אָפּגעלאָזנקייט און נאָכגעביקייט — דאָס איז דער אידעאַל פון מענטש. נישט בייז זײַן און נישט פײַנט האָבן, וואָס דאָס איז די מוטער פון קאַמף און די פּאַטערס פון זיג, נאָר נאָכגעבן, ליבן דעם פײַנד, אַנטלויפן פון שלאַכטפעלד, איידער מען טרעט נאָך אויף אים ארויף, פארגעבן יענעמס פעלער, כדי דער פּאַטער אין הימל זאָל פארגעבן דײַנע פעלער. נישט געניסן דאָס לעבן אין דעם גאנצן שפע פון רײַכטימער, נישט פרײַלאָזן דײַנע נאטירלעכע ליידנשאַפטן, אז זיי זאָלן זיך אויסלעבן מיט דער גאנצער קראַפט פון זייערע אָנגעזעטיקטע זאַפטן, נאָר אונטערדריקן זיי און האַלטן אין דער צוים, אויסברענען די געפילן. ווען דײַן רעכט אויג שטרויכלט דיך, אזוי שטעך עס אויס און וואַרף עס אוועק פון דיר; ווען דײַן רעכטע האַנט שטרויכלט דיך, אזוי האַק זי אָפּ. טראָג דעם אייביקן טרויער אין דײַן הארץ, און אויף דײַן פּנים זאָל מען עס נישט אָנזען. ווען דו טוסט פאַסטן, אזוי זאַלב דײַן קאָפּ און וואַש דיר דײַן פּנים...

איך בין געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז גאָר אַנדערש ווי די ביז־איצטיקע יידישע לערער, געזעץ־אויסטײַטשער איז דער דאָזיקער. די לערע פון יענע האָט געטראָגן אירע געבאָטן בלויז פאַר די אויסדערווילטע פון זייער פאָלק, און דאָס איז געווען צוגעפּאַסט פאַר זייער כאַראַקטער און געמיט־צושטאַנד, מיט אַנדערע האָבן זיי זיך נישט געוואָלט מישן. ד ע ר רבי אָבער — אין זײַן לערע געפינען זיך געבוג האַטשיקעס אויפצוכאַפּן נאַיִווע גלויביקע פון די פרעמדע פעלקער, פון די היידן. קודם כּל באַגרענעצט ער זיך נישט אויף דעם ענגן גאָטעסדינסט פון זייער טעמפּל און זייערע רעליגיעזע מנהגים, ווי דער כּהן גדול און זײַן קלאַס, ער וואַרפט געדאַנקען, ווי ער וואָלט אויסגעשפּרייט נעצן פאַר אַנדערע.

איך קען מײַנע רוימער, מיר זיינען לײַכט אָנצונעמען זיך מיט דעם מיסטיציזם און ווילדקייטן פון אונזערע באַזיגטע פֿײַנד, מיר זיינען אָפּטמאָל געצוואונגען די קעפּ צו בייגן פאַר די געטער און קרבנות צו ברענגען אין די טעמפּלען פון די באַזיגטע באַרבאַרן, שוין אָפּגערעדט פון די לויזיקע דורכגעטריבענע גריכן, וואָס האַלטן זיך העכער פון אונז מיט זייער קולטור, קונסט און פילאָזאָפיע, באַטראַכטן אונז פאַר נײַאויפגעקומענע, פאַר מאַלפּעדיקע נאָכמאַכער. נישט מיר איבער זיי, נאָר זיי איבער אונז רעגירן, וואַרפן אונז אָן זייער געשמאַק, זייערע פילאָזאָפישע שולן דורך די פיל לערער און דערציער, וואָס מיר קויפן אויף די שקלאַפן־מערק.

אויך די עגיפּטישע און כאַלדעאיש פּריסטער וואַרפן אונז אָן זייער כּשוף, זייער פֿײַער־שלינגען און שלאַנגען־באַשווערן דורך זייערע ווײַבער. אַז אין רוים אין דער העכסטער געזעלשאַפט האָט מען שטענדיק גערן געהאַט אַ ביסל זיך צו „יידלען", דאָס איז דאָך פאַר קיינעם קיין סוד נישט! אָבער צו וואָס דער שעדלעכער אײַנפלוס פון דער יידישער אמונה קאָן דערפירן, האָב איך ערשט דאָ אין כּפר־נחום געזען: אָנגעשטעקט פון כּשוף, וואָס אַ יידישער רבי פאַרשפּרייט, קאָן אַ רוימישער הויפּטמאַן פאַרלייקענען זײַן רוימישן כאַראַקטער און פאַרוואַנדלען זיך אין אַן אַזיאַטישן, ווייכן און סענטימענטאַלן טרוימער און וויזיאָנער!

און נישט איינער איז געווען אַזעלכער. אין דער גרופּע מענטשן, וואָס גייען נאָך דעם יידישן רבי, האָב איך אָפּטמאָל באַגעגנט צווישן די צעזאַרעער און אַשקעלאָנער נישט איין הויפּטמאַן. נאָך אים וועלן אַנדערע קומען און זיך אָנשטעקן מיט זײַן לערע.

איך האָב דערזען אין דעם רבין זייערע אַלע געפאַרן, אַלע אויפשטאַנדן, דאָס גאַנצע ציין־קריצעניש און הענט־אויפהייבן, דעם גאַנצן

אַנמעכטיקן כעס, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די יידישע הערצער אויף אונז. איך האָב געזען די גאַנצע פאַרניכטונג, וואָס זיי ווילן ברענגען אויף אונז. ער איז פאַר אונז פיל געפערלעכער פאַר קאַרטהאַגאַ, פיל געפערלעכער פאַר אַלע שונאים פון רוים.

דאָס איז דער קאַמף, וואָס יהודה גייט פירן קעגן רוים, אַ קאַמף נישט מיט דער שווערד, נאָר ווי זיי רופן עס — מיטן גייסט פון גאָט. עס ווערט צו שפעט, מען וועט זיך קעגן דעם באַצײַטנס מוזן ווערן.

קאַפּיטל צווייאונצוואַנציק.

קאָרנעליוס נעמט דעם ענין אין זײַנע הענט אַרײַן.

איך האָב אײַנגעזען, אַז מען קאָן צו דעם מאָן, צו זײַן לערע און צו זײַן גאַנצער טעטיקייט באַין אופן נישט זײַן גלײַכגילטיק. אָדער מען מוז זי אָנערקענען, און דענסטמאָל הייסט עס: אַרונטערפאַלן אונטער דעם מאָנס גייסטיקער ממשלה, אזוי ווי דער הויפּטמאַן; אָדער אָנערקען איך זי נישט, מוז איך אים באַקעמפן מיט אַלע מיטלען, וואָרום זײַן עקזיס־טענץ איז די געפאַר פאַר רוים. איך האָב דעריבער באַשטימט צו נעמען די זאַך אין מײַנע אייגענע הענט אַרײַן.

קודם כל האָב איך געפּרוווט אויסגעפינען, צי דער יהודה איש קריות איז דעם כהן גדולס מענטש, דורך וועלכן דער אַלטער חנן האַלט אַן אויג אויף אים. איך האָב געפּרוווט צו קומען אין פאַרבינדונג מיט יהודה איש קריות. איך האָב געוואוסט, אַז אזוי לײַכט וועט עס מיר נישט אָנקומען. די יידן, לויט זייער שטייגער, אפילו מיט די אָפּגעפאַלנסטע פון צווישן זיי האַלטן זיי זיך מיטאַנאַנדער, אָבער פאַר אַ פרעמד אויג פאַרשטעלן זיי די זאַכן, וואָס קומען פאַר צווישן זיי. אָבער אַז עס וועט מיר אָנקומען אזוי שווער, האָב איך נישט גערעכנט. קודם כל האָב איך דעם יהודה נישט געקאָנט געפינען, ער איז דעמאָלס, נאָך דער פּרעדיקט אויפן באַרג, פאַרשוואונדן מיט זײַן רבין אין די שכנותדיקע שטעטלעך, און עס האָט גענומען אַ געוויסע צײַט, ביז זיי זייגען ווידער צוריקגע־קומען קיין כפר־נחום.

איינמאָל בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דער רבי ישוע איז ווידער צוריקגעקומען קיין כפר־נחום. אויב אזוי, מוז דאָך זײַן תלמיד, דער יהודה איש קריות, אויך זײַן — האָב איך געטראַכט. איך האָב געשיקט צו אים אַ מס־אויפמאַנער, אונזערס אַ באַגלויבטן מענטש, אַז ער זאָל מיר

גיין אויפזוכן דעם יהודה איש קריות. פארשטייט זיך, אז איך האָב אים נישט פארטרויט וועגן וואָס עס האנדלט זיך, וואָס איך באצוועק מיט דעם דאָזיקן צוזאמענטרעפן, וואָרום אויף די מענטשן האָט מען זיך שוין אויך נישט געקאָנט פארלאָזן. דער רבי ישוע האָט געהאט אויף די מוכסים און אָנגעשטעלטע א גרויסן איינפלוס, צוליב דעם וואָס ער האָט פאר זיי אויפגעעפנט א טיר און זיי מקרב געווען, און מ׳האָט נישט געקאָנט מער וויסן, ווי זיי שטייען לגבי אונז. יאָ, די לערע פון דעם מאַן איז זייער געפערלעך געוואָרן פאר רוים, ער האָט אונז די בעסטע מענטשן ווידער־שפעניק און פאַרדעכטיק געמאַכט. איך האָב געשפילט די ראָלע פון א פרומען און האָב אים געזאָגט דעם מוכס, אז איך בין פאראינטערעסירט אין דער לערע און אין די וואונדערטאָטן פון דעם רבין און כ׳וויל דורך זיין תלמיד יהודה, וועלכן איך קען נאָך פון ירושלים, זיך נענטער באַ־קענען מיט אים.

ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען דער מס־אויפמאָנער האָט צו־ריקגעבראכט דעם ענטפער פון יהודהן, אז — ווער איז ער דאָס, וואָס ער זאָל קענען דעם הגמון פון ירושלים?... נישט אנדערש, נאָר עס איז א טעות, און דער הגמון האָט אוודאי נישט געמיינט אים.

איך האָב איינגעזען, אז לגבי ז׳עם אדורכגעטריבענעם מאַן פון כהן גדול מוז מען גאַנץ אנדערע מעטאָדן אָנווענדן. איך האָב אים אפילו גע־קאָנט ברענגען צו שלעפן צו מיר דורך צוויי אשקאלאָנער אָדער דורך אונזערע בראַווע סאמאריטאנער, איך האָב אָבער נישט געוואָלט אָנווענדן קיין געוואלד. עס איז מיר געגאנגען דעריין, אז איך זאָל געווינען דעם צוטרוי ביי דעם דאָזיקן מאַן און ער זאָל דינען אונזער זאַך. וואָרום ווי דער כהן גדול האָט זיך אונז נישט אויסגעוויזן צו זיין אונזערס א מענטש, אויף וועלכן מען קאָן זיך פארלאָזן, איז אָבער דאָך גוט, אז זיין באגלויבונגסמאַן זאָל אויך זיין אונזערער און ער זאָל דינען דער בשותפותדיקער זאַך, כדי מיר זאָלן האָבן ידיעות דירעקט פון דער ערשטער קוועלע, נישט צו זיין בלויז אָפּהענגיק פון דעם אלטן כיטרען חנן אליין. איך האָב באשלאָסן נישט צו קוקן אויף מיין ראַנג און שטעלונג, איך מוז זיך זען מיט דעם מאַן און אדורכרעדן זיך מיט אים, כדי צו געווינען זיין צוטרוי און אָנשטעלן אים אין דינסט. איך בין געוואָר געוואָרן, וואו דער יהודה האַלט זיך אויף. איך בין געוואָר געוואָרן, אז ער האָט דאָ אין כפר נחום א פריינד א טעפּער, אויך א באַרימטער געזעץ־פּאַרשער, צו וועלכן ער קומט אָפט אַרויס און ער אַרבעט ביי אים אין דער טעפעריי, וואָס יענער האָט הינטער דער שטאָט, ער העלפט זיין פריינד דאָס ליים מישן, דעם אויוון אונטערהייצן, די טעפּ טריקענען און דערביי מיט אים איבער די

ענינים פון זייער רעליגיע, איבער דער אויסטײַטשונג פון זייערע שריפטן און געזעצן זיך אדורכרעדן. דער טעפּער איז געווען א געלערנטער מאַן, ר׳ חנניה דער טעפּער האָט מען אים גערופן. ווי איך פאַרשטיי, האָט זיך דער יהודה מיט דעם ר׳ חנניה אונטערגעהאַלטן וועגן זײַן רבין און זײַן רבינס לערע, בשעת ער האָט אים געהאָלפן אין דער ארבעט בײַ זײַנע טעפּ. איך האָב זיך אײַנגעהילט אין א סדין איבער מײַן רוימישן פּאַנצער און בין ארויסגעגאנגען הינטער דער שטאָט אויפן וועג פון דער שטאָט נעים, וואו ר׳ חנניה האָט געהאט זײַן טעפּערײַ. איך האָב זיי טאקע ביידע באלד אָנגעטראָפן, ווי זיי זיינען געזעסן בײַם ברעט מיט שווארצן ליים, פון וועלכן זיי האָבן די טעפּ געפורעמט און דערבײַ עפּעס שטיל אײַנגעטענהט.

איך האָב זיך אנידערגעשטעלט קעגנאיבער דעם יהודה און אים געקוקט אין די אויגן ארײַן און געזאָגט צו אים:

— קום מיט מיר, יהודה, איך האָב עפּעס מיט דיר צו רעדן.

אָבער דער יהודה איש קריות האָט נישט אויפגעהויבן זײַן בליק פון דעם טאָפּ, בײַ וועלכן ער האָט געארבעט. ער האָט מיך גאָרנישט אָנ־געקוקט, נאָר אָפּגעענטפערט, ווי ער וואָלט גערעדט צום טאָפּ, בײַ וועלכן ער איז געווען באשעפטיקט און נישט צו מיר:

— איך האָב נישט קיין סודות פאר דעם דאָזיקן מאַן. וואָס דו האָסט מיר צו זאָגן, זאָג מיר דאָ.

אָבער איך האָב אים אָפּגעענטפערט:

— דאָס וואָס איך האָב מיט דיר צו רעדן, איז זייער וויכטיק און איז פון אזא נאטור, וואָס קיין דריטער מענטש קאָן נישט זײַן דערבײַ. די זאַך גייט אָן נאָר דיך און מיך.

אָבער דער יהודה האָט מיר ווידער נישט געשאָנקען זײַן אויפמערק־זאמקייט. ער האָט זיך נישט געלאָזט שטערן פון זײַן ארבעט און ווידער מיר געענטפערט:

— איך בין א פארדונגענער אויפן טאָג און איך קאָן נישט פארלאָזן די ארבעט. אויב דו האָסט עפּעס צו רעדן צו מיר, רעד דאָ, אנישט וואַרט צו ביז אָוונט, ווען איך וועל פרײַ ווערן.

איך האָב נישט געהאט קיין אנדערע ברירה. דער יהודה האָט גע־שפּילט לגבי מיר דעם פרומען און באשיידענעם, און איך האָב עס גע־מוזט מיטמאַכן. איך האָב אים אָפּגעווארט פארנאכט, ווען ער האָט די טעפּערײַ פארלאָזט, און בין צוגעגאנגען צו אים און האָב אים אין אויער אײַנגערוימט:

— יהודה איש קריות, צי דערקענסטו מיך נישט? איך בין דאָך דער

הגמון פון ירושלים, וועלכן דו האָסט אַנגעטראָפן אין הויז פון שמעון דעם פישער, ווען דײַן רבי האָט דאָרט וואונדער באוויזן און זײַן תורה געלערנט.

— ווער בין איך דען, וואָס איך זאָל קענען דעם הגמון פון ירושלים? איך בין א געמיינער מאַן פון פאָלק און מיט געמיינע לײַט גיי איך ארום.

— יהודה, איך פאָר די טעג קיין ירושלים און וועל זען דײַן האַר חנן דעם עלטסטן כהן גדול, האָסטו גאָרנישט מיטצובאפעלן צו דײַן האַר חנן? — פרעג איך אים און באַמי זיך צו קוקן אין זײַן פנים ארײַן.

אָבער ער נידערט אראָפּ זײַן בליק צו דער ערד און ענטפערט מיר:

— ווער בין איך דען, וואָס איך זאָל האָבן דעם כבוד צו קענען דעם האַר חנן, דעם עלטסטן כהן גדול? איך האָב דיר געזאָגט, אז איך בין א געמיינער מאַן, און דער האַר נעמט מיך אָן פאַר עמיצן אַנדערש. נישט אנדערש, נאָר דער האַר איז זיך טועה, איך בין נישט דער, וועלכן ער זוכט.

— דו ביסט דער, יהודה, דער דינער פון כהן גדול חנן, ער האָט דיך אהערגעשיקט, כדי דו זאָלסט האלטן דײַן אויג אויפן רבי ישוע פון נצרת, און דו זאָלסט אים אַלץ צו וויסן געבן, וואָס דײַן רבי טוט און זאָגט.

— דער כהן גדול איז מײַן האַר און איך בין זײַן דינער, ווי יעדער ייד איז עס, דאָס איבעריקע ווייס איך נישט, וואָס דער האַר זאָגט.

איך בין געוועזן בײַם ראַנד פון מײַן געדולד. איך האָב זיך אָנגערופן צו אים:

— יהודה, איך בין דער פרײַנד פון דײַן האַר, דײַן האַר און איך זיינען מיר ביידע פאראינטערעסירט אין דער לערע און אין דעם טועכץ פון דײַן רבי ישוע פון נצרת. איך וויל רעדן מיט דיר וועגן דעם, באהאַלט דיך נישט מער פאַר מיר.

אָבער ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען ער האָט אויפגעהויבן זײַן פנים און זײַנע אויגן, וועלכע האָבן תמיד געמאכט דעם אײַנדרוק, ווי זיי זעען און דאָך זעען זיי נישט, אָבער איצט זיינען זיי לעבעדיק געוואָרן, יידיש ווילד געוואָרן, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט אדורכשנײַדן מיט זיי, און מיט דער גאַנצער יידישער חוצפה זיך אָנגערופן:

— דער האַר וויל רעדן מיט מיר וועגן דעם טועכץ און די רייד פון מײַן רבי ר׳ ישוע פון נצרת? צי איז דער האַר א ייד? צי איז ער אויפגענומען געוואָרן אין בונד פון אברהם? צי דינט ער צו דעם איינציקן לעבעדיקן גאָט פון ישראל?

— איך בין א רוימער און איך דין צו מײַנע היימישע געטער.

— אויב אזוי, ווי קומט דער האַר דערצו צו רעדן מיט מיר וועגן די רייד און דאָס טועכץ פון מײַן רבי? די רייד און דאָס טועכץ פון מײַן

רבי ר׳ ישוע פון נצרת זיינען געווענדט און געריכטעט צו די קינדער פון ישראל, נישט צו קיין פרעמדע.

— איך בין דער הגמון פון ירושלים און איך בין פאראינטערעסירט אין אלעם, וואס עס קומט פאר אין דעם לאנד!

— דער הגמון פון ירושלים איז געזעצט איבער דעם מס, וואס מיר האבן צו צאלן דעם קייסער. ווי קומט דער הגמון פון ירושלים זיך אריינצומישן אין די ענינים, וואס זיינען נוגע אונזער אמונה אין דעם איינציקן לעבעדיקן גאט פון ישראל און זיין לערע?

— יהודה, דו גיסט נישט אפ דיין הגמון דעם רעספעקט, וואס דו ביסט מחויב, איך וועל דיך פארקלאגן פאר דיין האר, דעם עלטסטן כהן גדול, מיין פריינד חנן.

— דעם הגמון פון ירושלים וועל איך באצאלן דעם מס, וואס איך בין שולדיק דעם קייסער; מיט מיין האר, דעם כהן גדול פון ירושלים, וועל איך רעדן וועגן די ענינים, וואס זיינען נוגע אונזער אמונה!

מיט די ווערטער האט ער מיך געלאזט שטיין, און איז זיך אוועקגעגאנגען זיין וועג.

איך האב פארשטאנען, אז מיין מי איז בחינם, איך וועל פון דעם יהודה איש קריות גארנישט ארויסקריגן. איך האב זיך דעריבער געווענדט דירעקט צו דער העכסטער אוטאריטעט פון לאנד. די נאענטסטע טעג נאך איז מיר אויסגעקומען אויף מיין וועג קיין ירושלים צו זיין אין טבריה, און איך האב געהאט די געלעגנהייט צו רעדן מיטן טעטרארך.

איך האב זיך צום ערשט געווענדט צו דער טעטרארכין הורודיה, איך האב געוואוסט, אז אלס וועלט־דאמע וועט זי מיך בעסער פארשטיין און וועט אויסנוצן איר איינפלוס אויף איר מאן.

— טעטרארכין — האב איך צו איר געזאגט, נאכדעם ווי איך האב געהאט די געלעגנהייט זי צו באגריסן — אין די גאלערעס, וואס שווימען איבער דעם מיטלענדישן ים, האלטן מיר נישט איינעם פון אייערע אונטערטאנען צוגעשמידט צו דעם רודער, און אין די צירקן, אין די טעאטערן זענען נישט איינצלנע, נאר צענדליקער און הונדערטער פון אייערע אונטערטאנען אריינגעלאזן געווארן צו די חיות. אייער טעטראר־כיע שטעלט אונז צו אויפשטענדלער, בונטאווניקעס, רעליגיעזע אויפרר־דערער און פירער פון רויבער־באנדעס מער ווי די גאנצע פראווינץ פון סיריע; אייערע אונטערטאנען מאכן אונז אן מער זארגן ווי גאנץ עגיפטן מיט דעם גרויסן צענטרום פון אלעקסאנדריע; יעדע פאר טעג הערט מען פון אן אנדערן אויפרודערער אין גליל. ביים פראקאנסול אין אנטיאכיע איז נישט איין מאל גערעדט געווארן וועגן דעם, און אויך — אויפן הויף

פון קייסער. איך פאַרזיכער אײַך אַלס פרײַנד, טעטראַרכין, אַז די אָפּטע איבערחזרונגען פון אומרוען אין אײַער לאַנד טוען דעם טעטראַרך נישט קיין טובה בײַם קייסער, נאָך דערצו זינט אײַער ברודער, דער אײנציקער פּרעטענדענט אויף דער קרוין פון יהודה, דער פרײַנד פון די פירשטן־קינדער, דער אײַנפלוסרײַכער אַגריפּאַ געפינט זיך גאַנץ נאָענט פון קייסער אויף דער אינזל קאַפּרי און אינטריגירט קעגן אײַך. איך קאָן אײַך נאָך פאַרזיכערן, אַז דער קרעדיט פון פּרעטענדענט אַגריפּאַ איז אין דער לעצטער צײַט פיל בעסער געוואָרן, און ווי גרויס זײַנע אַפּעטיטן זענען נישט, זענען שטענדיק באַרייט נײַע מלווים זיך צו געפינען פאַר אים און אויך די אַלטע זיינען צו אים פיל געדולדיגער געוואָרן. ווייסט איר פאַרוואָס? ווײַל עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די אויסזיכטן, ער זאָל ווערן קעניג איבער א פאַראייניקט פּאַלעסטינע זאָלן זיך רעאַליזירן, אפילו נאָך בײַם לעבן פון קייסער טיבעריוס. איך דערלויב מיר אײַך אויפמערקזאַם צו מאַכן, טעטראַרכין, אַז עס איז די העכסטע צײַט, איר זאָלט באַווײַזן דעם קייסער אין רוים און דעם פּראָקאָנסול אין אַנטיאָכיע, אַז איר זענט גענוג שטאַרק און ווילינ אונטערצודריקן יעדן אויפשטאַנד פון אָנהויב אָן און אויסצורײַסן מיטן וואָרצל יעדן פאַרזוך פון אומרוען און אויפרודער, וואָס פּרוווט ווידער אויפהייבן דעם קאָפּ אויף אײַער טעריטאָריע.

זי האָט מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט און גלײַך אוועקגעפירט צום טעטראַרך און אים געזאָגט:

— הער, וואָס דער הגמון האָט צו זאָגן!

— אָבער, הגמון, וואָס איז געשען? — פרעגט מיך דער טעטראַרך באַאומרואיקט און זײַן פּנים ווערט בלייך.

— איך קום איצט פון כפר־נחום, טעטראַרך, — ענטפער איך אים — וואו איך האָב פאַרווײַלט א געוויסע צײַט אַלס גאַסט פון הויפּטמאַן, וועלכן אײַער טעטראַרכישע מאַכט האָט דאָרט סטאַציאָנירט. עס איז שוין געווים דערגאַנגען צו די אויערן פון טעטראַרכישער מאַכט, אַז דאָרט האָט זיך באַוויזן אַן אויסטערלישער מענטש, וועלכער האָט געוואונען גרויס אָנהענגערשאַפט אין פאָלק דורך זײַנע וואונדער. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט דער טעטיקייט פון דעם דאָזיקן מאַן בײַ די ברעגן פון כנרת, צוצוהערן זיך צו זײַן לערע, וואָס ער לערנט אין פאָלק און איך בין געקומען צו דער פולער איבערצײַגונג, אַז דער מאָן איז געפערלעך פאַר דער מלוכה און פאַר דער הערשנדיקער אָרדענונג. און וואָס שנעלער אײַער טעטראַרכישע מאַכט וועט א סוף מאַכן צו דער שעדלעכער טעטיקייט פון דעם דאָזיקן מענטש, אַלץ בעסער וועט זײַן

פאר אײַך. ווי איך פארשטיי, איז זײַן לערע, וואָס ער פארשפרייט, אויך געווענדט קעגן די אָנגענומענע געזעצן, מנהגים און טראַדיציעס פון אײַער אמונה. ער האָט, ווי איך פארשטיי, מיט זײַנע אויטאָריטעטע אויס־פירונגען ארויסגערופן די קעגנערשאפט און די פארביטערטקייט פון אײַערע געלערנטע און אויסטײַטשער פון געזעץ. איך וואָלט אײַך ערנסט געראטן, טעטראַרך, אז איר זאָלט מאכן א סוף צו דער שעדלעכער טע־טיקייט פון דעם דאָזיקן העכסט געפערלעכן מענטש, ווארום ער רעדט אָפּ דאָס פאָלק פון ארבעט און געהאָרכזאמקייט, ער באַלעמוטשעט זיי דורך פארשפרעכונגען פון א קעניגרײַך אין הימל. און ווי איך האָב זיך איבערצײַגט, איז זײַן מאכט נישט נאָר גרויס בײַם אומגעבילדעטן פאָלק, נאָר ליידער הויבט ער אויך אָן אויסצווירקן אן אײַנפלוס אויף געוויסע הויכגעשטעלטע מענער, וועלכע זיינען גענויגט לויט זייערע נאטורן צו אײַנבילדונגען און חלומות. און עס קאָן אמאָל ווערן צו שפּעט.

דער טעטראַרך איז נאָך בלייכער געוואָרן. ער האָט זיך געמוזט אוועקזעצן אויף א ליג־שטול, וואָס די קנעכט האָבן ארויסגעברענגט פאר אים אין גאָרטן ארײַן, וואו דאָס געשפרעך איז צווישן אונז פאָרגעקומען. ער האָט דעם קאָפּ ארײַנגענומען צווישן זײַנע הענט און געטראַכט א לענגערע ווײַל, דערנאָך האָט ער אים ארויסגענומען, געקוקט אויף מיר מיט זײַנע שווארצע אויגן און זיך אָנגערופן:

— איבער דעם מאָן האָב איך קיין ממשלה נישט און קיינער פון אונז האָט איבער אים קיין ממשלה נישט, הגמון.

— ווי אזוי מיינט דאָס זײַן טעטראַרכישע מאכט? — פרעג איך דערשטוינט.

— איך האָב דאָך אים שוין געקעפט, און דאָך איז ער צוריקגעקומען אין לעבן ארײַן — האָט ער זיך אָנגערופן, און מ׳האָט אָנגעזען, ווי אַלע זײַנע גלידער ציטערן פאר אימה.

— איך פארשטיי נישט זײַן טעטראַרכישע מאכט! — האָב איך זיך אָנגערופן און געקוקט מיט דערשטוינען אויף דער טעטראַרכין, וועלכע איז בײַ די ווערטער פון טעטראַרך אויך זייער בלייך געוואָרן. ווארום דער טעטראַרך האָט געמאכט אן אײַנדרוק, ווי ער וואָלט נישט געווען בײַם קלאָרן שכל. ער האָט געקוקט אין דעם ווײַטן לערן חלל פאר זיך, און זײַן מעכטיקער קערפּער האָט געציטערט פאר פחד און זײַן פנים איז בלאַס געוועזן.

— איר זענט דאָך געוועזן דערבײַ, הגמון, ווי די גערמאַנער האָבן פון קעלער־געפענגניש ארויפגעבראכט זײַן געקעפּטן קאָפּ אויף א זילבער־נער שיסל און דערלאַנגט דער קליינער שלומית—דערמאַנט ער און קוקט

אויף דער טעטראַרכין.

— איר מיינט דעם יוחנן, וואָס די יידן רופן „המטביל״?

— יאָ. דאָס איז דאָך יוחנן המטביל, וואָס איז אויפגעשטאַנען פון טויט און טראָגט זײַן וואָרט פון תשובה און פון מלכות שמים צווישן פאָלק. איך האָב זײַן מויל שטום געמאַכט, און עס איז צוריק רעדעוודיק געוואָרן. איך האָב נישט קיין ממשלה איבער אים, הגמון! איך קאָן דאָך נישט קעפּן קיין געקעפּטן מענטש.

— אָבער, טעטראַרך, דאָס זיינען דאָך פּוסטע אײַנרעדענישן, פאַנ־טאַסטישע חלומות, וואָס דאָס פאָלק האָט אויסגעטראַכט, ווי אזוי קאָנט איר דערין גלויבן?

— הגמון, אונזער פאָלק פאַרמאָגט נישט מער ווי נאָר חלומות און אײַנרעדענישן, דאָס איבעריקע האָט מען אים צוגענומען. וואָס קאָנען אײַך שוין שאַדענען אין אײַער רעאַלער הערשאַפט די פאַנטאַזיעס און חלומות, וואָס דער מאַן פאַרטיילט צווישן די אָרעמע? און איך זע נישט איין, וואָס עס קאָן שאַדן צו רוימס גלאָריע און הערשאַפט א קעניגרײַך, וואָס הערשט אין הימל? אויף רײַכטימער אין הימל איז רוים נישט איי־פערזיכטיק! — האָט ער מיר אָפּגעענטפערט און מיך פאַרלאָזט.

— לאָזט עס איבער פאַר מיר, הגמון! — האָט מיך די טעטראַרכין באַרואיקט — מיר וועלן שוין די זאַך אין אָרדענונג ברענגען. דער טעט־ראַרך איז אביסל אָפּגעשראָקן דורך די מעשיות, וואָס גייען ארום אין פאָלק וועגן דעם מאַן, עס שטערט אים דעם שלאָף בײַנאַכט. ער וועט זיך באַרואיקן, וועלן מיר דעם ענין דערליידיקן צו אונזער אַלעמענס צו־פרידנהייט.

אַן אויער פאַר מײַנע רייד האָב איך ערשט געפונען אין ירושלים בײַם עלטסטן כהן גדול חנן,—וועלכער האָט מיך פולשטענדיק באַרואיקט.

אויף דער זײַלן האַליע אין זײַן פּרעכטיקן הויז מיט דער שטאָט ירושלים צו אונזער צופיסנס, בײַם געשמאַקן ווײַן, אויסגעקוועטשט פון יריחו׳ער טייטלען, וואָס מען האָט נאָר בײַם כהן גדול אין ירושלים גע־קאָנט באַקומען, — האָב איך אים דערציילט וועגן מײַנע באַגעגענישן מיט דעם אויסטערלישן מענטש אין כפר־נחום, וועגן די וואונדער, וואָס ער טוט דאָרט, צוליב וועלכע ער באַקומט א מאַכט איבערן פאָלק, וועגן דער שעדלעכער לערע, צווישן דער אומוויסנדיקער מאַסע. איך האָב אויך נישט פאַרפעלט צו געבן אָנצוזעהערן דעם אַלטן כהן גדול, אז ווען מען וועט געוואָר ווערן אין אנטיאָכיע אָדער אין רוים וועגן דעם אידעאישן אײַנפלוס, וואָס די לערע פון דעם מאַן הויבט אָן אויסצווירקן אויף אויף אונזערע מענטשן, קאָן עס ווערן פאַרן כהן גדול און די מעכ־

טיקע פון ירושלים אומאַנגענעם. אָבער וואָס מיך וואונדערט אממערסטן איז דאָס, וואָס איר, יידן, וועלכע זענט אזוי אייפערזיכטיק אויף דעם קלענסטן און אומבאַדײַטנדסטן געברויך און מנהג פון אײַער רעליגיע, אויב מיר, פרעמדע, ווילן עס אָנרירן, לאָזט צו אומבאַשטראָפט פאַרשידענע פרעדיקער און אויסטײַטשער, זיי זאָלן אויסאיבן זייער אײַנפלוס אויפן פאָלק אפילו קעגן דער טראַדיציע פון אײַער אָנגענומענער לערע?

דער אַלטער האָט די האָר פון זײַן ווײַסער לאַנגער באָרד אדורכגענומען צווישן זײַנע פינגער, אויסגעצויגן זיך זײַנע פאות, געגלעט זײַנע ברייטע גרויע מאַיעסטעטישע באַקנבערד, און ווי זײַן געוואוינהייט — זייער רואיק, בנעימותדיק, מיט קוים אָן אָנזעבאַרן ביטולדיקן שמייכל, וועלכער האָט געשפּילט אין די ווינקלען פון זײַן מויל, וואָס איז געווען האַלב פאַרדעקט מיט זײַנע שיינע געפלעגטע וואָנסעס, זיך אָנגערופן:

— לויטער חלומות, הגמון, לויטער חלומות. און איבער חלומות לוינט זיך אסור נישט דאָס בלוט קאַליע צו מאַכן און זאָרג זיך צו פאַרשאַפן, ווען די געפאַר איז נאָך אזוי ווײַט. אונזער פאָלק קאָן אָן חלומות נישט לעבן, הגמון, און מוז האָבן אין יעדן דור זײַן בעל־חלומות, אין יעדער צײַט האָט עס געמוזט האָבן עמיצן, וואָס זאָל אים אויף דעם פּליישטל א מאַטיוו שפּילן און וואָס זאָל אים אין שלאָף אײַנוויגן. פון אברהם אבינו אָן לעבט אונזער פאָלק מער מיט הבטחות ווי מיט פאַרווירקלעכונגען, עס ווײַל גאָרנישט וואָר מאַכן זײַנע חלומות, אזוי ווי עס וואָלט מורא געהאַט, אז די פליגל פון זײַן חלום זאָלן נישט אָפּגעפּליקט ווערן דורך דער שער פון רעאַלקייט. און יעדער איינער, וואָס וועט קומען, וואָס וועט ווי צום ווײַטסטן פאַרלייגן די מעטע פון זײַן דערליידזונג, יעדער איינער, וואָס וועט קומען און וועט פאַרטראָגן דאָס גליק פון פאָלק אין די ווײַטסטע הימלען, צו דעם וועלן זיי זיך צוהערן. וואָס אָנבאַטרעפט דער לערע, וואָס איר דערציילט — זעט איר, הגמון, מיר זיינען א מאָדנע פאָלק: יעדער איינער פון אונז איז פאַר זיך זײַן אייגענער משה רבינו. אין דער הינזיכט זיינען מיר גאָרנישט געגליכן צו אַנדערע דיסציפּלינירטע, דורך קאָנסטיטוציעס געבונדענע נאַציעס. אין פונקט פון אויסטײַטשן דאָס געזעץ זענען מיר זייער זעלבשטענדיק, יעדער איינער פון אונז האָט א רעכט אויסצוטײַטשן די שריפט לויט זײַן אייגענעם אײַנזען, אָבי נאָר עס זאָל זײַן אין די ראַמען פון געזעץ, אין דעם גייסט פון דער לערע. די ראַם איז אזעלכע, אז זי האָט אייגנטלעך קיין גרענעצן נישט און קאָן אין זיך אַלץ אנטהאַלטן, ווײַל דער דאָזיקער גייסט איז נישט דער גייסט פון דער וועלט. פון דער העלער הויט קאָן

אויפשטיין בײַ אונז א מאַן פון פעלד־אַקער, פון פאַשען די שאָף, פון קלעפּן טעפּ אָדער פון דער עבודה אין בית־מקדש און קומען צו אונז און זאָגן, אז גאָט האָט אים געשיקט. נעכטן נאָך האָט אים קיינער נישט געקענט, און הײַנט איז ער דער אָנערקענטער נביא, צו וועמענס וואָרט מיר מוזן זיך צוהערן. אונזער אויפגאבע איז צו פּרוּוון און צו פאָרשן, צי ער איז טאקע פון גאָט געשיקט. דערפאר האָבן מיר סימנים, אַלגעמיינע רעגעלן, וועלכע זיינען אונז אָנגעוויזן אין אונזערע שריפטן, צי זײַן וואָרט איז אין גייסט פון אונזער לערע, צי זײַן וואָרט שטאַרקט אונזערע הענט און אונזער גלויבן אין גאָט אָדער עס שוואכט אָפּ. און אויך אויף דעם מאַן, וועגן וועלכן איר פארציילט, האַלטן מיר וואַך אונזער אויג, מיר פאָרשן אים איצט, מיר פּרוּוון זײַן וואָרט און זײַן טאַט, און איך פארזיכער אײַך, אז פאָרלויפיק איז קיין אורזאַך נישטאָ צו באַאומרואיקן זיך. אַלץ, וואָס איך האָב געהערט וועגן אים ביז איצט, זיינען — ווי איך האָב געזאָגט — חלומות. און זאָל ער ווירקלעך ווערן א געפאַר פאר אונזער לערע — וואָס איך גלויב עס נישט, — קאָן איך אײַך פאר־זיכערן, הגמון, אז פּונקט ווי אין אנדערע פאַלן, וועלן מיר אויך אין דעם פאַל וויסן ווי אזוי צו האנדלען.

— יאָ, איך ווייס, אז איר האלט אויף אים אײַער וואַכזאַם אויג, איך האָב דאָרט באגעגנט אײַער פארטרויאונגסמאַן, כהן גדול, ער ציילט זיך אפילו צווישן זײַנע תלמידים, און אויב איך בין זיך נישט טועה, איז ער איינער פון די אָנגעזעענע, ער איז דער, וועלכער האלט דעם בײַטל מיט געלט.

— מײַנעם א מאַן? איך קען אזעלכן גאָרנישט.

איך האָב אָנגעקוקט דעם כהן גדול און בין דערשטוינט געוואָרן. אין די ווינקלען פון זײַנע געפלעגטע ווײַסע וואָנסעס האָט זיך א ספקדיק שמייכעלע באַהאַלטן. איך האָב נישט געוואוסט, וואָס ער מיינט מיט דעם שמייכעלע, צי מיינט ער צו לאַכן אויס מיר, צי דאָס איז א שמייכעלע אַן אַלוויסנדיקס, אַן אַלפארשטייענדיקס.

— יהודה איש קריות, דעם מאַן, וועלכן איך פלעג אזוי אָפט טרעפן זיצן אויף דער באַנק, ווען מען גייט אדורך דעם שמאָלן קאָרידאָר צו אײַער גאָרטן.

— יהודה איש קריות? ניין, איך קען גאָרנישט אזעלכן — האָט דער כהן גדול געהאלטן אין איין אָפּלייקענען — איר זענט זיך טועה, הגמון. און וואָס אָנבאטרעפט דעם בעל־חלומות, וועלן מיר שיקן פון ירושלים א פאָר סופרים און געלערנטע, כדי אויסצוגעפינען וואָס פארא געפאַרן עס טראָגט מיט זיך זײַן לערע, וועלכע באַאומרואיקט אײַך אזוי, הגמון.

— איך וואָלט געוואָלט וויסן דעם רעזולטאַט פון דער אויספאָרשונג פון אײַערע געלערנטע און סופרים, כהן גדול.

— אָ, דאָס, זעט איר, הגמון, איז אן אינערלעכע יידישע אָנגעלעגנהייט פון אונזער אמונה, און איר ווייסט דאָך, הגמון, ווי אייפערזיכטיק אונזער פאָלק איז איבער ענינים, וואָס זיינען נוגע זײַן אמונה.

— זעט זיך אויס, אז דער נביא פון נצרת מוז עפּעס זייער וויכטיקס פאַרברייטן קעגן רוים, ווען אפילו איר, כהן גדול, וועלכן מיר האַלטן פאַר א פרײַנד פון רוים, געפינט אויך פאַר נייטיק צו פאַרהוילן עס פאַר אונז.

— אָ, הגמון, גלויבט מיר, אז דער גאנצער ענין מיט דעם נביא פון נצרת לוינט זיך נישט, אז איר זאָלט אײַער געזונט דעריבער פטרן. ווען מיר וואָלטן ערנסט גענומען די אלע נביאים און משיחים, לערער און בעלי־חלומות, וואָס שטייען אויף בײַ אונז יעדע ווײַלע, וואָלטן מיר גאָרנישט עפּעס אנדערש באדארפט טון, נאָר ארומשלאָגן זיך מיט שאָטנס. דער בעסטער מיטל אויף „משיחים" און „נביאים" איז — מען לאָזט זיי זיך אויסשרײַען, אויסראַנגלען מיט זיך אליין דעם משוגעת, ביז זיי ווערן מיד אָדער מען ווערט מיד פון זיי. קוים הייבט איר אָן אזא איינעם צו פאַרפאָלגן, מאכט איר אויס אים א מאַרטירער, און ער ווערט אין דעם פאָלקס אויגן פאַרוואַנדלט אין א הייליקן. פאַרלאָזט זיך אויף אונז, הגמון, מיר האָבן שוין גענוג דערפאַרונגען אין די ענינים, ארץ ישראל איז א לאנד פון נביאים און משיחים, און דאָס בעסטע מיטל איז פאַר זיי — מען לאָזט זיי לויפן. וואָס אָנבאטרעפט דעם נביא פון גליל, פאַר וועלכן איר שרעקט זיך אזוי, זאָג איך אײַך נאָכאמאָל צו, אז איך וועל איבעררעדן די זאַך מיט א פאָר פאָרשטייער פון דער אָפּאָזיציע, איך מיין פון די פּרושים, און מיר וועלן שיקן א פאָר געלערנטע קיין גליל אויסצופאָרשן דעם גאנצן ענין, און קוים וועלן מיר אויסגעפינען, אז זײַן לערע אָדער זײַנע טאַטן זיינען געפערלעך פאַר דער מלוכה אָדער פאַר דער אמונה, וועלן מיר זיך שוין מיט אים די ריכטיקע עצה געבן, און אײַך אין דער זעלבער צײַט לאָזן וויסן וועגן דעם. איר ווייסט דאָך וואויל, אז עפּעס ערנסטעס אונטערצונעמען דאָ אין לאנד קאָנען מיר נישט אליין אָן אײַך און מיר דארפן אָנקומען צו אײַער באשטעטיקונג. דערווײַל לאָזט דעם ענין שלאָפן און בארויקט אײַך, וואָרום מיט ד י זאַכן — וואָס מער מען אינטערעסירט זיך מיט זיי, מאכט מען זיי וויכטיקער און דערפאר געפערלעכער...

איך האָב זיך בארויקט, ווען אפילו איך האָב געוואוסט, אז וואָס נוגע זייערע רעליגיעזע ענינים קאָן מען זיך אויף קיינעם פון די יידן נישט פאַרלאָזן, און ווען אפילו איך האָב געהאַט א חשד, אז דער כיטרער

חנן באהאלט עכּעס פון מיר און פאררעדט מיר די ציין מיט זײַנע קלוגע רייד. איך האָב באשטימט צו נעמען די זאַך אין מײַנע הענט, און צו וואָכן איבער איר.

*

דאָ האָט פאַן וויאַדאָמסקי אָפּגעהאַקט פאָרצוזעצן זײַנע פאָסירונגען אלס כיליאַרך איבער דער פעסטונג אנטאָניא אין ירושלים אין דער צײַט פון פאָנטיוס פילאַטוס, וואָס ער האָט מיר פארציילט פון זײַן זכרון און אויך פון נאָטיצן, וואָס ער האָט געהאט פאר זיך. איך האָב אויפגענומען דאָס פארציילטע און געבראכט אויפן פּאַפּיר אין ווינטער פון נײַנצנהונ־דערט... די אונטערברעכונג פון אונזערע צוזאַמענקונפטן איז פאָרגע־קומען איבער א סיבה וואָס איז נישט געווען אָפּהענגיק פון מיר.

צווייטער טייל

קאַפּיטל איינס

דער מאַנוסקריפּט

עס האָבן זיך בײַ אונז ווידער פֿאַרערגערט די באַציִאונגען. פּאַן וויאַדאָמסקי איז מיר אומטרײַ געוואָרן. ווען עס האָט ווער בײַ טאָג באַזוכט אים, וואָס דאָס איז איצט אָפֿט פֿאָרגעקומען, האָט ער נישט געוואוסט וואו מיך אהינצוטון, כאָטש נעמען און פֿאַרשטעקן מיך אונטערן בעט. איך בין אים זייער אומבאַקוועם געוואָרן, ער האָט מיך אפֿילו אייניקע מאָל נישט עמפּפֿאַנגען. אנומלט האָט ער מיר נישט אָפּגעענטפֿערט אויף א באַגריסונג אין דער גאַס, וואו ער איז געגאַנגען מיט איינעם פֿון זײַנע תּלמידים. ער האָט געמאַכט א דערשטוינטע און עמפּפֿערטע מינע, ווי ער וואָלט זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּוואונדערן איבער מײַן חוצפּה. איך האָב שוין טאַקע אויסגעמיטן אן אַנדערש מאָל אים צו באַגריסן אין גאַס.

די רעאַקציע אין לאַנד האָט זיך געשטאַרקט און צוזאַמען מיט איר אויך די שנאה צו יידן. פּאַן וויאַדאָמסקי איז אַרײַן אין דער מאָדע, א פּאָר אנטיסעמיטישע צײַטשריפֿטן האָבן זיך דערמאָנט אין דעם לגמרי פֿאַרגעסענעם געלערנטן און זיי האָבן אים אײַנגעלאַדן צו שרײַבן פֿאַר זיי טעאָרעטישע אַרטיקלען. פּאַן וויאַדאָמסקיס שטערן האָט אָנגעהויבן צוריק צו לײַכטן אויף די שפּאַלטן פֿון די צײַטונגען, אפֿילו זײַן מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך דורכדעם פֿאַרבעסערט און צוזאַמען דערמיט אויך זײַן געזונט און — וואָס וויכטיקער — זײַן געמיט־צושטאַנד. ער איז פֿעסטער געוואָרן בײַ זיך, און ער האָט צוריקגעוואונען זײַן האָפֿערדיקייט, זײַן גאוהדיקע גרויסקייט, ער האָט זיך אפֿילו אויך אויסערלעך געענדערט. ער איז קרעפֿטיקער געוואָרן, עס האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, אז זינט ער האָט באַקומען די מעגלעכקייט אָנצוזעטיקן זיך מיטן ברויט פֿון שנאה דורך די צײַטונגען, איז ער אויך פֿיזיש שטאַרקער געוואָרן, ער האָט באַקומען דעם אָנבליק פֿון א גוט דערנערטן, מען קאָן זאָגן — ער האָט אויף זײַן קערפּער פֿלייש אָנגענומען פֿון דער גוטער שפּײַז...

איך האָב שוין געמיינט, אז אַלץ איז אויס צווישן אונז. אָבער פּאַן וויאַדאָמסקי האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט, ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו

זײַן אַן אָפטער גאַסט בײַ מיר אין בוידעם־שטיבל. פאַרשטייט זיך, אַז שטרענג געהיים. ער האָט זיך פאַרענטפערט:

— אַזעלכע צײַטן... איר פאַרשטייט דאָך... און דאָס האָט גאָרנישט צו טון מיט אונזער היסטאָרישער אַרבעט, מיט אונזער „מיסיע"... אין נאָמען פון יענע גרויסע געשעענישן מוזן מיר ווידער אָנהאַלטן די באַציאונגען און צוריק אויפנעמען די אַרבעט...

בײַ טאָג האָט ער מיך נישט געקענט, האָבן מיר זיך אויסגעמיטן. אַז איך האָב אים צופעליק געטראָפן אויף דער גאַס, בין איך אַריבערגעלאָפן אויף דער צווייטער זײַט, כדי איך זאָל אים נישט אַרײַנברענגען אין אַ פאַרלעגנהייט. אָבער בײַנאַכט? בײַנאַכט האָבן מיר אָנגעהאַלטן אונזערע געהיימע צוזאַמענקונפטן, וואָס זײַנען איצט, אַלס פאַרבאָטענע פרוכט, געוואָרן נאָך זיסער...

אָבער עס איז נישט געווען מיט אים מער אויסצוהאַלטן. זײַן שנאה צו ייִדן האָט זיך געשטייגערט ביז צו אַ מאַניע, ביז צו משוגעת, קאָן מען זאָגן, שוין אָפגערעדט דערפון, וואָס אין זײַנע אַרטיקלען האָט ער געשאָטן פעך און שוועבל נישט נאָר אויף ייִדן, נאָר אויך אויף אַלץ, וואָס איז פּראָגרעסיוו און וואָס ער האָט געשטעמפּלט, לויט דעם אַלטן אָנגענומענעם כּלל, פאַר ייִדיש. ער איז אויך פּערזענלעך געוואָרן אומדערטרעגלעך. עס האָט געבלאָזן פון אים אַ געפערלעכע איבערנעמערישקייט, ער האָט געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דעם, אַז ענדלעך, ענדלעך איז געקומען די צײַט, ווען זײַן זוימען — פאַרזייט מיט אַזוי פיל טרערן — הייבט אָן אויפצוגיין אין פאָלק. ערשט איצט וועט ער אויסשפּרייטן זײַנע פליגלען און ערשט איצט וועט ער געבן אַ פלי! אינדערהויך, און די וועלט וועט זען — ווער ער איז... דערמיט האָט ער געמיינט, אַז ער וועט פאַרעפנטלעכן זײַנע ווערק, וואָס האָבן ביז איצט נישט געקאָנט זען די ליכטיקע שײַן.

פאַרשטייט זיך, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז אוממעגלעך געווען מיט אים אומצוגיין. וויפיל איך האָב בײַ זיך נישט אָפּגעמאַכט נישט צו רעאַגירן אויף קיין באַליידיקונג און אַלץ צו דולדן, אָבי בכוח צו זײַן ווײַטער אָנצוגיין מיט אונזער אַרבעט, האָט עס זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט אויספירבאַר. די גאווה האָט געבלאָזן פון אים, ער איז געוואָרן ווי אַ קאַפּריזנע, נערוועזע דאַמע — נישט אָנצורירן. איך האָב שוין טאַקע בדעה געהאַט אים צו פאַרלאָזן. אָבער מיטאַמאָל האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן מיט מיר וועגן יענער טעמע, וואָס ער האָט לעצטנס אויסגעמיטן, און דאָס ווידער מיט יענער אָפנהאַרציקייט און זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ווי צווישן אונדז וואָלט קיין הײַנטיק לעבן און הײַנטיקע געשעענישן

נישט אין וועג געשטאַנען. אָבער גערעדט האָט ער שוין נישט מער אין א היפּנאָטישן צושטאַנד, נאָר גאַנץ נאָרמאַל. ער האָט זיך שוין נישט באַהאַלטן פאַר מיר אונטער דעם מאַנטל פון א סוד. יענץ לעבן איז ווידער אויפגעשטאַנען צו תחית המתים. פאַרפאַלן! איך האָב אים געמוזט נעמען אזוי ווי ער איז געווען.

און דערבײַ איז עס טאַקע געבליבן.

עס איז געווען אין א שטילער נאַכט, ווען ער האָט מיך אַרײַנגענומען אין דעם גרויסן סוד, וואָס ער האָט געטראָגן מיט זיך, ער האָט מיר פאַרטרויט זײַן געהיימען אוצר...

„...אַ שטיק צײַט איז מיר דעם מאַנס טעטיקייט אין גליל געווען אומבאַקאַנט—הויבט אָן פאַן וויאַדאַמסקי צו ציִען דעם איבערגעריסענעם פאָדעם פון זײַן דערציילונג—און אויך הײַנט איז מיר נאָך נישט אַלץ אויפגעקלערט. וויפיל איך האָב זיך נישט באַמיט אויסצוגעפינען אינפאָרמאַציעס בײַ דעם עלטסטן פון די כהנים, איז עס מיר נישט געלונגען. ווי פאַרשידן זייערע מיינונגען זיינען נישט געווען בנוגע זייערע רעליגיעזע מנהגים, האָבן זיך די יידן אָבער אויסגעהיטן צו דיסקוטירן וועגן זיי מיט איינעם, וואָס באַלאַנגט נישט אין זייערע רייען.

וועגן דעם רבינס ווײַטערדיקער טעטיקייט אין גליל ביז צו זײַן אָנקומען קיין ירושלים, וואו עס איז מיר אויסגעקומען א געוויסע ראָל צו שפּילן אין זײַן משפט, בין איך ערשט שפּעטער געוואָר געוואָרן. אייגנטלעך, נאָכנישט אינגאַנצן, איך האָב נאָר אָן אויבערפלעכלעכע ידיעה וועגן דעם, וואָס האָט דערגרייכט צו מײַנע אויערן פון דאָ און דאָרט, וואָס מענטשן, וועלכע זיינען געווען דערבײַ, האָבן דערציילט וועגן איינצלנע עפּיזאָדן. וועגן דעם גאַנצן גאַנג פון זײַן טעטיקייט דערוואָרט איך ערשט געוואָר צו ווערן דורך דיר".

— דורך מיר? — פרעג איך דערשטוינט.

— יאָ, דורך דיר, דורך דײַן הילף, יאָזעפוס! דאָס איז די סיבה, וואָס איך האָב זיך פאַרבונדן מיט א מיטגליד פון דײַן ראַסע און אמונה.

— איך דאַנק אײַך פאַר אײַער קאָמפּלימענט, פאַן קאָרנעליוס!

— וואָס איז דאָס? אזוי טיטולירסטו דײַן הגמון?!

א פּאָר שפּיזן־שטעכיקע וואָנסעס, ווי גרוי זיי זיינען נישט געווען, האָבן געצילט אין מײַן פּנים.

— זײַט מוחל, הגמון קאָרנעליוס!

— איך האָב דיר געזאָגט, אז צווישן אונז איז דאָס הײַנטיקע לעבן טויט.

— דײַן װילן געשעט! אָבער דו מאכסט דורשטיק מײַן נײַגעריקייט, הגמון!

— דאָס איז דאָך די סיבה, װאָס איך האָב דיך אזױ לאנג געזוכט, יאָזעפוס, ביז איך האָב דיך געפונען. אָבער צוליב דער ערנסטקייט און דער דיסקרעציע, װאָס דער ענין פארלאנגט, װעל איך פאָדערן פון דיר א ספּעציעלע פארזיכערונג, אז דער גאנצער ענין זאָל בלײַבן צװישן אונז קאָנספּיראַטיװ אויף לעבן און טויט, און אויף דערויף מוזסטו מיר שװערן בײַ שװאַרצע ליכט און בײַ א ספר תורה, װי עס איז בײַ אײַך יידן דער מנהג.

— הגמון, האָב איך דיר דען שוין נישט געשװאוירן בײַ די הייליקע קליידער פון כהן גדול, אז איך פאַרבינד זיך מיט דיר בנוגע דעם דאָזיקן ענין אויף טויט און אויף לעבן און איך װעל דינען דער זאַך פון דער װיסנשאַפט לויט דעם בעסטן װילן פון מײַן אײַנזען?! װאָס פארא שבועה פארלאנגסטו דאָס פון מיר בײַ שװאַרצע ליכט און אונטער דער קללה פון חרם, דאָס טוען דאָך נאָר הײַנטיקע יידן; מיר, פון די דעמאָלסטיקע צײַטן, שװערן בײַ די קליידער פון כהן גדול...

— יאָ, יוחנן. איצט װעל איך דיר פארטרויען עפּעס אזעלכעס, װאָס קיין מענטש פון הײַנט און אויך נישט פון דענסטמאָל האָט עס נאָכנישט געזען.

פאַן װיאַדאָמסקי האָט זיך אויפגעשטעלט און איבערגעבויגן זיך איבער איינעם פון די פיל געהיימע שופלאָדן פון זײַן אומהיימלעך גרויסן טיש, און פון דער טיפעניש פון שופלאָד ארויסגענומען א פּעקל, װאָס איז געװען אײַנגעװיקלט אין א הײַנטיקן צײַטונגס־פּאַפּיר פון זײַן אנטי־סעמיטישן בלאַט. אויפגעװיקלט דאָס פּאַפּיר, האָט זיך באַװיזן א גע־היימניספולע אינדישע ברוין־רויטלעכע מיט פליטערלעך באַנייטע פּאַ־טשיילע, פון דאָרט האָט ער ארויסגענומען עפּעס אזעלכעס, װאָס איז געװען ארומגעװיקלט מיט פאַרלעגענע פּאַפּירן פון פּאַפּירוס־קאָליר, פון װעלכע עס האָט זיך געשפּירט א פײַכטער און טוכלער גערוך. דאָס האָט זיך געטראָגן פון דער האַלב־פארפוילטער מומיע־לײַװונט, מיט װעלכער עס זײַנען געװען אײַנגעהילט די שריפטן, געשריבן אין אלט־העברעאישן כתב, װאָס מיר רופן שומרוניש. די שריפטן זײַנען נישט געװען צונויפ־געװיקלט אין מגילות װי בײַ אונז, נאָר צוזאמענגעלייגט, װי די שומרונים האַלטן זייערע כתבים.

מײַן הארץ האָט געקלאַפּט אין מיר און איך האָב אײַנגעעגבערט מײַן בליק אין פּאַן װיאַדאָמסקיס אויסטערליש־בלייכן פּנים, װאָס האָט פּונקט

ווי זײַנע הענט, וועלכע האָבן געהאַלטן דעם מאַנוסקריפּט, געציטערט און באַוואויגן זיך. ער האָט מיר אויך אָפּגעענטפערט מיט א טיפן, שטעכע־דיקן בליק פון זײַנע גערייצטע אויגן און געזאָגט צו מיר:

— פאָרש מיך נישט, יוחנן, דו וועסט קיינמאָל נישט דערגיין אויף וואָס פאַר אן אופן די שריפטן זיינען אַרײַנגעפאַלן אין מײַנע הענט. דאָס איז א סוד, וואָס וועט מיטגיין מיט מיר אין קבר. דאָס זיינען די אויטענ־טישע כתבים, וואָס יהודה איש קריות האָט איבערגעלאָזט אין א הייל באַגראָבן הינטער דער שטאָט צפּורן.

ער האָט מיר צוגערוקט דעם מאנוסקריפּט פאַר מײַנע אויגן, ווי ער וואָלט נישט געטרויט איבערצוענטפערן דעם טײַערן אוצר אין דער האנט אַרײַן. איך האָב צום ערשט געזען געקינצלטע, געדרייטע גריכישע בוכשטאָבן, אייניקע גריכישע זאַצן, — זעט זיך אויס, עס האָט ווער גע־פּרוווט די שריפט איבערזעצן אויף גריכיש. איך האָב באמערקט אזעלכע זאַצן: „דאָס עוואַנגעליום לויט יהודה איש קריות”, און נאָך אזעלכע ענ־לעכע אויפשריפטן. ערשט אויף דער צווייטער זײַט פון פאַרמעט האָט זיך אָנגעהויבן דער ריכטיקער טעקסט פון דער שריפט, וואָס איז געווען געשריבן דײַטלעך מיט קאַליגראַפישע ציקלען.

— קאָנסטו לעזן די דאָזיקע שריפט?

— יאָ, איך קען די שריפט. דאָס איז די אַלטע יידישע שריפט, וועל־כע מיר רופן הײַנט — די שומרונישע, און וועלכע מיר געפינען אויף די יידישע מטבעות פון דער צײַט פון צווייטן בית־מקדש און אויך אין די אַלטע דאָקומענטן פון יענער צײַט. איך קען דעם א״ב פון דער שריפט, עס וועט בײַ מיר נעמען א שטיקל צײַט, ביז איך וועל זיך אײַנחזרן דעם דאָזיקן א״ב, כדי געניט צו זײַן צו לעזן אים פליסיק.

— גוט, איצט קומסט דו צו מיר אַרײַן יעדן אָוונט, און דו וועסט מיר די שריפט פאַרטײַטשן געטרײַ אין גייסט און אין בוכשטאָב וואָרט בײַ וואָרט, ווי דו האָסט עס מיר צוגעשוואוירן.

— דײַן ווילן זאָל געשען, הגמון! נאָר איידער איך גיי, דערלויב מיר איין פראגע: צי האָסטו אַליין, הגמון, די כתבים פון יהודה איש קריות אַנטדעקט אין דער הייל, וואו זיי זיינען געווען באַגראָבן?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט: פאָרש מיך נישט, מײַן צײַט איז נאָך נישט געקומען.

מיר האָבן אָפּגעהאַקט דאָס געשפּרעך.

ערשט שפּעטער, ווען איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט דעם מאַ־נוסקריפּט צו שטודירן, האָב איך אײַנגעזען, אז עס איז נאָר א פראַג־

מענט. דאָס ערשטע זײַטל אָדער די פּאָר ערשטע זײַטלעך זײַנען געווען אַזוי פאַרווישט און פאַרשריבן מיט גריכישע בוכשטאַבן, אַז עס איז אומ־מעגלעך געווען זיי צו אַנטציפערן. זיי האָבן געטראָגן שפּורן פון פאַר־שידענע שריפטן, געשריבן אין פאַרשידענע פּעריאָדן. עס האָבן זיך אויך געפונען גריכישע זאַצן, וואָס עס איז שווער געווען צו דערקענען, צי זיי זײַנען געשריבן אויף דעם העברעאישן כתב, צי דאָס העברעאישע כתב אויף זיי. אויך האָט געמוזט פעלן אַ גרויסער טייל פון דער ענדע. דער כתב־יד האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק, ווי עס וואָלטן זיך געווען געריסן און געשלאָגן איבער אים צוויי צדדים, זיי האָבן עס צעטיילט אויף צוויי און אײַנגעטיילט צווישן זיך.

אונזערע געשיכטלעכע קוועלן, וועלכע האָבן אַ שייכות צו דער ביבעל־פאָרשונג, זײַנען לחלוטין נישט אויסגעשעפּט, פאַרקערט — דווקא אין אונזערע טעג זײַנען נײַע וויכטיקע אַנטדעקונגען געמאַכט געוואָרן דורך אויסגראָבונגען פון גניזות בײַ אַלטע שולן. דאָס זײַנען קוועלן פון אומדערהערטער וויכטיקייט, וואָס האָבן באַרעכטיקט געוויסע השערות, וואָס מיר האָבן געמיינט ביז איצט, אַז זיי שטיצן זיך אויף שפּעקולאַ־טיווע יסודות. בײַם אַנאַליזירן עגיפּטישע מומיעס זײַנען אויך צווישן איין וויקל־לײַוונט און דעם אַנדערן געפונען געוואָרן פּאַפּירוסן, מיט וועלכע די חרטומי מצרים האָבן געוויקלט די הייליקע קראָקאָדילן. נאָך גענויע אונטערזוכונגען האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די פּאַפּירוסן אַנט־האַלטן ברוכטיילן אָדער גאַנצע אָפּשניטן פון אַנטיקע ביבלישע שריפטן, וועלכע דער טרוקענער באָדן פון עגיפּטן האָט אויפבאַוואָרט. מיר קענען אויס איבערזעצונגען אין סירישע אָדער עטיאָפּישע שפּראַכן אויך אַזעל־כע שריפטן, וואָס זײַנען ביז איצט אומבאַקאַנט געווען. דער באָדן פון מצרים ברענגט אונז פון צײַט צו צײַט אַרויס דאָקומענטן, וואָס די פאַר־צײַטיקע דורות האָבן אָנפאַרטרויט די טויטע, זיי האָבן זיי באַגראָבן אין היילן, אויפבאַוואָרט אין גניזות פון שולן און בתי־הכנסת, און זיי אַנט־דעקן פאַר אונז סודות און חידות און קלערן אויף ספקות, וואָס מיר האָבן געמיינט, אַז מיר וועלן זיי קיינמאָל נישט דערגיין.

פון דעם זעלבן מין איז געווען וויאַדאָמסקיס כתב־יד:

אויף די פיל פּראָצעסן, וואָס עס זײַנען פאַרפירט געוואָרן קעגן דעם פּאַן וויאַדאָמסקיס פאַלסיפיקאַטן, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער געלערנטער פּאַן האָט זיך יאָרנלאַנג אַרומגעטריבן אין עגיפּטן אין דער באַגלייטונג פון אַ באַרימטן פּראָפעסאָר. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויס־געוויזן, האָט דער פּראָפעסאָר צוזאַמען מיט דעם פּאַן וויאַדאָמסקי (מיט וועלכן ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן אין אַ קלויסטער אויפן באַרג סיני),

געמאכט גניבהשע אויסגראַבונגען אין עגיפּטן, ווי אויך אין פּאַלעסטינע, אָן דעם וויסן פון דער מאַכט — פאר אן אונטערנעמונג פון לעוואנטינישע אנטיקן־הענדלער. איבער די צײַטונגען איז דענסטמאָל אדורכגעגאנגען א ידיעה, אז דער פּראָפעסאָר האָט אין א קברים־הייל אין צפורן אין גליל אנטדעקט אן אַלטן כתב־יד פון גרויסער געשיכטלעכער באדײַטונג. שפּעטער איז ווידער געקומען א ידיעה, אז דער כתב־יד שטאַמט פון איינעם פון די אפּאָסטאָלן פון ישוע הנוצרי, עס איז, אזוי צו זאָגן, דער ערשטער געשיכטלעכער דאָקומענט אויס יענער צײַט, וואָס ברענגט אונז דירעקטע ידיעות וועגן דעם לעבן פון ישוע. די פאַרשער־וועלט האָט געוואַרט אויף דעם דערשײַנען פון דעם כתב־יד. נאָר מיטאמאָל איז מען געוואָר געוואָרן, אז דער בארימטער פּראָפעסאָר איז געפונען געוואָרן טויט אין א קליינעם האָטעל אין דמשק. דעם סולטאנס פּאָליציי האָט זיך אינטערעסירט מיט דעם באגלייטער, מיט וועלכן דער פּראָפע־סאָר האָט צוזאמען די אויסגראָבונגען געמאכט, אָבער יענער איז פאַר־שוואונדן געוואָרן באַלד נאָכן פּראָפעסאָרס טויט, און צוזאַמען מיט אים — אויך דער בארימטער כתב־יד, אויף וועלכן די געבילדעטע וועלט האָט אזוי אומגעדולדיק געוואַרט. די לעוואנטינישע סוחרים אָבער, וועלכע האָבן פינאַנסירט דעם פּראָפעסאָרס גניבהשע עקספּעדיציע, האָבן מורא געהאט צו געבן דער זאַך א גרויסן פירסום, כדי די מאכט זאָלן נישט קומען אויף די שפּורן פון זייער געהיימען שמוגל־האַנדל פון אנטיקן, פאר וועלכן מען קען שטרענג באשטראָפט ווערן. זיי האָבן דעם גאנצן ענין פון פארשוואונדענעם באגלייטער דערשטיקט אין געהיים, און עס האָט געהייסן, אז דער פּראָפעסאָר איז געשטאָרבן פון כשוף, מיט וואָס די אַלטע עגיפּטישע חרטומים האָבן, אויס נקמה דעריבער וואָס ער האָט אַנטדעקט זייערע סודות, אים אָנגעשטעקט. וואָס מיט דעם כתב־יד איז געוואָרן, ווייסט מען נישט.

פאַרשטייט זיך, אז איך האָלט זיך צוריק פון צו מאַכן יעדע השערה און צוצושרײַבן דעם געלערנטן פאַן וויאַדאָמסקי וועלכע ס'איז שייכות מיט יענער גרויזאַמער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דעם קליינעם פאַרוואָרפענעם כאַן פון דמשק. כאָטש נישט נאָר אזא אַמאַטאָר ווי דער פאַן וויאַדאָמסקי, נאָר אויך יעדער געלערנטער וואָלט פעיק גע־ווען אויף אזא טאַט, ווען עס וואָלט זיך געוועזן געהאנדלט פאר דער זאַך פון דער וויסנשאַפט. צוליב דער וויכטיקייט אָבער פון דעם ענין מוז דער מחבר מודה זײַן, אז יעדעס מאָל, ווען ער האָט די פאַרטונקלטע סודותפולע פאַרמעט־בלעטער גענומען אין זײַנע הענט ארײַן, כדי זיי צו אנטציפערן, איז אים א ציטער אדורכגעגאנגען דורך אלע זײַנע גלידער.

אַן אינערלעך קול האָט אים געזאָגט: „דו האַלטסט אין דײַנע הענט אַ טייל פון כתב־יד, וואָס יהודה איש קריות האָט באַהאַלטן אין דער קברים־הייל פון צפּורן", און איך האָב זיך באַצויגן מיט דעם דאָזיקן געפיל דערצו...

ווי אַזוי איז דער מאַנוסקריפּט אַרײַנגעפאַלן אין פּאַן וויאַדאָמסקיס הענט און וואָס איז געוואָרן מיטן אַנדערן טייל דערפון? — דאָס בלײַבט אַ סוד, וועלכן פּאַן וויאַדאָמסקי וועט מיטנעמען מיט זיך אין קבר אַרײַן און וועט באַדאַרפן אָפּגעבן אַ דין וחשבון פאַרן העכסטן ריכטער. צו אונזער ענין האָט עס קיין שייכות נישט און מיר וועלן זאָגן מיט דעם קלוגסטן פון אַלע מענטשן: „דאָס וואָס איז פאַרהוילן פון דיר, פאָרש נישט נאָך"...

עס איז אָבער צײַט צו לאָזן רעדן דעם כתב־יד אַליין.

קאַפּיטל צוויי

די רייד פון יהודה איש קריות.

I

עס שטייט געשריבן: „און דו זאָלסט פאָרשן, אויסשפּירן און נאָכפרעגן גוט..." — איז געדרינגען, אַז אויך בײַם אמתן נביא מוז מען פאָרשן, אויסשפּירן און נאָכפרעגן גוט. און דאָס טו איך, אײַער חבר און מאָן פון איין מחשבה, יהודה איש קריות... איך גיי נאָך מײַן רבינס טריט און איך זיץ צו זײַנע פיס און וועג און מעסט יעדעס וואָרט זײַנס און שפּיר נאָך יעדע טוּאונג זײַנע, און איך האָב נישט געפונען קיין שלעכטס אין זײַנע הענט, נאָר זײַן האַרץ איז אין פרידן מיט זײַן גאָט, און אַלע זײַנע טראַכטונגען און טוּאונגען זיינען פאַר גאָטס וועגן. ווי עס שטייט געשריבן: „נאָך גאָט, אײַער גאָט זאָלט איר נאָכגיין, פאַר אים זאָלט איר מורא האָבן, זײַנע מצוות זאָלט איר אָפּהיטן, זײַן קול זאָלט איר הערן, אים זאָלט איר דינען און אין אים זאָלט איר זיך באַהעפטן..."

און אַזוי ווי איך האָב אײַך שוין מיטגעטיילט, האָט אונזער רבי צונויפגערופן פיל פאָלק אויף אַ באַרג הינטער דער שטאָט און האָט פאַר זיי דערקלערט די מצוות און מעשים טובים, וואָס זיי האָבן צו טון, כּדי זיי זאָלן ווערן אָנגערופן „קינדער פון גאָט", און זיי זאָלן האָבן אַ חלק אין דעם קעניגרײַך פון הימל. זייער פיל געלערנטע און שריפט־אויסטײַטשער און געזעץ־שרײַבער זיינען אויך געקומען הערן מײַן רבינס

רייד. זיי זייַנען געקומען פון מגדל און פון דער גרויסער שטאָט צפורן און אפילו פון דער שטאָט נעים, וואָס איז באַקאַנט מיט אירע חכמים, מיט שמעון דעם פּרוש און נאָך זייער פיל פּרושים פון דאָרטן און חנניה דער טעפּער און חנן דער גאַרבער און ר׳ יונה דער געצעלטן־וועבער פון די תלמידים פון יוחנן, וועלכן מען רופט „המטביל״, מיט אַלע גע־לערנטע און שריפט־אויסטייַטשער פון כפר־נחום — און זייער פיל פאָלק איז געווען פאַרזאַמלט צופוסנס פון באַרג. און מייַן רבי ר׳ ישוע בן יוסף פון דער שטאָט נצרת האָט פאר זיי אויסגעלייגט די שריפט און האָט נעענטער געבראַכט אונזערע הערצער צו אונזער פאָטער אין הימל. די רבנים און געלערנטע האָבן נהנה געווען פון זייַנע רייד, עס איז געוואָרן אָפּגעטון יעדער חשד פון זייער האַרץ, וואָס זיי האָבן געהאַט חלילה אויף מייַן רבין. זיי האָבן געזען, אַז ער גייט אין גאָטס וועג, און אַלץ, וואָס ער לערנט און טוט, איז פון גאָטס וועגן.

און איר זאָלט וויסן זייַן, אַז אין פיל זאכן גייט מייַן רבי נאָך דעם הויז פון שמאי, ער איז א גרויסער מחמיר און לייגט, לויט דעם דרך פון די רבנים, איין סיג (צוים) אויף דעם אנדערן איבער דעם גאָרטן פון גאָט. אזוי, למשל, איז ער אין אַלע זאַכן, וואָס זייַנען נוגע צווישן מאַן און ווייַב, א גרויסער מחמיר. ער גייט אזוי ווייַט, אַז ער איז אפילו מבטל דעם גט־כריתות צווישן מאַן און ווייַב, וואָס משה רבינו האָט אונז גע־געבן, און ער זאָגט, אַז צוליב דער פארשטאָפּונג פון אונזער האַרץ האָט דאָס משה רבינו געטון, — פאר וועלכן די רבנים און געזעץ־אויסטייַ־טשער זייַנען מחולק מיט אים אין דער דאָזיקער זאַך. אָבער זיי האָבן עס אויסגעטייַטשט, אַז דאָס איז א מנהג בייַ די חסידים, צווישן וועלכע מייַן רבי האָט זיך לאַנג אויפגעהאַלטן און האָט דאָרט געלערנט תורה פון ר׳ יוחנן המטביל. זיי זייַנען, ווי באַקאַנט, זייער אָפּגעהיטן אין הלכות טהרה, פיל פון זיי גייען אזוי ווייַט, אַז זיי צעשטערן די מצווה פון פּריה ורביה און האָבן גאָרנישט חתונה — וואָס די חכמים רופן זיי צוליב דעם אָן „חסידים שוטים״. די „טינא״, וואָס זיי האָבן געהאַט אין זייער האַרץ אויף מייַן רבין צוליב דעם דאָזיקן ענין, איז באַלד אויסגעלאָשן געוואָרן דורך זייַן גרויסער צדקות און תמימות און איבער דעם גרויסן בטחון, וואָס ער האָט צום פאָטער אין הימל. זייַן בטחון אין רבונו של עולם איז גאָר אין לשער, — אזוי ווי דוד המלך עליו השלום האָט געזאָגט: „גאָט איז מייַן פעלז...״, „און אפילו ווען איך וועל גיין אין שאָטן פון טויט, האָב איך נישט קיין מורא פאר שלעכטס, ווייַל דו ביסט מיט מיר״. און ווי משה רבינו האָט אונז באַפוילן, הייסט ער אונז אויך זייַן: „קינדער צו אונזער פאָטער אין הימל״, און „מיר זאָלן זיך באַהעפטן אין זייַנע

מעשים און אזוי ווי ער איז דערבארעמדיק און נאָכגיביק און לאָזט שײַנען זײַן זון אויף די שלעכטע און גוטע און לאָזט רעגענען איבער די גערעכטע און אומגערעכטע, אזוי זאָלן מיר ליבן אונזערע פײַנד, בענטשן די, וואָס שעלטן אונז, גוטס טון צו די, וואָס האָסן אונז, און בעטן פאר די, וואָס באַליידיקן אונז און רודפן אונז״. — ווער האָט עס געהערט אזא צדקות? ווי די מלאכים אין הימל הייסט ער אונז זײַן און ווי די קינדער אויף דער ערד, — ווי אין פסוק שטייט: „מפי עוללים ויונקים יסדת עוז״. און ווען אפילו ער האָט אָנגעגרירט אין זײַנע רייד דעם כבוד פון די פרושים און געזאָגט: „אויב אײַער צדקות וועט נישט בעסער זײַן ווי די צדקות פון די סופרים און פרושים, אזוי וועט איר געוויס נישט ארײַנקומען אין דעם מלכות שמים״, — האָבן זיי עס אלע אים מוחל געווען, ווײַל ער האָט נאָר געמיינט די פאלשע פרושים, וואָס טוען די מעשים פון זמרי און פארלאנגען שכר ווי פנחס און וועלכע פארשיטן מענטשנס אויגן מיט זייער פרומקייט. אליין שטייט ער אויך, ווי די פרושים, אויפן יסוד פון דער תורה, ווי ער האָט עס שוין פיל מאָל איבערגעחזרט: „ביז דער הימל און די ערד וועלן נישט פארגיין, וועט קיין איין „יוד״ אָדער א קליינער פונקט פון דער תורה נישט פארגיין״. אין פיל זאכן איז ער א מקיל, אין אַנדערע איז ער מחמיר, נאָר דער עיקר איז בײַ אים דאָס גוטע האַרץ. אָבער די גאנצע תורה, לערנט ער ווי הלל הזקן, איז נאָר בין אדם לחברו — „דאָס וואָס איר ווילט, אז די מענטשן זאָלן אײַך טון, טוט אויך דאָס זעלבע צו זיי״. וואָרעם דאָס איז דער עיקר. וואָס שייך בין אָדם למקום, מוז עס זײַן אין גרויס צניעות, אין באהאלטנקייט, אז קיינער זאָל נישט וויסן דערפון. „ווען דו טוסט פאַסטן, אזוי זאַלב דיר דײַן קאָפּ און וואַש דײַן פנים, כדי מענטשן זאָלן נישט אָנזען, אז דו פאַסט, נײַערט דײַן פאָטער אין הימל, וואָס זעט אין פארבאָרגעניש, וועט דיר באצאָלן עפּענטלעך.״

וואויל צו דעם מויל, וואָס האָט גערעדט די דאָזיקע רייד, און וואויל איז צו די אויערן, וואָס האָבן זיי געהערט. וואויל איז צו ישראל, וואָס א לערער און א נביא איז אויפגעשטאנען צווישן אים אין אונזערע טעג, כדי אים צוריקצוברענגען צו זײַן פאָטער אין הימל.

איך וועל לאנג נישט מאריך זײַן מיט זײַן לערע. איך האָב זײַנע רייד געלאָזט אָפּשרײַבן פון זײַן מויל ארויס דורך דעם שרײַבער חנינה דעם קריצער, און איר וועט פון דעם זען, ווי שלום עס איז דאָס האַרץ פון מײַן רבין מיט זײַן גאָט. איך וויל אײַך נאָר צוּוויסן געבן, אז נאָך אינמיטן פון רבינס רייד זיינען געקומען צו אים אלע חכמים, געלערנטע און שרײַבערס, יועלכע זיינען געווען דאָרט פארזאמלט און האָבן מײַן רבין גרויס כבוד אָפּגעגעבן, אזוי ווי דער דין איז זיך צו באגיין מיט א גרויסן

תלמיד חכם און א לערער, און האָבן געפּאָרשט נאָך זײַן שלום. און אויך מיר, זײַנע תלמידים, וואָס מיר זיצן צו זײַנע פיס און טרינקען די ווערטער, וואָס גייען ארויס פון זײַן מויל, זיינען מיר דורך דער גדולה פון אונזער רבין זייער דערהויבן געוואָרן אין די אויגן פון אלע חכמים און געלערנטע, און זײַן כבוד איז אויך געפאלן אויף אונז. און ר׳ שמעון דער פרוש און אלע חכמים און סופרים פון נעים, וועלכע זיינען געוועזן מיט אים, האָבן אונזער רבין געבעטן, אז ער זאָל קומען אין דער שטאָט נעים, כדי ער זאָל זיצן מיט זיי צוזאמען אין דעם געצעלט פון תורה און ער זאָל פארשפרייטן זײַן קוואַל פון וויסן און ער זאָל קומען אונטער זייער באַלקן און ברעכן מיט זיי דאָס ברויט, — וואָס אונזער רבי האָט עס אויך זיי צוגעזאָגט. און זיי האָבן זיך אָפּגעשיידט פון אונזער רבין מיט גרויס ליבע און האַרציקייט, דערפאַר ווײַל זיי זיינען אין איין גייסט מיט אים, און ר׳ שמעון דער פרוש און די געלערנטע, וואָס זיינען געוועזן מיט אים, זיינען צוריקגעגאנגען אין שטאָט ארײַן.

און עס איז געוועזן, ווען אונזער רבי האָט פארלאָזט דעם באַרג, וואו ער האָט דאָס וואָרט פון גאָט געפּרעדיקט, און געוואָלט צוריקגיין אין שטאָט ארײַן, אזוי האָט אים פיל פאָלק ארומגערינגלט און מיט אים מיטגעגאנגען אין הויז פון שמעון דעם פישער, וואו אונזער רבי וואוינט. און עס זיינען אויך געוועזן צווישן פאָלק פיל קראנקע, פיל אזעלכע, וואָס זיינען געוועזן באזעסן פון שלעכטע גייסטער. פאר דעם הויז פון שמעון האָבן אים שוין אָפּגעוואַרט קראנקע לײַט — און מענטשן מיט צעבראָכענע געמיטער, וואָס האָבן געהערט פון זײַנע וואונדער, און זיי האָבן אין גרויס אַנגסט אויסגעשטרעקט צו אים די הענט און גערופן צו אים: „הושענה, העלף אונז!״. און די קראנקע מיט די באזעסענע האָבן זיך געמערט וואָס אמאָל מער, אזוי אז אונזער רבי האָט נישט געקאָנט מאכן קיין איין טריט, ווארעם די יסורים האָבן אים ארומגערינגלט ווי א שטורעמדיקער ים, וואָס האָט געשוימט צו זײַנע פיס. וואָרעם עס איז געוועזן זייער פיל פאָלק און זייער פיל געשלאָגענע מיט יסורים, וואָס זיינען געקומען קיין כפר־נחום, הערנדיק די וואונדער, וואָס ער טוט. און א גרויס רחמנות האָט ארומגענומען זײַן האַרץ צוליב די פּײַן פון די מענטשן, וואָס זיי זיינען אזוי פיל, און פיל פון זיי האָט ער געהיילט, טייל פון זיי האָט ער געטרייסט, ביז ער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון די רייד, וואָס ער האָט גערעדט און ער האָט נישט געקאָנט צוליב דעם געדראַנג פון פאָלק זיך אוועקזעצן און רוען א ווײַל אָדער תפילה טון אינדערשטיל, אָדער אפילו עסן זײַן ברויט במנוחה, וואָרעם דאָס פאָלק האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון אים. אזוי האָט שמעון דער פישער אים אוועקגענר־

מען פון פאָלק און געבראַכט אים צום ברעג פון ים גנוסר, וואו ער האָט געהאַט זײַן פישער־שיף.

מיר, זײַנע תּלמידים, זײַנען געווען מיט אים, און דאָרט אויף דער שיף האָט ער זײַן אָוונט־תּפילה אָפּגעריכט און געגעסן מיט אונז זײַן אָוונט־ברויט. און שמעון האָט אים אוועקגעלייגט אויף דעם באָרטן פון דער שיף און צוגעדעקט אים מיט דעם קלייד פאַר דער קעלט פון דער נאַכט. און אונזער רבי האָט גערוט די נאַכט ווי אַ טאָג־לוינער נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, און מיר, זײַנע תּלמידים, זײַנען געזעסן אַרום אים און מיר האָבן געהיטן דעם אָטעם פון זײַן ברוסט אין דער טיפעניש פון דער נאַכט.

און עס איז געווען, ווען דער מאָרגנשטערן האָט אָנגעהויבן צו גרויען, האָט זיך אונזער רבי געפּעדערט פון שלאָף און שמעון האָט אונז צוגעפירט צו אַ ברעג, וואו עס איז געווען אַ פעלד פון איילבירטן־ביימער, וואָס מען האָט גערופן „דער אַקער פון קעניג", ווײַל עס האָט געהערט צו מלכות. דאָרטן זײַנען מיר אַרויסגעגאַנגען אויפן ברעג און מיר האָבן אונזער מאָרגן־טבילה גענומען אין ים גנוסר און מיר האָבן געזאָגט קריאת־שמע. און די תּלמידים האָבן אַרויסגענומען דאָס ברויט, וואָס איז געווען אין בינטל, מיר האָבן געזאָגט אונזער געבעט און גע־געסן אונזער מאָרגן־ברויט.

און דאָס פירעכץ פון אונזער רבי איז אַזוי: ער איז נישט ווי די אַנ־דערע געלערנטע, וועלכע לעבן נאָר אין די פיר איילן פון דער הלכה און פאַרשפּרייטן זייער תּורה אין די בתי־מדרשים צווישן זייערע תּלמי־דים, וואָס זיצן צו זייערע פיס. נאָר מײַן רבי איז ווי אַ שלאָגנדיקער קוואַל, וואָס איז אַרויסגעשטעלט אויף די וועגן, און יעדער איינער, וואָס גייט אַדורך, קאָן צוקומען צו אים און שעפּן פון זײַנע לעבעדיקע וואַסערן. מײַן רבי גייט אַרום צווישן פּראָסטן פאָלק און איז זיי מדריך אויפן גוטן וועג. אין די וואָכנטעג גייט ער אַרויס צום פאָרט, וואו עס ברענגען אַרײַן די פישערס די נעצן מיט די געפאַנגענע פיש, און עס לאָדן אָן די טרעג־גער די סחורות אויף די שיפן. פיל פאָלק איז שטענדיק דאָרט פאַרזאַמלט, ווײַל דאָס פאָלק פון לאַנד קומט זיך דאָרט אַהין צונויף צו פאַרקויפן די סוחרים די אַרבעט פון זייערע הענט. און דאָרט שטייט אונזער רבי צווישן די לײַט און לערנט זיי פון מלכות שמים דורך שיינע משלים, וואָס ער פאַרציילט זיי, און ווען ער טרייסט מיט אַ גוט וואָרט און ווען ער היילט פון אַ קרענק. שבת קומט ער אין בית הכנסת, אַמאָל דרשנט ער אויף אַ פסוק פון דער תּורה און אַמאָל נישט. אָבער נישט בלויז אין דער שטאָט כפר־נחום אַליין פאַרשפּרייט דער רבי זײַן תּורה, נאָר ער נעמט

אונז אויך ארויס און פירט אונז איבער די דערפער און שטעטלעך ארום און באַווײַזט אונז, ווי עס לעבט דער צניעותדיקער מענטש און הייסט זיך אונז א מוסר אראָפּנעמען פון זיי. אָפּטמאָל, ווען מיר קומען אין שטאָט אַרײַן, קומט אונז שוין די נאַכט אנטקעגן און דער הימל לאָזט זיך אראָפּ מיט גרויס בטחון איבער דער ערד, און פון די הײַזלעך גייט אויף דער רויך, וואו עס באַקט זיך דאָס פּאַרדינטע ברויט פון ארבעטס־מאַן. און דער מענטש קומט אהיים פון פעלד אָדער פון זײַן ארבעט צו זײַן הויז, און עס וואַרט אים אָפּ דאָס ווײַב מיט דעם לאָמפּ אין דער האנט אויף דער שוועל פון זײַן הויז. און אז דער רבי קומט אין שטאָט אַרײַן, גייט ער נישט אין בית המדרש צו די געלערנטע לײַט, נײַערט ער גייט צו די לײַט אין די שטובן אַרײַן, ער שטעלט זיך אוועק ווי אן אָרעמאַן בײַ דער טיר, ביז מען בעט אים אין שטוב אַרײַן. און ער ברענגט דעם שלום מיט זיך, ער בענטשט דאָס הויז און זעצט זיך אוועק מיט די לײַט דאָס ברויט פון דעם אָרעמאַן צו עסן, זאָגט דעריבער א ברכה און לויבט דאָס ווײַב פאַרן מאַן. און נאָכן עסן רופט ער די קינדער צונויף צו זיך און פרעגט זיי פון דעם לערנען, און יעדער קינד זאָגט אים זײַן פּסוק. ער בענטשט די קינ־דער און ווינשט זיי: „עס זאָלן זיך מערן אזעלכע ווי איר אין ישראל!". און די מוטערס זיצן אויף דער שוועל פון דער טיר, און ווען זיי הערן, ווי דער רבי רימט די פרוכט פון זייער בויך און מאכט זיי באַליבט פאַר די מענער, אזוי זאָגט איינע צו דער אנדערער, אז נישט אנדערש, נאָר דאָס איז א געטלעכער מאַן, ער ברענגט מיט זיך דעם שלום מיט אין שטוב. און אויך מיט די מענער זיצט ער ביז שפּעט אין דער נאכט און פרעגט זיך אויס אויף זייערע ענינים. ער ווייסט פון זייערע זאָרגן און זייער נויט גייט אים זייער אָן, און איינעם היילט ער מיט א רפואה דעם גוף און אן אנדערן מיט א גוט וואָרט די נשמה. און ער טרייסט זיי אלע מען און פאַרצײלט זיי, אז די ישועה איז נאָענט, די טויערן פון מלכות־שמים זיינען שוין אָפן און שטייען גרייט צו עמפּאַנגען די, וואָס ווילן אין זיי אַרײַנקומען. און ער באַגלויבט זײַנע רייד מיט משלים און שיינע ווערטער. און מיר נעכטיקן מיט די דאָזיקע לײַט אין איין בעט, אויף איין געלעגער, נישט ווי די אנדערע געלערנטע, וואָס האלטן דאָס בעט פון עם־הארץ פאַר אומריין. און צומאָרגנס פעדערט זיך מײַן רבי מיט די לײַט אין פעלד אַרײַן, און טיילמאָל העלפט ער אין דער ארבעט מיט און טיילמאָל דאנקט ער בלויז אָפּ מיט א ברכה פאַר דעם ברויט און נאַכטלעגער. און עס איז, ווען מיר קומען א צווייט מאָל אויף דעם אָרט, אזוי גייען אונז שוין די לײַט אנטקעגן און די ווײַבער שטייען אויף די שוועלן פון זייערע טירן און רופן צום רבין: „צו אונז זאָל דער רבי אָפּ־

קערן, אונטער מײַן באַלקן זאָל דער רבי זײַן קאָפּ אַנידערלייגן, כדי מײַן הויז זאָל געבענטשט ווערן פון זײַנעטוועגן". און אויך די קינדער קומען אונדז אַנטקעגנצולויפן און רינגלען אַרום אונדזער רבין און כאַפּן זיך אָן בײַ זײַן קלייד און זאָגן אים די פסוקים, וואָס זיי האָבן געלערנט הײַנט אין בית־מדרש. און עס איז ווען מיר ווילן אויף די קינדער אָנשרייען און זיי אָפּטרײַבן פון אונדזער רבין, לאָזט ער נישט און זאָגט צו אונדז: „לאָזט די קינדער קומען צו מיר, וואָרעם צו זיי געהער דאָס מלכות פון גאָט".

און אַזוי באַהאָנגען מיט די קינדער פון אָרט, קומט ער אין שטאָט אַרײַן, און די מענער קומען אים אַנטקעגן און רופן:

— קום, קום, געבענטשטער פון גאָט!

אין אָוונט קומען זיך אַלע לײַט פון אָרט צונויף בײַ איינעם פון זיי אין הויז אָדער אין הויף און ברענגען די לאָמפּן מיט זיך. און דער רבי זעצט זיך מיט זיי און ברעכט ברויט מיט זיי און דערציילט זיי פון מלכות שמים, און די לײַט קערן זיך צוריק צו גאָט. און דעם רבינס נאָמען ווערט ווי גוטער בוימאייל איבערן לאַנד פאַרשפּרייט.

II

אין כפר נחום, אין דער שטאָט, האָט מײַן רבי באַווילִיקט צו זיצן אין שטוב פון שמעון בר־יונהס שוויגער אויפן דאַך־שטיבל. בײַטאָג גייט ער אַרויס צום האַפן פון דער שטאָט, כדי צו לערנען די רייד, ווי איך האָב עס אײַך שוין אויפגעשריבן.

בײַם האַפן פון כפר־נחום שטייט אַ בײַדל פון אַ מוכס בײַם בריקל, וואָס פירט צום ברעג. אין דעם בײַדל זיצט לוי דער מוכס, און יעדער איינער וואָס ברענגט די פּרוכט פון זײַן ערד אין דעם האַפן אַרײַן אָדער פירט אַרויס פון האַפן די פּרוכטן, מוז דורך דעם בריקל אַדורכגיין. דער מוכס שטעקט אַרויס זײַן קאָפּ און שטעלט אויס די האַנט, און דאָס שילדל פון מלכות איז אויף זײַן ברוסט. דאָס דאָזיקע שילדל דערציילט, אַז ער איז אַ נאַמען אויף מס. דער בײַטל שטעקט אין זײַן גאַרטל, און יעדער איינער באַצאָלט אים זײַן מס, דאַן עפנט ער דאָס טירל צום בריקל און לאָזט דורך דעם מאַן מיט דער סחורה. אויב מען באַצאָלט נישט דעם מס, לאָזט ער נישט אַדורכגיין.

און די מוכסים ווערן געהאַלטן פאַר זינדיקע מענטשן אין ישראל.

דער מוכס לוי איז אָבער אַנדערש ווי די אַנדערע מוכסים. יעדעס

מאָל, ווען אונזער רבי גייט אדורך דאָס בריקל, כדי צוצוקומען צום האָפן און צו רעדן צו די לײַט, שטעלט ער זיך אויף פון זײַן אָרט און פאַרבייגט זיך פאַר אים, שעמט זיך דעם רבין אין פּנים אַרײַן צו קוקן. און דער אָנבליק פון מוכס האָט עדות געזאָגט, אַז ער האָט חרטה אויף זײַנע מע־שים און ער טראַכט מחשבות אין זײַן האַרץ אומצוקערן זיך אויפן יידישן וועג. וואָרעם יעדער מאָל, ווען דער רבי האָט גערעדט צו די לײַט פון האָפן, איז דער מוכס געזעסן אין זײַן בײַדל, אָנגעלענט מיט זײַן קאָפּ אויף דער האַנט, און מיט דער צווייטער האַנט זיך געצויגן די האָר פון זײַן גרויסער באָרד און געטראַכט פיל מחשבות. און איינמאָל, ווען דער רבי איז פאַרבײַגעגאַנגען זײַן בײַדל, אַזוי האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אָנגעקוקט דעם רבין מיט א בליק פון חרטה און בקשה און ער האָט גע־זאָגט צו אים:

— איך ווייס, אַז דער גרויסער, פורכטבאַרער טאָג, וואָס דו זאָגסט אָן, דערנענטערט זיך און קומט אָן און איך וועל פונדרויסן בלײַבן, ווי א שאָף אַרויסגעשטויסן פון דער סטאַדע . . .

האָט דער רבי אַרויפגעלייגט אויף אים די האַנט און געזאָגט:

— עס שטייט געשריבן: „גאָט איז נאָענט צו די הכנעהדיקע האַר־צער", און אין דײַן פּנים דערקען איך, אַז דו האָסט חרטה אויף דײַנע מעשים. הייב דיך אויף און קום מיט מיר!

און דער מוכס האָט פאַרלאָזט זײַן בײַדל און אויפגעהויבן זיך און איז נאָכגעגאַנגען אונזער רבין.

האָט דער רבי געפרעגט לוי דעם מוכס:

— זיינען דאָ פיל אַזעלכע ווי דו בײַ יידן?

און דער מוכס האָט געזאָגט צום רבין:

— עס זיינען דאָ פיל לײַט אין שטאָט, וועלכע זיינען אַרויסגעשטויסן פון ישראל ווי איך, ווײַל מען האַלט אונז פאַר זינדיקע. איך בעט דיך, קום און איך וועל דיך פירן צו זיי, כדי זיי זאָלן געטרייסט ווערן, ווי איך בין געטרייסט געוואָרן פון דיר.

האָט דער רבי געזאָגט:

— ברענג מיך צו זיי!

ווען עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט, האָט לוי דער מוכס פאַר דעם רבין א סעודה געמאַכט, און ער האָט אײַנגעזאַמלט פיל מוכסים און זינ־דיקע לײַט אין זײַן שטוב אַרײַן, אַזעלכע וואָס קומען נישט אין קהל־ישראל. עס זיינען געווען צווישן זיי לײַט, וואָס זיינען געווען ספק־יידן און אויך אַזעלכע, וואָס מען איז זיך נישט משדך מיט זיי, ווײַל זיי שטייען אין פאַרדאַכט צו זײַן ממזרים, און אויך אַנדערע, וואָס זיינען געווען

גזלנים אויף די וועגן, טויבן־כאַפּער, וואָס זיינען פּסול לעדות, און אפילו אַזעלכע, וואָס פאַרמסרן יידן צו מלכות, וועלכע מען באַדאַרף צערייַסן ווי אַ פיש, און פאַרדעכטיקע פּרויען, זונות, וואָס פירן אַראָפּ מענער פון דרך הישר. און דער רבי האָט זיך געזעצט מיט זיי בייַ איין טיש און געהייסן אויך אונז זיך זעצן מיט זיי און זיך מיט זיי חברן. עס איז מיר געווען שווער אויסצופירן די זאַך ווי קריעת ים־סוף, און מיר, די תלמידי־חכמים, האָבן געפילט דערבייַ, ווי מיר וואָלטן בייַם עגל הזהב געווען. אָבער די האַנט פון רבין איז שווער געלעגן אויף אונז און מיר האָבן אַלע זייַנע געבאָטן אויסגעפירט, און מיר האָבן מיט די לייַט געבראָכן דאָס ברויט און געגעסן אומגעוואַשענערהייט, נייַערט בלויז וואָס דער רבי האָט געזאָגט זייַן געבעט און איבער דעם ברויט אַ ברכה געמאַכט. שמעון בר יונה איז געשטאַנען און האָט משמש געווען די מוכסים, אַזוי אויך די ברידער זבדי. פאַר זיי איז נישט שווער געווען די זאַך.

און דער רבי האָט גערעדט צו זיי און יעדן איינעם באַזונדער פון זיי געטרייסט און מחזיר למוטב געווען, געזאָגט זיי וואָס זיי האָבן צו טון, כדי צו געווינען דאָס אייביקע לעבן. און זיי האָבן זיך צוגעהערט צו זייַנע רייד און האָבן געזאָגט: „נעשה ונשמע!"

און די לייַט האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן:

— ווער האָט נאָך צו אונז אַזעלכע טרייסט־ווערטער גערעדט? פאַר־שטויסן האָבן אונז געהאַט די געלערנטע פון זיך — און אַרויסגעוואָרפן פון דער מחנה ווי מצורעים פון אַ שטאָט. און זעט, דער דאָ קומט און נעמט אונז צו זייַן בוזעם צו — ווי אַ פאָטער זייַן געליבטן זון.

און דער רבי האָט גענומען לוי דעם מוכס און האָט אים געשטעלט צווישן אונז און האָט סומך געווען אויף אים זייַנע הענט, און ער האָט געזאָגט צו אונז: „פון הייַנט מאָל אָן זאָל ער זייַן אַ ברודער צו אייַך און אַ זון צו זייַן פאָטער אין הימל!"

און אונז איז געווען קשה די זאַך: אַ ברודער זאָלן מיר זייַן צו אַ מוכס? און מיט זונות זאָלן מיר זיך חברן? וואָרעם ביז איצט איז נאָכנישט געהערט געוואָרן אין ישראל, אַז אַ זינדיקער זאָל אַ תלמיד זייַן פון אַ רבין.

ווען דער רבי האָט געזען, ווי מיר וואונדערן זיך אַזוי, האָט ער צו אונז געזאָגט:

— פאַרוואָס רופט איר מיך: „האַר! האַר!" און איר טוט נישט ווי איך הייס אייַך? אַ תלמיד באַדאַרף נישט זייַן העכער פון זייַן רבין און עס איז גענוג פאַר יעדן תלמיד, אַז ער זאָל זייַן צופרידן ווי זייַן רבי. פאַרוואָס זעסטו דעם שפּאָן אין דייַן חברס אויג און נישט דעם באַלקן אין דייַן אייגענעם אויג? די מענטשן זיינען נאָענט צו גאָט. גאָט האָט געזען זייער

צעבראָכן האַרץ און ער האָט זיי דערנענטערט צו זיך, און איר זאָלט נישט דערוויטערן דאָס, וואָס גאָט האָט דערנענטערט!

און ער האָט אונז דערויף א שיינעם משל פאַרציילט: „צו וואָס איז דאָס מלכות שמים געגליכן? דאָס מלכות שמים איז געגליכן צו א מענטש, וואָס פארזייט זוימען אין דער ערד!". און נאָך משלים האָט ער אונז געזאָגט, ביז ער האָט איינגענומען אונזערע געמיטער און מיר זיינען אונטערטעניק געוואָרן צו אים. וואָרעם מיר האָבן געזען, אז גאָט איז מיט אים.

צומאָרגנס אָבער, ווען מיר זיינען אין בית הכנסת געקומען מתפלל זיין, האָבן אונז ארומגערינגלט די געלערנטע לייט, די פרושים און די תלמידים פון יוחנן המטביל, און זיי האָבן געזאָגט צו אונז:

— וואָס זענען דאָס פאַר א זאַכן, וואָס ווערן פון אייער רבין פאַרציילט? און וואָס איז דאָס פאַר א וועג, וואָס אייער רבי האָט זיך אויסגעקליבן צו גיין אין אים? איז דען ווייניק דאָ וואָס אין ישראל מתקן צו זיין, אז ער מוז צו די מוכסים און זינדיקע אָנקומען? ווער האָט דאָס געהערט, אז א רבי זאָל מיט מוכסים זיך זעצן ביי איין טיש און עסן מיט זיי ברויט אומגעוואַשענערהייט? ווער האָט דאָס געהערט, אז א רבי זאָל מיט זונות אומגיין? דער הויך פון זייער מויל איז דאָך מטמא און דער בליק פון זייערע אויגן איז פול מיט זינד! און דאָס קול פון אן אישה איז ערוה און די באַרירונג פון איר האַנט איז זנות. דאָס ברויט פון אן עם־הארץ איז טרפה, ווייל ער נעמט קיין חלה נישט דערפון און גיט קיין תרומות ומעשרות נישט אָפּ, און זיין בעט איז אומריין, וואָס א חבר טאָר זיך נישט לייגן אין דערין, ווייל זיי ווייסן נישט ווי מיט ריינקייט זיך אומצוגיין. און זיין טיש איז אומווירדיק, אָנגעשטעלט מיט טעפּ, און דאָס עסן מיט אים איז ווי דאָס עסן ביי א מאַלצייט פון מתים. און מוכסים זיינען פּסול לעדות און זיי קומען נישט אין קהל פון ישראל, — און מיט אזעלכע לייט גייט אייער רבי ארום און עסט מיט זיי און זויפט מיט זיי? האָט נישט די פידל פון ישראל געזונגען: „וואויל איז צו דעם מענטש, וואָס גייט נישט אין דער עצה פון די רשעים, אויף דעם וועג פון די זינדיקע לאָזט ער זיך נישט און זיצן מיט לצים זיצט ער נישט"? און אייער רבי טוט פּונקט קאַפּויער!

מיר האָבן געבראַכט די רייד פון די לייט צו די אויערן פון אונזער רבין און מיר האָבן צו אים געזאָגט:

— די חכמים מורמלען אויף אונז, וואָס מיר זיצן מיט די מוכסים ביי איין טיש, און מיר האָבן זיי נישט וואָס צו ענטפערן.

האָט אונז דער רבי איינגעזאַמלט אין אָוונט צו זיך אויפן בוידעם־שטיבל און אונז צונויפגעדרענגט ארום זיך ביים ליכט פון לאָמפּ און

האָט אונז דערקלערט די זאַך און געזאָגט אזוי:

— וועלכער מענטש פון אײַך, וואָס פאַרמאָגט הונדערט שאָף און ער פאַרלירט איינס פון זיי, לאָזט נישט איבער די נײַן און נײַנציק אין דער וויסטעניש און גייט נישט נאָך דעם פאַרלוירענעם, ביז ער געפינט עס? און ווען ער האָט עס געפונען, אזוי נעמט ער עס אויף זײַנע אַקסל און פרייט זיך דערמיט, און ווען ער קומט אהיים, רופט ער צונויף זײַנע פרײַנד און שכנים און זאָגט צו זיי: „פרייט אײַך מיט מיר, וואָרעם איך האָב געפונען מײַן שאָף, וואָס איך האָב געהאט פאַרלוירן". איך זאָג אײַך: אזוי וועט אויך זײַן אײַער שמחה איבער איין זינדיקן, וואָס טוט תשובה, מער ווי איבער נײַן און נײַנציק צדיקים, וואָס באַדאַרפן נישט קיין תשובה.

און ער האָט אונז דערבײַ דערציילט א שיינעם משל פון א מאַן, וואָס האָט געהאט צוויי זין . . און עס איז געווען, ווי ער האָט דעם משל פאַר־ציילט, אזוי איז שמעון, דער זון פון יונה, געשטאַנען דערבײַ און זײַן פּנים האָט געלויכטן פאַר פרייד. נאָר פון זײַנע פּולע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן און זיינען געריננען איבער זײַנע לויכטנדיקע באַקן אין זײַן געדיכטער באָרד אַרײַן. און ער האָט געזאָגט: „אַלץ וואָס ער וועט מיך הייסן טון — וועל איך טון, אפילו מוכסים משמש צו זײַן. וואָרעם אַלדינג וואָס ער טוט איז פאַרן הימלס וועגן". אזוי האָבן אויך די אַנדערע תּלמידים געזאָגט.

און די ווײַבער, וואָס זיינען געשטאַנען בײַ דער טיר און צוגעהערט זיך צו די רייד פון רבין, האָבן זיך געקנאַקט אין די פינגער, אָנגעבלאָזן די באַקן און געשלאָגן אין זיי ווי אין א פּויק און ארויסגעגעבן פון זיך יאָכצן פון פריידי־ און יובל־רופן איבער דער שמחה, וואָס האָט אָנגעפילט זייערע ברוסטן, ווי דער ווײַן א רייפע טרויב. און מיר האָבן גאָט גע־דאַנקט און געלויבט פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט געטון מיט אונז — צו ברענגען אונז אין דער נאָענטקייט פון געטלעכן מאַן.

און דער שעת הכושר איז דענסטמאָל געווען מיטן רבין און דער גייסט פון גאָט איז געקומען איבער אים און ער האָט אונז דענסטמאָל געלערנט, ווי אזוי דעם פאָטער אין הימל צו דינען און ווי מיר זאָלן זיך אויפפירן, כדי מיר זאָלן ראוי זײַן אין דעם מלכות שמים צו קומען. און פיל משלים האָט ער אונז פאַרציילט דעם אָוונט, וואָס קיין שום אויער האָט נאָך אזעלכעס נישט געהערט זינט די וועלט שטייט. און וועלכע האָבן אונזערע הערצער דערנענטערט צום פאָטער אין הימל. און די תּלמידים האָבן זיי אַלע פאַרשריבן, כדי די שפּעטערדיקע דורות זאָלן וויסן פון זיי. נײַערט קיין קראַנקע האָט ער נישט געהיילט און קיין וואונדער האָט ער נישט באַוויזן, וואָרעם עס איז געקומען אויף אונז א

געבאָט פון רבין זייער שטארק, קיינעם נישט צוצולאָזן צו זיך, ער האָט געוואָלט זײַן מיט אונז, זײַנע אויסדערוויילטע, אליין.

און זייער גרויס איז דענסטמאָל די שמחה געווען. מיר האָבן זיך געפרייט מיט אונזער רבי, און ער מיט אונז — אין דעם זעלבן אָוונט.

און עס איז געווען אויפן צווייטן טאָג, אזוי האָב איך געאײַלט אין בית הכנסת, און איך האָב דאָרט אָנגעטראָפן צדוק דעם טעפער זיצן מיט די סגנים פון שול, וואָרעם זיי האָבן געלערנט מיט די תנוקת של בית־רבן אין בית הכנסת צו לייענען און צו געדענקען די הייליקע שריפט. און איך האָב געזאָגט צו זיי:

— זײַט נישט חושד קיין ריינע, א זינד זענט איר באגאנגען, וואָס איר האָט געמורמלט אויף מײַן רבין. זײַט וויסן, אז אלץ וואָס ער טוט, איז עס פאַרן הימלס וועגן! — און איך האָב זיי איבערגעגעבן דעם רבינס רייד, וואָס ער האָט גערעדט צו אונז וועגן דער גרויסקייט פון דער מצווה — זינדיקע אויפן ריכטיקן וועג צוריקצובריינגען.

און צדוק דער טעפער האָט מיר געענטפערט און געזאָגט:

— עס איז אלץ זייער גוט און פײַן און אויך אונזערע חכמים האָבן געלערנט, אז אויף דער מדרגה וואו א בעל־תשובה שטייט, קאָנען קיין ריכטיקע צדיקים נישט שטיין. און נאָך האָבן זיי געזאָגט: „ווער עס שטעלט אויף איין נשמה בײַ יידן, איז ווי ער וואָלט די גאנצע וועלט אויפ־געריכט". אָבער מוחל זײַן די זינד האָט ער קיין רעכט נישט. וואָרעם מיר וויסן נישט און מיר האָבן נישט געהערט דערפון, אז איין בשר ודם קאָן מוחל זײַן די זינד, וואָס א צווייטער באגייט — נישט בין אדם לחברו, נאָר בין אדם למקום. — נאָר גאָט ברוך הוא אליין קען דאָס, ווי ער האָט אונז אין די דינים וחוקים דורך משה רבינו געגעבן, וואָס א זינדי־קער מענטש האָט צו טון, כדי מיט זײַן גאָט זיך איבערצובעטן.

און אויך די אנדערע חכמים זיינען איינשטימיק געווען מיט אים, נאָר זיי האָבן פארשוויגן די זאַך מחמת דעם, וואָס מײַן רבי האָט עס פאַרן הימלס וועגן געטון, און עס זיינען דאָ פיל וועגן דעם רבונו של עולם צו דינען.

און מיר זענען שוין דענסטמאָל געווען צוועלף תלמידים, וואָס האָבן פאַרלאָזט זייער הויזגעזינד, ווײַב און קינד, הויז און פעלד, און אלץ גע־וואָרפן הינטער זיך, און מיר זיינען אים נאָכגעגאנגען. מיר זיינען אָנגע־שטעקט געוואָרן מיט זײַן גייסט. ער האָט אונז איבערגערעדט און מיר האָבן זיך צו אים צוגעהאָרכט, און איצט זיינען מיר געוואָרן זײַן אייגנ־טום — די נפשות, וואָס ער האָט געמאכט. און מיר זיינען געווען אין

זײַן האנט, ווי דאָס לײם אין דער האנט פון טעפּער, און ער האָט געקאָנט טון מיט אונז, וואָס ער האָט געוואָלט, וואָרעם מיר האָבן געגלויבט אין זײַנע רייד.

און אײנמאָל א טאָג זײַנען מיר מיט אונזער רבין אויפן וועג געגאַנגען, און די נאַכט איז אָנגעפאַלן אויף אונז, און מיר האָבן דאָרט אָנגעטראָפן אויף א גאַסטהויז, און מיר זײַנען דאָרט אהין אַרײַנגעגאַנגען. אין דעם גאַסטהויז זײַנען געזעסן א חברה לצים מיט אײנעם א זקן ממרא בראש, און זײ האָבן געטרונקען ביר געמישט מיט האָניק און האָבן געלאַכט און געשפּאָט און גערעדט לצנות פּיל. און איבער זײ איז געשטאַנען דער קנעכט און האָט זײ משמש געווען, און דער קנעכט איז געווען א תלמיד־חכם, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר א חוב אין דער קנעכטשאַפט. און עס איז געווען, ווען די חברה לצים זײַנען לוסטיק געוואָרן, אַזוי האָבן זײ געגאָסן די רעשט געטראַנק אין דעם פּנים פון זײער משמש, און אַנדערע האָבן צעבראָכן זײערע כלים אין זײַן קאָפּ, און דער דינער איז געשטאַנען און האָט סובל געווען אויף זיך די חרפּות און בושות, וואָס זײ האָבן אים אָנגעטון און ער האָט זײ גאָרנישט געענטפערט. און דער זקן ממרא האָט זײער הויך געלאַכט, אַז זײַנע באַקן זײַנען אַזש רויט געוואָרן און זײַנע ווײַסע טראָלדן אויף זײַן קאָפּ האָבן זיך געשאָקלט, און ער האָט געזאָגט:

— זאָג מיר דײַן פּסוק, דו בן חמור!

און דער תלמיד חכם, דער דינער, האָט אים דערויף געענטפערט: „אנוש כחציר ימיו, כציץ השדה כן יציץ״. און עס איז געווען, ווען דער זקן ממרא האָט געהערט דעם פּסוק, אַזוי האָט ער דעם קנעכט געשלאָגן מיט דער פויסט אין ער האָט צו אים געזאָגט:

— איך בין אַרויסגעגאַנגען מיט מײַנע פרײַנד פרייד צו האָבן, קומסטו און צעשטערסט מיר די פרייד, א שלעכטער דינער ביסטו!

און ווי מיר האָבן געזען די זאַך, אַזוי האָט זיך אָנגערופן יוחנן פון די ברידער זבדי:

— רבי, פאַרוואָס לאָזסטו אים געוועלטיקן? זאָל איך אים שטיל מאַכן? האָט דער רבי געזאָגט:

— איך בין נישט געקומען צו פאַרטיליקן א נפש, נאָר אויפצובויען!

און ער איז צוגעגאַנגען צום זקן ממרא און ער האָט אים געזאָגט:

— איך וועל דיר געבן א שמחה, וואָס קײנער קאָן דיר נישט שטערן און קײנער קאָן זי דיר נישט צונעמען.

אַזוי האָט דער זקן ממרא געזאָגט:

— דאָס איז אודאי דערוויל דער ווײַן, וואָרעם עס שטײט געשריבן:

„יין ישמח לבב אנוש"...

האָט דער רבי אים געענטפערט:

— א שמחה, וואָס די ענדע אירע איז טרויער, איז קיין שמחה נישט. קום און איך וועל דיר געבן א שמחה, וואָס איז ווי א קוואַל, וואָס שטאַרקט זיך כסדר און ענדיקט זיך קיינמאָל נישט.

האָט דער אַלטער געפרעגט:

— וואָס איז דאָס פארא שמחה, וואָס ענדיקט זיך קיינמאָל נישט?

האָט דער רבי אים אָפּגעענטפערט:

— דאָס איז די פרייד, וואָס דער מענטש האָט אין זײַן פאָטער, דעם באשעפער פון דער וועלט, די דאָזיקע פרייד האָט קיין ענדע נישט, און די פרייד פון מלכות שמים קאָן דיר קיינער נישט צונעמען, וואָרעם זי איז נישט אויסער דיר, נאָר אין דיר.

האָט זיך דער אַלטער אָנגערופן:

— די פרייד איז פאר מיר פארבאָרגן, וואָרעם דער וועג צום פאָטער אין הימל איז פארשטעלט פאר מיר דורך די פיל זינד, וואָס איך בין באגאנגען אין מײַן לעבן.

האָט אים דער רבי געזאָגט:

— דײַן קליין מאַכן זיך מאַכט דיך גרויס. די טויערן שטייען שטענ־דיק אָפן פאר די וואָס ווילן צוריקקומען.

האָט דער זקן געפרעגט:

— איז נאָך דאָ פאר מיר א האָפענונג? און איך האָב עס גאָרנישט געוואוסט.

און ער איז צוגעגאנגען צום דינער און איז געפאַלן צו זײַנע פיס און האָט אים געבעטן מחילה. און דער רבי האָט זיך אָנגערופן צו אונז:

— קומט און זעט: מיט איין וואָרט קאָנסטו דײַן חבר ארײַנשלײַדערן אין כף הקלע און מיט איין וואָרט קאָנסטו אים ארונטערברענגען אונטער די פליגל פון דער שכינה. דעריבער לאָזט אײַך נישט פאַרפירן פון דעם, וואָס אײַערע אויגן זעען, נאָר פרווט צו זען אין דעם מענטשנס האַרץ.

—און צום דינער האָט ער געזאָגט: ווען דײַן ברודער זינדיקט צו דיר, שטראָף אים, און ווען ער וועט חרטה האָבן, אזוי פאַרגיב אים!

און ער האָט שלום געמאכט צווישן זיי.

און צום אַלטן האָט ער געזאָגט:

— שטיי אויף, ביסט געטרייסט!

און ער האָט זיך אוועקגעזעצט מיט זיי און האָט געטרונקען מיט זיי ווײַן, און ער האָט דאָס זיצן מיט די לצים פארוואנדלט אין א זיצן פון ברידער. ווי עס שטייט געשריבן: „ברידער זיצן צוזאמען"...

און דער רבי איז אַרײַנגעקומען אומעטום וואו מענטשן געפינען זיך, אין הויז צי אויף דער גאַס, אין פעלד אָדער אין דער שטאָט, אין די גאַסטהײַזער אויפן וועג, און ער איז געזעסן מיט אַלע לײַט, מיט געראַכטע און זינדיקע, און ער איז אויך אַרײַנגעקומען אין ערטער, וואו תּלמידי חכמים גייען נישט, און איז זיך צונויפגעקומען מיט לײַט, וואָס תּלמידי חכמים מײַדן אויס, און ער האָט געגעסן מיט זיי און געטרונקען מיט זיי ווײַן און גערעדט מיט זיי און זיי מחזיר למוטב געווען.

און יוחנן המטביל האָט געהאַט אַ תּלמיד אין שטאָט, וואָס האָט גע־פּײַניקט זײַן לײַב מיט סיגופים און תּעניתים, אָפּגעהאַלטן זיך פון עסן פלייש און נישט געטרונקען קיין ווײַן, ווי דער שטייגער פון די תּלמידים פון יוחנן. און ער איז געווען זייער פרום און איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך געפעדערט אין בית הכנסת און פון די לעצטע, וואָס האָבן דאָס בית הכנסת פאַרלאָזט. און עס איז געווען, ווען ער האָט געפאַסט, האָט ער אַש געשיט אויף זײַן קאָפּ און געטראָגן אַ קלייד פון אַ זאַק און איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען צו די לײַט און זיי דערמאַנט, אַז דאָס מלכות השמים קומט אָן און זיי זאָלן תּשובה טון. ער איז אַרומגעגאַנגען אין דער שטאָט און געהאַלטן די לײַט אין איין מוסר זאָגן און רופן צו תּשובה. און ער האָט געזען, ווי אונזער רבי זיצט מיט די מוכסים און עסט מיט זיי פלייש און טרינקט מיט זיי ווײַן, פלעגט ער אָפּט צו אונזער רבין קומען און אים דערמאָנען: „יוחנן האָט זיך נישט אַזוי אויפגעפירט, יוחנן האָט נישט געגעסן קיין פלייש און נישט געטרונקען קיין ווײַן, נײַערט געפּײַ־ניקט זײַן לײַב, און דו פרעסט פלייש מיט די מוכסים און דו זויפסט מיט זיי ווײַן".

האָט דער רבי אויף אים אָנגעשריגן און געזאָגט: „איך בין נישט געקומען לייגן קיין נײַע לאַטעס אויף אַן אַלטן מלבוש און איך האָב מיר מײַן אייגענעם וועג. גאָט האָט געזאָגט: חסד וויל איך פון אײַך און נישט קיין שעכטונג! איך בין נישט געקומען רופן די צדיקים צו תּשובה, נאָר די זינדיקע, און נישט נאָר דורך פּײַניקן זיך און פאַסטן קאָן מען דינען גאָט. איך זאָג אײַך, אַז דערנענטערן קאָן מען זיך צו אים נאָר דורך פרייד, וואָרעם דער גוטער מענטש, ווי דער גוטער בוים, גיט אַרויס פון זיך גוטס און נישט קיין שלעכטס. און האָט מען דען אײַך נישט אָנגעזאָגט: ושמרתם את נפשותיכם?! איך זאָג אײַך, אַז אויך דאָס לײַב איז נישט אומזיסט, נאָר עס געהערט צו גאָט".

און צו אונז האָט ער זיך געווענדעט און געזאָגט: — „היט אײַך פון די צו פיל געראַכטע, זיי וואָס פאַסטן צופיל, זײַנען פיל קראַנקער ווי די קראַנקע, וואָרעם דער קראַנקער ווייסט, אַז ער באַדאַרף דעם רופא.

עס זיינען פאראן אזעלכע, וואָס זאַמלען איַין געלט־אוצרות, און אויך אזעלכע, וואָס זאַמלען איַין מצוות־אוצרות, אָבער זייערע אוצרות וועלן אויפגעפרעסן ווערן פון מילבן און שטויב, וואָרעם נישט פארן פאָטער אין הימל, נאָר פאר זיך זאַמלען זיי איַין די אוצרות. דורך דעם היט איַיך צו טון איַיערע מעשים טובים, כדי מענטשן צו באַוויַיזן, וואָרעם איר האָט נישט צו דערוואַרטן קיין שכר פון פאָטער אין הימל. אז איר טוט צדקה, זאָלט איר עס נישט אויסבלאָזן מיט קיין שופרות, ווי עס טוען די בעלי־חונפים אין די שולן און אין די גאסן, כדי מענטשן זאָלן דאָס זען און זיי דערפאר רימען. איך זאָג איַיך, אז זיי נעמען שוין דערמיט אָפּ זייער שכר. נאָר ווען איר טוט צדקה, זאָל די לינקע האַנט נישט וויסן וואָס די רעכטע טוט, כדי איַיער צדקה זאָל זיַין בסתר, און דער פאָטער, וואָס זעט עס אין דער באהעלטעניש, ער וועט איַיך פארגיטיקן אין דער עפנטלעכקייט. און אז איר וועט בעטן, זאָלט איר נישט זיַין ווי די חונפים, וועלכע האָבן ליב צו בעטן אין די שולן און אויף די ווינקלען פון די גאַסן און זיי שריַיען און פלאַפּלען ווי די גוים, כדי מענטשן זאָלן זיי זען און רימען. אז איר פאַסט, זאָלט איר נישט זיַין ווי די פאלשע חונפים, וואָס פארענדערן זייערע פנימער, כדי אלע מענטשן זאָלן זען, אז זיי פאַסטן; אז איר ווילט פאַסטן, קעמט אויס איַיערע האָר און וואַשט איַיערע פנימער און באוויַיזט נישט פאר מענטשן, אז איר פאַסט, נאָר צו דיַין פאָטער בסתר זאָלסטו פאַסטן, און דער פאָטער, וואָס זעט אין די פארבאָרגענישן, וועט עס פארגיטיגן אין דער עפנטלעכקייט".

און עס איז געווען, ווען איך האָב דערנאָך איבערגעגעבן די רייד פון מיַין רבין פאר די חכמים אין בית הכנסת, האָבן זיי געזאָגט אויף אים: „עס איז א מויל, וואָס שיט פערל, וואויל איז צו די אויערן, וואָס הערן זיי! אויך אנטיגנוס איש סוכו, וואָס האָט מקבל געווען פון שמעון הצדיק האָט געזאָגט: איר זאָלט נישט זיַין ווי קנעכט, וואָס דינען דעם האַר, כדי צו באקומען לוין, נאָר איר זאָלט זיַין ווי קנעכט, וואָס דינען דעם האַר אָן לוין. און צדקה בסתר איז א גרויסע מידה, ווי אונזערע חכמים האָבן געלערנט; און אוודאי ווערט א תפילה, וואָס מען איז מתפלל פאר דיַין חבר, פריער אָנגענומען, ווי א תפילה פאר זיך; און אוודאי איז דאָס דינען צו גאָט מתוך שמחה א גרויסע מידה, וואָרעם שמחה איז אהבה, און די שכינה רוט נאָר מתוך שמחה. דאָס זיינען געטלעכע ווערטער, וואָס דיַין רבי לערנט. אָבער יראת שמים איז די ערשטע חכמה, ווי עס שטייט געשריבן: די ערשטע חכמה איז דאָס מורא האָבן פאר גאָט. דורכ־דעם איז אלע ווערטער, וואָס ווערן געזאָגט, און זאַכן, וואָס ווערן גע־טון מיט דער מורא פאר גאָט, האָבן א קיום; אָן דער מורא פאר גאָט

זיינען נישטאָ קיין שיינע ווערטער און קיין גוטע מעשים, זיי זיינען ווי פּוסטע קלאַנגען!" — און מיט די לעצטע ווערטער האָבן זיי אונזער רבין געמיינט, וואָרעם עס זיינען שוין דענטסמאָל ארומגעגאנגען שלעכטע רייד וועגן דעם טועכץ פון אונזער רבי.

אין יענער צײַט האָט אונז דער רבי געפירט איבער די פעלדער ארום און האָט אונז געוויזן די וואונדער פון גאָט און געהייסן אונז א מוסר אראָפּלערנען פון זײַן באַשאַף. און ער האָט אונז געלערנט די וועגן און די מצוות, וואָס מיר האָבן צו טון בין אדם לחברו. און ער האָט געזאָגט: „איר זאָלט נישט משפטן, כדי איר זאָלט נישט געמשפט זײַן, וואָרעם מיט דעם משפט, וואָס איר טוט משפטן, וועט איר געמשפט ווערן. און מיט דער מאָס, וואָס איר מעסט, וועט מען אײַך מעסטן". — און נאָך האָט ער געזאָגט: „ווען דײַן ברודער האָט קעגן דיר געזינדיקט, גיי און שטראָף אים צווישן דיר און אים אליין. וועט ער זיך צוהערן צו דיר, אזוי האָסטו א ברודער געפונען, און אויב ער וועט זיך נישט צוהערן, נעם דיר מיט איינעם אָדער צוויי, וואָרעם דורך צוויי אָדער דרײַ עדות זאָל יעדע זאַך ווערן באשטימט. און ווען ער וועט דאָך נישט צוהערן, זאָג עס דער קהילה. און ווען ער וועט זיך צו דער קהילה אויך נישט צוהערן, אזוי זאָל ער בײַ דיר זײַן ווי א גוי אָדער א מוכס. אָבער לאָזט נישט איבער־נעכטיקן אין אײַער הארץ קיין עוולה, פאַריאָגט זי פון דאָרטן, זײַט קינ־דער צו אײַער פאָטער אין הימל, און ווי ער איז אונז מוחל די זינד, אזוי זאָלט איר מוחל זײַן".

און שמעון האָט אים געפרעגט:

— וויפיל מאָל זאָל איך מײַן ברודער מוחל זײַן, זיבן מאָל ?

און דער רבי האָט צו אים געזאָגט:

— נישט זיבן מאָל, נאָר זיבן און זיבציק מאָל. וואָרעם אזוי ווי איר וועט האנדלען אויף דער ערד איינער קעגן אנדערן, אזוי וועט דער פאָטער אין הימל האנדלען קעגן אײַך.

און ער האָט א שיינעם משל פארציילט. וואָרעם ער האָט באגלייט זײַנע רייד מיט משלים, און אָן משלים האָט ער נישט גערעדט. און עס איז געווען, ווען איך בין אָנגעקומען אין בית הכנסת ארײַן און דאָרט זיינען געזעסן די חכמים אויף זייערע שטולן, און די תלמידים ווי א קראַנץ פון איילבירטן זיינען געזעסן צו זייערע פיס, האָב איך זיי נאָכ־פארציילט די רייד פון מײַן רבין, און די חכמים האָבן מיט דורשט גע־טרונקען זײַן חכמה און זיי האָבן הנאה געהאט און זיי האָבן געזאָגט:

— מיר פארשטייען נישט דײַן רבין, רעדן רעדט ער ווי איינער פון די תלמידים פון הלל הזקן, וואָס איז געקומען פארשפרייטן שלום אויף

דער וועלט, און טוען טוט ער מעשים, וואָס דערצערנען די תּלמידי חכמים, ווארעם זיי זיינען קעגן דער תורה, וואָס איז איבערגעגעבן געװאָרן בקבלה אין אונזערע הענט דורך די חכמים און זקנים פון משה רבינו אויפן באַרג סיני. זאָלן מיר פאַרשטעלן אונזערע אויגן פון צו זען די מעשים און בלויז הערן זײַנע רייד?

און אנדערע האָבן געזאָגט: אויב זײַנע רייד און מעשים ווערן געטון פאַרן הימלס וועגן, וועלן זיי האָבן א האַפט, אויב נישט — וועלן זיי קיין האַפט נישט האָבן.

און זיי האָבן אָפּגעוואַרט די זאַך.

און וואָס אמאָל האָבן זיך די תּלמידי חכמים מער דערוויַטערט פון אונז, ווארעם זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען די וועגן פון מײַן רבי. און אויך די לײַט פון שטאָט האָבן אָנגעהויבן צו מורמלען אויף אונז און מיר זיינען געוואָרן אָפּגעזונדערט פון זיי, ווארעם קיינער האָט אונז אין שטוב נישט אַרײַנגענומען און צו קיינעמס טיש זיינען מיר נישט געווען אײַנגעלאַדן. נאָר מיר זיינען מיט אונזער רבין אליין, און ער האָט אונז איבער די פעלדער געפירט. און עס איז געווען א מאָל א טאָג און דער טאָג איז געווען שבת, און מיר האָבן זיך געפונען אויף א פעלד פון שטייענדיקע וייצן, ווארעם עס איז שוין באַלד געווען די צײַט פון שניט, און די בערזעמלעך זיינען געווען אײַנגעבויגן צו דער ערד פון דעם שווערן געוויכט פון זייערע פיל קערנער און זיי זיינען געווען גלוסטיק צו די אויגן מיט דער גאָלדענער רייפקייט, וואָס האָט געפינקלט אויף דער זון. און די תּלמידים זיינען געווען הונגעריק, אזוי האָבן א טייל פון די תּלמידים אָפּגעריסן פון די רייפע זאַנגען און זיי געגעסן. און דער רבי האָט עס געזען און זיי גאָרנישט געווערט דעריך.

און דאָס קול האָט זיך ארומגעטראָגן אין דער שטאָט, אז די תּלמידים פון רבין האָבן מחלל שבת געווען, און דער רבי האָט עס געזען און נישט געווערט. און דאָס געמורמל איז אויפגעגאַנגען זייער גרויס צווישן די תּלמידי חכמים און די ראשי העיר, און זיי האָבן געזאָגט:

— מיר פאַרשטייען נישט דעם מענטש און זײַנע רייד. מיט דעם מויל רעדט ער איינס און טוען טוט ער עפּעס אנדערש.. נישט אנדערש נאָר ער איז געקומען צו צעשטערן די תורה און די חוקים ומשפטים, וואָס משה האָט אונז געגעבן.

און עס איז געווען דערנאָך, ווען דער רבי איז געקומען אין שול אַרײַן דרשענען און ער האָט געוואָלט ארויפגיין אויפן בעלעמער, אזוי האָבן זיי אים מער נישט געלאָזט, און זיי האָבן געזאָגט צו אים:

— זע, דײַנע תּלמידים טוען דאָס, וואָס מען טאָר נישט אין שבת!

און זיי האָבן געמיינט, אז ער וועט זיך פאַרענטפערן פאַר זיי, אָבער ער האָט זיי אזא תשובה געגעבן:

— די לײַט זיינען הונגעריק געווען. און האָט איר נישט געלייענט, וואָס דוד האָט געטון צוזאַמען מיט זײַנע לײַט, וואָס זיינען געווען מיט אים, ווען ער איז הונגעריק געווען? ווי נאָר ער איז ארײַנגעקומען אין דעם הויז פון גאָט, אזוי האָט ער געגעסן דעם לחם הפנים, וואָס איז נישט דערלויבט געווען צו עסן נישט צו אים און נישט צו לײַט, וואָס זיינען געווען מיט אים, נײַערט פאַר די כהנים אליין. אָדער האָט איר נישט גע־לייענט אין דער תורה, אז די כהנים זיינען בײַ די קרבנות אין בית־מקדש מחלל שבת? איז מה דאָך א קרבן צו ברענגען מעג מען מחלל שבת זײַן, מכל שכן פאַר א הונגעריק נפש, וואָרעם גאָט האָט געזאָגט דורך דעם נביא: „חסד וויל איך, נישט קיין קרבן”...

דער ראש הקהל, וואָס איז געווען זײַן פרײַנד, האָט געהערט זײַנע רייד, האָט ער זיך געפרייט מיט זיי און ער האָט געזאָגט צו די טובי עיר:

— נישט אנדערש, נאָר די רבנים האָבן די זאַך מתקן געווען. וואָרעם דער רבי פאַררופט זיך אויף דער תורה און טײַטשט אויס דעם דין לויט דער קבלה.

און די טובי־העיר און די תלמידי־חכמים האָבן גוט ארײַנגעקלערט אין דעם ענין און זיי זיינען געקומען צו אונזער רבין און האָבן צו אים געזאָגט מיט גרויס ליבע:

— לערן אונז, רבי, אין וועלכן בית מדרש האָט מען מתקן געווען די זאַך, אז פיקוח נפש איז דוחה שבת? צי איז עס א תקנה, וואָס די חכמים האָבן מתקן געווען און דער דין באַשטייט שוין אזוי, אָדער איז עס א דעה פון א יחיד? וואָרעם דער ענין איז פון גרויס וויכטיקייט פאַר אונז, באַ־דאַרף מען וויסן אויף וועמען דער רבי איז זיך סומך!

און דער רבי האָט זיי אָפּגעענטפערט:

— דער בן־אָדם איז אויך דער האַר איבער דעם שבת!

און עס איז געווען, ווי ער האָט ארויסגעזאָגט די ווערטער, איז דער גאַנצער עולם דערשראָקן געוואָרן, און א גרויסע שטילקייט האָט גע־הערשט אין דער שול, און איינער האָט דעם אנדערן אָנגעקוקט מיט דער־שטוינען און געפרעגט: „וואָס מיינט דער רבי מיט די דאָזיקע רייד? ווער איז האַר איבער גאָטס תורה, א חוץ ער, ברוך הוא אליין אָדער זײַן שליח, וואָס ער וועט שיקן אונז צו באַפרײַען, ווען מיר וועלן זוכה זײַן און דער רשות וועט זײַן אין זײַנע הענט?” און זיי האָבן זיך געווענדט צום רבין און האָבן אים געפרעגט מיט שרעקנדיקע הערצער: „זאָג אונז, ווער ביסטו דאָס אזעלכער, וואָס דו שטעלסט דיך אונטער צו רעדן אזעלכע רייד?”

אָבער דער רבי האָט זיי נישט געענטפערט קיין וואָרט, נאָר ער האָט פאַרלאָזט די שול. דער עולם האָט זיך זייער געוואונדערט, וואָרעם אַזעלכע ווערטער האָט מען נאָך נישט געהערט אין ישראל.

III

אויפן צווייטן טאָג האָט דער רבי זיך אָנגערופן צו אונז און געזאָגט:

— קומט, לאָמיר אויפשטיין און גיין אין דער שטאָט נעים.

און די שטאָט נעים איז געלעגן פון דעם אָרט, וואו מיר האָבן גערוט, דרײַ טעג גאַנג. אַזוי האָט אונז שמעון און זײַן ברודער אַנדרעי אַרײַנגענומען אין דער שיף און מיר זיינען אָפּגעשוואומען קיין מגדל, אָבער אין דער שטאָט זיינען מיר נישט אַראָפּגעגאַנגען, אויך טבריה האָבן מיר אויסגעמיטן, ווײַל אונזער לערער האָט געזאָגט, אַז די שטאָט איז טמא. און געמיינט האָט ער דערמיט דאָס מלכות פון הורדוס, וואָס געפינט זיך אין דער שטאָט. פון דאָרט האָבן מיר זיך ווײַטער געשיפט ביזן האלבן טאָג און מיר זיינען אָנגעקומען אויף אַן אָרט, וואו מיר האָבן געלאַנדעט. פון דאָרט זיינען מיר אויפגעשטיגן אויפן באַרג תבור. און פון באַרג תבור זעט מען דאָס גאַנצע לאַנד אויסגעשפּרייט ווי אויף דער האַנט, דעם גאַנצן בעקן פון ים גנוסר און דעם גרינעם טאָל פון יזרעאל, מיט אַלע שטעט און דערפער, וואָס זיינען אײַנגעבעט צווישן די ווייצן־פעלדער און ווײַנגערטענער, צווישן די פּאַלמען־ און אײלבירטן־ביימער. און אונזער רבי האָט געזען די געצעלטן פון ישראל רוען אין שלום, אַזוי האָט זײַן האַרץ גרויס רחמנות געקריגן איבער זיי. און ער האָט אויפגעהויבן זײַנע הענט איבער דעם גאַנצן טאָל און אויסגערופן: „ווי גוט זיינען דײַנע געצעלטן, יעקב, און דײַנע וואוינונגען, ישראל!״

און נאָך האָט ער געזאָגט: „דער שניט איז גרויס און שניטערס זיינען דאָ ווייניק״. און מיר האָבן דענסטמאָל נישט פאַרשטאַנען זײַנע ווערטער, נאָר ערשט שפּעטער האָבן מיר זיי באַגריפן. און נאָך פיל משלים האָט ער אונז געזאָגט אויפן וועג, און ער האָט דערנענטערט אונזערע הערצער צום פאָטער אין הימל.

אונזער רבי האָט באַוויליקט, און מיר האָבן איבערגענעכטיקט אויף דעם אָרט די נאַכט אונטערן פרײַען הימל. צומאָרגנס נאָך קריאת־שמע האָבן מיר אַראָפּגענידערט פון באַרג און מיר זיינען אַרײַנגעקומען אין דער שטאָט עין־דור, וואָס ליגט נאָר אַ תחום־שבת פון דעם צופיסנס

פון באַרג. נאָר דאָס אָרט איז אומריין, ווײַל דער בעל־פּעור הערשט נאָך דאָרט ווי אין די טעג, ווען שאול המלך איז געגאַנגען צו דער כשוף־מאַ־כערין בעלת־אוב, זי זאָל אים דעם גייסט פון שמואל הנביא אויפברענגען.

און פון דאָרט איז שוין נישט ווײַט אַרײַנצוקומען אין דער שטאָט נעים. און אַזוי ווי דער נאָמען פון דער שטאָט, אַזוי איז טאַקע דאָס אָרט. און אַזוי ווי עס שטייט אין פּסוק: „און יששכר האָט געזען, דאָס לאַנד איז אָנגענעם"... וואָרעם דער טייל פון יששכר איז ווי דער גאָרטן פון גאָט איידער אדם האָט געזינדיקט מיטן עץ־הדעת. דאָס לאַנד איז איין גרויסער גאָרטן, די פעלדער זענען מעוברת מיט זאַנגען און תבואות, און די גערטענער מיט פרוכט־ביימער און בלומען. און פיל מענטשן האָבן מיר אָנגעטראָפן אַרבעטן אויף די פעלדער. טייל פון זיי האָבן שוין גע־שניטן מיט געזאַנג, וואָס זיי האָבן פאַרזייט מיט טרערן, און אונזער רבי האָט געבענטשט די אַרבעט פון די טאָג־לוינער און פיל משלים און קלוגע גלײַכענישן האָט ער אונז דאָרט געלערנט.

און עס איז געווען, ווען אונזער רבי האָט געזען די פעלדער, ווי זיי זיינען שיין באַזייט פון מענטשנס אַרבעט און די וויינשטאָקן זיינען באַ־וואַקסן פול מיט גרינס און די ביימער בליען, האָט אונזער רבי אויפגע־עפנט זײַן מויל און געזאָגט זײַן משל:

„די הימלען, די הימלען — צו גאָט און די ערד איז געגעבן גע־וואָרן צו מענטשן; און אַזוי ווי די הימלען פאַרציילן דעם כבוד פון גאָט, אַזוי פאַרציילט די ערד וועגן דער אַרבעט פון מענטש. ווי וואָר איך זאָג אײַך: די חיילות ווערן נישט אַזוי געציילט פונם פעלדהאַר, ווי די גרעזער פון זייער באַשעפער, פאַר יעדן איינעם פון זיי האָט ער באַשטימט זײַן מלאך, וואָס זאָל אים היטן. לויט דעם אָנזאַמלען פון גאָרן דערקענט מען די אַרבעט פון אַקערמאַן, — לויט דעם גוטס, וואָס איר וועט שנײַדן פון דעם פעלד און אָנזאַמלען אין גאָרן פון גאָט, וועלן געמשפּט ווערן אײַערע מעשים. נישט מיט קיין אַנדערער מאָס וועלן זיי געמאָסטן ווערן, נישט מיט קיין אַנדער וואָג געוואויגן ווערן און נישט מיט קיין אַנדערער צאָל געציילט, נאָר לויט דעם גוטס, וואָס אײַערע מעשים האָבן געשאַפן. דאָס פעלד איז נישט אײַערס, עס איז נאָר אויסגעבאָרגט צו אײַך, איר זענט נאָר די טאָג־לוינער, דעריבער זעט פון אײַער אַקער וואָס מער פרוכטן צו שנײַדן. וואָרעם איר ווייסט נישט, ווען דאָס פעלד וועט פון אײַך צוגענומען ווערן"...

און נאָך פיל משלים און קלוגע גלײַכענישן האָט ער אונז געלערנט אויפן וועג, ווען ער איז געגאַנגען מיט אונז צווישן די שיינע פעלדער, וואָס פירן קיין נעים, איבער דעם אַקער און דעם אַקערמאַן, איבער די

גערטענער און סעדער, וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפן אויפן וועג, — און זינט דעם קליגסטן פון אַלע מענטשן, שלמה המלך, און זינט דעם חכם בן־סירא האָט מען אַזעלכעס נישט געהערט אין לאַנד. און אַלע זײַנע ווער־טער זיינען געווען געווענדט צו איינאיינציקן ציל — כדי אײַנצופלאַנצן די אימה און די ליבע צום פאָטער אין הימל, כדי אונזערע הערצער זאָלן זײַן אָנגעבונדן אין אים.

וואויל צו די אויערן, וואָס האָבן דאָס געהערט! איך האָב מיר די ווערטער אײַנגעלערנט, טיף אײַנגעקריצט אין מײַן זכרון, כדי איך זאָל זיי שפּעטער ברענגען אין כתב פאַר די קינפטיקע דורות.

און ווען די זון האָט געהאַלטן אין אָפּנייגן אויפן ראַנד פון הימל און באַגאָסן מיט ליכט דאָס קלייד פון רבין, זיינען מיר אָנגעקומען צום טויער פון דער שטאָט.

און בײַם טויער פון דער שטאָט נעים איז געווען א גרויס געדראַנג. זייער פיל פאָלק איז אהיימגעקומען פון די פעלדער, מיט זיי — אויך פיל אייזלען באַלאָדענע מיט תבואות, אויך קאַראַוואַנען קעמלען, באַלאָדנטע מיט קריגן אייל, מיט האָניק, מיט פלאַקסענע און וואָלענע קליידער און אנדערע סחורות, האָבן אָנגעצויגן פון וועג. וואָרעם דאָס נעים איז געווען א שטאָט פון רײַכן באַזיץ און די רײַכע לײַט האָבן זיך נישט באַגנוגענען געלאָזט מיט די פּראָדוקטן פון זייער ערד, נאָר האָבן באַצויגן אויך פיל סחורות פון דער ווײַט. דאָך האָבן אייניקע אין דעם געדראַנג פון מענטשן און בהמות דערקענט, אז עס קומט אין שטאָט א רבי מיט זײַנע תלמידים (וואָרעם מיר האָבן אונזער רבין ארומגערינגלט, כדי זײַן קלייד זאָל נישט פאַראומרייניקט ווערן), און זיי האָבן גערופן איינער צום אנדערן: „פּנו דרך!" — מאַכט א וועג, וואָרעם א רבי קומט אין אונזער שטאָט. און ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן צו טונקלען, האָט איינער פון זיי — דאָס איז געווען א ייִנגל, וואָס האָט געפירט זײַן אייזל — זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אויף אונז און אויף אונזער רבין און אויסגערופן: „זעט, דער וואונדערלעכער מאַן פון דער שטאָט כפר־נחום קומט צו אונז אריַין!"

און באַלד האָבן אונז אָנגעהויבן ארומצורינגלען זייער א סך מענטשן, וואָרעם דער גוטער שם פון מײַן רבין גייט פאַר אים, ווי א גוטער אייל שיקט פאָראויס פאַר זיך זײַנע געשמאַקן. בעלי־מלאכות האָבן אוועקגע־וואָרפן זייער ארבעט, די קרעמער זייערע קראָמען, און מיט אָנגעצונדענע לעמפּלעך אין די הענט זיינען זיי אויף די שוועלן פון זייערע הײַזער ארויסגעקומען, כדי צו באַלײַכטן אונז דעם וועג און האָבן גערופן צו אונז:

— זײַט געבענטשט, אָנקומענדיקע, אין גאָטס נאָמען!

אָבער מיר האָבן געאײַלט אין דעם בית הכנסת פון דער שטאָט צו קומען, וואָרעם די נאַכט איז צוגעפאַלן און עס איז שוין צײַט געווען דאָס אונט־געבעט צו זאָגן.

אין דער שטאָט נעים איז געווען א פרומער מאַן, וועלכן מ׳האָט גערופן: שמעון דער פּרוש. און דער מאַן איז געווען אין כפר־נחום און האָט דאָרט געהערט אונזער רבינס רייד אויף דעם באַרג און זיי זיינען אים געפעלן. אַזוי האָבן א טייל פון די תלמידים געזאָגט, אַז אונזער רבי זאָל אײַנשטיין בײַ שמעון דעם פּרוש אין הויז, וואָס איז אַן אָרט פון תורה און די געלערנטע און סופרים קומען זיך צוזאַמען בײַ אים. און איך האָב געוואָלט אוועקגיין צו שמעון דעם פּרוש און אים צווויסן געבן פון אונ־זער רבינס אָנקומען. דער תלמיד לוי דער מוכס האָט דאָרט געהאַט אין שטאָט א פרײַנד, וואָס איז אויך געווען א מוכס און זײַן נאָמען איז געווען יוחנן, און דער דאָזיקער יוחנן איז געווען א רײַכער מענטש; אַזוי האָבן א טייל פון די תלמידים מיט שמעון דעם פישער און די ברידער זבדי, וועלכע זיינען אַלע דרײַ געווען אין איין דעה, געזאָגט, אַז אונזער רבי זאָל אָפּשטײַגן אין הויז פון דעם מוכס, וואָרעם דאָרט וועט זיך צונויפ־קומען דאָס פאָלק פון לאַנד און אַלע פאַרשטויסענע און פאַרשעמטע, וועלכע נויטיקן זיך אין אונזער רבינס הילף און טרייסט. אָבער אונזער רבי האָט געזאָגט: „מיר וועלן גיין אין בית הכנסת, וואו אַלע קומען זיך צונויף און מיר וועלן זיך דאָרט אָפּשטעלן, און ווער עס וועט קומען דער ערשטער נאָך אונז און אונז בעטן אונטער דעם באַלקן פון זײַן שטוב צו קומען, צו דעם וועלן מיר גיין, וואָרעם די ווערטער פון גאָט זיינען צו אַלע יידן געשיקט, און קיינער ווערט נישט אויסגעשלאָסן פון זיי״. און אַזוי ווי דער רבי האָט געזאָגט, אַזוי האָבן מיר געטון.

און עס איז געווען, ווי מיר זיינען געגאַנגען אין בית הכנסת ארײַן, אַזוי איז נאָך אונז פיל פאָלק נאָכגעגאַנגען, וואָרעם עס האָט זיך פאַר־שפרייט דער קלאַנג אין שטאָט, אַז דער מאַן, וואָס טוט וואונדער, איז אָנגעקומען.

און ווען שמעון דער פּרוש האָט געהערט, אַז אונזער רבי איז אין שטאָט געקומען, אַזוי האָט ער אָנגעטון זײַן שיין קלייד און געלאָזט צו־נויפרופן אייניקע פון די פּרושים און די סופרים ,און זיי האָבן אָנגעטון זייערע שיינע קליידער און זיינען געקומען אין בית הכנסת ארײַן אונזער רבין מקבל פנים צו זײַן. און שמעון דער פּרוש האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט צו אונזער רבין:

— די חכמים פון אונזער שטאָט זיינען געקומען דיך מקבל פנים זײַן, אַזוי ווי דער דין איז, און איך בין געקומען דיך בעטן, אַז דו זאָלסט אָפּ־

קערן אין מײַן הויז און דו זאָלסט זיצן מיט אונז בײַ איין טיש און עסן מיט אונז ברויט, כדי מיר זאָל קאָנען מקיים זײַן אין דיר די מצוה פון הכנסת אורחים.

האָט אונזער רבי געפרעגט:

— איז עס בלויז, כדי מקיים צו זײַן די מצוה פון הכנסת אורחים, וואָס דו ביסט געקומען בעטן מיך אין דײַן הויז ארײַן?

— כדי מיר זאָלן קאָנען זיצן בײַ איין טיש און עסן ברויט און רעדן איבער דער לערע פון גאָט, אזוי ווי דער דין איז! — האָט שמעון געזאָגט.

וואָרעם דער שמעון האָט שוין געהאַט געהערט פון דער פרעמדער אויפפירונג פון אונזער רבין, וואָס איז נישט אין דרך פון די תלמידי חכמים און וואָס האָט דערצערנט די געלערנטע לײַט פון דער שטאָט כפר־נחום, דעריבער האָט ער געוואָלט אויספאָרשן דעם רבין, כדי צו דערגיין די זאַך און צו וויסן וואָס צו טון. און צוליב דעם האָט ער אים געבעטן אין שטוב ארײַן און אויך די חכמים פון נעים גערופן צו זיך.

און דער רבי האָט געוואוסט פון דער זאַך, אָבער ער האָט זי פאַר־שוויגן, און כאָטש ער האָט געוואוסט, דאָך האָט ער אײַנגעוויליקט צו גיין צו שמעונען אין שטוב ארײַן און צו זיצן מיט די חכמים.

און שמעון מיט די חכמים האָבן אים באַגלייט אין זײַן הויז ארײַן און זייער פיל פאָלק איז נאָך אונזער רבין נאָכגעגאַנגען אין הויז פון שמעון, ווײַל עס האָט זיך שוין געהערט אין שטאָט דער קלאַנג, אז דער רבי ישוע בן יוסף איז געקומען קיין נעים און ער וועט זיצן מיט די חכמים אין הויז פון רײַכן שמעון דעם פרוש און זיי וועלן צוזאַמען פאָרשן די לערע פון גאָט.

און ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו דעם הויז פון שמעון, אזוי האָט שוין דאָרט אויך פאַר די טויערן פון הויז פיל פאָלק אָפּגעוואַרט און גע־וואָלט מיטארײַנגיין אין הויז, כדי צו הערן די רייד פון גאָט. נאָר פאַר דעם טויער פון שמעון זיינען געשטאַנען זײַנע דינער, אָנגעפירט פון שמשים, און האָבן דאָס פאָלק נישט ארײַנגעלאָזט אין הויז און אוועקגע־טריבן זיי מיט שטעקנס און מיט ריטער, בײַערט די חכמים און יעדן איינעם, וועלכער איז געווען א ח ב ר, האָבן זיי ארײַנגעלאָזט אין באַ־גלייט פון אונזער רבין אין דעם הויז. און ווען מײַן רבי האָט געזען, ווי די דינער און שמשים טרײַבן דאָס פאָלק אוועק פון טויער פון שמעון און לאָזן זיי נישט מיטארײַנקומען, אזוי האָט ער געפרעגט שמעונען:

— פאַרוואָס לאָזן דײַנע דינער און דײַנע קנעכט נישט דאָס פאָלק מיטארײַנקומען אין דײַן שטוב?

אזוי האָט שמעון אָפּגעענטפערט:

— דאָס פאָלק פון לאַנד איז אומגעבילדעט, דאָס געזעץ איז נישט שטאַרק אין זייערע הענט און זיי ווייסן נישט אָפּצוהיטן די דינים פון ריין און אומריין, און עס איז דאָ א מורא, אז זיי קאָנען מטמא זיין דאָס הויז, די כלים אָדער דאָס ברויט.

אזוי האָט אונזער רבי געקוקט אויפן אָרעמען פאָלק מיט גרויס רחמנות און האָט זיך אָנגערופן און האָט געזאָגט:

— דאָס פאָלק איז ווי א פארלאָזטע טשערעדע שאָף, וואָס האָט קיין פאַסטוך נישט.

דאָך איז ער אריינגעגאַנגען מיט דעם שמעון און האָט אויך אונז מיטגענומען. נאָר שמעון בר־יונה און די צוויי ברידער זבדי זיינען גע־בליבן אינדרויסן מיטן פאָלק און אָפּגעוואַרט דעם רבין.

שמעון דער פרוש איז א רייכער מאַן, און זיין הויז איז זייער גרויס און איז אָנגעשטעלט מיט פיל שיינע כלים אויס זילבער און גאָלד און העלפאַנטנביין, און באַוואוינט מיט זייער פיל דינער. און די דינער האָבן געבראַכט זילבערנע שיסלען מיט קריגן וואַסער און סדינס, און זיי האָבן געוואַשן די הענט פון שמעון און די חכמים, וואָס זיינען געווען מיט אים. אָבער זיי האָבן נישט אָפּגעוואַשן די הענט און די פיס פון אונזער רבין און נישט פון זיינע תלמידים, וואָרעם דאָס קול איז שוין געהאַט פונאַנ־דערגעגאַנגען, אז אונזער רבי פאַרוואַרפט די מצוה פון נטילת ידים און ער עסט מיט די מוכסים ברויט אומגעוואַשן.

און דער רבי האָט דאָס צוגעזען און פאַרשוויגן די זאַך. און איך האָב געטראַכט אין מיין מחשבה: ווער ווייסט, וואָס עס וועט דערויס ווערן, וואָרעם מען האָט געזען, אז נאָר צו פּרוּוון דעם רבין האָט שמעון אים פאַרבעטן צו זיך אין שטוב אריין צו זיצן מיט די חכמים.

און עס איז געווען דערנאָך, ווי די דינער האָבן דערלאַנגט דאָס ברויט צום רבין איינגעוויקלט אין א טוך, כדי עס נישט מטמא צו זיין, האָט ער עס גענומען און זיין געבעט געזאָגט און געבראָכן דאָס ברויט און איינגעטיילט צווישן אונז, זיינע תלמידים, און מיר האָבן עס געגעסן אומגעוואַשענערהייט.

און די חכמים האָבן זיך געוואונדערט איבער דער זאַך, וואָרעם נאָר כדי צו פּרוּוון דעם רבין, צי ער וועט עסן ברויט אָן נטילת ידים, האָבן די דינער אויף זייער הארס באַפעל נישט געוואָשן דעם רבינס הענט. האָט זיך אויפגעשטעלט איינער פון די חכמים און געפרעגט אונזער רבין:

— די חכמים האָבן מתקן געווען א גרויסע תקנה צו וואַשן די הענט פאַרן עסן און מיר האָבן דאָס בקבלה פון אַלטע צייטן, און איצט זעען מיר, אז א רבי, וואָס פאַרשפּרייט זיין תורה אין ישראל, עסט ברויט אָן

נטילת ידים, דורכדעם פרעגן מיר דעם רבין: לערן אונז, צי זיינען דײַנע רייד, וואָס דו לערנסט און די מעשים, וואָס דו טוסט, בקבלה צו דיר פון דײַנע רבים אָדער פון אלטע חסידים? וואָרעם דו זאָגסט רייד און טוסט מעשים, און די ביסט זיך נישט סומך אויף א פסוק פון דער תורה און דו זאָגסט אויך נישט, פון וועמען דו האָסט עס בקבלה!

אונזער רבי האָט זיך אָנגערופן און געענטפערט:

— דאָס וואָס דער בן־אדם זאָגט און דאָס וואָס דער בן־אדם טוט, האָט ער עס בקבלה פון זײַן פאָטער אין הימל.

זענען די חכמים נשתומם געוואָרן און איינער האָט געקוקט אויף דעם אנדערן און אלע האָבן געקוקט אויף זייער בעל־הבית, אויף שמעון דעם פרוש, וואָרעם ער איז געווען דער גרעסטער פון זיי אין לערנען און עשירות.

האָט שמעון דער פרוש אָנגענומען זײַן לאנגע שווארצע באָרד מיט דער האנט און ער האָט געקנייטשט זײַן הויכן שטערן און געזאָגט:

— פון די רייד פון רבין זיינען געדרינגען דרײַ זאַכן, צוויי זיינען מיר קלאָר, איינע איז מיר א ספק. די ערשטע זאַך, וואָס דער רבי האלט זיך, אז ער איז געשיקט פון גאָט. וואָרעם עס שטייט אין פסוק: „ויאמר אלי — בן־אדם, שולח אני אותך אל בית ישראל״. איז פונדאנען געדרינגען, אז ווער עס זאָגט אויף זיך „בן־אדם״, גלייבט ער, אז ער איז געשיקט פון גאָט. די צווייטע זאַך, אז יעדער בן־ישראל האָט דאָס רעכט אָנצורופן גאָט אַלס זײַן פאָטער, וואָרעם עס שטייט געשריבן: „בנים אתם לה׳ אלהיכם״! אָבער פונוואַנען לערנען מיר, אַז דאָס וואָס דער רבי זאָגט, האָט ער עס בקבלה מפי הגבורה?

— די פייגל אויף די צווײַגן זאָגן דאָס אָן — האָט דער רבי אָפּגעענטפערט.

— מיר נעמען נישט קיין ראיה פון די פייגל אויף די צווײַגן — האָט שמעון אָפּגעפרעגט.

— די שטיינער אויף די גאַסן פארציילן עס.

— מיר נעמען נישט קיין ראיה פון די שטיינער אויף די גאַסן.

— די טויטע, די קרעציקע, די באזעסענע זיינען עדות דערויף.

— באזעסענע און זינדיקע, קרעציקע און טויטע זיינען פסול לעדות.

— אויב אזוי, זאָל קומען דער בעל־דבר אליין און עס באשטעטיקן.

און ווי די חכמים זיינען אזוי געזעסן און איך האָב אויף זיי געלייענט דעם פסוק: „מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד״, דערהערט מען דורך דעם פאָדערצימער פון פאַר דעם אײַנגאַנג — א גרויס גערודער, און איידער מיר האָבן נאָך צײַט געהאט צו פרעגן וואָס עס איז געשען, האָט

זיך דורך די טויער־היטער דורכגעריסן א פרוי און איז אריַין מיט גרויס אימפעט און שרעק אין דעם גרויסן חדר, וואו די חכמים זיינען געלעגן אויסגעלייגט ביַי דער סעודה. די קנעכט זיינען איר נאָכגעלאָפן און גע־וואָלט זי צוריקהאַלטן, אָבער דער בעל־הבית פון הויז האָט געגעבן א וואונק צו זיי, אז זיי זאָלן זי אָפּלאָזן. און די פרוי איז געווען אײַנגעהילט אין אן איידעלן געוועב פון צידון־טוך מיט ריַיכער פאַרב באַפוצט, ווי עס טראָגן די וויַיבער פון א שלעכטן שם, און אירע האָר זיינען געווען נישט לויט דעם מנהג פון די יידישע פרויען — פאַרהוילן, נאָר אָפן און צעלאָזן איבער איר ליַיב, און אויף איר האַלדז — צוגעקייטלט צו א גאָלדענער קייט — האָט זי געהאַט הענגען אן אַלבאַסטער־קריגל מיט אויסגע־איידלטן שמעקעדיקן אייל, וואָס זיַין געשמאַק האָט זיך געהערט אין דער גאַנצער שטוב, — וואָס דאָס איז דער אופן פון ריַיכע פרויען, וועלכע טראָגן אזעלכע קריגלעך אויף די העלדזער; בלויז אירע פיס זיינען גע־ווען באָרוועס. און זי האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט און געפרעגט:

— ווער איז דאָס צווישן איַיך דער וואונדערלעכער מאַן, וועלכער האָט גערופן: „קומט צו מיר, איר אַלע, וואָס איר זענט שווער באַלאָדנטע, איר וועט געפינען רו אין מיר“?

און ווען עס איז געווען, אז קיינער האָט איר נישט געענטפערט, האָט זי זיך ארומגעקוקט איבער די חכמים און פרושים, וואָס זיינען גע־לעגן אויסגעלייגט ביַים טיש, און געזוכט מיט אירע דורשטיקע אויגן דעם מאַן, ביז זי האָט דערזען אונזער רבין. אזוי איז זי געקומען פאַר אים און איז געפאַלן צו זיַינע פיס און האָט זייער שטאַרק געוויינט, אזוי אז אירע טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן און זיינען גערונען אויף מיַין רבינס פיס און זיי געוואַשן. ווי זי האָט געזען, אז זי באַנעצט דעם רבינס פיס מיט אירע טרערן, אזוי האָט זי גענומען אירע האָר און מיט זיי געטרוקנט אירע טרערן, און זי האָט די פיס געקושט מיט די ליפּן פון איר מויל. דערנאָך האָט זי גענומען דאָס אַלבאַסטער־קריגל, וואָס איז געהאָנגען אויף איר האַלדז און אין וועלכן עס האָט זיך געפונען דער טיַיערסטער שמעקעדיקער אייל, וואָס רופט זיך מ ו ר, און אויסגעגאָסן אויף דעם רבינס פיס און מיט דעם אייל זיי געזאַלבט.

און ווי די סופרים און די חכמים, וואָס זיינען געזעסן ארום טיש, האָבן דאָס געזען, אזוי האָבן זיי געשמייכלט און געזאָגט איינער צום אַנדערן: „ווען ער וואָלט געווען א נביא, וואָלט ער געוואוסט, וואָס פאַר א שטייגער פרוי דאָס איז...“ וואָרעם די פרוי איז געווען א זינדיקע און מען האָט זי געקענט אין דער גאנצער געגנט, און זי איז געקומען פון דער שטאָט מגדל. און די חכמים האָבן געמיינט, אז זי איז געקומען אין

דער שטאָט אַרײַן, כּדי איר נעץ פון זינד צו פאַרשפּרייטן צווישן די רײַכע מענער פון נעים. און דער שמעקעדיקער אײל, מיט וועלכן זי האָט גע־זאַלבט דעם רבינס פיס, איז געווען געמאַלן פון טײַערע געווירצן, — האָבן די חכמים געמיינט, אַז דאָס זאַלבט זי די פיס פון דעם רבין מיט דעם שמעקעדיקן אײל, דורך וועלכן זי דערוועקט די תאווה אין די הער־צער פון אירע ליבהאָבער. און די חכמים האָבן זיך געזאָגט: „ווען דער רבי וואָלט געווען אַ נביא, וואָלט ער געווען געוואוסט, וואָס פאַר אַ פּרוי דאָס איז”... אָבער די חכמים האָבן נישט געוואוסט, אַז די פרוי האָט שוין חוזר בתשובה געווען און, אַז זי איז געקומען מיט דעם בלינדן בר־תלמי, וועלכער האָט זי דאָ אהער געבראַכט נאָך דעם רבינס טריט; זיי זיינען געקומען אין כּפר־נחום אונזער רבי אויפצוזוכן, — און ווען זיי האָבן אים דאָרט נישט געפונען, אַזוי זיינען זיי אויפגעגאַנגען קיין נעים, וואָרעם זיי האָבן געהערט, אַז אונזער רבי האַלט זיך דאָרט אויף. און די טײַערע קליידער, וואָס זי האָט אָנגעטון, האָט זי עס נישט געטון פאַר שיינקייט וועגן, נאָר פאַר דעם כּבוד פון אונזער רבין, אַזוי אויך — דעם טײַערן אײל. אָבער אונטער אירע זײַדענע קליידער האָט זי געטראָגן אַ האַרץ פול מיט חרטה...

אָבער אונזער רבי האָט דערפון געוואוסט און האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— שמעון, איך וועל דיך פרעגן אַ שאלה: עס איז געווען אַ מאַנער, וואָס האָט געהאַט צוויי בעלי־חובות. איינער איז אים שולדיק געווען פינף הונדערט דינרס און דער אַנדערער פופציק. און ווען זיי האָבן נישט געהאַט צו צאָלן, אַזוי האָט ער זיי ביידע געשאָנקען די חובות. זאָג־זשע מיר נאָר, וועלכער פון זיי וועט דעם מאַנער מער דאַנקבאַר זײַן און ליב האָבן?

אַזוי האָט שמעון געענטפערט:

— געוויס דער, וועלכן ער האָט דעם גרעסערן חוב געשאָנקען!

אַזוי האָט מײַן רבי זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— דו האָסט גוט געפּסקנט, שמעון, — און ער האָט זיך געווענדעט צו שמעונען און צו אים געזאָגט: — איך בין אין דײַן הויז אַרײַנגעקומען און דו האָסט מיר קיין וואַסער נישט געגעבן צו וואַשן מײַנע פיס, זי האָט געוואַשן מײַנע פיס מיט טרערן און אָפּגעווישט זיי מיט די האָר פון איר קאָפּ. דו האָסט מיר קיין קוש נישט געגעבן, אָבער זינט זי איז אַרײַנ־געקומען, הערט זי נישט אויף מײַנע פיס צו קושן. דו האָסט נישט גע־זאַלבט מײַן קאָפּ מיט אײל, אָבער זי האָט געזאַלבט מײַנע פיס מיט טײַ־ערן אײל. דעריבער זאָג איך צו דיר: אירע חטאים זיינען איר פאַרגעבן,

װאָרעם זי האָט פּיל געליבט. — און צו דער פרוי האָט ער געזאָגט:
— דײַנע זינד זײַנען דיר פאַרגעבן, דײַן גלױבן האָט דיר געהאָלפן, גײ אין פרידן!

און װי די פּרושים און די חכמים האָבן דאָס געהערט, אַזױ איז אַ גרױסע אױפרעגונג צװישן זײ געװאָרן. זײ האָבן זיך אױפגעשטעלט פון דער סעודה, בײַ װעלכער זײ זײַנען געזעסן, און געפרעגט אײנער דעם אַנדערן: „װער איז ער דאָס, װאָס ער קאָן זינד פאַרגעבן? היתכן, צוליב דעם װאָס די פרוי האָט זײַנע פיס געקושט און געזאַלבט מיט איר זינדיקן אײל, זײַנען איר די זינד פאַרגעבן געװאָרן?". און אַנדערע האָבן געזאָגט: „צי איז ער אַ נביא, געשיקט פון גאָט, װאָס ער קאָן זינד פאַרגעבן"?.

אָבער מײַן רבי האָט זײ גאָרנישט אָפּגעענטפערט, נאָר ער האָט זיך געװענדט צו שמעון דעם פּרוש, װעלכער איז געבליבן ליגן אױף זײַן ליג־בעטל פון העלפאַנטנבײן און זײַן פּנים איז זײער בלײך געװען פון ליטער אױפרעגונג און זײַן שװאַרצע באָרד האָט געציטערט און זײַנע אױגן האָבן געשיט מיט פונקען:

— שמעון, דו האָסט געזען, דער בעל־דבר איז אַלײן געקומען און האָט איבערגעגעבן דאָס חפץ אין מײַנע הענט?

אָבער שמעון האָט אים אָפּגעענטפערט:

— מען ברענגט נישט קײן ראיה פון קײן זינדיקע. זינדיקע זײַנען פּסול לעדות.

האָט אים מײַן רבי געענטפערט:

— די געזונטע באַדאַרפן נישט קײן דאָקטאָר, נאָר די קראַנקע באַדאַרפן, און איך זאָג אײַך, אַז די קראַנקע זײַנען געזונטער װי די געזונטע, װאָרעם דער געזונטער װײסט נישט, אַז ער איז קראַנק, נאָר דער קראַנקער װײס עס.

און צו די חכמים און די פּרושים האָט ער זיך געװענדט און געזאָגט:

— גאָט איז נאָענט צו די צעבראָכענע הערצער. און האָט דען נישט ישעיה געזאָגט: „איך, װאָס װױן אין דעם הױכן און הײליקן אָרט, װױן מיט דעם, װאָס איז פאַרשטױסן און פון נידעריקן געמיט, כדי צו דערקװיקן דאָס געמיט פון די נידעריקע און צו באַלעבן דאָס האַרץ פון די פאַרשטױסענע". װאָס האָט איר געטון, כדי װאָר צו מאַכן די דאָזיקע רײד? װײ איז צו אײַך, פּרושים, איר האָט ליב אױבנאָן צו זיצן אין די שולן און געגריסט צו װערן אין די גאַסן. װײ צו אײַך, סופרים, איר צבועקעס, איר זענט װי פאַרדעקטע קברים.

און װי די חכמים און די געלערנטע האָבן דאָס געהערט, זײַנען זײ

אלע בלייך געוואָרן און אויפגעשטעלט זיך פון זייערע ערטער און גע־פרעגט זיך: „ווער איז דאָס דער מאַן, וועלכער נעמט זיך דאָס רעכט אזעלכע ווערטער צו זאָגן?“. און איינער פון די געלערנטע לײַט האָט זיך געווענדט צו מײַן רבין און געזאָגט: „רבי, אז דו זאָגסט דאָס, אזוי טוסטו דאָך אונז באַליידיקן“!

אָבער אונזער רבי האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— ווי איז צו אײַך, איר געלערנטע לײַט, וואָרעם איר טוט דאָס פאָלק באַלאָדן מיט לאַסטן, וואָס זיינען שווער צו דערטראָגן, און אַליין טוט איר די לאַסטן נישט אָנרירן מיט קיין איינעם פון אײַערע פינגער!

אָבער די חכמים און געלערנטע האָבן געזאָגט:

— דאָס איז נישט אמת, אויך מיר טוען היטן די געזעצן און דינים.

— איר טוט זיי היטן ווי אן אויסגעלערנטע מלאכה, כדי איר זאָלט זיך קאָנען באַרימען מיט זיי. איר קומט פרי און זיצט לאַנג אין די גע־בעטהײַזער, כדי מען זאָל קאָנען אָנווײַזן אויף אײַך מיטן פינגער. איר שיט אַש אויף די קעפּ און צערײַסט אײַערע קליידער, כדי אלע זאָלן וויסן, אז איר פאַסט! אָבער דאָס פאָלק לאָזט איר נישט צו צו אײַערע טישן, איר טרײַבט זיי פון אײַערע הײַזער, כדי זיי זאָלן נישט מטמא זײַן אײַערע כלים. איר רייניקט דעם בעכער און די שיסל פון אויסנווייניק, אָבער אינעווייניק זיינען זיי פול מיט שטויב, דעריבער זיינען אײַערע הײַזער און כלים אומריין, דאָס עסן פון אײַערע טישן איז ווי דאָס געשאָכטענע פון טויטע — כזבחי מתים, ווײַל איר האָט פאַרטריבן דאָס פאָלק פון זיי. און ווער עס זיצט מיט אײַך, איז אויף דעם דאָזיקן געזאָגט: „און מיט לצים זאָלט איר זיך נישט זעצן...“

און מיט די ווערטער האָט זיך אונזער רבי אויפגעהויבן און פאַר־לאָזט דאָס הויז פון פרוש, און דער טיש פון די חכמים, אויף וועלכע איך האָב געמיינט, אז עס וועט זײַן ווי אין פסוק שטייט: „מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד“, — איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א שטיין פון מחלוקת...

IV

מײַנע קניען ציטערן, מײַנע לענדן שנײַדן זיך אונטער מיר, מײַן האַרץ פּאַכעט און אַלע מײַנע גלידער האָט אָנגעכאַפּט א ציטערניש און א טרייסלעניש, ווי עס וואָלט מיך ווער אָנגענומען בײַ די האָר פון מײַן קאָפּ

און מיך אויפגעהויבן אינדערלופטן. איך ווייס נישט, ווער עס שטייט פאר מיר, ווער עס גייט פאר מיר און וועמענס טריט איך פאלג נאך.

מײַן רבי איז מער ווי א רבי, ער איז עפעס אזעלכעס, וואס איך פארשטיי נישט. איך ווייס נישט, אויס וואס פארא קוועלן ער שעפט זײַנע כוחות. וואס זיינען די רשותן, וואס זיינען אים איבערגעגעבן. ווער איז ער? צי שטיי איך אין דער נאענט פון הייליקן ישראל? אוי, ווי איז מיר, און איך בין דאך א מענטש מיט טמאדיקע ליפן און מיט א שלעכט הארץ!

נאכדעם ווי מײַן רבי האט פארלאזט דאס הויז פון שמעון דעם פרוש און מיט אלע תלמידי חכמים, וואס זיינען דארט געזעסן, אזוי איז ער ארויסגעגאנגען אינדרויסן און איך און שמעון דער קנאי און די איבעריקע תלמידים, וואס זיינען מיטגעווען מיט אים אין הויז, זיינען אים נאכגעגאנגען. און ווען מיר זיינען די פיל וואכן און דינערשאפטן אדורכגעגאנגען און מיר זיינען ארויסגעקומען פון טויער, אזוי האבן מיר געזען א גרויס געשטיי פון מענטשן, וועלכע האבן געהיטן דאס טויער פון דעם פרוש, און זיי האבן געהאלטן אין דער האנט אנגעצונדענע אייל־לעמפלעך, און שמעון בר־יונה, דער תלמיד, איז געווען מיט זיי און אויך יעקב און יוחנן, די זבדים, און די דרײַ זיינען געווען אין איין דעה. און זיי האבן אלע צווישן זיך אפגעמאכט אינדערשטיל, אויסצובאהאלטן פון די איבעריקע תלמידים איין זאך, און שמעון בר־יונה איז צוגעקומען צום רבין, און דאס פאלק הינטער אים האט די אייל־לאמפן אויפגעהויבן און געבייגט דאס ליכט אויף אונזער רבין און באלויכטן זײַן ווײַס קלייד אין דער נאכט און געזרופן צו אים: „רבי, הושענה, רבי, העלף אונז!“, און שמעון בר־יונה האט זיך אנגערופן:

— לערער, האב רחמנות אויף דעם פאלק פון דער שטאט נעים, עס איז ארויסגעקומען אנטקעגן דיר מיט אנגעצונדענע לאמפן און עס גארט צו זען דײַן אנגעזיכט און צו פרייען זיך מיט דיר, צו טרינקען דאס וואסער פון דײַן קוואל און געהיילט צו ווערן דורך דיר.

און יעקב פון דער פאמיליע זבדי מיט זײַן ברודער יוחנן האבן אונטערגעהאלפן שמעון בר־יונה, ווײַל זיי זיינען געווען אלע דרײַ אין איין דעה, און יעקב האט זיך אנגערופן און אזוי געזאגט:

— רבי, די געלערנטע גלויבן נישט אין דיר און זיי ווילן נאר רעדן מיט דיר פון תורה, כדי צו באווײַזן זייער געלערטזאמקייט, אבער דאס פאלק האט דיך ליב און גלויבט אין דיר. און צי האסטו דען נישט געזאגט: „געלויבט זיינען די, וואס האבן אן ארעם געמיט“? און זיי קומען צו דיר מיט אן ארעם געמיט און ברענגען דיר די ליבע פון זייער הארץ, גיי מיט זיי, ווארעם דײַן ארט איז צווישן זיי!

און זײַן ברודער יוחנן האָט אויך צוגערעדט דעם רבין און געזאָגט:

— איז דען נישט דאָס פֿאָלק די, וועלכע די געלערנטע רופֿן אָן עם־הארצים? זיך אַליין רופֿן זיי חברים און זיי פֿאַראַכטן דאָס פֿאָלק און לאָזן עס נישט צו צו זייערע טישן, אָבער דו דערנענטערסט דיך דאָך צום צעבראָכענעם האַרץ! קום, רבי, מיט אונז צום הויז פֿון יוחנן דעם מוכס, ער האָט ריין געמאַכט זײַן שטוב דיך צו עמפּפֿאַנגען, און ער וויל דאָס גאַנצע פֿאָלק זאַמלען אונטער זײַן דאַך, כּדי זיי זאָלן זיך פֿרייען מיט דיר.

אָבער איך האָב זיך צוגעבויגן צום אויער פֿון מײַן רבין און האָב געזאָגט:

— רבי, איצט, ווען די געלערנטע וועלן זען, אַז דו האָסט זייער הויז פֿאַרלאָזט און דו ביסט געגאַנגען מיט די זינדיקע לײַט און דו האָסט פֿאַרטוישט דעם טיש פֿון די געלערנטע אויף דעם טיש פֿונעם מוכס, אַזוי וועלן זיי גרויס פֿאַראיבל האָבן אויף דיר און זיי וועלן ברענגען שלעכטע רייד אויף דיר פֿאַר די עלטסטע פֿון ישׂראל.

אָבער אונזער רבי האָט זיך אָנגערופֿן:

— יהודה, מען צינדט נישט אָן קיין ליכט און מען שטעלט עס אַרונטער אונטערן בעט, נײַערט מען צינדט עס אָן און מען שטעלט עס איבער די הויכן, אַז אַלע זאָלן עס זען...

און דער מוכס איז שוין געווען דערבײַ און ער האָט זיך געבוקט פֿאַר אונזער רבי און געזאָגט:

— קום, געבענטשטער פֿון גאָט, אונטער מײַן באַלקן און זאָל מײַן הויז געבענטשט זײַן פֿאַר דײַנעטוועגן!

און ער האָט באַגלייט מיט זײַן לאָמפּ דעם רבין דעם וועג. און שמעון בר־יונה איז געווען לעבן אים, און יעקב און יוחנן צוזאַמען מיט דעם פֿאָלק האָבן מיט די פֿאַקעלן אין די הענט באַגלייט אונזער רבין דורך די גאַסן פֿון דער שטאָט נעים צום הויז פֿון מוכס.

נון, איז דער מוכס יוחנן אויך אַ רײַכער מאַן, און זײַן הויז איז ברייט און גרויס און קאָן זייער פֿיל פֿאָלק אויפֿנעמען. דאָרט זײַנען שוין געווען פֿאַרזאַמלט פֿיל מענטשן, רײַכע און אָרעמע, און כוזא, דער באַאַמטער פֿון הורדוס, איז אויך דאָרט געווען מיט זײַן ווײַב יוחנה און מיט אַ פֿרוי, וואָס האָט געהייסן שושנה, און זיי זײַנען געווען פֿון די רײַכע פֿרויען אין שטאָט, און דאָס ווײַב, וועלכע האָט געהייסן מרים מאַגדאַלענא און וועלכע האָט געוואַשן און געזאַלבט די פֿיס פֿון אונזער רבין אין שמעון דעם פּרושס הויז, איז שוין נאָך אים נאָכגעגאַנגען.

און ווי דער רבי איז אַרײַנגעקומען אין הויז פֿון דעם מוכס, אַזוי

האָט אים דאָס פֿאָלק אַרומגערינגלט און פֿאַרשטעלט די טריט פֿון זײַנע פֿיס. די קראַנקע האָבן זיך אויסגעלייגט פֿאַר אים און עס זיינען געווען בלינדע, וואָס האָבן געטאַפּט מיט זייערע הענט און געוואָלט זײַן קלייד דערגרייכן, און די באַזעסענע האָבן אָנגעהויבן צו רופֿן צו אים נאָך הילף, און די זינדיקע האָבן געבויגן זייערע קעפּ טיף צו דער ערד, און אַנדערע האָבן באַהאַלטן זייערע פּנימער אין די הענט פֿאַר שאַנד, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט צו קוקן אין זײַן פּנים אַרײַן, אַז ער זאָל נישט דערקענען די זינד, וואָס שטייט אויפֿגעשריבן אויף זייער שטערן און פֿאַרדאַרבט אין זיי דעם צלם אלקים. און אַלע האָבן די הענט צו אים אויסגעשטרעקט אין גרויס באַגער און האָבן געראָפֿן: „רבי, העלף אונז!”

ווי דער רבי האָט געזען אַזוי פֿיל אמונה אַרום זיך, אַזוי איז ער פֿול געוואָרן מיט גבורה, זײַן פּנים איז געוואָרן ווי ברענענדיק פֿײַער און אַזוי אויך זײַנע הענט.

מען האָט ממש געזען, ווי פֿונקען שפּריצן פֿון דער הויט פֿון זײַן פּנים און פֿון זײַן באָרד, און זײַנע אויגן זיינען געווען צו חשמל גלײַך, ווי עס וואָלטן אין זיי געווען די הימלען אָפֿן, און מען האָט געזען אין זיי די טיפֿעניש פֿון דעם הימלישן ליכט. און זײַן קלייד, וואָס איז ווײַס געווען, האָט געוואָרפֿן פֿון זיך בלענדנדיקע שטראַלן, ווי עס וואָלט געווען אויס לויטער פֿײַער.

און ווי דאָס פֿאָלק האָט געזען דאָס ליכט, וואָס שלאָגט פֿון דעם רבינס פּנים, דאָס ליכט פֿון זײַן הויט און האָר, דאָס ליכט פֿון זײַן קלייד, אַזוי האָט אַ גרויס ציטערניש אַלעמען אַרומגענומען, און זיי האָבן זיך פֿאַר שרעק אָפּגערוקט פֿאַר אים און געמאַכט אַרום אים אַ צירקל, אינ־מיטן קרייז איז דער רבי געשטאַנען ווי אַ ברענענדיק ליכט.

נאָר איין פֿרוי האָט זיך געפֿונען דאָרט, וואָס האָט געוואַגט אַרויס־צוגיין פֿון דער געדיכטעניש פֿון פֿאָלק און איז אַרײַנגעגאַנגען אין קרייז. אירע פֿיס האָבן זיך געשניטן אונטער איר, און איר פּנים איז בלייך גע־ווען און אירע אויגן ווי בלינד, און זי האָט זיך געבויגן צו דער ערד, און אָנגערירט מיט איר האַנט דעם זוים פֿון רבינס קלייד.

און דער רבי האָט אַ ציטער געגעבן, ווי עס וואָלט זיך צוגערירט פֿײַער צו פֿײַער. ער האָט זיך אומגעקוקט און געפֿרעגט: „ווער האָט זיך צוגערירט צו מײַן קלייד, וואָרעם איך האָב געפֿילט, אַז גבורה איז אַרויס־געגאַנגען פֿון מיר”. און ווען ער האָט דערזען די פֿרוי, וואָס איז געלעגן מיט איר פּנים אויף דער ערד פֿאַר אים און האָט געציטערט ווי דער לעצטער בלאַט פֿון בוים אין די טעג פֿון רעגן, האָט ער זי אויפֿגעשטעלט און געזאָגט:

— גיי, דײַן אמונה האָט דיך געראַטעוועט!

און נאָך איר האָבן שוין אויך אַנדערע געוואַגט אַרײַנצוקומען אין דעם פײַערדיקן צירקל פֿון רבין. עס איז געווען א בלינדער, וואָס איז מיט אויסגעשטרעקטע הענט דערגאנגען אין פײַער אַרײַן און האָט נישט געוואוסט, וואוהין ער גייט. אָבער דער רבי האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט. ווי דער בלינדער האָט דערפֿילט דעם רבינס האַנט, אזוי איז ער אויפגעשפרונגען, ווי עס וואָלט אים אָנגערירט א ברענענדיק פײַער. און דער בלינדער האָט אויסגערופן:

— א פײַער האָט מיך אָנגעצונדן, נישט אנדערש נאָר דעם רבינס האנט האָט מיך אָנגערירט!

און דאָס ווײַב, וואָס איז געקומען פון מגדל, האָט זיך אויסגעצויגן אין איר גאַנצער לענג פאר זײַנע פיס. זי איז געגליכן געווען צו די סטרונעס, וואָס זיינען אָנגעצויגן אויף א האַרפע, אזוי האָט זי איר לײַב אויסגעגלײַכט מיטן דיל. א ווײַל איז זי געלעגן שטיל. באַלד האָבן אָבער די רוחות אין איר בויך זיך אָנגעהויבן צו באוועגן און האָבן זי אויפגע־שטורעמט ווי די ווינטן — די וועלן פון ים, און זי האָט זיך אָנגעהויבן צו וואַרפן, ווי די רוחות וואָלטן געוואָלט ארויס פון איר לײַב און וואָלטן נישט געקאָנט. און די רוחות האָבן זי גענומען און האָבן זי אויפגעהויבן, און זי האָט זיך אָנגעהויבן צו דרייען ארום זיך מיט אירע הענט און אירע האָר, ווי דער ווינט האַלדזט זיך אַרום מיט אַ ציפּריס אין פעלד, און זי האָט געזוכט זיך אליין. שוים האָט געזעצט פון איר מויל, און גרויס און פלאַמיק זיינען געווען אירע אויגן, און אירע האָר זיינען געווען ווי פײַער־דיקע צונגען, וואָס פלאַקערן ארום איר. און זי האָט אָנגעהויבן צו געבן פון זיך קולות און יללות. אין אָנהויב איז עס געווען ווי א געזאַנג פון א קינד, מיט א דין בעטנדיק קול זינגט עס פאר זיך אָן ווערטער, נאָר א בלויזער ניגון. באלד זיינען די קולות איבערגעגאנגען אין א יללהדיק ליד, און זי האָט אָנגעהויבן אויסצושטרעקן די הענט, ווי זי וואָלט וועמען געזען פאר זיך און האָט אָנגעהויבן צו זינגען פון „שיר השירים״:—„ווער איז דאָס דער, וואָס גייט אויף דער מדבר?״, און זי איז אים אנטקעגנגע־גאַנגען מיט טאַנצנדיקע טריט און מיט אן אויסגעלײַטערט פּנים, ווי זי וואָלט געזען איר באַשערטן. און באלד האָט זי זיך דערשראָקן פאר אים, און זי האָט געציטערט און געפלאַטערט אויפן גאנצן לײַב און אײַנ־געקורטשעט זיך אין דרײַען. און זי האָט אָנגעהויבן צו קלאָגן און צו וויינען, אז די זיבן האָבן דערצויגן שדים און רוחות אין איר בויך און איצט בינדן זיי זי מיט שטריק און טענהן, אז זי באלאַנגט צו זיי, און זיי לאָזן זי נישט צו אים צו. און ווי א מענטש, וואָס פאלט אין א כף־הקלע

אריַין און ווערט דאָרט ארומגערינגלט פון שלאַנגען און עגדישן, וואָס באַאַנגסטיקן זײַן נפש, אזוי האָט זי זיך אָנגעהויבן צו בעטן בײַם רבין און אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט:

— ראַטעווע מיך, דו אויסדערוויילטער, פון די אַנגסטן, וואָס באַוואוינען מײַן לײַב! מײַן אייזנציקע הילף ביסטו!

און זי איז געפאַלן ווי זי איז געשטאַנען און האָט אײַנגעגראָבן איר פּנים אין אירע הענט, און האָט לאַנג און ביטער געוויינט. און דער רבי איז צוגעגאַנגען צו איר און האָט ארויפגעלייגט די הענט אויף איר קאָפּ און האָט געזאָגט:

— ריין! ריין ביסטו!

און די שדים און רוחות האָט ער באַפוילן, אז זיי זאָלן זי פאַרלאָזן, וואָרעם עס איז איר פאַרגעבן געוואָרן די זינד. און ער האָט זי אָנגענומען בײַ דער האַנט און אויפגעהויבן זי פון איר אָרט, און האָט געזאָגט צו אונז: „אונזער שוועסטער איז זי!", און אוועקגעזעצט זי צו זײַנע פיס. אָבער זי האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד אין איר גאַנצער לענג, און זי האָט מיט איר פּנים און אירע האָר באַדעקט דעם רבינס נאַקעטע פיס, און אזוי איז זי געלעגן רואיק און שטיל, ווי א נײַ־געבוירן קינד, בײַ זײַנע פיס.

און ווי דאָס פאָלק האָט געזען די נסים, וואָס אונזער רבי האָט געטון מיט די קראַנקע און שווער־באַלאַדנטע, אזוי האָבן זיי אויסגעשטרעקט צו אים די הענט און האָבן זיך געבעטן בײַ אים:

— רבי, לערן אונז, וואָס מיר זאָלן טון, כדי מיר זאָלן ווערן אויסגע־לייזט און מיר זאָלן ירשענען דאָס קעניגרײַך פון הימל!

אזוי האָט אונזער רבי אויסגעשטרעקט צו זיי די הענט און זיי אזוי געזאָגט:

— דאָס קעניגרײַך פון הימל קאָן מען נאָר דערגרייכן דורך דעם עול, וואָס מען נעמט אויף זיך. וואָרעם נאָענט איז די צײַט, די גאולה קלאַפּט שוין אין דער טיר, און די, וואָס וועלן זײַן פאַרגעברייט, וועלן ארײַנגיין אין דער טיר, די אנדערע וועלן בלײַבן אינדרויסן.

— אָבער וואָס זאָלן מיר טון, רבי?

— גיט אָפּ אַלע ערדישע רײַכטימער, וואָס איר האָט אָנגעזאַמלט, וואָרעם נאָר די, וואָס פאַרלאָזן זיך אויפן פאָטער אין הימל, נישט אויף דעם איבעריקן ברויט, וואָס זיי האָבן פאַרבאָרגן אין די באַהעלטענישן, קאָנען ירשענען דאָס קעניגרײַך פון הימל. ווען איינער האָט צוויי ברויט, זאָל ער איין ברויט אָפּגעבן זײַן ברודער, און ווער פון אײַך עס האָט צוויי קליידער, זאָל איין קלייד אָפּגעבן זײַן חבר. וואָרעם דאָס טויער פון קע־

ניגרײַך פון הימל איז ענג, און נאָר די נאַקעטע און הונגעריקע קאָנען אדורכגיין דורך אים, איר קאָנט נישט דינען גאָט און מאמאָן, און ווער עס וויל מיר נאָכגיין, דער מוז צום ערשט זײַן ערדיש רײַכטום אראָפּוואַרפן פון זיך און זײַן בטחון בויען אויפן פאָטער אין הימל, נישט אויף זײַן געלט.

אויף א לאַנגער ווײַל איז דער עולם שטיל געוואָרן און קיינער האָט נישט געוואָגט קיין וואָרט ארויסצורעדן. פיל האָבן געהאַלטן די קעפּ אראָפּגעבויגן צו דער ערד, וואָרעם עס זיינען דאָרט געווען פיל רײַכע מענטשן, וועלכע האָבן זיך נישט געוואָלט שיידן מיט זייער אָנגעזאַמלטן גוטס. נאָר פון די הינטערשטע רייען האָט זיך אויפגעהויבן א פרוי, אדורכגעשלאָגן זיך דורך דעם געדראַנג פון עולם, איז צוגעגאַנגען צום רבין און זי האָט אראָפּגענומען דעם גאָלדענעם האַלדז־באַנד, וואָס זי האָט געטראָגן אויף זיך, און דעם נאָז־רינג און די האַנט־רינגען, און דאָס אַלץ אוועקגעלייגט צום רבינס פיס. און אויך דעם רײַכן געוועבטן מאַנטל האָט זי אוועקגעלייגט צו די פיס פון רבין, און אויך איר אַלבאַסטער־קריגל מיט שמעקעדיקן אייל, וואָס זי האָט געהאַט אויף זיך, — זי איז געבליבן בלויז ארומגעהילט אין א לײַוונטענעם טוניק, כדי צו באדעקן איר שאַנד. און זי האָט געזאָגט:

— לערער, נעם מיך צו אזוי ווי איך קום צו דיר!

און דאָס איז געווען יוחנה, דאָס ווײַב פון כוזא, דעם באאַמטן פון הורדוס.

דער רבי האָט צו איר געזאָגט:

— יוחנה, דו ביסט א שוועסטער צו אונז אין קעניגרײַך פון הימל, גיי און שטעל דיך הינטער מיר!

און נאָך איר האָט זיך אויפגעהויבן א צווייטע פרוי, וואָס האָט נאָכגעטון דער ערשטער, און איר נאָמען איז געווען שושנה, פון די טעכטער פון דעם אָרט.

און אויך די פרוי, וואָס ער האָט גערייניקט פון די זינד, און איר נאָמען איז געווען מרים, איז צוגעקומען פאר אים און געוואָרפן זיך צו זײַנע פיס און געזאָגט:

— רבי, איך האָב דיר נישט מער צו ברענגען, נאָר מײַן נשמה, וואָס דו האָסט גערייניקט. אַלץ וואָס איך האָב געהאַט, האָב איך אוועקגעגעבן אַלס כפרה פאר מײַנע זינד, און איך ברענג דיר מײַן נשמה צו דײַנע פיס. און מײַן רבי האָט געזאָגט צו איר:

— אויך דו ביסט אונזער שוועסטער אין קעניגרײַך פון הימל, גיי און שטעל זיך הינטער מיר.

און אייניקע פון די מוכסים, וואָס זיינען דאָרט געווען, זיינען גע־קומען פאַר אים און געזאָגט:

— מיר האָבן גאָרנישט אין אונזערע הענט, נאָר אונזער אָמט, און אונזער אָמט איז א זינדיקער. וואָס זאָלן מיר טון, אז מיר זאָלן אויסגע־לייזט ווערן?

— נעמט נישט מער פון אײַער בעל־חוב נאָר וויפיל עס קומט אײַך לויטן געזעץ, און אָרעמעלײַט דריקט נישט, דאָס איבעריקע וועט אײַך באַלוינט ווערן לויט אײַערע פאַרדינסטן, וואָרעם גאָט קוקט אין האַרץ פון מענטש און משפט זײַנע מעשים לויט זײַנע מחשבות.

אזוי האָט זיך איינער נאָכן אנדערן פון די מוכסים מתוודה געווען פאַר אים די זינד, און ער האָט זיי פאַרגעבן און ער האָט געזאָגט צו זיי: „דינט אײַער פאָטער אין הימל, ווי איר דינט אײַער קעניג".

און דער רבי האָט געהייסן, אז איך זאָל נעמען דאָס געלט און זיל־בער־צירונג און די רײַכע קליידער, וואָס די ווײַבער האָבן אוועקגעלייגט צו זײַנע פיס, און פאַרקויפן און דאָס געלט פונאנדערטיילן צווישן די אָרעמעלײַט. אָבער פיל האָט זיך נישט אָנגעזאַמלט, ס'איז געווען בלויז דאָס, וואָס די ווײַבער האָבן אוועקגעלייגט, וואָרעם די מענער, וואָס זיי־נען דאָרט געווען, האָבן געזאָגט: „ער פאַרשווערט דעם יאָך פון דעם קעניגרײַך פון הימל איבער אונז נאָך מער ווי די פּרושים. די פּרושים הייסן אונז נאָר געבן מעשר, און ער הייסט אונז אוועקגעבן דאָס קרן. ווען מיר וועלן אוועקגעבן דאָס קרן, בײַ וואָס וועלן מיר בלײַבן?". אזוי האָבן זיי פאַרלאָזט דאָס הויז פון דעם מוכס און זיינען אוועק. און דער רבי האָט געזאָגט אויף זיי:

— קומט און זעט! עס איז לײַכטער פאַר א קעמל דורכצוגיין דורך דעם אויער פון א נאָדל איידער א רײַכן אַרײַנצוקומען אין קעניגרײַך פון הימל.

און דער רבי האָט גענומען די אָרעמעלײַט און די זינדיקע מוכסים, וואָס זיינען דאָרט געווען, און די קראנקע ווײַבער, וועלכע זיינען אויסגע־היילט געוואָרן, און ער האָט זיך אוועקגעזעצט מיט זיי בײַ איין טיש און האָט געגעסן מיט זיי ברויט. און עס איז געווען, ווי דער רבי האָט געזען, אז די פשוטע לײַט, וואָס זיינען פאַרזאַמלט ארום אים, וואַשן נישט די הענט פאַר דעם עסן דערפאַר, ווײַל דאָס געזעץ איז נישט שטאַרק בײַ זיי און זיי ווייסן זיך נישט ווי אזוי דערמיט אומצוגיין, איז כדי זיי נישט צו פאַרשעמען, האָט ער אויך נישט געוואַשן די הענט פאַר דעם עסן, נאָר געזאָגט פאַר זיי זײַן געוויינלעך געבעט, וואָס ער זאָגט יעדעס מאָל פאַרן עסן. ער האָט געבענטשט דאָס ברויט, וואָס מען האָט אים דערלאנגט און

געבראָכן עס און צעטיילט דעם עולם אַרום. און ער האָט געהייסן דערלאַנגען ווײַן און צוגערעדט דאָס פאָלק צו עסן און צו טרינקען און משמח זײַן זיך דעריבער, וואָס עס איז זיי זייערע זינד פאַרגעבן און זיי זיינען גרייט צו עמפאַנגען דאָס קעניגרײַך פון הימל. און ער האָט זיי געטרייסט מיט שיינע טרייסטווערטער און געזאָגט זיי, אַז זיי זאָלן נישט זאָרגן און נישט טרויעריק זײַן צוליב דעם, וואָס זיי וויסן נישט און קענען נישט דאָס געזעץ. נישט דאָס אויסגעלערנטע געזעץ וויל גאָט, נאָר דאָס ריינע האַרץ, דאָס נידעריקע געמיט איז דער אָנגענעמסטער קרבן פאַר גאָט. און משה רבינו האָט געזאָגט אין זײַן תורה: „דאָס געזעץ, וואָס איך גיב דיר, איז נישט אין הימל, נישט אונטער דעם ים, נאָר אין דײַן האַרץ”. נישט די חוקים געקריצט אויף לוחות האָט משה געבראַכט צו די יידן פון באַרג סיני, נאָר די עשרת הדברות אויסגעקריצט אין האַרץ פון מענטש. און ווי דער נביא זאָגט: „איך וועל אויפשטעלן דאָס בית־מקדש אין האַרץ”.

און ווי זיי האָבן געזען, אַז דער רבי איז וויליק און דער שעת־הכושר איז דאָ בײַ אים, אַזוי האָבן זיי זיך זייער משמח געווען מיט אים דעריבער, וואָס ער איז דאָ מיט זיי, און די שמחה דאָרט צווישן עולם איז געווען אין לשער, אַזוי אַז אין דער גאַנצער שטאָט האָט מען געזען די ליכט, וואָס ברענען זיך אין יוחנן דעם מוכס הויז, און מען האָט געהערט די געזאַנגען, וואָס גייען אויף פון דאָרט.

ווען שמעון בר־יונה, זײַן תלמיד, האָט געזען, אַז דער רבי איז וויליק און דער שעת הכושר איז דאָ בײַ אים, אַזוי האָט ער גענומען אַן אייל־לאָמפּ אין דער האַנט און איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, וואו עס הערשט די פינצטערניש און עס וואוינען אין איר די קינדער פון דער נאַכט, און האָט צו זיי געזאָגט אַזוי:

— אין הויז פון יוחנן דעם מוכס זיצט דער מאַן, צו וועמען דער רשות איז איבערגעגעבן און די מאַכט איז דאָ אין זײַן האַנט צו פאַרגעבן אײַערע זינד און אויפצונעמען אײַך אין דעם מלכות פון הימל.

און עס זיינען געקומען אין הויז אַרײַן פון יוחנן דעם מוכס מענטשן פון דער נאַכט, אַזעלכע וואָס קומען נישט אין קהל פון ישראל, מענטשן, וואָס זייערע פּנימער זאָגן עדות אויף זיי, אַז זייערע נשמות זיינען קראַנק און פאַרדאָרבן, מענטשן, וועלכע זיינען באַשווערט מיט זינד. טייל פון זיי זיינען געווען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, זייערע נאַקעטע לײַבער האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון זייערע פאַרפוילטע קליידער און זייערע גופים זיינען געווען געשלאָגן מיט כלערליי מיני שלעק, קרענק און צרעתן, פונקט ווי זייערע נשמות אין זיי. אַנדערע זיינען געווען געצירט און געשמינקט, אָבער זייערע נשמות זיינען געווען שמוציק און ברודיק,

וואָרעם פיל זונות זיינען געווען צווישן זיי, וואָס דרייען זיך ארום בײַ־נאַכט אין די גאַסן און פאַרשפּרייטן זייערע נעצן פאַר די פאַרבײַגייער. און אנדערע זיינען געווען, וואָס זיינען אנטלאָפן פאַר דער אימה פון דין אָדער באהאַלטן זיך אויס פאַר מלכות. אַט די אַלע האָט שמעון זײַן תלמיד אַרײַנגעבראַכט אין דעם הויז פון יוחנן דעם מוכס. און ווי דער רבי האָט זיי דערזען, און דאָס געשטאַנק פון זייערע לײַבער איז דערגאַנגען צו אונז, האָט דער רבי אויסגעשטרעקט זײַנע הענט צו זיי און גערופן:

— קומט, איר אַלע, וואָס איר זענט שווער באַלאַדנט, צו מיר! — און ער האָט זיך אויפגעשטעלט פאַר זיי און גענומען זיי צו זײַן טיש און געזעצט זיי לעבן זיך, און געזאָגט: — איר אַלע, פאַרלאָזענע און ארויס־געוואָרפענע, צו וואָס זאָל איך אײַך גלײַכן? איך וועל אײַך גלײַכן צו דעם גאָרטן פון ישעיה הנביא, אָבער נישט צו דעם גאָרטן, וואָס מען האָט פאַרפלאַנצט און אָפּגעהיטן, נאָר פאַרקערט: אײַער גאָרטן האָט קיינער נישט פאַראַקערט און פאַרזייט, קיינער האָט נישט געוואַסערט צו דער צײַט, זײַן צוים איז אויפגעבראָכן געווען, און יעדער איינער האָט געקאָנט אין אים אַרײַנגיין און צעטרעטן די יונגע פלאַנצונגען, און אַלע האָבן גע־מיינט, אז פון דעם גאָרטן וועלן ארויסקומען זויערע און ווילדע ווײַנ־טרויבן, און זעט—דער גאָרטן האָט ארויסגעגעבן זיסע און גוטע ווײַנ־טרויבן!

און דער רבי האָט גענומען דאָס ברויט, וואָס איז געלעגן לעבן אים, געבראָכן עס, און געטיילט זיך מיט זיי און געזאָגט:

— קומט און עסט מיט מיר, מײַנע ברידער און שוועסטער אין קע־ניגרײַך פון הימל! וואָרעם דער פאָטער אין הימל האָט געזען די פּײַן פון אײַערע נשמות און האָט פאַרגעבן אײַערע זינד.

און עס זיינען דאָרט געווען טייל פון זיי, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו וויינען און געזאָגט: „ווער ביסטו, געבענטשטער מענטש, ווער האָט צו אונז די טרייסט פון הימל געשיקט?".

און עס זיינען דאָרט געווען בײַם טיש אזעלכע לײַט, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן און געזאָגט: „מיר זיינען טאַקע אומוויסנדע לײַט און דאָס געזעץ איז נישט שטאַרק אין אונזערע הענט, אָבער אונזערע הערצער זיינען שלום מיט אונזער גאָט און מיר ווילן גיין אין זײַנע וועגן. און כאָטש מיר זיינען אָרעמעלײַט, דאָך פאַרדינען מיר ערלעך אונזער שטיקל ברויט מיט דעם שווייס פון אונזער געזיכט, און עס פּאַסט אונז נישט און עס שטייט אונז נישט אָן צו זיצן מיט גנבים און זונות בײַ איין טיש!" — און זיי האָבן זיך אויפגעהויבן און פאַרלאָזט דעם טיש פון רבין.

און אונזער רבי האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— פאר די פרושים און געלערנטע זענט איר זינדיקע און געפאלענע, און פאר אײַך זײַנען זיי די זינדיקע און געפאלענע; און איך זאָג אײַך, אז וואָס געשלאָגענער דער מענטש איז, אלץ געזונטער איז ער, וואָס גע־פאלענער ער איז, אלץ דערהויבענער איז ער בײַ גאָט. און צי האָט דען נישט דוד המלך עליו השלום געזאָגט: „ממעמקים קראתיך ה׳" — פון דער טיפעניש רוף איך דיך, גאָט! און ווער שטייט דען נאָך אזוי טיף ווי זיי דאָ? און איך זאָג אײַך, אז זיי זײַנען נענטער צו גאָט ווי איר און זיי דאָרט, און ווער עס טוט זיי גוטס, טוט ער גוטס מײַן פאָטער אין הימל, און ווער עס דערווײַטערט זיך, דערווײַטערט מײַן פאָטער אין הימל.

און איך האָב זיך אײַנגעבויגן צו מײַן רבין און געפרעגט אים אויפן אויער:

— רבי, וואו איז די גרענעץ, ביז ווי ווײַט גייט דער חסד און עס הייבט זיך אָן דער דין?

און דער רבי האָט מיר אָפּגעענטפערט און געזאָגט:

— עס איז נישטאָ קיין גרענעץ. באגלייט דײַן חבר ביז צום ראַנד פון אָפּגרונט און נאָך ווײַטער!

און איך האָב געוואָגט און דערמאָנט מײַן רבי און געזאָגט:

— שטייט דען נישט געשריבן: „אלהים שופט צדק"? און נאָך שטייט געשריבן: „יצדיק ה׳ בכל דרכיו"!

אָבער מײַן רבי האָט מיך אָנגעקוקט און מיר אָפּגעענטפערט:

— עס שטייט אויך געשריבן: „ושקר מדבר צדק".

און אז איך האָב זיך געוואָלט דערווײַטערן פון אים, האָט ער מיר געזאָגט: „יהודה, יהודה, בין איך דען געקומען נײַע לאַטעס אויפן אלטן מלבוש לייגן? איך בין די לעצטע טיר, און ווען אויך די טיר וועט זײַן פארשלאָסן, אין וועלכער וועלן זיי אָנקלאַפּן?"

און איך האָב אים פארשטאנען און געשוויגן.

V

שמעון איז ארויסגעגאנגען און האָט געזוכט און געפונען א נאַכט־לעגער פאר אונזער רבין אין א ווײַנגאָרטן הינטער דער שטאָט. וואָרעם אונזער רבי נעכטיקט נישט אונטער א באַלקן, נאָר אונטער דעם פרײַען הימל. דער וואָס נעכטיקט אינדרויסן, דער האָט דעם הימל פאר זײַן דאַך, און ער געפינט זיך אין דער היים פון זײַן פאָטער. דער וואָס נעכטיקט

אונטער א דאַך, דער באַגרענעצט זיך אין זײַנע ענגע ד׳ אמות און שליסט זיך אָפּ אין זײַן אייגענעם רשות. און ער האָט געגנבֿעט די נאַכט אין דעם וועכטער־בײַדל פֿון א גאָרטן, וואָס האָט געהערט צו יוחנה, דאָס ווײַב פֿון רײַכן באַאַמטן פֿון הורדוס.

און עס איז געווען אויפֿן צווייטן טאָג, צומאָרגנס, ווען דער רבי האָט געזאָגט „שמע״, האָט ער באַפֿוילן איינעם פֿון די תּלמידים, שמעונען, אַז ער זאָל אויפֿפֿעפֿענען דאָס בינטל מיט ברויט, כּדי מיר זאָלן עסן איידער מיר הייבן אָן דעם טאָג אַרבעט. וואָרעם אין דעם טאָג האָט דער רבי פֿיל מיט אונדז געהאַט צו טון. „די צײַט איז קורץ און די אַרבעט איז א סך, די תּבֿואות זיינען פֿאַרטיק און שניטערס זיינען דאָ ווייניק״ — האָט ער צו אונדז געזאָגט. און עס איז געווען, ווען שמעון האָט פֿאַר אונדז פֿאַרגעלייגט דאָס ברויט, אַזוי האָט דער רבי געזען דעם גאָרטן־וועכטער, וואָס איז געשטאַנען פֿונדערווײַטנס און האָט זיך צוגעקוקט צו אונדזערע מעשׂים, אָבער דערנענטערן צו אונדז האָט ער זיך נישט געטון, וואָרעם ער איז געווען פֿון די עמי־הארצים, — און זיי דערנענטערן זיך נישט צו רבנים, כּדי זיי זאָלן זיי נישט מטמא זײַן. דער רבי האָט אָבער געזאָגט צום גאָרטן־וועכטער:

— וואָס שטייסטו פֿונדערווײַטנס, קום אהער נענטער צו אונדז און זעץ דיך מיט אונדז און עס מיט אונדז ברויט!

אָבער דער וועכטער האָט געענטפֿערט:

— ווי אַזוי קאָן איך זיך דערנענטערן צו אײַך און עסן מיט אײַך ברויט, אַז איר זענט דאָך געלערנטע לײַט און איך בין פֿון די עמי־הארצים.

האָט דער רבי געזאָגט:

— עס שטייט געשריבן: „איר אַלע זענט קינדער צו אײַער פֿאָטער אין הימל״.

האָט דער וועכטער געענטפֿערט:

— יאָ, אָבער איך בין דאָך נישט געלערנט, און דאָס געזעץ איז נישט שטאַרק אין מײַנע הענט, און איך ווייס נישט אָפּצוהיטן די דינים פֿון ריין און אומריין, און איך וועל נאָך אומריין מאַכן אײַער ברויט מיט מײַנע הענט.

האָט דער רבי אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן צום הימל און געזאָגט:

וואָס איז אין האָרץ. אין דײַן האָרץ, מתּתיהו, ביסטו מקיים די גאַנצע תּורה.

— זע, מײַן פֿאָטער אין הימל, ווי זיי האָבן צעטיילט דײַנע קינדער אויף ריין און אומריין, — און צום וועכטער האָט ער געזאָגט: — קום, מתּתיהו, און זעץ דיך מיט אונדז און עס מיט אונדז ברויט; נישט די לערע, וואָס איז אויסערלעך, הייבט אויף דעם מענטש און מאַכט אים ריין, נאָר די לערע,

און דער גאָרטן־וועכטער האָט דאָס געטון, אָבער מיט גרויס מורא און פּחד. און ווען ער האָט גענומען אין דער האַנט אַרײַן דאָס ברויט, וואָס דער רבי האָט אים דערלאַנגט, אַזוי זיינען זײַנע אויגן פול געוואָרן מיט טרערן, און די טרערן זיינען געפאַלן אויף זײַן ברויט, און ער האָט געזאָגט:

— ווי צו מיר, רבי, איך ווייס, אַז איך וועל פאַרפאַלן ווערן אין גיהנום, ווײַל איך האָב דאָס געזעץ נישט געהיטן און איך ווייס נישט, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט.

אָבער דער רבי האָט אָפּגעווישט די טרערן פון זײַנע באַקן און האָט געזאָגט:

— איך זאָג דיר, מתתיהו, אַז נישט דו, נאָר יענע, וואָס פאַרמסרן דיך פאַרן פאָטער אין הימל און רעדן אויס אויף דיר די שלעכטע רייד, וועלן זיך פּײַניקן אין גיהנום. דײַן האַרץ האָסטו געבראַכט פאַר גאָט, און א צעבראָכן האַרץ און א דערנידעריקט געמיט זיינען די אָנגענעמסטע קרבנות פאַר גאָט. — און צו דער שטאָט נעים געווענדט, האָט ער אויפ־געהויבן די הענט און האָט געזאָגט: — „ווי צו אײַך, פרושים, ווי צו אײַך, סופרים, וואָס איר פאַרט אַרום איבער יבשות און ימים, כדי מגייר צו זײַן א נפש, און ווען איר האָט אים שוין מגייר געווען, מאַכט איר פון אים א זון פון גיהנום".

און דער רבי האָט גענומען מתתיהון דעם וועכטער און געזאָגט צו אים:

— פיר מיך אַרויס אין דײַן גאָרטן, וואָרעם איך וויל אָנקוועלן מײַנע אויגן מיט דעם אָנבליק פון גאָטס באַשעפעניש.

און אַזוי ווי דער רבי איז געזעסן אין גרינס־גאָרטן פון יוחנה, דאָס ווײַב פון הורדיוסעס באַאַמטן, האָט ער געקוקט אויף די רײַכע שפּראָצונ־גען, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַרויסצושלאָגן פון דער ערד, און אויף דעם פרישן בליִעכץ, וואָס האָט אָנגעהויבן צו בליִען פון די קנאָספּן. וואָרעם עס איז געווען די שענסטע צײַט פון יאָר — אין פרילינג, און גאָט האָט געלאָזט שײַנען די זון, זײַן ליבע און חסד איבער דעם גאַנצן לאַנד. דער נאַכט־טוי איז נאָך געלעגן אויף די צווײַגן און בלעטער, און די זון־שטראַלן האָבן זיי שוין געוואָרעמט מיט זייער חסד פון דער קאַלטקייט פון דער נאַכט. און די פייגל צווישן די צווײַגן זיינען געווען זייער טעטיק צוצוטראָגן שפּײַז צו זייערע יונגע אין די נעסטן, וואָס זיי האָבן געבויט צווישן די צווײַגן. און דער גאַנצער גאָרטן איז פול געווען מיט לעבן און שאַפן, אַזוי ווי די פייגל וואָלטן זיך געפרייט מקיים צו זײַן גאָטס מצוה פון זײַן אויף דער וועלט, און די פרייד פון שלום איז געווען אויסגעגאָסן

איבער דער לענג און ברייט, וואָרעם גאָט האָט געלאָזט רוען זײַן שלום איבער דעם גאנצן דאָזיקן לאַנד.

ווי אונזער רבי האָט געזען די פרייד פון שלום, וואָס גיסט זיך פון פאָטער אין הימל אויף זײַן ערד, אזוי איז זײַן האַרץ פול געוואָרן מיט ליבע צו דער ערד, צו די מענטשן און צו אלע באַשעפענישן, און ער האָט ליב געהאט און געבענטשט אלעס שאַפנדיקע און בויענדיקע. האָט ער גענומען דעם שפּאַדל פון דער האנט פון מתתיהו דעם גערטנער און האָט אים געהאָלפן אין זײַן אַרבעט. און זײַן הארץ איז פול געוואָרן מיט פרייד איבער דעם, וואָס דער פאָטער אין הימל זאָרגט איבער אלע זײַנע באַשעפענישן. און ער האָט געעפנט זײַן מויל און האָט אונז געלערנט אזוי:

„גאָט איז מײַן שעפער, גאָרנישט וועט מיר פעלן...״ דערפאר זאָג איך אײַך: מאכט זיך נישט קיין זאָרגן איבער אײַער לעבן, וואָס איר וועט עסן, און נישט איבער אײַערע גופים — אין וואָס וועט איר זיי אָנקליידן! דאָס לעבן איז טײַערער פון שפּײַז, און דער קערפער טײַערער פון קלייד. קוקט זיך צו צו די שוואַלבן און נעמט זיך אראָפּ א מוסר פון זיי. זיי זייען נישט און שנײַדן נישט און האָבן נישט קיין גאָרטנס און נישט קיין שפּײַכלערס, און גאָט שפּײַזט זיי. ווי טײַערער זענט איר פון די פייגל! ווער פון אײַך קאָן מיט זײַן זאָרגן פארלענגערן איין טאָג פון זײַן לעבן? אויב איר קאָנט נישט אזא קלייניקייט שאַפן, וואָס־זשע זאָרגט איר איבער אַלעם אַנדערן? קוקט זיך צו צו די רויזן — זיי וועבן נישט און זיי שפּינען נישט, און איך זאָג אײַך, אז אפילו שלמה אין זײַן גאנצער פראַכט איז נישט געווען געקליידט אזוי ווי איינע פון זיי. ווען גאָט באַקליידט אזוי דאָס גראָז פון פעלד, וואָס הײַנט איז עס דאָ און מאָרגן ווערט עס אין אויוון פארברענט, ערשט ווי באקליידט ער נאָך אײַך, איר קליין־גלויביקע! זײַט נישט אזוי פארנומען מיט די זאָרגן, וואָס איר וועט עסן און וואָס איר וועט טרינקען, און זײַט נישט שטאָלץ (ווען איר זענט עס). וועגן עסן און טרינקען קלערן בלויז די היידן, דער פאָטער אין הימל ווייסט וואָס איר באַדאַרפט.

און פון וועג זײַנען אָנגעקומען שליחים פון בית־דין. און צווישן זיי איז געווען א מאַן, וואָס האָט געהאט באַדעקט זײַן לײַב מיט א פעל פון א קעמל און ער איז געווען דין און דאַר פון תעניתים און סיגופים, אזוי אז מען האָט די ביינער ארויסגעזען פון זײַן לײַב, און זײַנע פיס זײַנען געווען ווי שטעקנס צוויי, און זײַנע האָר זײַנען געווען ווילד און פאַרלאָזט. דער דאָזיקער מאַן איז געווען איינער פון די תלמידים פון יוחנן המטביל, וואָס זײַן נאָמען איז געווען צדוק. ער איז געווען זייער א פרו־

מער מאָן, און דאָס פאָלק האָט געגלויבט אין אים. און די אַנדערע זיינען געווען די סגנים פון בית הכנסת אין נעים. און זיי האָבן זיך געווענדט צו אונז, זיינע תלמידים, און נישט צו אונזער רבין, און זיי האָבן געזאָגט:

— תלמידים פון רבי ישוע, איר זענט אויפגעפאָדערט געוואָרן פון בית־דין צדק פון דער שטאָט נעים צו קומען פאַר אים און אָפּצוגעבן דאָס עדות־זאָגן איבער די מעשים און די ווערטער פון אייער רבין, וואָרעם זייער שלעכטע רייד זיינען געקומען אין די אויערן פון די פרומע און געלערנטע איבער דער לערע פון אייער רבין, און איר טראָגט פאַר אייער רבין די אחריות, פונקט ווי ער אליין.

אזוי האָט אונזער רבי געזאָגט צו אונז, זיינע תלמידים:

— גייט און שטעלט זיך פאַר דעם בית־דין פון דער שטאָט נעים און זאָגט עדות איבער אַלעם, וואָס איר האָט געהערט און איר האָט געזען, זעט, אין אייערע הענט גיב איך איבער אייער זאַך.

האָט זיך אָנגערופן שמעון בר־יונה, וועלכער איז זייער דערשראָקן געוואָרן פון די רייד פון די שליחים פון בית־דין, און ער האָט געזאָגט:

— רבי, איך בין נישט קיין געבילדעטער מאָן און די שריפט איז נישט שטאַרק אין מיין מויל. ווי אַזוי וועל איך זיך קאָנען אויסטענהן מיט די געלערנטע און די שריפט־אויסטייטשער?

אזוי האָט דער רבי געזאָגט:

— אויך דו, שמעון בר־יונה, גיי און זאָג עדות. און דאָס, וואָס גאָט מיין פאָטער וועט דיר געבן אין דיין מויל אַריין, דאָס זאָלסטו זאָגן, וואָרעם מיין זאַך איז אויך דיין זאַך.

אזוי איז שמעון בר־יונה געגאַנגען מיט אונז, בלויז די ברידער זבדי זיינען געבליבן מיטן רבין, וואָרעם דער רבי האָט געזאָגט, אַז זיי זיינען בייזע לייט, און די רייד פון חכמים הערן זיך נאָר אין רואיקייט צו.

און דאָס בית־דין פון דער שטאָט נעים איז שוין געווען פאַרזאַמלט, און דער אב־בית־דין און די סגנים און די געלערנטע און שריפט־אויס־טייטשער, און אויך פיל פון די תלמידים פון יוחנן זיינען געווען צווישן זיי.

און ווען מיר, די תלמידים פון אונזער רבי ישוע, זיינען אָנגעקומען פאַרן בית־דין, אזוי האָט זיך אָנגערופן שמעון דער פרוש צו אונז:

— תלמידים פון ישוע, מיר האָבן אייך גערופן צום בית־דין צדק, כדי איר זאָלט עדות זאָגן איבער אייער רבין — וואָס איז דאָס די לערע, וואָס ער לערנט און די מעשים, וואָס ער טוט? וואָרעם אומפאַרשטענדלעך זיינען זיינע מעשים פאַר אונז. ער פאַרגיט די זינד פון די רשעים. עס איז אָבער צווישן אונז נישט באַקאַנט, אַז איין בשר ודם זאָל קאָנען פאַר־

געבן די זינד פון א צווייטן בשר ודם, — דאָס קאָן נאָר דער פאָטער אין הימל אליין, ווי עס שטייט געשריבן: „ויתפלל אל ה׳ ויעתר לו״. אפשר ווייסט איר, סופרים, — צי איז ווער געווען אין די פריערדיקע דורות פון די געלערנטע און צדיקים, וועלכע האָבן פאַרגעבן די זינד פון אנ־דערע מענטשן אין זייער אייגענעם נאָמען, און אויף וואָס זיי האָבן זיך סומך געווען?

יוחנן, דער עלטסטער פון די סופרים, וועלכער האָט געקאָנט די שריפט, און די מסורה איז געווען שטאַרק אין זײַן האַנט, האָט פאַרמאַכט זײַנע אויגן מיט די גרויסע ברעמען, וואָס האָבן באַשיצט זײַן פּנים, און ער האָט געזאָגט:

— עס איז נישט באוואוסט און אויך נישט באקאנט פון די פריער־דיקע דורות, אז איין בשר ודם זאָל דעם אַנדערן מוחל זײַן די זינד, דאָס קאָן בלויז דער פאָטער אין הימל. און אלע נביאים האָבן נאָר אויפגעפאָ־דערט דאָס פאָלק, עס זאָל תשובה טון צו גאָט זײַן פאָטער, ווי עס שטייט געשריבן: „שיבה ישראל אל ה׳ אלהיך״. און ווי עס שטייט אויסגערעכנט אין דער תורה, אויף וואָס אַלץ כּפרה זינד, וואָס דער מענטש באגייט — בשוגג אָדער במזיד — ער מוז ברענגען זײַן קרבן און מתוודה זײַן זיך דערויף. אָבער א מענטש האָט קיין רעכט נישט צו פאַרגעבן די זינד, א חוץ די בלויז, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן קעגן אים אליין.

און דער אב־בית־דין האָט זיך געווענדעט צו די תלמידים פון יוחנן המטביל און זיי געפרעגט:

— צי האָט אײַער רבי פאַרגעבן אײַך די זינד, ווען איר זענט געקו־מען צו אים זיך טובל זײַן אין דער מדבר פון יהודה?

— יוחנן המטביל האָט אונז געהייסן תשובה טון צום פאָטער אין הימל, צו רייניקן אונזערע נשמות דורך תעניתים און סיגופים און תפילה טון, און אונזערע לײַבער — דורך טבילה, וואָרעם דאָס מלכות־השמים איז נאָענט.

און שמעון דער פרוש, וואָס איז געווען צווישן זיי, האָט זיך אַנגערופן:

— און אז מיר האָבן געפרעגט אײַער רבין, אויף וואָס פאַר א סמך ער פאַרגיט די זינדיקע זייערע זינד, דאָס וואָס קיין בשר ודם האָט נישט געטון פאַר אים, נישט משה און נישט די נביאים, און עס איז אויך נישט באקאנט, צי די עלטסטע חסידים האָבן דאָס געטון, און אפילו יוחנן המטביל האָט נאָר געהייסן תשובה טון צום פאָטער אין הימל, — אזוי האָט ער צו אונז און צו אלע חכמים און סופרים, וואָס זיינען דאָרט דער־בײַ געווען, גערעדט זייער שאַרפע רייד און האָט פאַרלאָזט אונזער מסיבה און איז געגאנגען אין הויז פון יוחנן דעם מוכס, וואָס קיין שום ייִד גייט

דאָרט נישט אַרײַן, ווײַל דאָס הויז פֿון אַ רשע איז טמא. און ער האָט איבערגעטייטשט דעם טיש פֿון געלערנטע און סופֿרים, וואָס איז געגליכן צום מזבח פֿון גאָט, אויף דעם טיש פֿון מוכסים, זינדיקע ווײַבער און עמי־הארצים, וואָס זייערע הענט זיינען מטמא, ווײַל זיי ווייסן נישט ווי אומצוגיין זיך מיטן געזעץ. און ער האָט פֿאַר זיי באַוויזן ניסים, אַרויסגעיאָגט רוחות און פֿאַרגעבן זינד און גערעדט מיט תקיפֿות, ווי דאָס געזעץ וואָלט איבערגעגעבן געוואָרן צו אים אַליין און ער קאָן טון דערמיט וואָס ער וויל. אומפֿאַרשטענדלעך זיינען פֿאַר אונז די וועגן פֿון אײַער רבי, און מיר האָבן אײַך גערופֿן פֿאַרן בית־דין צדק; איר, זיינע תלמידים, זענט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אײַער רבין, ווי דער רבי פֿאַר אײַך. זאָגט אונז באַשייד: ווער איז דאָס אײַער רבי? אין וועלכן בית־מדרש האָט ער געלערנט? ווער זיינען געווען זײַנע רביים? אויף וואָס איז ער סומך זיינע רייד? און מיט וואָס פֿאַר אַ כוח טוט ער די וואונדער? — כדי מיר זאָלן וויסן ווי זיך צו באַגיין מיט אים.

און עס האָט זיך אויפֿגעשטעלט צדוק, דער תלמיד פֿון יוחנן, און זײַן קול איז געווען דין און שוואַך, וואָרעם זײַן לײַב איז געווען אויסגעטריקנט פֿון תעניתים און סיגופֿים, און ער האָט געזאָגט:

— יוחנן המטביל האָט אונז גערופֿן אין דער מדבר אַרויס און האָט געהייסן פּײַניקן אונזערע לײַבער מיט הונגער און דורשט, כדי אונזערע נשמות זאָלן שטאַרק ווערן, וואָרעם די צײַט פֿון מלכות השמים דערנענטערט זיך, די טריט פֿון אויסדערוויילטן הערן זיך שוין הינטער דער טיר. ער וואַרט אויף אונז, אַז מיר זאָלן זײַן רייף און ווערט־זײַן זײַן קומען. אונזערע הערצער זאָלן זײַן אָנגעבונדן אין זײַן האַרץ און אונזערע נשמות זאָלן זיך צעפֿלאַקערן אין זײַן ליכט. — דורכדעם האָט אונז יוחנן געטובלט. אונזערע לײַבער זיינען געהייליקט געוואָרן דורך דער טבילה און זיי זיינען געוואָרן ווירדיקע דירות, אַז אונזערע נשמות זאָלן זיך אין זיי אויפֿהאַלטן. אָבער ווער איז דער, וואָס עסט און טרינקט און גייט מיט זינדיקע אַרום? זײַנע רייד הערן מיר, זײַנע מעשים זעען מיר, אָבער זײַנע וועגן זיינען פֿאַר אונז אומפֿאַרשטענדלעך! וואָרעם ער גייט נישט אין די טריט פֿון יוחנן!

און מיר, זײַנע תלמידים, האָבן געקוקט איינער אויפֿן אַנדערן, און מיר האָבן געוואַרט, אַז איינער פֿון אונז זאָל זיך אויפֿהויבן און עדות זאָגן פֿאַר זײַן רבין. אָבער מיר האָבן אַלע געשוויגן. און ווען איך האָב געזען, אַז עס איז נישטאָ קיין מענטש, האָב איך, יהודה איש קריות, דער גרינגסטער פֿון זײַנע תלמידים, זיך אויפֿגעשטעלט און עדות געזאָגט פֿאַר מײַן רבין, און איך האָב געזאָגט אַזוי:

— גערעכטער בית־דין, האָרכט אויס די רייד פון דעם קלענסטן פון מײַן רבינס תלמידים. א מאַן פון יהודה בין איך, אין ירושלים בין איך געזעסן אַלע טעג אין הויף פון בית־מקדש און האָב געפּאָרשט דאָס וואָרט פון גאָט. דער רבי — איז מײַן רבי, און יוסף הרמתי און שמעון דער קירונער זענען מײַנע חברים. מיר האָבן גערעדט צווישן זיך: וועלכער איז דער וועג פון גאָט, אין וועלכן מיר זאָלן גיין. אַלץ, וואָס מיר האָבן געהערט פון די רבים, איז געווען בלויז דין, די תורה איז צעשניטן געוואָרן אין מצוות עשה׳ס און לאוו׳ן, און דורך דער דאָזיקער וואַנט האָט מען נישט געקאָנט זען דאָס גאַנצע און דאָס גרויסע, וואָס איז כולל אַלץ. און א מאַן איז געקומען פון גליל און האָט פאַרציילט פון א רבי, וואָס האָט זיך דאָרט באַוויזן און פאַרשפּרייט דאָרט די תורה פון הלל הזקן: „וואָס איר ווילט, אז מענטשן זאָלן צו אײַך טון, טוט צו זיי״, און „האָט רחמנות, ווי אײַער פאָטער אין הימל„. און מיר האָבן געטראַכט שלעכט און מבטל געווען דעם דאָזיקן רבין אין אונזער האַרץ, ווײַל ער קומט פון גליל, און ווער האָט דאָס געהערט, אז פון גליל זאָל עפּעס גוטס אַרויסקומען? אָבער באַלד זיינען דערגאַנגען צו אונזערע אויערן די נסים ונפלאות, וואָס ער טוט, און די הייליקע תורה, וואָס ער פאַרשפּרייט צווישן פאָלק. און עס האָט זיך אָנגערופן נקדימון דער רבי: „עס איז כדאי די זאַך אויסצופאָרשן״, און מען האָט מיך געשיקט קיין גליל, כדי איך זאָל אַליין זען מיט מיינע אויגן און הערן מיט מײַנע אויערן. און איך בין געגאַנגען אויספאָרשן די זאַך, און מיט שאולן צוזאמען קאָן איך זאָגן: „אייזלען בין איך געגאַנגען זוכן און א מלוכה האָב איך געפונען...״ אין בית הכנסת פון כפר נחום איז ער געשטאַנען, א בלייכער יידישער יונגערמאַן אין זײַן טלית אײַנגעהילט, און האָט געדרשנט פאַר דעם עולם שבת צו קריאת התורה: „עס איז נישטאָ קיין זאַך, וואָס קאָן זיך אַנטקעגנשטעלן דער אמונה״; „גיט, און עס וועט אײַך געגעבן ווערן״; „מיט דער זעלבער מאָס, וואָס איר מעסט, וועט איר געמאָסטן ווערן״; „פאַרוואָס זוכסטו דעם שפּאָן אין דײַן חברס אויג, נישט דעם באַלקן אין דײַנע אויגן״; „משפּט נישט, כדי איר זאָלט נישט געמשפּט ווערן״, און נאָך אזעלכע זאַכן. לכתחילה האָב איך געמיינט, אז הלל הזקן האָט פון קבר זײַן באַליבטסטן תלמיד געשיקט, אז ער זאָל באַנײַען זײַן לערע אויף דער וועלט. אָבער ווען איך האָב מיך צוגעקוקט צו דער זאַך און איך האָב זי גוט אויסגעפאָרשט, האָב איך עפּעס אַנדערס דערזען. מײַן האַרץ ווערט צעגאַנגען פאַר פחד, מײַנע קניען ציטערן, און דער פחד פון גאָט איז מיך באַפאַלן פאַר די מעשים, וואָס איך האָב געזען און פאַר די ווערטער, וואָס איך האָב געהערט פון מײַן רבינס מויל. גערעכטער בית־דין, — שטייט

נישט דאָס הויז פון יעקב פארלאָזט, פארשעמט אין די אויגן פון די גוים! אדום האָט געמאַכט זײַן נעסט אויף דעם הייליקן באַרג פון ציון, זײַנע פיס טרעטן מיט חוצפה אין גאָטס הויז, זײַן יאָך איז פארוואָרפן איבער אונזער רוקן, און זײַן בײַטש פאַלט אויף אונזער נאַקן. דאָס וואָרט איז פארשניטן פון אונז, עס באווײַזט זיך נישט צו אונז קיין נביא, עס זעט זיך נישט קיין צייכן. זיינען דען מיר נישט אזוי גוט ווי אונזערע על־טערן? פארוואָס האָט גאָט אָפּגעטון זײַן פנים פון אונז? מיט אײַנגעהאַל־טענעם אָטעם שיקן מיר אויס אונזער געהער, צי עס פארנעמען זיך שוין זײַנע טריט, צי עס ווײַזט זיך שוין דאָס ליכט אויף די בערג, צי הערן זיך שוין די שטימען אין דער מדבר, ווי מען האָט אונז צוגעזאָגט, אז עס וועט קומען דער געזאַלבטער פון גאָט און וועט בארעכטיקן אונזער וואָרטן, ער וועט אָטעם געבן צו אונזערע ליידן און וועט וואָרהאַפטיק מאַכן דאָס פארשפּרעכן פון אונזערע נביאים. און איך בין געקומען און איך האָב געזען. וואָס האָב איך געזען? — עס זיינען מקוים געוואָרן די ווערטער, וואָס דער נביא האָט אָנגעזאָגט: „די טויבע הערן און די בלינדע האָבן אָנגעהויבן זען". מיט דעם אָטעם פון זײַן מויל באפעלט ער די רוחות, זײַנע ווערטער זיינען ווי שאַרפע שנײַדמעסערס, ער נעמט צונויף די מענטשן, ווי דער שניטער די זאַנגען, און ער שנײַדט זײַן שניט פאר גאָט. ווער האָט אונז אזוי פיל הערצער דערנענטערט צום פאָטער אין הימל? ווער האָט צווישן די אָרעמע און פארלאָזטע אזא ציטערדיקע דער־וואַרטונג פון פרייד און האָפענונג ארײַנגעבראַכט? ווער האָט צוריקגע־בראַכט צום הימל אזוי פיל פארבלאָנדזשעטע און פארשטויסענע? — ווער ווייסט זײַנע וועגן? ווער קען זײַנע צילן? רירט נישט אָן אין דער פלאַנ־צונג, וואָס גאָט האָט געפלאַנצט! זאָלן מיר אלע מיט ציטערדיקע הערצער און מיט געבעט אויף אונזערע ליפּן אָפּוואַרטן און באטראַכטן דאָס ליכט, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין ישראל פאר ישראלס דערלייזונג.

און עס האָט זיך אויפגעהויבן נאָך מיר שמעון דער קנאי, און ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן:

— בית־דין צדק, מיט די קנאים בין איך אין די בערג געגאנגען, נישט געקאָנט צוזען, ווי אדום טרעט מיט זײַנע פיס יעקבס נאַקן. פאר קיין בשר ודם האָבן מיר נישט געוואָלט קיין קני ברעכן, קיין קאָפּ בויגן, קיינעם האָבן מיר נישט געוואָלט פאר קיין האַר אָנערקענען אויסער דעם רבונו של עולם אליין. מיר זיינען חיילות איבערגעפאַלן, געמיינט, אז גאָט וועט אונז העלפן דעם יאָך פון אדום צו צעברעכן, אָבער אָפּגענאַרט זיינען געוואָרן אונזערע האָפענונגען, ווי א חיה רעה האָב איך זיך אין די היילן אויסבאהאַלטן, רייזנדע איבערגעפאַלן, וועגן אומזיכער געמאַכט

און געמיינט, אַז אַזוי וועט עס שוין אייביק זײַן. דאָס האַרץ איז פול געוואָרן מיט ספקות, און אויף די ליפּן איז געלעגן די אייביקע טענה: נו, וואָס איז, אַז אונזערע עלטערן האָבן געזינדיקט? ווי לאַנג איז דער שיעור, אַז אדום זאָל הערשן איבער אונז? זיינען די גוים דען בעסער פון אונז? און צי ווילן מיר די דערלייזונג נאָר פאַר אונז אַליין? איז נישט דער כבוד פון גאָט געראַופן אויף אונז? וואו איז די הבטחה, וואָס איז געגעבן געוואָרן צו אונזערע עלטערן? פאַרוואָס פאַרזאַמט ער זיך אַזוי לאַנג? — קיין הילף, קיין רוף, קיין צייכן, ווי חלילה פאַרן ווינט זיינען פאַרזייט געוואָרן די ווערטער פון אונזערע נביאים! ווי אַ שאַקאַל אין דער מדבר האָב איך אַליין מײַן ביטערקייט אויסגעקלאָגט, איך בין אַרויס לתרבות רעות, ווי אַ חיה רעה האָב איך מענטשן פאַרציקט. אין שאול תחתיה וואָלט איך פאַרפאַלן געוואָרן — ווען נישט די הילף פון גאָט, וואָס האָט מײַן וועג צו מײַן רבין געפירט. אין כפר־נחום, אין פאָרט, וואו די פישערס האַלטן זייערע שיפלעך, האָב איך אים אָנגעטראָפן, ער האָט גערופן צום אָרעמען פאָלק: „קומט צו מיר, איר אַלע, וואָס איר זענט שווער באַלאָדנט!” און איך האָב געזען, ווי די לײַט זיינען צוגעגאַנגען צו אים.

— צום ערשט מיט חוזק, מיט שפּאָט — דערנאָך זיינען זיי ערנסט געוואָרן און זיך פאַרטרויט. גליקלעך זיינען זיי געוואָרן, זייערע פּנימער האָבן געלויכטן, זייערע רוקנס זיינען אויסגעגליכן געוואָרן, זייערע געמיטער שטאַרק, אויפגעריכט זיינען זיי געוואָרן פון זײַנע ווערטער. אויך איך האָב זיך געוואונדערט און בין צוגעגאַנגען צו אים און איך האָב אים געפרעגט: — „רבי, ווען וועט אונז גאָט אויסלייזן פון אדומס הענט?”, און דער רבי האָט מיר געענטפערט: „די זיינען פרײַ, די וואָס נעמען אויף זיך מיט ליבע דעם עול מלכות־שמים; די זיינען נאָר אויסגעלייזט, וועלכע באַפרײַען זיך פון די שטריק פון די זינד, און די פרײַהייט איז דעמאָלט אין דײַן האַנט, קיינער קאָן זי בײַ דיר נישט צונעמען!”. און איך האָב זיך פאַרוואונדערט אויף זײַנע רייד, איך האָב זיי נישט פאַרשטאַנען. אָבער איך בין נאָכגעגאַנגען זײַנע טריט, צוגעקוקט זיך צו זײַנע מעשים טאָג בײַ טאָג, געהערט זײַנע רייד, — און אַ ליכט איז געפאַלן אויף מײַנע אויגן, און איך האָב אײַנגעזען, אַז אין זוכן די פרײַהייט האָב איך מיין נשמה ווי אַן עבד כנעני צום שטן געהאַט פאַרקויפט. איך האָב געוואָלט באַפרײַט זײַן, און איך בין צוגעגאַנגען צו מײַן רבין און געבעטן אים: „רבי, דערלייז מיך!”. און דער רבי האָט גענומען און געבונדן מיך ווי אַ קאַלב און אַרײַנגעבראַכט מיך אונטערן יאָך פון פאָטער אין הימל, און איך האָב געפונען די אייביקע, די אמתע פרײַהייט, וואָס קיין בשר ודם קאָן זי נישט בײַ מיר אָפּנעמען, וואָרעם איך בין דער קנעכט פון גאָט!

און נאָך אונז האָט זיך אויפגעהויבן שמעון בר־יונה און ער האָט עדות געזאָגט:

— איך בין אַן אָרעמער פישער־ייִד פון דער שטאָט כפר־נחום, נישט געלערנט אין דער שריפט, מײַן האַרץ אָבער בענקט נאָך מײַן פאָטער דעם באַשעפער, אַן אים פיל איך זיך ווי אַן אָפּגעוואָרפענער בלאַט פון בוים, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע שאָף פון דער סטאַדע. מײַן האַרץ האָט געבענקט צו זײַן אָנגעבונדן צו גאָט, אָבער פאַרדרייט און פאַרצווײַגט זייַנען די וועגן דורך וועלכע די חכמים האָבן געפירט צום באַשאַפער פון דער וועלט. — ווער קען זיך אויס אין זיי? — אין טויזנטער טיילן האָט איר גאָטס תורה צעטיילט, — ווער קען זיי אַלע אין דער האַנט האַלטן, אַ חוץ די געלערנטע לײַט, וואָס געבן זיך אָפּ מיט איר בײַטאָג און בײַנאַכט? פאַר אונז אומוויסנדע און שווער באַלייִדיקטע איז גאָטס וואָרט אויף זיבן שלעסער פאַרמאַכט. מען ווייסט נישט, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט! פאַרבלאָנדזשעטע דרייען מיר זיך אין דער פינצטער אַרום; ווי בלינדע שלאָגן מיר זיך אָן אין די אומצייליקע ווענט, וואָס איר האָט אויפגעשטעלט אַרום דעם פאָטער אין הימל, — און מיר הערן נאָר פון אײַך דאָס מאָנענדיקע וואָרט: „טמא הענט, רירט זיך נישט צו צו אונז!“. אָבער אויך אונזערע הערצער זוכן דעם פאָדעם צו גאָט, אונזערע נשמות בענקען נאָך אים, זיך אָנצוקניפּן אָן אים, צו געפינען דעם וועג צו זײַן כסא הכבוד נאָך אונזער טויט. און מיר האָבן אויסגעקוקט אונזערע אויגן אויף דעם, וואָס וועט קומען: ווער וועט אונזערע נשמות באַפרײַען, ווער וועט דערנענטערן אונזערע הערצער צו אונזער פאָטער אין הימל, ווער וועט זי אָנקניפּן מיט דער אייביקער הערלעכקייט, אַז מיר זאָלן אַ טייל האָבן אין דעם אייביקן לעבן און נישט אַרײַנפאַלן אין כף־הקלע פון דער שוואַרצער נאַכט. וואוהין איר האָט אונז פאַרשיקט? ווי הונגעריקע און דורשטיקע זייַנען מיר געזעסן בײַ די שוועלן פון אײַערע שולן און בתי־מדרשים און אויפגענאַשט די קרישעלעך פון לערע, וואָס זייַנען אַראָפּגעפאַלן אונטער אײַער טיש, צו וועלכן איר האָט אונז נישט צוגעלאָזט. ביז ער איז געקומען צו גיין און האָט אונז בלינדע, די האַנט אויסגעשטרעקט. אין כפר־נחום, אין פישער־פּאָרט, האָב איך אים דערזען פון מײַן פישער־שיפל אַרויס, — ווי ער איז געשטאַנען צווישן אָרעמען פאָלק, און ער האָט גערופן צו זיי: „קומט, איר אַלע, וואָס איר זענט שווער באַלאַדנט!“, און דאָס פאָלק האָט זיך געזאַמלט אַרום אים, ווי הינדעלעך אונטער די פעדערן פון זייער מוטער אין טאָג פון שטורעם, האָט ער זיי אַרונטערגענומען אונטער זײַנע פליגלען. און צו מיר, צו מײַן שיפל, איז ער אויך צוגעקומען און האָט געזאָגט: — „שמעון בר־יונה, קום

מיט מיר, איך וועל דיך מאכן פאר א פישער פון מענטשן אנשטאָט פון פיש". און פון דענסטמאָל אָן גיי איך אים נאָך. איך זע זײַנע מעשים א גאנצן טאָג, איך הער זײַנע ווערטער. איך ווייס נישט, ווער ער איז. ער איז אָבער א ליכט אין אונזער פינצטערניש, דאָס וואָרט פאר אונז, שטומע, דער פירער פאר אונז פארוואָגלטע און פארלאָזענע. ער ווײַזט אונז דעם נאָענטסטן און פשוטן וועג צו אונזער פאָטער אין הימל. ער לערנט אונז בעטן צו אים און ער ווײַזט אונז, ווי צו האָבן בטחון אין אים. און פון דענסטמאָל אָן, זינט ער האָט זיך באוויזן צו אונז, פילן מיר, אז מיר האָבן א דאָך איבערן קאָפּ, מיר זיינען א טייל פון ישראל, קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב. גאָט איז אונזער פאָטער, פון אים זיינען מיר געקומען און צו אים גייען מיר צוריק. ער וואַכט איבער אונז אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, און קיין שלעכטס קאָן אונז נישט געשען!

ווען שמעון בר־יונה האָט פארענדיקט זײַן עדות זאָגן, איז א גרויסע שטילקייט געוואָרן צווישן די רבנים און געלערנטע לײַט, ביז דער אב בית־דין האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— איז נאָך ווער דאָ פון די תלמידים פון ישוע, וועלכע ווילן קומען פארן בית־דין און עדות זאָגן אויף זייער רבין?

און ווען עס האָט זיך אויפגעשטעלט יוחנן דער מוכס און געוואָלט עדות זאָגן אויף זײַן רבין, אזוי האָבן די רבנים געזאָגט: „ער איז פסול לעדות, ווײַל ער איז א מוכס!", און נאָכדעם האָט זיך דאָס בית־דין מיישב געווען צווישן זיך, און איינער האָט געזאָגט:

— איך זע נישט אײַן קיין זינד אין דעם רבין.

און דער אנדערער האָט געזאָגט:

— ווי עס זאָגן עדות זײַנע תלמידים, איז ער מקרב די הערצער פון יידן צו גאָט, דערפאַר זאָלן זײַן געבענטשט זײַנע הענט!

און צדוק, דער תלמיד פון יוחנן המטביל, האָט געזאָגט:

— ווער ווייסט, אפשר האָט זיך גאָט מרחם געווען אויף זײַן פאָלק, לאָמיר אָפּוואַרטן מיט דער זאַך און זען, — איז זי פון גאָט, אזוי וועט איר קיין בשר ודם נישט קאָנען צעשטערן, איז זי חלילה נישט פון גאָט, וועט זי קיין קיום נישט האָבן, ווי עס שטייט אין פסוק: „אויב גאָט בויט נישט דאָס הויז, איז בחינם באַמיען זיך זײַנע בויערס..."

און דערבײַ איז עס געבליבן.

VI

עס שטייט געשריבן: „שיק דײַן ברויט אויפן וואַסער, מיט דער צײַט וועסטו עס געפינען". אזוי האָבן מיר פאַרלאָזט אונזער הויזגעזינד, אַלץ געוואָרפן הינטער זיך, און מיר זיינען געגאַנגען נאָך אונזער רבין אין אומבאַקאַנטן לאַנד, ווי דער פסוק זאָגט: „מיטן חסד פון דײַן יוגנט ביסטו געגאַנגען נאָך מיר אין דער מדבר, אין אַ לאַנד, וואָס איז נישט געזייט". און געגלויבט צו גאָט, אונזער האָפענונג איז נישט אָפּגענאַרט געוואָרן...

אונזער רבי האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— לאָמיר זיך אויפהויבן און גיין קיין נצרת, די שטאָט פון מײַן היימאַט, וואָרעם מיר זיינען נאָענט פון דעם אָרט!

און מיר האָבן גענומען אונזערע זעק מיט ברויט צידה לדרך און איין אָדער צוויי קליידער לכבוד אונזער רבין. און איידער אונזער רבי האָט פאַרלאָזט דאָס אָרט, האָט ער געבענטשט דעם וועכטער פון גאָרטן און געזאָגט אַזוי:

— ווי איז צו די, וואָס זיינען מטמא דאָס, וואָס גאָט האָט גערייניקט. מתתיהו, אונזער ברודער אין ישראל ביסטו, זײַ געטרייסט! דאָס געזעץ איז נישט שטאַרק אין דײַן הארץ, אָבער דאָס געזעץ פון גאָט איז אין דײַן הארץ און אין דײַן דערנידעריקטן געמיט.

און ער האָט פאַרלאָזט דאָס אָרט און איז געגאַנגען פאָרויס פאַר אונז, און מיר, זײַנע תלמידים, נאָך אים. און די מנוחה פון גאָט איז געלעגן אויסגעגאָסן איבער די פעלדער, דורך וועלכע מיר זיינען געגאַנגען.

און ווי דער רבי האָט געזען די מנוחה פון גאָט ליגט אויסגעגאָסן איבער דער וועלט, אַזוי איז ער פריילעך געוואָרן, און די שכינה האָט גערוט אויף אים, וואָרעם די שכינה רוט נאָר דורך פרייד. און ער האָט אונז פיל משלים פאַרציילט, און גוטע ווערטער האָט ער אונז געזאָגט, וועלכע האָבן אָנגעקניפּט אונזערע הערצער צו אונזער פאָטער אין הימל. פיל פון זיי האָבן די תלמידים געלערנט צו געדענקען פאַר די שפּעטער־דיקע דורות, כדי זיי זאָלן הערן און זאָלן זיך פון זיי אַ מוסר אַראָפּנעמען, אַנדערע אָבער זיינען מיט דער צײַט פאַרלוירן געגאַנגען.

אין וואָרעמקייט פון טאָג זיינען מיר אָנגעקומען צום ראַנד פון טאָל, און פון דאָרט הייבט זיך אויף דער וועג איבער בערג. און ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויפן באַרג אַרויף, האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף פאַסטוכער, וואָס האָבן געווײַדעט דאָרט זייערע שאָף. און די פאַסטוכער האָבן אונזער רבין געקענט, וואָרעם זייער אָפט איז ער אַרויסגעקומען צו זיי, בשעת ער האָט נאָך אין דער שטאָט נצרת געוואוינט. און די שאָף האָבן אים אַרומגערינגלט און געלעקט זײַנע נאַקעטע פיס מיט זייערע צונגען, — וואָרעם זיי האָבן אים דערקענט.

און אויפן הימל האָט זיך באַוויזן אַ קליינער שוואַרצער וואָלקן, אַזוי גרויס ווי די פויסט פון אַ האַנט, און די פויסט האָט זיך אויפגעעפנט און האָט אַרײַנגענומען דעם גאַנצן הימל אין זײַן האַנט, און דער הימל איז באַלאָדנט געוואָרן שווער מיט וואָלקנס און צוגעדעקט די שײַן פון דער זון. איבער דער ערד זײַנען אַדורכגעגאַנגען שאָטנס און פאַרשפּרייט טונקלקייט אַרום. און איינער פון די תלמידים האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— לאָמיר זיך באַהאַלטן אין אַ הייל אָדער קומען אין דעם שוץ פון אַ שטיין, וואָרעם אַ שטורעם־רעגן וועט באַלד אַדורכגיין די ערד.

עס איז געווען די צײַט פון מלקוש אין לאַנד, און דער מלקוש קומט מיט ווינט און שטורעם באַגלייט. אָבער אונזער רבי האָט געזאָגט:

— וואו וועסטו זיך אויסבאַהאַלטן פאַר גאָט? — אין האַרץ פון אַ שטיין וועט ער דיך געפינען, אין דער הייל וועט ער דיך אויפזוכן, דאָס זיכערסטע אָרט איז אונטער דעם הימל פון גאָט. קוקט אײַך צו צו די שאָף און לערנט אײַך פון זיי — זיי זוכן נישט קיין הייל און זיי באַהאַלטן זיך נישט אין קיין שטיין, זיי קומען זיך צונויף צוזאַמען און שטעקן זייערע קעפּ איינער אין אַנדערן און געבן איבער זייערע לײַבער אויפן רחמים פון גאָט. זײַט ווי זיי, אין דער צײַט פון שטורעם באַהאַלט זיך נישט איינער פון אַנדערן, נאָר קומט אײַך צונויף צוזאַמען, שטעקט צוזאַמען די קעפּ, גיט איבער אײַערע לײַבער אויפן רחמים פון גאָט, און פאַרלאָזט אײַך אויפן שעפער ווי זיי, ער וועט קומען אין דער צײַט און ראַטעווען אײַך.

און ווי דער רבי רעדט אַזוי, איז געקומען אַ שטורעמווינט, און האָט אָנגענומען די וועלט בײַ אַלע פיר זײַטן און מיט איר איין גרויסן טרייסל געגעבן, און ער איז אַדורכגעגאַנגען מיט גרויס רעש און געשריי, מיט דונער און בליץ באַגלייט, און האָט מיט זײַנע ווינטיקע קאַמען אַדורכ־געקעמט יעדעס גרעזל און יעדן שפּראָץ, ער האָט אָנגענומען דיביימער און האָט די קרוינען פון זייערע קעפּ געבויגן צו דער ערד, איינמאָל אַהין און איינמאָל צוריק, און ער איז אַרײַן צווישן די צווײַגן און גע־טראַכט זיי צעברעכן. באַלד איז דער שטורעם אויפגעלייזט געוואָרן דורך אַ שלאַגסרעגן, און מיר האָבן געזוכט שוץ, וואו יעדער האָט געקאָנט, אַזוי אויך די פּאַסטוכער פון די שאָף. און די סטאַדע שאָף האָט אַרומגע־רינגלט אונזער רבין און געדריקט זיך צו זײַנע פיס, אַזוי ווי זיי וואָלטן שוץ געזוכט בײַ אים, וואָרעם זייערע שעפער האָבן זיי פאַרלאָזט. און עס איז געווען, ווי זיי זײַנען געשטאַנען אויפן רוקן פון באַרג, אַזוי איז דער שטורעמווינט אַרײַן אין זיי און האָט אָנגעכאַפּט איינס אָדער צוויי פון עק פון דער סטאַדע, און דאָס איינע און דאָס אַנדערע שעפעלע איז געטראָגן געוואָרן בײַ זייער רוקן דורך די ציין פון ווינט, ווי די חיה־רעה טראָגט איר קרבן, — האָבן זיי זיך מיט די קלאָען אײַנגעגראָבן אין די שפּאַלטן פון שטיין. אָבער די אָרעמס פון שטורעמווינט זײַנען שטאַרקער געווען

ווי די שוואַכע פיס פון די שאָף, און ער האָט זיי געשליידערט אין זײַן כעס פון רוקן פון באַרג אַראָפּ אין אָפּגרונט אַרײַן. און עס איז געווען, ווי די שעפּעלעך האָבן זיך געטראָגן צום אָפּגרונט, אַזוי האָבן זיי מיט זייער שטימע געֶרופן נאָך הילף צום שעפער מיט דעם געשריי פון דער בהמה. אָבער דער שעפער האָט נישט דערהערט דאָס רופן פון די פאַלנדיקע שעפעלעך, וואָרעם ער האָט זיך באַהאַלטן פאַרן כעס פון ווינט אין לאָך פון שטיין.

און עס איז געווען, ווען דער רעגן האָט אויפגעהערט, האָבן מיר געזוכט אונזער רבין, און מיר האָבן אים נישט געפונען. וואָרעם יעדער איינער פון אונז האָט אויסגעפונען אַ באַהעלטעניש פאַרן רעגן־שטורעם אונטער דעם שוץ פון אַ שטיין אָדער אין לאָך פון אַ הייל, און מיר האָבן נישט געזען, ווי אונזער רבי איז נאָך אַ פאַלנדיקן שעפעלע אין אָפּגרונט געגאַנגען. מיר האָבן אים געזוכט דאָ און דאָרט, און מיר האָבן אים נישט געפונען. מיר האָבן גערופן: „רבי! רבי!" — און ער האָט נישט געענטפערט. אין אַ ווײַל אַרום האָבן מיר געזען אונזער רבי אויפשטײַגן פון אָפּגרונט, און זײַן קלייד איז געווען אַדורכגעווייקט פון רעגן, און דאָס וואַסער איז גערונען איבער זײַנע פיס, און זײַנע האָר זיינען געווען נאַס, אַזוי אויך זײַן פנים. זײַנע פיס זיינען געווען באָרוועס און האָבן געבלוטיקט פון דעם אָנקלאַפּן זיך אין די שטיינער, און אַ שעפעלע האָט ער געטראָגן אויף זײַנע פּלייצעס און האָט עס צוריקגעבראַכט צו דער סטאַדע. און ווי מיר האָבן אים דערזען, ווי ער שטײַגט אויף פון אָפּגרונט מיטן שעפעלע אויף די פּלייצעס, אַזוי האָבן מיר זיך אַלע פאַרשעמט פאַר אים, און איך האָב זיך דערמאָנט אין אונזערע אבות, וואָס זיינען אַלע געווען שאָף־פּאַסטוכער, און איך האָב געלערנט אויף אים דאָס, וואָס אונזערע רבנים האָבן געלערנט אויף משה רבינו.

עס שטייט געשריבן: „משה איז געווען אַ פּאַסטוך, דאָס מיינט מען — גאָט האָט אויסגעפּרוווט משה רבינו דורך די שאָף, זאָגן אונזערע רבנים. ווען משה האָט געפּיטערט די שאָף פון יתרו אין דער מדבר, איז פון דער טשערעדע אוועקגעלאָפן אַ שעפעלע, האָט ער זיך דערנאָך נאָכגעיאָגט, ביז עס האָט דערגרייכט אַ שיצונג. ווען עס האָט געהאַט דערגרייכט די שיצונג, האָט גאָט צוגעשיקט אַ קוואַל וואַסער, און דאָס שעפעלע האָט זיך אוועקגעשטעלט טרינקען. ווען משה איז אָנגעקומען צום שעפעלע, האָט ער זיך געטראַכט: „איך האָב נישט געוואוסט, אַז דו ביסט אַנטלאָפן פון דער סטאַדע, ווײַל דו ביסט דורשטיק, ביסטו דאָך אוודאַ־איצט מיד"... און ער האָט גענומען דאָס שעפעלע אויף די פּלייצעס און דערמיט צוריקגעגאַנגען. האָט גאָט געזאָגט: „דו האָסט גענוג רחמנות אויף צו פּיטערן די שאָף פון בשר ודמס, איך שווער, אַז דו וועסט פּיטערן די שאָף פון ישראל!"

באַלד האָט גאָט אַרויסגעצויגן די זון פון איר פוטערפּאַס, די וואָלקנס זיינען צערונען אין דער זון. מיר האָבן זיך געזעצט אָפּרוען אויף די

שטײנער פון באַרג און אויסגעטון די קלײדער צו טריקענען. די תּלמידים האָבן אויפגעעפנט די בינטלעך מיט ברויט, און מיר האָבן זיך געזעצט עסן, וואָרעם די מיטאָג־שעה האָט דערגרייכט. און עס איז געווען, ווען אונזער רבי איז געזעסן אויפן שטיין און געטריקנט זײַן קלײד, אזוי זיינען געקומען די שאָף און געלײגט זיך צו זײַנע פיס.

און מיר זיינען געווען א תחום שבת אַרײַנצוקומען אין דער שטאָט חנה, וואו אונזער רבי האָט דאָס ערשטע וואונדער באוויזן — צו פאַרוואַנדלען וואַסער אין ווײַן אויף א חתונה פון אָרעמעלײַט. דאָך זיינען מיר נישט אַרײַנגעגאַנגען אין דער שטאָט, וואָרעם עס איז געווען דאָנערשטאָג, און אונזער רבי האָט געזאָגט, אז ער וויל קומען קיין נצרת, אין דער שטאָט פון זײַן געבוירן, דאָרט שבת צו האַלטן און מקיים זײַן די מצוה פון כיבוד אם; און זײַן פאָטער האָט שוין דענסטמאָל נישט געלעבט.

און מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און מיר זיינען געגאַנגען אויפן וועג, און בײַם זעצן זיך פון דער זון זיינען מיר אָנגעקומען צום טויער פון דער שטאָט. די שטאָט רוט, ווי א קינד אויפן רוקן פון א קעמל, צווישן די בערג, און איר נאָמען איז נצרת. און די שטאָט איז געלעגן אויפן טראַקט, וואָס פירט פון באָרטן פון גרויסן ים קיין דמשק. און די אײַנוואוינער פון דער שטאָט האָבן זיך דערנערט פון זייערע פעלדער און אויך פון דער סטאָליערײַ־מלאכה, וואָרעם דורך דער שטאָט זיינען אדורכגעגאַנגען די וועגן, וואָס פירן קיין דמשק. און אויך אונזער רבי איז געווען א סטאָליער און א זון פון א סטאָליער, אָבער קיין תלמידי חכמים וואוינען נישט אין נצרת, בײַערט דער ראש פון בית הכנסת און זײַנע סגנים, וועלכע זיינען אויך דאָס בית־דין פון אָרט.

און עס איז געווען, ווען מיר זיינען צוגעקומען צום טויער פון דער שטאָט, אזוי איז שוין די זון געהאט אונטערגעגאַנגען, און עס האָט דערגרייכט די צײַט צו זאָגן דאָס אָונט־געבעט. האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן פעלד אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, ווען די שטערן האָבן אָנגעהויבן צו לײַכטן איבער די בערג און איבער דעם טאָל, און אונזער רבי האָט געזאָגט „שמע". און אונזער רבי האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— עס איז נישט גוט, אז מיר זאָלן אַלע צוזאַמען אַרײַנגיין אין שטאָט, וואָרעם די שטאָט איז קליין, און אירע אײַנוואוינער זיינען פון אײנפאַכן פאָלק, ווען זיי וועלן זען א רבי אָנקומען מיט תלמידים, וועלן זיי זיך דערשרעקן. זאָל יעדער גיין אין שטאָט אַרײַן באַזונדער און זוכן זיך זײַן נאַכטלעגער, און מאָרגן וועלן מיר זיך טרעפן אַלע בײַ מײַן מוטער אין שטוב, כדי מקדש צו זײַן שבת, איך וועל אָבער גיין צו מײַן מוטער אהיים, כדי מקיים צו זײַן די מצוה פון כיבוד אם.

און דער רבי האָט נאָר מיטגענומען שמעון בר־יונה און די בני־זבדי, יעקב און יוחנן, וועלכע זיינען געווען זײַנע געליבטע תלמידים, און אויך מרים, דאָס ווײַב, וואָס איז נאָכגעגאַנגען נאָך אונז. וואָרעם די אנדערע נשמות, וואָס דער רבי האָט געמאַכט אין דער שטאָט נעים, יוחנה און שו־

שנה, זיינען געבליבן אין דער שטאָט נעים, כדי פון דאָרט צו קומען קיין כפר־נחום צו דער שוויגער פון שמעון, בײַ וועלכער דער רבי האָט געוואוינט.

אז איך האָב געזען, ווי דער רבי פאַרלאָזט אונז, אזוי האָב איך זיך געשטאַרקט און צוגעטרעטן פאַר אים און געבעטן:

— עס שטייט געשריבן: „מלך ביפיו תחזינה עיניך“ — און ווער איז א גרעסערער קעניג פון רבין? לאָז אונז מיטקומען מיט דיר צו דײַן מוטערס שטוב, כדי מיר זאָלן זען, ווי דו ביסט מקיים די מצוה פון כיבוד אם, און מיר זאָלן זיך אָפּלערנען פון דיר.

און דער רבי האָט באַוויליקט.

און דאָס הויז פון דער מוטער פון מײַן רבין איז געשטאַנען בײַם וועג, וואו מען קומט ארויס פון דער שטאָט, וואו עס גייען דורך די פוסגייער און עס פאָרן אדורך די וועגענער, כדי זי זאָל די ערשטע מקיים זײַן די מצוה פון הכנסת אורחים, ווען א פרעמדער קומט אין שטאָט ארײַן. וואָרעם די מוטער פון מײַן רבי איז א גאָטספאָרכטיקע פרוי.

און עס איז געווען, ווען מיר זיינען צווישן קרומע געסלעך אדורכגעגאנגען, זיינען מיר ארויסגעקומען אויפן פרײַען פעלד אינדרויסן, האָבן מיר בײַם ראַנד פון באַרג דערזען א ליכטל ארויסשײַנען דורך דער עפענונג פון א טיר. און דער רבי האָט געזאָגט:

— דאָס איז דאָס הויז פון מײַן מוטער!

אונזער רבי האָט גענומען אונז ביידע, שמען בר־יונה און מיך, זײַן קלענסטן תלמיד, און ארײַנגעשיקט צו זײַן מוטער אין הויז, אָנצוזאָגן די בשורה פון זײַן אָנקומען. וואָרעם מען באַדאַרף נישט איבעראַשן פּלוצלינג, נאָר מען באַדאַרף אָנזאָגן דאָס קומען. מיר זיינען ארײַן אינעווייניק אין שטוב, און מיר האָבן אָנגעטראָפן די מוטער מיט אירע זין און טעכטער זיצן ארום טיש, און זיי האָבן געגעסן דאָס גערעכטע ברויט פון אַרבעטער. עס איז געווען די שעה, ווען דער טאָג־אַרבעטער עסט זײַן אָוונטברויט. און מיר האָבן זיך פאַרבויגן און מיר האָבן געזאָגט:

— שלום צו אײַך!

און די מענטשן האָבן געקוקט אויף אונז מיט פאַרוואונדערונג און געפרעגט נאָך אונזער קומען. און מיר האָבן געזאָגט:

— געשיקט זיינען מיר פון אײַער זון און ברודער, ער זאָגט אָן דורך אונז זײַן אָנקומען, און ער אליין שטייט אינדרויסן הינטער אײַער טיר.

צום ערשט זיינען אלע געבליבן זיצן בײַ זייער ברויט און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן פאַר איבעראַשונג. נאָר עס האָט זיך אָנגערופן איינער פון זײַנע שוואָגערס: „נאָכוואָס איז ער געקומען? כדי ווידער צו פאַרפינצטערן אונזער פּנים אין די אויגן פון די מענטשן פון דער שטאָט?“

אָבער די מוטער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט און האָט געזאָגט:

— וואו איז מײַן געליבט קינד, אז איך זאָל אים קאָנען ארומנעמען?

און זי האָט גענומען דעם אייל־לאָמפּ פון טיש, און האָט זיך גע־שטעלט אויף דער שוועל פון דער שטוב און גערופן אין דער נאַכט אַריין:
— תנוקי, תנוקי!
און דער רבי האָט איר אָפּגעענטפערט:
— אמי, אמי! — און ער איז צוגעגאַנגען צו איר און געבויגן זיך פאַר איר און געזאָגט: — מוטער, קרוין פון מיין קאָפּ, שלום צו דיר!
און זי האָט אים אָפּגעענטפערט:
— מיין ערשט־געבוירענער, שלום זאָל זיין צו דיין אהיימקומען!
און ער האָט זיין מוטער מחבק ומנשק געווען און איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב, און מיר, זיינע תלמידים, נאָך אים.
און דאָס הויז פון זיין מוטער איז געווען נישט גרויס און נישט גרוימיק, וואָרעם עס האָט זיך געפונען אין אים די ווערקשטעל פון דער סטאָליעריי. און עס איז געווען, ווען אונזער רבי האָט פאַרלאָזט די שטוב אָנצוהויבן דאָס ווערק פון גאָט, אַזוי האָט זיין ברודער יעקב איבערגע־נומען פאַר אים די מלאכה פון סטאָליעריי, כדי מפרנס צו זיין דאָס הויז־געזינד. ווי עס ווערט געזאָגט: „גרויס איז די מלאכה, זי באַערט דעם, וואָס פירט זי אויס".
און יעקב האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און האָט זיך געבויגן פאַר זיין ברודער און האָט געזאָגט:
— זיי געגריסט צו דיין אהיימקומען, מיין רבי און מיין עלטסטער ברודער! איז נאָר שלום מיט דיר!
און אונזער רבי האָט אָפּגעענטפערט:
— שלום איז מיט מיר, מיין פאָטער אין הימל איז געווען מיט מיר די גאַנצע צייט. איז נאָר שלום מיט אייך, מיינע ברידער?
יעקב און די איבעריקע ברידער האָבן אים אָפּגעענטפערט: „שלום!"
נאָר די שוואָגערס, די מענער פון זייערע שוועסטער, האָבן זיך אויפ־געהויבן און פאַרלאָזט דאָס הויז, וואָרעם זיי זיינען געווען בייז אויף אים.
און די מוטער האָט געזאָגט צו אירע זין:
— גייט און ברענגט וואַסער, און וואַשט די אורחים זייערע הענט און פיס, איך וועל גיין פאַרברייטן פון דעם בעסטן, וואָס געפינט זיך אין מיין שטוב, א געריכט פאַר דיר און פאַר די אורחים, וועלכע זיינען גע־קומען מיט דיר, וואָרעם איר מוזט זיין הונגעריק און דורשטיק און מיד פון וועג.
מיין רבי האָט געענטפערט און געזאָגט:
— איך בעט דיך, פאַרלאָז אונז נישט, נייערט בלייב דאָ מיט אונז, זאָלן מיינע אויגן זיך אָנזעטיקן מיט דיין אָנבליק, וואָרעם לאַנג איז שוין ווי איך האָב דיין פּנים נישט געזען, זאָלן די ברידער אָנגרייטן דאָס אָונט־ברויט, אויך די מענטשן, וועלכע זיינען מיט מיר, וועלן זיי צוהעלפן אין קאַמער ביים פייער, וואָרעם מיינע תלמידים זיינען זיי, און עס איז א מצוה פון תלמידים משמש צו זיין זייער רבין, און זיי זיינען געניט דערין.

און די מוטער האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— זאָל מען אָנצינדן אַלע אייל־לאָמפּן, וואָרעם ווי שבת איז הײַנט בײַ מיר. איך האָב אויפבאַוואָרט אין דער קאַמער, אין דער קירבּיס־פלאַש, גוטן אייל, וואָס כ׳האָב באַהאַלטן ביז מײַן זון וועט צוריק קומען. גייט און ברענגט אויך דאָס קריגל מיט האָניק, און גייט אין שטאַל און מעלקט אויס די שאָף, און זאָל מען מאַכן אַ געריכט פון אַרבעס און גרינס, און דערלאַנגט פלעצלעך צום טיש, וואָרעם עס איז אַ גרויסער יום־טוב בײַ מיר הײַנט, מײַן זון איז געקומען אַהיים!

און מיר זײַנען געגאַנגען אויספירן דער מוטערס געבאָט, און מיר האָבן אָנגעצונדן אַ פײַער אין דעם אויוון, וואָס איז געווען אויפן הויף, און געשטעלט זיך אָפּקאָכן אַ געריכט. און די ברידער האָבן זיך אויפגע־הויבן און איבערגעלאָזט די מוטער מיט איר עלטסטן זון אַליין. וואָרעם לאַנג איז די צײַט, וואָס ער האָט פאַרלאָזט דער מוטערס הויז, און זיי האָבן געגאַרט צו זײַן אַליין און צו רעדן צווישן זיך.

אָבער איך בין געשטאַנען און האָב אַרײַנגעקוקט דורך אַ שפּאַלט פון דער טיר, און בײַם שײַן פון לעמפּל האָב איך געזען, ווי דאָס פּנים פון דער מוטער האָט געשײַנט פון גרויס גליק, אָבער אירע אויגן זײַנען גע־ווען טרויעריק און פײַכט פון טרערן, און זי האָט געקוקט אויף איר קינד מיט אַ ווייטאָגדיקן בליק. די הויט פון איר פּנים איז געווען גע־רונצלט ווי אַ בלאַט אין האַרבסט, און פול מיט קנייטשן פון זאָרג און פּײַן; איר פּנים איז געגליכן געווען צום ספר „איוב", בלויז אירע אויגן האָבן אַרויסגעשײַנט דערפון מיט דעם געזאַנג פון „שיר השירים". ווען זי האָט געקוקט אויף איר ערשט־געבוירענעם, און אירע ליפּן האָבן גע־ציטערט, אַזוי אויך די אָדערן אויף איר דאַרן האַלדז, און זי האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— מײַן זון, איך בין געווען מיט דיר אין אַלע נויטן.

און ער האָט געהאַלטן איר אויסגעאַרבעטע רעכטע האַנט אין זײַנער און האָט געזאָגט:

— מײַן מוטער, איך האָב עס געוואוסט.

און זי האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— מײַן האַרץ איז שטענדיק אומרואיק וועגן דיר. מענטשן זײַנען געקומען פון כפר־נחום און פון אַנדערע ערטער, און האָבן פאַרציילט וואונדערלעכע זאַכן פון דיר. מײַן האַרץ האָט געצאַפּלט צווישן האָפענונג און שרעק: ביסט אָפטמאָל אין גרויס נויט געווען, מײַן קינד.

— גאָט, מײַן פאָטער, איז געווען מיט מיר.

און די מוטער האָט זיך אָנגערופן:

— געפערלעך איז דער וועג, אויף וועלכן דו גייסט, מײַן זון. מײַן האַרץ איז שווער. אָפטמאָל ווערסטו פאַרשוואונדן פון מיר און איך זע נישט, וואוהין דו גייסט. גאָט זאָל זיך מרחם זײַן אויף דיר און זאָל נישט אָפּטאָן פון דיר זײַן חסד.

און מײַן רבי האָט געהאַלטן די רעכטע האַנט פון זײַן מוטער אין זײַנער און געזאָגט:

— זײַ רואיק, מוטער, אַלץ איז פון גאָט און פאַר זײַן כבוד וועגן.

— מײַן קינד, איך ווייס, אז דער חסד פון גאָט רוט אויף דיר, באַוואַכט דיך טאָג און נאַכט, און דאָס איז מײַן שטאַרקייט און מײַן טרייסט.

אָבער מײַן רבי האָט זיך אָנגערופן:

— אָבער זאָג מיר, וואָס איז מיט דיר, מוטער? ווי גייט עס בײַ דיר אין שטוב?

— איך בין אַן אַלטע פרוי. דײַן פאָטער איז טויט, דײַן ברודער יעקב האָט איבערגענומען די מלאכה און איז מפרנס דאָס הויזגעזינד מיט נויט און שפּאָרזאַמקייט. די קינדער זיינען אָבער קליין און באַדאַרפן א ברודערס האַנט, וואָס זאָל זיי פירן אין רעכטפאַרטיקן וועג, און דו ביסט דער עלטסטער, דו באַדאַרפסט זיי מדריך זײַן אין יידישן וועג, און דו האָסט פאַרלאָזט דאָס הויז, מײַן קינד!

און מײַן רבי האָט אָפּגעענטפערט און געזאָגט:

— מײַן ערדישער פאָטער איז טויט, אָבער מײַן הימלישער פאָטער לעבט, און ער האָט מיך גערופן צו פאַרריכטן זײַן ווערק און צו פירן זײַנע קינדער אין רעכטפאַרטיקן וועג. יעקב קאָן מיך פאַרטרעטן אין דער שטוב, ער איז א פרומער ייִד!

— מײַן קינד, ווען איך הער דיך רעדן אזוי, ווערט מײַן האַרץ צעגאָסן פאַר שרעק. ווער ביסטו דאָס, אייגנטלעך, מײַן קינד? איך קען דיך אליין נישט!

און מײַן רבי האָט געהאַלטן דער מוטערס רעכטע האַנט אין זײַנער און געזאָגט:

— זײַ רואיק, מײַן מוטער! און זאָל דײַן האַרץ אָנגעפילט ווערן מיט פרייד, ווי א טרויב מיט ווײַן אין האַרבסט־צײַט. עס וועלן זיך בענטשן מיט דיר די פעלקער פון דער וועלט, צו רחל וועסטו זײַן געגליכן, און מיט שרה און רבקה, די הייליקע אמהות, וועט דײַן טייל זײַן...

און די מוטער האָט געווישט די טרערן פון אירע אויגן מיט איר שירץ און געזאָגט:

— גאָט זאָל דיך אזוי טרייסטן, ווי דו האָסט דײַן מוטער געטרייסט. אָבער איצט לאָז מיך, מײַן קינד, זיי באַדאַרפן מײַן הילף אין דער קאַמער און בײַם פײַער. גיי צו די כלים, וואַש דײַנע הענט און פיס, און זאָלן דײַנע לײַט, וואָס זיינען מיט דיר, וואַשן זייערע הענט און קומען צום טיש, וואָרעם הונגעריק און דורשטיק מוזט איר זײַן.

און ווי זי האָט געזאָגט די דאָזיקע רייד, אזוי האָט זי פאַרלאָזט דעם זון, און איז געגאַנגען צו די כלים אין שטוב. אָבער אויפן וועג האָט זי פאַר לויטער פרייד פאַרלוירן איין סאַנדאַל פון אירע פיס. און ווי מײַן רבי האָט דאָס געזען, אזוי האָט ער געאײַלט צו איר, געבויגן זיך צו דער ערד פאַר איר און אויסגעשפּרייט זײַנע הענט און געזאָגט:

— מוטער, טרעט אויף מײַנע הענט, און שטעל נישט דײַן נאַקעטן פוס אויף דער ערד.

אָבער די מוטער האָט געזאָגט:

— מײַן קינד, איך וועל נישט טון צו דערנידעריקן דײַן כבוד אזוי פאר מיר!

אָבער מײַן רבי האָט געזאָגט:

— מוטער, לאָז מיך מקיים זײַן די מצוה פון כיבוד אם, ווי דמיה בן נתינה פון אשקלון האָט דאָס מיט זײַן מוטער געטון.

וואָרעם עס איז, נעמלעך, פאראן געווען אין דער שטאָט אשקלון א כושי מיט דעם נאָמען דמיה בן נתינה, וועלכער איז זייער גרויס געווען אין דער מצוה פון כבוד אב ואם — און די חכמים האָבן אים נישט געקאָנט נאָכטון און האָבן זיך אין אים זייער מתקנא געווען. און ווי ווײַט איז דערגאנגען דער כיבוד אם פון דמיה בן נתינה? אזוי ווײַט איז ער דערגאַנגען: אַנומלט איז ער געזעסן בײַ א סעודה מיט די גרויסע לײַט פון זײַן שטאָט, איז זײַן מוטער געקומען פאר אים און האָט אים מחרף ומגדף געווען און האָט אויסגעטון איר סאַנדאַל און געשלאָגן איר זון מיט אים, וואָרעם זי איז חסר דעה געווען. דער זון האָט אָבער נישט געוואָלט פאר די גרויסע לײַט זײַן מוטער פארשעמען, האָט ער זיך געלאָזט פון איר שלאָגן און געזאָגט: „מײַן מוטער, איז מײַן שטראָף שוין גענוג?״, און עס איז געווען, ווען דער סאַנדאַל, מיט וועלכן זי האָט געשלאָגן איר זון, איז איר פון דער האַנט אַרויסגעפאַלן, האָט דמיה בן נתינה פון דער ערד דעם סאַנדאַל אויפגעהויבן און זײַן מוטער אים דערלאַנגט, כדי זי זאָל זיך נישט באַדאַרפן אראָפּבויגן צו דער ערד אים אליין אויפצוהייבן.

ווען איך האָב געזען, ווי מײַן רבי האָט זײַן מוטער כבוד אָפּגעגעבן, האָב איך מיך זייער דערפרייט, וואָס מײַן רבי האָט אין דער מצוה פון כיבוד אם איבערגעשטיגן דעם כושי דמיה בן נתינה פון אשקלון.

VII

מיר האָבן געוואַשן אונזערע הענט און געזעצט זיך ארום טיש. דער טיש, וואָס איז געגליכן צום מזבח פון גאָט, איז בײַ מײַן רבינס מוטער אָפּגעהיטן געוואָרן מיט גרויס ריינקייט און אויפגעפּאַסט געוואָרן מיט אַלע דינים. לויט די יאָרן האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט ארום טיש, די מוטער אויבנאָן, לעבן איר דער עלטסטער זון, און די איבעריקע ברידער לויט די יאָרן נאָך. אויך מיר, די אורחים, זיינען באהאנדלט געוואָרן מיט גרויס כבוד, און מיר זיינען געזעסן אויף דער צווייטער זײַט פון דער מוטער. דער רבי האָט געבענטשט איבערן ברויט און אײַנגעטונקען זײַן

ברויט אין זאַלץ. נאָך אים האָבן מיר אַלע אײַנגעטונקען אונזער ברויט אין זאַלץ, אַזוי ווי דער דין איז: צום ערשט דער עלטסטער און דערנאָך די איבעריקע לויט די יאָרן. און אַזוי איז אויך געווען מיט דער קערה. צום ערשט האָט דער עלטסטער אײַנגעטונקען זײַנע פֿינגער אין דער קערה מיט געקעכץ, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן טיש, און אַלע לויט די יאָרן — נאָך אים. נאָכדעם ווי מיר האָבן אָפּגעגעסן און אָפּגעוואַשן אונזערע הענט אין וואַסער, האָבן מיר גאָט געבענטשט, וואָס ער האָט אונדז געזעטיקט און מיר האָבן נאָך איבערגעלאָזן שפּײַז.

און די מוטער האָט פֿאַר אונזער רבי פֿאַרגעברייט אַ געלעגער אויפֿן דאַך־שטיבל, דאָרט וואו ער פֿלעגט נעכטיקן בשעת ער איז נאָך געווען אינדערהיים. דער רבי האָט גענומען זײַן נאַכטלאָמפּ און האָט געזאָגט צו זײַן מוטער „שלום“, אַזוי אויך צו זײַנע ברידער און צו אונדז, זײַנע תּלמידים, און ער איז אַרויפֿגעגאַנגען אין זײַן דאַך־שטיבל, וואָרעם ער איז מיד געווען פֿון וועג און פֿון דער עבֿודה. און מיר זיינען איבערגעבליבן מיט זײַן מוטער און זײַנע ברידער אין שטוב.

און עס איז געווען, ווען מיר זיינען געבליבן מיט זײַן מוטער און זײַנע ברידער אַליין, אַזוי זיינען מיר, שמעון בר־יונה און איך, צוגעגאַנגען צו זײַן מוטער און מיר האָבן זיך געבויגן פֿאַר איר, און מיר האָבן צו איר אַזוי געזאָגט:

— געבענטשטע פֿון די פֿרויען, געבענטשט זאָל זײַן דײַן בויך, פֿון וועלכן עס איז געבוירן געוואָרן דאָס ליכט פֿון ישׂראל. אויך אונזער מוטער ביסטו. די מוטער פֿון רבין איז אויך די מוטער פֿון זײַנע תּלמידים. ווי עס ווערט געזאָגט: „דער וואָס לערנט מיט וועמען תּורה, איז געגליכן, ווי ער וואָלט אים געבוירן“. פֿאַרצייל אונדז פֿון דער טואונג פֿון דײַן זון ביז איצט, כּדי מיר זאָלן וויסן ווער אונזער רבי איז.

און די מוטער האָט זיך געזעצט מיט אונדז אויף דער שוועל פֿון דער טיר, און בײַם ליכט פֿון די שטערן האָט זי אונדז פֿאַרציילט:

— „וואָס זאָל איך אײַך זאָגן און וואָס זאָל איך אײַך פֿאַרציילן, תּלמידים פֿון מײַן זון? געלויבט צו גאָט, וואָס איך האָב זוכה געווען דערצו! פֿון אָרעמען פֿאָלק קומען מיר און מיט דעם געמיינעם מאַן זיצן מיר, פֿון בעל־מלאכה־שטאַנד שטאַמען מיר אָפּ. און עס איז געווען, ווען איך בין טראָגעדיק געוואָרן מיט מײַן זון, האָט אַ פֿרייד אָנגעפֿילט מײַנע ברוסטן, איך האָב געוואוסט, אַז עפּעס גרויסעס האָט גאָט מיט מיר פֿאַר, און איך האָב געבעטן צום פֿאָטער אין הימל און געזאָגט: „ווען דו ועסט באַווילליקן און דײַן דינסטמויד וועט אַ זון געבוירן, דיר שענק איך אים, ווי חנה האָט מיט שמואלן געטון!“. און ווען עס איז געקומען די צײַט, אַז איך זאָל געבוירן, האָט מײַן מאַן גענומען מיך, זײַן ווײַב, און זײַנע גרינגע הויז־זאַכן, און מיר האָבן געצויגן קיין בית־לחם אין יהודה, וואָס איז אין אפֿרת, וואָרעם פֿון דאָרט קומען מיר צו גיין. און ווען מען האָט געפֿירט די ציילונג אין לאַנד, האָבן מיר זיך געמוזט שטעלן יעדער איינער אויף זײַן

צוגעשריבן אָרט. און די שטאָט בית־לחם איז געווען איבערפֿולט מיט
לײַט, וואָרעם אַלע, וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער שטאָט, האָבן זיך געמוזט
שטעלן אויפֿן אָרט. קיינער האָט אונז אין דער שטוב נישט אַרײַנגענומען,
און מיר האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן מיט אַנדערע אָרעמעלײַט אין אַ הויף
פֿון אַ גאַסטהויז. מײַן מאַן איז געגאַנגען פֿאַרדינען בײַ אַ סטאָליער דאָס
טעגלעכע ברויט. אָבער ווען עס איז געקומען די צײַט פֿאַר מיר צו גיין
אויף דער בראָכשטול, אַזוי האָט מײַן מאַן גערעדט מיט די שעפֿער־לײַט,
וואָס האָבן געפּיטערט די שאָף הינטער דער שטאָט, אַז זיי זאָלן מיך לאָזן
אָפּלייגן מײַן קינד אין שטאַל, וואו זיי האַלטן די יונגע שאָף. וואָרעם עס
איז געווען ווינטער אין לאַנד, און אַ גרויסע קעלט האָט געהערשט, און
מיר האָבן זיך געפֿונען אויף דער גאַס, נישט געהאַט וואו דעם קאָפּ אַני־
דערצוליגן. די שעפֿער־לײַט האָבן רחמנות געקריגן אויף אונז, זיי זײַנען
געווען גוטע לײַט און מורא געהאַט פֿאַר גאָט. און זיי האָבן געמאַכט אַ
ווינקל פֿאַר מיר אין שטאַל צווישן די שאָף, אויסגעשפּרייט אַ ביסל
טרוקן שטרוי און היי, עס זאָל מיר וואַרעם זײַן. מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן
מײַן געמיט און ווי עס איז מיר געווען אויף דער נשמה, איך האָב דענסט־
מאָל אויסגעלייגט מײַן צעבראָכן האַרץ פֿאַר גאָט און געזאָגט: „דו אַליין
זעסט מײַן שאַנד — צווישן שאָף אין שטאַל זאָל איך מײַן ערשט־געבוי־
רענעם אָפּלייגן, ווי אַ בהמה". און מײַן מאַן איז געזעסן לעבן מיר און
האָט מיך געטרייסט: „זײַ נישט באַטריבט, ווײַב, אויך אין שטאַל צווישן
שאָף קאָן געבוירן ווערן אַ העלפֿער אין ישׂראל. איז דען נישט אונזער
קעניג און פֿאָטער דוד המלך אַ שעפֿער געווען און איז געבוירן געוואָרן
אין דער דאָזיקער שטאָט, און האָט נישט גאָט אים פֿון אונטער די שאָף
אַפּגענומען, אַז ער זאָל אַ קעניג זײַן אין ישׂראל? ווער ווייסט, מײַן
ווײַב, אפֿשר וועט דײַן קינד אויך אַ קעניג זײַן — פֿון דוד המלך קומט ער
ארויס!..." און נאָך אַזעלכע ענלעכע טרייסט־ווערטער האָט מיר מײַן
גוטער מאַן געזאָגט. און עס איז געקומען די צײַט פֿאַר מיר, אַז איך זאָל
גיין אויף דער בראָכשטול, אַזוי איז קיינער נישט געווען מיר צו העלפֿן,
נאָר מײַן מאַן אַליין. אָבער גאָט האָט געזען מײַן נויט, און איז מיר געקו־
מען צוהילף. אַ גרויס ליכט איז אויפֿגעגאַנגען אין מײַנע אויגן, איך האָב
באַשײַנפּערלעך געזען, ווי גאָט האָט געוואָלט מײַן פּינצטערניש באַלײַכטן
און מײַן געפֿאַלנקייט דערהויבן, האָט ער גרויסע לײַכטער אָנגעצונדן
איבער מײַן געלעגער, די ליכטיקע לבנה און גרויסע שטערן האָבן אַרײַנ־
געקוקט צו מיר דורך דעם אָפֿענעם דאַך, און עס איז געווען, ווי זיי וואָלטן
מיך געטרייסט. און אַ שטילקייט איז געווען אַרום מיר, אַזוי אַז מײַן
האַרץ האָט אַזש געציטערט אין מיר, און אַ גרויסע אימה איז מיך באַ־
פֿאַלן. מען איז דאָך נאָר אַ זינדיק ווײַב און גאָטס תורה נישט געלערנט,
נאָר עס איז מיר פֿאָרגעקומען, ווי די הימלען האָבן זיך באַדעקט מיט
גרויס כּבֿוד, און דער שלום און דער גוטער ווילן האָט אַראָפּגענידערט
און געקומען צו די מענטשן מיט מײַן קינדס געבוירן. און איך האָב זיך

אַנגערופֿן צו מײַן מאַן: „איך ווייס נישט, וואָס עס איז מיט מיר, נאָר איך זע אַזוי פֿיל ליכט, און איך הער אַ געזאַנג דערגייט צו מיר, און גוטע געשמאַקן, ווי פֿון גן־עדן אַרויס, נעמען מיך אַרום". און מײַן מאַן האָט געזאָגט: „דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל דײַן האַרץ איז שווער געווען, און גאָט האָט געזען אונזער שאַנד און האָט דיך געטרייסט — דו האָסט גע־בוירן אַ זון!" — „אָבער פֿאַרוואָס איז אַזוי ליכטיק אַרום מיר, עס זעט זיך מיר אויס, ווי די לבֿנה און די שטערן וואָלטן געקומען צו מיר אין שטאָל אַרײַן מיך צו באַגריסן?" — זאָג איך נאָך צו מײַן מאַן, וועלכער העלפֿט מיר נעבעך אויף דער בראָכשטול אָפּצונעמען דאָס קינד. „עס איז אַ גוטער סימן, מײַן ווײַב, וואָס דו זעסט ליכט. דאָס באַדײַט — אַ ליכט איז געבוירן געוואָרן אין ישׂראל!" — און ער טוט מײַן ערשט־געבוי־רענעם אין מײַנע אָרעמס לייגן און דעקט מיך צו מיט אַ האָר־מאַנטל. און די יונגע שאָף און די רינדער טוען זיך דריקן אַרום מײַן געלעגער און לעקן מיר מיטן קינד מיט זייערע צונגען די פֿיס און די הענט, און דעקן אונז צו מיט זייער פֿעל, ווי זיי וואָלטן אונז וואַרעמען געוואָלט. וואָרעם קאַלט איז בײַ מיר אין שטאָל געווען. און מײַן מאַן זאָגט צו מיר: „זע, מײַן ווײַב, אַפֿילו דאָס פֿי קומט זיך פֿרייען מיט דיר!", און ער מאַכט מיר באַקוועם און טרייסט מיך און שטילט מיך אײַן און זאָגט צו מיר: „אויך אונזערע אבֿות זיינען געווען שעפֿער־לײַט, און פֿון די שאָף אוועק האָט גאָט גערופֿן משהן, אַז ער זאָל אַרויספֿירן די יידן פֿון מצרים. דורכ־דעם, מײַן ווײַב, זאָלסטו גאָרנישט זײַן געפּאַלן בײַ דיר, וואָס דו האָסט געבוירן דײַן זון צווישן די שאָף!"... אַזעלכע מין טרייסט־ווערטער האָט דענסטמאָל גערעדט צו מיר מײַן מאַן.

„און אויך די גוטע שעפֿער־לײַט, וואָס זענען געווען בײַ זייערע טשע־רעדעס, זיינען געקומען פֿון פֿעלד אַראָפּ מיך צו באַגריסן און באַקוועם מיר צו מאַכן, און זיי האָבן מיר געבראַכט אַ קריגל מילך און אַ שטיקל ברויט, און געשטעלט עס פֿאַר מיר. און זיי האָבן צו מיר געזאָגט: „שלום צו דיר, מוטער אין ישׂראל, גאָט מוז מיינען מיט דיר גוט, וואָרעם עס איז זייער אַ ליכטיקע נאַכט אינדרויסן, וואָס אַזעלכעס האָבן מיר נאָכנישט געזען. די שטערן שײַנען גרויס, און די לבֿנה איז אין פֿולן ליכט, און פֿון די בערג קוקן אַראָפּ די קאַפּלען מיט שניי. נישט אַנדערש, נאָר אַ ליכט האָט זיך אָנגעצונדן אין ישׂראל!"

און איך האָב זיי געזאָגט:

— פֿיל דאַנק אײַך, שעפֿער־לײַט, פֿאַר די גוטע רייד.

זיי האָבן צוגעדעקט מײַנע פֿיס מיט שעפּסן־פֿעל, וואָרעם עס איז געווען קאַלט בײַ מיר אין שטאָל. עס איז געווען ווינטער אין לאַנד, און די שעה פֿון נויט האָט זיך פֿאַרוואַנדלט פֿאַר מיר אין אַ גרויס גליק.

— „און מיר זענען געזעסן דאָרט מיט די גוטע שעפֿער־לײַט, ביז עס איז געקומען די צײַט איך זאָל אַרײַנבערענגען מײַן קינד אין דעם ברית פֿון אבֿרהם אָבֿינו, און מיר האָבן גערופֿן זײַן נאָמען ישוע אין ישׂראל,

דאָס הייסט — א הילף צו ישראל זאָלסטו זײַן. און מײַן מאַן האָט גענומען מיך, זײַן ווײַב, זײַן ערשט־געבוירענעם, און אַלץ, וואָס האָט באלאנגט צו אים, און מיר זיינען אויפגעגאנגען קיין ירושלים דער הייליקער שטאָט אויף אונזער וועג אהיים, וואָרעם עס איז געקומען די צײַט צו ברענגען מײַן קרבן פון ריינקייט און צושטעלן מײַן קינד פארן כהן פון גאָט, צו געבן פאר אים אן אויסלייז.

„איך האָב געבראכט דעם קרבן פון אן אָרעמאַן אויפן מזבח פאר מײַן ריינקייט, טירלקטויבן צווי, און מײַן מאַן האָט גענומען זײַן ערשט־געבוירענעם זון אין איין האַנט און פינף שקלים זילבער, אין דער וואָג פון צדון, אין דער צווייטער האַנט, און האָט זיך געשטעלט פארן כהן. און דער כהן האָט אים געפרעגט: „וואָס ווילסטו אָפּגעבן צו גאָט, דײַן זון אָדער די פינף שקלים — פאר אן אויסלייז פון דײַן בכור, וואָס געהער צו גאָט, ווי משה האָט אונז געלערנט?". און עס איז געווען, ווי מײַן מאַן האָט דעם כהן איבערגעגעבן די פינף שקלים אלס אויסלייז, אזוי האָט דער כהן גענומען דאָס אויסלייז־געלט. אָבער דערבײַ איז געשטאַנען א פרומער מאַן, און שמעון איז געווען זײַן נאָמען, און מען האָט אים גע־קענט אין גאַנץ ירושלים פאר א גערעכטן, אז דער רוח הקודש רוט אויף אים. און דער פרומער מאַן האָט גענומען דאָס קינד פון זײַן פאָטערס הענט און עס אויפגעהויבן אינדערהויך און געזאָגט: „אפשר איז דאָס משיח? איך דאַנק דיר גאָט, וואָס איך האָב געזען דעם העלפער פון ישראל!" — און אונז האָט געוואונדערט זײַנע רייד. און עס איז געווען דערנאָך, ווען איך האָב דאָס פארציילט די מוטערס, וואָס זיינען געווען פארזאַמלט אין הויף פון די ווײַבער, וועלכע זיינען געקומען אויסלייזן זייערע ערשט־געבוירענע בײַם כהן, וואָס דער וואונדערלעכער מאַן האָט געזאָגט אויף מײַן זון, אזוי האָבן זיי געזאָגט: „ער האָט עס אויך מיט אונזערע ערשט־געבוירענע זין געטון!" — וואָרעם דער מאַן וואָרט אויף דעם דערלייזער פון די יידן, און ער האָט גאָט געבעטן, אז ער זאָל נישט זען דעם טויט, ביז ער וועט נישט זען פריער דעם משיח פון די יידן. און ער שטייט און וואָרט אָפּ א גאנצן טאָג בײַם כהן, און יעדעס נײַ־געבוירענע קינד, וואָס מען ברענגט פארן פדיון הבן צום כהן, הייבט ער אויף אין זײַנע הענט און פרעגט: „אפשר איז דאָס משיח?" — וואָרעם פון יעדער יידישער מוטער קאָן געבוירן ווערן משיח, דער דערלייזער פון די יידן.

„און מײַן מאַן האָט גענומען דאָס הויזגעזינד, און מיר האָבן אוועק־געצויגן אין אונזער היים.

„און מײַן קינד איז געוואַקסן מיט גאָט. און קוים האָט ער נאָר גע־קאָנט שטאַמלען, אזוי האָב איך אים געלערנט „שמע" זאָגן, כדי מקיים צו זײַן וואָס עס שטייט געשריבן: „פון מויל פון שטאַמלענדיקע און זייגנ־דיקע (מפי עוללים ויונקים) לויבן דיך, גאָט". און ווען ער איז נאָך געווען בײַ דער מוטערס ברוסט, האָב איך אים געוויזן די הייליקע שריפט, כדי

מקיים צו זײַן דעם פסוק: „מיט דער מילך פון דער ברוסט...״ און דאָס קינד איז געוואַקסן אין דעם חסד פון גאָט, און עס האָבן זיך געבענטשט מיט אים די מוטערס פון שטאָט, וואָרעם ער איז געווען שיין צום אָנזען, די שכינה פון גאָט האָט גערוט אויף אים און ער האָט געפונען ליבטזע־ליקייט אין די אויגן פון גאָט און לײַט.

„און ווען מײַן זון איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר, אַזוי האָט אים זײַן פאָטער אײַנגעוויקלט אין א טלית און געטראָגן אים צום חזן פון בית הכנסת צו לערנען מיט אים, ווי מיט די אַנדערע קינדער פון שטאָט, תורה. יעדן טאָג האָט ער אונז אהיימגעבראַכט זײַן פסוק. און עס איז גע־ווען, ווען מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש עסן, אַזוי האָט דער פאָטער געזאָגט: „זאָג מיר דײַן פסוק, תנוקי, וואָס דו האָסט געלערנט הײַנט אין בית הכנסת״. און ער האָט געזאָגט זײַן פסוק: „דער אָנהויב פון דער חכמה איז די פורכט פאַר גאָט״. און דער פאָטער האָט געלערנט מיט אים אין די אָוונטן און אין די שבתים, כדי מקיים צו זײַן וואָס עס שטייט גע־שריבן: „איר זאָלט זי לערנען אײַערע קינדער״. ער האָט געקאָנט לייע־נען אין דער הייליקער שריפט און געוואוסט פיל פסוקים פון אויסנווי־ניק. און עס איז געווען, אַז עס האָט אים ווער געטראָפן אין גאַס און גע־זאָגט צו אים: „יינגל, זאָג מיר דײַן פסוק!״ — אַזוי האָט ער אים געזאָגט דעם פסוק, וואָס ער האָט געלערנט דעם טאָג.

„איינמאָל איז געווען א גרויס טריקעניש אין לאַנד, די תבואות אויף די פעלדער זיינען פאַרברענט געוואָרן, און מענטש און בהמה האָבן גע־לעכצט נאָך וואַסער, וואָרעם אַלע ברונעמער זיינען אויסגעטריקנט גע־ווען, אַזוי זיינען געגאַנגען די עלטסטע פון שטאָט צו א תלמיד חכם, וואָס האָט געוואוינט אין פעלד, און דער תלמיד חכם איז געווען באַרימט פאַר א פרומען און גערעכטן מאַן, און זײַן וואָרט טראָגט געוויכט בײַ גאָט. און עס איז געווען, ווען דער תלמיד חכם איז אין די פאַרנאַכטן פון דער אַרבעט אין פעלד אהיימגעקומען, אַזוי זיינען אים די עלטסטע פון דער שטאָט נאָכגעגאַנגען און אים געבעטן: „זײַ מתפלל פאַר אונז אויף רעגן, וואָרעם אונזערע תבואות ווערן פאַרברענט אויפן פעלד, און מיר וועלן נישט האָבן וואָס אײַנצוזאַמלען אין אונזערע שפּײַכלערס אויפן ווינטער, און אונזערע בהמות גייען אויס פאַר דורשט און ווערן פאַרשמאַכט״. אָבער דער תלמיד חכם האָט זיי געענטפערט און געזאָגט: „איבער אײַערע זינד שטראָפט אײַך גאָט אַזוי, ווײַל איר האָט אָפּגעקערט פון גערעכטן וועג״. און ער האָט נישט געוואָלט בעטן, כדי זיי זאָלן תשובה טון. מײַן יינגל איז פון בית הכנסת געקומען, און ווי ער האָט געזען, אַז דער תלמיד חכם וויל נישט בעטן אויף רעגן, אַזוי האָט זיך מײַן יינגל געטראַכט: שטייט דען נישט געשריבן — „ווען ס׳איז מיר ענג, רוף איך צו גאָט״, און שטייט דען אויך נישט געשריבן: „ווי א פאָטער איז זיך מרחם אויף זײַ־נע קינדער, אַזוי איז זיך גאָט מרחם אויף די, וואָס האָבן פאַר אים מורא״... און ווײַל ער נישט בעטן, וועל איך עס טון.

און ער האָט זיך אוועקגעשטעלט בעטן צו גאָט, און גאָט האָט געהערט מײַן ייִנגלס געבעט, און די הימלען האָבן זיך באַדעקט מיט וואָלקנס, און דער רעגן איז געקומען אין זײַן צײַט. און ווען מײַן זון האָט געזען, אַז גאָט האָט דערהערט זײַן געבעט, אַזוי האָט ער זיך דערשראָקן פאַר דער זאַך, און ער איז געקומען אַהיים און האָט עס מיר פאַרציילט. און איך האָב אויף אים אָנגעשריגן און געזאָגט: „וואָס רעדסטו דיר אײַן, מײַן קינד? גאָט האָט עס געטון אין זכות פון די אָרעמעלײַט". אָבער אין האַרץ האָב איך אָפּגעהיטן די זאַך.

„און עס איז געווען, ווען אונזער עלטסטער זון איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר, אַזוי האָט מײַן מאַן געזאָגט: עס איז צײַט, אַז דאָס ייִנגל זאָל אויפגיין מיט אונז קיין ירושלים עולה־רגל זײַן, כדי זײַנע אויגן זאָלן זען די פּראַכט פון ישראל — דאָס בית מקדש פון גאָט, — ווי אין פּסוק שטייט. און מיר האָבן גענומען אַ שעפּסל פון אונזער אָרעמער סטאַדע, באַקראַנצט עס מיט אײַלבירטן־צווײַגן, און מיר זײַנען אויפגעגאַנגען צוזאַמען מיט אַנדערע לאַנדסלײַט פון אונזער שטאָט אויף פּסח קיין ירושלים. אויפן וועג האָבן מיר זיך אָנגעשלאָסן מיט די לאַנדסלײַט פון אַנדערע שטאָט, און מיר זײַנען געגאַנגען מיט געזאַנג אין אונזער טאָל אין דער שיינער פרילינגס־צײַט. און מיר האָבן געזאָגט הלל און אַנדערע געזאַנגען פון תהילים, און מיר האָבן זיך זייער געפרייט און דאָס ייִנגל — מיט אונז, איבער דעם וואָס מיר וועלן באַלד זוכה זײַן צו זען די הייליקייט. און ווען מיר האָבן זיך דערנעענטערט צו דער שטאָט, האָבן מיר געזען די פּראַכט פון ישראל פון די בערג אַראָפּ — דאָס בית מקדש שײַנט ווי אַ זון אויפן הר־הבית; איז דאָס ייִנגל גאָר פרייליך געוואָרן, ווי ער וואָלט פליגל באַקומען, און ער האָט געוואָלט פליען אַהין. אויפן הר־הבית האָט ער זיך געקענט אויס־און־אײַן, ווי ער וואָלט געווען איינער פון די פּרחי־כהונה, ווי דאָס בית המקדש וואָלט זײַן היים געווען. ער האָט געקענט אַלע לשכות, וואו עס זיצן די געלערנטע לײַט און משפּטן דאָס פאָלק, וואו עס האַלטן זיך אויף די כהנים בעת זייער רו, וואו עס זײַנען די קאַמערן פון אייל, די בגדי־כהונה און די אומצייליקע זײַטן־גענג און די געוועלבונגען אין די קאַמערן אונטער די דעכער. אויך האָט ער זיך אויפגעהאַלטן צווישן די זײַלן הינטער דעם בית־מקדש, וואו עס געפינען זיך אָן אַ שיעור לײַט, וואָס קומען אויף יום־טוב קיין ירושלים. אין יעדער גרופּע איז ער געווען, בײַ יעדער משפּחה איז ער געזעסן, צוגעהערט זיך צו די רייד, וואָס דאָס פאָלק רעדט. זײַן אויער איז אָפן געווען פאַר יעדער קרעכץ, דורך זײַן האַרץ איז אדורכגעגאַנגען יעדער ווײ און יעדע פּײַן, וואָס דאָס פאָלק האָט אין ירושלים מיטגעמאַכט. עס איז דענסטמאָל געווען אַ שווערע צײַט פאַר ישראל. רוים האָט יהודה באַזעצט, און דאָס פאָלק האָט געמורמלט אויף דעם נײַעם כהן גדול, וועלכן רוים האָט באַשטימט. ער האָט געהאָלפן באַשווערן ישראל מיט כלערליי שטײַערן. מען האָט גערעדט דענסטמאָל, אַז עס איז משיחס צײַטן, עס הערן

זיך שוין זײַנע טריט, װאָרעם דאָס װאַסער איז שוין דערגאַנגען ביז צום האַלדז. דאָס פאָלק האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם שװערן יאָך, װאָס רוים און דער נײַער כהן גדול האָבן אַרויפגעלייגט אויף אים. אַ גרויס ביטערניש האָט זיך געטראָגן פון מויל צו מויל. און דער קלײנער איז אומעטום געװען, פון אַלעם האָט ער געװאוסט, צו אַלעם זיך צוגע־הערט. בײַם שיינעם טויער איז געװען אַ גרויס אַנגעלויף. די רוימישע סאָלדאַטן, װעלכע זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט צװישן די זײַלן, אין דעם הויף פון די הײדן, האָבן זיך געװאָרפן אויף די לײַט, װאָרעם מען האָט געזאָגט, אַז זיי בונטעװען זיך קעגן כהן גדול, װאָס איז אַ פרײַנד פון רוים. און די רוימער מיט די שװערדן אין די הענט האָבן געיאָגט דאָס פאָלק פון טויער ביז איבער דער בריק אין שטאָט אַרײַן. פיל זיינען פון דער שװערד אומגעקומען, נאָך מער זיינען אומגעקומען אין געדראַנג. זיי זיינען פון דער בריק אין טאָל געפאַלן. מײַן האַרץ איז צעגאַנגען פאַר אַנגסט: אויך מײַן קינד איז אין דער מענגע געװען, װער װייסט, װאָס עס איז געשען מיט אים! און איך האָב געבעטן אין מײַן האַרץ צו גאָט: „אונטער דײַן השגחה גיב איך אים איבער, דו װעסט אים פאַר אַ היטער זײַן!" באַלד איז מײַן יינגל געקומען צו גיין צו אונזער פאַמיליע־שטאַנד, װאָס מיר האָבן אין די קעלערן געהאַט. בײַם משפחה־קרבן זיינען פאַרזאַמלט געװען אונזערע לאַנדסלײַט, לויטער נצרת׳ער לײַט, — מיר האָבן זיך דאָ באַהאַלטן פאַרן צאָרן פון פײַנד. איך האָב מײַן קינד נישט דערקענט: זײַנע אויגן האָבן געפלאַמט, זײַן פּנים איז בלייך געװען. איך געדענק זײַן געשפּרעך מיט מיר ביזן הײַנטיקן טאָג: „פרעמדע זיינען אין דײַן היכל געקומען..." — האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן. — „מײַן זון, װאָס איז מיט דיר?" — ענטפערט ער מיר: „פאַרװאָס פאַרשפּע־טיקט זיך משיח אַזױ?". — „זײַ רואיק, מײַן קינד, עס הערן זיך שוין זײַנע טריט, משיחס צײַטן זיינען געקומען, אונזערע צרות װערן גע־ציילט, אונזערע טרערן געזאַמלט, באַלד װעט די מאָס זײַן פול!". — „װען װעט ער קומען, מוטער?". — „װען מיר װעלן זוכה זײַן. אפשר איז ער שוין דאָ מיט אונז און װאַרט, ביז מיר װעלן צו דער ישועה זײַן גרייט, ביז מיר װעלן זיך צוריקקערן צו אונזער גאָט מיט אונזער גאַנץ האַרץ און מיר װעלן װערן דערלייזט". — „װאו איז ער, דער דערלייזער, מו־טער?". — „אפשר ביסטו עס, מײַן קינד, װער װייסט? פון יעדן ייד קאָן די ישועה קומען".

„מיר זיינען ביידע דערשראָקן געװאָרן פאַר די רייד, װאָס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מײַן מויל.

„און עס איז געװען, װען מיר זיינען נאָך יום טוב צוריקגעגאַנגען אַהיים, איז מײַן זון אונז פאַרלוירן געגאַנגען אויפן װעג. איך האָב גע־מיינט, אַז מײַן עלטסטער זון איז מיט די לאַנדסלײַט, װי זײַן געװוינ־הייט איז געװען, אומעטום צו זײַן. װאָרעם דורך דער צײַט, װען מיר זיינען עולה קיין ירושלים, װערן יידן איין משפּחה, די קינדער זיינען

אויסגעמישט צוזאַמען — און איך האָב נישט באַמערקט, אַז ער פעלט מיר, ביז מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אַ טאָג גאַנג. איך האָב אים געזוכט צווישן די באַקאַנטע און לאַנדסלייט, און מיר האָבן אים נישט געפונען. און מיר האָבן פאַרלאָזט די חברותא און זיך אומגעקערט קיין ירושלים צו זוכן מיין פאַרלוירענעם זון. ערשט, מיר האָבן אים געפונען זיצן אין דער לשכה פון די געשליפענע שטיינער, וואו עס זיינען געווען אויסגעזעצט די געלערנטע לייט. ער איז געזעסן צווישן זיי און זיך איינגעהערט צו זייערע רייד. ער איז געזעסן צופוסנס פון אַן אַלטן מאַן און געפרעגט אים פראַגן פון דער הייליקער שריפט, און דער אַלטער האָט אים אָפּגעענטפערט, ווי דער מנהג איז געווען — צו ענטפערן יעדן קינד, וואָס האָט געפרעגט אַן אויסטייטש אין דער שריפט. און דער אַלטער מאַן האָט זיך זייער געפרייט מיט דער חכמה פון מיין זון און געזאָגט: „עס זאָלן זיך מערן אַ סך ווי דו אין ישראל!”. און ווי איך האָב געזען מיין קינד ביי די פיס פון די גרויסע לייט, אַזוי האָב איך אים גערופן און געזאָגט: „וואָס האָסטו צו אונז אָפּגעטון, איך און דער פאָטער האָבן באַשווערט אונזערע הערצער מיט אומרואיקייט פון דיינעטוועגן”. האָט ער מיר געענטפערט: „מוטער, אַמבעסטן לאָזט מיך דאָ אין גאָטס הויז, האָסטו מיר דען נישט געזאָגט, דו האָסט מיך פון מיין געבורט אָן צו גאָט געשאָנקען — איך זאָל די תורה פאָרשן?”.

„ער האָט דערנאָך די גאַנצע צייט קיין ירושלים געבענקט. ווען האָבן מיר געוואָלט אים איבערלאָזן אין ירושלים צו לערנען תורה ביי די פיס פון די גרויסע תלמידי חכמים, נאָך וואָס זיין נשמה האָט אַזוי געלעכצט. אָבער מיר זיינען פון פּראָסטן פאָלק, און מיין מאַן, עליו השלום, האָט געזאָגט, אַז תורה איז גוט, ווען זי גייט האַנט ביי האַנט מיט אַ מלאכה, נישט אַזוי ווי יענע תלמידי חכמים, וואָס מאַכן אויס דער תורה אַ שפּאָדל צו גראָבן מיט איר. און ווער עס לערנט נישט זיין זון אַ מלאכה — זאָגט דאָס שפּריכוואָרט — איז ווי ער וואָלט אים געלערנט אַ גזלן צו זיין. און ווי מיין זון איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, און מיין מאַן האָט אים מחנך געווען אין דער מצוה פון תפילין לייגן, האָט ער אים אין ווערקשטעל אריינגענומען און געלערנט אים די מלאָכה פון זיינע אבות, ווי עס איז דער מנהג, אַז דער טאַטע לערנט דעם זון די מלאכה, וואָס ער פירט אליין. גאָט האָט געהאַט געבענטשט מיין בויך, און איך האָב געוואונען צו מיין מאַן פיל זין און טעכטער, און ער איז שוין נישט מער געווען דער אייגאונאיינציקער. די משפחה איז אָן עין הרע געוואַקסן, און שווער ווי קריעת ים־סוף קומט אָן דעם בעל־מלאכה זיין שטיקל ברויט, האָבן מיר ביי טאָג געאַרבעט און, ווי דער שטייגער, פסוקים פון תהילים געזאָגט דערביי. אין די אָוונטן האָט מיין מאַן געלערנט מיין זון דאָס, וואָס ער האָט אליין געקאָנט. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, ביי דעם ליכט פון די שטערן, האָט ער אים איבערגעגעבן די פסוקים, וואָס ער האָט אליין געוואוסט פון אויסנווייניק. מיר באַזיצן אויך אין דער משפחה אַ מגילה־

ראָלע, אַ טײל פֿון דער תּורה, דאָס איז דער טײַערסטער אוצר, װאָס מײַן מאַן האָט פֿון זײַנע אבֿות געירשנט, פֿון דור צו דור װערט די מגילה איבערגעגעבן צום עלטסטן זון. אױפֿבאַװאָרט איז זי אין אונזער שטוב אין דער גרעסטער רײנקײט אין אַ טוך אײַנגעהילט, כּדי מיר זאָלן זי נישט מיט אונזערע אומרײנע הענט אָנרירן. און װען זײ האָבן נאָר צײַט געהאַט אין די ימים טובֿים בײַטאָג און אינדערװאָכנס בײַם שײַן פֿון די שטערן, האָבן זײ דערינען געלערנט, כּדי מקיים צו זײַן, װאָס עס שטײט געשריבן: „און זאָלסט זיך אַרײַנטראַכטן אין דער לערע בײַטאָג און בײַנאַכט". מײַן מאַן האָט דעם זון געקאָנט נאָר איבערגעבן די תּורה שבכתב, פֿון דער מסורה האָבן מיר אַלײן פֿיל נישט געװאוסט, בלױז װאָס מען האָט אונז אַמאָל מיטגעבראַכט פֿון ירושלים אַ דין, אַ הלכה, אָדער אַן אגדה, װאָס די מאַנספּאַרשױנען האָבן געהערט פֿון די חכמימס מײַלער אין בית־מקדש־הױף, — איבערגעגעבן פֿון הלל און די אַנדערע אַלטע לײַט; אַמאָל קומט אױף שבת אַ רבי אַראָפּ פֿון דער שטאָט נעים און דרשנט בײַ קריאת התּורה אין דער שול. מײַן זון האָט אָבער געגאַרט צו װיסן, אַזױ װי עס שטײט געשריבן: „װי אַן אינד צום קװאַל װאַסער, אַזױ בענקט מײַן נשמה נאָך גאָט". און ער איז געזעסן אין בית הכּנסת און געלערנט פֿון סגן און פֿון חזן און פֿון ראש הקהל. און װען עס איז אין שטאָט געקומען אַ רבי דרשענען, איז ער געזעסן צו זײַנע פֿיס און געגאַרט צו פֿאַרנעמען פֿון זײַן מױל גאָטס װאָרט. און ער האָט צונױפֿגעזאַמלט די תּנוקות של בית רבן און געפֿירט זײ אין בית הכּנסת אַרײַן און געלערנט זײ נאָכזאָגן דעם חזן „אָמן" און „יהי שמה רבא", פֿאַר װעלכן דער ראש הקהל האָט אים זײער געלױבט. דאָס ייִנגל איז זײער באַליבט געװאָרן, װאָרעם ער איז געגאַנגען אין גאָטס װעגן און אױפֿגעפֿירט זיך פֿרום. בשעת ער האָט געבעטן, האָט אױסגעזען, װי מלאכים װאָלטן אַרום אים געשטאַנען און זײַנע װערטער געטראָגן צו דער פּמליה של מעלה. איך זאָג דאָס נישט, װײַל עס איז מײַן קינד, נאָר די לײַט פֿון שטאָט קענען עדות זאָגן דערױף. און ער האָט געװאוסט אין דער שריפֿט װי אַ געלערנטער מאַן. און װען מען האָט אים שבת אין שול אַמאָל צו קריאת התּורה גערופֿן, האָט ער זיך אַװעקגעשטעלט דרשנען, האָבן די לײַט מױל און אױערן אױפֿגעעפֿנט, װאָרעם אַזעלכעס האָבן זײ נאָך נישט פֿון אַ ייִנגל געהערט. און זײ האָבן אײנער דעם אַנדערן געפֿרעגט מיט דערשטױנען: פֿונװאַנען קומט עס צו אים? — איז ער דען נישט יוסף דעם דישלמאַכערס זון? װאו האָט ער דאָס אַלץ געלערנט?

„אָבער אַזױ װי דער רבונו של עולם װאָלט געװען געלײגט זײַן האַנט אױף אים, ער האָט געפֿונען חן אין גאָטס און אין לײַטס אױגן. װען ער האָט געבעטן װעגן עפּעס, אַזױ האָט מען געקאָנט באַשײַנפּערלעך זען, װי זײַן תּפֿילה װערט אָנגענומען. אַמאָל האָט ער געזען אַן אַלטן קראַנקן מאַן זיצן אױף דער שװעל פֿון דער שול און ער האָט נישט געקאָנט גײן, יװאָרעם זײַנע פֿיס זײַנען געװען געלײמט, און מײַן זון האָט

געקוקט אויף אים מיט גרויס רחמנות. ווי דער מאַן האָט געזען, אַז דאָס קינד קוקט אויף אים מיט רחמנות און צער, אַזוי האָט ער זיך אָנגערופן צו אים: „וואָס קוקסטו אויף מיר מיט אַזעלכע אויגן, ווי דו וואָלסט מיך געוואָלט היילן?". האָט זיך מײַן זון אָנגערופן: „אויב דו גלויבסט, אַז איך קאָן דיך היילן, קאָן איך דיך געזונט מאַכן!". און דער מאַן האָט צו אים געזאָגט: „איך זע אין דײַן פּנים די גרויסע קראַפט פון רחמנות. איך גלויב באמונה שלימה, אַז ווען גאָט וויל, קאָן ער מיך היילן דורך דיר". אַזוי האָט זיך מײַן זון אָנגערופן:„דו האָסט עס געזאָגט! אין נאָמען פון גאָט באַפעל איך דיר: הייב דיך אויף אויף דײַנע פיס, דו ביסט געהיילט!". און דער מאַן האָט גענומען און אויפגעשטעלט זיך אויף זײַנע פיס. און דער מאַן, זײַט וויסן, איז געווען געליימט אַ לאַנגע צײַט. די זאַך האָט זיך אַרומגערעדט אין דער שטאָט, און מען האָט געזאָגט אויף מײַן קינד, אַז ער באַזיצט אַ געהיימען כוח, מיט וועלכן גאָט האָט אים באַשאָנקען. און די לײַט האָבן אָנגעהויבן צו קומען צו אים מיט אַלע זייערע זאָרגן און קרענק. און ווען מיר, זײַן פאָטער און מוטער, האָבן געזען, ווי ווײַט די זאַכן דערגייען, האָבן מיר זיך דערשראָקן, און מיר האָבן גערעדט צווישן זיך: „ווער ווייסט, וואָס גאָט האָט פאַר מיט אונזער קינד? וואָרעם דער חסד פון גאָט רוט אויף אים".

„און איינמאָל איז ער געקומען צו אונז און האָט אונז געפרעגט: „צי עס איז אמת, אַז מיר שטאַמען פון דוד המלך?" — וואָרעם עס איז געווען אַ קבלה אין אונזער משפּחה, אַז מיר קומען אַרויס פון דודס הויז, וואָרעם פון בית לחם אין אפרת שטאַמען מיר אָפּ; און אַזוי שטייט פאַרשריבן אין ספר היוחסין פון די משפּחות אין ישראל. נאָר בשעת הורדוס הרשע האָט אָנגעהויבן צו רודפן אַלע, וואָס קומען אַרויס פון דודס הויז, אַזוי איז די זאַך פאַרשוויגן געוואָרן, און דאָס ספר היוחסין איז אונטערגע־גאַנגען, אָבער די קבלה איז געווען אין מײַן מאַנס משפּחה פון דור צו דור פאַרצייכנט און אויפבאַוואַרט. און ווי מײַן מאַן האָט דאָס דערהערט, אַזוי האָט ער אָנגעהויבן אויף אים צו שרײַען און האָט געזאָגט: "ווילסטו ווי יוסף דער בעל החלומות זײַן און אויפהויבן זיך איבער אַלע דײַנע ברי־דער? גאָט האָט ליב די דערנידעריקטע געמיטער". אָבער מיר האָבן אָפּגעהיטן די זאַך אין אונזער האַרץ.

„און דערנאָכמאָל איז אַ גרויס ענדערונג אין דעם טון פון מײַן זון אַרײַנגעקומען. מיר האָבן אים נישט דערקענט. זײַן אויפפירונג איז נישט געווען ווי נעכטן און אייערנעכטן, אויף גאַנצע טעג ווערט ער פאַרפאַלן, האַלט זיך אין די וועלדער אויף, נעכטיקט אין פעלד און קומט אינדער־פרי אהיים, מיט טוי באַדעקט דעם קאָפּ; אָדער ער גייט אַרויס אין פעלד און העלפט דעם פעלד־אַרבעטער אין זײַן אַרבעט, זיצט מיט די בעלי־מלאכות בײַ דער טיר פון דער שול, לערנט מיט זיי פון דער הייליקער שריפט, זאָגט זיי פּסוקים פון תהילים און טרייסט זיי אין זייער נויט. מען זעט אים נאָר אין דער געזעלשאַפט פון געדריקטע און אַרויסגע־

שטויסענע, פאַרלאָזענע פון גאָט און פון לײַט. ער איז מבקר חולה די קראַנקע און טרייסט די שוואַכע. און וואו עס איז דאָ פּײַן און נויט, געפינט ער זיך, ווי ער וואָלט געוואָלט יעדן איינעם העלפן טראָגן זײַן שווער געמיט. אָפּטמאָל האָב איך אים געהערט רעדן ביטערע רייד קעגן די רײַכע און געבילדעטע, וואָס דריקן דעם אָרעמאַן און נעמען זיך נישט אָן די עוולה פון יתומים. דאָס האַרץ פון מײַן קינד ווערט געפּלאָגט פון די עוולות, וואָס די רײַכע און געלערנטע באַגייען קעגן דעם אָרעמאַן און פּראָסטן מאַן. אונזער שטאָט ליגט אויפן פעלד, אירע אײַנוואוינער זיינען מערסטנטיילס אַקערלײַט, אומגעבילדעט אין דער שריפט, פיל זיינען ספק־יידן, קעגן וועלכע די רײַכע האָבן געבונדן איין באַנד צו מאַכן זיי ענג. זיי באַלייגן די אָרעמעלײַט מיט פיל שטײַערן און אָפּצאָלן פאַרן קייסער, פאַרן בית מקדש, פאַרן כהן גדול, און די גבאים מיט די מוכסים מאָנען אויף די אָפּצאָלונגען מיט א שטאַרקער האַנט פונעם אָרעמאַן. און ווי ס׳איז בעוונותינו הרבים דער מנהג בײַ אונז, נעמען זיי אים צו זײַן ביסל אָרעם האָב און גוטס, זײַן אַקער און אייזל — קעגן דעם געבאָט פון דער שריפט, זיי לאָזן אים בײַנאַכט אָן א קלייד. אָפּטמאָל וואַרפט מען אים נעבעך אין תפיסה ארײַן, אָדער מען מאַכט אים פאַר א קנעכט צו אַרבעטן פאַר זיי אויף זײַן אייגן שטיקל פעלד. פיל עוולות ווערן בײַ אונז באַגאַנגען קעגן דעם פאָלק פון לאַנד, און די שנאה צווישן די געבילדעטע און די עמי־הארצים איז זייער גרויס בײַ אונז. מײַן זון זעט די עוולות און שרײַט נאָך דער גערעכטיקייט פון גאָט. — „ווי צו דעם דור, וואָס האָט אַזעלכע פירערס! — רופט ער צו זיי — זיי זיינען ווי שעפערס, וואָס שערן די שאָף אין דעם ווינטער און רעגן, כדי צו וואַרעמען זיך אין אָרעמאַנס פעל. גאָטס צאָרן וועט זיך אויסגיסן אויף זיי״!

„און אויך מיט די געלערנטע לײַט, מיטן ראש הקהל און מיט די סגנים איז ער נישט געווען שוה בשוה דערפאַר,ווײַל זיי לאָזן רוען די עוולה אין זייער שטאָט און זיי שיידן זיך אָפּ פון פּראָסטן מאַן און האַלטן זיך גרויס מיט זייער לערע און פרומקייט. וואָרעם בעוונותינו הרבים מאַכן אונזערע געלערנטע לײַט א חילוק צווישן זיך און דעם רעשט פאָלק און טוען זיך גרויסן מיט זייער געלערנטקייט, און דעם פּראָסטן מענטש טוען זיי פאַראַכטן און דערקלערן אים פאַר טמא. און מײַן זון האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די עוולות, וואָס עס ווערן באַגאַנגען קעגן געמיינעם מאַן, און ער האָט געהאַלטן אין איין קריגן זיך מיט די לײַט פון דער שטאָט און גערעדט אויף זיי האַרטע רייד. אמאָל איז ער צו קריאת התורה אויפגערופן געוואָרן, האָט ער גענומען דאָס ספר ישעיה און האָט ארויסגעלייענט פון דער שריפט: „זיי טוען דערנענטערן גרענעץ צו גרענעץ״. און ער האָט געדרשנט דעם פּסוק אויף די רײַכע לײַט פון דער שטאָט און ער האָט געזאָגט: „ ווייַ צו אײַך, איר רײַכע, וואָס איר טוט באַענגען דעם אָרעמאַן״... און נאָך אַזעלכע ביטערע רייד. און עס איז געוואָרן א געמורמל צווישן די מתפּללים און זיי האָבן געפרעגט: „ווער איז דער,

וואָס קומט צו אונז מוסר זאָגן? איז עס נישט אַמאָל יוסף דעם סטאָליערס זון?״, און זיי האָבן אים אָנגענומען און האָבן אים הינטער דער שטאָט ארויסגעפירט און אים געשלאָגן און געוואָלט אים פון א פעלזנשטיין אין אָפּגרונט אראָפּוואַרפן, ווי זיי האָבן אַמאָל מיטן נביא זכריה געטון. אָבער גאָט האָט אים געראַטעוועט פון זייערע הענט, און זיי האָבן אים גע־לאָזט גיין.

„און דאָס געמיט פון מײַן זון איז געוואָרן שווערער פון טאָג צו טאָג. ער האָט געזוכט די גערעכטיקייט פון גאָט צווישן די מענטשן, און האָט זי נישט געפונען. און איך האָב געזען, ווי יעדע עוולה בלוטיקט זײַן האַרץ, ווי דער דאָרן שטעכט זיך ארײַן אין א רויז. עס איז דענסטמאָל געווען א שווערע צײַט מיט אים. איך האָב געמיינט חלילה, אז מײַן קינד גייט צוגרונד. ער האָט עפּעס געזוכט, וואָס מיר האָבן נישט געוואוסט. ביז איינמאָל איז געקומען א מאַן אין אונזער שטאָט ארײַן, איינער פון די נזירים, וועלכע זיצן אין דער מדבר און פאָרשן גאָטס וועגן. ער האָט זיך געשטעלט אין מאַרק פון דער שטאָט און גערופן צו די מענטשן, זיי זאָלן תשובה טון, וואָרעם דאָס קעניגרײַך פון גאָט דערנענטערט זיך און עס הערן זיך שוין די טריט פון משיחן. מײַן זון האָט זיך באַהאָפטן צום נזיר, און ער איז געקומען צו זײַן פאָטער און מוטער און גענומען רשות פון אונז אָפּצושיידן זיך, כדי צו גיין מיטן נזיר אין דער מדבר ארײַן צו פאָרשן גאָטס וועגן; ער האָט געזאָגט: „א נדר האָב איך אויף מיר גענומען צו גיין אין דער מדבר און צו פאָרשן גאָטס וועגן, וואָרעם מײַן נשמה בענקט צו קענען גאָט״. און מײַן מאַן האָט געזאָגט: „ווען זײַן נשמה בענקט צו קענען גאָט, זאָל ער גיין אין גאָטס נאָמען און זיצן מיט די נזירים אין דער מדבר, ווײַל ער האָט א נדר געטון און ער איז שוין א בר־עונש״. און איך האָב זיך צעשיידט מיט מײַן קינד מיט א שווער האַרץ. וואָרעם ווען אפילו גאָט האָט מיר געגעבן אויך אַנדערע זין און טעכטער, איז דאָך מײַן ערשט־געבוירענער געווען פאַר מײַן מאַן און מיר דאָס, וואָס יוסף — פאַר יעקב אבינו, דער געליבטסטער זון, די ערשטע פרוכט פון אונזער ליבע. און איך האָב גענומען ברויט און א געטריקנט קעזל און א העמד, און געשיקט אים אין וועג ארײַן מיטן נזיר אין גאָטס נאָמען.

„און עס זענען אדורכגעגאַנגען טעג און יאָרן, און איך האָב נישט געהערט און נישט געזען אים. אָבער מײַן האַרץ האָט נישט אויפגעהערט צו בענקען נאָך אים, וואָרעם מײַן נשמה איז געווען אָנגעבונדן אין זײַנער. און עס איז געווען נאָך א לאנגער צײַט, האָט גאָט צוגענומען די קרוין פון מײַן קאָפּ, מײַן מאַן איז אײַנגעגאנגען מיט זײַנע עלטערן, און איך בין איבערגעבליבן אַן אלמנה און מײַנע קינדער יתומים, און איך האָב נישט געוואוסט אויס־און־אײַן, וואָרעם איך האָב נישט געהאַט קיין גואל אין שטאָט, און די קינדער זײַנען נאָך געווען קליין און צאַרט, און עס איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל מיך מפרנס זײַן, און ס׳איז נישטאָ, ווער עס זאָל מיר זאָגן א טרייסטוואָרט. און עס איז געווען א מאָל אין א מאָרגן

און איך האָב געזען אַ מאַן קומט צו גיין, זייַנע האָר זיינען געוואַקסן לאַנג און זייַנע פֿיס באָרוועס, און ער איז געווען געקליידט אין אַ פֿעל פֿון אַ לעמפּערט, ער איז געווען דאַר און דין, פֿאַרברענט פֿון דער זון אין דער מדבר. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין מייַן טיר, און איך האָב געזען מייַן זון פֿאַר מיר, און ער האָט צו מיר געזאָגט: „הערן האָב איך געהערט, אַז דייַן מאַן איז אייַנגעגאַנגען מיט זייַנע עלטערן און דו ביסט איבערגעבליבן מיט די קינדער אַליין, און איך בין געקומען צוהעלפֿן דיר אין דייַן נויט”. און ער האָט זיך אוועקגעשטעלט בייַ דער אַרבעט פֿון זייַן פֿאָטער בייַם ווערקשטעל און האָט מפרנס געווען דאָס הויז און האָט מחנך געווען זייַנע ברידער און אויפֿגעצויגן זיי אין יידישן דת. נאָר איך האָב נישט דערקענט די וועגן פֿון מייַן זון. ער האָט געמאַכט זייַנע נעכט צו טעג, אין זייַן קאַמער איז ער געזעסן בייַם שייַן פֿון אייל־לאָמפּ אין די ווינטער־נעכט, בייַ דער לבנה און שטערן אין די זומער־נעכט, און ער האָט אַרייַנגעטראַכט זיך אין די שריפֿטן, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך. און אויך בייַ דער אַרבעט האָט ער גערעדט אַליין צו זיך פּסוקים, וואָס זיינען מיר נישט געווען באַקאַנט. פֿון ספֿר „חנוך” האָט ער מיר פֿאַרציילט וועגן די ריזן, וואָס זיינען אַראָפּגעפֿאַלן פֿון הימל און אויסגעמישט זיך מיט די טעכטער פֿון לאַנד, און דער שלעכטער דור, וואָס עס איז אַרויסגעקומען פֿון זיי, און וועגן די שלעכטע צייַטן, אין וועלכע מיר לעבן. נאָר באַלד — האָט ער געזאָגט — וועט אָנקומען די ישועה, אַ זון וועט אויפֿגיין אין ישראל און וועט שייַנען אויף דער וועלט. און מיט פּסוקים און משלים האָט ער מיר פֿאַרציילט וועגן דער מפּלה פֿון די רשעים און דעם ליכט פֿון די צדיקים, די הילף פֿאַר די אָרעמלייַט און די בראָך צו די גבירים, וואָס דער בן־דוד וועט ברענגען אויף דער וועלט. און ער האָט זיך אָפּגעשיידט פֿון אַלע, געהאַלטן זיך אין איין ריינקייט זייַן לייַב, נישט אָנגערירט קיין דבר טמא און אויסגעמיטן צו עסן פֿלייש און צו טרינקען ווייַן, נאָר דערנערט זיך פֿון גרעזער, בלויז פֿאַר עונג־שבת — אַ ביסל האָניק געגומען אויף זייַן ברויט. איך האָב געזאָגט צו מייַן זון: „עס איז צייַט, אַז דו זאָלסט לאָזן פֿון אַ חכם דייַן נדר מתיר זייַן, עס איז שוין צייַט איך זאָל אויך פֿון דיר נחת דערלעבן. און צי האָבן דען די חכמים נישט געזאָגט: „בן שמונה עשרה לחופּה!” — און נאָך אַזעלכע רייד, ווי דער שטייגער איז, וואָס אַ מוטער רעדט צו אַ קינד. „האָסטו מיך דען נישט צו גאָט געשאָנקען איידער איך בין נאָך געבוירן געוואָרן, האָסט עס מיר דען נישט אַליין פֿאַרציילט?” — האָט ער מיר אָפּגעענטפֿערט. און איך האָב רחמנות געקריגן אויף מייַן קינד, און איך האָב אים געזאָגט: „מייַן זון, איך האָב אַזוי נישט געמיינט”. אָבער ער האָט מיר געענטפֿערט: „מייַן נדר בלייַבט שטיין, מוטער!” — און מער האָט ער נישט גערעדט דערפֿון. ער איז געגאַנגען זייַן וועג, און זייַן וועג איז געווען אַנדערש ווי ביז איצט — ער האָט נישט געשטראָפֿט די רייַכע און נישט אַנטקעגנגעשטעלט זיך דאָס שלעכטס, און ער האָט מיר גע־

זאָגט: „דאָס שלעכטס איז אויך פון גאָט, פּונקט ווי דאָס גוטע. אזוי ווי עס שטייט — יוצר אור ובורא חושך, עושה שלום ובורא רע, אני ה׳ עושה כל אלה — דאָס שלעכטס איז דאָ, כדי אונז בעסער צו מאַכן, און מיר באַדאַרפן זיך נישט אים אנטקעגנשטעלן, וואָרעם עס איז פון גאָט געשיקט, נאָר מקבל צו זײַן די יסורים אויף זיך מיט ליבע און אונטערטעניקייט. דער מענטש איז באַשאַפן נישט צו קעמפן מיט שלעכטס, נאָר צו טון גוטס״. און ער האָט מבקר־חולה געווען די קראַנקע און געהיילט זיי מיט קרײַטעכצער און גראָזן, וואָס ער האָט פון דער מדבר געבראַכט. ער האָט געוואוינט צווישן די אָרעמע און געטרייסט זיי, אז אין קעניגרײַך פון גאָט וועלן זיי זײַן די ערשטע. ער האָט אויסגעמיטן די חברותא פון די רײַכע און געלערנטע, אין בית־הכנסת איז ער בײַ דער טיר געשטאַנען מיט די ארויסגעשטויסענע און פארשעמטע. אין זײַן דאַך־שטיבל, וואָס איך האָב פאר אים געמאַכט אין דעם הויז, האָב איך אָפטמאָל בײַנאַכט געזען אַ גרויס ליכט שײַנען, איך האָב געהערט שטימען רעדן, ווי עס וואָלטן צו אים פרעמדע געקומען. ער האָט צו עמיצן מיט פסוקים גערעדט און פרעמדע קולות האָבן אים אָפּגעענטפערט. איך בין דערשראָקן און דערציטערט געוואָרן פאר די זאַכן, וואָס ווערן אין זײַן שטיבל געטון, און איך האָב געזאָגט צו מײַן זון: „מײַן זון, איך דערקען דיך נישט, איך ווייס נישט, ווער דו ביסט, די מעשים, וואָס דו טוסט!״. און ער האָט מיר געענטפערט: „זײַ געטרייסט, מוטער, אַלץ וואָס ווערט געטון און גערעדט, איז פארן כבוד פון מײַן פאָטער אין הימל״.

„און איינמאָל בין איך געלעגן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט און געטראַכט וועגן דעם גורל פון מײַן קינד, און אַ שטורעמווינט איז געקומען צו גיין און האָט אָנגענומען די פיר זײַטן פון מײַן שטיבל און האָט זיי געגעבן איין גרויסן טרייסל, אז איך האָב געמיינט, די ווענט פאַלן אויף מיר. איך בין געלעגן און געציטערט, און מײַן זון איז געקומען און געפרעגט: „מוטער, האָסטו מיך גערופן?״, און איך האָב געענטפערט: „ניין!״. אזוי האָט עס זיך איבערגעחזרט דרײַ מאָל. אויפן דריטן מאָל האָט מײַן זון געזאָגט: „נישט אַנדערש, נאָר מײַן צײַט איז געקומען!״. און איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט, און איך האָב אים געפרעגט: „וואָס האָסטו פאָר, מײַן קינד?״. און ער האָט מיר געענטפערט: „איך מוז גיין אין דעם שליחות, וואוהין דער הימלישער פאָטער שיקט מיך!״. און איך בין דערשטוינט געוואָרן פון זײַנע רייד און האָב אים געפרעגט: „און אויף וועמען לאָזסטו מיך?״, און ער האָט מיר געענטפערט: „מײַן ברודער יעקב איז דערוואַקסן, ער וועט פארנעמען מײַן אָרט בײַם ווערקשטעל, און ער וועט דערציען די קינדער אין יידישן וועג. איך מוז גיין, וואוהין איך ווער געשיקט!״. און ער האָט מיך פארלאָזט און איז ארויסגעגאַנגען אין דער נאַכט ארײַן. איך האָב אים נאָכגעשריגן: „תנוקי, גאָט זאָל זײַן מיט דיר!״ — און ער האָט מיר נאָר אָפּגעענטפערט: „אמי, זײַ געטרייסט!״. און ער איז פארשוואונדן געוואָרן אין דער פינצטערניש פון

דער נאַכט. טעג און יאָרן האָב איך אויף אים געוואַרט, און איך האָב נישט געהערט פון אים און נישט געזען אים, ביז די לײַט זײַנען געקומען פון כפר־נחום און האָבן פאַרציילט פון די וואונדער, וואָס ער האָט בײַם ים כנרת געטון. און די לײַט זײַנען געקומען צו מיר פון אַנדערע שטעט און האָבן מיר פאַרציילט פון דער תורה, וואָס ער פאַרשפּרייט אין ישראל. איך ווייס נישט, וואָס גאָט האָט געטון מיט מיר, מײַן האַרץ פלאַטערט צווישן האָפענונג און שרעק. גאָר גרויסעס האָט גאָט פאָר מיט אים, נאָר איך ווייס נישט, פאַרוואָס מײַן האַרץ שרעקט זיך אַזוי, איך ווייס נישט זײַנע וועגן, איך בין נאָר אַ פּראָסט ווײַב. זאָגט איר מיר, זײַנע תלמידים, ווער מײַן קינד איז?"

און איך האָב זיך אויפגעהויבן און געבוקט זיך פאַר דער מוטער פון מײַן רבין און געזאָגט:

— וואויל איז דיר, גליקלעכע פון די פרויען, עס וועלן זיך בענטשן מיט דיר די פעלקער פון דער וועלט. געבענטשט זאָל זײַן דער בויך, פון וועלכן עס איז אַרויסגעקומען דער צדיק.

און עס איז געווען דערנאָך, אַזוי האָב איך געזאָגט צו שמעון בר־יונה:

— שמעון בר־יונה, שמעון בר־יונה, גליקלעך זײַנען מיר, וואָס מיר האָבן זוכה געווען דערצו, גרויסע זאַכן טוט מיט אונז גאָט!

און שמעון בר־יונה האָט נישט פאַרשטאַנען מײַן מיין און ער האָט זיך אָנגערופן צו מיר:

— איך בין אין דער שריפט נישט שטאַרק. זאָג מיר באַשייד, וואָס דו מיינסט!

און איך האָב אים געענטפערט:

— שמעון בר־יונה, די מוטער זאָגט עדות אויף אים, אין בית־לחם אין אפרת איז ער געבוירן, און פון דודס הויז קומט ער אַרויס...

מער האָב איך אים נישט געזאָגט, נאָר אָפּגעהיטן די זאַך אין מײַן האַרץ.

און מיר זײַנען געשטאַנען אין דער נאַכט, און מיר האָבן געקוקט אויף דעם הויז, אין וועלכן עס רוט דער הייליקער פון ישראל. דאָס הײַזל, אײַנגעוועבט אין געדיכטע שאָטנס, איז געוואָרן באַגאָסן מיט דעם ליכט פון די שטערן און לבנה, און עס האָט גערוט אין זײַן זיכערקייט און אין שוץ פון גאָט.

VIII

גרויס איז דער שבת, ער איז געגליכן צו דעם משיח פון גאָט, און פונקט ווי משיח איז ער געווען מיט דעם האַר אין הימל אײדער די וועלט איז נאָך באַשאַפן געוואָרן. דאָס מײנט צו זאָגן, אַז די רו איז געווען פאַר דער באַוועגונג און די גאולה פאַר דער עבדות.

צומאָרגנס איז געווען פרײַטאָג, ערב שבת, און מײַן רבי האָט זיך געפעדערט גאַנץ פרי, און אײדער ער האָט זיך גענומען מכין זײַן פאַר שבת, האָט ער נאָכגעקוקט, צי זײַנע ברידער טוען זײער מלאכה בשלימות, ווי זײַן פאָטער עליו השלום און ער אַלײן האָבן זיך אויפגעפירט, און מיט וועלכן זײַן משפחה איז באַרימט געווען פאַר דור־דורות.

ער האָט גערופן זײַן ברודער יעקב, וועלכער האָט איבערגענומען די מלאכה פון אים, כדי דאָס הויז מפרנס צו זײַן, און איז געגאַנגען מיט אים אין ווערקשטעל אַרײַן, און ער האָט געפרווט, צי דאָס האָלץ־מאַטעריאַל, פון וועלכן די ברידער אַרבעטן אויס זײערע וועגענער, איז נישט פריש און לײַכט צו צעברעכן, נאָר עס איז אַלט און אויסגעטריקנט, צי די רעדער זײַנען שטאַרק און די לײַסטן גוט אַרײַנגעפּאַסט אײנער אין אַנדערן און גוט געלאַמט, און צי די דישלעס זײַנען אויסגעבויגן און די כאָמעטן גענוג ברײט, אַז זײ זאָלן נישט דריקן און ענג מאַכן דער בהמה אין איר שלעפן די משא, און צי די באַנדן זײַנען גענוג לויז, אַז זײ זאָלן נישט פאַרשליסן דעם מויל פון אײזל אָדער קו, בשעת זײ דרעשן אין פעלד, כדי זײ זאָלן קענען עסן פון די גראָזן — אַזוי ווי די תורה זאָגט אָן. און ער האָט אײַנגעפונען, אַז די ברידער טוען זײער מלאכה בשלימות, ווי דער דין איז און לויטן גוטן שם פון זײער משפחה, וואָרעם די כלים וואָס זײַן פאָטער און דער רבי האָבן אויסגעאַרבעט זײַנען באַרימט געווען אין דער געגנט, און ער האָט זײ דערפאַר געלויבט.

דערנאָך האָט ער גענומען זײַן ברודער שמעון און איז געגאַנגען מיט אים אין גאָרטן און אין פעלד אַרויס, וואָרעם זײַן ברודער שמעון איז געווען דער ממונה איבער דער קלײנער נחלה, וואָס האָט געהערט צו דער משפחה, און ער האָט באַאַרבעט דעם גאָרטן און דאָס פעלד, וואָס איז געווען אַרום הויז; און דער רבי האָט נאָכגעזען, צי זײַן ברודער היט אָפּ די מצוות פון דער תורה, וואָס זײַנען נוגע די פעלד־אַרבעט, צי ער לאָזט איבער די עקן פון פעלד פאַרן אָרעמאַן און דעם פרעמדן, וואָס וואוינט אין דער שטאָט. און ער האָט געפרעגט און נאָכגעפאָרשט, צי דער ברודער נעמט אַראָפּ דאָס צענטל פון דעם שניט פאַר דעם כהן, ווי דער דין איז. ער האָט אויך נאָכגעפאָרשט, צי דער ברודער לאָזט איבער דעם צווײטן נאָכוואוקס פון די טרויבן אין דעם קלײנעם ווײַנגאָרטן פאַר די אָרעמעלײַט און ער זאַמלט זײ נישט אין זײַן קעלטער אַרײַן, און אַזוי

אויף דאָס, וואָס פאַלט אונטער דעם שניידמעסער אראָפּ און עס גייט נישט אין בינטל אַריין. און די צייט איז געווען פרילינג, און דאָס פעלד האָט געבליט און דער ווייץ איז שוין געווען גרויס, נאָר נאָך גרין און האַריק און געבויגן זיך מיט פרומקייט פאַר דעם ווינט — און ער האָט זיי געבענטשט.

און ער האָט גענומען זיין ברודער און איז געגאַנגען מיט אים אין קליינעם גערטנדל, וואָס איז געווען אַרום זייער הויז, און געזען, ווי יעדער פייג, וואָס האָט אויסגעקוקט שוין צייטיק צו ווערן אויפן בוים, איז אָנגעצייכנט מיט אַן אַרומגעוויקלט גרעזל, מקודש געווען פאַר ביכו־רים צו ברענגען אין בית־מקדש אַריין. און דער גאָרטן איז פול געווען מיט בליעכץ, און זיין מוטער איז דאָרט געשטאַנען און געמיט זיך אין גרינס־גאָרטן און האָט אויסגעגראָבן ציבעלעס און מייערן, כדי פאַרצוברייטן דאָס געריכט אויף שבת. און ער האָט געזאָגט צו איר:

— מוטער, מי דיך נישט, מיינע תלמידים וועלן באַלד קומען צו גיין פון שטאָט, און זיי וועלן פאַר זייער רבין פאַרברייטן די סעודה פון שבת, אַזוי ווי דער דין איז, אַז דער תלמיד גרייט אָן דאָס געריכט פאַרן רבין.

און זי האָט אים געענטפערט:

— די מצווה פון שבת איז זייער גרויס, און וואָס מער מען מיט זיך דערביי, אַלץ גרעסער איז די מצוה. און איך פיר מיך פון דיין פאָ־טערס צייטן אָן — יעדע שיינע פרוכט און יעדעס רייפע גרינס, וואָס איך טרעף אָן אין מיין סאָד אָדער אין גאָרטן אַ גאַנצע וואָך, צו באַהאַלטן אויף שבת, און פרייטאָג קליב איך זיי אויף.

און ער האָט גענומען זיין יינגסטן ברודער יהודה און איז געגאַנגען מיט אים אין שטאַל אַריין. דער יינגסטער איז נאָך געווען אַ קינד ביי זיין פאָטערס טויט, און דער רבי האָט אים ליבער געהאַט פון אַלע זיינע ברידער, ווייל יינגערהייט איז ער אַ יתום געבליבן, און מיין רבי איז אים אַ פאָטער געווען, און ער האָט צו אים גערופן:

— יהודה, תנוקי — וואָס איז דער טייטש: יהודה, מיין קינד — קום און פיר מיך צו דיין סטאַדע!

וואָרעם דעם יינגסטן האָט מען איבערגעגעבן די קליינע משפחה־טשערעדע צו פיטערן. די מוטער האָט פון איר דאָס ביסל מילכיקס אין שטוב געהאַט, און פון דער וואָל האָט זי פאַר אירע קינדער אין די ווינ־טער־נעכט וואַרעמע קליידער געוועבט. די סטאַדע איז געווען צו קליין, בלויז אַ פּאָר שעפּסעלעך און געציילטע ציגעלעך. און עס איז געווען, ווי מיר זיינען צו דער סטאַדע אָנגעקומען, אַזוי האָבן די שאָף אונזער רבין אַרומגערינגלט, ווי זיי וואָלטן אים דערקענט, און האָבן די פיס און די הענט אים געלעקט. און ער האָט זיך נאָכגעפרעגט נאָך דעם שלום פון די שאָף און צי דער ברודער היט דאָס שטומע געשריי פון דער בהמה, ווען זי רופט נאָך וואַסער? און דער ברודער יהודה האָט אים אָפּגעענטפערט:

— די מלאכה איז געניט אין אונזערע הענט, וואָרעם אונזערע על־טערן זיינען געווען שעפער־לײַט פון אברהם אבינו אָן!

— האָסט גוט געזאָגט, מײַן זון — האָט דער רבי אים אָפגעענטפערט.

און ווי ער האָט אזוי גערעדט, זיינען אָנגעקומען די תלמידים פון דער שטאָט, און עס איז אויך מיטגעווען די פרוי מיט זיי, וועלכע איז נאָכגעגאנגען נאָך אונזער רבין פון נעים אָן, מיט דעם נאָמען מרים. און ווי די מוטער פון רבין האָט דערזען דאָס פאָלק אָנקומען פון דער שטאָט, אזוי האָט זי געפרעגט דעם זון:

— ווער זיינען עס די לײַט?

און דער רבי האָט אָפגעענטפערט:

— דאָס זיינען די נשמות, וואָס איך האָב מיר געשאַפן, זיי זיינען דערוויַל איינצלנע, אָבער הינטער זיי שטייען לעגיאָנען!

און דער רבי האָט די פרוי, וואָס איז געקומען מיט די תלמידים צו גיין, אָנגענומען בײַ דער האַנט און זי צוגעבראַכט צו זײַן מוטער און האָט געזאָגט:

— אונטער דײַן חסד גיב איך זי איבער, נעם זי אַרײַן, וואָרעם פאַרשטויסן איז זי געווען ביז הײַנט. לערן זי די דינים, ווי א יידישע טאָכטער צו זײַן.

און די פרוי האָט זיך געבויגן פאַר דער מוטער און געפאַלן צו אירע פיס, און געזאָגט:

— איך בין נישט ווערט אָנצורירן מיט מײַנע הענט דעם זוים פון דײַן קלייד, וואָרעם אומריין בין איך!

אָבער די מוטער האָט זי אויפגעהויבן און געזאָגט:

— שטיי אויף, מײַן טאָכטער, עס איז נישט מער אומריין, וואָס מײַן זון האָט געריייניקט! — און זי האָט ווײַטער געזאָגט: — א גרויסער טאָג איז בײַ מיר הײַנט, גאָט האָט מיך נישט בלויז געלאָזט זען דעם אָנגעזיכט פון מײַן זון, נאָר אויך די תלמידים, וואָס ער האָט אויפגעשטעלט, און די נשמות, וואָס ער האָט געוואונען. וועלכע מוטער איז אזוי גליקלעך אין ישראל, ווי איך! זאָל מען גיין אין שטאָל אַרײַן און אויסזוכן דאָס גע־דריטלטע קאַלב און שעכטן לויטן דין און פאַרברייטן פאַר דעם שבת, וואָס קומט אָן. און דו, מײַן טאָכטער, קום מיט מיר צום אויוון צו באַקן דאָס ברויט און אָנצוגרייטן די לאָמפּן אויף שבת!

און זי האָט גענומען מיט זיך די פרוי, וואָס איז געקומען מיט די תלמידים, און איז געגאנגען אין קאַמער אַרײַן און גענומען ווײַס ווייצן־מעל און האָט געקנעטן מיט אייל, וואָס זי האָט פון א קירביס־פלאַש געגאָסן. זי האָט גענומען א שטיקל פון טייג און געוואָרפן אין פײַער אַרײַן, מקדיש עס געווען פאַר גאָט מיט דעם חלה־נעמען פון טייג, און זי האָט געבאַקן חלות.

און די תלמידים זיינען געגאנגען אין שטאָל אַרײַן מיט יהודה דעם יונג, און האָבן אויסגעזוכט א שאָף און געשאָכטן עס לויטן דין. און יעקב

און יוחנן, די זין פֿון זבדי, האָבן עס אָפּגעשונדן און האָבן געגראָבן אַ גרוב אין דער ערד און אָנגעצונדן אַ פֿײַער מיט שטרוי און האָלץ, און געבראָטן עס אויף די ברענענדיקע קוילן אויף אַ שפּיז. וואָרעם די מצווה איז טאָפּלט גרויס, אַז יעדער תּלמיד זאָל פֿאַרברייטן דאָס מאָלצייט פֿאַרן רבין און יעדער איינער אַליין זאָל זיך מתעסק זײַן מיט דעם שבת. אַזוי האָבן די ברידער זבדי דעם שעפּס אויף אַ שפּיז איבערן פֿײַער געדרייט. פֿיליפּוס האָט זיך מיט דעם גרינס פֿאַרנומען, געריבן רויטע בוראַקעס. די אַנדערע האָבן פֿיש פֿון מאַרק געבראַכט, אין אייל געטונקען, אין טייג געוויקלט און געבאַקן אויפֿן פֿײַער. תּימא און חדי האָבן געוואַשן די סדינים, די אויבערקליידער פֿון די תּלמידים, וואָס זיי האָבן בײַ דער אַרבעט אויסגעטון, כּדי נישט צו באַדינען דעם רבין בײַם טיש אין די זעלבע קליידער, אין וועלכע זיי האָבן געקאָכט פֿאַר אים דאָס געקעכץ; די קליידער האָבן זיי געטרוקנט אויף דער זון, כּדי זיי דערנאָך איבערצוטון לכּבֿוד שבת. איך האָב פֿאַרגעברייט די לאָמפּן, געצויגן קנויטן אויס דינעם איידעלן פֿאָדעם, וואָס רויכערט נישט, און אויסגעזוכט די אייל, וואָס מען מעג אויף שבת אין די לאָמפּן באַנוצן, כּדי זיי זאָלן נישט אַרויסגעבן קיין שלעכטן ריח. אַנדרעי האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט דעם ווײַן. מיר ביידע זיינען געווען געלערנטע לײַט און געוואוסט די דינים, ווי אומצוגיין זיך מיט ווײַן און אייל, און וועלכע מינים צו נוצן אויף שבת. שמעון הקנאי האָט וואַסער פֿון ברונעם געשעפּט. נאָר שמעון בר־יונה האָט זיך מיט דעם רבין מתעסק געווען, פֿאַרגעברייט פֿאַר אים דאָס שבת־באָד, אָנגעוואַרעמט וואַסער און אָנגעגאָסן אין דער גרויסער קריג, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פֿון הויף און מיט ריטער פֿון פּאַלמען־צווײַגן פֿאַרשטעלט מחמת צניעות. ער האָט דעם רבין אַהינגעבראַכט, געוואַשן זײַן לײַב און געזאַלבט אים מיט אייל און אָנגעטון אים ווײַסע קליידער, און אַרומגעהילט אים מיט אַ ציצית־געמאַכטן סדין און אָנגעטון אים אין סאַנדאַלן, אויסגעלייגט אים אויף אַ ליג־שטול, און אונזער רבי האָט אויסגעזען ווי אַ מלאך פֿון הימל, וואָס איז אַראָפּגעקומען בענטשן דעם שבת...

און ווען דער רבי איז געווען אויסגעלייגט אויף זײַן ליג־שטול און געקוויקט זיך מיט דעם אָנבליק פֿון דער וועלט, וואָס איז געווען באַגאָסן מיט די שטראַלן פֿון דער זון, און געזען, ווי זײַנע תּלמידים זיינען זיך מתעסק מיט דעם שבת און זיך זייער געפֿרייט, זיינען פֿיל פֿון זײַנע לאַנדסלײַט פֿון שטאָט געקומען צו גיין. עס זיינען געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זיינען רײַך אין באַזיץ, וועלכע זיינען געקומען אויס נײַגעריקייט; עס זיינען אויך געווען אָרעמעלײַט צווישן זיי, וואָס זיינען געקומען צו גיין נאָך נדבֿות, ווײַל זיי האָבן געהערט, אַז דער רבי צעטיילט צווישן די אָרעמע דאָס געלט, וואָס ער נעמט פֿון די רײַכע. און אויך בלינדע און לאָמע זיינען געווען, זיי זיינען נישט געקומען געהיילט צו ווערן פֿון אים, וואָרעם זיי האָבן אים נישט געגלויבט, נאָר בלויז אויס

לויטער נײַגעריקייט. נאָר קיין געלערנטע זיינען נישט געווען צווישן זיי, וואָרעם געלערנטע לײַט זיינען ווייניק אין שטאָט געווען, א חוץ דעם ראש־הכנסת מיטן חזן, דעם סגן און די רבנים און דער אויפזעער פון בית מקדש־מס, וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם קליינעם סנהדרין. זיי האָבן זיך געשטעלט פונדערווײַטנס און האָבן באַטראַכט דאָס טועכץ פון רבין און זײַנע תלמידים, און געשפּאָט אויס זיי. און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: „זעט, ער האָט תלמידים געבראַכט מיט זיך"! און די בלינדע מיט די לאָמע האָבן זיך צונויפגעטון, — די לאָמע האָבן געפירט די בלינדע, און זיי האָבן זיך געשטעלט ארום אונז און חוזק געמאַכט אויס דעם רבין און אויס זײַנע תלמידים. און די בלינדע האָבן געפרעגט די לאָמע: „זאָגט אונז, האָט ער אויך געבראַכט קעמלען אָנגעלאָדנט מיט קריגן אייל פון דער פרעמד פאר זײַן מוטער?", און די לאָמע האָבן אָפּגעענטפערט: „ניין, מיר זעען נישט קיין קעמלען באַלאָדנט מיט קריגן אייל". האָבן די בלינדע ווײַטער געפרעגט: „אפשר האָט ער מיטגעבראכט זעק מיט דינרס פון דער פרעמד?", און די לאָמע האָבן אָפּגעענטפערט: „ניין, מיר זעען נישט קיין זעק מיט דינרס, וואָס ער זאָל האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך". און די בלינדע האָבן געזאָגט: „קוקט גוט!", און די לאָמע האָבן אָפּגעענטפערט: „מיר זעען נאָר לויטער אָרעמעלײַט, ווי ער איז — וואָס ער האָט מיטגעבראכט מיט זיך. דאָרט זיינען זײַנע תלמידים — און א פרוי איז אויך דאָ מיט זיי..." און די בלינדע האָבן ווײַטער געפרעגט: „אפשר האָט ער דעם קעניגס פּאַלאַץ פון ירושלים אהערגעכשופט פאר זײַן מוטער צו וואוינען?", און די לאָמע האָבן געענטפערט: „ניין, מיר זעען נאָך אַלץ דאָס קליינע חרובדיקע הײַזל, אין וועלכן זײַן משפחה זיצט". און די בלינדע האָבן ווײַטער געפרעגט: „אפשר האָט ער א גאָלדענעם טיש, סערווירט מיט כל טוב, פון הימל אראָפּגעכשופט פאר דער שבת־סעודה?", און די לאָמע האָבן געענטפערט: „ניין, נישט קיין גאָלדענעם טיש און נישט סערווירט מיט כל־טוב, נאָר די תלמידים פרעגלען קליינע פישלעך אין אייל, וואָס די אָרעמע עסן פאר דער שבת־סעודה". און די בלינדע האָבן געזאָגט: „אָבער אפשר האָט ער זײַן מוטער אין בגדי מלכות אויסגעפּוצט און באַצירט זי מיט צירונג פילז?". „ניין, זײַן מוטער גייט נאָך אַלץ אָנגעטון אין דעם זאַק־קלייד פון אָרעמאַנס ווײַב..."

און שמעון בר־יונה האָט זיך צו זיי אָנגערופן: „איר בלינדע לײַט, וואָס שטייט איר און טוט שפּאָט טרײַבן, איר וואָלט זיך ליבער פאר אים צו דער ערד געוואָרפן און די הענט אויסגעשטרעקט אין געבעט, אז ער זאָל אײַך זעעוודיק מאַכן. די ישועה ליגט אין זײַן האַנט אײַך צו העלפן, ווי ער האָט עס מיט אנדערע בלינדע געטון!". און די בלינדע האָבן געענטפערט: „אָ, מיר זיינען נישט אזעלכע נאַראָנים, ווי די לײַט פון די אַנדערע שטעט. וואָלט ער געקאָנט העלפן, וואָלט ער זיך און זײַנע אייגענע צום ערשט געהאָלפן. זיצן מיר דען נישט דאָ צווישן זײַנע ברידער,

און זעען מיר דען נישט, ווי זיי אַרבעטן שווער בײַם ווערקשטעל און אין פעלד און זייַנען אַזעלכע אָרעמעלײַט ווי מיר! פאַרוואָס שטראָפט ער זיי נישט אָן מיט קיין געלט? פאַרוואָס כשופט ער פאַר זיי נישט אַרויס קיין אוצרות?" און די בלינדע און די לאָמע האָבן אָנגעהויבן צו שפּאָטן און צו לאַכן און צו רופן צו אונזער רבין: „רופא, העלף דיר אַליין!". און איינער פון די בלינדע איז אַרויס פון דער ריי פון די בלינדע, צווישן וועלכע ער איז געשטאַנען און האָט אָנגעהויבן צו טאַפּן מיט זײַנע הענט און גערופן: „וואו איז דער מאַן, וואָס טוט אַזעלכע וואונדער, פאַרוואָס באַווײַזט ער זיי נישט פאַר אונז, ווי ער האָט עס צו אַנדערע געטון?". און ווי ער האָט גערעדט אַזוי, האָט ער אָפּגעלאָזט די האַנט פון זײַן פירער און צוגעטרעטן אַ פּאָר טריט צום רבין. אָבער די אַנדערע האָבן צו אים גערופן מיט שפּאָט און געלעכטער: „אָ, בלינדער, אַנטלויף, אָט האָט ער אויף דיר אָנגעשיקט אַ שלאַנג, אָט עפנט זיך פאַר דיר אַ גרוב!". און דער בלינדער איז געבליבן אין שרעק שטיין און געפרעגט: „וואו? וואו?..."

און ווי די ברידער זבדי האָבן דאָס געזען, האָבן זיי זיך אויפגעהויבן פון דעם אָרט, וואו זיי זייַנען געווען פאַרנומען מיטן אָנגרייטן דאָס עסן, און האָבן געפרעגט:

— רבי, זאָלן מיר זיי אָוועקטרײַבן פונדאַנען? פאַרוואָס לאָזסטו זיי שפּאָט טרײַבן?

און דער רבי האָט אָפּגעענטפערט:

— איך בין ניט געקומען קיין לעבנס צו צעשטערן, נאָר אויפצובויען!

און ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זײַן אָרט און איז צוגעגאַנגען צו דעם בלינדן מאַן, וואָס איז געבליבן צעמישט אין דעם ראָד שטיין, און ער האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט. און מיר אַלע האָבן געמיינט, אַז ער וועט אים פאַרוואַנדלען אין אַ בארג אַש. אָבער דער רבי האָט אים גאָרנישט געטון, נאָר געזאָגט:

— וואָס איז די פעולה, אַז דו וועסט זעעוודיק ווערן מיט די אויגן, ווען דײַן האַרץ איז בלינד! — און ער האָט אים אָנגענומען און צוגעפירט צו די בלינדע לײַט און אים געזאָגט: — בלינדער, האַלט דיך בײַ די בלינדע!

און ער איז געגאַנגען און האָט גענומען געלט פונעם בײַטל, און האָט צעטיילט צווישן די אָרעמעלײַט, און האָט אַרויפגעלייגט די הענט דאָ אויף דעמס, דאָ אויף יענעמס קאָפּ, און זיי געבענטשט און געזאָגט, אַז גאָט זאָל געבן — די אמונה זאָל באַוואוינען זייערע הערצער, וואָרעם מיט אמונה איז דער מענטש קיינמאָל נישט אָרעם.

באַלד האָט מען געהערט דאָס שופר־בלאָזן פון דעם שול־דאַך אַראָפּ, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז דער שבת דערנעענטערט זיך און מען מוז אויפהערן צו אַרבעטן. און די לײַט האָבן פאַרלאָזט דאָס אָרט און געאײַלט צוריק אין שטאָט אַרײַן. אויך די תלמידים האָבן פאַרענדיקט די אַרבעט, און די ברידער פון רבין האָבן איבערגעלאָזט די מלאכה און פאַרשטעלט

די כלים און די פאַרענדיקטע אַרבעט, כדי נישט צו שטערן דעם שבת
מיט דעם אָנבליק פון דער מלאכה פון דער וואָכנס. און די תּלמידים
האָבן געוואַשן זייערע הענט, זייערע פיס און זייערע פּנימער אין די
קריגן מיט וואַסער, וואָס זיינען געשטאַנען אין הויף, און האָבן זיך אי־
בערטון אין זייערע געוואַשענע און אויסגעטריקנטע מאַנטלען. און אַזוי
האָבן אויך געטון די ברידער פון רבין. און זײַנע שוועסטער מיט די מע־
נער זיינען געקומען פון שטאָט, און האָבן מיטגעבראַכט זייערע קינדער,
כדי צו באַגריסן די מוטער מיטן שבת און צו עסן בײַ איין טיש. און
די תלמידים האָבן פאַרגעריכט די טישן, און האָבן געלייגט ברעטער
אויף דער ערד אין שטוב, און האָבן זיי באַדעקט מיט א סדין. און די
מוטער פון רבין מיט די ווײַבער, וועלכע זיינען דאָרט געווען, האָבן גע־
וואַשן זייערע פּנימער, פאַרקעמט זייערע האָר און אָנגעטון זיך אין בגדי־
שבת, און האָבן גענומען און פאַרגעברייט די לאָמפּן, אָנגעגאָסן זיי מיט
אייל, וואָרעם עס איז די מצוה געווען זייער גרויס מיט וואָס מער לאָמפּן
צו באַלײַכטן דעם שבת. און ווען עס האָט זיך געהערט דאָס שופר־בלאָזן
פון שול־דאַך צום צווייטן מאָל, אַזוי האָבן זיי אָנגעצונדן די לאָמפּן. און
די מוטער האָט גענומען בלומען און בלעטער פון איילבירטן־ביימער
און האָט באַקראַנצט איר שטוב און איר טיש, און זי האָט געאײַלט אין
איר קאַמער און האָט פון דאָרט ארויסגעבראַכט א קירביס־פלאַש מיט
טייטל־ווײַן, וואָס זי האָט געהאַט באַהאַלטן פאַרן קידוש, מיט א כוס,
און עס געשטעלט אויפן טיש פאַרן רבין, וואו עס זיינען שוין געווען די
חלות פון שבת אויסגעשטעלט.

די זון האָט זיך געזעצט, האָט מען דערהערט דאָס שופר־בלאָזן צום
דריטן מאָל. האָט דער רבי גענומען זײַנע תלמידים און געשטעלט זיך
אינדרויסן אויפן הויף און האָט מקבל־שבת געווען. און ווען די ערשטע
שטערן האָבן זיך באַוויזן, האָט ער געזאָגט דעם „שמע" פון אָוונט, און
אַלע האָבן אים געענטפערט „אמן".

און מיר זיינען אַרײַנגעטרעטן אין שטוב, וואָס איז באַלויכטן גע־
ווען מיט אייל־לאָמפּן און באַקראַנצט מיט בלומען און איילבירטן־צווײַגן.
און מײַן רבי אין דעם ווײַסן קלייד האָט געשײַנט אין דעם ליכט און אין
די בלומען ווי א מלאך פון גאָט. נאָכדעם, ווי ער האָט באַגריסט די
מלאכים, וועלכע זיינען געקומען מיט אים אין שטוב אַרײַן, האָט ער גע־
נומען זײַן מוטער און האָט זי אַוועקגעזעצט אויבנאָן בײַ זײַן זײַט און די
ברידער — לויט זייער עלטער, דעם עלטערן זון פריער און דעם יִינגערן
—דערנאָך. און אַזוי אויך די תלמידים יעדן לויט זײַן עלטער, און די
שוועסטערן מיט זייערע מענער. נאָר די קינדער פון די שוועסטערן האָט
ער געהאַלטן אַרום זיך. ער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט גענומען דעם
כוס מיט ווײַן אין זײַן האַנט און האָט מקדש געווען דעם שבת און גע־
טרונקען פון דעם ווײַן, און ער האָט געגעבן צו טרינקען די קינדער,
וועלכע זיינען געווען אַרום אים, און מיר האָבן אַלע אָפּגעענטפערט

„אמן". און מיר האָבן געטרונקען נאָך די קינדער פון רבינס כוס. דערנאָך האָט ער זיך געוואַשן, און אַזוי האָבן מיר אויך געטון. און ער האָט געזאָגט דאָס געבעטש פון טעגלעכן ברויט, ווי עס איז זײַן מנהג געווען בײַ יעדער עסן, און ער האָט עס צעטיילט צום ערשט צווישן די קינדער, דערנאָך געגעבן דער מוטער, דערנאָך זײַנע תלמידים און זײַנע ברידער און שוועסטער.

און מיר, זײַנע תלמידים, האָבן זיך אויפגעשטעלט, און יעדער איי־נער לויט דער ריי נאָך באַדינט דעם רבין, ווײַל עס איז די מצוה זייער גרויס יעדער זאָל זײַן רבין באַדינען, נאָך מער ווי זײַן פאָטער און מוטער. און דער רבי האָט זײַן מוטער באַדינט. און מיר האָבן אויפגעגעבן דאָס עסן אויפן טיש. צום ערשט האָט ער געלאָזט די קינדער אַרײַנשטעקן זייערע פינגער אין ערדענעם טאָפּ, ווײַל מען פירט זיך, אַז מען גיט צום ערשט די קלענערע קינדער צו עסן פאַר די עלטערע. און דערנאָך האָט דער רבי אַרײַנגעטון זײַנע פינגער, און דערנאָך יעדער איינער פון אונז אין דער ריי, לויט די יאָרן נאָך.

און מיר האָבן געזונגען פסוקים פון תהילים צווישן איין שפּײַז און דעם אַנדערן, און אונזער רבי האָט פאַר אונז די שריפט אויסגעטײַטשט, און גרויס פרייד האָט דאָרט געהערשט בײַם טיש. גליקלעך איז געווען דאָס אויג, וואָס האָט דאָס געזען. און ווען איך האָב געקוקט און געזען, ווי די מוטער זיצט צווישן אירע קינדער, און די לאָמפּן ברענען מיט דער ליכטיקייט פון שבת, און די שטוב איז אויפגעראַמט, און דער טיש איז געדעקט און דער גייסט פון גאָט שוועבט איבערן טיש, ווײַל מען האָט פון דער שריפט גערעדט, — האָב איך געלייענט אויף איר דעם פסוק: „אם הבנים שמחה הללויה!".

אין דער נאַכט האָבן מיר אַלע תלמידים גענעכטיקט בײַם רבין אויפן הויף, יעדער איינער וואו ער האָט געקאָנט, ווײַל מיר האָבן געוואָלט אַלע צוזאַמען מיט אונזער רבין צומאָרגנס, שבת אינדערפרי, אין בית הכנסת אויפגיין, ווײַל עס שטייט אין פסוק: „ברוב עם הדרת מלך". א רבי איז געגליכן צו א מלך, און עס איז פאַר דעם כבוד פון רבין, ווען זײַנע תלמידים באַגלייטן אים אויף זײַן וועג.

צומאָרגנס גאַנץ פרי האָבן מיר זיך געפעדערט אין בית הכנסת. פון אַלע הײַזלעך איז מען אַרויסגעקומען און אַרויפגעגאַנגען אויפן הויכן אָרט, וואו דאָס בית הכנסת איז געשטאַנען, וועלכעס מען האָט אַרויס־געזען פון אַלע הײַזלעך פון שטאָט. דאָס בית הכנסת איז שוין פול געווען, וואָרעם אַלע האָבן געוואוסט, אַז דער רבי מיט די תלמידים וועלן קומען צום געבעט, און זיי האָבן געוואָרט, אַז ער זאָל א נס באַווײַזן, ווי ער האָט עס אין אַנדערע שטעט געטון. אויף דער מזרח־וואַנט אויפן הויכן שטאַנד, אין דער זײַט פון ארון קודש, וואו עס שטייט די הייליקע שריפט, זענען שוין אַלע געזעסן — דער ראש־הכנסת און די חשובי־העיר. דער ראש הכנסת — אַן אַלטער מאַן, באַוואַקסן מיט א ווײַטער באָרד, וואָס

האָט ארויסגעשטאַרט איבער זײַן ווײַס שבתדיק קלייד. פון איין זײַט פון אים איז געזעסן דער חזן, וואָס איז געווען דער מלמד פון די קליינע קינ־דער אין שטאָט, א מאַן אין די בעסטע יאָרן, א כהן איז ער געווען, באַ־וואַקסן מיט פיל האָר, און זײַן שוואַרצע באָרד איז געקעמט און געקניפּט געווען לויטן מנהג פון די כהנים. אויף דער צווייטער זײַט — דער סגן, זײַן באהעלפער, נאָך א יונגערמאַן. הינטער זיי — די זקנים, אַלע אין ווײַסע בגדי־שבת, מיט ציצית־באַקליידטע טליתים ארומגעהילט, פון וועלכע מען האָט נאָר געזען די ווײַסע בערד פון די פּנימער ארויסקוקן. דאָס פאָלק, פאַרשפּרייט איבער דער שול, יעדער לויט זײַן שטאַנד — די רײַכע און אָנגעזעענע אויף די ערשטע פלעצער ארום דעם עמוד, און די אָרעמעלײַט ארום דער טיר, — ווי עס שטייט געשריבן: „כעני בפתח — ווי אן אָרעמאַן בײַ דער טיר". די ווײַבער זיינען ארײַנגעגאַנגען צו דער עזרת־נשים, וואָס איז געווען אין א זײַט פון דער שול, מחמת צניעות אָפּ־געזונדערט פון די מענער דורך טאָפּלטע זײַלן, וועלכע זיינען מיט דינע פאָרהאַנגען פאַרהאָנגען געווען, כדי זיי זאָלן הערן דאָס געבעט און נישט זען די מענער. דער רבי האָט זיך געשטעלט, ווי זײַן געוואוינהייט איז געווען, בײַ דער טיר, און מיר — זײַנע תלמידים — הינטער אים. און ווען דאָס בית הכנסת איז פול געוואָרן מיט מתפללים, האָט געפרעגט דער ראש הכנסת:

— צי איז געקומען אין שטאָט אן אורח הגון, וועלכן מען זאָל מיט עלית התורה מכבד זײַן?

און טייל פון די מתפללים האָבן געענטפערט:

— עס איז געקומען צוריק אין שטאָט ארײַן ר' ישוע בן יוסף, וואָס האָט זוכה געווען א רבי אין ישראל צו ווערן, ער איז געקומען כדי מקיים צו זײַן כיבוד אם. ער געפינט זיך אין בית הכנסת מיט זײַנע תלמידים.

אזוי האָט דער ראש הכנסת געזאָגט:

— ר' ישוע בן יוסף זאָל דער שליח־ציבור פאַר דעם שבת זײַן!

און א מנהג איז געווען אין ישראל, ווען מען האָט עמיצן אלס שליח־ציבור געמאָכט, האָט ער זיך באַדאַרפט דרײַ מאָל אָפּזאָגן, כדי דערמיט צו באַווײַזן זײַן ענִיוות, אז ער איז נישט ראוי צו זײַן דער שליח־ציבור פאַר ישראל, און ערשט צום פערטן מאָל דאַרף ער פאָלגן דאָס געבאָט פון ראש הכנסת. אָבער אונזער רבי האָט דאָס נישט געטון. אזוי ווי דער ראש־הכנסת האָט אים אויפגעפאָדערט דער שליח־ציבור צו זײַן, אזוי האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום בעלעמער, וואו דער עמוד איז געווען. ער האָט זיך ארומגעוויקלט אין א טלית, א ברכה גע־מאַכט, און ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן מיט א הויך קול די תפילה:

„געלויבט ביסטו, גאָט, מלך פון דער וועלט, באַשאַפער פון ליכט און באַשאַפער פון פינצטערניש, ברענגער פון שלום, שעפער פון אַלעם!"

און דאָס פאָלק איז געפאַלן אויף די קניען און באַדעקט זייערע פּנימער מיט די טליתים.

און ווען עס איז געקומען צו דער שטעלע, וואו דער שליח־ציבור בענטשט דעם שבת, האָט דער רבי געזאָגט די ווערטער מיט גרויס קראַפט:

„באַשענק דײַן פאָלק מיט דעם אייביקן גרויסן פרידן, ווײַל דו ביסט קעניג און פירשט פון שלום״...

דאָ האָט דער רבי איבערגעריסן, און ווי ס'איז דער מנהג געווען פון גרויסע רביים, האָט ער אליין זײַן אייגענע תפילה געזאָגט, און אז עס איז געווען, ווען זיי האָבן אלע אויסגעהערט, וואָס ער זאָגט פאַרא געבעט, אזוי האָבן זיי געהערט דאָס געבעט פון אָרעמאַן, וואָס דער רבי האָט געזאָגט פאַר יעדער מאָלצײַט. און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אנדערן: „דאָס געבעט איז דאָס געבעט פון אָרעמאַן און עס איז גוט!״, און זיי האָבן עס נאָכגעזאָגט.

און די מוטער פון רבין איז געשטאַנען צווישן די פרויען אין עזרת־נשים, און ווען זי האָט דערהערט איר זונס קול מיט גרויס קראַפט, ווי ער בעט פאַר דער עדה, אזוי איז זי פול געוואָרן מיט פיל פרייד און שטאָלץ, און די פרויען האָבן צו איר געזאָגט: „וואויל איז צו דײַן בויך, וואָס האָט די דאָזיקע פרוכט ארויסגעגעבן, דו געבענטשטע צווישן די פרויען!״.

באַלד האָט דער רבי, באַגלייט פון ראש־הכנסת, פון חזן און סגן, פאַרלאָזט דעם בעלעמער, און די אַלטע לײַט הינטער זיי, און זיי זיינען אויפגעגאַנגען אויף די שטיגלעך, וואו עס איז געווען אײַנגעמויערט אין דער וואַנט דער ארון קודש, און דער רבי האָט ארויסגענומען דאָס ספר־תורה פון ארון. און עס איז געווען, ווי ער איז געשטאַנען אויף די טרעפּ־לעך בײַם ארון, אײַנגעהילט אין זײַן טלית, און אויפגעהויבן דאָס ספר־תורה איבער די קעפּ פון פאָלק, — האָט ער אויסגעזען ווי משה רבינו אויפן באַרג סיני, און דאָס גאַנצע פאָלק איז געפאַלן אויף זייערע קניען און געזונגען די שיר־המעלות, — ווי זיי גייען אין בית־מקדש־הויף.

און דער רבי, אין באַגלייטונג פון ראש הכנסת, פון חזן און סגן, האָט די ספר־תורה געבראַכט אויפן בעלעמער און אָפּגעוויקלט די ראָלן צו דער סדרה, וואָס איז געגאַנגען די וואָך, און זיי האָבן אויפגערופן עולה צו זײַן צו דער תורה די נכבדים פון דער שטאָט, יעדער איינער האָט זײַן אָפּשניט פאָרגעלעזן פון דער הייליקער שריפט, און דער מתרגם האָט עס מתרגם געווען פאַרן עולם.

און עס איז געקומען די צײַט, און אונזער רבי איז געוואָרן אויפגע־רופן צו דער תורה, וואָס דאָס איז געווען מפטיר, אזוי האָט ער אויך זײַן אָפּשניט פאָרגעלעזן מיט גרויס כוח. און ווי ער האָט געענדיקט דעם אָפּ־שניט צו לעזן, אזוי האָט אים דער סגן אויפגעוויקלט די מגילה פון די נביאים און האָט אים אָנגעוויזן אויף דעם אָפּשניט פון דעם נביא, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דעם שבת.

אָבער אונזער רבי האָט גענומען די ראָלע פון די נביאים און האָט זי איבערגערוקט, און אויפגעוויקלט די שטעלע פון נביא ישעיה, וואו ער זאָגט אָן זײַן פאָלק די בשורה פון משיח. און אײַנגעוויקלט אין זײַן טלית,

האָט ער אויפגעהויבן די שריפט איבער אלעמענס קעפּ און ארויסגע־לייענט מיט גרויס גבורה: „דער גייסט פון גאָט רוט אויף מיר, ווײַל ער האָט מיך געזאַלבט די בשורה אָנצוזאָגן די אָרעמעלײַט. ער האָט מיך געשיקט צו היילן די געבראָכענע הערצער, רופן די געפאַנגענע פרײַ...״

אָבער יוען דער ראש־הכנסת האָט געהערט די ווערטער, אזוי האָט ער געציטערט איבער זײַן גאַנץ לײַב, און איז צוגעגאַנגען צו אים און ער האָט געזאָגט:

— נישט דעם נביא לייענען מיר הײַנט צו דער הפטורה, נאָר אן אַנדערן. און ער האָט אָנגעטײַטלט אויף דעם אָרט צו לייענען פון דער הפטורה, וואָס איז געגאַנגען די וואָך. אָבער אונזער רבי האָט גענומען דאָס ספר און האָט עס פארמאַכט, און עס איבערגעגעבן אין דער האַנט פון סגן, און ער האָט ווײַטער געזאָגט בעל־פה פון דער בשורה פון משיחן, ווי עס שטייט אין ישעיה:

„ער האָט מיך געשיקט צו באפרײַען די געבונדענע, אויסצורופן א יאָר פון ווילן צו גאָט. דאָס פאָלק, וואָס גייט אין דער פינצטערניש, האָט דערזען א גרויס ליכט״...

אָבער דער ראש־הכנסת און דער חזן און דער סגן און אלע זקנים זײַנען זייער בלייך געוואָרן און דערשראָקן זיך פאר זײַנע ווערטער, און זיי האָבן זיך צו אים צוגעדרונגען און געזאָגט:

— וואָס זײַנען דאָס פארא ווערטער, וואָס דו זאָגסט און אויף וועמען מיינסטו עס? ביסטו נישט דער זון פון יוסף, און מרים איז דײַן מוטער, און דײַנע ברידער און דײַנע שוועסטער זיצן מיט אונז? אויף וועמען ריכטעסטו די ווערטער און וואָס מיינסטו מיט זיי?

אָבער ער האָט זיך נישט צוגעהערט צו זייערע ר׳ייד און אויסגערופן מיט א הויך און שטאַרק קול:

— דער האַר יהוה האָט מיר געגעבן א לשון פון די געלערנטע, כדי צו וויסן א וואָרט צו דעם מידן צו רעדן. דער האַר יהוה האָט אויפגעמאַכט מײַן אויער און איך האָב נישט ווידערשפּעניקט און איך האָב מיך נישט צוריקגעצויגן. איך האָב געגעבן מײַן רוקן צו די שלעגערס און מײַנע באַקן צו די, וואָס רײַסן אויס די באָרד, מײַן פּנים האָב איך נישט באַהאַלטן פון שאַנד און אָנשפּײַען. אָבער דער האַר יהוה וועט מיר העלפן, דעריבער בין איך נישט פארשעמט געוואָרן, דעריבער האָב איך געמאַכט מײַן פּנים ווי א שטארקן שטיין, און איך ווייס, אז איך וועל נישט פאר־שעמט ווערן.

און דער ראש־הכנסת האָט גערופן מיט גרויס צאָרן צום פאָלק:

— ציט אים ארויס פונדאַנען, וואָרעם ער לעסטערט גאָט!

אָבער דאָס פאָלק איז געבליבן דערשטוינט און דערשראָקן, און האָט געקוקט מיט גרויס אימה אויף דעם רבינס פּנים. וואָרעם זײַן פּנים איז געווען בלייך, און דאָך האָט עס געלויכטן ווי א זון, און זײַן קול איז געווען שטאַרק, ווי דאָס קול פון א דונער, וואָס גייט פון דעם באַרג אין

דעם טאָל אַראָפּ, און זײַנע ווערטער זיינען געווען מיט חן און שיינקייט. און דאָס פֿאָלק האָט געזאָגט איינער צום אַנדערן מיט פֿאַרוואונדערונג: „דאָס איז דאָך דער זון פֿון יוסף, ווער האָט אים געלערנט צו רעדן אַזוי פֿון דער שריפֿט?“.

און שמעון בר־יונה איז געקומען צווישן זיי און צו זיי געזאָגט:

— האָט איר דען נישט געהערט, וואָס ער האָט געטון צו די לײַט פֿון כפר־נחום, ווי ער האָט קראַנקע געהיילט, בלינדע זעעוודיק געמאַכט, שלעכטע גייסטער פֿאַרטריבן? און האָט איר דען נישט געהערט דאָס, וואָס ער האָט געטון אין נעים? און האָט איר דען נישט געהערט, וואָס די לײַט רעדן אויף אים, אַז ער איז אַ הייליקער אין ישראל? נאָר איר האָט פֿאַרשטאָפּטע הערצער. גייט דאָך צו צו אים און שטרעקט אויס צו אים די הענט, וואָרעם אײַער הילף איז אין זײַן האַנט!

און אייניקע פֿון זיי, וואָס האָבן געזען זײַן פּנים און דערשראָקן געוואָרן פֿון זײַן קול, זיינען געפֿאַלן צו זײַנע פֿיס און אויסגעשטרעקט צו אים די הענט און גערופֿן: „רבי, העלף אונדז! באַווײַז אונדז די נסים, וואָס דו האָסט אין כפר־נחום געטון!“. אָבער ער האָט זיי געענטפֿערט: „האָט איר דען נישט אויף מיר דאָס משל געלייענט: „רופֿא, העלף דיר אַליין!“. ווי וואָר איך זאָג אײַך — עס איז נישטאָ קיין נביא אין דעם אייגענעם לאַנד. פֿיל אַלמנות זיינען געווען אין ישראל אין די טעג פֿון אליהו, ווען ער האָט אויפֿגעהאַלטן די וואָלקנס אין הימל דרײַ יאָר מיט זעקס חדשים און עס איז געווען אַ גרויס הונגער אין לאַנד, און אליהו איז נישט געוואָרן געשיקט אַפֿילו צו איינער פֿון זיי, נאָר קיין צרפֿים, וואָס איז אין צידון צו אַ ווײַב אַן אַלמנה. און פֿיל מצורעים זיינען געווען אין די טעג פֿון אליהו הנביא, און ער האָט נישט קיינעם געריייניקט, נאָר נעמן הארמי!“.

ווי זיי האָבן דאָס דערהערט, אַזוי איז דאָרט אַ גרויס גערודער געוואָרן, אַ גרויסער כּעס האָט זיי אַרומגענומען איבער די דאָזיקע רייד, און זיי האָבן אים געוואָלט שלאָגן און באַליידיקן. נאָר מיר, זײַנע תלמידים, האָבן אים אַרומגערינגלט און נישט געלאָזט אים קיין שלעכטס טון. און מיר האָבן פֿאַרלאָזט דאָס בית הכנסת און איבערגעלאָזט די מתפּללים אין גרויס אויפֿרודערונג.

און עס איז געווען דערנאָך, אַזוי איז געקומען צו זײַן מוטער אַהיים זײַן משפּחה, די שוועסטערן מיט זייערע מענער, וועלכע האָבן געוואוינט אין שטאָט, און האָבן געקריגט אויף אים און געזאָגט: „ווי אַזוי וועלן מיר איצט קענען אויפֿהויבן אונזערע אויגן פֿאַר די לײַט? ביסטו געקומען אונזער לעבן ענג צו מאַכן אין שטאָט? איצט וועלן זיי אונדז מקפּח־פּרנסה זײַן איבער דעם שלעכטס, וואָס דו האָסט גערעדט אויף זיי“. און אויך אַ טייל פֿון זײַנע ברידער האָבן געטראָגן פֿינצטערע פּנימער אויף אים, און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: „די שטאָט־מענטשן וועלן זיך איצט נוקם זײַן אין אונדז!“. נאָר די מוטער איז געזעסן אין אַ ווינקל מיטן

זון; ווען אפילו איר הארץ איז געווען באטריבט, האָט זי זיך נישט צוגע־לאָזט קיין צער, ווײַל עס איז געווען שבת הײַנט. נאָר זי האָט געזאָגט צום זון:

— עס טוט מיר באַנג אויף דיר, מײַן קינד, גאָט זאָל דײַן אָפּהיטער זײַן!

און ווען עס איז אָוונט געוואָרן, און דער ערשטער שטערן האָט זיך אויפן הימל באוויזן, אזוי האָט דער רבי צונויפגענומען זײַנע תלמידים און האָט געזאָגט:

— איצט בין איך פּטור פון זיי, קומט, לאָמיר אויפגיין קיין כפר־נחום!

און אַנדערע האָבן געפרעגט:

— ווילסטו דען נישט איבערנעכטיקן אין שטאָט?

און ער האָט געזאָגט:

— א שטאָט, וואָס פארציקט אירע קינדער, איז ערגער פון א חיה־רעה. לאָמיר אָפּוואָשן איר שטויב פון אונזערע פיס.

און ווען ער איז געגאנגען צו זײַן מוטער צו נעמען רשות פון איר אָפּצושיידן זיך, אזוי האָט זי אַנגעכאַפּט זײַן קלייד, זי האָט געוויינט און האָט געזאָגט:

— מײַן קינד, איך וועל דיך נישט לאָזן גיין, איצט זע איך, ווי גע־פערלעך עס איז דער וועג, אויף וועלכן דו גייסט! איך האָב מורא פאר דײַן לעבן.

אָבער ער האָט געזאָגט:

— דער וועג איז אויסגעלייגט פון מײַן פאָטער אין הימל און דער גאַנג האָט זיך שוין אָנגעהויבן. דו זאָלסט אָבער פריער נישט זען דאָס געזיכט פון דײַן זון, ביז דער ציל וועט זײַן דערגרייכט.

און ער האָט געלאָזט זײַן מוטער אין געוויין, און פארלאָזט זײַן מו־טער אין שטוב, און מיר — נאָך אים. און עס איז געווען, ווען מיר זייַנען שוין אינדרויסן געווען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, אזוי האָבן מיר דערהערט זײַן מוטערס קול נאָכרופן נאָך אים: „תנוקי, תנוקי!"... און ער האָט איר אָפּגעענטפערט: „אמי... אמי!..."

און ווען מיר זייַנען שוין געווען ווײַט אויפן וועג, אזוי האָבן מיר געהערט טריט הינטער אונז, וואָס זייַנען נאָך אונז פון דער שטאָט גע־קומען. און ווען מיר האָבן זיך אומגעקוקט צו זען, ווער עס גייט, אזוי איז עס געווען יעקב, דער ברודער פון רבין. און דער רבי האָט אים געפרעגט:

— יעקב, מײַן ברודער, וואָס טוסטו דאָ?

האָט אים יעקב געענטפערט:

— איך גיי נאָך דײַנע טריט.

אזוי האָט אים דער רבי געזאָגט:

— יעקב, קער דיך אום צוריק. דײַן צײַט איז נאָכנישט געקומען.

און די ברידער זיינען געפאַלן איינער דעם אַנדערן אויפן האַלדז און זיך געקושט. און יעקב האָט זיך צוריקגעקערט אהיים, און מיר זיינען געגאַנגען אונזער וועג ווײַטער.

IX

מיר זיינען דורכגעגאַנגען די נאַכט, און מיר זיינען אַנגעקומען מיטן פרימאָרגן קיין מגדל, די שטאָט פון פאַרבערס. און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין א הויז, וואָס עס האָט אונז אַנגעוויזן מרים — די פרוי, פון וועלכער אונזער רבי האָט די רוחות פאַרטריבן, וואָרעם זי איז ארויסגעקומען פון דעם אָרט. און די שטאָט איז געווען רײַך און פול באַזעצט מיט מענטשן, וואָרעם דאָרט האָט מען אין ים געפונען דעם מושל־פיש, וואָס הייסט חלזין, פון וועמענס גאַל מען האָט געצויגן די תכלת־פאַרב. אויך האָבן דאָרט די מענטשן דערצויגן טויבן צו ברענגען אַלס קרבנות אויפן מזבח פון בית־מקדש — איז דעריבער די שטאָט באַפלעקט געווען מיט דער פאַרב פון דעם תכלת און מיט די שאָטנס פון די טויבן. און דער רבי איז דאָרט געזעסן אין בית מדרש, וואו עס זיצן די תלמידי חכמים, און האָט פאַרשפּרייט זײַן תורה צווישן אונז, זײַנע תלמידים. און אויך פיל פון די שטאָט־לײַט זיינען געקומען הערן. און די תלמידי־חכמים, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו זײַן תורה, האָבן גערימט זײַנע ווערטער און געזאָגט אויף אים, אז ער האָט א מויל, וואָס שיט מיט פּערל. און עס איז אים געפעלן דאָרט צו זיצן, וואָרעם די לײַט האָבן אונז גרויס כבוד אָפּגעגעבן. מער קיין וואונדער האָט דער רבי אין דער שטאָט נישט באַוויזן.

אין עטלעכע טעג ארום האָט דער רבי באַפוילן, און מיר האָבן גענומען א שיף און מיר זיינען אָפּגעפאָרן פון מגדל קיין כפר־נחום. און שמעון האָט געבראַכט דעם רבין אין דעם הויז פון זײַן שוויגער, און ער האָט באַוואוינט דאָס בוידעם־שטיבל, וואָס זי האָט צוגעגרייט פאַר אים.

אין כפר נחום זיינען אויך געקומען די פרויען פון דער שטאָט נעים, יוחנה, דאָס ווײַב פון הורדוסעס באַאַמטן, און שושנה. און יוחנה איז געווען א פרוי פון א רײַכן מאַן, און זי האָט אויך פאַרמאָגט נחלאות, און זי האָט גענומען איר געלט און אַרײַנגעגעבן אין דער קופּה, און מיר האָבן דערפאַר געקויפט ברויט, כדי צו שפּײַזן די אָרעמעלײַט, וועלכע זאַמלען זיך ארום דעם רבין. און זי און שושנה האָבן זיך באַהאָפטן מיט דער שוויגער פון שמעון און מיט די אנדערע נשים צדקניות, וועלכע זיינען דאָרט געווען בײַם רבין, און האָבן באַזאָרגט דעם רבין מיט זײַנע תלמידים און דאָס גאנצע הויזגעזינד מיט אַלעם נייטיקן. און זיי האָבן אויך געזאָרגט וועגן די סעודות, וואָס דער רבי פּראַוועט פאַר די אָרעמעלײַט,

וואָס קומען זוכן א ישועה בײַ אים. נאָר מרים, דאָס ווײַב פון מגדל, האָט זיך אָפּגעטיילט פון זיי, זי האָט זיך נישט אָפּגעגעבן מיט דער ווירטשאַפט ווי די אַנדערע ווײַבער, נײַערט זי האָט זיך געווידמעט משמש צו זײַן דעם רבין אַליין. זי האָט געוואַשן זײַן קלייד און זי האָט געהיטן די איילן, מיט וועלכע זי האָט געזאַלבט זײַנע פיס. און עס איז געווען אין אָוונט, ווען דער רבי איז אין זײַן דאַכשטיבל געקומען זיך אָפּרוען פון זײַן הייליקער עבודה בײַטאָג, אין די שעהן פון חסד, ווען עס איז געקומען דער שעת־הכושר אויפן רבין, פלעגט זי פאַלן אויף דעם דיל פאַר אים אין גרויס דבקות, א שוים האָט געזעצט פון איר מויל, און א הייליקער גייסט איז זי באַפאַלן, און זי האָט אין גרויס עקסטאַז פאַרן רבין מנבאת געווען. אָבער אונז, די פון די תלמידים, וועלכע האָבן זיך אויסגעקענט אין דער שריפט, איז נישט געפעלן די זאַך, וואָס די מרים טיילט זיך אויס פון אַלע אַנדערע פרומע ווײַבער, און מיר האָבן געמורמלט צווישן זיך אויף איר פירונג, ווי אויך דערויף, וואָס זי ברענגט דעם רבין אין דער חברה פון זינדיקע.

מיר האָבן געזען, אז דאָס געזיכט פון אונזער רבין איז צו א טייל פון זײַנע תלמידים נישט ווי נעכטן און אייערנעכטן. מיך, דעם קלענסטן, ווי אויך אנדרעי און שמעון קנאי האָט ער דערווײַטערט פון זיך, און ער האָט זיך וואָס אמאָל מער דערנענטערט צו שמעון בר־יונה, דעם ברודער פון אנדרעי, און יעקב מיט יוחנן, די ברידער זבדי; זיי זיינען אײַן־און־אויסגעגאַנגען בײַם רבין. און דער רבי האָט זיך אָפּטמאָל פאַרמאַכט מיט זיי אין זײַן שטיבל, און האָט זיי געזאָגט זאַכן, וואָס מיר האָבן נישט געוואוסט. און די אנדערע תלמידים האָבן זיי מקנא געווען און געקריגט אויף זיי.

שמעון בר־יונה איז געווען פון די גרויס־גלויביקע, ער איז געווען ווי א פאַרליבטער. ער איז געשטאַנען בדחילו ורחימא הינטער דער טיר פון רבינס שטיבל. ער האָט געגלויבט, אז ער הערט קולות פון מלאכים און נביאים, וואָס זיינען מיטן רבין אין שטוב. ווי די ברידער זבדי, האָט ער געגלויבט, אז די ישועה וועט נאָר קומען דורך די אומוויסנדיקע און תמימים. וואָרעם נאָר די אמונה און נישט די חכמה איז דער שליסל, וואָס עפנט אויף די טיר צום מלכות שמים. די ברידער זבדי זיינען געווען שטאַרקע און רײַכע לײַט. זיי האָבן געהאַט פיל שיפן, און זיי האָבן פאַר־לאָזט די שיפן פון זייער מוטער, כדי נאָענט צו זײַן פון רבין. יעקב, דער עלטערער ברודער, איז געווען דעם רבינס געליבטער תלמיד, וואָרעם יעקב איז געווען שטאַרק אין גלויבן, ווי שמעון, און אפשר נאָך מער ווי ער. און אנומלט זיינען מיר אָנגעקומען צום ים כנרת און מיר האָבן גע־וואָלט אריבערפאָרן אויף דער צווייטער זײַט, און קיין שיף איז נישט געווען בײַם ברעג, אזוי האָט יעקב געזאָגט צום רבין:

— רבי און לערער, ווען דו ווילסט, קאָנסטו דאָך שפּאַלטן דעם ים, ווי משה רבינו האָט עס אין זײַן צײַט געטון, ווען די יידן זיינען ארויס

פון מצרים, און מיר וועלן קאָנען אדורכגיין דורך דער טריקעניש.
און דער רבי האָט אים געענטפערט:
— וואָלט איך געוועזן מיט דיר אַליין, וואָלט איך עס געטון, וואָרעם קיין שום מניעה איז נישטאָ פארן גלויבן; אָבער דער אומגלויבן פון די אַנדערע שטערט עס.
און געמיינט האָט ער דאָס מיך, ווייל ער האָט געזען, אַז איך גלויב נישט אין דערין. און יעקב איז שטענדיק געזעסן ביי זיינע פיס, און ער האָט דעם רבין באַדינט ווי שמעון. און יוחנן זיין ברודער איז געווען מיט זיינע אַקסלען און הייך ברייטער און העכער פון אַלע, ער איז געווען א גבור, און א קול האָט ער געהאַט ווי א ריז, און ער איז געווען צוגעלאָזט צום פראָסטן פאָלק, וואָרעם ער איז געווען איינער פון זיי. דער רבי האָט געגעבן סימנים אויף זיינע דריי תלמידים: אויף שמעונען האָט ער געזאָגט: „דאָס איז דער פעלז, אויף וועלכן איך שטיי, יעקב איז דער שטעקן, אויף וועלכן איך לען זיך אָן, און יוחנן איז דער שופר, דורך וועלכן איך רוף!״...
און ווען מיר זיינען צוריקגעקומען קיין כפר־נחום, אזוי איז יוחנן ארויסגעגאנגען צום באָרטן פון ים, וואו עס זיצן די פישערס, און אויף די מאַרק־פלעצער, און אוועקגעזעצט זיך אין טויער פון די טויבן, וואָס איז דער אריינגאנג אין דער שטאָט, און האָט גערופן צום איינפאַכן פאָלק: „דער וואונדערלעכער מאַן איז דאָ אין שטאָט, קומט אהער, איר אַלע, וואָס זיינען דורשטיק נאָך הילף!״.
און ווי דאָס פאָלק האָט געהערט, אז דער רבי איז צוריק אין שטאָט, אזוי האָבן זיך ווידער געשאַרט די מאַסן צום שמאָלן איינגאַנג פון שמעונס הויז, און אלע האָבן געוואָלט אריינגיין צו אים. און זיי האָבן אויסגעשטרעקט די הענט נאָך אים און האָבן גערופן: „רבי, העלף אונז!״. און ווי דער רבי האָט געזען די דורשטיקע מאַסן, וואָס רינגלען אים ארום, אזוי האָבן זיך זיינע כוחות באַנייט און דער רוח הקודש האָט גערוט אויף אים. ער איז געוואָרן ווי א ברוסט, וואָס זייגט אָן ישראל מיט ישועות און נחמות.
ער האָט אָנגעטון זיין ווייס קלייד מיט ציצית, און איז געווען באַגלייט פון זיינע תלמידים. ער איז ארויסגעגאַנגען צום דורשטיקן עולם און האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט צו זיי, און ווי זיי האָבן אים געזען אין זיין ליכטיק קלייד, באַגלייט פון זיינע תלמידים, אזוי האָבן זיי זיך געוואָרפן פאר אים צו די פיס און אויסגעשטרעקט צו אים די הענט און גערופן: „הייליקער אין ישראל, העלף אונז!״—און דער רבי האָט געזאָגט:
— דאָס רחמנות נידערט נישט פריער אראָפּ פון הימל, ביז עס ווערט נישט אויפגעפּאָדערט פון אונטן.
און ער איז אריינגעטרעטן צווישן זיי און געטרייסט די דערשלאָגענע און געהיילט די קראַנקע און מוחל געווען די זינד.
אין דער שטאָט כפר־נחום איז געווען א בכבודיקער מאַן, געלערנט און אָנגעזעען אין שטאָט, וואָרעם ער איז געווען דער ראש פון בית

הכנסת, וואו דער רבי האָט געדרשנט יעדן שבת פאַרן קהל, און ער האָט געגלויבט אין רבין. און ער איז געקומען פאַר אים און איז געפאַלן פאַר זײַנע פיס און האָט אים געבעטן, אז ער זאָל קומען אין זײַן הויז אַרײַן, וואָרעם זײַן אײנציקע טאָכטער, א מיידל פון צוועלף יאָר, האַלט בײַם שטאַרבן. אָבער דאָס פאָלק האָט דעם רבין אַרומגערינגלט און האָט אים אײַנגעשלאָסן ווי א מויער, און ער האָט נישט געקאָנט אַרויסגיין פון צווישן זיי. און ווי ער רעדט נאָך אזוי, קומט אָנצולויפן א מאַן פון דעם ראש פון דער שול, און האָט געזאָגט צום ראש פון בית־הכנסת:

— דײַן טאָכטער איז געשטאָרבן, האָסט נישט מער וואָס מטריח צו זײַן דעם רבין!

אָבער ווען דער רבי האָט דאָס געהערט, האָט ער געזאָגט:

— האָב נישט קיין מורא, נײַערט גלויב נאָר, און די אמונה וועט דיר העלפן.

און ער איז געגאַנגען אין שטוב אַרײַן צום ראש פון בית הכנסת, און ער האָט קײנעם מיט זיך נישט אַרײַנגעלאָזט, נײַערט זײַנע דרײַ תלמידים: שמעון, יעקב און יוחנן און דעם פאָטער מיט דער מוטער פון קינד, און ער האָט געזאָגט:

— וויינט נישט, דאָס קינד איז נישט געשטאָרבן, זי שלאָפט בלויז. — און ער האָט זי אָנגענומען בײַ דער האַנט און געזאָגט: — ילדה, הייב דיך אויף!

און דאָס קינד האָט זיך אויפגעהויבן און איז געווען ווי אײנע פון אונז. מיר, די תלמידים פון רבין, וואָס זײַנען נישט געווען דערבײַ, האָבן געמורמלט צווישן זיך: „פאַרוואָס האָבן מיר נישט די זכיה צו זײַן דער־בײַ, ווען דער רבי טוט זײַן נס?" — און מיר האָבן פאַרדרוס געהאַט און מקנא געווען שמעונען און די ברידער זבדי, וועלכע דער רבי האָט מקרב געווען צו זיך.

און דאָס פּירעכץ פון אונזער רבי איז געווען אזוי: אונזער רבי איז צוגעפאָרן מיט א שיפל, וואָס זײַנע צוויי באַליבטע תלמידים, שמעון און יעקב, האָבן געפירט, צו א ברעג פון א שטאָט בײַם ים כנרת, און דאָס פאָלק האָט זיך געזאַמלט אויפן ברעג, און אונזער רבי האָט גערעדט צו זיי פון שיפל אַראָפּ פיל קלוגע רייד. דורך משלים און גלײַכענישן האָט ער זיי געלערנט אַרונטערצוקומען אונטער דעם עול פון מלכות שמים. „דאָס מלכות פון גאָט — האָט ער געזאָגט — איז געגליכן צו א מענטש, וואָס וואַרפט זוימען אין דער ערד אַרײַן, און נאָכן איבערשלאָפן זיך בײַנאַכט — ער שטייט אויף אינדערפרי, און דאָס זייעכץ בליִט, און ער ווייסט נישט דערפון. וואָרעם די ערד אַליין ציט אַרויס פון זיך איר פּרוכט און איר גראָז". און נאָך אַזעלכע גלײַכענישן האָט ער דערציילט. דער קלוגער האָט עס געהערט און פאַרשטאַנען דעם טיפן מיין דערפון, און דעם פּראָסטן האָט ער געצויגן דאָס האַרץ מיט דעם שיינעם משל. אָן א משל האָט ער נישט גערעדט. וואָרעם הורדוס אַנטיפּאַס האָט שוין

געהאט געהערט וועגן אונזער רבין, און ער האָט זייער מורא געהאט פאַר אים, און ער האָט אים געוואָלט זען, ווײַל דאָס פאָלק האָט געזאָגט אויף אונזער רבין, אַז ער איז יוחנן המטביל, וואָס הורדוס האָט געלאָזט קעפּן אין זײַן פעסטונג. און הורדוס אַנטיפּאַס האָט זיך אין האַרץ געשראָקן און געזאָגט: „ווי אַזוי איז ער צוריקגעקומען אין לעבן דער, ווען איך האָב געקעפּט?”. און אויך די חכמים זיינען נישט צופרידן געווען פון אונזער רבין, וואָס ער פירט זיך נישט אויף, ווי אַ תּלמיד חכם באַדאַרף זיך אויפפירן, און אפילו די תּלמידים פון יוחנן האָבן מהרהר געווען אויף אים דעריבער, וואָס ער גייט נישט אין די וועגן פון יוחנן המטביל, וועלכער האָט געהייסן פּײַניקן דאָס נפש און פאַסטן. אויך האָבן פיל בעלי־בתּים, בעלי־נכסים מהרהר געווען אויף אים, ווײַל זיי האָבן געזאָגט, אַז ער באַלעמוטשעט די שכירי־יום פון זייער אַרבעט.

און עס איז געווען, ווען די שוטרים האָבן זיך דערנענטערט צום ברעג, אַזוי האָט שמעון און יעקב, וועלכע זיינען שטענדיק געווען מיט אים אין שיפל, גלײַך אָנגעהויבן מיט שטאַרקע שלעג די רודערס צו שלאָגן אין וואַסער, און אונזער רבין אָפּגעפירט אין האַרץ פון ים, וואָס דאָרט האָבן די שוטרים אים שוין נישט געקאָנט דערגרייכן. אויך האָבן די בני זבדי, וועלכע האָבן פאַרמאָגט פיל שיפן, אויפגענומען אויף זיי פיל פאָלק און זיי אָפּגעפירט אין ים אַרײַן נאָך אונזער רבין. און מיר האָבן אָנגעגרייט אויף די שיפן ברויט און שפּײַז, וואָס מיר האָבן אָנגעקויפט פאַר דאָס געלט, וואָס דאָס ווײַב יוחנה און אַנדערע נשים צדקניות, וועלכע האָבן געגלויבט אין רבין, האָבן אין אונזער קופּה אַרײַנגעלייגט. און דער רבי מיט דעם פאָלק הינטער אים זיינען אויף די שיפלעך צוגעשוואומען צו אַ ברעג בײַם אָנהויב פון ים כּנרת, אין דער נאָענט פון בית צידה אָדער צו אַן אַנדערן ברעג, וואָס איז לער פון מענטשן, און דאָרט זיינען מיר אַלע אויסגעשטיגן, און מיר אַלע האָבן זיך אויסגעצויגן איבערן ברעג אויף די גרינע פעלדער. טיילמאָל זיינען מיר אַרײַנגעגאַנגען אין אַ חורבה אַרײַן אָדער מיר האָבן זיך באַהאַלטן צווישן די ווײַנגערטענער, וואָס וואַקסן דאָרט אויפן ברעג. וואָרעם די טעג זיינען געווען זומער־טעג. און דער רבי האָט זיך געזעצט אינמיטן פון פאָלק און האָט געבראָכן מיט זיי ברויט, און זיי געלערנט די וועגן פון גאָט, און מבשר געווען פאַר זיי דאָס אָנקומען פון מלכות־שמים. ער האָט זיי געלערנט, וואָס זיי האָבן צו טון, כּדי צו ירשענען יענע וועלט און זיי זאָלן זוכה זײַן צו האָבן אַ חלק אין דעם מלכות שמים. און אַמאָל האָט ער געהיילט אַ קראַנקן מיט קרײַטעכצער אָדער מיט אַ באַרירונג פון זײַן האַנט. ער האָט באַרואיקט די אויפגעשטורעמטע געמיטער און געטרייסט די געפאַלענע און מוחל געווען די זינד פון די זינדיקע. און דאָס פאָלק האָט זיך באַהאַפטן צו אים, און ער איז געוואָרן מיט זיי צו איין לײַב און איין נשמה.

און די אמונה פון שמעון בר־יונה אין אונזער רבין האָט זיך גע־

שטאַרקט וואָס אַמאָל מער. ער האָט געגלויבט, אַז אונזער רבי איז ביכולת צו טון דאָס, וואָס קיין שום בשר ודם האָט פאַר אים נישט געטון, אַז די רשותן זיינען אים איבערגעגעבן אין זײַן האַנט נישט נאָר איבער מענטשן, נאָר אויך איבער רוחות און עלעמענטן, און די מלאכים שטייען גרייט אויסצופירן זײַנע שליחותן. און ער האָט געהערט שטימען און געזען בילדער, וואָס קיינער פון אונז האָט נישט געזען. און איינמאָל איז געשען אַזוי: מיר האָבן אונזער רבין אַליין איבערגעלאָזט אויפן ברעג, ווײַל ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל מתפלל זײַן ביחידות. מיר זיינען אָפּגעפאָרן מיט די שיפלעך אין ים אַרײַן, מיר האָבן געזאָלט שפּעטער נאָך אים צוריקקומען. דערווײַל איז פאַרנאַכט געוואָרן, דער ים האָט זיך אײַנגעהילט אין אַ וואָלקן פון טוי, וואָס האָט זיך געלייגט געדיכט איבער אים. דער וואָלקן האָט פאַרשטעלט דאָס ליכט פון הימל, און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז הימל און ערד זיינען צוזאַמענגעוועבט געוואָרן און זיך באַהאַפטן צוזאַמען אין איין נפש. און פינצטער איז געוואָרן איבער דער וועלט, אַז מיר האָבן נישט געזען דעם עק פון אונזער שיף. אונזערע רודערס האָבן געטאַפּט אין דער געדיכטעניש. די בני זבדי, וועלכע האָבן געפירט דאָס שיפל, האָבן געזאָגט: „קומט, לאָמיר זיך צוריקקערן צום ברעג, וואו מיר האָבן אונזער לערער פאַרלאָזט, וואָרעם עס ווערט שפּעט, דער הימל איז פאַרוואָלקנט". און שמעון בר־יונה און די אַנדערע תלמידים זיינען געווען אין דער שיף, און מיר זיינען אַלע געווען באַזאָרגט וועגן אונזער רבין, וואָרעם דער ים האָט געענדערט זײַן געזיכט. אָבער פּלוצלינג הערן מיר, ווי שמעון בר־יונה רופט אויס מיט גרויס אַנגסט: „קוקט און זעט!". מיר האָבן געקוקט אין דער נאַכט אַרײַן, אָבער די פינצטערניש האָט אַלץ פאַרשטעלט פאַר אונז, ווי אַ געדיכטע נעץ וואָלט געהאָנגען פאַר אונזערע אויגן, און מיר האָבן גאָרנישט געזען, נאָר געדיכטעניש אַרום אונז, ווי מיר וואָלטן זיך אין אַ וואָלקן פאַרלוירן. און מיר פרעגן אין אַנגסטן: „בר־יונה, וואָס זעסטו? זאָג!" — און שמעון בר־יונה האָט געוויזן אויף דעם געדיכטן טוי־וואָלקן, וואָס האָט פאַרדעקט דעם שטח וועלט, און האָט אויסגערופן: „איך זע מײַן רבין, ווי ער פּילט אָן דעם חלל פון דער וועלט, זײַן קאָפּ דערגרייכט אין הימל אַרײַן, און מיט זײַנע נאַקעטע פיס שפּרײַזט ער איבער די וועלן פון ים! ער באַרירט זיי מיט זײַנע פיס און זיי לייגן זיך ווי אונטערטעניקע שאָף אונטער אים און לאָזן אים טרעטן איבער זיך!". מיר האָבן אונזערע אויגן אײַנגעשטאָכן אין דער טיפער נאַכט אַרײַן, אָבער די פינצטערניש איז געלעגן ווי אַ פּאַנצער פון שטאָל אַרום אונז, און מיר האָבן נישט געזען איינער דעם אַנדערן, נאָר מיר האָבן געהערט בר־יונהס קול, וואָס האָט געהאַלטן אַלץ אין איין רופן: „ער גייט, ער גייט פאָראויס פאַר אונז!„ און מיר האָבן געגלויבט אין זײַנע רייד, וואָרעם דער פחד פון גאָט איז געפאַלן איבער אונז...

און עס איז געווען אַ טאָג, און אונזער רבי איז אַרויסגעפאָרן מיט

די תּלמידים און פיל פֿאָלק איבערן ים צו א ברעג, ווי זײַן געוואוינהייט איז געווען, כדי צו ברעכן מיט זיי ברויט. עס איז געווען שפּעט אין דער נאַכט, און זיי זיינען נישט צוריקגעקומען. און אייניקע פון די תּלמידים, און צווישן זיי אויך איך, יהודה, זיינען איבערגעבליבן אינדערהיים היטן די כלים. און ווי מיר האָבן געזען, אז עס פינצטערט זיך דער ים און דער רבי מיט די תּלמידים קערן זיך נישט אום צוריק, זיינען מיר ארויס צום ברעג פון ים זיי אָפּוואַרטן. וואָרעם א גרויסער שטורעם האָט זיך אָנגעהויבן צו קאָכן איבער די כוואַליעס, און ער האָט זיי אָנגעהויבן צו שלאָגן מיט ריטער פון כעס. און זיי האָבן זיך אויפגעהויבן מיט גרויס רעש ווי בערג און זיינען שטיין געבליבן. פון דער שוואַרצקייט פון דער נאַכט האָבן מיר דערהערט אויפן ברעג דאָס שלעכטע געברום פון די כוואַליעס, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען איינער אויפן אַנדערן ווי די גרויסע וואַלפיש, און זיי האָבן זיך געשלאָגן מיט זייערע עקן. אונזערע הערצער זיינען צעגאַנגען פאר אַנגסט איבער דעם גורל פון רבין מיט די תּלמידים. די ווײַבער האָבן ארויסגעבראַכט די לאָמפּן פון די הײַזער צום ברעג, און מיר אַלע האָבן אָפּגעוואַרט דאָס אָנקומען פון די שיפן. נאָר מען זעט גאָרנישט און מען הערט גאָרנישט, נײַערט דאָס ברויזנדיקע געבייזער פון ים. מיטאמאָל דערהערן מיר מענטשלעכע שטימען רופן פון דער נאַכט ארויס: „הושענה, העלף אונז!" — און מיט איין מאָל ווערט אַלץ שטיל, ווי א שווערד וואָלט די קעפּ פון די ווילדע כוואַליעס אָפּגעהאַקט און זיי רואיק אוועקגעלייגט. פון דער נאַכט שווימט ארויס אויפן ים די שיף, רואיק אין זײַן ווײַסן קלייד שפּרײַזט ארויס פון דער שיף דער רבי, נאָך אים שמעון בר־יונה און יעקב בן זבדי, זייערע קליידער צעריסן אויף זייער לײַב פון די פּײַלן פון שטורעם, זייערע האָר צעשויבערט, זייערע בערד צעוואָרפן, באַגאָסן פון קאָפּ ביז די פיס מיט וואַסער. און שמעון מיט אויסגעשטרעקטע הענט און פֿײַערדיקע אויגן זאָגט צו אונז, און מיר הערן דאָס פלאַטערן פון זײַן האַרץ אין זײַן קול: „הערט און זעט, וואָס גאָט האָט געטון מיט אונז! א גרויס נס איז געשען: מיר זיינען געפאָרן אויף אונזער שיף, און ווען מיר זיינען געווען אינמיטן ים, איז א גרויסער שטורעם אויסגעבראָכן. פּלוצלינג איז ער געקומען, פּלוצלינג זיינען מיר פון הויכע כוואַליעס ארומגערינגלט געוואָרן ווי פון חיות־רעות, שדים און רוחות זיינען געזעסן אין זיי און געוואָרפן זיי ווי אין גרויס קדחת. און די כוואַליעס האָבן די מײַלער אויפגעעפנט אויף אונז צו פאַרשלינגען. מיר קוקן זיך ארום אויף אונזער רבין, אז ער זאָל אונז ראַטעווען פון די הענט פון משחית, און מיר זעען אונזער רבי שלאָפט רואיק אויף דעם באָרטן פון דער שיף. מיד פון זײַן הייליקער אַרבעט, האָט ער זיך צוגעלענט. זײַן קאָפּ אויף זײַן רעכטער האַנט, זײַן לײַב מיט טוך און קלייד פאַרדעקט, און מיר היטן דעם אָטעם זײַנעם. אָבער דאָ קומט א כוואַליע אָן, גרויס ווי א לויתן, און שלאָגט אָן די שיף מיט איר עק. די שיף שטעלט זיך קאַפּויר, דער רודער איז צעבראָכן, די ברעטער קרעכצן אונ־

טער די שלעג פון די וועלן, באַלד קראַכן זיי צונויף. און מיר האָבן גע־רופן: „רבי, רבי, הערסטו נישט אונזער געשריי, זעסטו נישט אונזער אַנגסט? האָב רחמנות אויף דעם פאָלק, וואָס פאָלגט נאָך דײַנע טריט און איז מיט דיר אין א שטורמישן ים ארויס!". ער האָט אונז אָנגעקוקט מיט זײַן דערוואַכנדיקן בליק: „קליינגלויביקע, וואָס איר זענט!" — און ווי א האָר אויף זײַנע שלעכטע הינט, וואָס באַפאַלן זײַן ליבן גאַסט, האָט ער אָנגעשריגן אויף די וועלן, און ווי אונטערטעניקע הינט האָבן זיי די קעפּ געבויגן צו דער ערד און אונטער זײַנע פיס זיך געלייגט. מיר זײַנען ווי די יידן אין מצרים אדורך דעם געשפּאָלטענעם ים".

ווען מיר האָבן דערהערט, וואָס בר־יונה האָט אונז פארציילט, האָבן מיר אויפגעהויבן די הענט צום הימל און געלויבט דעם פאָטער פאר דעם חסד, וואָס ער האָט געטון מיט אונז, און דער פּחד פון רבין איז געפאַלן אויף אונז. און די פון אונז, וואָס זײַנען געווען פון די קליינגלויביקע, זײַנען זייערע הערצער צעגאַנגען געוואָרן פאר שרעק. מיר זײַנען אָנ־געקומען פאר אונזער רבין בדחילו ורחימא, מיט אַש באַשיט די קעפּ און אין באַרוועס זיך געוואָרפן צום רבינס פיס און געזאָגט: „הייליקער אין ישראל, ווי צו אונז, מיר האָבן געזינדיקט אין אונזערע הערצער קעגן דיר! זײַ אונז מוחל און פארשטויס אונז נישט פון דײַן אָנגעזיכט!".

און דער רבי האָט געלייגט זײַן האַנט אויף אונזערע רוקנס און האָט געזאָגט:

— הייבט אײַך אויף און זײַט געטרייסט, די זינד איז אײַך פארגעבן, ווײַערט גלויבט, וואָרעם קיין זאַך טוט נישט בײַשטיין דעם גלויבן!

און מיר זײַנען געטרייטס געוואָרן, און אונזערע הערצער זײַנען אָנ־געפילט געוואָרן מיט בטחון. און מיר האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן:

— די ישועה שטייט הינטער אונזער טיר. וואויל איז צו דעם, וואָס האָט דאָס דערלעבט!

און צווישן די, וואָס האָבן מחילה געבעטן בײַ זייער רבין, בין איך, יהודה איש קריות, געווען.

X

אין יענע טעג זײַנען אָנגעקומען די שליחים פון ירושלים, וואָס חנן, דער עלטסטער פון די כהנים גדולים, האָט געשיקט, כדי אויסצופאָרשן אונזער רבין און נאָכצופאָרשן זײַנע מעשים. וואָרעם עס איז דערגאַנגען צו די סנהדרין אין ירושלים דאָס געהער וועגן אונזער רבין, וועגן די וואונדערלעכע זאַכן, וואָס דער רבי ישוע בן יוסף טוט, די פרעמדע תורה, וואָס ער פארשפּרייט, און זײַן אויפפירונג, וואָס איז נישט אין רוח פון

דער קבלה, — האָבן זיי געוואָלט דערגיין, צי עס איז עפּעס דאָ אין דער זאַך, וואָס די לײַט רעדן אויף אים.

און די צאָל פון די שליחים איז געווען זיבן, לויטער געלערנטע אין דער שריפט, די וואָס קאָנען אויסטײַטשן און די וואָס ציילן יעדעס וואָרט.

און צווישן זיי איז געווען א מאַן, וועלכן איך האָב געקענט פון ירו־שלים, און נקדימון איז געווען זײַן נאָמען. דאָס איז געווען מײַן רבי און מײַן חבר, א מאַן מיט מיר אין איין דעה, א פרומער און גערעכטער, וועלכער האָט געוואָרט אויף דעם געזאָלבטן פון גאָט, ער זאָל קומען יעדן טאָג און אויסלייזן ישראל. און איך, דער קנעכט פון זײַן האר, האָב זיך געפעדערט און אוועקגעגאַנגען צו נקדימון און האָב אים געזאָגט:

— ריר נישט אָן דעם הייליקן פון ישראל!

און איך האָב אים פאַרציילט פון אַלע וואונדער, וואָס דער רבי האָט געטון ביז הײַנט, און פון דער תורה, וואָס ער פאַרשפּרייט. און איך האָב אים אויך פאַרטרויט פון די רייד, וואָס עס האָט גערעדט צו מיר זײַן מוטער אין נצרת, אז ער איז געבוירן אין בית־לחם אין אפרת, וואָס איז אין יהודה, ווי דער נביא האָט נביאות געזאָגט.

און ווי נקדימון האָט דאָס געהערט, אזוי האָט ער געזאָגט:

— עס מוז עפּעס זײַן אין דער זאַך!...

און עס זיינען אויך געקומען די תלמידים פון יוחנן, וואָס נאָך דעם טויט פון זייער רבי זיינען זיי געווען פאַרשפּרייט ווי די שאָף אָן א פּאַסטוך און זיי האָבן געוואָרט אויף דעם, וואָס וועט קומען, ווי יוחנן האָט נביאות געזאָגט.

און איך בין געגאַנגען צו זיי און האָב זיי פאַרציילט פון די מעשים פון מײַן רבין און פון די וואונדערלעכע זאַכן, וואָס ער טוט. און נקדימון און די תלמידים פון יוחנן זיינען געקומען בײַנאַכט צו גיין אין שמעונס שטוב אין געהיים, און זיי זיינען געקומען פאַר אונזער רבינס געזיכט... און נקדימון האָט זיך אָנגערופן:

— זאָג אונז, ווער דו ביסט, גיב אונז א צייכן, א באווײַז — ביסטו דאָס דער, אויף וועמען מיר וואַרטן אָדער נישט?

און די תלמידים פון יוחנן האָבן זיך אָנגערופן און האָבן געזאָגט:

— ווען אונזער רבי האָט נאָך געלעבט, האָט ער אונז געשיקט צו דיר, און מיר האָבן דיך געפרעגט אין זײַן נאָמען: ביסטו עס, אָדער מיר זאָלן וואַרטן אויף אַן אנדערן? — און דו האָסט אונז געזאָגט: „גייט צוריק און זאָגט יוחנן, וואָס איר האָט געהערט. און געלויבט איז דער מענטש, ער וועט נישט געשטרויכלט ווערן אין מיר!" — און מיר זיינען צוריק געגאַנגען און מיר האָבן שוין געפונען אונזער רבין טויט, א געקעפּטן דורך הורדוסן, נאָכדעם ווי זײַן ווײַב האָט אים אָנגערעדט דערצו. און מיר שטייען איצט פאַר דיר ווי פאַרבלאָנדזשעטע שאָף, וואָרעם אַנדערש זיינען דײַנע ווענן פון די, אויף וועלכע יוחנן האָט אונז געפירט, און אַנ־דערש זיינען דײַנע אויפפירונגען. אונזער רבי האָט אונז געלערנט צו

האַלטן ריין אונזער גוף, און דו זיצסט מיט חוטאים, מוכסים און זינדיקע פרויען! ביסטו דאָס דער, אויף וועלכן די נביאים האָבן נביאות געזאָגט, — אַזוי לאָזן מיר בלאָזן מיט די גרויסע שופרות און פונאַנדערטראָגן דײַן בשורה אין ישראל! — און זיי האָבן אויסגעשטרעקט צו אים די הענט און זיך געבעטן בײַ אים: האָב רחמנות אויף דײַנע קנעכט און פּײַניק אונז נישט מיט אומוויסנהייט.

אָבער דער רבי האָט זיי געענטפערט נישט „יאָ" און נישט „ניין". און ער האָט גערעדט צו זיי מיט משלים, און ער האָט צו זיי געזאָגט:

— איצט צו וועמען זאָל איך גלײַכן די מענטשן פון דעם דור און צו וועמען זאָל איך זיי שטעלן? זיי זיינען געגליכן צו קינדער, וואָס זיצן אויף דער גאַס און רופן איינער צום אַנדערן און זאָגן: „מיר האָבן פאַר אײַך געפײַפט און איר האָט נישט געטאַנצט, מיר האָבן צו אײַך געקלאָגט און איר האָט נישט געוויינט". וואָרעם יוחנן המטביל איז צו אײַך געקומען און נישט געגעסן קיין פלייש און נישט געטרונקען קיין ווײַן, האָט איר געזאָגט — ער איז אַ שד, און דער בן־אדם איז געקומען און עסט און טרינקט, זאָגט איר — זעט, דער מענטש איז אַ זולל וסובא, אַ פרײַנד פון מוכסים און זינדער. אָבער די קלוגשאַפט ווערט גערעכטפאַרטיקט פון אַלע אירע קינדער.

און מער האָט ער צו זיי נישט געזאָגט. און זיי זיינען ארויסגעגאַנגען אַזוי אומוויסנד, ווי זיי זיינען געקומען צו אים. און נקדימון האָט געזאָגט:

— איצט איז אונז גאַרנישט מער איבערגעבליבן, נאָר דאָס געזעץ, וואָס איז אין אונזערע הענט. דאָס איז די שנור, אין וועלכער מיר האַלטן זיך. וואָרעם זי איז געגעבן געוואָרן צו אונז פון גאָט, און נאָך איר וועלן מיר גיין. און גאָט זאָל טון דאָס, וואָס עס איז רעכטפאַרטיק אין זײַנע אויגן.

און צומאָרגנס זיינען געווען אויסגעזעצט די שליחים פון די סנהדרין, וואָס זיינען געקומען פון ירושלים, און זיי האָבן אויפגערופן דעם רבין צום משפט, אַז ער זאָל קומען און עדות־זאָגן איבער דער פירונג פון זײַנע תלמידים. וואָרעם דער רבי איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זײַנע תלמידים, ווי די תלמידים פאַר זייער רבין.

זיי האָבן זיך אויסגעזעצט, די שליחים פון די סנהדרין, אין דער לשכה, וואָס איז בײַ דעם בית־הכנסת אין כפר־נחום. דרײַ זיינען געקומען פון ירושלים: אליעזר דער זון פון יהודה, וועלכער האָט געהערט צו דער כת פון די כהנים גדולים; נקדימון דער זון פון נקדימון, וועלכער איז געווען פון די תלמידים פון הלל און ער איז געווען דער היטער פון דער מסורה, און נתן דער זון פון ישמעאל, וואָס איז געווען שטאַרק אין דער שריפט, פון די תלמידים פון שמאי. און זיי האָבן גערופן, און עס איז געקומען שמעון דער פּרוש פון דער שטאָט נעים, וועלכער איז געווען דער גאַסטגעבער פון אונזער רבין, און ער האָט געהאַט די ערשטע מחלוקה מיט אונזער רבין איבער פאַרגעבן די זינד. און דער ראש פון בית

הכנסת, ר׳ יהודה, דער זון פון חנן, איז געווען דער יושב ראש פון בית־דין, ווײַל ער איז געווען פון אָרט, און דער סגן, און דער חזן פון דער שול זײַנען געזעסן לעבן אים, און זיי האָבן אָפּגענומען גבית־עדות פון די מענטשן וועגן די מעשים פון אונזער רבין. און עס זײַנען געקומען טייל פון די לײַט פון דער שטאָט און האָבן עדות געזאָגט: „מיר האָבן געזען דעם רבין יהושע בן יוסף זיצן מיט זינדיקע לײַט בײַ איין טיש. מיר האָבן אים געזען ארומגיין מיט מוכסים, וועלכע זײַנען געגליכן צו גזלנים, און לעבן אים געפינען זיך פרויען פון שלעכטן שם". האָבן זיי געשיקט און געפרעגט אונזער רבי: „ישוע בן יוסף, פאַרוואָס גייסטו ארום מיט זינדיקע און מוכסים און פרויען, וועלכע האָבן א שלעכטן שם?" — און ער האָט זיי געשיקט אן ענטפער: „דער רופא היילט נישט קיין געזונטע, נײַערט קראנקע". און דאָס בית־דין האָט אָנגענומען זײַן ענטפער. און עס זײַנען געקומען אַנדערע און האָבן געזאָגט: „מיר האָבן געזען דעם רבין ישוע מיט זײַנע תלמידים זײַנען אדורכגעגאנגען א באוואקסן פעלד מיט תבואה אום שבת, און טייל פון זײַנע תלמידים האָבן אָפּגעריסן זאַנגען פון פעלד אום שבת און געגעסן, און זייער רבי האָט זיי דערפאַר גאָרנישט געזאָגט". האָט דאָס בית־דין געשיקט און גערופן אונזער רבין, און זיי האָבן צו אים געזאָגט: „ישוע, דער זון פון יוסף, ווייסטו נישט, וואָס עס שטייט געשריבן, אז דער שבת איז אן „אות ביני ובן בני ישראל, אות הוא לעולם"? און הײַנט, אז דײַנע תלמידים האָבן מחלל געווען דעם שבת, ביסטו שולדיק דערפאַר, ווײַל מען פאָדערט אויף פון רבין דאָס, וואָס זײַנע תלמידים האָבן פאַרזינדיקט!". און אונזער רבי האָט זיי געענטפערט און געזאָגט: „איר האָט געלייענט, וואָס דוד האָט געטון, יוען ער מיט זײַנע מענטשן זײַנען הונגעריק געווען? ער איז געקומען אין גאָטס הויז ארײַן און געגעסן פון לחם הפנים, וואָס איז נישט מותר פאַר אים און פאַר זײַנע מענטשן צו עסן, נײַערט צו די כהנים אליין. איר האָט דאָך געלערנט אין דער תורה: די כהנים אין בית מקדש זײַנען מחלל דעם שבת, און עס ווערט זיי נישט גערעכנט פאַר א זינד. און איך זאָג אײַך, אז עס איז דאָ עפּעס, וואָס איז גרעסער פאַרן בית־מקדש! איר ווייסט דאָך, וואָס עס שטייט געשריבן: „חסד וויל איך, נישט קיין שעכ־טונגו!" — און איר זאָלט נישט באשולדיקן די ריינע, וואָרעם דער מענטש־זון איז אויך דער האַר איבערן שבת!"...

ווי דאָס בית־דין האָט דאָס דערהערט, זײַנען זיי שטיל געוואָרן, און עס האָט געפרעגט אליעזר דער זון פון יהודה: „וועמען מיינט ער דאָס — דער מענטשן־זון?". אזוי האָט זיך אָנגערופן נתן, דער זון פון ישמעאל: „דאָס מיינט ער משיח, ווי עס שטייט אין דניאל". האָט זיך אויפגעהויבן שמעון דער פרוש און האָט געזאָגט: „האָבן שוין די חכמים אָנגענומען דעם דין, אז פיקוח נפש איז דוחה שבת?". האָט דערויף נקדימון בן נקדימון אָפּגעענטפערט: „מיר האָבן עס בקבלה פון הלל הזקן. און די חכמים האָבן עס געדרונגען פון דער תורה, וואָרעם עס שטייט געשריבן:

„כי קודש הוא לכם", הייסט עס, אַז דער שבת איז איבערגעגעבן צו אײַך, נישט איר צום שבת". און נתן, דער זון פון ישמעאל, האָט עס באַשטעטיקט פון די נביאים, וואָרעם דער נביא ישעיה האָט געזאָגט: „וקראת לשבת עונג", הייסט עס, אַז דער שבת איז אַן עונג און נישט קיין עול". האָט דער יושב ראש געזאָגט: „דער רבי ישוע בן יוסף האָט געבראַכט אַ ראיה פון דוד המלך, — ער שטייט אויפן יסוד פון דער תורה און זײַן ענטפער איז אָנגענומען!".

און אַנדערע זײַנען געקומען און האָבן עדות געזאָגט: „מיר האָבן געזען דעם רבין ישוע בן יוסף זיצן מיט זײַנע תלמידים בײַ איין טיש מיט מוכסים און עמי־הארצים, און ער האָט געבראָכן מיט זיי ברויט, און זיי האָבן נישט געוואַשן זייערע הענט פריער, ווי דער דין איז, נישט זײַנע תלמידים און נישט דאָס פאָלק!". אַזוי איז דאָס בית־דין אויפגעבראַכט געוואָרן, און זיי האָבן געשיקט דעם סגן און דעם חזן, אַז זיי זאָלן אויפפאָדערן אונזער רבין, ער זאָל קומען און שטעלן זיך פאַרן דין, וואָרעם די לעצטע עבירה האָט איבערגעוואויגן אַלע אַנדערע.

און דער רבי האָט זיך אַרומגעהילט אין אַ שוואַרצן מאַנטל, ווי דער דין איז, און איז געקומען און זיך געשטעלט פאַרן בית־דין. און ווי די לײַט פון דער שטאָט האָבן געהערט, אַז אונזער רבי קומט פאַרן בית־דין, אַזוי האָט דער בעל־מלאכה געלאָזט זײַן ווערקשטעל, דער פישער זײַן נעץ, דער אַקערמאַן זײַן אַקער, און זיי זײַנען מיטגעקומען מיטן רבין צום בית־דין.

און די לשכה בײַ דעם בית־הכנסת איז געווען צו קליין אַרײַנצונעמען דאָס גאַנצע פאָלק, און דאָס פאָלק האָט זיך געשטעלט אינדרויסן, און האָט אַרײַנגעקוקט אין דער בית־דין־שטוב דורך דער אָפענער טיר. וואָרעם דאָס בית־דין איז געווען אויסגעזעצט בײַ אָפענע טירן און פענצטער, כדי אַלע זאָלן קאָנען הערן און זען, אַז דאָס בית־דין איז גערעכט אין זײַן משפט. און דער יושב־ראש פון בית־הכנסת האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

„ישוע בן יוסף, שלעכטע רייד זײַנען געוואָרן געבראַכט וועגן דיר פאַרן בית־דין, און מיר האָבן געשיקט און דיך גערופן, זאָלסט קומען פאַרן בית־דין צדק און זאָלסט מתוודה זײַן אויף דיר אַליין, צי איז נישט פאַלש די זאַך, וואָס די עדות האָבן געזאָגט אויף דיר, אַז דו, ישוע בן יוסף, וואָס דאָס געזעץ איז שטאַרק אין דײַן האַנט, ביסט חלילה געזעסן צוזאַמען מיט זינדיקע און עמי־הארצים, און דו האָסט געבראָכן מיט זיי ברויט, און דו האָסט נישט געוואַשן פריער דײַנע הענט, ווי דער דין איז, און דו האָסט נישט דײַנע תלמידים און נישט די אַלע, וואָס זײַנען געזעסן מיט דיר בײַ איין טיש, אויפגעפאָדערט, אַז זיי זאָלן מקיים זײַן דעם דין. דו ווייסט וואויל, אַז וואַשן די הענט איז אַלס מסורה אונז איבערגעגעבן פון אַלטע צײַטן, און עס איז אַזוי גילטיק ווי אַ געזעץ פון משה רבינו געגעבן אויפן באַרג סיני, און נאָך שטאַרקער — ווײַל דאָס געזעץ, וואָס

שטייט אין דער תורה, באַדאַרף נישט קיין חיזוק, די מסורה אָבער באַ־דאַרף יאָ א חיזוק! און הײַנט, דו ביסט געזעסן דערבײַ, ווי דײַנע תלמידים און דאָס פאָלק האָבן געגעסן ברויט און נישט געוואַשן זייערע הענט פריער, און דו האָסט זיי גאָרנישט געזאָגט, ביסטו דער בעל־אחריות, — ווײַל אַלץ, וואָס עס טוען די תלמידים, טראָגט די אחריות דער רבי אויף זיך".

אנשטאָט זיי אָפּצוענטפערן מיט באַשיידנקייט און שטילקייט, צו באַפּעסטיקן זײַנע רייד מיט א חיזוק פון דער תורה, ווי עס איז דער וועג פון די תלמידי חכמים, האָט אונזער רבי אויף זייערע רייד אָפּגעענט־פערט מיט כעס און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

„און פאַרוואָס פאַרשוועכט איר דאָס געזעץ, ווען עס גייט וועגן אײַער קבלה? גאָט האָט באַפוילן אַזוי צו זאָגן: „ערט אײַער פאָטער און אײַער מוטער, און ווער עס שעלט זײַן פאָטער און מוטער, דער זאָל גע־טייט ווערן". און איר זאָגט: „דער, וואָס טוט א נדר אויף זײַן פאָטער און מוטער און זאָגט צו זיי — א קרבן זאָל זײַן דאָס, וואָס איר זאָלט פון מיר הנאה האָבן, באַדאַרף ער נישט ערן זײַן פאָטער און מוטער". צע־שטערט איר דאָך גאָטס וואָרט פאַר אײַער קבלה. איר צבועים! גוט האָט איבער אײַך דער נביא ישעיה נביאות געזאָגט: „גאָענט איז דאָס פאָלק צו מיר מיט זײַן מויל, זײַנע ליפּן ערן מיך, אָבער זייער האַרץ איז ווײַט פון מיר. בחינם איז זייער כבוד פאַר מיר, עס איז נאָר א מענטשלעכע אויסגעלערנטקייט!" — און דערויף האָט ער זיך געווענדט צום פאָלק, וואָס איז געשטאַנען אין בית־דין־שטוב און אויך צו די, וואָס האָבן גע־וואַרט אויף דער גאַס, און ער האָט געזאָגט: „הערט און פאַרשטייט: נישט דאָס, וואָס עס קומט אין מויל אַרײַן, מאַכט דעם מענטש אומריין, נאָר דאָס, וואָס גייט אַרויס פון מויל, פאַראומרייניקט דעם מענטש!". און ער האָט איבערגעלאָזט דאָס בית־דין און איז אַוועקגעגאַנגען.

און דאָס גערעכטע בית־דין איז פאַרשעמט געוואָרן דעם טאָג פאַרן גאַנצן פאָלק, וואָס איז געווען דערבײַ. און די חכמים האָבן אויסגעהערט זייער שטראָף, און זיי האָבן געשוויגן.

עס איז געווען דערנאָך, ווען דער רבי האָט פאַרלאָזט דאָס בית־דין, בין איך נישט נאָכגעגאַנגען נאָך מײַן רבין ווי די אַנדערע תלמידים האָבן געטון, נאָר איך בין געבליבן בײַם בית־דין אויסצוהערן זייער פּסק־דין און וואָס זיי האָבן צו זאָגן.

און עס האָט זיך אויפגעשטעלט אליעזר, דער זון פון יהודה, וואָס איז פון די קרובים פון כהן גדול, און האָט זיך אָנגערופן:

— מיר אַלע זיינען געווען עדות און געהערט די רייד פון דעם מאַן. נישט פאַר זײַנע מעשים קומט אים אַן עונש, נאָר פאַר זײַנע רייד, וואָרעם ער האָט נאָר מחלל געווען א מסורה, וואָס איז נישט געשריבן אין דער תורה, און מיר ווייסן נישט, וואָס פאַרא עונש עס קומט דערפאַר. אָבער דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרשוועכט דעם כבוד פון חכמים און געטרעטן

דעם אָנזען פון די פּאַרשערס פון דער תורה, איז אזוי גוט, ווי ער וואָלט מבזה געווען די גאנצע תורה. אזוי ווי אונזערע חכמים האָבן געלערנט: „דער כבוד פון א חכם איז גרעסער ווי דער כבוד פון א מלאך" — וויל איך וויסן, וואָס פאַרא עונש דאָס גערעכטע בית־דין וועט ארויפלייגן אויף דעם מאַן, וואָס האָט פאַרשעמט די חכמים?

האָט זיך אויפגעשטעלט שמעון דער פּרוש און האָט אזוי געזאָגט:

— דער כבוד פון די חכמים רוט אויף זײַן אָרט, גאָט איז אונזער עדות, אז נישט וועגן אונזער כבוד און נישט וועגן דעם כבוד פון אונזערע פּאָטערס הײַזער גייט דאָ, נאָר וועגן דעם כבוד פון גאָט דעם אייביקן און פון זײַן גערעכטער תורה. מיר קאָנען נישט באשטראָפן דעם רבין דערפאַר, וואָס ער האָט געזאָגט די חכמים דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, ווײַל עס איז א מצוה צו זאָגן דעם אמת אין פּנים ארײַן און אודאי נאָך א בית־דין, וואָס זיצט בײַם משפּט, און עס איז א מצוה די חכמים, וועלכע טוען נישט דאָס, וואָס זיי דרשנען און שפּילן אויס זייער פרומקייט פאַר דער וועלט, אָנצורופן „צבועים", ווי אונזערע חכמים האָבן עס אליין געטון און ווי עס שטייט געשריבן: „ובערת את הרע מקרבך", מיינט מען אפילו פון תלמידי חכמים. דורך דעם קאָן מען דעם רבין נישט באשטראָפן פאַר זײַנע רייד, ווײַל ער האָט געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. איך וויל אָבער וויסן, וואָס פאַרא פּסק וועט דער גערעכטער בית־דין ארויסטראָגן פאַר זײַנע מעשים? בית־דין צדק, מיר האָבן א חזקה, אז משה רבינו האָט מקבל געווען די תורה פון באַרג סיני און זי איבערגעגעבן צו יהושע, יהושע האָט זי איבערגעגעבן צו די זקנים, די זקנים צו די נביאים, די נביאים צו די אנשי כנסת הגדולה, פון די אנשי כנסת הגדולה איז זי געקומען אין די הענט פון די חכמים, ביז צו שמעיה ואבטליון. הלל האָט משמש געווען שמעיה ואבטליון און געלערנט די תורה פון זיי, און פון הלל הזקן האָבן מיר די מסורה און די קבלה, אז נטילת ידים איז א הלכה פון משה מסיני, און דאָס איז איינע פון די אַכצן הלכות, אויף וועלכע די בית הלל און בית שמאי האָבן צוזאַמען מסכים געווען. און פון אונזערע עלטערן איז עס איבערגעגאַנגען צו אונז. און מיר היטן אָפּ די מצוה פון נטילת ידים מיט גרויס מסירת נפש, און מיר האָבן ארומגעצויגן צוימען איבער צוימען ארום זיך, מיר האָבן אויסגעשפּרייט די געפאַר פון אומריין אויף אונזערע כלים, אויף אונזער עסן, אויף אונזער קליידונג, אפילו א ספר אין היכל פאַלט אונטער דער געפאַר פון אומרייד, און מיר מוזן וואַשן די הענט, ווען מען באַרירט עס. און פאַרוואָס טראָגן מיר אויף זיך דעם עול פון מלכות שמים מיט אזוי פיל מסירת נפש? און פאַרוואָס האָבן מיר אזוי ענג געמאַכט אונזער לעבן און אזוי באַשווערט אונזער יאָך און אזוי ארומגעצויגן זיך מיט צוימען איבער צוימען? פאַר אונזער הנאה וועגן? פאַר אונזער כבוד וועגן אָדער פאַר דעם כבוד פון אונזערע פּאָטערס? ניין! מיר האָבן דאָס געטון דער־פאַר, כדי מיר זאָלן זײַן אָפּגעשיידט פון די גויים, כדי מיר זאָלן בלײַבן

א הייליק פאָלק און אויפהאַלטן דאָס ליכט פון גאָט. מיר זיינען א קליינער אינזל אין א ים פון טומאה, שלעכטס און געצנדינערײַ. קוקט זיך צו צו די פעלקער פון דער וועלט, די וועלכע הערשן איבער אונז, זיי דינען צו האָלץ און צו שטיין און רופן צו געטער, וואָס הערן נישט און זעען נישט. זיי רופן צו דער חיה: דו ביסט מײַן פאָטער, וואָס האָסט מיך געבוירן, און צו דער בהמה: דו ביסט מײַן גאָט, וואָס דו קאָנסט מיך באַשיצן פון אַלעם שלעכטן! און זיי זיינען מקריב פאר זיי זייערע קינדער, און זייערע ווײַבער זיינען מזנה אין זייערע טעמפלען, און זייערע מענער טרײַבן אלעס אומווירדיקע און גאָטס גערעכטיקייט הערשט נישט צווישן זיי, זיי ווייסן נישט פון גאָטס געזעצן און דריקן אונטער אלמנות און פארקויפן יתומים פאר קנעכט, און פארשקלאַפן זייערע פעלקער פאר אייביקע קנעכט פאר די פארגעניגנס פון זייערע הערשער. זיי פילן אָן די וועלט מיט א ים פון זינד און זנות, אזוי אז דאָס געשריי פון דער ערד גייט אויף צום הימל. און זיי איז וואויל און גוט און זיי באַהערשן די וועלט, און מיר — די היטער פון גאָטס ליכט, זיינען אונטערטעניק אונטער זיי און מיר ווערן געטרעטן פון זייערע פיס. אזוי קאָנען מיר זיך חלילה פארזען אין די נאַרישקייטן פון דער וועלט און זיך טראַכטן: אפשר איז חלילה דער אמת מיט זיי, און מיר ווען נאָכטון זייערע מעשים, און גאָטס גערעכטיקייט זאָל חלילה פארשווינדן פון דער ערד, ווי עס איז געווען אין די צײַטן פון אונזערע עלטערן, וואָס צוליב זייער זינד האָט גאָט חרוב געמאַכט דאָס בית מקדש און פארטריבן זיי פון דער ערד. אָבער צו אונזערע עלטערן זיינען אויפגעשטאַנען נביאים, און די נביאים האָבן זיי געשטראָפט און דערמאנט זיי אין דעם איינציקן לעבעדיקן גאָט, און האָבן נישט געלאָזט זיי זיך אויסמישן מיט די פעלקער פון דער וועלט, כדי דאָס ליכט פון גאָטס לערע זאָל נישט ווערן אויסגעלאָשן. הײַנט האָבן מיר נישט קיין נביאים, צוליב אונזערע זינד איז דער גייסט פון די נביאים געוואָרן אָפּגעטון פון אונז, און ער איז געגעבן געוואָרן אין מויל פון אונזערע חכמים און געלערנטע, און לויט די רייד פון זייער מויל לעבן מיר. און זיי האָבן אונז אָפּגעשיידט מיט צוימען און צוימען פון די פעלקער ארום, און האָבן געמאַכט א גרויסן צווישנשייד צווישן ריין און אומריין, און אויף אונז ארויפגעלייגט דעם עול פון נטילת ידים, כדי אין יעדן אויגנבליק פון אונזער לעבן זאָלן מיר געדענקען און וויסן, אז מיר זיינען יידן, אז מיר זיינען א געהייליקט פאָלק פון גאָט, אויסגעקליבן מקיים צו זײַן זײַנע מצוות, אָפּצוהיטן זײַן תורה און אויפצוהאלטן דעם נאָמען פון גאָט, — ביז זײַן אויסדערווײלטער משיח וועט קומען און אָנפילן די ערד מיט גערעכטיקייט, און אלע וועלן דערקענען דעם איינציקן לעבעדיקן גאָט, ווי דער נביא האָט נביאות געזאָגט: „און עס וועט זײַן באחרית הימים", דענסטמאָל, באחרית הימים, ווען אלע פעלקער וועלן אָננעמען דעם גאָט פון ישראל — ווי דער נביא זאָגט: ונהרו אליו עמים והלכו גוים רבים ונעלה אל בית ה' אלהנו —

וועט אויפגעהויבן ווערן די מחיצה צווישן אונז און זיי. ווי דער נביא זאָגט: „לא יוסיף לבוא עוד ערל וטמא". אָבער ביז דענסטמאָל מוזן מיר זײַן אָפּגעשיידט, ווײַל מיר זיינען געהייליקט צו גאָט אָפּצוהיטן זײַן ליכט, אזוי ווי עס שטייט געשריבן: „ואתם תהיו קדושים לי", — דער־פאַר האָבן אונזערע חכמים איבער אונז די צוימען געצויגן. און יעדער איינער, וועלכער קומט צעברעכן די צוימען, איז פונקט אזוי גוט, ווי ער וואָלט צעבראָכן אלע געזעצן פון דער תורה. איבער דעם האָבן די חכמים פיל מער געוויכט געלייגט אויף דער מסורה, ווי אויף דעם געשריבענעם וואָרט. די קבלה איז אונז ליבער דערפאַר, ווײַל מיר אליין האָבן אויף זיך דעם עול באשווערט, און מיר טראָגן אים מיט ליבע פאר זײַן הייליקן נאָמען וועגן, אָן דעם מען זאָל אונז האָבן געהייסן. וועלן מיר לאָזן יעדן איינעם אומבאַשטראָפט ארײַנרײַסן זיך אין אונזער גאָרטן און צעטרעטן אונזערע בייטן? ווער איז ער דאָס, וואָס איז געקומען אויפהויבן די מחיצה צווישן אונז און זיי? ער רופט זיך „בן־אדם". בן אדם הייסט דער נביא, ווי עס שטייט אין יחזקאל, בן־אדם מיינט מען אויך משיח. איז ער משיח, וואו זיינען די צייכנס? אזוי ווי עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן: „הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא לפני בא יום ה' הגדול והנורא"?

און קולות פון פאָלק האָבן זיך געהערט: „ער טוט וואונדער! בלינדע ווערן זעעוודיק, און געליימטע הויבן זיך אויף פון די בעטן!", און אנ־דערע פון פאָלק האָבן גערופן: „מיט איין וואָרט האָט ער מײַן פאָטער פון צרעת געהיילט!". און נאָך איינער האָט געזאָגט: „ער האָט מײַן שוועסטער געטרייסט און איר די זינד פארגעבן"!

אָבער שמעון דער פרוש האָט זיי אָפּגעענטפערט:

— מיר קוקן נישט אויף קיין נסים, נישט קיין נסים זיינען א באַווײַז פאר משיח. עס זיינען דאָ שוואַרצע כוחות פון טומאה, וואָס דער רבונו של עולם האָט געשאַפן, כדי די מענטשן צו פּרוּוון, ווי דער נביא האָט געזאָגט: „יוצר אור ובורא חושך, עושה שלום ובורא רע". — צו די דאָזיקע כחות דינען די אומות העולם, פון נחש הקדמוני אָן, פון דער ערשטער שלאַנג, וואָס האָט געבראַכט אויף אונז דעם חטא פון אדם, ביז צו דעם עקלדיקן בעל־זבוב — דער גאָט פון די פליגן — צו וועלכן די לײַט פון עקרון דינען. זיי האָבן זייערע נביאי שקר, און מיט זייער כוח טוען די נביאי שקר נסים.

אָבער דאָס פאָלק האָט ווײַטער גערופן: „נאָר וואָס דען איז דער באַווײַז פון משיח? זאָגט אונז, אויף וואָס זאָלן מיר וואַרטן! מיר זיינען מיד פון אויסקוקן מיט די אויגן אויף אים, אונזערע פאָטערס האָבן מיט שאַנד און שמאַכט געגנידערט אין זייערע גריבער ארײַן מיט דער האָפע־נונג, אז דער משיח וועט קומען. איצט דעקט זיי צו דער אייביקער גרוב, און מיר גייען אויס אין נויט און אונטערדריקונג, — און משיח באַווײַזט זיך נישט. זאָגט אונז, אויף וואָס זאָלן מיר וואַרטן, וואָס איז דער צייכן פון משיח?"

און שמעון דער פּרוש האָט אָפּגעענטפערט:

— עס שטייט אין דער תורה: „עס וועט אויפשטיין צווישן דיר א נביא אָדער א חולם־חלומות און וועט דיר געבן א צייכן אָדער ער וועט טון א וואונדער, און דער צייכן וועט דערפילט ווערן, און ער וועט זאָגן צו דיר: — לאָמיר גיין נאָך אַנדערע געטער, וואָס מיר קענען נישט, און זיי דינען, — זאָלט איר נישט הערן די רייד פון דעם נביא אָדער פון דעם חולם־חלומות!".

— ער הייסט אונז נישט דינען קיין אַנדערע געטער, נאָר דעם איינציקן לעבעדיקן גאָט פון ישראל! — האָט דאָס פאָלק זיך אָנגערופן.

— אָבער ער הייסט אײַך נישט מקיים די מצוות, ווי עס איז אין דער תורה, וואָס דער איינציקער לעבעדיקער גאָט פון ישראל האָט איבערגעגעבן צו משהן; און ער הייסט אײַך נישט קוקן אויף דער מסורה פון די חכמים, אין ווענעמס הענט עס איז איבערגעגעבן געוואָרן דער רשות אויסצוטײַטשן די תורה. דער, וואָס צעשטערט די תורה, דער צעשטערט דעם ברית וואָס איז צווישן גאָט און ישראל. דער, וואָס פאַרלייקנט די תורה, דער פאַרלייקנט דעם גאָט פון ישראל. נאָר דער קאָן עס טון, וועמען עס וועט אונז באַווײַזן, אַז ער איז משיח פון גאָט געשיקט, נאָר ער האָט דעם רשות און נישט קיין בשר ודם! איז ער משיח, פאַרוואָס באַווײַזט זיך נישט צו אונז אליהו הנביא און זאָגט נישט אָן זײַן קומען? פאַרוואָס זאָגט ער נישט די חיילות פון הימל און צעברעכט נישט די ממשלה פון אדום און ברענגט נישט אַלע גוים אויפן הייליקן באַרג, ווי דער נביא האָט נביאות געזאָגט? פאַרוואָס זאָגט ער דאָס אונז נישט? איז ער דען נישט צו אונז און פאַר אונז געשיקט?

אָבער נקדימון האָט זיך אָנגערופן:

— ווער זאָגט, אַז רבי ישוע בן יוסף איז משיח? מיר האָבן עס קיינמאָל פון זײַן מויל נישט געהערט, אויך זײַנע תלמידים האָבן עס קיינמאָל נישט באַשטעטיקט.

— אויב ער איז ווידער נישט משיח און נישט קיין מלאך פון גאָט, וואָס איז געקומען אויפהייבן דאָס געזעץ און די מחיצה צווישן אונז און די פעלקער, נאָר א געוויינלעכער בשר ודם, פאָדער איך אויף דעם בית־דין צדק, אַז עס זאָל אַרויסטראָגן א האַרבן פּסק־דין קעגן דעם רבי ישוע בן יוסף, וואָס איז געקומען צו צעשטערן די מסורה, וואָס איז אין אונזערע הענט איבערגעגעבן געוואָרן פון אונזערע עלטערן, אָן יעדן יסוד פון דער תורה אָדער פון דער קבלה! — האָט געפאָדערט דער פּרוש שמעון.

אָבער נקדימון בן נקדימון האָט אים אָפּגעענטפערט:

— עס איז נישט געגעבן געוואָרן אין אונזערע הענט די מאַכט צו משפּטן, וואָרעם דאָס בית־דין איז אײַנגעזעצט געוואָרן נאָר אויף חקירה ודרישה, אָבער נישט אויף אַרויסצוטראָגן א פּסק־דין!

און דער יושב ראש און אַלע אַנדערע דיינים האָבן צוגעשטימט צו

די רייד פון נקדימון בן נקדימון, און זיי האָבן געזאָגט:

— דאָס סנהדרין פון ירושלים האָט אונז נישט געגעבן קיין רשות צו משפּטן דעם רבין ישוע בן יוסף, נאָר חוקר ודורש צו זײַן!

אָבער שמעון דער פּרוש האָט ווידער געטענהט און געזאָגט:

— נישט קיין פּסק־דין פאַרלאַנג איך פון דעם בית־דין צדק פאַר דעם רבי ישוע בן יוסף און נישט קיין עונש פאָדער איך, וואָס דאָס איז נישט אין אונזער האַנט אַרויסצוגעבן, נאָר איך פאָדער פון דעם בית־דין צדק, וואָס האָט אויסגעהערט די גבית־עדות וועגן די מעשים און רייד פון דעם רבין, און אויך אויסגעהערט, ווי דער רבי ישוע בן יוסף האָט מזלזל געווען די הייליקע מסורה פון נטילת ידים, וואָס איז אונז איבער־געגעבן געוואָרן אָפּצוהיטן פון שלמה המלכס צײַטן אָן און ווערט פאַר־רעכנט ווי א געזעץ פון משה רבינו, — אַרויסצוגעבן א וואָרנונג צום פאָלק קעגן דעם רבין ישוע בן יוסף, אז דער ישוע בן יוסף טוט נישט זײַנע נסים, היילט נישט די קראַנקע מיט דעם ריינעם כוח פון דער תורה און גאָט ברוך הוא, נאָר ער טוט זײַנע נסים און היילט די קראַנקע מיטן כוח פון דער טומאה פון בעל־זבוב.

און ווידער איז דאָס בית־דין צדק געטיילט געוואָרן אין זײַן דעה, טייל האָבן געזאָגט, אז די וואָרנונג צום פאָלק איז שוין א פּסק־דין, צו וועלכן דער בית־דין צדק איז נישט באַרעכטיקט אַרויסצוגעבן. אַנדערע ווידער האָבן געזאָגט, אז אזוי ווי דאָס בית־דין צדק גיט נישט אַרויס קיין עונש פאַר דעם ישוע בן יוסף, נאָר באַשרענקט זיך בלויז צו וואָ־רענען דאָס פאָלק קעגן אים, איז עס נישט קיין פּסק־דין, נאָר א וויכטיקע תקנה, וואָס איז נייטיק, כדי אָפּצוהיטן דאָס פאָלק פון צו ווערן גע־שטרויכלט, און צו דעם איז דאָס בית־דין צדק באַרעכטיקט, ווײַל עס איז פאַראַן א סכנה.

און דאָס בית־דין צדק האָט נוטה געווען צו דעם צד, און האָט אַרויסגעגעבן די תקנה צום פאָלק.

און ווי די לײַט, וועלכע זיינען דערבײַ געווען, האָבן דערהערט די וואָרנונג, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון בית־דין צדק קעגן דעם רבין ישוע בן יוסף, אז ער טוט וואונדער און היילט קראַנקע מיטן כוח פון בעל־זבוב, אזוי איז א שרעק אַלעמען באַפאַלן, און זיי האָבן געזאָגט: „ווײ איז צו אונז, מיר האָבן באַרירט אומריינס!” — און זיי האָבן אויס־געמיטן זײַנע טריט. און פיל פאָלק איז דענסטמאָל אָפּגעפאַלן פון מײַן רבין, בלויז א טייל פון פאָלק האָט נאָך געגלויבט אין אים, וואָרעם זײַן כוח איבערן פאָלק איז געווען זייער גרויס דורך זײַנע רייד און דורך זײַנע גוטע מעשים, וואָס ער האָט געטון צום פאָלק. און ווידער אַנדערע זיינען געווען, וואָס האָבן נישט געוואוסט וועמען צו גלויבן — דעם בית־דין צדק אָדער די רייד פון אונזער רבין, און זיי האָבן ספקות געהאט אין זייערע הערצער. פון איין זײַט האָבן זיי מורא געהאט פאַרן בית־דין, וואָרעם דער פּסק־דין פון בית־דין צדק איז אויף זיי שווער געפאַלן,

און פון דער צווייטער זײַט האָבן זיי מורא געהאַט פאַר דעם כוח פון מײַן רבין. און ווען קיינער האָט נישט געזען, זײַנען זיי געקומען צו אים נאָך הילף און ברכה. און צווישן זיי בין איך אויך געווען, איך — זײַן תּלמיד יהודה איש קריות. מײַן האַרץ האָט געצויגן צו אים מיט ליבשאַפט, און מײַנע געדערעם האָבן געציטערט אין מיר פאַר דער שרעק פון פּסק־דין, וואָס איז געפאַלן אויף מיר. וואָרעם דער פּסק־דין פון בית־דין צדק איז א דין. און די אמונה אין מײַן האַרץ צו מײַן רבין איז שוואַך געוואָרן, און איך האָב באַשטימט צו ברענגען מײַנע ספקות פאַר דעם אויער פון מײַן רבין.

XI

ווען איך בין צוריקגעקומען פון בית־דין, האָב איך געפונען מײַן רבין אין דעם הויף פון שמעון בר־יונה, און עס איז געווען מנחה־צײַט, ווען אין בית־המקדש ברענגען די כהנים דעם אָוונט־קרבן, און דער פעלד־אַרבעטער קומט צוריק פון פעלד צו זײַן ווײַב און קינדער. מיט דעם אונטערגיין פון דער זון האָב איך געפונען מײַן רבין זיצן אין דעם אויבערשטן דאַך־שטיבל פון שמעון בר־יונהס הויז, און די תּלמידים זײַנען געווען פאַרזאַמלט אין הויף, און זיי האָבן גערעדט צווישן זיך וועגן דער זאַך, וואָס איז הײַנט פאָרגעפאַלן. זייערע הערצער זײַנען געוועגן באַשווערט פון זאָרג, וואָרעם זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען די רייד וואָס דער רבי האָט געזאָגט פאַרן בית־דין און זיי האָבן נישט געוואוסט מער, וואָס עס איז ריין און וואָס עס איז אומריין. און ווען זיי האָבן דערהערט פון מיר דעם גזר־דין וואָס דאָס בית־דין האָט ארויסגעגעבן, אז אונזער רבי טוט זײַנע ניסים מיט דעם כוח פון שטן, דעם בעל־זבוב, זײַנען זייערע הערצער צעגאַנגען ווי וואַסער פאַר פּחד, און זיי האָבן נישט געוואוסט, וואָס עס וועט ווײַטער זײַן מיט זיי. — און ווי מיר שטייען נאָך און ריידן צווישן זיך, איינער זאָגט אזוי און דער אַנדערער אזוי, דערשײַנט פּלוצלינג פאַר אונז דער רבי, — און קיינער האָט נישט געזען זײַן אָנקומען. אזוי ווי א ליכט פון הימל, וואָס פאַלט אויף דער ערד, אזוי איז ער געשטאַנען פאַר אונז, און איידער מיר האָבן נאָך אים געזאָגט א וואָרט וועגן דעם פּסק־דין, האָט ער זיך אָנגערופן צו אונז אזוי:

— ווי אזוי קאָן דער שטן פאַרטרײַבן דעם שטן? און ווען א קעניגרייך שפּאַלט זיך, אזוי קאָן דאָס דאָזיקע קעניגרײַך נישט בײַשטיין; און ווען דער שטן שטייט אויף קעגן זיך אליין און צעטיילט זיך, אזוי קאָן ער נישט בײַשטיין, זײַן ענדע קומט. קיין שום מענטש קאָן נישט ארײַנקומען אין דעם הויז פון גבור און צוגזלנען זײַנע כלים, איידער ער בינדט נישט פריער דעם שטאַרקן; דערנאָך ליידיקט ער ערשט אויס זײַן הויז!...

אָבער די תּלמידים זיינען שטום געבליבן און האָבן געהאַלטן די קעפּ אַראָפּגעבויגן צו דער ערד... נאָר שמעון בר־יונה איז געטרעטן פאַר אים. און ער האָט זיך געבייגט פאַרן רבין און פאָרגעבראַכט אונזערע רייד פאַר אים אַזוי:

—לערן אונז, רבי, וואָס דו האָסט געמיינט הײַנט מיט דײַנע רייד, וואָס דו האָסט גערעדט פאַרן בית־דין צדק. אומפאַרשטענדלעך זיינען זיי פאַר אונז. אונזערע עלטערן האָבן אונז געלערנט וועגן די זאַכן, וואָס זיינען ריין און וועגן זאַכן, וואָס זיינען אומריין. איצט ווייסן מיר נישט מער נאָך דײַנע רייד, וואָס איז ריין און וואָס איז אומריין.

האָט אונזער רבי געענטפערט אַזוי:

— זענט איר אויך אַזוי חסר־דעה? פאַרשטייט איר דען נישט, אַז דאָס אַלץ, וואָס קומט פון דרויסן אין מענטש אַרײַן, קאָן אים נישט אומ־ריין מאַכן? וואָרעם עס קומט נישט אין זײַן האַרץ אַרײַן, נײַערט אין זײַן בויך און עס גייט צוריק אַרויס פון אים, אָבער דאָס וואָס קומט אַרויס פון מענטשן — דאָס מאַכט אים אומריין! וואָרעם פון אינעווייניק, פון האַרץ פון מענטש, קומען אַרויס בייזע געדאַנקען: ניאוף, זנות, רציחה, גנבה, גלוסטיקייטן, רשעות, תאווה, יצר־הרע, א בייז־אויג, לעסטערונג, גאווה, נאַרעשקייטן — די אַלע שלעכטיקייטן קומען אַרויס פון אינע־ווייניק און מאַכן דעם מענטש אומריין.

די תּלמידים, וואָס זייער אמונה אין רבין איז געווען זייער שטאַרק, האָבן זיך צופרידנגעשטעלט פון זײַנע רייד. אָבער די תּלמידים, וועלכע האָבן געקענט די שריפט און דאָס געזעץ איז געווען שטאַרק אין זייערע הענט, זיינען געשטאַנען געבראָכן נאָך מער אין זייער צווייפל און האָבן געשוויגן מיט שווערע הערצער און פאַרשלאָסענע מײַלער, און אַזוי אויך — שמעון בר־יונה.

און ווען דער רבי האָט געזען אונזערע געזיכטער, האָט ער זיך אָנ־גערופן:

— האָב איך אײַך דען נישט געזאָגט, אַז קיינער פאַרריכט נישט קיין אַלט קלייד מיט א לאַטע פון נײַעם טוך, וואָרעם דאָס שטיק רײַסט זיך אָפּ פון דעם קלייד און דער ריס ווערט נאָך גרעסער. מען גיסט אויך נישט קיין נײַעם ווײַן אין אַן אלטן לאָגל אַרײַן, וואָרעם דער לאָגל וועט ווערן צעריסן און דער ווײַן וועט זיך אויסגיסן, נײַערט מען גיסט נײַעם ווײַן אין א נײַעם לאָגל אַרײַן.

און ווען מיר האָבן דאָס דערהערט, אַזוי זיינען מיר נאָך מער פאַר־שטומט געוואָרן. און שמעון בר־יונה האָט זיך אָנגערופן:

— איצט, ווען די פּרושים און די געלערנטע וועלן דאָס דערהערן, אַזוי וועלן זיי זייער בייז ווערן, און מיר וועלן נאָך מער דערוועקן זייער צאָרן אויף דיר און אויף אונז, דײַנע תּלמידים.

אָבער אונזער רבי האָט אים דערויף געענטפערט: — א מענטש זינדט נישט אָן קיין ליכט און דעקט עס צו מיט א כּלי אָדער שטעלט עס

אונטערן בעט ארונטער, נײַערט די מנורה ווערט אָנגעצונדן, כדי דאָס גאַנצע הויז זאָל זען דאָס ליכט.

און דער רבי האָט זיך אָנגערופן צו אונדז:

— מיינט נישט, אַז איך בין געקומען אַרײַנצוברענגען שלום אין דער וועלט. איך בין נישט געקומען ברענגען קיין שלום, נאָר א שווערד! איך בין געקומען אָפּשיידן מאַן פון פאָטער, טאָכטער פון מוטער, שנור פון שוויגער. דער וואָס ליבט זײַן פאָטער און מוטער מער פון מיר, דער איז מיך נישט ווערט; אַזוי אויך איטלעכער פון אײַך, וואָס פאַרלאָזט נישט אַלץ וואָס ער האָט, קאָן נישט זײַן מײַן תּלמיד! זאַלץ איז גוט, אָבער ווען דאָס זאַלץ פאַרלירט דעם טעם, מיט וואָס זאָל עס געזאַלצן ווערן? עס קומט נישט מער צונוץ פאַר דעם לאַנד און נישט פאַר דעם מיסט, נײַערט מען וואַרפט עס אַרויס. דער וואָס האָט אויערן צו הערן, זאָל עס הערן!

און ער האָט אונדז איבערגעלאָזט, און איז צוריקגעגאַנגען אין זײַן בוידעם־שטיבל, וואָרעם די נאַכט איז צוגעפאַלן און האָט צוגעדעקט די ערד מיט פינצטערניש.

און איך, יהודה איש קריות, דער מאַן מיטן שווערן געמיט, בין געלעגן די נאַכט אײַנגעוויקלט אין מײַן מאַנטל. אַרום מיר איז געווען פינצטערניש, און מײַן הארץ איז באַשווערט געווען פון ספקות, ווי די בערג פון גלעד וואָלטן זיך געווען געלייגט אויף מיר — און איך האָב געפילט, ווי איך וואָלט געוואָרן אַרויסגעטריבן פון איין הויז און בין נישט אַרײַנגענומען געוואָרן אין צווייטן הויז, און די גאַס איז מײַן היים. און איך האָב געפילט, ווי איך בין אַראָפּגעפאַלן פון הימל און האָב די ערד נישט דערגרייכט, און איך בין געהאַנגען צווישן הימל און ערד. און קיינער איז דאָ נישט געווען, וועלכער זאָל אונטער מיר א נעץ אויסשפּרייטן, און איך האָב געפילט, ווי איך פאַל אין א הוילן שאול־תּחתּיה, און עס איז נישטאָ קיין עֵנדע צו מײַן פאַלן, — וואָרעם איך בין אַרויס פון איין רשות און בין נישט אַרײַן אין א צווייטן.

און איך האָב זיך געפרעגט צום טויזנטסטן מאָל: ווער איז עס דער, אין וועמענס טריט איך גיי, וועמען איך קען און איך קען נישט, וועמען איך זע מיט מײַנע אויגן יעדן טאָג, איך זע זײַנע מעשים, און דאָך ווייס איך נישט, ווער ער איז. דער, צו וועמענס קול עס הערן זיך צו די שטורעמס פון ים און די ווילדע רוחות, און ער געביט איבער סמאַלן און בינדט אשמדאַין — אונטערטעניק צו זײַנע פיס — ווער איז ער? דער וואָס טרייסט אַזוי מיט זײַן וואָרט די אָרעמע און ווישט אָפּ די טרערן פון די אומגליקלעכע און פאַרפאָלגטע — ווער איז ער? און איך האָב זיך דערמאָנט אין אַלע זײַנע מעשים, וואָס ער האָט געטון דורך דער גאַנצער צײַט, וואָס איך בין מיט אים, און איך האָב זיך צוגעהערט צו די אַלע ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט דורך דער גאַנצער צײַט, וואָס איך זע זײַן אָנגעזיכט, און א דערציטערניש און א שרעק האָט מיך אַרומגענומען, און איך האָב צו זיך געזאָגט אליין: עס מוז דאָך עפּעס זײַן אין

דעם מאַן, וואָס רעדט מיט דער קראַפט פון נבואה און ווירקט מיט אָט דער מאַכט פון איינעם, וואָס וואָלט געהאַט רשות דערויף פון הימל. ער פאַררופט זיך נישט אויף דער תורה אָדער אויף די נביאים און נישט אויף דער מסורה און נישט אויף די זקנים, נאָר ווי דאָס וואָרט וואָלט צו אים אַליין איבערגעגעבן געוואָרן מן השמים, ער קומט און הייבט אויף, ווי יעקב, דעם שטיין פון ברונעם. — זאָל ער זײַן טאַקע דער, אויף וועמען אונזערע אויגן קוקן אויס?! — דער, וואָס וועט אויפהויבן די לעצטע מחיצה צווישן אונז און גאָט? דער, אויף וועמען די נביאים האָבן נביאות געזאָגט, די האָפענונג פון ישראל?

און אַ ציטערניש און אַ פלאַמעניש האָט מיך ארומגענומען — ווי דער שטורעם וואָלט מיך אויפגעהויבן און אדורכגעטרייסלט ווי אַ שטויבל פון דר׳ערד. און איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט: יהודה, יהודה! וואָס זײַנען דאָס פאַרא געדאַנקען, וואָס דו קלערסט? און וואָס זײַנען דאָס פאַרא ווערטער, וואָס קומען אויף דײַנע ליפּן? דו ביסט אַ מאַן פון טמא ליפּן און אַ שלעכט האַרץ!

און לעבן מיר איז געלעגן דער מאַן פון ביטערניש, און ווי איך האָט ער אויסגעוואַרט אויף דער הילף פון גאָט, אַז זי זאָל קומען ווי אַ בליץ פון הימל. דאָס איז געווען שמעון, דער מאַן פון אייפער. זײַן פאָטער האָט הורדוס דער אדומי צעפּערטלט, ווען ער האָט מיט אנדערע יידן די שאַנד פון דעם רוים־אָדלער, מיט וועלכן דער אדומי האָט דעם בית־המקדש באַשמוצט, אָפּגעווישט פון דעם הייליקטום. זײַנע ברידער זײַנען געקרײַציקט געוואָרן דורך דעם רשע ורוס, ווען ער האָט די שטאָט צפּורן מיט דער ערד אויסגעגלײַכט, נאָר ער, שמעון אַליין, איז אנטרונען געוואָרן, און ווי אַ פאַרלאָזטע חיה אין פעלד, ווי אַ שאַקאַל אין די הייל געהוירט. שלאַנגען און עקדישן זענען געווען זײַנע ברידער, דער ווילדער בינשטאָק — זײַן ווײַנגאָרטן. ער האָט געזוכט דאָס וואָרט פון גאָט. אין דער וויסטע, בײַ די תלמידים פון יוחנן, האָט ער נישט געפונען די טרייסט, ביז ער האָט געפונען אונזער רבין, און ער האָט זיך שוין באַהאַפטן אין אים. וואָרעם, ווי מיר, האָט ער געגלויבט, אַז אַ שפּאַלט האָט זיך אויפגעעפנט אין פעלז פון אונזער געפאַנגענשאַפט. ווער ווייסט, אפשר שפּליטערט זיך אַ טיר אויס, דורך וועלכער די ישועה וועט ארײַנקומען?

און ער איז געלעגן לעבן מיר אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, גאָט האָט זײַן פּנים פאַרהוילן דורך אַ שטאָלערנעם הימל, און די ערד אין דעם אונטערגרונט פון אומוויסנהייט און ספק געוואָרפן. איז ער געלעגן, ווי אַ פלאַנץ, ארויסגעריסן דורך דעם ווינט און אוועקגעוואָרפן איבער די וועגן. האָב איך זיך אָנגערופן צו אים און האָב געזאָגט:

— שמעון, דו אייפריגער! האָסטו געהערט די רייד פון אונזער רבי און האַר? האָסטו געזען די האַנט, וואָס הייבט זיך אויף ווי אַ האַק אונטערצוהאַקן די וואָרצלען מיט וועלכע ישראל איז אָנגעבונדן צום נאָפּל פון זײַן פאָטער? האָסטו געהערט און פאַרשטאַנען? וואָס־זשע זײַנען דײַנע

רייד און וואָס טראַכסטו פאר א געדאַנקען?

און ער האָט מיר געענטפערט און געזאָגט:

— איך בין אַ שקלאַף צו גאָט. און עס האָט דער קנעכט קיין רעכט נישט צו פרעגן וועגן דעם טועכץ פון זײַן האַר, נאָר צו טון און צו גע־האָרכן, ווי עס איז דער ווילן פון דעם האַר פון דער וועלט, וואָס דער רבי ברענגט צו אונז.

— אָבער ווער ברענגט אונז דעם ווילן פון האַר פון דער וועלט — דאָס אַלטע, וואָס די חכמים האָבן געלערנט, אָדער דאָס נײַע, וואָס מיר האָבן הײַנט געהערט פון דעם מויל פון אונזער רבין?

און שמעון, דער מאַן פון אייפער, איז דערשראָקן געוואָרן און אויפ־געריסן זיך פון זײַן געלעגער מיט גרויס אימפּעט — ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטון, אָנגעכאַפּט מיך מיט זײַנע שטעכעדיקע פינגער און אויסגערופן:

— יהודה איש קריות, חלילה, עס איז נישטאָ קיין אַלטעס און קיין נײַעס, עס איז נאָר איינס און אייביקס, פון אָנהויב ביזן סוף!

אָבער איך האָב מײַנע ליפּן צוגענויגט צו זײַן אויער און געזאָגט:

— שמעון, מאַן פון אייפער, הײַנט האָבן מיר געהערט עפּעס נײַעס פון דעם מויל פון אונזער רבין! עפּעס, וואָס די אַלטע האָבן נישט גע־לערנט.

און ער האָט אָנגענומען מײַן האַנט און אָנגעהאַלטן זיך אין מיר, וואָרעם ער איז גענויגט געווען צו פאַלן. — און ער האָט גערעדט מיט גרויס ציטערניש: „יהודה איש קריות, וואו אהין צילסט דו? דערקלער מיר, וואָס דו מיינסט. איך פארשטיי נישט". און איך האָב אים אָפּגעענט־פערט: — „האָסטו דען זיך נישט צוגעהערט צו דײַן רבינס רייד?" — און שמעון, דער מאַן פון אייפער האָט געשוויגן.

און לעבן אונז איז געלעגן שמעון, דער זון פון יונה, אַ מאַן, וואָס זײַן האַרץ איז געווען גאַנץ מיט גאָט און ער איז געווען פול מיט גלויבן, ווי די רייפע ווײַנטרויב מיט ווײַן. און ער איז געשלאָפן מיט דעם שלאָף פון די גערעכטע. און איך האָב אים געוועקט און געזאָגט צו אים: „שמעון בר יונה, ווי אזוי קענסטו שלאָפן, ווען די תלמידים ציטערן ווי די בלע־טער פון בוים אין אַ שטורעם־ווינט — איבער די רייד, וואָס מיר האָבן געהערט הײַנט פון אונזער רבינס מויל?". און שמעון בר־יונה האָט זיך אָנגערופן: „מײַן האַרץ איז שטיל און מײַן געמיט איז רואיק, וואָרעם איך האָב צוטרויען, אז ער וועט נישט פארלייקענען, דער הייליקער פון ישראל".

אָבער איך האָב אים געפרעגט: „זאָג מיר, שמעון בר־יונה, וואָס ברענגט דעם ווילן פון גאָט, צו וועלכן מיר זאָלן זיך צוהערן, — דאָס אַלטע אָדער דאָס נײַע?".

און שמעון בר־יונה האָט אונז אָפּגעענטפערט: „חלילה, עס איז נישטאָ קיין אַלטעס, און עס איז נישטאָ קיין נײַעס, עס איז נאָר דאָ איין

גאַנצעס פון אָנהויב ביזן סוף. ווי עס ווערט געזאָגט: די און די זיינען די ווערטער פון לעבעדיקן גאָט. האָט נישט דוד המלך געזאָגט: „דורך דער אמונה ווייס איך צו היטן די משפּטים"? — אזוי ווי עס שטייט געשריבן: „דער צדיק לעבט אין זײַן גלויבן".

אָבער איך האָב אים נישט אָפּגעלאָזט — און איך בין באַשטאַנען דערויף, אז ער זאָל מיר אויפקלערן, אין וואָס זאָל איך גלויבן: אין די דינים און די משפּטים, וואָס אונזערע חכמים האָבן אונז געלערנט פון משה רבינו דורך די נביאים ביז צו עזרא הסופר, און פון עזרא הסופר דורך די זקנים און די חכמים — ביז צו די רבנים פון אונזערע טעג, אין וועמענס טריט מיר גייען; אָדער זאָל איך גלויבן אין דאָס נײַע, וואָס מיר האָבן געהערט הײַנט פון אונזער רבינס מויל? וואָרעם ווען דער רבי האָט דאָס געזאָגט, איז נישט אַנדערש — נאָר ער האָט רשות אויף דעם. אויב אזוי, ווער ווייס, ווי ווײַט די זאַכן דערגייען?...

ווען די תּלמידים האָבן דאָס דערהערט, אזוי איז א רעש אדורכגע־גאַנגען צווישן זיי אין דער פינצטערניש. און א שטים האָט זיך געהערט, וואָס האָט געפרעגט: זאָג אונז וואָס טוט זיך דאָ? גייען מיר נאָך אויפן וועג פון אונזערע אבות, אָדער האָבן מיר חלילה אָן אונזער וויסן שוין באַטראָטן א נײַעם וועג? אויב אזוי, וואָס טוען מיר דאָ בײַ דעם מאַן?

שמעון בר־יונה האָט זיך אָנגערופן: תּלמידים פון מײַן רבין, וואָס רעדט איר? חלילה! עס וועט נישט אָפּגענאַרט ווערן די האָפענונג פון ישראל.

און א גרויסער רעש איז דאָרט געוואָרן, און די תּלמידים האָבן זיך געזאַמלט ארום שמעון בר־יונהן, און זיי האָבן געזאָגט צו אים: דו, שמעון בר־יונה, גיי און ברענג אונזערע ספקות פאַרן רבין, וואָרעם דו ביסט פון אונז דער נאָענטסטער צו אים, און ער וועט נישט פאַרהוילן פון דיר די זאַך.

האָט שמעון בר־יונה אָפּגעענטפערט און געזאָגט: „אליין וועל איך נישט גיין, נײַערט שיקט מיט מיר צוויי פון די תּלמידים, וועלכע קענען זיך אויס אין דער הייליקער שריפט, און דאַן קומט, לאָמיר אויפגיין צום רבין אין זײַן דאַך־שטיבל, און לאָמיר זיך וואַרפן צו זײַנע פיס און זאָגן: רבי, אזוי און אזוי שטייט די זאַך — און גאָט וועט זײַן אונזער הילף און וועט אונז אויפקלערן די זאַך. וואָרעם אַלץ וואָס אונזער רבי טוט — טוט ער פאַרן הימלס וועגן".

און שמעון בר־יונה האָט גענומען שמעון דעם אייפריגן און אויך מיך, דעם קלענסטן און גרינגסטן פון די תּלמידים, און מיר זיינען ארויפ־געגאנגען מיטן לייטער אויפן דאַך און מיר זיינען אָנגעקומען פאַר דער טיר פון דעם באַשיידן בײַדל און געזען דורך א שפּאַלט פון דער טיר, אז דאָס שטיבל איז פול מיט ליכט, ווי דאָס ליכט פון הימל וואָלט געוווען מיט אים אין זײַן שטיבל. און א שטילקייט און אן אימהקייט האָט ארויס־געדרונגען פון זײַן געצעלט צו אונז, אזוי אז אונזערע הערצער זיינען

צעגאַנגען ווי וואַסער, וואָרעם דאָס אַנגסט פון גאָט איז געפאַלן אויף אונז.

און שמעון בר־יונה האָט גערופן צו אים דורך דער שפּאַלט פון דער טיר: „רבי, רבי, האָב רחמנות אויף אונז!“.

און עס האָט זיך געהערט דעם רבינס קול: „שמעון!“

און שמעון איז געקומען פאַר אים, און מיר הינטער אים, און זײַן פּנים איז בלייך געווען, און ער האָט זיך געוואָרפן פאַר דעם רבין אויף דר'ערד, און די האָר פון שמעונס באָרד האָבן אָנגערירט דעם רבינס נאַקעטע פיס — און שמעון האָט זיך אָנגערופן צום רבין אַזוי:

— מײַן האַר און רבי! דו האָסט געטון דעם חסד מיט דײַנע קנעכט. דו האָסט געזאַמלט אונז פון דער גאַס, און מיר האָבן די זכיה צו זיצן צו דײַנע פיס און צו טרינקען די רייד פון דײַן מויל. האַר און רבי, מיר ווייסן, אז עפּעס גרויסעס האָט גאָט אָנגעברייט פאַר דיר, מיר זעען ווי דער אייפער פון גאָט ברענט אין דיר ווי א פײַער, און דײַן נשמה ווערט פאַרצערט פון דורשט נאָך אויסלייז און באַפרײַאונג. מיר זעען דײַנע מעשים, און מיר ווערן דערשטוינט פון זיי. גאָט האָט געלייגט די מאַכט אין דײַן האַנט — צו בינדן און אויסצולייזן. דו געוועלטיקסט איי־בער די רוחות און משחיתים, דו שרײַסט אָן אויף זיי און זיי געהאָרכן. אונזערע הערצער ווערן איבערגעגאָסן מיט פרייד און האָפענונג, ווײַל מיר זעען, ווי די גאולה ווערט רייף אין דיר, ווי דאָס קינד אין מוטערס בויך. אָבער דאָך ווערן אונזערע הערצער באַשווערט מיט שטיינער פון זאָרגן, וואָלקנס לייגן זיך איבער אונזערע אויגן. מיר זעען מעשים, און מיר קענען זיי זיך נישט אויסטײַטשן. מיר הערן ווערטער פון דיר — און מיר פאַרשטייען זיי נישט. ווי דאַרשטיקע שאָף שטייען מיר בײַ דעם ברונעם, דער שטיין איז אַראָפּגעקוילערט — און דאָך דאָס וואַסער קומט נישט אין דער רינע אַרײַן אונז אָנצוטרינקען. רבי און האַר! באַהאַלט דיך נישט פון אונז. פאַרשטויס אונז נישט. נעם אונז צו צו דײַן האַרץ, טרייסט אונז מיט דײַן וואָרט, און שטיל אײַן אונזערע צערודערטע געמיטער.

האָט דער רבי זיך אָנגערופן און געפרעגט בנחת רוח: „שמעון בר־יונה, וואָס איז דאָס, וואָס באַשווערט דײַן האַרץ?“ —

— די רייד, וואָס דו האָסט גערעדט הײַנט, רבי, פאַרן בית־דין צדק, — מיר האָבן קיינמאָל נישט אַזעלכעס געהערט. איז דאָס נאָך דאָס אַלטע, וואָס מיר האַלטן אין דער האַנט פון באַרג סיני אָן, אָדער פירסטו אונז שוין אויף א נײַעם וועג, וועלכן אונזערע אבות האָבן קיינמאָל נישט באַטראָטן? דאָס איז, וואָס די תלמידים ווילן וויסן.

האָט זיך דער רבי אָנגערופן: „אָ, איר קליינגלויביקע, וויפיל מאָל האָב איך אײַך געזאָגט, אז איר זאָלט נישט מיינען, אז איך בין געקומען צעשטערן די תורה. אויך די רייד פון די נביאים בין איך נישט געקומען צעשטערן, נאָר צו דערפילן, וואָרעם אזוי זאָג איך צו אײַך — הימל און ערד וועלן פריער צעשטערט ווערן, איידער אַן איינציקער יוד, אָדער

אפילו איין שטריכעלע פון דער תורה — ביז עס וועט נישט אלץ מקוים ווערן״...

האט שמעון זיך געוואָרפן צו זיינע פיס, אויסגעשטרעקט צו אים זיינע הענט, און אויסגערופן אין גרויס פרייד: „האר און רבי! דו ביסט אונזער טרייסט און אונזער אָנלעגונג!״ און גרויסע טרערן זיינען געראָנען ווי פערל פון זיינע אויגן און זיינען געפאלן אין די קנייטשן פון זיין אָפּ־געבריענט פנים. און צו אונז האָט ער זיך געווענדט און געזאָגט: „האָב איך אייך דען נישט געזאָגט, אז עס וועט נישט אָפּנאַרן אונזער האָפע־נונג דער הייליקער אין ישראל״.

און דער רבי האָט זיך אראָפּגעבויגן און אויפגעהויבן שמעון בר־יונהן, און האָט צו אים געזאָגט: —

„זיי געטרייסט, שמעון, גיי און צינד אָן די לאָמפּן, און זאָג די נשים, אז זיי זאָלן פאַרברייטן, וואָס עס איז דאָ אין שטוב, וואָרעם איך וויל מיט די תלמידים ברעכן ברויט, און איך וועל אייך זאָגן, וואָס איר האָט צו טון״.

און די ווייבער האָבן געטון, וואָס דער רבי האָט געהייסן, און מיר זיינען אלע צוזאַמען געקומען צו שמעונס שוויגער אין שטוב. און זיי האָבן געלייגט דאָס ברויט פאַר אים אויפן טיש, און דאָס ווייב וואָס איז געקומען מיט אונז פון מגדל איז געלעגן צו זיינע פיס, און די תלמידים זיינען געזעסן ארום אים, און די ווייבער זיינען געשטאַנען אין שפּאַלט פון דער טיר.

און דער רבי האָט געזאָגט זיין געבעט, און געבראָכן דאָס ברויט, און צעטיילט צווישן אונז.

און ווי ער האָט געטיילט אונז דאָס ברויט, האָט ער צו אונז גערעדט רייד, וועלכע מיר האָבן געהערט מיט אונזערע אויערן און מיר האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען. — דאָך זיינען זיי געקומען ווי צעגאָסענער פייער אין אונזערע אינגעווייידס אריין און אונז צוזאַמענגעגליט אין איין משפּחה. און ער האָט געזאָגט צו אונז אזוי:

— „זייט וויסן, אז שווערע נסיונות קומען אָן פאַר דעם בן־אדם —

„פאָטער אין הימל, עפן אויף די אויגן פון דיינע גלויביקע, אז זיי זאָלן דערזען דיין ליכט. עס איז גלוי וידוע פאַר דיר, אז נישט פאַר מיין כבוד וועגן, און נישט פאַר דעם כבוד פון מיין פאָטערס הויז טו איך די אלע מעשים און רעד די רייד, נאָר פאַר דעם כבוד פון דיין ליבן נאָמען! כדי דיין אמונה זאָל ווערן פאַרשפּרייט אין די הערצער פון די מענטשן, וועלכע זיינען ווי שאָף, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם פאַסטוך, און וויסן נישט וואו אהין און וואו אויס!״...

און מיר זיינען געזעסן ארום און געשוויגן, און דער רבי האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

„זייט וויסן, נישט דאָס גליק פון דער וועלט איז דער סימן פון גאָטס חסד, און נישט דעם, וואָס גאָט האָט ליב, באַשענקט ער מיט הצלחה

און גליק, די גיטער פון דער וועלט זיינען נישט דער פריַיז, וואָס גאָט טיילט פונאַנדער זיַינע אויסדערוויילטע. מיט די גיטער פון דער וועלט באַצאָלט ער די רשעים פאַר זייער ביסל זכיות. אָפטמאָל מאַכט ער זיַין אויסדערוויילטן פאַר דעם ציל־ברעט פון די פיַילן; זיַינע געליבטסטע באַ־שענקט ער מיט יסורים, ער פלאַסטערט אויס דעם וועג פון די גערעכ־טע צו אים — מיט שטעכעדיקע דערנער, וויַיל די יסורים פון מענטשן דערנענטערן אים צו גאָט.

„האָט גאָט נישט אברהמען געהייסן זיַין איינציקן זון אַלס קרבן אויף דער עקדה ברענגען? און האָט ער נישט זיַינע קינדער פיר הונדערט יאָר אין מצרים אין קנעכטשאַפט געהאַלטן? קוקט אַיַיך אַרום און זעט — דאָס שלעכטע טריומפירט, עס שאַלן די רשעים, זיי טרעטן מיט חוצפה אויף די קעפ פון די גערעכטע. נישט די מאָס פון דער וועלט איז די מאָס פון דער אייביקייט, גאָט מעסט מיט אַן אַנדערער מאָס, און אויך דעם בן־אדם וועט דער גורל נישט פאַרמיַידן, און ער וועט באַצאָלן זיַין פולן פריַיז".

און דאָ האָט דער רבי אָפּגעהאַקט, און איז שטיל געוואָרן.

און אונז האָט אַ גרויסע שרעק אַרומגענומען, און מיר האָבן נישט געוואוסט וואָס ער מיינט.

און שמעון בר־יונה האָט אים געפרעגט: „רבי און האַר, דערקלער אונז, ווי אַזוי זאָלן מיר פאַרשטיין דיַינע ווערטער?".

און דער רבי האָט אים געענטפערט:

— „שמעון בר־יונה, אויך דער, וואָס גייט מיט מיר, מוז זיַין באַרייט צו באַצאָלן דעם פולן פריַיז, זענט איר באַרייט?"

און שמעון האָט זיך אָנגערופן:

— רבי, צי האָבן מיר דען נישט אַלץ פאַרלאָזט הינטער זיך און מיר זיינען דיר נאָכגעגאַנגען?

אָבער דער רבי האָט זיַינע אויגן אויפגעהויבן און געזאָגט צו אונז:

„וואויל איז אַיַיך, אָרעמע, וואָרעם דאָס קעניגריַיך פון גאָט איז אַיַיער; וואויל איז אַיַיך, וואָס איר טוט איצט וויינען, וויַיל איר וועט שפּע־טער זיך פרייען; וואויל איז אַיַיך דאַן, ווען די ליַיט וועלן אַיַיך האַסן, און וועלן אַיַיך אָפּשיידן פון זיך, און וועלן אַיַיך פאַרשעמען, און וועלן אַיַיער נאָמען פאַרוואָרפן ווי די שלעכטע זאַך פון דעם בן־אדם. פרייט אַיַיך אין דעם טאָג, שפּרינגט פאַר פרייד, וואָרעם זעט — אַיַיער שכר איז גרויס אין הימל. וואָרעם אַזוי האָבן אויך זייערע אבות געטון צו די נביאים. און עס איז גענוג פאַר דעם תּלמיד, אַז ער זאָל זיַין ווי דער רבי, און דער קנעכט ווי זיַין האַר. און ווען זיי האָבן דעם בעל־הבית גערופן בעל־זבוב, איז וויפיל מער וועלן זיי זיַין הויזגעזינד אַזוי רופן? דעריבער פורכט אַיַיך נישט פאַר זיי. וואָס איך זאָג אַיַיך אין דער פינצטער, זאָלט איר זאָגן אין דער ליכטיקייט. און דאָס וואָס איר הערט אין דעם אויער אַיַינגערוימט, זאָלט איר אויסרופן אויף די דעכער.

„ווי גאָט האָט געזאָגט צום נביא: „און זע, איך האָב דיך הײַנט געמאַכט ווי אַ פעסטע שטאָט און ווי אַן אײַזערנעם זײַל און ווי קופּערנע מויערן איבער דעם גאַנצן לאַנד קעגן די קעניגן פון יהודה, קעגן אירע פירשטן, קעגן אירע כהנים און קעגן דאָס פאָלק פון לאַנד!". דעריבער זאָג איך אײַך: פאָרכט זיך נישט פאַר די, וואָס טוען אומברענגען דעם גוף, אָבער וואָס קאָנען נישט אומברענגען די נשמה. פאַרקויפט מען דען נישט צוויי פייגל פאַר איין פּרוטה? און קיין איינס פון זיי פאַלט נישט צו דער ערד אָן אײַער פאָטערס וויסן. אפילו די האָר פון אײַער קאָפּ זיינען געציילט, דעריבער האָט נישט קיין מורא!

און דער רבי האָט גענומען זײַנע הענט און געלייגט איבער אונזערע קעפּ, איינעם נאָכן אַנדערן, און ער האָט אונז מסמיך געווען.

צוועלף זיינען מיר געווען אין צאָל. און ער האָט אונז געגעבן כוח אַרויסצוטרײַבן די שלעכטע רוחות פון מענטשן און צו היילן יעדן קראַנקן און ווייטאָגדיקן, און ער האָט אונז אָנגעזאָגט: „צו דעם וועג פון די גוים גייט נישט, אין די שטעט פון די שומרונים קומט נישט, נאָר גייט צו די פאַרלוירענע שאָף פון הויז ישראל, און אין אײַער גיין זאָלט איר רופן: דאָס קעניגרײַך פון הימל דערנענטערט זיך צו קומען! — איר זאָלט נישט נעמען קיין גאָלד און נישט קיין זילבער און נישט קיין קערפּער אין די זעקלעך פון אײַערע גאַרטלען, און נישט קיין שפּײַז אויפן וועג, נישט קיין צוויי העמדער און נישט קיין שיך און נישט קיין שטעקן, וואָרעם דער אַרבעטער פאַרדינט זיך כשר זײַן שטיקל ברויט. דער וואָס וויל נאָכגיין נאָך מיר, דער מוז פאַרלייקענען זײַן נפש. ער מוז נעמען דעם עול פון גאָט און גיין נאָך מיר. וואָרעם דער, וואָס וויל ראַטעווען זײַן נפש דער וועט עס פאַרלירן, און דער, וואָס וועט פאַרלירן זײַן נפש פאַר מיר צוליב דער בשורה, וואָס איך זאָג אָן, דער וועט זי ראַטעווען. וואָרעם וואָס איז די פּעולה, וואָס דער מענטש געווינט די גאַנצע וועלט — און פאַרלירט די נשמה, אָבער וואָס קאָן דער מענטש געבן אַלס פּדיון פאַר זײַן נשמה!".

און די נאַכט פון פינצטערניש איז צו אונז איבערגעקערט געוואָרן צו אַ גרויס ליכט, און די שעה פון טרויער צו פרייד.

אין דער דאָזיקער נאַכט האָט אונז דער רבי ענג פאַרבונדן און האָט אונז צו איין משפּחה געמאַכט. — מיר זיינען געווען ווי לײַט, וועלכע זיינען די נאַכט געשטאָרבן און אויפסנײַ געבוירן.

XII

נאָכדעם ווי מען איז געוואָר געוואָרן אין שטאָט און אין דער גאַנצער אומגעגנט וועגן דעם פּסק־דין, וואָס די שליחים פון די סנהדרין האָבן ארויסגעגעבן אויף אונזער רבין, אַזוי האָט זיך פיל פאָלק, וואָס איז נאָכגעגאַנגען אונזער רבינס טריט, דערווײַטערט פון אים. אויך פיל נשמות, וואָס ער האָט געמאַכט אין גדרה, אין בית צידה, אין מגדל און אין אַלע אנדערע שטעט, וואו אונזער רבי איז נאָר געקומען, זיינען אָפּגעפאַלן פון אים. און אויך פיל רײַכע פרויען, וואָס האָבן בײַגעשטײַערט אין דער קופּה פון אונזער רבין, האָבן אויפגעהערט צו צאָלן, און זיינען אוועק צוריק אין זייערע היימען. און עס זיינען נאָר איבערגעבליבן אזעלכע, וועלכע האָבן נישט געהאט וואו צו גיין, זיי האָבן זיך געהאַלטן אין אים.

און ווען איך, יהודה איש קריות, האָב דערזען דאָס אָרעמע פאָלק, וואָס איז איבערגעבליבן זיצן אין הויף פון שמעון בר־יונה, אַזוי איז מײַן האַרץ אויסגעגאַנגען פאַר אַנגסט. וואָרעם איך, יהודה איש קריות, בין געווען דער מאַן, וואָס האָט געהאַלטן אין זײַן גאַרטל דעם בײַטל פון דער קופּה, און דער בײַטל, נאָכדעם ווי די רײַכע האָבן פארלאָזט דעם רבין, האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אויסצולײדיקן, און איך האָב מיר אין מײַן האַרץ געטראַכט: וואָס וועט איצט זײַן? ווער וועט באשפּײַזן די אָרעמע לײַט? וואָרעם מיט דער באשפּײַזונג פון די אָרעמעלײַט ביז איצט איז געווען אַזוי: יוחנה, דאָס ווײַב פון הורדוסעס באַאַמטן כוזה, און שושנה, די יונגע פרוי — אָט די נשמות, וואָס דער רבי האָט געמאַכט אין דער שטאָט נעים, זיינען געווען פון רײַכע הײַזער און האָבן געהאַט פיל נכסים. זיי האָבן פארקויפט די נכסים און ארײַנגעגעבן דאָס געלט אין דער קופּה פאַר אָרעמעלײַט, ווי דער רבי האָט זיי באפוילן. און אַזוי האָבן אויך געטון די אנדערע רײַכע לײַט, וועלכע זיינען געקומען צום רבין. וואָרעם דער רבי האָט זיי נישט געוואָלט ארײַננעמען אין דער עדה, ביז זיי האָבן נישט פארקויפט זייערע נכסים און דאָס געלט ארײַנגעגעבן אין דער קופּה.

פאַר דעם געלט האָבן מיר געקויפט ברויט און אַנדערע שפּײַז, און מיר האָבן געשפּײַזט די אָרעמעלײַט, וועלכע האָבן זיך תמיד אויפגעהאַלטן אַרום דעם רבין. איצט אָבער, ווען עס האָט זיך דערהערט דער פּסק־דין פון די שלוחי־סנהדרין, איז געקומען דער מאַן פון דער יוחנה, און האָט זי געוואָלט מיטנעמען אהיים; אַזוי אויך דער רײַכער צדוק, דער פאָטער פון שושנה. און עס איז געווען, אַז זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן אונזער רבין, האָבן זיי די צוויי פרויען מעביר נחלה געווען. און מיט דער מרים פון דער שטאָט מגדל איז די זאַך געווען אַזוי:

צום רבין האָט איר געבראַכט בר־תלמי, דער בלינדער אייל־מישער,

װעלכער איז געװען פֿון די תלמידים פֿון יוחנן המטביל, און ער האָט זי געלערנט גײן אין זײַנע װעגן. װי די תלמידים פֿון יוחנן המטביל, האָט זי געפּײַניקט איר לײַב, געפֿאַסט און איז געגאַנגען אָנגעטון אין א זאַק, כדי צו רייניקן זיך פֿון אירע זינד און חוזר בתשובה זײַן פֿון איר שלעכטן װעג. אָבער דער רבי האָט איר געזאָגט, אז זי באַדאַרף זיך נישט פּײַניקן און באַדאַרף נישט גײן אָנגעטון אין א זאַק, כדי דערמיט חוזר בתשובה צו זײַן. װאָרעם גאָט קוקט אין האַרץ פֿון מענטש און נישט אויף זײַנע קליידער, און אויך קומט נישט דער גײַסט פֿון דער שכינה סײַדן נאָר דורך פֿרייד, און די אמתע בעלי־תשובה טראָגן אויף זייער לײַב דעם זאַק, און איבער דעם קאָפּ קליידן זיי זיך אָן פּורפּורנע קליידער און פֿארבן זייערע פּנימער און באַשמירן זיך מיט גוטע אײלן, כדי די מענטשן זאָלן נישט װיסן, אז זיי פֿאַסטן און פּײַניקן זיך. אזוי האָט מרים באַלד געענדערט איר קליידונג, און האָט געטון איר לײַב װײַטער שמירן מיט די אײלן, און געטראָגן געפֿאַרבטע זײַדענע קליידער, און געפּוצט זיך אין צירונג יעדעס מאָל, װען זי איז געקומען פֿארן רבין. און מער פֿאַר אלע אַנדערע װײַבער האָט זי משמש געװען דעם רבין. זי האָט געװאַשן זײַנע װײַסע סדינים און געניית פֿאַר אים העמדער פֿון אײדעלן לײַװונט, װעלכע זי האָט באַדופֿטעט מיט אויסדערװיילטע אײלן, װאָס זי האָט מיטגעבראכט מיט זיך און װאָס זי פֿלעגט שטענדיק טראָגן אין פֿלעשלעך פֿון אײדעלע מאַטעריאַלן, אָנגעבונדן אויף קייטעלעך אויף איר האַלדז. אַלע אַנדערע װײַבער האָבן געמוזט אַלץ אָפּגעבן אין דער קופּה אַרײַן, טייל פֿון זיי האָבן אפֿילו זייערע האָר אָפּגעשניטן און פֿארקויפֿט צו די שייטל־מאַכערס און בערד־פֿלעכטערס, אָבער מרים האָט אירע טײַערע אײלן, װאָס מען האָט געקאָנט פֿאַר זייער פּרײַז פֿיל אָרעמעלײַט באַשפּײַזן, באַהאַלטן. אַלע אַנדערע װײַבער האָבן שװער געאַרבעט אין הויז און אין הויף, בײַם שפּינראָד און בײַ די װעש, כדי צו באַזאָרגן אלע באַדערפֿעניש פֿון די פֿיל אָרעמעלײַט און תלמידים, װאָס האָבן זיך געקליבן ארום רבין. זי אָבער, מרים פֿון דער שטאָט מגדל, האָט געהיטן איר לײַב און געפֿלעגט אירע הענט, אז זיי זאָלן נישט גראָב װערן פֿון דער שװערער אַרבעט, כדי זי זאָל קאָנען מיט זיי משמש זײַן דעם רבין. װאָרעם זי האָט געזאָגט, אז זי האָט איר נשמה און לײַב אװעקגעשאָנקען פֿאַר אַן עולה תמימה צום רבין; און די הענט װאָס האָבן די זכיה צו באַרירן די פֿיס פֿון האַר, קאָנען נישט גראָב װערן פֿון שװערער אַרבעט. אזוי פֿלעגט זי גאָרנישט טון קיין הויז־אַרבעט מיט די אַנדערע װײַבער צוגלײַך, נאָר זי האָט זיך מקדיש געװען אלס דעם רבינס משרתטע. זי האָט זײַן קליין דאַך־שטיבל געהאַלטן אין גרויס ציכטיקייט. זי האָט אויסגעפּוצט און באַצירט עס מיט פֿיל פֿעלד־בלימלעך און גוטע שמעקעװדיקע געװירצן, װאָס זי האָט געװאוסט װאו זיי װאַקסן אין פֿעלד, כדי זײַן שטיבל זאָל שטענדיק זײַן אָנגעפֿילט מיט גוטע ריחות. און זײַן געלעגער האָט זי באַשפּרינקלט מיט די בעסטע בשמים־אײלן, װאָס זי האָט געהאַט אזוי פֿיל

אין אירע פעניקישע פלעשלעך.

יעדעס מאָל, ווען דער רבי איז אהיימגעקומען פון דער עבודה קדושה, האָט זיך אויסגעדאַכט, אז ער האָט איבערגענומען אויף זיך אַלע קרענק און שרעק, פּײַן און צער, פון וועלכע ער האָט די מענטשן געהיילט, און ער איז דעריבער זייער מיד געווען. זײַן קערפּער האָט זיך געבראָכן פון דער שווערער לאַסט, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך, און זײַן פּנים איז בלייך געווען און פול מיט צער. ווען ער איז אהיימגעקומען, אזוי האָט זיך מרים אַרײַנגעשלײַכט אין שטיבל, וואו ער איז געזעסן בײַ שמעון בר־יונה, און האָט גענומען זײַנע פיס און געוואַשן און געזאַלבט מיט די איילן, וואָס זי האָט געטראָגן אויף איר האַלדז, און זיי געטריקנט מיט אירע האָר. און דער רבי האָט עס איר געלאָזט טון. און טיילמאָל איז געווען דער רוח הקודש איבער איר, און זי האָט זיך געוואָרפן אויף דער ערד, און א שוים האָט געזעצט פון אירע ליפּן, און זי האָט אָנגעהויבן מבשר צו זײַן בשורות, און א נביאות האָט ארויסגערעדט פון איר — פון גרויס ליבשאַפט און איבערגעגעבנהייט צו אונזער רבין.

האָבן די אַנדערע ווײַבער מקנא געווען, וואָס זי געפינט זיך אין אזא נאָענטשאַפט צו אונזער רבין, און זיי האָבן געקריגט אויף איר דעריבער, וואָס זי טוט גאַרנישט אין די הויזלעכע זאַכן, נאָר איז זיך אינגאַנצן מקדיש פארן רבין און זי קליידט זיך און צירט זיך אין פאַרביקע קליי־דער און אין צירונג. און פיל פון די ווײַבער, וועלכע האָבן בײַגעשטײַערט צו דער קופּה פון שפּײַזן די אָרעמעלײַט, האָבן זיך דערווײַטערט און גע־זאָגט: „זאָל מרים פון מגדל פאַרקויפן אירע טײַערע איילן און שפּײַזן די אָרעמעלײַט". און אונזער קופּה איז דורך דעם זייער לער געוואָרן, און אונזער עדה איז זייער אײַנגעשרענקט געוואָרן.

דער הויף פון שמעון בר־יונהס שוויגער איז איבערגעפילט געווען מיט אָרעמע מענטשן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע היים, און אזעלכע קראַנקע, וועלכע האָבן נישט געקאָנט גייך, און א טייל—באַ־שווערטע מיט זינד. און זיי זיינען געלעגן אויסגעצויגן אין הויף פון שמעון ווי אָנגעוואָרפענע הויפנס מיסט, וואָס מען וואַרפט ארויס פון שטוב, און זיי האָבן געבלאָנדזשעט ארום דער שטאָט און געבעטלט בײַ דער באַפעלקערונג ברויט. און די לײַט פון דער שטאָט האָבן געמורמלט אויף אונזער רבין, און זיי האָבן געזאָגט: „אָט האָט ער דאָס פאָלק גערופן צו זיך, און ער קאָן זיי נישט העלפן מער; נישט אַנדערש, נאָר דער כוח האָט זיך אָפגעטון פון אים". און אויך די אָרעמעלײַט האָבן געזאָגט: „וואו איז דער, וועגן וועלכן איר האָט אונז דערציילט? פאַרוואָס העלפט ער אונז נישט? צי זיינען אונזערע האָפענונגען ווידער אָפגענאַרט געוואָרן?".

וואָרעם דער רבי האָט זיך אין בוידעם־שטיבל אָפגעשלאָסן, און אויסבאַהאַלטן זיך, און קיינעם נישט געוואָלט זען. דאַן איז שמעון אַרײַנ־געגאַנגען צו אים און האָט אים געזאָגט: „די אָרעמעלײַט זיינען פאַר־

זאַמלט ארום דיר אין הויף און וואַרטן אויס אויף דײַן ישועה! וואָס זאָל איך טון מיט זיי?״

אָבער דער רבי האָט געענטפערט: „איך וויל זײַן מיט אײַך א ווײַלע אליין. קומט, לאָמיר גיין פונדאַנען, וואָרעם איך בין מיד פון זיי. איך קען א חורבה אין דער נאָענט פון דער שטאָט בית־צידה, קומט, לאָמיר דאָרט אהינגיין און באַהאַלטן זיך פון דעם המון, וואָס האַלט אין איין שרײַען: „הב! הב!״ וואָס דאָס איז דער טײַטש — גיב, גיב! איך וויל מכוון זײַן אײַערע הערצער צו אונזער פאָטער אין הימל!״

און איך בין געגאַנגען און האָב געקויפט צידה לדרך פאר דאָס ביסל געלט וואָס איך האָב געהאַט, פינף ברויטן און פיש צוויי, און מיר האָבן זיך ארויפגעזעצט אויף א שיפל און אָפגעשוואומען קיין בית־צידה, וואָס איז בײַם ברעג פון ים כנרת. אָבער ווי דאָס פאָלק אין הויף האָט אונז געזען פארלאָזן דאָס אָרט, אזוי האָט עס נאָך אונז נאָכגעאײַלט ווי א פליי־צנדיקער טײַך. טייל פון די אָרעמעלײַט האָבן שיפלעך געכאַפּט און נאָך אונז נאָכגעשוואומען, און אַנדערע זיינען געגאַנגען צופוס לענגאויס בײַם ברעג פון דער אָזערע. און ווי די מענטשן פון אָרט האָבן געזען, ווי אונ־זער רבי גייט אוועק, אזוי האָבן זיי געלאָכט און געזאָגט: „ דער בעל־זבוב צי̇ט אָפּ פון אָרט, און די רוחות גייען נאָך אים!״

מיר זיינען אָנגעקומען צום ברעג אין דער נאָענט פון שטעטל בית־צידה, און מיר זיינען ארײַנגעגאַנגען אין א חורבה, וואָס איז דאָרט גע־שטאַנען, און מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון דעם נאָכפאָלגנדיקן עולם, וואָרעם אונזער רבי איז מיד געוואָרן און האָט געוואָלט זײַן נאָר מיט אונז אליין.

אָבער די אָרעמע און קראַנקע האָבן ארומגעבלאָנדזשעט איבער די פעלדער און האָבן געפרעגט איינער דעם אַנדערן: האָבן זיי נישט געזען דעם, וועגן וועלכן מ'האָט אונז מגלה געווען? פארוואָס באַהאַלט ער זיך אויס פון אונז?

און אויך די לײַט פון בית־צידה, ווען זיי האָבן דערהערט, אז דער רבי געפינט זיך אין דער נאָענט פון זייער שטעטל, אין דער חורבה אין פעלד , אזוי האָבן זיי גענומען זייערע קראַנקע און זיינען אויך ארויס־געקומען און האָבן אים געזוכט. און די מענטשן, געזונטע און קראַנקע, האָבן ארומגערינגלט די חורבה. בלינדע האָבן געטאַפּט מיט זייערע פינגער, און קרובים האָבן געשלעפּט אויף די פלייצעס זייערע חולים; און די אַלע האָבן גערופן: „רבי, רבי, קום ארויס צו אונז! פארוואָס באַ־האַלטסטו דײַן פנים פון אונז?״

און ווי דער רבי האָט געהערט דאָס געשריי און דאָס געוויין פון פאָלק דורך דער חורבה, אזוי איז זײַן האַרץ פול געוואָרן מיט רחמנות אויף זיי, אין זײַן פנים האָט זיך אָנצונדן דאָס געטלעכע פײַער, און ער איז מיט אויסגעשטרעקטע הענט ארויסגעגאַנגען צום פאָלק און האָט צו זיי אויסגערופן: „קומט אהער, איר פאַרלאָזטע און פאַרשטויסענע, צו מיר!״

און די שכינה איז צוריקגעקומען צו אים, און ער איז געווען אין גרויס חסד, און דאָס פאָלק האָט זיך זייער געפרייט מיט אים און געטרונ־קען מיט דורשט זײַנע רייד. די בלינדע האָבן געטאַפּט מיט די הענט און געררוקט זיך נענטער צו אים — בלויז נאָר אָנצורירן זײַן קלייד, וואָס זיי האָבן גיריק געקושט; אזוי אויך די קראַנקע, וועלכע האָבן זיך גע־שאַרט אויף אַלע פיר, כדי נענטער צו זײַן צו אים. באַלד איז דער רבי אײַנגעמויערט געוואָרן ווי א ווינקלשטיין אין א געביידע פון אָרעמקייט און קראַנקהייט, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט.

דעם האָט ער אָנגערירט מיט דער האַנט, אַן אַנדערן האָט ער צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ, און א דריטן האָט ער געזאָגט א גוט וואָרט. און דאָס פאָלק האָט ליב געהאַט צו זיצן מיט אים און צוצוהערן זיך צו זײַנע נחמה־ווערטער, וואָרעם ער האָט אַלעמען געטרייסט. און איך זע מיט שרעק, ווי די זון נייגט זיך אונטערצוגיין און עס ווערט שפּעט. וואָס וועט ער טון מיט די פיל אָרעמעלײַט? אין מײַן קאָרב זיינען נאָר פאַראַן פינף ברויטן און צוויי פישלעך, וואָס זיינען פאַר די תלמידים אָנגעגרייט.

און איך האָב צונויפגערופן אַלע צוועלף תלמידים און געזאָגט צו זיי:

— וואָס וועלן מיר טון מיט די אַלע לײַט? מײַן קופה איז ליער, איך האָב נישט פאַר וואָס ברויט צו קויפן. לאָמיר רעדן צו אונזער רבין, אז ער זאָל זיי שיקן אהיים.

און מיר זיינען אַלע צוועלף צוגעגאַנגען צו אונזער רבין דורך די לײַבער פון די אָרעמעלײַט, און מיר האָבן צו זײַנע אויערן דערגרייכט, און מיר האָבן אַלע געערדט צו אים, כדי קיינער פון אונז זאָל פון די קליינגלויביקע נישט זײַן, און מיר האָבן אים געזאָגט:

— דער טאָג נייגט צו זײַן אונטערגאַנג, און דאָס אָרט איז ליער און פּוסט, און דאָס פאָלק האָט נישט קיין ברויט מיט זיך. שיק זיי אהיים, זאָלן זיי זיך אין די דערפער פונאַנדערשפּריטן, אין די הייף קומען, און זיך אײַנשאַפן שפּײַז און נאַכטלעגער.

אָבער אונזער רבי האָט געזאָגט:

— צי גיט איר זיי עסן?

און ווי איך האָב דערהערט די רייד פון מײַן רבינס מויל, איז מײַן האַרץ אויסגעגאַנגען פאַר אַנגסט, און איך האָב געפרעגט:

— זאָל איך גיין קויפן פאַר צוויי הונדערט דינר ברויט? — אָבער איך האָב אים נישט געזאָגט, אז מײַן בײַטל איז ליער און איך האָב נישט קיין געלט.

אָבער דער רבי האָט זיך אָנגערופן און געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג:

— האָסטו דען נישט אָנגעגרייט? גייט און זעצט אויס דאָס פאָלק אויפן גראָז, שורותווײַז, קיינער זאָל נישט פעלן צו דער סעודה, און שטעלט פאַר מיר די קאָרבן מיט ברויט, וואָס איר האָט אָנגעגרייט, כדי איך זאָל איבער זיי א ברכה מאַכן און אונזער פאָטער אין הימל דאַנקען פאַר זײַן שפּײַז.

און ווי איך האָב געהערט דעם רבינס באפעל, אזוי האָט מײַן האַרץ אין מיר אָנגעהויבן צו קלאַפּן, און איך האָב אָנגעהויבן מורא צו קריגן, אז אונזער רבי זאָל נישט פאַרשעמט ווערן, און איך האָב מיר געטראַכט: וואָס וועט איצט זײַן? און איך בין צוגעגאַנגען צו שמעונען און געזאָגט:

— שמעון בר־יונה, איך מוז איצט אין דער שטאָט ארײַנגיין און אײַנקויפן ברויט, עס געפינט זיך נאָך אין מײַן קופּה א פּאָר לעצטע ציי־רונג־שטיקער, וועל איך זיי אויסטוישן אויף ברויט, וואָרעם דאָס פאָלק איז גרויס, און אין מײַן קאָרב געפינען זיך נאָר צוויי פישלעך און פינף ברויט, און דער רבי האָט אַלעמען געבעטן צו דער סעודה. און שמעון האָט געזאָגט צו מיר: גיי!

און איך האָב זיך געאײַלט מיט פלינקע טריט און בין געקומען קיין בית־צידה, און בין ארײַנגעגאַנגען צו א בעקער. און גאָט האָט באַגליקט מײַן שליחות, און איך האָב געפונען בײַ אים פיר קאָרבן מיט ברויט, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געהאָט אָפּגעבאַקן פאַר די שטאָט־לײַט. און איך האָב אויסגעטוישט א צירונג־שטיק, געדונגען אייזעלעך צוויי און מיטגענומען אַ שליח און געאײַלט פאַרנאַכט צוריק צו דער חורבה אין פעלד, וואָרעם איך האָב נישט געוואָלט, אז מײַן רבי זאָל פאַרשעמט ווערן.

דערווײַל איז שוין נאַכט געוואָרן, און די שטערן האָבן זיך אין הימל אָנגעצונדן, און איך טרײַב אונטער די אייזעלעך — זיי זאָלן פלינקער צום אָרט קומען. און עס איז געווען, ווען איך האָב זיך דערנענטערט צום אָרט, וואו איך האָב מײַן רבין מיט דעם פאָלק איבערגעלאָזן אויסגעזעצט שורותווײַז אויפן נאַקעטן פעלד, האָב איך געהערט פונדערווײַטנס א גרויס יובל־געשריי, און דאָס גאַנצע אָרט איז באלויכטן געווען מיט אָנ־געצונדענע פײַערן, וואָס די מענטשן האָבן אויפן פעלד געברענט. און אז איך האָב זיך דערנענטערט צו דעם המון מיט מײַנע אייזלען אָנגע־לאָדנט מיט ברויט, האָב איך געזען, ווי אונזער רבי אין זײַן ווײַסן סדין זיצט אין א קראַנץ פון קינדער, און די שכינה רוט אויף אים.

און דאָס גאַנצע פאָלק, מאַן, קינד און ווײַב, געזונטע און קראַנקע, אָנגעפילט מיט פרייד, טאַנצן אין גרויס עקסטאַז ארום אונזער רבין און פּאַטשן מיט די הענט און רופן הויך: „הושענה! הושענה! — ער האָט אונז געשפּײַזט!"

און איך בין געשטאַנען פאַרוואונדערט און דערשטוינט און נישט געוואוסט, וואָס עס באדײַט. און עס איז געווען, ווי איך האָב זיי באַוויזן דאָס אָנגעלאָדענע אויף מײַנע אייזעלעך ברויט, אזוי איז א גרויס גע־לעכטער אויסגעבראָכן צווישן זיי, און זיי האָבן מיר אָנגעוויזן אויף די קרישקעלעך ברויט, וואָס האָבן זיך ארומגעוואַלגערט און אָנגעפילט ווי א דיקער שניי די ערד, אזוי אז מען האָט געקאָנט אויפשעפן פיל קאָרבן מיט ברויט. און זיי האָבן געזאָגט: „דו ביסט געגאַנגען אונז ברענגען ברויט, אָבער א פיל נענטערער האָט אונז געשפּײַזט, געגעסן האָבן מיר

צו זאָט, און דאָס האָבן מיר איבערגעלאָזט!״. אָבער איך בין נשתומם געוואָרן און איך האָב געפרעגט מיט שרעק: „ווי אזוי איז דאָס געשען? דאָס אָרט איז דאָך לער און עס איז ווײַט פון א ישוב, פונוואַנען האָט איר גענומען ברויט?״

און שמעון בר־יונה האָט מיר געזאָגט: „די אויגן האָט ער צום הימל אויפגעהויבן, בשעת ער האָט איבער דעם ברויט א ברכה געמאַכט, און ער האָט געבראָכן דאָס ברויט, און עס האָט פאַר אַלעמען געקלעקט, און דאָס האָבן מיר נאָך איבערגעלאָזט״. און איך האָב מײַנע אויגן גענידערט צו דער ערד, די אייזעלעך זיינען געשטאַנען לעבן מיר, און איך האָב זיך געשעמט מיט מײַן קליינער אמונה אין אונזער רבין.

און דאָס פאָלק האָט נישט אויפגעהערט צו שאַלן און צו זינגען און צו פרייען זיך ביז שפעט אין דער נאַכט אַרײַן, און זיי האָבן געטאַנצט ארום אונזער רבין און געפרייט זיך מיט אים. און אויך דאָס פרויען־צימער מרים פון מגדל, וואָס איז דאָרט געווען מיט אונז, איז געפאַלן צו דער ערד פאַר אונזער רבינס פיס, און זי האָט פארגלייזט די אויגן, און שוים האָט זיך געזעצט אויף אירע ליפּן, און איר לײַב האָט זיך געוואָרפן, ווי עס וואָלט פול מיט גייסטער געווען, און זי האָט זיך אויפגעהויבן ווי אין א שטורעמווינט, און אָנגעהויבן זיך צו דרייען אין א קאַראהאָד, און עס האָט ארויסגעשריגן פון איר מיט א זינגעוודיק קול א נביאות: „ער איז ווי א חתן אין טאָג פון זײַן חופּה, באשטראַלט מיט דעם ליכט פון דערלייזונג! זעט, עס נידערן אראָפּ די וואָלקנס צו דער ערד און זיי שפרייטן זיך אויס אונטער זײַנע פיס. פון דאָרט באפעלט ער די גייסטער צו טון זײַן ווילן. ווי משה ברענגט ער דעם מן פון הימל אראָפּ צו אונז. מיט זײַן גאַנצער הערלעכקייט איז ער געקומען אין אונזער נויט אַרײַן... מער פאַר אונז בלוטיקט ער פון אונזערע וואונדן, ער הונגערט מיט אַלע הונגעריקע און דורשט מיט אַלע דורשטיקע. דורך די לעכער פון די נעכט גייט ער מיט די בלינדע און טראָגט פאַר זיי דאָס ליכט פון זייערע אויגן. דורך דער פינצטערניש פירט ער די זינדיקע און ער טראָגט פאַר זיי די פּײַן פון זייערע זינד אויף זײַנע אַקסלען״.

און די קולות זיינען געוואָרן וואָס אמאָל העכער און גרעסער, און דאָס געזאַנג און דאָס געשריי האָבן ווי פלאַקער־פײַערן זיך געהויבן אין הימל אַרײַן. און דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן צו רופן איינער צום אַנדערן: „פארוואָס זאָל ער איבער אונז נישט קיין קעניג זײַן?״. און א מאַן איז דאָרט געווען מיט א בלינד אויג, און זײַן לײַב איז געווען באלייגט מיט פיל אייטערדיקע מכות, נאָר דער רבי האָט אים פון זיי געהיילט. האָט ער געשריגן: „ברענגט די קרוין פון דוד, און זאָלן מיר אים קרוינען פאַר א קעניג איבער אונז. דער, וואָס שפּײַזט אונז, דער הערשט איבער אונז, ווער פאַסט נאָך צו זײַן א מלך פון די אָרעמעלײַט ווי ער?״

און ווען די ווײַבער, וועלכע זיינען דאָרט געווען, האָבן געהערט פון וואָרט קעניג, אזוי זיינען פיל פון זיי געפאַלן צו דער ערד, אז שוים האָט

געזעצט פון זייערע ליפּן, און זיי האָבן נביאות געזאָגט. און אפילו קינ־
דער זיינען באַזעסן געוואָרן פון הייליקן גייסט ,און זיי האָבן זיך גע־
דרייט אין משוגעת פון נביאות און ארויסגעשריגן די פּסוקים, וואָס זיי
האָבן געלערנט אין די חדרים ביי זייערע רביים, און זיי האָבן אונזער
רבינס חכמה צו דניאל, און זיינע וואונדער געגליכן צו די נסים,
וואָס אליהו הנביא האָט באוויזן. און טייל האָבן געזאָגט, אז ער איז יוחנן
המטביל, וואָס איז צוריק־געקומען אויף דער ערד.

און איך האָב זיך אומגעקוקט און געזוכט מיינע חברים, די תלמידים
פון רבין, און איך האָב געפונען שמעון בר־יונה. ער איז געשטאַנען פונ־
דערווייטנס און האָט גאָרנישט געזאָגט, ער האָט נישט געשריגן, נישט
געטאַנצט, נאָר זיינע אויגן האָבן פון זיינע שוואַרצע האָר און באָרד, וואָס
די עלטער איז שוין געפאַלן אויף זיי, געלויכטן ווי צוויי שטערן, און
זיי האָבן געקוקט אויף אונזער רבין, ווי ער זיצט אינמיטן קראַנץ פון
די קינדער אין זיין ווייס קלייד, און פון שמעונס אויגן האָבן זיך געגאָסן
טרערן ווי אויס צוויי קוואַלן.

נאָר אייניציקווייז האָט דאָס פאָלק זיך דערווייטערט און איז צוריק
געגאַנגען אויף די ערטער, פונוואַנען עס איז געקומען, וואָרעם דער רבי
איז מיד געווען פון דער שווערער עבודה און האָט געהייסן דאָס פאָלק
אהיימגיין. טייל פון זיי האָבן זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבער די נאָענט־
סטע דערפער, כדי צו זוכן שוץ אין די הויפן אין דער פינצטערניש פון
דער נאַכט, אַנדערע זיינען קיין בית־צידה געגאַנגען, וואָס דאָס איז
געווען זייער היים. די אַזערע כנרת, וואָס איז געשלאָפן צוגעדעקט מיט
דעם חסד פון די שטערן־ליכטער, איז אויפגעוואַכט געוואָרן פון די פיל
שיפלעך, וואָס האָבן דאָס פאָלק צוריקגעפירט קיין כפר־נחום און אין די
אַנדערע ערטער, פון וואַנען זיי זיינען זיך צונויפגעקומען. איבערגעבליבן
זיינען נאָר מיר אליין, דער רבי מיט זיינע תלמידים.

דער רבי האָט געזאָגט צו אונז: „גייט, באַהאַלט זיך אונטער דעם
שוץ פון דער חורבה, וואָס שטייט דאָ, איך וועל נאָר גיין אויף דעם
בערגל דאָרט און מתפלל זיין ביחידות, דערנאָך וועל איך קומען צו
אייך!". און שמעון האָט אים געפרעגט: „זאָל איך דיך נישט באַגלייטן,
רבי"? — און דער רבי האָט געענטפערט: „ניין, גיי מיט די אַנדערע!"

און די תלמידים זיינען אריין אין דער חורבה, האָבן זיך אוועקגע־
לייגט אויף דער רצפה און זיך צוגעדעקט מיט זייערע הילעס, אזוי איז
באַלד געפאַלן אויף זיי א שטאַרקער שלאָף, וואָרעם זיי זיינען מיד גע־
ווען פון דער אַרבעט פון טאָג צו באַדינען אזוי פיל פאָלק; בלויז פון
מיינע אויגן איז דער שלאָף פאַרוואָגלט געוואָרן און איך האָב נישט גע־
קאָנט געפינען קיין רו.

און מיין האַרץ איז פול געווען מיט זאָרגן און איך האָב זיך געפרעגט:
„פאַרוואָס מיך אליין פון אַלע אַנדערע תלמידים פון מיין רבין האָט גאָט
פאַרדעקט די אויגן מיט א באַדעקעכץ, אז איך זאָל נישט זען די מעשים

און די וואונדער פון אונזער רבין, בײַערט איך זאָל פון זיי הערן?".

איך אַליין פון אַלע אַנדערע תּלמידים שטיי פון דרויסן, איך קלאַפּ אין דער טיר, און זי ווערט פאַר מיר נישט געעפנט. פאַרוואָס ווערט זי נישט געעפנט? א פֿענצטער פון זינד הענגט אַרום מײַן נשמה, וואָס האַלט אויף די שטראַלן פון ליכט, וואָס פאַלן אויף מיר? בין איך אויף שטענדיק פאַרשאָלטן אינדרויסן צו שטיין? אויב אזוי, וואָס טו איך דאָ? און מײַן האַרץ האָט געוויינט אין מיר. און איך האָב מיר געזאָגט: די אַלטע האָבן געלערנט: „אַלץ ווערט געגעבן פון הימל, אחוץ די פורכט פאַרן הימל". איז פון דאַנען געדרונגען, אז אמונה מוז מען זיך אַליין דערווערבן ווי דעם ביסן פאַרן מויל און ווי דאָס קלייד אויפן לײַב. און איך האָב געבעטן צום פאָטער אין הימל: „עפן אויף מײַנע אויגן און מאַך פאַרשטענדלעך מײַן האַרץ, אז איך זאָל דערזען און פילן ווי די אַנדערע". און איך האָב זיך געשטאַרקט און געזאָגט: „שטייט דען נישט געשריבן, אז די תּורה איז נישט אין הימל, נאָר זי איז געגעבן געוואָרן צו מענטשן? איז דען דאָס וואָס מײַן רבי לערנט און טוט, נישט די פאָרזעצונג פון דער תּורה? אזוי איז זי פאַר מיר איבערגעגעבן, ווי פאַר די אַנדערע פון הויז ישׂראל!"

און איך בין אַרויסגעגאַנגען אין דער נאַכט און איך האָב געזען פונדערווײַטנס, ווי מײַן רבי שטייט איינער אַליין אויפן הויכן בערגל אין זײַן ווײַס קלייד און איז באַגאָסן מיט ליכט, ער האַלט די הענט אויסגעשפרייט און איז מתפּלל ביחידות. און מיר איז געווען, ווי דער שאָטן וואָלט געפאַלן פון מײַנע אויגן, און איך האָב געזען מײַן רבין, ווי א מלאך פון הימל, און מײַן האַרץ איז פול געוואָרן מיט גאָטספאָרכטיקייט, און איך האָב זיך געוואָרפן צופוסנס דעם באַרג, און האָב אויסגעשטרעקט מײַנע הענט צו אים און האָב אויסגערופן: „רבי, רבי, העלף מיר!". און דער רבי האָט זיך אָנגערופן: „יהודה, קום אַרויף צו מיר אויפן באַרג, וואָרעם פאַר דיר שיק איך איצט מײַנע תּפילות אין הימל". און איך האָב זיך אויפגעהויבן און בין געגאַנגען אויפן באַרג. אָבער דער באַרג האָט זיך געשלענגלט צווישן קזשאַקעס און דערנער, און ער איז פול געוואָרן מיט שטרויכלונגען. איך האָב פאַרבלאָנדזשעט, און איך האָב צו מײַן רבין נישט געקאָנט דערגרייכן; ער איז פאַרלוירן געגאַנגען פון מײַנע אויגן, און איך בין איבערגעבליבן אינמיטן דער נאַכט אין א וואַלד פון דערנער, וועלכע האָבן אויסגעשטרעקט די שטעכעדיקע הענט צו מיר און האָבן מיך געטראַכט צו פאַרשלינגען. און איך האָב געררופן: „רבי, וואו ביסטו?" און איך האָב געהערט דעם רבינס קול, אָבער זײַן געזיכט האָב איך נישט געזען. און עס איז געווען אין א ווײַלע אַרום, איז ער געקומען פאַר מיר, און האָט מיך אָנגענומען בײַ דער האַנט און מיך אַרויפגעבראַכט צו זיך, און איך בין געשטאַנען לעבן מײַן רבין אויפן באַרג, און דער הימל איז איבער אונז געווען ברייט און פול מיט ליכט פאַרגאָסן. און דער רבי האָט זיך אָנגערופן:

— יהודה, דײַן האַרץ איז אומרואיק, ווי א פאַרלוירענע שיף אינ־

מיטן פון א שטורעמדיקן ים. פארוואָס קאָנסטו נישט געפינען קיין רו, ווי די אַנדערע תּלמידים מײַנע?

און איך האָב אים אָפּגעענטפערט:

— רבי, טו א וואונדער און שטאַרק מײַן אמונה אין דיר.

און דער רבי האָט אָפּגעענטפערט: —„אויף דעם האָב איך איצט מתפּלל געווען, יהודה, וואָרעם מײַן געליבטער תּלמיד האָסטו געקאָנט זײַן!"

און ער האָט מיך אָנגענומען בײַ דער האַנט און מיך צוגעפירט צו דער חורבה, און מיר זיינען אַרײַנגעגאַנגען אין איר, און מיר האָבן געזען, ווי די תּלמידים פון רבין זיינען געלעגן אין א ווינקל, אָנגעלענט די קעפּ אויף די שטיינער פון דער חורבה, צוגעדעקט מיט זייערע קליידער, און דאָס ליכט פון די שטערן איז געפאַלן איבער זייערע פּנימער און בערד, און באַגאָסן זיי מיט הימלישן חסד, און זיי זיינען געשלאָפן דעם שלאָף פון די גערעכטע, ווי יעקב אבינו אין בית־אל.

און דער רבי האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט: „איך דאַנק דיר, מײַן פאָטער אין הימל, וואָס דו האָסט פאַרהוילן די זאַך פון די קלוגע און פאַרשטענדיקע און דו האָסט זי אַנטפּלעקט צו די קינדער און אומשולדיקע". אָבער איך האָב געוואָגט און געזאָגט צו מײַן רבין: „די וואָס האַלטן די שנור אין דער האַנט, וואָס די אבות האָבן זיי איבערגעגעבן, קאָנען נישט שלאָפן, זיי זיינען אומרואיק, ווײַל זיי האָבן מורא די שנור פון האַנט ארויסצולאָזן. וואָס וועט זײַן? די שנור וועלן זיי פאַרלירן און קיין אַנדערע וועט נישט זײַן, אין וואָס וועלן מיר זיך אָנהאַלטן אין אונזער בלאָנדזשען דורך דער נאַכט פון אונזער לעבן?"

דערויף האָט מיר דער רבי אָפּגעענטפערט:

— יהודה, דו ביסט געגליכן צו איינעם, וואָס האַלט דעם חפץ אין דער האַנט; אָבער נישט די, וואָס האַלטן דעם חפץ, האָבן טאַקע דעם חפץ, נאָר די וואָס מיינען, אז זיי האָבן עס פאַרלוירן און האַלטן עס אין איין זוכן . . .

— „איך פאַרשטיי דיך נישט, רבי!"

און ער האָט מיר דערויף געענטפערט: „דער וואָס וויל ראַטעווען זײַן נפש פון מיר, דער וועט עס פאַרלירן; דער אָבער, וואָס פאַלירט זײַן נפש פאַר מיר, ער וועט עס געפינען!"

און איך האָב מיך געבויגן פאַר אים און געזאָגט:

—„פיל פאַרלאַנגסטו פון אונז, רבי, איך לאָז דיך נישט אָפּ, רבי, ביז דו וועסט מיר נישט זאָגן, ווער דו ביסט!"

אָבער מײַן רבי האָט מיר געענטפערט און געזאָגט:

— „יהודה, איך בין נאָר דער, וועלכער זיצט אין דײַן האַרץ. איך בין דער גלויבן; איך באַוואוין יעדעס האַרץ אויף אזוי פיל, אויף וויפיל עס קאָן מיך באַזיצן!"

אָבער איך האָב זיך געוואָרפן צו זײַנע פיס און געזאָגט:

— „רבי, איך וויים, איך וויים, ווער דו ביסט! אזוי רעדן קאָן נאָר

איינער, וואָס האָט רשות דערויף"! אָבער דער רבי האָט מיך אַנגענומען בײַ דער האַנט און געוויזן מיר אויף די תּלמידים: „גיי, יהודה, און לייג זיך צווישן זיי, זאָל דײַן האַרץ געפינען רו!"

און איך האָב זיך געלייגט און בין אײַנגעשלאָפן, ווי די אַנדערע אין דער חורבה פון בית־צידה.

XIII

צומאָרגנס, ווען די לײַט אין כפר־נחום און אין דער גאַנצער אומ־געבונג האָבן דערהערט פון די ניסים ונפלאות, וואָס דער רבי האָט געטאָן מיט די הונגעריקע לײַט דרויסן אין פעלד, אַזוי איז זייער האַרץ צעגאַנגען פאַר פּחד און פרייד, און איינער האָט געזאָגט צום אַנדערן: „נישט אַנדערש נאָר עפּעס גרויסעס מיינט גאָט מיט אונז".

און אַנדערע האָבן געזאָגט: „זײַן קראַפט נעמט ער פון שטן. אַ גרויס אומגליק וועט ער ברענגען אויף אונז".

און ווען זיי האָבן דערהערט, אַז די לײַט, וועלכע ער האָט געשפּײַזט, האָבן אים פאַר אַ קעניג געוואָלט אויסרופן און פאַרלאַנגט נאָך דער קרוין פון דוד, און ער האָט עס זיי נישט פאַרווערט, אַזוי איז זיי אַ גרויס שרעק באַפאַלן. און די שטאָט־לײַט האָבן געזאָגט: „איצט, אַז דאָס מלכות וועט דערהערן, אַז די יידן האָבן אַן אַנדער קעניג געוואָלט אויסרופן, אַזוי וועט די שולד אויף אונז אַלעמען פאַלן, און מען וועט אונז פאַראַנט־וואָרטלעך מאַכן פאַר די נאַרישע רייד פון די אָרעמע מענטשן. און מיר וועלן באַדאַרפן באַצאָלן די שולד".

און זיי זיינען געקומען פאַר אונזער רבין און זיי האָבן געזאָגט צו אים: „הייב זיך אויף און פאַרלאָז אונזער שטאָט, וואָרעם דאָס מלכות האָט געהערט פון די מעשים, וואָס דו טוסט, און אַז דו ווילסט אַ מלך ווערן איבער יידן, און זיי זיינען הינטער דיר דיך צו פאַנגען. און עס וועט זײַן, אַז מיר וועלן דיך נישט אַרויסגעבן, אַזוי וועלן זיי זאָגן, אַז מיר זיינען מיט דיר אין איין בונד אַ נײַעם מלך אויסצורופן איבער די יידן, און אַ גרויס אומגליק וועט קומען איבער אונז צוליב דײַנעטוועגן".

אַזוי האָט דער רבי זיך אָנגערופן צו אונז און געזאָגט: „קומט, לאָמיר פאַרלאָזן דאָס אָרט. מיר וועלן אויפגיין קיין צור און צידון. האָט דען גאָט נישט געזאָגט צו אליהו התשבי: „קום און שטיי אויף און גיי קיין צפורן אין צידון". פאַרוואָס זאָלן מיר אַנדערש זײַן ווי אליהו? די לײַט פון הײַנט זיינען נישט בעסער פון די לײַט פון דענסטמאָל, און ווי אחאב האָט געהאַט זײַנע פאַלשע נביאים, אַזוי האָבן זיי אויך זייערע פאַלשע נביאים".

און מײַן האַרץ איז אויסגעגאַנגען פון שרעק צו זען, ווי אונזער רבי גייט פאַרלאָזן די שטעט פון ארץ־ישראל, וואָס דער גייסט פון הייליקייט רוט אויף זיי, און גייט אוועק אין די אומווירדיקע שטעט פון די געצנ־דינער, וואָס זײַנען אין דער חזקה פון אומריין. אָבער מיר האָבן אים נישט געוואַגט מער צו זאָגן קיין וואָרט, וואָרעם זײַן מאַכט איז געווען איבער אונז ווי די מאַכט פון האַר איבער זײַן קנעכט, און זײַן עול איז געלעגן אויף אונז ווי דער כאָמעט אויף דער אַרבעט־חיה, און מיר האָבן געבויגן די קעפ אין שטילשווײַגן, און מיר זײַנען געגאַנגען נאָך אים.

און עס איז געווען, ווי דער רבי וואָלט געוואוסט מײַנע געדאַנקען, וואָרעם איך האָב געקלערט פון דער שפּײַז, וואָס מיר וועלן עסן אין דעם טמא לאַנד, האָט ער זיך אָנגערופן: „דו קליינגלויביקער! צי האָט נישט גאָט געשפּײַזט אליהון דורך ראָבן און ווילדע בינען?"

און מיר האָבן גענומען אונדזערע זעק־הילעס אויף צוצודעקן זיך בײַנאַכט, און מיר האָבן גערירט פון דעם אָרט, ווען דער מאָרגנשטערן איז נאָך רויט געווען. מיר זײַנען שוין געווען צוועלף זײַנע תלמידים. און די ווײַבער און אונזערע פרײַנד האָבן אונז באַגלייט ביז ארויס פון דער שטאָט. און די ווײַבער האָבן זיך צוריקגעקערט אין דעם הויז פון שמעון און זײַן שוויגער צו היטן די כלים. וואָרעם דער רבי האָט גזאָגט, אַז נישט גאָטס וואָרט וויל ער פּרעדיקן, נײַערט זיך אָפּרוען פון דעם געטומל פון מענטשן, און בײַ זײַן אייגן האַרץ פאָרשן דעם וועג פון גאָט, אין וועלכן ער האָט צו גיין.

מיר האָבן זיך געטובלט אין ים־כנרת איידער מיר האָבן אים פאַרלאָזט, און מיר האָבן דאָרט „שמע" געזאָגט, האָבן פאַרצערט דאָס ברויט, וואָס די ווײַבער האָבן אונז מיטגעגעבן צדה לדרך, און מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און מיר זײַנען אויפגעשטיגן אויף די בערג, וואָס ליגן צווישן דעם לאַנד פון ישראל און דעם לאַנד פון צור און צידון. און ווען אפילו די בערג זײַנען פול געווען מיט ישובים ווי א מילגראָם מיט קערנדלעך, דאָך זײַנען מיר נישט ארײַנגעקומען אונטער קיין דאַך, נאָר מײַן רבי האָט געוויליקט צו נעכטיקן אין דעם שאָטן פון די צווײַגן פון די גרויסע צעדערן, וואָס זײַנען דאָרט געוואַקסן. און מיר זײַנען געגאַנגען צוויי טעג, ביז מיר זײַנען אָנגעקומען אויף אַן אָרט, וואָס הייסט כדר־בירים, און מיר האָבן דאָרט גענעכטיקט הינטער דער שטאָט.

און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג מיט דעם אויפגאַנג פון דער זון, האָט זיך פאַר אונז אויפגעדעקט די גאַנצע ערד־פלאַך, וואָס גיסט זיך ארײַן אין באָרטן פון ים־הגדול, און דער גאַנצער ים־ברעג, באַזייט מיט רײַך־באַפעלקערטע שטעט, וואָס זײַנען געווען אײַנגעבעט אין גרינע גערטענער און ארומגערינגלט מיט לאָנקעס. די שטעט האָבן נישט נאָר זיך אויסגעשפּרייט איבער די ברעגעס פון ים, נאָר האָבן זיך ווײַט ארויסגערוקט אין ים ארײַן מיט זייערע באַלעבטע האַפנס און האַלב־אינזעלן. אפילו דאָ, פון דער הויך אראָפּ, האָט מען געקאָנט באַמערקן ווי די ים־

ברעגן זײַנען באַפּעלקערט מיט פּיל שיפֿן. מיר זײַנען נשתומם געוואָרן פֿאַר דער מעכטיקייט פֿון דער מדינה, די הײַזער זײַנען גאָרנישט ענלעך צו אונזערע. זיי זײַנען געזעסן אין שטאַרקע מויערן, געבויטע אויס שטיינער און ציגל. און זיי האָבן זיך באַהאַלטן פֿאַר דער זון אין שאָטן פֿון געהילטע זײַלן־האַליעס. ערשט אַז מיר זײַנען אַרײַנגעטראָטן אין דער גרענעץ פֿון צידון, האָבן מיר דערזען די סיבה פֿון זייער רײַכטום. שוין אויף די ערשטע פֿעלדער, וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפֿן, האָבן מיר באַמערקט, אַז אַנשטאָט דעם אָקס און אייזל, האָבן זיי צו זייערע אַקעראײַזנס געהאַלטן אײַנגעשפּאַנט דעם מענטש.

צידונ׳ס ערד איז באַפּעטיקט מיט דעם בלוט און מיט דעם געביין פֿון פֿאַלנדיקע שקלאַפֿן. דאָס געשריי פֿון נויט הייבט זיך אויף ווי אַ וואָלקן איבער צור און לייזט זיך אויף אין דער לופֿטן און פֿאַלט צוריק אין אַ רעגן פֿון טרערן און אַנגסטן, וואָס רינען פֿון מענטשלעכע לײַבער. שוין בײַ דעם ערשטן טריט אויף צידונס פֿעלדער האָט אונזער רבי אָנגעטראָפֿן אַ מאַן, וואָס האָט געאַקערט דאָס פֿעלד, און צו זײַן אַקער האָט ער געהאַט אײַנגעשפּאַנט צוויי מענער — איינעם אַ יונגן און איינעם אַן אַלטן. וואָרעם עס איז בײַ זיי אַ מנהג אײַנצושפּאַנען אַן עלטערן, אויסגעשעפּטן מאַן צוזאַמען מיט אַ יונגן, אַ קרעפּטיקן, כּדי דער עלטערער זאָל מוזן נאָכיאָגן דעם ייִנגערן. ביידע זײַנען זיי געווען נאַקעט. ווען דער עלטערער האָט נישט געקאָנט אַרויסשלעפּן געשווינד, מיט דעם זעלבן אימפּעט, ווי דער ייִנגערער, דעם אַקעראײַזן פֿון דעם זאַמדיקן באָדן און זײַנע מידע פֿיס זײַנען שטעקן געבליבן אין די זאַמד־לעכער, אַזוי זײַנען אויף זײַן אײַנגעשרומפּט, אַלט לײַב געפֿאַלן די בלײַערנע שמיץ פֿון דעם אַקערמאַנס בײַטש. ווען אונזער רבי האָט דאָס געזען, האָט ער געוואָלט אויפֿהאַלטן דעם רשע און ער האָט אויסגערופֿן: „פֿאַרוואָס שלאָגסטו דײַן ברודער? דו זעסט דאָך, אַז ער איז אַלט און שוואַך און קאָן נישט טאָן די אַרבעט, וואָס דער ייִנגערער פֿון אים טוט”. אָבער דער פּויער, וועלכער האָט געהאַלטן דעם אַקער, האָט אָפּגעענטפֿערט: „מײַן ברודער רופֿסטו אים אָן? מײַן שקלאַף איז ער, וואָס איך האָב אים געקויפֿט פֿאַר גוט געלט. פֿופֿציק זילבערנע דראַכמעס אין טירה׳שער וואָג האָב איך אָפּגעוואויגן פֿאַר אים אין דעם שקלאַפֿן־פֿאָרט אין טירה, וואו אונזערע שיפֿן האָבן אַ לאָדונג שקלאַפֿן פֿון די גאַלישע לענדער געבראַכט. צוויי יאָר דינט ער קוים בײַ מיר, און זעט, וואָס איך האָב פֿון אים! לויט זײַן אַרבעט, טייל איך אים זײַן ברויט אויס, אָבער ווי ווייניק איך גיב אים נישט צו עסן, זײַנען נאָך ווינציקער די נוצן, וואָס איך ציִ פֿון אים. אָבער ווער ביסטו, וואָס דו קומסט שטערן די געזעצן פֿון אונזער לאַנד? לויט דײַן קלייד און לויט דײַן לשון, דערקען איך, אַז דו ביסט אַ פֿרעמדער און אַן עברי דערצו! האָסט נאָך נישט אָפּגעשאָקלט דעם שטויב פֿון דײַנע שיך, ווילסטו שוין אַ שופֿט זײַן איבער אונז?”.

די בני־זבדי האָבן זיך אָנגערופֿן: „רבי, וואָס מורמלט דאָרט דער

רשעי? זאָלן מיר אים שטיל מאַכן?״ — און דער רבי האָט אָפּגעענטפערט: „איך בין נישט געקומען צו צעשטערן מענטשלעכע לעבנס, נאָר צו היילן!״. און מיר האָבן אים נישט געענטפערט, נאָר מיר זענען ווײַטער געגאַנגען אונזער וועג. און וואָס מער מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער שטאָט, אַלץ מער האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַרבעט פון שקלאַפן. וואו אין אונזער מדינה טוען מיר די אַרבעט מיט בהמות, וועלכע רוען אויך אום שבת, טוען זיי דאָ אַרבעט מיט מענטשן. אַלע וואַסער־רעדער, וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפן אויפן וועג, וואָס בײַ אונז באַנוצט מען דאָס אייזל און דאָס קעמל אויף צו דרייען דאָס ראָד, באַשפּאַנען זיי מיט שקלאַפן, וואָס זיי שטעכן זיי אויס די אויגן, וואָרעם דער מענטש איז בײַ זיי ביליקער ווי די בהמה אין פעלד.

אָבער דאָס איז גאָרנישט קעגן דעם, וואָס אונזערע אויגן האָבן זיך אָנגעזען, ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט אין דער שטאָט אַרײַן: דער גאַנצער פּלאַץ מיט זאַמד, וואָס שפּרייט זיך בײַם גאָרטן פון גרויסן ים, איז געווען באַשאָטן מיט גרויסע אויפגעבויטע הײַזער, וועלכע האָבן פאַרשטעלט דעם אָנבליק פון ים און באַפּעלקערט דעם האַלב־אינזל, וואָס שנײַדט זיך טיף אין האַרץ פון ים.

וואָס מער מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער שטאָט, אַלץ מער האָט זיך אויסגעשפּרייט די זינד פון צידונס פאַרשקלאַפערײַ.

מיר האָבן שוין איצט אָנגעטראָפן אויף שקלאַפן־אַרבעטער אויף יעדן טראָט. מיר זיינען אַרײַנגעקומען אין די גאַסן פון די וועבשטולן, וועלכע זיינען געווען צוזאַמענגענומען מחוץ דער שטאָט. וואָרעם עס וועבט נישט אין צידון, ווי בײַ אונז, דאָס קלייד די פרוי פון הויז פאַר איר אייגענעם געברויך אין מינוטן פון מנוחה, בײַם ליכט פון פײַער אין שטוב, אַרומגערינגלט מיט איר הויזגעזינד, בײַם קלאַנג פון פרומע געזאַנגען. אַנדערש איז עס אין צידון. אירע אײַנוואוינער לאָזן וועבן זייערע טיכער, קליידער, הילעס און שאַלן דורך קנעכט, וואָס זיי קויפן אויף די שקלאַפן־מערק. נישט אויף איין וועבשטול פאַר יעדן איינציקנס געברויך וועבן זיי זייערע קליידער, נאָר כדי אַרויסצושיקן זייערע געוועבטע סדינים אויף שיפן צו די פעלקער פון דער וועלט. דורכדעם נעמען זיי צוזאַמען זייערע וועבער־שקלאַפן אויף גרויסע פּלעצער, וואָס זיי באַדעקן מיט זעק און צווײַגן אויף שטאַנגען. דאָרט שטעלן זיי אויף פיל וועבשטולן, און די וועבער־שקלאַפן זיינען ווי די אייזלען צום כאָמעט אָנגעקייטלט צו זייערע וועבשטולן. און אַן עלצטער איז געזעצט איבער זיי, וועלכער זיצט מיט א שטעקן אין דער האַנט אויף א הויך אָרט און ציילט, און בײַ יעדן מאָל ציילן מוזן די שקלאַפן אַדורכוואַרפן די וועבערשיפלעך דורך די פאַכן. און אויפזעערס מיט ריטער שטייען איבער זיי, און קוים פאַרפעלט ווער אָנצוהאַלטן מיט דעם טאַקט פון דעם ציילער, אַזוי פאַלן איבער זײַן נאַקעט לײַב די שמיץ פון דעם שמײַסער.

אומצייליק זיינען געווען די וועבשטולן, וואָס האָבן אָנגעפילט די

גרויסע, מיט צווייגן באַדעקטע פּלעצער. אומצייליק זיינען געווען די וועבער־שקלאַפן, וועלכע זיינען ווי שפּינען אײַנגעוועבט געווען צו זייערע וועבשטולן. ס׳רוב זיינען זיי געווען אַלטע, אָפּגעלעבטע מענטשן, מאַן און ווײַב, וועלכע טויגן שוין נישט צו קיין שווערער אַרבעט, וואָרעם די ייִנגערע און די קרעפטיקע נוצן זיי פאַר די אייל־טרעטערס אין די פאַרב־מילן. און ווי צעטראָטענע ווערעם זיינען געזעסן די שפּולערינס צו די פיס פון די וועבערס, ווי פאַרגעסענע פון גאָט, ווי ארויסגעוואָרפן גראָז. ס׳רוב שפּינערינס זיינען קינדער, מיט פאַרראָפּיעטע אויגן, אויסגעקראָכענע האָר, אָדער אזעלכע, וואָס עס שלאָגט פון זיי מיט חולאתן און פון זייערע נעזער און אויערן רינט מיט אייטער. וואָרעם די געזונטע און שיינע קינדער, מיידלעך און ייִנגלעך, באַנוצן די צידונער פאַר משרתים, האַלטן זיי פאַר זייערע לוסט־צוועקן צו זינדיקן מיט זיי, נאָר די קראַנקע און מיאוסע שיקן זיי צו די וועבשטולן. פון אַלע לענדער אין דער וועלט, פון די אינזלען און די קאָלאָניעס, וואוהין די שיפן פון צור און צידון דערגרייכן נאָר מיט זייערע סחורות, קויפן זיי אויף שקלאַפן; אויך ווי די קראָען גייען זיי נאָך די מלחמה־פירער אויף די שלאַכט־פעלדער און קויפן אויף די קריגס־געפאַנגענע.

און מיר האָבן דאָרט געזען מענטשן, וועלכע האָבן נישט פאַרשטאַנען איינער דעם אַנדערנס לשון, צוזאמענגעקייטלטע בײַ די וועבשטולן. און עס איז אין צור און צידון אזוי: ווען א שקלאַף ווערט אַלט און טויג נישט מער צו דער אַרבעט, נעמען זיי אים נישט אַרײַן אין דער משפחה ווי עס איז דער מנהג אין די לענדער פון אדום און יון, וועלכע האַלטן זייערע שקלאַפן אין ספּעציעלע קוואַרטירן, ביז וואַנען זיי שטאַרבן; וואָרעם נישט פאַרן אייגענעם געברויך, צו לאָזן זיך באַדינען פון זיי, ווי עס טוען די פעלקער פון אדום און יון, האַלטן צור און צידון זייערע קנעכט, נאָר כדי מיט זיי אויסצואַרבעטן די פיל פאַרשיידענע סחורות אויף אָנצופילן זייערע שיפן פאַר די פיל מערק; און עס איז, אויב אַן עבד ווערט קראַנק און שוואַך און טויג שוין נישט מער צו דער אַרבעט, וואַרפן זיי אים ארויס פון דער שקלאַפן־קוואַרטיר און געבן אים מער נישט צו עסן. דעריבער האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף מענטשן, וועלכע זיינען געלעגן צוזאַמענגעוואָרפן ווי בערגער מיסט ארום די וועבער־בײַדלעך און האָבן מיט די לעצטע כוחות געבעטלט א שטיקל ברויט אָדער דעם טויט, נאָר קיינער האָט זיך אויף זיי נישט דערבאַרעמט. אין צור און צידון ווייס מען נישט, וואָס עס איז אזעלכעס רחמנות, וואָס איז א מידה פון רבונו של עולם, מיט וועלכער ער האָט באשאָנקען אונזער פאָטער אברהם. עס איז דאָרט נישטאָ קיין סוף צו דער אַרבעט, און קיינער האָפּט נישט אויף דעם שאָטן פון דער נאַכט צו געפינען רו. קייטן יונגע, שטאַרקע שקלאַפן, אײַנגעשפּאַנטע צו שלעפּ־וועגענער, האַלטן אין איין צוברענגען צו די וועבער־האַלעס שטויסן מיט קאָלירטן בײַנוול, פאָדעם און וואָל פון די פאַרב־מילן, וואָס שטייען בײַם ברעג פון ים. זיי זיינען שפּײַז פאַר דער

חיה־רעה פון פארקנעכטונג. ווי דאָס אייביקע גיסן זיך פון א טײַך, אזוי גיסט זיך די פארשקלאַפונג אין צער און צאָרן פון נאַכט אין טאָג און פון טאָג אין נאַכט אריַין.

ווען דער רבי האָט דערזען די פאַרשקלאַפונג פון די וועבער, האָט ער קיין איין וואָרט נישט ארויסגעבערענגט פון זיך, נאָר זײַן פּנים האָט עדות געזאָגט, וואָס אין זײַן האַרץ טוט זיך. זײַן פּנים איז פארענדערט געוואָרן און האָט זיך פארקרימט אין א גרויסן שניט פון צער, זײַנע ליפּן זיינען בלייך געוואָרן און זייער שניט איז אײַנגעקאָרטשעט געוואָרן פון קלעמעניש און ביטערקייט און האָט זיך באהאַלטן אין די האָר פון זײַן באָרד, און זײַנע אויגן האָט ער געווענדט צום הימל. און איך האָב געהערט, א קרעכץ איז ארויסגעגאַנגען פון זײַן אינערלעכקייט, און ער האָט ווי א דונער געשטורעמט: „רבונו של עולם, האָב רחמנות אויף דײַן באַשעפענישן!"

און מיר האָבן זיך אויפגעהויבן פון אָרט פון פּײַן, און מיר זיינען נישט ארײַנגעגאַנגען אין דער שטאָט, נאָר מיר זיינען געגאַנגען נאָך די שקלאַפן־וועגענער, וואָס האָבן אהערגעבראַכט געפּאַרבטע גאַרנס און וואָל פון די פאַרב־מילן, וואָס זיינען בײַם ברעג פון ים.

נאָך גרעסער ווי דער אויסגוס פון גרויסן ים איז די אומגערעכטיקייט, וואָס גיסט זיך אויס איבער דעם ים־ברעג פון צור. אנשטאָט צו באַוואונדערן דעם אָנבליק פון גאָטס גרויסע מעשים, וואָס ער האָט באַשאַפן דעם ים־הגדול, זיינען אונזערע אויגן פארפינצטערט געוואָרן מיט דעם אָנבליק פון פּײַן און לייד, וואָס האָבן ווי א גרויסע, געשלאָגענע מכה זיך אויסגעשפּרייט איבער צידונס באָרטן.

דער גאַנצער ברעג פון צור און צידון איז איין קייט פון פארשקלאַפונג. דער גאַנצער זוים פון ים איז באַשמוצט מיט מענטשן־שווייס, טרערן און צער. דאָס וואַסער פון צורס ים שווימט נישט מיט דעם שוים פון זײַנע וועלן, נאָר מיט דעם שוים פון מענטשלעכן אָפּפאַל. דאָ האָבן שקלאַפן־פישער צוגעפירט צו די ברעגן בערלינקעס מיט דעם שנעק־מושל, וואָס פארמאָגט אין זיך די תכלת־פאַרב. דורך דער גאַנצער נאַכט האָבן די שקלאַפן טיף אין ים מיט קערב און שטריק די מושלען אויפגעפאַנגען און זיי אָנגעוואָרפן דערנאָך אויף די קופּעס צעקוועטשטע מושלען, וואָס זיינען שוין ווי גרויסע בערג בײַם ברעג געלעגן. דאָרט, אין די קופּעס צעקוועטשטע מושל־בערג, זענען אין גרויסע קיזל־שטיינער געוואָן אײַנגעשפּאַנט נאַקעטע מענטשן־גבורים, די אויגן פארבונדן אָדער אויסגעשטאָכן, כדי זיי זאָלן נישט זען וואָס זיי טוען. זיי האָבן געהאַלטן אין איין שלעפּן די קיזלשטיינער ארום דעם מילשטיין, אונטער די בײַטשן פון די שמײַסער, און האָבן אויסגעמאָלן די מושלען, וואָס אַנדערע האָבן מיט שופלעס געוואָרפן אונטער די מילשטיינער. פון די שטיינער האָט אָפּגעשפּריצט דער וויאָלעטער זאָפט פון דער מושל־לעבער און באַשפּריצט מיט דעם מושל־בלוט די נאַקעטע לײַבער פון די שקלאַפן און זיי אָפּגע־

פאַרבט. וואָס אַמאָל מער איז איבער זיי געוואַקסן דער באַרג צעריבענע מושלען, זייערע פּיס האָבן געדרעפּטשעט, און זייערע לײַבער זענען פאַרטרונקען געוואָרן ממש אין דעם שמוץ פון די צעריבענע געדערעם, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט דעם צעשטויסענעם מושל און זענען געוואָרן איין שטינקענדיקע בלאָטע. עס איז דאָרט תמיד געווען אַ געדיכטער, שטיקעדיקער געשטאַנק, און די מענטשן האָבן געטראָטן אין צואה. אַ קייט צוזאַמענגעבונדענע קנעכט האָבן געברענגט אויף זייערע שטאַרקע אַקסלען צו שלעפּן גרויסע בינטן ווײַסע וואָל, וואָס זײַנען געקומען פון דמשק, אויך פון אַנדערע האַפנס פון צעזאַריע און יפה, בינטן פלאַקס, וואָס איז געקומען פון מצרים, און זיי האָבן דאָס אַלץ געוואָרפן אין אַ קאַלוזשע פון אָפּגעשטאַנענעם, געדיכטן תכלת, וואָס איז אַרויסגערונען פון אונטער די מילשטיינער.

יונגע ווײַבער און מיידלעך האָבן מיט זייערע פּיס געטראָטן אין די קאַלוזשעס און געפאַרבט די וואָל, אַנדערע האָבן אַרויסגעשלעפּט די וואָל און דעם פלאַקס פון די פאַרב־קאַלוזשעס, און זיי אויסגעשפּרייט איבער דעם ברעג ים צום טריקענען. דער גאַנצער ברעג איז געווען באַפּעלקערט מיט נאַקעטע מענטשן, וועמענס באַקליידונג איז באַשטאַנען בלויז פון די פאַרבן־שפּריצן, וואָס האָבן זיך צוגעקלעפּט צו זייערע לײַבער ווי אַ צווייטע הויט, געענדערט זייער אויסזען, אָפּגעמעקט פון זיי די צורה מענטש, — און זיי זײַנען געגליכן געווען צו געפּלעקלטע בהמות און חיות. און אַזוי האָט מען זיי אויך באַהאַנדלט.

אויך דאָ, ווי בײַ די וועבשטולן, האָבן אויף די בערג צעריבענע מושלען זיך אַרומגעוואַלגערט אַרויסגעוואָרפענע אַלטע קנעכט, וואָס האָבן נישט געטויגט צו דער אַרבעט. זיי זײַנען געווען געשלאָגן מיט כלערליי קרענק, דער פאַרבן־גיפט האָט זייערע לײַבער פאַרסמט. געבראָכענע, מיט אויסגעברענטע אויגן, האָבן זיי אויף די קופּעס זיך אַרומגעוואַלגערט, און קיינער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. זיי האָבן געגעסן דאָס אָפּפאַלעכץ פון די שנעקן־קערפּערלעך, וואָס די מילן האָבן אַרויסגעוואָרפן; פון דעם זײַנען זייערע לײַבער געשוואָלן געוואָרן, און זיי האָבן געליטן גרויסע יסורים.

דאָס געשריי פון די געליטענע איז פאַרשטומט געוואָרן דורך אָפּגעשוואַכטקייט, ביז זיי האָבן זיך צוגעקאָלערט אין זייערע קראַמפּן צום באָרטן פון ים, און די וועלן האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך און זיי אָפּגעשוואָנקען פון דעם לעבן. און מיר האָבן פאַרלאָזן דאָס אָרט און מיר זײַנען ווײַטער געגאַנגען, אָבער ווי ווײַט מיר זײַנען נישט געגאַנגען, האָבן מיר נישט געקאָנט אַנטרינען פון דעם שקלאַפן־ים.

איבער דער גאַנצער לענג פון ים־ברעג האָט, ווי אַ גרויסע מכה, זיך אויסגעשפּרייט די אַרבעט און די פּײַן פון צור. וואו מיר האָבן געוואָרפן אונזערע בליקן, האָבן מיר נאָר געזען צוזאַמענגעקייטלטע, נאַקעטע מענטשן שלעפּן משאות. אָן אַ שיעור זײַנען געווען די שיפן אויפן ים, מיט

קאָלירטע זעגלען פון אַלע פעלקער, וואָס באַוואוינען די ברעגן פון גרויסן ים: פון מצרים און צפורן, פון די אינזלען פון יון, פון שפּאַניע און פּערסיע, פון איטאַליע און אַפריקע. דאָ האָבן רייען שלעפּ־שקלאַפן ארויפגעטראָגן אויף די שיפן משאות געפּאַרבטע וואָלן, טיכער און קאָלירטע שטאָפן, גלאָזוואַרג און אַלערליי כלים פון גראָבע און איידעלע מאַטעריאַלן, וואָס צור און צידון האָבן אויסגעאַרבעט מיט דעם שווייס און בלוט פון זייערע שקלאַפן; און דאָרט, אויף די שיפן, האָבן אַנדערע שלעפּ־שקלאַפן אראָפּגעטראָגן משאות, סחורות אַלערליי, וואָס די פעלקער פון דער וועלט האָבן געשיקט קיין צידון, — פון דעם איידעלן זייד פון פּערסיע ביז דעם טײַערן ציפּרוס־ווײַן, רויע שטאָפן, מעטאַלן, ערץ און זילבער, וואָס צור און צידון האָבן געצויגן פון שפּאַניע און אירע קאָלאָניעס, וואָס זי האָט געהאַט פארשפּרייט איבער די ברעגן פון גרויסע ימים, און נאָך אַנדערע זאַכן און גיטער פון אַלע לענדער און שטעט, מיט וועלכע צור האָט געפירט האַנדל און וואָס אירע שיפן האָבן נאָר אָנגעשלאָגן צו זייערע ברעגן. ווי די פליײַסיקע מילבן האָבן די מענטשן געטאָן זייער אַרבעט, און ווי דאָס זאַמד אויפן ברעג — אזוי פיל זיינען זיי געווען. די קייטן שקלאַפן האָבן זיך געשלענגלט אומענדלעך פון די שיפן צו די פאַרב־מילן, צו די גיסערײַען, צו די ווערקשטעלן, אזוי אז דער גאַנצער ברעג פון גרויסן ים האָט ווי א גאַרטל פון זינד און פּײַן ארומגענומען די שטאָט פון צור.

און אונזער רבי איז געשטאַנען בײַ יעדער ווערקשטעל און האָט זיך צוגעקוקט צו די מענטשן. אַלץ האָט ער געוואָלט וויסן און אַלץ האָט ער געוואָלט זען, ווי ער וואָלט וועלן אויסלערן דעם כוס עוולות ביז צו זײַן דנאָ, איז ער געגאַנגען פון איין טאָל פון טרערן צום אַנדערן, פון די פאַרב־מילן צו די ווערקשטעלן פון די אויסהעפּטערס.

ווי די צידונער האָבן די מענער באַנוצט צו די שווערע אַרבעטן, אזוי האָבן זיי די ווײַבער און די מיידלעך אײַנגעשפּאַנט אין די אויסהעפּטשטעלן, וואו זיי האָבן אויסגעהאָפטן פארשיידענע אויסנייעכצן אויף די טיכער פון צידון. דאָס זיינען געווען די שקלאַפן־מיידלעך, וועלכע זיי האָבן אויך פאַר זייערע פארגעניגנס געניצט. זיי האָבן זיי דעריבער געניצט פאַר לײַכטערע אַרבעט, כדי צו שוינען זײַערע לײַבער.

באַלד זיינען מיר צוגעקומען צו די קינדער בעלי־מומים אין די גוסווערקשטעלן פון די מעטאַלענע כלים. זיי האָבן נאָך נישט געהאַט אָפּגעטריקנט אויף זייערע ליפּן די מילך פון זייערע מוטערס׳ ברוסטן. מיידלעך און ייִנגלעך האָבן מיט האַמערס די פאָרמען פון כלים אויס ערץ, בראָנז און זילבער אויסגעקלאַפּט אין דער היץ פון פײַער. אזוי יונג ווי זיי זיינען געווען, האָבן די קינדער געטראָגן אויף זייערע נאַקעטע לײַבער אויסגעברענטע צייכנס פון זייער פארשקלאַפונג, ווי זייערע עלטערן, און זייער גזר־דין איז שוין אָנגעחתמעט געווען אויף זיי צו פארענדיקן זייערע כוחות אין קנעכטשאַפט, ביז זיי וועלן אוועקפאַלן ווי דאָס

אָפּפּאַלעכץ אויף די קופּעס מיסט, פּונקט ווי זייערע עלטערן. די פרייד פון זייער יוגנט איז שוין געווען אָפּגעווישט פון זייערע פּנימער. פיל פון זיי זיינען געווען האַלב בלינד, מיט פאַרברענטע פּנימער אָדער מיט אַנדערע מומים, — אויסגעברענטע שטיקער פלייש, וואָס זיי האָבן דורך דעם אומגיין מיט פייער ביים גיסן די מעטאַלן באַקומען דורך זייער אומגעניטקייט. אַנדערע זענען צעשמיסן געווען פון די שמייסער־אויפזעער פאַר מאַכן פעלערן, וואָרעם צוליב דעם, וואָס זיי האָבן געמאַכט פעלערן, האָט מען די קינדער אויסגעשלאָסן פון זייערע לוסט־פאַרגעניגנס און מער שוין נישט מקפּיד געווען אויף זייערע לייבער. זיי האָבן אויך שוין מער נישט געטויגט פאַר די שקלאַפן־מערק, האָט מען זיי צוזאַמענגעיאָגט אין די קינדער־ווערקשטעלן, כדי דאָרט צו פאַרענדיקן זייער יונג לעבן ביי די שווערע גוס־אַרבעטן.

מיר האָבן געזען ווי יונגע העגט האָבן געשאָרט אין פייער, ווי זיי וואָלטן נישט באַשטאַנען אויס פלייש, נאָר אויס אייזערנע צוואַנגען. ביי אַנדערע זיינען די בייכער אויפגעשוואָלן געוואָרן פון פיל וואַסער טרינקען, וואָרעם די היץ איז ביים שמעלצן די מעטאַלן געווען איין־לשער, און זיי האָבן געקילט זייער דורשט מיט טרינקען די אָפּגעשטאַנענע, שטינקענדיקע וואַסער, וואָס זיי באַנוצן צו גיסן אויף די דריי־רעדער.

מיר האָבן פאַרלאָזן די שפּינערס און די פאַרבערס, און מיר זיינען צוגעקומען צו די גיסערס. פון די שיפן, וועלכע האָבן געבראַכט דעם בליי־זאַמד פון די בריטישע אינזעלן, האָבן קייטן שקלאַפן געשלעפּט בליי־ערד אין געפלאָכטענע קערב צו די שמעלץ־אויוונס, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דעם אָפענעם ברעג פון ים. זיי האָבן געשאָטן די ערד אין די גיהנומדיקע פייערן, וואָס האָבן געזעצט פון די אויוונס, האָבן גערייניקט די בליי־ערד און געמישט זי מיט אייזן־מעטאַלן און זילבער־מעטאַלן, וואָס זיי האָבן געבראַכט פון די גרובנס פון תרשיש (שפּאַניע). אַנדערע קייטן שקלאַפן האָבן צוגעפירט שפּייז צו די גוס־אויוונס, שייטלעך האָלץ, וואָס זיי האָבן אין שלעפּ־וועגענער אַראָפּגעבראַכט פון כרמל־באַרג. אין די פייערן, וואָס האָבן געזעצט פון די אויוונס, האָבן אַרומגעטאַנצט נאַקעטע מענטשן, פאַרשטעלט אין א וואָלקן פון א דעמפּיקן, דיקן רויך, וואָס האָט געזעצט פון די שמעלץ־קעסלען, און האָבן פאַרפינצטערט דעם אָנבליק פון דער זון. דערינען, אין די וואָלקנס דעמפּיקן רויך, וואָס די צעגאָסענע מעטאַלן האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך, האָבן די נאַקעטע מענטשן זיך באַוואויגן ווי געפייניקטע רשעים אין גיהנום, מיט לעפלען געהויבן פון די שמעלץ־טעפּ די צעגאָסענע בלייען, געגאָסן זיי אין פאַרמען, מיט צוואַנגען געצויגן, מיט די העגט געטאַפּט, מיט די ציין געביסן, און עס איז אָפט געשען, אז דער קאָכעדיקער מעטאַל האָט אַרויסגעשפּריצט פון די קעסלען, אויסגעברענט שטיקער פלייש פון זייערע לייבער.

און מיר האָבן דאָרט געטראָפן קאַליקעס מיט אָפּגעריסענע אברים,

אויסגעברענטע שטיקער פּנימער, וועלכע זיינען אין די וואָלקנס רויך געשמיסן געוואָרן פון די שוטרים און נוגשים, וואָס האָבן אכטונג געגעבן אויף דער אַרבעט. און ווען עס האָט געטראָפן, אז דער שפּריצנדיקער מעטאַל האָט אויסגעברענט ביי די שקלאַפן זייערע אויגן און זיי האָבן נישט געקאָנט זען, זיינען זיי, בלינדע, אריבערגעפירט געוואָרן צו די פאַרב־מילן. און ווען א שקלאַף האָט פארלוירן די כוחות און נישט גע־קאָנט מער שלעפּן די מילשטיינער, האָט מען אים אריבערגעפירט צו אן אַנדער, גרינגערער אַרבעט, וואָרעם כל זמן די נשמה איז געזעסן אין דעם מענטשן איז נישט געווען קיין אַנטרינען און קיין אָפּלאָז פון דער אַרבעט, ביז דער טויט האָט זיך נישט מרחם געווען אויף אים, ווי עס איז געווען מיט אונזערע עלטערן ביי פּרעה׳ן.

און מיר זיינען געגאַנגען פון דאָרט און מיר זיינען אָנגעקומען צו די גלאָז־בלאָזער. און דאָ, ווי ביי די מעטאַל־שמעלצער, האָבן אין גרויסע אויוונס געברענט מוראדיקע פייערן, וואָס זייערע פלאַמען זיינען אויפ־געגאַנגען עד לב השמים. און די פייערן זיינען אויך געפיטערט געוואָרן דורך האָלץ־שטאַנגען, וואָס שקלאַפן האָבן ארונטערגעבראַכט פון לבנון־באַרג. און אויך דאָ האָט מען געזען נאַקעטע מענטשן שלעפּן, ווי אונזערע עלטערן ביי פּרעה׳ן, קערב מיט גלאָז־זאַמד, וואָס געפינט זיך דאָרט אויפן ברעג, און ברענען עס אין אויוונס און פארוואַנדלען עס אין געגלייזטע פליסיקייטן. נאָר אנשטאָט מענער אין זייערע שטאַרקע יאָרן, ווי עס איז געווען ביי די גוס־אויוונס, האָבן דאָ געאַרבעט ווייבער, ס׳רוב קינדער, וואָס די ברוסטן זיינען נאָך ביי זיי יונג, זיי זאָלן נאָך זיין בכוח זייערע אָטעמס אריינצובלאָזן דורך די רערן אין ברענענדיקן גלאָז־מאַטעריאַל.

און מיר האָבן געזען קינדער, אָפּגעצערטע ביזן ביין פון דער גרוי־סער היץ, וואָס האָט געהערשט דאָרט ארום די ברענענדיקע אויוונס, מיט אויסגעברענטע שטיקער לייב און פארברענטע אברים, ווי ביי די מעטאַל־אַרבעטער. פון די קאָכעדיקע קעסלען האָבן זיי ארויסגעשלעפּט אויף זייערע רערן שטיקער פייער, זייערע מיילער צוגעלייגט צו די רערן און אריינגעבלאָזן אין פייער, און מיט דער לופט פון זייערע ברוסטן אויס־געהוילט די בייכער פון די גלעזערנע כלים. און ווען דאָס פייער האָט נאָך געברענט אין דעם מאַטעריאַל, האָבן זיי מיט זייערע נאַקעטע פינגער געפורעמט די שנויצן, העלדזער און אָרנאַמענטן אויף די כלים. די זון האָט געברענט זייערע לייבער פון אויבן, און דאָס צעגאָסענע פייער־גלאָז האָט געברענט זייער אינגעווייד. און עס האָט זיך טאַקע געטראָפן, אז דאָ און דאָרט איז א תינוק געפאַלן אונטער דער לאַסט פון זיין פייערדי־קער אַרבעט. און עס איז געווען, אז מען האָט אים אוועקגעטראָגן פון די פייערדיקע אויוונס, האָט אים דער שומר באטראַכט. האָט דאָס קינד נאָך געהאַט אין זיך לעבן, אזוי האָט ער עס אויפגעוועקט מיט א רעגן פון שמיץ, וואָס ער האָט געלאָזט פאַלן פון זיין קאַנטשיק אויף דעם קינדס לייב. האָט עס נישט געהאט מער קיין לעבן אין זיך, האָט מען עס אוועק־

געוואָרפן אויף די מיסטן, אויף די קופּעס זאַמד בײַם ברעג ים, און עס איז געוואָרן צו שפּײַז פאַר די ים־פייגל.

און עס איז געווען בשעת מיר זײַנען געשטאַנען דאָרט בײַ די גלאָז־אויוונס, האָט מען פון די פײַער־קעסלען ארויסגעטראָגן א פאַרחלשט קינד, וואָס איז אוועקגעפאַלן פון דאַמף און היץ, און זיי האָבן עס אוועקגעלייגט אויף א בארג גלאָז־זאַמד אונטער דער זון, און איינער פון די שומרים, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, איז צוגעגאַנגען און האָט באַטראַכט דאָס קינד, און ער האָט געלאָזט רעגענען דערויף מיט שמיץ פון זײַנע בלײַערנע ריטער. נאָר עס איז געווען נאָך א ווײַלע, און דאָס קינד האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט פון די שמיץ, האָט ער עס געלאָזט ליגן אויף דער זון, וואָרעם זײַן נשמה איז אויסגעגאַנגען און מען האָט מער קיין נוצן דערפון נישט געהאַט. און עס איז קיינער נישט געווען, ווער עס זאָל זיך פאַרן קינד אָננעמען. און מײַן רבי איז געשטאַנען דערבײַ און ער האָט עס צוגעזען, און מיר אַלע האָבן געמיינט, אז אָט באַלד וועט ער אויפהייבן זײַן האַנט און ער וועט דעם שלעגער פאַרוואַנדלען ווי לוטס ווײַב אין א שטיק זאַלץ, אָדער ער וועט טאָן דאָסזעלבע ווי משה, וואָס האָט געשלאָגן דעם מצרי און אים באַהאַלטן אין זאַמד.

וואָרעם מיר האָבן געזען דעם רבינס פּנים בשעת דעם פאָרפאַל, ווי עס איז באַגאָסן געוואָרן מיט א ווײַס פײַער, און ער האָט אינגאַנצן געציטערט, ווי א שטורעמווינט וואָלט אדורכגעגאַנגען דורך אים. אָבער ער האָט דעם שלעגער גאָרנישט געזאָגט, זײַנע ליפּן זײַנען פאַרשנירט געווען, און דער שניט פון זײַן מויל האָט זיך אײַנגעקאָרטשעט פאַר צער. אזוי האָבן מיר אויך געשוויגן. און יוחנן, דער זון פון זבדי, האָט מיט זײַן פויסט זיך אליין געשלאָגן אין זײַן שטאַרקער ברוסט, אין וועלכער דער כעס האָט געברענט.

און אויך די אַנדערע תּלמידים האָט ארומגענומען א גרויסער צאָרן אויפן שלעגער, און מיר אַלע האָבן געוואונשן, אז דער רבי זאָל אים מיט א הויך פון זײַן מויל אין דעם זאַמד מאַכן פאַרזינקען, ווי ער האָט פאַרזונקען דאָס קינד מיט זײַנע שמיץ. אָבער אונזער רבי האָט אַלץ געשוויגן, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אז עס איז דאָ א טעם צו דער זאַך, און מיר האָבן אויך אײַנגעהאַלטן אונזער כעס.

נאָר עס איז געווען, ווען דער שמײַסער האָט פאַרלאָזן דאָס טויטע קינד, האָט אונזער רבי זיך דערנענטערט צום מת — און מיר הינטער אים. ער האָט אראָפּגעקוקט אויף דעם טויטן קינד. א ייִנגל איז עס געווען, קוים פון א יאָר נײַן אָדער צען, און זײַן לײַב איז אויסגעטריקנט געווען פון דער היץ, אָן א פּיצל פלייש אויף זיך, נאָר לויטער ביינער, און זײַן הויט איז אינגאַנצן באַדעקט געוואָרן מיט אויסגעברענטע מכות, וואָס דאָס פײַערדיקע זאַמד האָט אויסגעברענט אין זײַן קערפּער. און ער איז געווען געליימט און מיט אן אויסגעברענט אויג, וואָס דורכדעם האָט מען אים ארײַנגעגעבן צו די גוס־אויוונס. אָבער אין זײַן רעכטן אויער

האָט ער געטראָגן דעם צייכן פֿון זײַן מוטערס ליבע, — אַן אויערינגל, וואָס זי האָט אים אָנגעטאָן בײַ זײַן געבוירן. און זײַנע האָר זײַנען געווען שוואַרץ, און זײַן פּנים איז נישט מער געווען פֿון אַ קינד, נאָר שטאַרק און אויסגעלאָשן ווי פֿון אַן אַלטן מאַן, פֿול מיט רונצלען, און מיר האָבן אַלע געמיינט, אַז די דערבאַרמונג וועט זיך פֿעדערן אין אונזער רבין, און ער וועט דאָס יינגל אויפֿוועקן פֿון זײַן טויטן־שלאָף. אָבער ער האָט עס נישט געטאָן. און מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז דאָ אַ טעם צו דער זאַך, און מיר האָבן נישט געפֿרעגט. און אונזער רבי האָט אויך געשוויגן. נאָר איך האָב באַמערקט, ווי צוויי טרערן זײַנען אַרויסגערונען פֿון מײַן רבינס אויגן און זײַנען געפֿאַלן אויפֿן יינגלס קערפּער. און דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס איך האָב געזען מײַן רבין וויינען.

און מיר האָבן פֿאַרלאָזט דעם טאָל פֿון קינדער־פּײַן, און מיר זײַנען אָנגעקומען צו דעם אָרט, וואו די צידונער האַלטן זייערע שקלאַפֿן, וואָס זייערע שיפֿן ברענגען פֿון אַלע טיילן וועלט, וואו זיי פֿאַרוואַרפֿן זייערע אַנקערס. דאָס איז געווען אַן אַרומגעצוימטער פּלאַץ אויפֿן ברעג ים, באַדעקט מיט פּאַלמען־צווײַגן, און יונג און אַלט, מאַן און פֿרוי און קינד, פֿון אַלע פֿעלקער פֿון דער ערד זײַנען געווען צוגעקייטלט איינער צום אַנדערן, אָדער באַשווערט מיט קלעצער אויף די פֿיס, מוטערס מיט קינדער און פֿרויען אין די יונגע יאָרן. די צידונער געווינען נישט זייערע שקלאַפֿן דורך דעם זיג פֿון דער שווערד, ווי אַלע אַנדערע פֿעלקער, נאָר זיי פֿירן אַ האַנדל מיט נשמות פֿון מענטשן. זיי פֿאָרן נאָך די קריגס־פֿירער און קויפֿן אויף די קריגס־געפֿאַנגענע פֿון אַלע טיילן וועלט, וואו נאָר רוימס שווערד דערגרייכט, פֿון אַרמעניע און קאַווקאַז, פֿון שפּאַניע, פֿון די ווײַטע בריטישע אינזלען און פֿון די ווײַטע לענדער, וואָס ליגן אויף יענער זײַט מדבר פֿון צפֿון־אַפֿריקע, אַחוץ די שקלאַפֿן פֿון זייער אייגענעם לאַנד און פֿון די שכנותדיקע לענדער. און זיי האַלטן די שקלאַפֿן סאָרטירט. אַ טייל שקלאַפֿן שיקן זיי אָפּ אין מינען־גריבער, וואָס זיי האָבן אויף די ווײַטע אינזלען אין שפּאַניע און בריטאַניע, פֿון וואַנען זיי ברענגען זייער זילבער, בלײַ און אײַזן. די שקלאַפֿן זײַנען פֿאַראורטיילט קיינמאָל מער נישט צו זען דאָס ליכט פֿון דער זון, וואָרעם מע האַלט זיי אין די גריבער פֿאַרשטעקט און מע לאָזט זיי קיינמאָל מער נישט אַרויס פֿון זייערע לעבעדיקע קבֿרים. ס׳רובֿ זײַנען דאָס געווען שטאַרקע מענער אין די בעסטע יאָרן פֿון זייער לעבן. די דאָזיקע זײַנען געזעסן אויף זייערע קני, צוגעקייטלט איינער צום אַנדערן, מיט זייערע אויגן האָבן זיי זיך אײַנגעקוקט אין דער זון, ווי זיי וואָלטן געוואָלט מיטנעמען דעם אָנבליק פֿון איר שײַן אין זייערע פֿינצטערע נעכט אַרײַן, וואָס עס וועט זיי אויסקומען צו פֿאַרברענגען זייער רעשט לעבן.

אַנדערע שקלאַפֿן זײַנען אויסגעקליבן געוואָרן צו פֿירן די שיפֿן. און עס זײַנען געווען אַזעלכע, וואָס זײַנען באַשטימט געוואָרן פֿאַר היימישע אַרבעטן, און אַזעלכע, וואָס זײַנען באַשטימט געוואָרן צו טרײַבן מיט זיי

האַנדל, צום פֿאַרקויפֿן אויף די מערק, און נאָך אַנדערע, די יונגע און געזונטע, מיט שיינע לײַבער און פֿון שיינעם אויסזען, סײַ בחורים, סײַ מיידלעך, — זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר פֿאַרגעניגנס און געברויכן סײַ פֿאַר די היימישע מערק, סײַ פֿאַר די אויסלענדישע מערק. און יעדער מין זייערער איז ווי אַ סחורה געוואָרן אויסגעסאָרטירט, צוזאַמענגעקליבן און אָפּגעזונדערט אין באַזונדערע אָפּטיילונגען. און לויט זייער ווערט, זיינען זיי געהאַלטן, באַהאַנדלט, באַשפּײַזט און באַקליידט געווען. די, וועלכע זיינען פֿאַר גראָבע אַרבעטן באַשטימט געווען און האָבן געקאָנט אַ סך אויסהאַלטן, האָט מען זיי, לויט זייערע אַרבעטן, געשפּײַזט מיט רויע שפּײַזן, מיט נבֿלות און פֿאַרשטונקענע פֿעטס, און מען איז זיך באַגאַנגען מיט זיי מיט שטאַרקע פֿויסטן, מיט קאַנטשעקעס און ריטער. די אָבער, וועלכע זיינען באַשטימט געווען פֿאַר הויזלעכע געברויכן און פֿאַר פֿאַרגעניגן וועגן, האָט מען איידל באַהאַנדלט, געהאַלטן אונטער אַ באַדעקעכץ, געשפּײַזט מיט איידעלע שפּײַזן און אַכטונג געגעבן, אַז בײַם ציכטיקן זאָל מען זיי די הויט נישט באַשעדיקן און נישט קיין בעלי־מומים מאַכן אויס זיי.

און מיר האָבן געזען, ווי די בעל־בתים פֿון די שקלאַפֿן האָבן אָנגעשריגן אויף די שומרים דערפֿאַר, וואָס זיי שלאָגן די יונגע שקלאַפֿן און ברענגען שאָדן זייער סחורה. זיי זאָלבן די איידעלע שקלאַפֿן מיט אייל, כדי שיין צו מאַכן זייער הויט, אַז מען זאָל מער גלוסטן צו זיי און דורכדעם העכערע פּרײַזן פֿאַר זיי נעמען.

לאַנג איז ער געשטאַנען, אונזער רבי, און ער האָט זיך צוגעקוקט צו די שקלאַפֿן־קייטן. אין דעם טאָג האָט ער נישט געגעסן קיין ברויט, נײַערט עס איז געווען ווי ער וואָלט זיך געזעטיקט מיט דער פּײַן פֿון די מענטשן, צו וועלכער ער האָט זיך צוגעקוקט. און מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז עפּעס גייט אויף אין זײַן האַרץ. און ווידער האָט זיך געהערט אַ קרעכץ פֿון אים, ווי אַ שטורעמווינט וואָלט דורך אים אַדורכגעגאַנגען, און אַ גרויסער צאָרן האָט אים אַדורכגענומען. איך האָב אים נאָך קיינמאָל אַזעלכן נישט געזען. זײַנע אויגן האָבן געשפּריצט מיט פֿײַער, און זײַן גאַנצער קערפּער האָט זיך אָנגעצונדן אין איין רויטן פֿלאַקער, און ער האָט אויסגערופֿן מיט כוח: „דרײַ מאָל איז טמא צור, דײַן ברויט איז דאָס פֿלייש פֿון טויטע (זבחי מתים) און דײַן וואַסער איז פֿאַרגאָסן בלוט!".

און ער איז אוועקגעגאַנגען פֿון דאָרט, און מיר זיינען געקומען אין שטאָט אַרײַן, און מיר האָבן זיך אוועקגעזעצט אויף אַן אָפֿענעם פּלאַץ, וואָרעם אונזער רבי האָט נישט געוואָלט אַרײַנגיין אין קיין שטוב אַרײַן, וואָרעם דער באַלקן פֿון צידון איז אומריין, ווי דער טויט וואָלט אונטער אים געוואוינט. און ער האָט נישט געוואָלט עסן דאָרט קיין ברויט, וואָרעם „דאָס ברויט פֿון צידון איז דאָס פֿלייש פֿון טויטע און זײַן וואַסער איז פֿאַרגאָסן בלוט", — האָט ער געזאָגט. נאָר איבערהאַלטן די נאַכט און צומאָרגנס צוריקגיין צו די גרענעצן פֿון ארץ־ישראל, וואָרעם פֿרעמד

זיינען פאר אונז געווען צידונס זיטן און מנהגים, און פארלוירענע האָבן מיר זיך געפילט אין דעם רעש פון צער און זינד.

ארומגערינגלט מיט א גאַרטל פון זינד און פון געפײַניקטע מענטשן, האָט די שטאָט צור אויסגעזען ווי א זונה, וואָס איז אויסגעשמינקט אין פאַרבן און קאָלירן. פון דעם שווייס פון מענטש האָבן זיי אויסגעמינצט זייער גאָלד, און פון זײַן בלוט און פלייש האָבן זיי זיך באַרײַכערט. זייערע הײַזער זיינען געווען שטאַרק געבויטע, מיט קאָלומנעס און וועראַנדע־טרעפּן, און מיט געצירטע דעכער ווי טעמפּלען, און אויף יעדן פּלאַץ האָבן זיי געהאַט טעמפּלען פאר זייערע שקוץ משקצים, און מיר האָבן געזען פיל מענטשן אדורכציען, און אלע זיינען זיי געווען באַקליידט מיט געפאַרבטע קליידער. וואָס חשובער דער מענטש, אלץ מער פאַרבן און קאָלירן האָט ער געטראָגן אויף זײַנע קליידער, אויסגעפּוצט און אויסגעצירט ווי די ווילדע פייגל, מיט גאָלדענע קראַנצן אויף זייערע קעפּ. און אויך זייערע ווײַבער זיינען געווען באפּוצט אין קאָלירטע קליידער, און לעבן זיי זיינען ארומגעגאנגען נאַקעטע שקלאַפן מיט דער שאַנד ארויס, און די שטאָט איז פול געווען מיט געזאנגען און שפּילן. מיר האָבן יעדעס מאָל אָנגעטראָפן אויף מחנות סעודה־אָנטיילנעמער, וועלכע זיינען געגאַנגען צו זייערע זינדיקע צוזאַמענקונפטן, באַגלייט מיט פלייטן־מוזיק, מיט געשמינקטע ווײַבער און מענער און מיט נאַקעטע שקלאַפן, ווי צור וואָלט אנטפּלעקט זײַן שאַנד פאר דער ליכטיקייט פון הימל.

אונזער רבי מיט זײַנע תלמידים, אָנגעטאָן אין שוואַרצן, זיינען געזעסן צוזאַמענגעקוּפּיעט אין א ווינקל פון א פּאַלאַץ, אונטער א פּאַלמענבוים, און מיר האָבן פארמאַכט אונזערע אויגן, כדי מיר זאָלן זייערע אומווירדיקייטן נישט זען. זיי האָבן באמערקט, אז מיר זיינען פרעמדע אין אונזער קליידונג, וואָס האָט זיך אונטערשיידט פון זייערע, און דאָך איז קיינער פון זיי נישט צוגעקומען צו אונז און האָט אונז נישט געבעטן אהיים צו זיך, ווי עס איז דער מנהג אין געבענטשטן לאַנד פון די קינדער פון ישראל, וואָס די אימה פון גאָט ליגט אויף אונז. און ווען אפילו שלום האָט געהערשט צווישן ישראל און צור פון אונזערע פאַטערס צײַטן אָן און מיר האָבן מיט זיי געפירט אן אויסטויש פון סחורות, דאָך האָט זיך אויף אונז קיינער נישט אומגעקוקט.

דאָ, אין דער שטאָט צור, האָבן אונזערע תלמידים אײַנגעזען, ווי ווײַט די גוים זיינען פון אונז. מיר זיינען נישט צו קיינעם געגאַנגען, קיינער וואָלט נישט פארשטאַנען אונזערע וועגן, און זיי וואָלטן זיך אויסגעלאַכט פון אונז. ערשט דאָ, אין דעם פרעמדן אָרט, האָבן מיר אײַנגעזען, ווי הייליק עס איז ישראל און ווי גוט עס איז אונז, וואָס גאָט האָט געלאָזט רוען זײַן שכינה איבער אונז און אנשטאָט שקלאַפן צו בשר־ודמס זיינען מיר אויסגעוויילט געוואָרן פאר קינדער צום רבונו של עולם. און מיר האָבן געבענקט צו געפינען זיך צווישן אונזערע ברידער אין שוים פון יידישן געזעץ פון דער תורה, אין וועלכער עס איז אונז וואַרעם

אונטער די פליגל פון אונזער פאטער, וואס וואכט איבער אונז.

און ווי מיר זיצן אזוי פארלוירן אין דער פרעמדער שטאט פון גויים, דערנענטערט זיך צו אונז א מאן, — זיין קלייד איז געווען ווי אונזערס, שווארץ און איינפאך, — און ער פרעגט אונז אין אונזער לשון:

— ברידער, קינדער פון ישראל זענט איר, וואס איר נעכטיקט עפעס אין דער גאס און גייט נישט אין הויז אריין פון די יידן?

און מיר האבן אים געענטפערט:

— אזוי איז עס, ברידער פון ישראל זיינען מיר!

און עס האט זיך אנגערופן דער פרעמדער מאן און געזאגט:

— געלויבט זאל זיין דער גאט פון ישראל, וואס ער האט מיר צוגע־שיקט מיינע ברידער. טוט דעם חסד מיט מיר און קומט ארונטער אונטער מיין באלקן. עס וועט זיין געבענטשט די שוועל פון מיין שטוב, ווען איר וועט זי איבערטרעטן. איך האב א ברויט אין דער היים, אויך וויין, וואס איז כשר אין ישראל. און עס טרייסט זיך שוין מיין ווייב, די באלעבאסטע פון שטוב, און מיין גאנץ הויזגעזינד—אזעלכע חשובע געסט אויפצונעמען.

און ער האט זיך געפרייט מיט אונז און געקושט יעדן איינעם אויף דער באק, אזוי ווי עס איז דער מנהג אין ישראל, און מיט גרויס שמחה אונז אין זיין שטוב באגלייט.

XIV

געלויבט ביסטו, פאטער אין הימל, וואס דו האסט אונזער חלק אויס־געקליבן, אז מיר זאלן דיר דינען, און דו האסט אונז נישט געמאכט ווי די פעלקער פון דער וועלט פאר געצנדינער, וואס בוקן זיך צו דעם ווערק פון דיינע הענט. האב רחמנות, פאטער אין הימל, אויף אלע דיינע בא־שעפענישן און עפן אויף זייערע אויגן, כדי זיי זאלן זען, אז נאר דו אליין ביסט דער האר און דער קעניג פון אלע וועלטן, און עס איז קיינער נישטא אויסער דיר.

יהושוע בן קלמן האט אונז אלע אויפגענומען אין זיין הויז, און עס איז געווען, ווען ער האט געהערט, אז די לייט, וואס זיינען געקומען אונ־טער זיין באלקן, באשטייען אויס א רבי מיט זיינע תלמידים, אזוי האט ער עס געהאלטן פאר א גרויסן כבוד, און ער האט זיך אליין אוועקגע־שטעלט אונזער רבין צו באדינען. מיר האבן אים נישט פארטרויט ווער דער מאן איז, וואס האט באטראטן זיין שטוב, ווארעם עס איז געווען דער שטרענגער אנזאג פון אונזער רבין אויף אונז צו פארשווייגן זיין נאמען און זיין טועכץ אין פרעמדן ארט, מחמת ער האט זיך נישט גע־וואלט געבן צו דערקענען. און ווען אפילו דער בעל־הבית, וואס האט

אונז אַהיימגענומען, וואָלט דאָך געקאָנט דערקענען פון אונזער אויפפי־רונג, אז מיר געהערן צו די פרושים, האָבן מיר דאָך פארגעסן אונזערע חלוקי־דעות, און מיר האָבן זיך אַלע געפילט ווי די קינדער פון דעם איינאיינציקן, לעבעדיקן גאָט.

נאָכדעם ווי דער מאַן האָט אונז דערלאַנגט וואַסער אין ערדענע כלים, און ער מיט זיינע קינדער האָבן אונז געהאָלפן וואַשן די הענט און די פיס, האָבן מיר אַלע זיך געזעצט ארום זיין טיש. און דאָס ווייב האָט געאײַלט אין קיך אריין און האָט דאָרט אָנגעגרייט פאר אונז צו עסן, וואָרעם מיר זיינען אַלע געווען מיד פון לאַנגן וועג, און אונזער מויל האָט נאָך דעם טאָג נישט געהאַט פארזוכט קיין ברויט. און באַלד האָט דאָס ווייב געברענגט אויפן טיש ארויף ברויט און אויך פוטער און קעז, וואָס איז צוגעריכט געוואָרן לויטן יידישן דת, און גרינוואַרג און פון אַלעם גוטן, וואָס האָט זיך געפונען אין זיין שטוב. נאָר קיין פלייש איז נישט געווען, מחמת זיי האָבן זיך געפונען אין דער פרעמד צווישן גוים, וועלכע עסן אבר מן החי, האָט ער דעריבער פאראומווירדיקט צו עסן פלייש פון א בהמה און דערנערט זיך בלויז יעדן טאָג מיט מילכיקס און גרינס. נאָר ווען ער און זיין הויזגעזינד האָבן עולה־רגל געווען קיין ירושלים אויף פסח, האָבן זיי דאָרט געגעסן פלייש פון קרבן פסח.

און דער מאַן פון הויז האָט אונז פארציילט פון דעם אויפפירן זיך פון דער יידישער קהלה אין האַרץ פון די גוים, וואו גאָטס עדה האָט זיך א נעסט געמאַכט: — „מיר לעבן אַלע בשלום, גאָט צו דאַנקען, און מיר שטאַרקן איינער דעם אַנדערן די הענט. צווישן אונז געפינען זיך אזעלכע, וואָס קאָנען זיך אויס אין דער שריפט, און מיר האָבן דאָ אונזער הייליקן קליינעם בית־הכנסת, און מיר קומען זיך צענויף יעדן שבת און מיר זיינען עולה לתורה. און דער סגן און דער חזן לייענען פאר אונז יעדן שבת זיין אָפּשניט, אחד במקרא ושנים בתרגום, און דער וואָס דרשנט — דרשנט. און די פון אונז, וועלכע זיינען עולה קיין ירושלים, געבן אָפּ זייער גרוס פון גאָטס הויז. און דער וואָס האָט געהערט פון זיין רבין א מסורה אָדער א חידוש אין דער תורה, פארציילט עס נאָך. אָפּט־מאָל מאַכט זיך א מצוה צו טאָן אין ענין פדיון־שבויים, וואָרעם די סוח־רים מיט מענטשלעכע נפשות ברענגען אָפּט צווישן זייערע סחורות יידן פון דער פרעמד, וועלכע זיינען פון די גוים געפאַנגען געוואָרן אויפן ים אָדער אויף דער יבשה צו פארקויפן דאָ פאר שקלאַפן. און עס איז, ווען עס קומט אָן א שיף מיט מענטשן־סחורה, האָבן מיר אונזער גבאי, וואָס איז געזעצט דערויף, און ער גייט אראָפּ אין האַפן און איז חוקר ודורש, צי עס געפינט זיך נישט ווער חלילה צווישן די קנעכט — פון די בני־ישראל, — און מיר האָבן אונזער קופה, און מיר לייזן אים אויס. אמאָל, מיט יאָרן צוריק, ווען עס זיינען געווען די גרויסע אומרוען אין דער צייט פון ארכילעאוס, האָט מען דאָ פיל יידישע שקלאַפן פון גליל געבראַכט, וועלכע וואַרוס הרשע האָט פארקויפט צו די בני צור, וואָס גאָט האָט אים

דערפאר שפעטער באשטראפט. דענסטמאל, אין די טעג פון „פולמוס של וואַרוס" — (די מלחמה מיט וואַרוס), האָט אונזער קהלה דאָ זייער גרויסעס אויפגעטאָן. מיט דער הילף פון בית־מקדש־געלט, וואָס דער כהן גדול האָט אונז געגעבן, האָבן מיר די שקלאַפן אויסגעלייזט. פיל זיינען אוועק צוריק אהיים, ווען די אומרוען האָבן זיך אײַנגעשטילט. אָבער פיל זיינען איבערגעבליבן דאָ, און פון זיי באשטייט א גרויסע צאָל פון אונזער קהלה. אויך האָבן מיר אין אונזער קהלה אזעלכע, וואָס זיצן שוין דאָ זייער לאַנג. דאָס זיינען משפחות, וועלכע זיצן דאָ נאָך פון די צײַטן פון די חשמונאים. מיר פירן זיך דאָ צווישן די גוים, ווי מיר וואָלטן געזעסן אין יידישן לאַנד צווישן דער הייליקער קהלה פון יידן, אויף יום־טוב גייען מיר אויף קיין ירושלים, יעדעס מאָל אן אַנדער גרופע, און ברענגען מיט פון דאָרט שטאַרקייט און פעסטקייט אין אונזער גלויבן. אויך שטאַרקן מיר איינער דעם אנדערנס הענט יעדן שבת. און ווען גאָט שיקט צו א געלערנטן און ער דרשנט פאר אונז פון דער תורה שבת, קומט זיך די גאַנצע קהלה צוזאמען און פרייט זיך מיט גאָטס וואָרט. און ווען עס וועט געפעלן אײַער רבין צו זיצן מיט אונז דאָ ביז שבת און צו דר־שנען פאר אונז אין בית הכנסת, וועל איך גיין און מעלדן צום סגן".

און דער מאַן האָט געוואָלט גיין און צונויפרופן אייניקע חשובים פון דער קהלה, אז זיי זאָלן קומען אין זײַן שטוב און זאָלן אונזער רבין מקבל פנים זײַן. וואָרעם ער האָט געזאָגט, אז עס שיקט זיך נישט, אז ער אליין פון דער גאַנצער קהלה זאָל האָבן דעם גאַנצן כבוד. און עס וועט זײַן, ווען זיי וועלן צומאָרגנס געוואָר ווערן, אז דער רבי מיט זײַנע תלמי־דים זיינען אין שטאָט געקומען, אז זיי זיינען נישט גערופן געוואָרן צו דער סעודה, וועלן זיי טראָגן א בייז האַרץ אויף אים. אָבער דער אָנזאָג פון אונזער רבי איז געווען שטרענג קעגן דער זאַך, וואָרעם ער האָט געוואָלט בלײַבן אומבאַקאַנט.

און ווי מיר זיצן ווי ברידער אַלע בײַם טיש און דאַנקען גאָט פאר דעם חסד, וואָס ער האָט געטאָן מיט אונז, וואָס ער האָט אונז אונטער א יידישן באַלקן ארונטערגעבראַכט, כדי מיר זאָלן נישט זײַן איינדרויסן צווישן די גוים, הערט זיך א רעש, ווי דאָס דערנענטערן זיך פון רוישנ־דיקע וועלן פון ים, א פײַפן פון פײַפלעך און א קלאַפן מיט פויקן און א גרויס גערודער פון מענטשן, וועלכע זיינען געקומען צואײַלן מיט אויס־רופן און געשרייען, אזוי אז זיי האָבן אָנגעפילט מיט זייערע קולות די גאַנצע לופט עד לב השמים. און ווען מיר האָבן זיך פארוואונדערט דע־ריבער, האָט אונז דער בעל־הבית פון שטוב בארואיקט און געזאָגט, אז דאָס מאַכן זיי הכנות פאר דעם גרויסן יום טוב פון זייער אָפגאָט מולך, פאר וועלכן זיי וועלן מאַרגן א קינד, אן עלטסט יינגל פון א יחוסדיקער משפחה, פאר א קרבן ברענגען. וואָרעם יעדעס מאָל, ווען עס געשעט בײַ זיי אן אומגליק, בעטן זיי איבער זייער גאָט מיט א מענטשלעכן קרבן. שלעכטע בשורות זיינען אָנגעקומען אין שטאָט ארײַן: צען שיפן, וואָס

זיינען געגאַנגען אָנגעלאָדן מיט סחורות אויפֿן ים פֿון תרשיש, זיינען געפֿאַנגען געוואָרן פֿון א שטורעם און פֿארזונקען געוואָרן אויפֿן דנאָ פֿון ים, און דאָס שרײַען און דאָס לאַרעמען, וואָס מיר הערן פֿונדרויסן, איז א פֿאָרברייטן פֿאר דעם יום טוב פֿון דער אויסגעלאַסענער געטין. שוין אַכט טעג ווי די „קדושים" ציִען אדורך אזוי די שטאָט און טוען אָפּ שרעקלעכע אומווירדיקע מעשים, וואָס זיינען נישט פֿארן מויל צו ברענגען: זיי קאַסטרירן זיך עפֿנטלעך און זיי וואַרפֿן ארײַן זייערע ערלות אין די הײַזער פֿון די מענטשן, און מען וואַרפֿט זיי ארויס דערפֿאַר ווײַבערישע קליידער, כדי זיי זאָלן קענען נעמען אָנטייל אין דעם זנות, וואָס ווערט געטריבן אין דעם טעמפּל פֿון עשתרות.

און ווי מיר האָבן דאָס דערהערט, אזוי איז די שרעק פֿון דער נאַכט געפֿאַלן אויף אונז, און מיר האָבן אַלע געטראַכט צו פֿארלאָזן ווי צום גיכסטן די דאָזיקע טמאדיקע ערד. איך האָב געקוקט אויף מײַן רבינס פּנים, און איך האָב אים נישט דערקענט, זײַן געזיכט איז שוואַרץ געוואָרן ווי די ערד, און זײַנע אויגן טיף אײַנגעגראָבן און פֿארוואָלקנט; ווי דער גאַנצער צער פֿון דער וועלט וואָלט זיך געוועזן געלייגט אויף אים, אזוי זענען זײַנע פּלייצעס שווער געווען. אָבער זײַנע ליפּן זענען געווען פֿארחתמעט און ער האָט געשוויגן.

אין דער דאָזיקער נאַכט האָב איך געהערט, ווי אונזער רבי איז מתפּלל, און כאָטש עס איז שוין געווען די פֿינפֿטע נאַכט, וואָס קיין שלאָף איז נישט געקומען אויף זײַנע אויגן, וואָרעם ער האָט זיך ארומגעוואַלגערט מיט אונז איבער די בערג, אונטערן פֿרײַען הימל, און דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט, וואָס מיר זיינען געקומען אונטער א באַלקן, זינט מיר האָבן פֿארלאָזט כפר נחום, און ער איז זייער מיד געווען און אָפּגעשוואַכט, — דאָך האָט ער קיין רו נישט געגעבן צו זײַנע אויגן, און ער איז געשטאַנען צווישן זײַנע שלאָפֿנדיקע תּלמידים אויף דער טעראַסע פֿון דאַך־הויז, וואו אונזער בעל הבית האָט אונז ארויפֿגעפֿירט צו שלאָפֿן. און איך האָב געזען, ווי ער וואָלט די גאַנצע צײַט אויסגעשטרעקט זײַנע הענט צום הימל, און עס הערן זיך פֿון אים קרעכצן, וועלכע צעברעכן זײַן גוף. נאָר קיין איין וואָרט הערט זיך נישט פֿון זײַנע ליפּן, ווי זײַן האַרץ וואָלט פֿארשלאָסן געוואָרן.

צומאָרגנס האָבן מיר אַלע געטראַכט באַלד צו פֿארלאָזן די טמאדיקע ערד און פֿלינק צוריקצוקערן צו די גרענעצן פֿון ישראל, פֿון וועלכע מיר זיינען פֿארבלאָנדזשעט געוואָרן ווי שאָף, וועלכע פֿארלירן דאָס געזאַנג פֿון שעפּערס פֿײַפֿל. אָבער אונזער רבי האָט געזאָגט, אז ער וויל פֿארבלײַבן אין שטאָט, ביז ער וועט אַלץ זען, אויך די מיאוסע מעשים תּעתּועים, וואָס די אײַנוואוינער פֿירן אויף פֿאר זייערע אָפּגעטער, ווי ער וואָלט געוואָלט אויסטרינקען די ביטערקייט פֿון כוס ביז צום לעצטן טראָפּן. און ער האָט געבעטן דעם בעל הבית פֿון שטוב, אז ער זאָל אים פֿירן צום אָרט פֿון די אָפּגעטער. און מיר האָבן זיך זייער געוואונדערט

דעריבער, — אָבער מיר האָבן אים נאָכגעפאָלגט.

און עס איז געווען, ווען מיר זיינען אין שטאָט אריינגעקומען, איז זי שוין געגליכן געווען צו אן אָנגעשכורטער זונה. אַלע גאַסן זיינען אָב־געפּילט געווען מיט יום־טובדיק געקליידטע מענטשן, וועלכע האָבן גע־טראָגן העמדער און סדינס און טוניקעס און שאַלן אין קאָלירן פון ליליע, וויאָלעט, אדורכגעצויגן מיט בלויע און רויטע שטרייפן. און אזוי גע־פאַרבט ווי זייערע קליידער, אזוי זיינען אויך געפאַרבט געווען זייערע פּנימער. נקבות און זכרים האָבן געהאט אָפּגעמאָלט זייערע געזיכטער, זייערע באַקן רויט, זייערע אויגן בלוי, זייערע ברעמען וויאָלעט, און זייערע ליפּן — ווי זיי וואָלטן זיך ערשט אָנגעזעטיקט מיט דעם בלוט פון פאַרצוקטע חיות. און א טייל פון זייערע מענער זיינען געווען אָנ־געטאָן אין ווייבערישע קליידער, און זיי האָבן נאָכגעמאַכט די ווייבע־רישע מידות, האָבן געטראָגן נאָז־רינגען און אוירינגען און פּאַרפיומען־קייטן אויף זייערע ברוסטן, וואָס זיי האָבן אנטבלויזט ווי דער שטייגער פון די ווייבער. און טייל פון זייערע ווייבער זיינען געווען אָנגעטאָן ווי די מענער, און האָבן באַקלעפּט זייערע פּנימער מיט פאַלשע געקאַרבטע בערד און זייערע קעפּ מיט טראָלן, מענלעכע האָר־שייטלען. עס האָט אויסגעזען ווי א פאַרקערטע וועלט. דאָס זיינען געווען זייערע קדושים און קדושות, די כהנים און כהנות פון זייער אָפּגעטין עשתרות. זיי זיינען געגאַנגען אין פּראָצעסיעס און האָבן ארויסגעטראָגן די טרפים פון זייערע אָפּגעטער, ווי אויךביימער, וואָס זיי האָבן אָפּגעשניטן פון זייערע גער־טענער, אָנגעפירט פון מוזיקאַנטן אויף כלערליי מוזיק־אינסטרומענטן, מיט פייפלעך און שפּיל־האָרנס, און באַגלייט מיט נאַקעטע טענצער און טענצערינס. דערנאָך זיינען אָנגעקומען אנדערע פּראָצעסיעס, געפירט פון די כהנים פון זייער גרויסן אָפּגאָט בעל, וועלכע זיינען געווען אָנ־געטאָן אין הויכע סיצענע היטן מיט קאָלירטע גאַרטלען איבער זייערע ווייסע קליידער, און די פלייטן־שפּילער האָבן געשפּילט פאַר זיי, און די פּויקן־קלאַפּערס האָבן געקלאַפּט פאַר זיי, און זייער פיל פאָלק איז גע־גאַנגען נאָך די כהנים.

און צווישן די כהנים האָבן זיי געפירט א מוטער, וועלכע האָט גע־האַלטן איר קינד ביי דער האַנט, און דאָס קינד איז געווען א יינגל פון א יאָר ניין אָדער צען, אָן א מום, און א גלוסטונג אָנצוקוקן, און דאָס יינגל איז ווי די כהנים געווען אָנגעטאָן אין ווייסן מיט א רויט־קאָלירטן גאַרטל און א גאָלדענעם קראַנץ אויף זיין קאָפּ. און דאָס יינגל האָט זייער געוויינט און נישט געוואָלט גיין, אזוי ווי עס וואָלט געוואוסט, אז עס איז באַשטימט פאַר א קרבן. נאָר די מוטער האָט עס איינגענומען מיט גוטע רייד און האָט איר קינדס געוויין איינגעשטילט מיט זיסיקייטן, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט דער מוטער און דעם זון גרויס כבוד אָפּגעגעבן, מער נאָך דער מוטער ווי דעם זון, ווייל די מוטער מוז זיין זייער שטאַרק און נישט ארויסווייזן קיין שוואַכקייט, נייערט מיט איר גוטן ווילן אָפּצוגעבן

אליין דעם אָפּגאָט איר קינד, כדי דער קרבן זאָל באַוויליקט ווערן, אַנישט געמט מולך נישט אָן דעם קרבן און לאָזט זיך נישט איבערבעטן פון זײַן כעס, וואָס ער האָט אויסגעגאָסן אויף די מענטשן פון שטאָט. די מוטער איז זייער אָנגעזען אין דער שטאָט, ווײַל דער קרבן האָט געמוזט גע־בראַכט ווערן פון די יחוסדיקע משפחות.

און מיר זײַנען נאָכגעגאַנגען די פּראָצעסיעס, און מיר האָבן געזען ווי זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין הויף פון דעם גרויסן טעמפּל פון מולך. און דער גאַנצער הויף איז שוין פול געווען מיט די אָנגעזעענסטע לײַט פון דער שטאָט. און אויפן הויף האָבן זיי אײַנגעפּלאַנצטביימער, וואָס זיי האָבן אויסגעשניטן פון זייערע גערטענער, און מיט די בלעטער און די פרוכטן אויף זיי אײַנגעשטעלט זיי אין גרויסע ערד־טינעך, וואָס זיי האָבן דאָרט געהאַט שטיין. און צווישן די ביימער האָבן זיי אויסגע־שטעלט זייערע געצן. און דער אָפּגאָט מולך איז געווען אין געשטאַלט פון א זיצנדיקן מענטש, זײַן קאָפּ איז ענלעך געווען צו א קאָפּ פון א ביק, וואָס דאָס איז געווען דער סימן פון שטאַרקייט, און אויף זײַן קאָפּ זײַנען געווען צוויי גאָלדענע הערנער פון א ציגנבאָק. און בײַ זײַנע זײַטן זײַנען אויך געשטאַנען צוויי ציגנבעק. און זײַנע הענט האָט ער געהאַלטן אויס־געשטרעקט אנטקעגן, כדי מקבל צו זײַן דעם קרבן. און ער איז געווען אײַנגאַנצן געגאָסן אויס אײַזן, געמישט מיט קופּער, און ער איז געווען הויל פון אינעווייניק אזוי ווי אן אויוון. און לעבן אים האָבן זיי אוועק־געשטעלט זייער אַנדערן אָפּגאָט מעלקאַרט, וואָס איז דער טײַטש: „מלך קריות", דער קעניג פון דער שטאָט. און ער איז געווען אין געשטאַלט פון א מענטש מיט א פעל פון א לייב. זײַן פּנים איז אויך געווען געגליכן צו א לייב, מיט א געקרייזלטער באָרד, און ער האָט געהאַט אויף זײַן קאָפּ אויך הערנער פון א ציגנבאָק, און מיט זײַנע ביידע הענט האָט ער גע־האַלטן א ציגעלע, צעריסן אויף צווייען, וואָס דאָס איז אויך געווען דער סימן פון שטאַרקייט. און פון דער צווייטער זײַט פון זייער אָפּגאָט בעל איז געשטאַנען דאָס פּסל פון זייער געטין עשתרות אין געשטאַלט פון א נאַקעטער נקבה, וואָס דריקט צו א טויב צו אירע ברוסטן, און זי איז געווען דער צייכן פון פרוכטבאַרקייט. און נאָך זייער אָפּגאָט מולך איז זי געווען זייער באַליבטע געטין. און אַרום איר זײַנען געווען פאַרזאַמלט די קדושים און קדושות, וואָס מיר האָבן געזען אין שטאָט. און נאָך אַנ־דערע געצן זײַנען געשטאַנען דאָרט, וועלכע די כהנים האָבן אַרויסגע־טראָגן פון זייערע טעמפּלען און געבראַכט צום גרויסן יום טוב פון מולך אין זײַן טעמפּל־הויף. און בײַ יעדן אָפּגאָט זײַנען געשטאַנען זייערע כהנים און כהנות.

און עס איז געווען, ווען די מוטער מיט איר קינד, וואָס זי האָט גע־האַלטן בײַ דער האַנט, איז אַרײַנגעטראָטן אין הויף אַרײַן, אַרומגערינגלט מיט א קראַנץ כהנים, אזוי האָט זיך אויפגעשטעלט זייער כהן גדול, וואָס איז געווען דער עלטסטער פון זייער שטאָט, און ער איז צוגעגאַנגען צום

אָפּגאָט מולך, און ער האָט אָפּגעריכט פאר אים א געבעט, און מיט א פאָקל פֿײַער האָט ער אונטערגעצונדן דעם שייטער האָלץ, וואָס איז געוועזן אין דעם אויוון פון זײַן אויסגעהוילטן בויך. און די כהנים פון אַלע אַנדערע אָפּגעטער האָבן אָנגעהויבן צו זינגען שירים ותשבחות, און דער כהן גדול מיט זײַנע משרתים האָבן געהאַלטן אין איין אַרײַנלייגן האָלץ אין דעם בויך פון אָפּגאָט אויף צו פֿיטערן דאָס פֿײַער אין אים און זײַן אײַזערנע געשטאַלט אָנצוגליִען.

און די גאַנצע צײַט, וואָס דאָס פֿײַער האָט געפֿלאַקערט אין דעם בויך פון אָפּגאָט, איז געשטאַנען די מוטער מיט איר קינד בײַ דער האַנט אויף אַן אָפּגעזונדערט אָרט, און זי האָט זיך צוגעקוקט צו דעם פֿײַער, וואָס ברענט עולה צו זײַן איר קינד. און מען האָט ניט אָנגעזען אין איר פּנים קיין ענדערונג, קיין קרעכץ האָט זיך נישט געהערט פון אירע ליפּן, און קיין טרער אין איר אויג איז נישט געזען געוואָרן, נײַערט זי האָט געהאַלטן אין איין טרייסטן איר קינד און אים אײַננעמען מיט גוטע רייד און מיט זיסיקייטן. ווארעם דאָס ייִנגל האָט זייער געוויינט און ער האָט געוואָלט אנטלויפן, נאָר די כהנים, וועלכע זיינען געשטאַנען אין א קראַנץ ארום דער מוטער מיטן קינד, האָבן אים געהיט. און די מוטער האָט אים געהאַלטן פעסט בײַ דער האַנט, און מיר האָבן נישט געוואוסט, צי די מוטער טוט דאָס פאר ליבע צו איר אָפּגאָט אָדער זי טוט דאָס אויס אכזריותדיקייט.

און עס איז געווען, ווען דאָס אײַזערנע לײַב פון דעם אָפּגאָט מולך איז אָנגעגליט געוואָרן פון דער גרויסער היץ און איז געוואָרן רויט פון פֿײַער, איז דער כהן גדול צוגעגאַנגען צו דער מוטער מיטן קינד, און ער האָט אָנגענומען דאָס ייִנגל מיט זײַנע צוויי שטאַרקע הענט און האָט עס אויפגעהויבן אינדערהויך און האָט געוויזן דעם קרבן דעם גאַנצן קהל. און א גרויסער רעש האָט אויסגעבראָכן און געשרייען פון פאָלק, אזוי אז דאָס ייִנגל איז דערשראָקן געוואָרן, און ער האָט אויפגעהערט צו וויינען און האָט מער נישט געוואוסט, וואָס מיט אים טוט זיך. און דאָס קינד האָט אויסגעשטרעקט זײַנע הענט צו דער מוטער, ווי עס וואָלט געוואָלט שוץ זוכן בײַ איר, אָבער די מוטער האָט עס נאָך באַרואיקט פונדערווײַטנס מיט דעם בליק פון אירע אויגן און מיט דעם אָנווײַזן פון אירע פינגער אויפן כהן גדול. און דער כהן גדול האָט גענומען דאָס קינד און האָט עס צוגעטראָגן צום ברענענדיקן אָפּגאָט און עס אַרײַנגעגעבן צווישן זײַנע פלאַקערדיקע אָרעמס.

און עס האָט זיך דערהערט א גרויס געשריי פון קינד. די ווײַסע קליידער אויפן קינד האָבן זיך אין איין אויגנבליק אָנגעצונדן. דאָס געשריי פון שרעק און ווייטאָג, וואָס האָט זיך געהערט פון קינד, האָט געשפּאָלטן די הערצער פון די מענטשן, אָבער באַלד איז דאָס געשריי פארשטומט געוואָרן, און א מבול פון קולות, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן פון יובלדיקן פאָלק, האָט פאַרשלונגען דאָס געוויין פון קינד.

און די מוטער איז געשטאַנען אויף איר אָפּגעזונדערטן פּלאַץ, און זי האָט געזען, ווי דער פלאַקערדיקער אָפּגאָט ברענט זיך אַרײַן אין פלייש און געביין פון איר קינד, ווי דאָס פעטס פון זײַן לײַב גיסט זיך אין פײַער אַרײַן און עס קנאַקט אויף פון דאָרט, — זיי האָבן דעם קרבן פיל צו עסן געגעבן, כדי ער זאָל פעט ווערן און ער זאָל וואויל באַוויליקט זײַן פון זייער גאָט, — און זײַנע האָר צינדן זיך אונטער, און שוין לענט ער אָן דעם ברענענדיקן קאָפּ אויף דער פלאַמעדיקער ברוסט פון אָפּגאָט. און די מוטער שטייט אַלץ אויף איר אָרט, און קיין קרעכץ הערט זיך נישט פון איר מויל, און קיין טרער זעט זיך נישט אין איר אויג, נאָר זי שמייכלט און לאַכט און מאַכט אזוי, ווי זי וואָלט א נחת רוח געהאַט, כדי דער קרבן זאָל באַוויליקט ווערן פון דעם אָפּגאָט. וואָרעם עס ווערט נאָר באַוויליקט, ווען די מוטער ברענגט עס מיט איר גוטן ווילן און ווײַזט נישט אַרויס קיין סימן פון רחמנות אויף איר אייגן בלוט און פלייש.

און עס האָט זיך אָנגערופן שמעון בר־יונה, וועלכער איז געשטאַנען מיט דעם רבין בײַם אַרײַנגאַנג פון טעמפּל־הויז, און ער האָט געזאָגט:

— פון די געצנדינער זאָלן די בני־ישראל זיך א מוסר אַראָפּנעמען, ווי זיי האָבן צו דינען דעם איינציקן לעבעדיקן גאָט.

און אונזער רבי האָט זיך גאָרנישט אָפּגערופן. נאָר איך האָב געזען אויף זײַן פּנים, אַז א גרויסער כעס ברענט אין אים, וואָרעם זײַן פּנים איז געווען אָנגעצונדן מיט א ווײַס פײַער, און זײַנע אויגן זיינען געווען גרויס און דערשראָקן, און מיר אַלע האָבן געמיינט, אַז באַלד וועט ער מיט איין הויך פון זײַן מויל די שרעקלעכע אומווירדיקייטן צעשמעטערן; ווי אברהם אבינו האָט געטון צו תרחס געטער, אזוי וועט ער נעמען א האַק און צעברעכן די אָפּגעטער, אָדער ער וועט זאָגן זײַן וואָרט, וועט אויפ־הייבן זײַן האַנט, און די ערד וועט זיך שפּאַלטן, און זיי וועלן אַלע ווי קרח און זײַן עדה פאַרשלונגען ווערן אין אַן אָפּגרונט, אָדער א בליץ פון הימל וועט אַראָפּשיסן און וועט זיי אַלע אין איין פײַער פאַרברענען, — וואָרעם די אומווירדיקייטן האָבן דערגרייכט צו די הימלען מיט זייערע מיאוסקייטן. אָבער ער האָט גאָרנישט געטון פון די אַלע זאַכן, נײַערט ער האָט געשוויגן.

און עס איז געווען, ווען דאָס קינד האָט געפלאַקערט אין די אָרעמס פון דעם אָפּגאָט, האָבן זיי זייערע אָפּגעטער אַרומגערינגלט מיט טאַנץ און געזאַנג און באַוואָרפן זיי מיט בלומען, איילבירטן און פאַלמען־צווײַגן, און זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די קדושים און די קדושות, און זיי האָבן מזנה געווען מינים מיט זייערע מינים אונטער די גלוסטיקע ביי־מער, וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט אין הויף פון טעמפּל פאַר זייער געטין עשתרות.

אָבער אונזער רבי האָט קיין איין וואָרט נישט גערעדט, זײַן מויל איז פאַרשטומט געווען, נאָר ער איז געווען פאַרזונקען אין זײַנע געדאַנ־

קען, און דער קאליר פון זײַן פּנים האָט עדות געזאָגט, וואָס עס טוט זיך אין זײַן האַרץ. און ער האָט אָפּשייד גענומען פון דעם מאַן, וועלכער האָט אונז אין זײַן שטוב אַרײַנגעבראַכט, — הגם עס איז שוין שפּעט געווען און דער טאָג האָט גענייגט אונטערצוגיין, האָט ער דאָך ניט געוואָלט מער אַרונטערקומען אונטער אַ באַלקן פון דער שטאָט, און מיר האָבן ניט מער געגעסן קיין ברויט אויף דעם אָרט, נײַערט מיר האָבן פלינק פאַרלאָזט די שטאָט. מיר האָבן געגאַרט אָפּצוואַשן דעם שטויב פון אירע גאַסן — פון אונזערע סאַנדאַלן.

און אַ כנענית, וואָס איז געווען דאָרט מיט די אַנדערע בײַם אָפּגאָט, (און די כנענים זיינען געווען שקלאַפן) האָט זיך אָפּגעטיילט פון די געצן־דינער, און ווען מיר האָבן זיך דערווײַטערט פון דעם אָרט, האָט זי זיך אויך דערווײַטערט, און איז אונז נאָכגעגאַנגען.

און עס איז געווען, ווען מיר זיינען הינטער די מויערן פון דער שטאָט געקומען, אַזוי האָט זיך די פרוי נישט אומגעקערט, נאָר זי איז אונז ווײַטער נאָכגעגאַנגען. און זי איז אונז נאָכגעלאָפן אויף אונזער וועג און האָט אָנגעהויבן צו שרײַען צו אונזער רבין: „האָב רחמנות אויף מיר, מײַן האַר, מײַן טאָכטער ווערט געפּײַניקט פון אַ שד". אָבער דער רבי האָט איר גאָרנישט אָפּגעענטפערט.

אָבער זי האָט געהאַלטן אונז אין איין נאָכגיין און אויסגעשטרעקט די הענט נאָך אונזער רבין און האָט אים געהאַלטן אין איין רופן: „מײַן האַר, זון פון דודו!".

און מיר האָבן זיך געוואונדערט דעריבער, וואָס זי רופט אונזער רבין „זון פון דוד". איז זי ווי בלעמס אייזל, וואָס האָט דערזען דעם מלאך פון גאָט אויפן וועג איידער בלעם האָט אים דערזען? און די זאַך איז געווען אַ וואונדער אין אונזערע אויגן.

און די תלמידים האָבן זיך אָנגערופן צו אונזער רבין: „שיק זי אוועק, וואָרעם זי שרײַט אונז נאָך!" — און אַנדערע האָבן געזאָגט: „העלף איר! הייליק דעם גאָט פון ישראל".

אָבער אונזער רבי האָט זיך אָנגערופן: „איך בין נישט געשיקט נײַערט צו די פאַרלוירענע קינדער פון ישראל". און מיר האָבן באַרעכטיקט די זאַך אין אונזער האַרץ. אָבער די פרוי איז צוגעקומען צו אונזער רבין, האָט געבוקט זיך פאַר אים און געזאָגט: „האַר, העלף מיר!". און אונזער רבי האָט זיך אָנגערופן צו איר: „עס איז נישט גוט צו נעמען דאָס ברויט פון די קינדער און צו וואַרפן עס פאַר די יונגע הינט". און ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז ווײַטער געגאַנגען. און מיר האָבן באַרעכטיקט די זאַך אין אונזער האַרץ. וואָרעם דאָס וואָס מיר האָבן הײַנט זיך אָנגעזען, האָט פאַרביטערט אונזערע הערצער אויף די גוים און געמאַכט זיי אין אונזערע אויגן אויסזען ווי הינט.

אָבער די כנענית האָט אים נאָכגערופן: „יאָ, מײַן האַר, אָבער אויך

די יונגע הינט מעגן עסן פון די קרישקעלעך, וואָס פאַלן אַרונטער פון זייער האַרס טיש".

און ווי זי האָט אַרויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער, אַזוי האָט זיך אונזער רבי פּלוצים אָפּגעשטעלט פון זײַן גאַנג און איז שטיין געבליבן, און זײַן פּנים איז אויפגעלויכטן געוואָרן, און זײַנע אויגן האָבן געשטראַלט מיט אַ הייליק פײַער, אַזוי ווי דער רוח־הקודש וואָלט זיך באַנײַט און אים געשטאַרקט. ער איז פול געוואָרן מיט גבורה, און ער האָט אונז געהייסן צוריקרופן די פרוי און זי ברענגען פאַר אים.

און ווען זי האָט זיך געבויגן פאַר אים, האָט ער זײַנע הענט געלייגט אויף איר קאָפּ און געזאָגט: „פרוי, גרויס איז דײַן גלויבן, עס זאָל געשען דײַן ווילן".

פון דענסטמאָל אָן איז אַ גרויסע ענדערונג געשען מיט אונזער רבין. עס האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים די מרה־שחורה, וואָס האָט אים באַוואוינט; זײַנע כחות האָבן זיך באַנײַט, און ער איז געוועזן פול מיט פרייד. די זאַך איז געוועזן אַ פּלא אין אונזערע אויגן, און דאָס רעטעניש איז אונז ערשט שפּעטער דערקלערט געוואָרן.

XV

גאָט פון ישראל, רייניק מײַן האַרץ, עפן אויף מײַנע אויגן, כדי מײַן האַרץ זאָל פילן און מײַנע אויגן זאָלן דערזען, וואָס עס גייט פאָר אַרום מיר, וואָרעם איך בין אַ בלינדער, וואָס טאַפּט אין דער פינצטער. די זון שײַנט אַרום מיר און איך זע זי נישט. איך הער שטימען און איך פאַר־שטיי זיי נישט. פאָטער אין הימל, האָב רחמנות, וואָרעם גרויסע און פורכטבאַרע טעג קומען אָן.

און ווען מיר זײַנען אַוועק פון צידון, האָט אונז דער רבי נישט צו־ריקגעפירט צו די שטעט פון ישראל, נאָר ער האָט אונז געבראַכט אין די שטעט, וואָס ליגן אויף יענער זײַט פון ים כנרת, וועלכע פאַמפּעאוס הרשע האָט צוגענומען פון אונז און באַזעצט מיט פיל היידן, און זיי זײַנען האַלב רײַן און האַלב אומרײַן. צוליב דעם האָט אונז דער רבי נישט צוריקגע־בראַכט אין די שטעט אַרײַן, נײַערט מיר האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אויף די פעלדער און אַרומגערינגלט די שטעט ווי גנבים. דאָרט, וואו מיר האָבן גענעכטיקט, האָבן מיר נישט געטאָגט. בײַטאָג האָט אונז אויפגע־געסן די זון און בײַנאַכט — די קעלט. מיר האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער הויך, און מיר האָבן אַראָפּגענידערט אין די טאָלן. בײַטאָג האָבן מיר זיך אויפגעהאַלטן מיט די פּאַסטוכער אין פעלד, און בײַנאַכט האָבן מיר אָנגעצונדן פײַערן אין די בערג. מיר האָבן געברענט אין פײַער וואָרצלען

און קרײַטעכצער, און מיר האָבן אונטערגעלענט אונזערע הערצער מיטן האַניק, וואָס ווילדע בינען האָבן אָנגעלייגט אין באהעלטענישן פון שטיי־נער. אזוי האָבן מיר זיך געוואַלגערט פון אָרט צו אָרט אין די בערג ארום. מיר האָבן געלייענט אויף זיך דעם פסוק פון תהלים: „דער פויגל גע־פינט זיך א היים, דער קוקוק (דרור) — זײַן נעסט". אָבער מיר, די תלמי־דים, האָבן נישט וואו די קעפּ אָנצולענען. עקדישן און היישעריקן זענען אונזער ברויט געווארן. דאָך האָבן מיר אונזער רבין נישט פארלאָזט. מיר האָבן אַלץ געלאָזט הינטער זיך און מיר האָבן געטראָטן אין זײַנע טריט, וועלכע זייבען באלויכטן געווען דורך דעם ליכט פון אונזער גלויבן. וואָ־רעם אזוי ווי דער ווינט פארשפרייט די פּלעוועס פון די דרעשערס און לאָזט נאָר איבער די קערנער אליין, אזוי זיינען מיר, זײַנע תלמידים, בלויז איבערגעבליבן פון אַלע, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט אונזער רבין.

און מיר זיינען אָנגעקומען צו דער שטאָט צעזאַריע פיליפּי, וואָס איז געלעגן אויף יענער זײַט כנרת און האָט געהערט צום מלך הורדוס פיליפּ. נאָר אין דער שטאָט זיינען מיר נישט ארײַנגעגאַנגען, נײַערט מיר האָבן גערוט אויף דעם באַרג פּמיס, וואָס איז הינטער דער שטאָט. צופוסנס פון באַרג געפינט זיך א הייל, פון וועלכער עס שלאָגט ארויס דער קוואַל פון ירדן. און דאָס אָרט איז א גלוסטונג אָנצוקוקן, ווײַל פיל קוואַלן שלאָגן דאָרט ארויס, און די ערד איז פעט און פרוכטבאַר, און עס ציען זיך דאָרט לאַנגע גרינע לאָנקעס, אויף וועלכע די שעפער פיטערן זייערע שאָף און רינדער. און פיל גערטענער זיינען דאָרט פאראן, און די טרויבן פון אָרט זיינען זייער פעט און אזוי אויך — די פײַגן. נײַערט דאָס אָרט איז טמא, ווײַל אין דער הייל, פון וועלכער עס שלאָגט דער קוואַל פון ירדן, געפינט זיך א טעמפּל פון דער אָפּגעטין דיאַנאַ. און איר פּסל שטייט דאָרט, און א גאנצן טאָג קומען ארויס צום טעמפּל די אײַנוואוינער פון דער שטאָט און ברענגען דער אָפּגעטין קרבנות פון טויבן און קרבנות פון מעל און אייל און זיי באַצירן זי מיט בלומען. און א טייל ווײַבער שנײַדן אָפּ זייערע האָר און ברענגען פאר דער געטין. און די שעפער פון אָרט פארזאַמלען זיך ארום דער הייל און פײַפן אויף זייערע פײַפלעך, און פיל אומווירדיקע מעשים ווערן דאָרט געטריבן אונטער די גלוס־טיקע ביימער, וואָס וואַקסן ארום דער הייל.

און איך האָב געזען מײַן רבין, ווי ער איז געשטאַנען אויפן באַרג און האָט צוגעזען ווי די אײַנוואוינער פון אָרט קומען ארויס און זיינען מקריב פאר דער אָפּגעטין. און איך האָב געזען, ווי דאָס פנים פון מײַן רבין ענדערט זיך, און ער האָט געדעדט צו זיך ווי א מענטש, וואָס איז באַזעסן פון גייסט.

אין דעם טאָג איז מײַן רבי אומרואיק געווען, א גאנצן טאָג, און ער האָט זיך אָפּגעזונדערט פון אונז. און מיר האָבן אָנגעזען אין אים, אז ער איז זיך מכין פאר עפּעס, וואָרעם ער האָט אויסגעקוקט ווי א מענטש, וואָס ראַנגלט זיך מיט זיך אליין, ווי יעקב אבינו מיטן מלאך פון הימל.

מיר האָבן געזען, אַז עפּעס גרויסעס גייט פֿאַר אין אים. אַ פּאָר מאָל איז ער צוגעקומען צו אונדז און האָט אונדז געוואָלט עפּעס זאָגן, און דאָך האָט ער נישט געזאָגט, נײַערט ער האָט געקוקט אויף אונדז און האָט אונדז געלאָזט אין אומוויסן און דערווײַטערט זיך פֿון אונדז. און אונדזערע הערצער האָבן געקלאַפּט אין אונדז פֿאַר שרעק און האָפֿענונג.

און אַז עס איז געקומען אין אָוונט, איז אַ שטילקייט געקומען אײַבערן אָרט, ווי דער כבוד פֿון גאָט וואָלט אַראָפּגענידערט פֿון דער הייך און אויסגעשפּרייט זיך איבער דער ערד. די שטערן זײַנען געשטאַנען ברייט אין הימל, און קעגנאיבער אונדז האָט דער באַרג חרמון זיך פֿאַרלוירן אין אַ וואָלקן פֿון מילך, און מיר האָבן נישט געזען זײַן פֿונדאַמענט, נאָר בלויז ווי זײַן ווײַסער באַשנייטער קאָפּ וואָלט זיך געווען אָפּגעריסן און שווימט אין דער לופֿטן אַרום און די שטערן פֿון הימל פֿאַלן איבער אים. און מיר האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: „ווי פֿורכטבאַר איז דאָס אָרט!"

און דער רבי האָט זיך אָנגערופֿן צו אונדז:

— „וואַרט אויף מיר אַ ווײַל, איך וועל נאָר אַריבערגיין אויף יענעם אָרט און מתפּלל־זײַן".

און דער רבי איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט, אויף אַ קלײנער דערהויבונג קעגנאיבער אונדז, און ער האָט מתפּלל געווען ביחידות. און באַלד האָבן מיר אים אַליין נישט געזען, נאָר זײַן ווײַס קלייד, און זײַנע ווײַסע הענט אויסגעשטרעקט צום הימל. און עס איז אויף אונדז אַ גרויסער פּחד אָנגעפֿאַלן, ווײַל מיר האָבן געזען אונדזער רבין אין דער ווײַסקייט פֿון דער נאַכט, ווי אַ מלאך פֿון גאָט שטייט אויפֿן באַרג, און זײַן פּנים לײַכט זיך מיט אַן אויסטערליש ליכט. אין נאָך אַ ווײַל שטײַגט דער רבי אַראָפּ פֿון דעם באַרג. און אונדז האָט זיך אויסגעדאַכט, אין דער ווײַסקייט פֿון דער נאַכט, ווי זײַנע פֿיס וואָלטן נישט באַרירט די ערד, נאָר ער שוועבט צו אונדז אַראָפּ אין זײַן ווײַס־באַשטערנט קלייד. און ער איז געשטאַנען פֿאַר אונדז, און זײַן פּנים איז נישט געווען ווי נעכטן און אייערנעכטן, נײַערט ער האָט געלויכטן אין אַ הייליקער בלייכקייט. און פֿון זײַנע האָר און פּאות האָבן געטריפֿט טראָפּנס טוי פֿון דער נאַכט און זיי זיינען געפֿאַלן אין זײַן באָרד אַרײַן. און ער האָט געציטערט אויף זײַן גאַנץ לײַב מיט אַ הייליק פֿיבער. און ער האָט געקוקט אויף אונדז אַ לאַנגע ווײַל אין שווײַגן. און אונדזערע הערצער זיינען צעגאַנגען פֿאַר אַנגסט, וואָרעם מיר האָבן געפֿילט, אַז עפּעס גרויסעס און וויכטיקעס גייט געשען מיט אונדז.

ער האָט זיך אָנגערופֿן צו אונדז און געפֿרעגט:

„וואָס זאָגן די לײַט, ווער איז דער בן אדם?"

מיר האָבן געשוויגן אַ לאַנגע ווײַל פֿאַר גרויס שרעק, און איינער פֿון אונדז האָט אים געענטפֿערט:

„אַ טייל פֿון די לײַט זאָגן, אַז ער איז יוחנן המטביל, און אַנדערע

זאָגן, אַז ער איז אליהו הנביא. און אַנדערע ווידער זאָגן, ירמיהו אָדער ווער אַנדערער פון די נביאים״.

איך אָבער, יהודה איש קריות, האָב פאַרשטאַנען, אַז זײַן צײַט איז געקומען און ער וויל נתגלה ווערן. און איך האָב געוואָלט עפענען מײַן מויל און אויסרופן מיט א הויך קול דאָס וואָרט, אויף וועלכן מיר אַלע האָבן אזוי געוואָרט. אָבער מײַן צונג איז געוואָרן צוגעקלעפּט צו מײַן גומען, און פאַר לויטער שרעק פאַר גאָט, האָב איך דאָס וואָרט נישט געקענט פון מײַן מויל אַרויסברענגען...

און אונזער רבי האָט זיך געווענדט צו אונז און געפרעגט:

״אָבער איר, וואָס זאָגט איר, ווער בין איך״? — און ווידער איז א גרויסע שטילקייט געפאַלן צווישן אונז. און איך האָב דערפילט, אַז אויף מיר רוט דער בליק פון מײַן רבין. און אויף מײַנע ליפּן איז געלעגן דאָס הייליקע מוראדיקע וואָרט, און מײַן צונג איז געווען פרײַ פון מײַן גומען, און דאָך האָב איך ניט געזאָגט דאָס וואָרט צוליב דער שרעק פאַר גאָט, וואָס איז געפאַלן אויף מיר. נאָר שמעון בר־יונה האָט זיך געוואָרפן צו די פיס פון דעם רבין און האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו אים, און האָט אַרויסגענומען דאָס וואָרט פון מײַן מויל און אויסגערופן מיט א הויך קול: „דו ביסט אונזער האַר משיח, אויף וועלכן די נביאים האָבן נביאות געזאָגט״.

און עס איז געווען, ווען מיר האָבן דערהערט דאָס מוראדיקע, שרעקלעכע וואָרט, אַרויסגערעדט פון שמעון בר־יונהס ליפּן, איז ווי א דונער פון הימל וואָלט אין אונז געפאַלן. און מיר אַלע האָבן זיך גע־וואָרפן אויף דער ערד, מיט אונזערע הענט פאַרשטעלט אונזערע אויגן און מורא געהאַט צו קוקן אויף אים איבער דער אימה פון גאָט, וואָס איז געפאַלן אויף אונז. אָבער דער רבי האָט אויפגעהויבן שמעון בר יונה פון דער ערד און האָט צו אים געזאָגט: „וואויל איז דיר, שמעון בר־יונה, א בשר־ודם האָט דיר דאָס נישט אַנטפּלעקט, נײַערט דער פאָטער אין הימל״.

ווי מיר האָבן דאָס דערהערט, האָבן מיר נאָך טיפער געבויגן אונ־זערע פּנימער צו דער ערד, ווײַל מיר האָבן מורא געהאַט צו קוקן אין זײַן פּנים אַרײַן, וואָרעם פאַר אונז איז געשטאַנען די האָפענונג פון ישראל. נײַערט מיר האָבן בלויז אויסגעשטרעקט די הענט צו אים און מיר האָבן גערופן אַלע נאָך שמעונען: „דו ביסט אונזער האַר, דער מלך המשיח, אויף וועלכן אונזערע נביאים האָבן נביאות געזאָגט!״

און דער האַר האָט זיך אָנגערופן צו אונז: „פאַרציילט עס דערווײַל קיינעם נישט, נײַערט באַהאַלט די זאַך פאַר זיך״.

און די שטילקייט פון דער נאַכט האָט זיך געשטאַרקט איבער אונז, און עס זיינען געפאַלן אויף אונז די ליכטער פון הימל. און מיר זיינען געוואָרן ווי חולמים, — און עס האָט זיך אונז אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע פּמליא של מעלה איז איבער אונז פאַרזאַמלט אויף דעם הימל און זיי

קוקן אראָפּ פון די שטערן צו אונז. און מיר האָבן געגלויבט, אז די אבות, צוזאַמען מיט די נביאים, וועלן זיך באַלד באַווײַזן צו אונז. וואָרעם מיר האָבן געהערט, ווי טריט וואָלטן זיך גענענטערט צו אונז, און עס האָט זיך געדאכט צו פארנעמען א ציטערן פון פליגלען, ווי דאָס גאַנצע אָרט, אויף וועלכן מיר זיינען געשטאַנען, וואָלט פול געווען מיט נשמות, אזוי ווי ביים באַרג סיני, ווען די יידן האָבן מקבל געווען די תורה פון משהס הענט. אזוי שטאַרק האָבן מיר געגלויבט, אז דער מלך המשיח איז דאָ מיט אונז. און אונז האָט געוואונדערט, וואָס מיר זיינען דאָ אליין, פאר־וואָס גאַנץ ישראל איז ניט פארזאַמלט מיט אונז ארום דעם באַרג, ווי ביים באַרג סיני. און אונזערע הערצער זיינען איבערגעגאָסן געוואָרן מיט פרייד, און מיר האָבן געוואָלט זינגען, און מיר האָבן געוואָלט אויס־שרייען דעם געשריי פון דער ישועה, נאָר מיר האָבן נישט געקאָנט קיין וואָרט פון אונזערע מײַלער ארויסברענגען פאר לויטער פרייד און שרעק.

און עס האָט זיך דערהערט א געוויין, וואָס איז פול געווען מיט פרייד, און די שטימע האָט זיך געבעטן ביי אונז: „ברענגט מיך פאר דעם הייליקן פון ישראל. איך וועל פאַלן מיט מײַן פנים פאר אים און איך וועל מיך בוקן פאר אים".

און די שטימע איז געקומען פון בר־תלמי, וועלכער איז געווען בלינד און איז געזעסן אָפּגערוקט אין א זײַט. און עס האָט זיך אויפ־געהויבן איינער פון אונז און האָט אים צוגעפירט ביי דער האנט און האָט אים געבראַכט פארן רבין, און האָט צו אים געזאָגט: „דאָ שטייט דער הייליקער פון ישראל!"

און ווי בר־תלמי איז צוגעקומען פאר דעם רבין, האָט ער זיך גע־וואָרפן פאר אים מיטן פנים צו דער ערד, און ער האָט ארויסגעלאָזט פון זיך א גרויס געשריי: „איך זע! איך זע!". און אז מיר האָבן אים גע־פרעגט: „וואָס זעסטו, בר־תלמי?" האָט ער אָפּגעענטפערט:

„א מלאך פון הימל שטייט פאר מיר אָנגעקליידט מיט א קלייד פון פײַער".

און בר־תלמי איז געלעגן ביי די פיס פון רבין און ער האָט געקוקט מיט זײַנע פארמאַכטע אויגן פאר זיך. און פון זײַנע ליפּן האָט גערעדט א נביאות: „איך זע דעם הייליקן פון ישראל. ער שפּרײַזט איבער בערג, שופרות בלאָזן פאר אים, די פרייד פון גאָט איז הינטער אים. טו אָן, ירושלים, דײַן שיין קלייד, שטײַג־אויף אויף די הייכן, זע דײַנע קינדער, — פון מזרח און פון מערב, פון צפון און פון דרום קומען זיי פריי־לעך צו גיין. פון ווײַטע אינזעלן זאַמלט זיי גאָט אײַן, הויכע בערג ווערן געשליפן פאר זייערע פיס, טאָלן גלײַכן זיך אויס, וועלדער באשאָטענען זייער וועג, שמעקעדיקע קרײַטעכצער וואַקסן אונטער זייערע טריט. אָ, טו אָן, ירושלים, דײַן שיין קלייד, עפן אויף די טויערן ברייט — דער הייליקער פון ישראל שפּרײַזט ארײַן דורך זיי!"

און די ווערטער פון בר־תלמי האָבן אויפגעעפנט אונזערע געפּענ־טעטע צונגען. די פרייד, וואָס האָט געהאַט אָנגעפילט אונזערע הערצער, האָט זיך געגאָסן פון אונז אין חלומותדיקע און נביאותדיקע רייד. וואָרעם ווי חולמים זיינען מיר געוואָרן אין דער נאַכט, און מיר האָבן געזונגען צו אים די געזאַנגען פון מבשר. און מיר האָבן אין די הענט געפּאַטשט, און שמעון קנאי איז געקומען פאַר אים און געוואָרפן זיך פאַר אים און געלייענט אויף אים דעם פסוק:

„דער בשורה־טרעגער איז שוין אויף די בערג, דער הערער פון שלום! פּײַער, יהודה, דײַנע ימים טובים, דײַן נדר איז דערפילט געוואָרן. עס וועט שוין נישט מער פאַרשקלאַפן דיך יעדער נידערטרעכטיקער יונג".

און מיר האָבן געטאַנצט אַרום אים און מיר האָבן געפּאַטשט אין די הענט! מיר האָבן צו אים גערופן מיט די געזאַנגען פון דוד, זײַן פאָטער. און שמעון בר־יונה איז געקומען פאַר אים און האָט געלייענט אויף אים זײַן פסוק:

„ער איז מײַן קנעכט, אויף וועלכן איך טו זיך פאַרלאָזן. מײַן נשמה האָט אים גערן, מײַן גייסט האָב איך געלאָזט רוען אויף אים, אַז ער זאָל זײַן משפט איבער די גוים אַרויסגעבן".

און איך, דער קלענסטער פון זײַנע תלמידים, בין געקומען פאַר אים, האָב געוואָרפן זיך פאַר אים מיטן פּנים צו דר'ערד און געלייענט אויף אים דעם פסוק:

„איך וועל שיקן מײַן מלאך און וועל פרײַ מאַכן דעם וועג פאַר אים. פּלוצלינג וועט ער קומען אין זײַן היכל, דער האַר, וואָס איר זוכט, און דער מלאך פון בונד, וואָס איר ווילט. ער קומט, זאָגט גאָט פון הימל!"

אַזוי איז יעדער איינער פון אונז געקומען פאַרן רבין און האָט גע־לייענט אויף אים זײַן פסוק.

און דער רבי איז געשטאַנען צווישן אונז, און מיר האָבן געמיינט, אַז אָט באַלד וועט ער אויפהייבן זײַן האַנט, און דער הימל וועט זיך שפּאַלטן, און מחנות חיילות און מלאכים וועלן אַראָפּנידערן פון דער הייך מיט פײַערדיקע רײַטוועגן געשפּאַנט צו געפליגלטע כרובים, און זיי וועלן מיט דונער און בליץ אַדורכציען די וועלט און ווי געפּענטעטע שעפּסן וועלן זיי לייגן די מלכים פון דער ערד צו זײַנע פיס, כדי ער זאָל זיי משפטן, אַזוי ווי די נביאים האָבן נביאות געזאָגט אויף אים.

און ווי מיר טאַנצן נאָך אַרום דעם האַר און מיר פרייען זיך מיט דער ישועה, וואָס איז געקומען איבער אונז „ווי טוי פון גאָט, ווי טראָפּנס אויף דעם גראָז, וואָס קיין מענטש האָט נישט געהאָפט, וואָס די מענטשן־קינדער האָבן נישט דערוואַרט", — זעען מיר, ווי דעם רבינס פּנים איז טרויעריק געוואָרן. ער קוקט אויף אונז און ער פרייט זיך מיט אונז ווי מען פרייט זיך מיט אומוויסנדע קינדער, אָבער זײַנע אויגן באַהאַלטן זיך אונטער דעם שאָטן פון זײַנע הײַטלעך. זײַנע ליפּן ווערן אויסגע־קרומט, און ער הייבט אויף די האַנט צו אונז און מיר ווערן שטיל, וואָ־

רעם מיר ווייסן, אז דער רבי וויל אונז עפּעס זאָגן, און ער רופט זיך אָן צו אונז:

„זײַט וויסן, פיל יסורים שטייען נאָך פאַר דעם בן־אדם. די כהנים־גדולים און זייערע שרײַבער וועלן אים פאַרשעמען און וועלן אים שטעלן צום משפט".

ווי מיר האָבן דערהערט די ווערטער, איז די פרייד שטעקן געבליבן אין אונזער קעל, און אונזערע יובל־אויסרופן זיינען פאַרשטומט געוואָרן, און מיר האָבן אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן מיט שרעק און אַנגסט, וואָרעם מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען זײַנע רייד, נאָר זיי האָבן געברענט אין אונזערע לײַבער ווי לעבעדיק פײַער. און שמעון בר־יונה האָט געציטערט איבערן גאַנצן לײַב, און ער האָט זיך געוואָרפן צום רבינס פיס און אָנגענומען זײַן קלייד אין גרויס אַנגסט און ארומגעהאַלטן אים בײַ די פיס און געזאָגט:

„ניין, רבי, חס וחלילה, דאָס וועט קיינמאָל נישט זײַן!"

אָבער דער רבי האָט אָנגעהויבן אויף אים צו שרײַען און האָט אים געזאָגט:

„גיי אוועק פון מיר, שטן, דײַן האַרץ קלערט נישט וועגן גאָטס זאַכן, נאָר וועגן מענטשלעכע". און צו אונז האָט ער זיך אָנגערופן:

„דער וואָס וויל מיר נאָכגיין, מוז זײַן אייגן נפש פאַרלייקענען. ווער עס וויל ראַטעווען זײַן נשמה, דער וועט זי פאַרלירן. דער, וואָס וועט פאַרלירן זײַן נפש פאַר מיר און פאַר דער בשורה, וואָס איך זאָג אָן, דער וועט זי מציל זײַן".

און ווי מיר שטייען נאָך ווי אַראָפּגעוואָרפענע פון די העכסטע הייכן אין נידעריקסטן כף־הקלע, און ווי מיר שטייען נאָך ווי עס וואָלט פלוצים ווער געקומען און וואָלט אַראָפּגעריסן פון אונז די בגדי־מלכות, מיט וועלכע מיר זיינען נאָר וואָס געקרוינט געוואָרן, און אונז איבערגעלאָזט נאַקעטע און בלויזע, — רופט זיך אָן דער רבי צו אונז, און זײַן פּנים לײַכט ווידער מיט דעם הייליקן ליכט פון פרייד, און פון זײַנע ליפּן קומען ארויס די טרייסט־ווערטער:

„אמן זאָג איך אײַך. עס שטייען דאָ אזעלכע, וואָס וועלן נישט פריער פאַרזוכן דעם טעם המות, ביז זיי וועלן נישט זען דאָס מלכות־אלהים קומט אָן מיט גבורה".

און ווי ער האָט אונז געלאָזט מיט די רייד, איז ער צוריק געגאַנגען אויף דעם באַרג מתפּלל צו זײַן.

און עס איז געווען, און די תּלמידים זיינען איבערגעבליבן אליין, האָבן מיר אַלע געשוויגן א לאַנגע צײַט. יעדער איינער פון אונז האָט נאָכגעקלערט נאָך דעם רבינס רייד און האָט געוואָלט דערגיין דעם פּותר דערפון. די פון אונז, וועלכע זיינען געווען שטאַרק אין דער שריפט, האָבן נאָכגעפאָרשט נאָך די רייד פון די נביאים, כדי צו געפינען א רמז, א פּתרון צום רבינס רייד. און די פון אונז, וועלכע זיינען נישט געווען

שטאַרק אין דער שריפט, האָבן זיך נאָכגעפרעגט ביי אַנדערע. און שמעון דער אייפריגער האָט זיך אַנגערופן מיט גרויס ביטערקייט:

— „מיר האָבן געטראָגן שאַנד און שפּאָט, כדי ער זאָל גלאַנצן אין זיין פּראַכט. מיר זיינען געווען איינגעשפּאַנט אין דעם יאָך פון אדום, כדי ער זאָל האָבן זיין פרייד. אויך ער זאָל קומען אונטער דעם שאָטן פון דער רוט? וואָס מיינט ער מיט די ווערטער?! זאָלן מיר האָבן גע־מאָלן שטויב אין אונזערע מילן? דער, וואָס זאָל משפטן די וועלט, זאָל אליין צום משפט געשטעלט ווערן? פאַרשט נאָך, געפינט א באַווייז פאַר אונז, א וואונק, א צייכן, וואָס ער מיינט מיט די רייד".

און די תלמידים האָבן אַלע געפאָרשט און געוואָלט וויסן: וואָס האָט דער רבי געמיינט מיט זיינע רייד? וואָרעם פיל פון אונז האָבן ביז דאַן נישט געהערט דערפון, אז דער מלך משיח זאָל באַדאַרפן אדורכגיין יסורים. און עס איז געווען די זאַך פאַר זיי א נייס.

און די תלמידים זיינען אַלע אין גרויס ציטערניש געווען און האָבן געקוקט אויף מיר מיט גרויס אַנגסט און באַגער, וואָרעם מער פון אַלע בין איך געווען מעכטיק אין דער שריפט, און אויך בר־תלמי דער בלינ־דער. אָבער שטאַרקער פון אונז אַלע איז געווען אנדרעי, דער ברודער פון שמעון, וועלכער איז געווען פון די תלמידים פון יוחנן, און אויך פיליפוס. און מיר האָבן זיך אַלע פיר אנידערגעזעצט צוזאַמען, און מיר האָבן אויפגעוועקט אונזער זכרון, און מיר האָבן זיך דערמאַנט אין די פסוקים, וואָס מיר האָבן געלערנט אין אונזער קינדהייט, און מיר האָבן געפונען א רמז אין ישעיהו. דאָרט שטייט געשריבן אזוי: „גאָט האָט מיר אויפגעעפנט מיין אויער, און איך האָב נישט ווידערגעשפעניקט, און איך בין נישט צוריקגעטרעטן. מיין לייב האָב איך אָפּגעגעבן פאַר שמיץ, מיינע באַקן פאַר שלאָגן, מיין פנים האָב איך נישט באשיצט פון יעדער באַליידיקונג און פון שפייעכץ". און דעם סוף פסוק האָבן מיר נישט גע־דענקט, און מיר האָבן דאָס געזאָגט די תלמידים. אָבער די תלמידים האָבן אונז געפרעגט: „אָבער וואָס איז דער טעם דעפון?", האָב איך זיי אָפּגעענטפערט: „דאָס איז צוליב די חבלי־משיח". און זיי האָבן געפאָרשט און געוואָלט וויסן: „וואָס איז דער טעם פון חבלי־משיח? ווער קאָן עס אונז אויסטייטשן? האָט קיינער פון אונז נישט געהערט פון זיינע רביים, ביי וועמעס פיס ער איז געזעסן, וועגן דעם, וואָס קאָן אונז אויפקלערן די זאַך?". און איך האָב זיך דערמאַנט אין א מעשה, און איך האָב זי פאַר־ציילט צו די תלמידים:

אנומלט האָב איך זיך אויפגעהאַלטן אין הויף פון בית־המקדש, איז דאָרט געזעסן אן אַלטער מאַן אויף די טרעפּן פון א געוועלב אין שאָטן פון א דעכל, און ער האָט געדרשנט פאַר זיינע תלמידים וועגן די חבלי־משיח. האָב איך זיך אויך אוועקגעזעצט און איך האָב זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. וואָרעם זיי זיינען באַגליובט געווען דורך דער קראַפט פון דער קבלה, וואָס ער האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון זיינע רביים, וועלכע

זיינען געקומען פון בבל קיין ירושלים. און זיינע רביים האָבן עס געהאַט בקבלה פון זייערע רביים. און דאָס שטאַמט נאָך פון די צייטן פון גלות בבל.

ווי איך האָב וועגן דער אגדה פאַרציילט די תלמידים, זיינען זיי אַלע נייגעריק געוואָרן צו הערן די רייד און זיי האָבן געזאָגט: „לאָז אונז הערן פון דעם דרוש פון דעם רבין פון בבל איבער די חבלי־משיח, וואָרעם מיר באַדאַרפן עס וויסן".

און איך האָב פאַר די תלמידים נאָכפאַרציילט די אגדה, ווי איך האָב זי געהערט פון דעם אַלטן מאַן אין בית־המקדש־הויף, אין נאָמען פון זיינע רביים. און די אגדה איז געווען אַזוי:

„הקדוש ברוך הוא האָט אויסגענומען א תנאי מיט דעם מלך־המשיח און האָט צו אים געזאָגט אַזוי: „די, פאַר וועמעס זינד דו שטעלסט דיך איין, וועלן דיך אַרונטערברענגען אונטער אַן אייזערנעם עול. זיי וועלן דיך מאַכן ווי דאָס קאַלב, וואָס מען פאַרפינצטערט זיינע אויגן. פאַר זייערע זינד איז אָנגעגרייט, אַז דיין צונג זאָל צוגעטריקנט ווערן צו דיין גומען. ווילסטו דאָס?". האָט משיח געזאָגט: „האַר פון דער וועלט, מיט דעם ליכט פון מיין נשמה און מיט דער פרייד פון מיין האַרץ נעם איך דאָס אויף מיר. נאָר בתנאי, אַז עס זאָל נישט פאַרלוירן גיין קיין איין נשמה פון ישראל. נישט בלויז די לעבעדיקע זאָלן געהאָלפן ווערן אין מיינע טעג, נאָר אויך די אַלע, וועלכע זיינען געשטאָרבן פון אדם הראשונס צייטן אָן ביז היינט. מיט דעם באַוויליק איך און מיט דעם נעם איך אויף מיר די יסורים".

און איך האָב איבערגעגעבן פאַר די תלמידים די אגדה פון רבין פון בבל וועגן די חבלי־משיח ווייטער אַזוי:

„אין דער וואָך, אין וועלכער דער בן דוד וועט קומען, וועלן זיי ברענגען אייזערנע באַלקנס און וועלן אַרויפלייגן אויף זיין האַלדז, ביז זיין גוף וועט זיך ברעכן, און ער וועט שרייען און וויינען. און ווען זיין קול וועט אויפגיין אין הימל און ער וועט זאָגן: „רבונו של עולם, וויפיל האַלטן אויס מיינע כחות? וויפיל מיין גייסט, מיין נשמה און מיינע אברים? בין איך דען נישט א בשר ודם?", — אין דער שעה וועט אים הקדוש ברוך הוא ענטפערן: „אפרים, מיין גערעכטער משיח, אַזוי האָב איך אויף דיר גוזר געווען פון ששת ימי בראשית. איצט זאָל דיין צער זיין געגליכן צו מיין צער. פון דעם טאָג אָן, ווען נבוכדנאצר הרשע האָט חרוב געמאַכט מיין הויז, פאַרברענט מיין היכל און פאַרטריבן מיינע קינדער צווישן די פעלקער פון דער וועלט, האָב איך זיך ניט אוועקגעזעצט אויף מיין שטול. ווילסטו מיר נישט גלויבן, טאָ זע דעם טוי אויף מיין קאָפּ!". אין יענער שעה וועט משיח זאָגן פאַר גאָט: „רבונו של עולם, איצט האָב איך זיך באַרואיקט. עס איז גענוג, אז דער קנעכט זאָל גליך זיין צו זיין האַר!".

„אונזערע רביים האָבן געלערנט: אונזערע אבות וועלן קומען פאַר משיחן און וועלן צו אים זאָגן: „אפרים, אונזער גרויסער משיח, כאָטש מיר זיינען דיינע עלטערן, אָבער דו ביסט גרעסער פון אונז, האָסט גע־

ליטן פאר די זינד פון אונזערע קינדער, און עס זיינען איבערגעגאנגען איבער דיר שרעקלעכע יסורים, וואָס עס האָבן נישט איבערגעלעבט נישט די ערשטע און נישט די לעצטע. ביסט געוואָרן צום געלעכטער פון די פעלקער פון דער וועלט פאר ישראל, ביסט געזעסן אין דער גע־דיכטער פינצטערניש, דײַנע אויגן האָבן נישט געזען קיין ליכט, דײַן הויט איז אײַנגעטריקנט געוואָרן אויף דײַנע ביינער, דײַן קערפער איז אויסגעטריקנט געוואָרן ווי א האָלץ און דײַנע ציין זיינען ארויסגעפאַלן פון פאַסטן. דאָס אַלץ האָסטו איבערגעטראָגן אויף דיר איבער אונזערע קינדערס זינד".

אין דער שעה וועט הקדוש ברוך הוא אויפהייבן דעם משיח צו די העכסטע הימלען און וועט אויסשפרייטן אויף אים זײַן כבוד. און אַלע פעלקער וועלן קומען און וועלן לעקן דעם שטויב פון אונטער די פיס פון משיח.

עס שטייט געשריבן: „כחתן יכהן פאר", — לערנט מען דערפון, אז דער קדוש ברוך הוא וועט אָנקליידן דעם גערעכטן משיח מיט א קלייד, וואָס זײַן ליכטיקייט וועט גיין פון איין עק וועלט צו דער אַנדערער, און ישראל וועט זיך פרייען מיט זײַן ליכט און וועט זאָגן:

„וואויל איז דער שעה, וואָס אין איר איז ער געבוירן געוואָרן.
וואויל איז דעם בויך, וואָס פון אים איז ער ארויסגעקומען.
וואויל איז דעם דור, וואָס האָט אים געזען.
וואויל איז דעם אויג, וואָס האָט נאָך אים אויסגעקוקט.
דער הויך פון זײַן מויל ברענגט ברכה און פרידן".

און עס איז געווען, ווי איך האָב פארענדיקט צו פארציילן דעם דרוש, האָט זיך אָנגערופן אנדרעי, דער ברודער פון שמעון, און געזאָגט: „איצט דערמאָן איך זיך דעם סוף פון פסוק. דאָרט שטייט געשריבן: „מײַן האַר גאָט וועט מיר העלפן — דאָס מיינט מען, אז משיח וועט ארויסקומען פון די יסורים געשטאַרקט".

און ווי די תלמידים האָבן דערהערט פון די רייד, האָבן זיי גע־זאָגט: „איצט פארשטייען מיר דעם טעם פון די חבלי־משיח". און זיי זיינען אויפגעריכט געוואָרן און די שמחה איז צוריק געקומען צו זיי. נאָר שמעון בר־יונה איז געזעסן איינער אליין, אײַנגעהילט אין דעם קלייד פון טרויער, און ווי ער וואָלט געווען געזויגן פון די בריסטן פון צער, האָט ער שטיל געשוויגן א לאַנגע צײַט. דערנאָך האָט ער זיך אָנ־גערופן:

„און דאָך וועל איך אים נישט לאָזן אויפגיין קיין ירושלים! מוז דען די ישועה קומען פון ירושלים?"

און איך האָב אים אָפגעענטפערט:

„שמעון בר־יונה, זינדיק נישט מיט דײַנע רייד. דו קענסט נישט אראָפנעמען פון דײַנע פלייצעס דעם עול, וואָס איז געלייגט געוואָרן

אויף אים. און זײַ וויסן, אַז דער וועג פֿון דער גאולה פֿירט דורך ירושלים. אָן ירושלים איז קיין משיח נישטאָ״.

אין אַ ווײַל אַרום האָבן זיך די תּלמידים פֿאַרשפּרייט. יעדער האָט געזוכט אַ שטיין, הינטער וועלכן זײַן קאָפּ צו באַשיצן, און יעדער איינער פֿון אונדז האָט פֿאַרהוילן דעם קאָפּ מיט זײַן מאַנטל. און זיי זײַנען געלעגן דאָרט, וואו זיי זענען געלעגן. נאָר צוויי זענען אויפֿגעווען די נאַכט. און אַ דריטער האָט זיי באַוואַכט. דער רבי איז געשטאַנען אויף דער הויך פֿון בערגל און האָט מתפּלל געווען אַליין. און שמעון בר־יונה איז געזעסן בײַם פֿוס פֿון באַרג, פֿאַרהוילן אין שאָטן פֿון דער נאַכט. און עס איז געווען, ווען די תּלמידים זײַנען געווען אײַנגעשלאָפֿן, האָב איך פֿון אונטערן שטיין, וועלכער איז געלעגן צו מײַן צוקאָפּנס, געזען, ווי שמעון גנבעט זיך ווי אַ גנב אַרויף אויפֿן באַרג צום רבין. און איך האָב געזען אין דעם ליכט פֿון די שטערן, ווי ער האָט אויסגעשפּרייט זײַנע הענט צום רבין און ער האָט עפּעס וואָס געבעטן בײַ אים, נאָר דער רבי האָט אים פֿאַריאָגט פֿון באַרג און האָט אים נאָכגערופֿן מיט אַ שטאַרק קול: „שטיי אָפּ פֿון מיר, שטן!״

XVI

אין דער שטיל, אין אונדזערע הערצער, האָבן מיר געהאָפּט, אַז דורך דער נאַכט איז אַרויסגעגאַנגען אַ בת־קול פֿון הימל און האָט מבשר געווען די בשורה פֿון משיח איבער אַלע בערג און טאָלן; און עס וועט זײַן, אַז מיר וועלן זיך אויפֿהייבן צוזאַמענס, וועלן מיר זען די קינדער פֿון ישׂראל אָנקומען פֿון אַלע עקן פֿון דער וועלט און לאַגערן צופֿוסנס פֿון דעם באַרג, ווי בײַ משה׳ן בשעתו. אָבער קיין בת־קול איז נישט אַרויסגעגאַנגען, און אליהו הנביא איז נישט געשפּרונגען איבער די בערג, און ער האָט קיינעם נישט מבשר געווען די בשורה, און דער טאָג צוזאַמענס איז געווען ווי יעדער אַנדער טאָג פֿון דער וואָך, און די וועלט איז געווען ווי נעכטן און אייערנעכטן.

ווען מיר האָבן זיך אויפֿגעהויבן צוזאַמענס, זײַנען מיר, די תּלמידים, געווען הונגעריק, ווײַל דאָס לעצטע ברויט האָט זיך אויסגעלאָזט פֿון אונדזערע פּעקלעך. און די צײַט איז געווען אין הויכן זומער, און יעדעס גרינס איז פֿאַרברענט געוואָרן פֿון דער זון, און קיינער איז נישט געקומען משיחן צו דערקוויקן.

און דער באַרג פּמיס, אויף וועלכן מיר זײַנען געזעסן, איז געווען דער באַרג איבער דער שטאָט צעזאַריע פֿון קעניג הורדוס פֿיליפּ. און

דער מלך הורדוס פיליפ איז געווען א מלך חסד און ער האָט אונז געלאָזט אין פרידן.

און מיר האָבן געזען פון באַרג אראָפּ, ווי די פרויען פון דער שטאָט זיינען ארויסגעקומען צו דעם פּסל פון דער אָפּגעטין, וואָס איז געווען אין הייל, פון וועלכער עס שלאָגט ארויס דער קוואַל פון ירדן. און די פרויען פון אָרט האָבן געבראַכט צו דער געטין מתנות פון ווייס מעל און קריגן מיט אייל, און קריגן מיט ווייַן, טויבן, בשמים און בלומען, — און אויפן באַרג האָט זיך געפונען דער משיח פון גאָט, און ער איז געווען הונגעריק און דאַרשטיק און ער האָט נישט געהאָט וואו דעם קאָפּ אהינצוטאָן.

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן פון דעם אָרט און מיר זיינען ווייטער געגאַנגען. אָבער דער רבי האָט אונז נישט אריינגעבראַכט אין די געבענטשטע שטעט פון ישראל, וואָס אויף זיי איז חל די קדושה, און מיר האָבן געהאָפט, אז ער וועט נתגלה ווערן פארן גאַנצן פאָלק און וועט אָנהייבן זיין הייליקע ממשלה, — נאָר ער האָט אונז ווייטער געפירט אין די שטעט פון די גוים, וואָס זיינען אויף יענער זייט ים כנרת. און עס איז געווען, ווען מיר זיינען אין א שטאָט אריינגעקומען, האָבן מיר פארמאַכט אונזערע אויגן און פארשטאָפּט אונזערע אויערן, כדי מיר זאָלן נישט זען די אומווירדיקייטן פון די גוים און נישט הערן זייערע געזאַנגען און געלעכטער, נייערט מיר האָבן אויפגעזוכט די געצעלטן פון יעקב. מיר האָבן געזוכט אונזערע ברידער אויף יעדן אָרט, אין יידישע שטובן זיינען מיר אריינגעקומען, אונטער יידישן דאַך האָבן מיר גענעכטיקט און יידיש ברויט האָבן מיר געגעסן, און זיי האָבן אונז אָנגענומען פאַר א רבין מיט תלמידים. אָבער שטרענג איז אויף אונז געווען דער געבאָט פון רבין צו פארהוילן דערווייל די זאַך פון מענטשן. און די מענטשן האָבן נישט געוואוסט, אז משיח געפינט זיך צווישן זיי.

און א מחיצה איז געווען צווישן אונז און אונזער רבין, ווי א פייערדיקער זייל וואָלט אראָפּגענידערט פון הימל און זיך געשטעלט צווישן אים און אונז. ער איז נאָך געווען אונזער רבי, דערזעלבער ווי נעכטן און אייערנעכטן, דער, וואָס מיר אַלע האָבן געקענט, צו וועמענס ווערטער מיר האָבן זיך צוגעהערט, אין וועמענס נאָענטקייט מיר האָבן די זכיה געהאַט צו געפינען זיך, וועלכער האָט געבראָכן ברויט מיט אונז, פון וועמענס חסד מיר האָבן געגעסן, — אָבער דאָך איז ער געווען אן אַנדערער, ווי דאָס ליכט פון גאָט וואָלט געפאַלן אויף אים און אים פארשטעלט פון אונז. ער איז געווען אײן טפח אויפגעדעקט און ניין טפחים פארהוילן פון אונז. מיר האָבן אים געזען — און דאָך נישט געזען, ווי ער וואָלט געווען פארשטעלט פון אונז.

אין די טעג זיינען מיר אריינגעקומען קיין גדרה, וואָס האָט זיך געפונען אויף יענער זייט כנרת. און די שטאָט גדרה איז געווען א שטאָט פון פיל גוים, מיט גרויסע פּלעצער און גערטענער. און פיל טעמפּלען

זיינען געווען אין איר פאר זייערע אָפּגעטער, און דער גרעסטער פון די טעמפּלען איז געווען פאר דעם שקץ צעאוס, צו וועלכן די לײַט פון דער שטאָט האָבן געדינט. זיי האָבן אָבער אויך געדינט צו אַנדערע אָפּ־געטער, צו היימישע און צו פרעמדע. יעדער משוקץ האָט געהאַט אין שטאָט זײַן טעמפּל, וואָרעם די שטאָט איז געווען זייער רײַך און מעכטיק, און עס האָבן זיך אין איר געפונען טעמפּלען פאר דעם גאָט רע, פאר דעם גאָט פון דער זון פון די מצריים, און פאר אסטרא, דער געטין פון צור און צידון, אחוץ די טעמפּלען, וואָס זיי האָבן געהאט פאר זייערע היימישע געטער. און בײַ יעדן טעמפּל האָבן זיך געפונען זייערע כהנים, כהנות און די פיל קדושים און קדושות, וואָס שלעפּן זיך נאָך זיי. און די מאַרק, די שוקים, זיינען פול געווען מיט זונות. און ווען מיר זיינען אין שטאָט אַרײַנגעקומען, איז דאָרט געווען דער יום־טוב פון זייער הויפּט־אָפּגאָט צעאוס, און די מענטשן פון שטאָט זיינען געווען אויסגעפּוצט אין זייערע געפאַרבטע קליידער, אין טײַערן פּורפּור, און טייל פון זיי — אין דעליקאַטן וויאָלעט, אין בלייכן לילא, וואָס די קלוגע לײַט פון צור און צידון האָבן פארשטאַנען צו פאַרבן. און זיי זיינען אויפגעגאַנגען אין זייערע טעמפּלען אין חברותאס. פאר יעדער חברותא זיינען פאַרויסגעגאַנגען די שפּילער. צוערשט זיינען געגאַנגען די האָרן־בלאָזער, וועלכע האָבן פאר זיי אָפּגערייניקט דעם וועג, דערנאָך זיינען געגאַנגען די פלייטן־שפּילער, און די צימבל־קלאַפּער האָבן אויסגעקלאַפּט מיט זייערע טאַצן און צום קלאַנג פון זייערע טאַצן האָבן זיי געפירט זייערע קרבנות פאר זייערע געטער. א טייל קרבנות האָבן געהאט די הערנער באַקראַנצט מיט גאָלדענע קרענץ, אַנדערע — מיט איילבירט־צווײַגן, און די אָקסן זיינען געווען באַפּוצט מיט טײַערע אויסגעהאַקטע שמוקן. און ארום די קרבנות האָבן בחורים און בתולות — זייערע קעפּ באקראַנצט מיט רויזן — געטאַנצט. און נאָך די קרבנות זיינען געגאַנגען זייערע כהנות. און די כהנות האָבן אײַנגעהילט זייערע לײַבער אין טײַערע דינע סדינס, וועלכע זיי האָבן אזוי געוויקלט ארום זיך, אז די פאַלדן פון זייערע הילעס זיינען געווען אײַנגעאָרדנט מיט א סדר, און זיי האָבן אי פאַרהוילן, אי אויפגעדעקט די נאַקעטקייט פון זייערע לײַבער, נאָר מיט מער פאַרשאַרפקייט און מיט מער תאוה. און זיי, די כהנות, זיינען נישט געגאַנגען, נאָר זיי האָבן געשוועבט מיט זייערע פיס אין א טאַנץ נאָכן טאַקט פון די פלייטן־שפּילער. און נאָך זיי איז געגאַנגען דער העלד פון טאָג, א בחור אין זײַנע בעסטע יאָרן, וועלכער האָט זוכה געווען אין דעם געוועט פון זייערע געיעג־שפּילן. און ער איז געווען אינגאַנצן נאַקעט, נאָר דער קאָפּ זײַנער איז געווען באקראַנצט מיט דעם קראַנץ פון זיג, — מיט אן איילבירט־בלאַט. און אים, דעם זיגער פון זייער געוועט־שפּיל, האָבן זיי אָפּגעגעבן מער כבוד אפילו פון זייערע כהנים און כהנות און אפילו פון זייערע געטער. זיי האָבן זיך געפרייט מיטן אָנבליק פון זײַן נאַקעטקייט און מיט דער שטאַרקייט פון זײַנע

מוסקולן, האָבן געלויבט און גערימט די פולקייט פון זײַנע בריסטן און די גראַדליניקייט פון זײַנע היפטן. און די ווײַבער און די מענער האָבן באַוואונדערט די שטאַרקייט פון זײַנע אָרעמס און פון זײַנע פיס און די מענלעכע גבורה, וואָס האָט געשפּראָצט פון אים, און זיי האָבן געוואָרפן בלומען פאַר זײַנע פיס, און זיי האָבן אויסגעשטרעקט צו אים די הענט, ווי צו א גאָט, און גערופן פאַר אים: „אדאָניס! אדאָניס!" — וואָס איז דער טײַטש: „דו, שיינער!". און ערשט נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען דאָס גאַנצע פאָלק, מענער און ווײַבער אויסגעמישט, מיט פּירות און בלומען, און זיי האָבן זיך אויפגעפירט אין אומווירדיקייט און אומאַנשטענדיקייט, וואָס איז פאַראַכטעט אין ישראל.

און מיר זיינען געוואָרן געדרענגט דורכן פאָלק אין א זײַט גאָס און צוגעדריקט צו א וואַנט, — און צווישן אונז האָט זיך געפונען דער געזאַלבטער פון גאָט, און קיינער האָט אים נישט דערקענט און קיינער האָט נישט געוואוסט פון אים.

און איך האָב געקוקט אויף מײַן רבינס פּנים און איך האָב געזען, ווי עס איז בלײַך געוואָרן ווי דערנסטמאָל, אין צור, בײַם יובלען צוליב די אומווירדיקייטן פון דעם אָפּגאָט מולך, און זײַנע ליפּן האָבן געציטערט און אין זײַנע אויגן האָט געברענט דאָס פײַער פון גאָט. און מיר אַלע [illegible]צמיינט, אז איצט, בײַ דער קראָפּט, וואָס ער באַזיצט אלס דער געזאַלבטער פון גאָט, וועט ער אנטפּלעקן זײַן מאַכט פאַר דער וועלט און פון דאַנען וועט ער אָנהויבן זײַן ממשלה. און מיר אַלע האָבן געוואַרט אויפן נס, אויף דעם געשריי פון זײַן מויל, וואָס איז געלעגן אויף זײַנע ליפּן. אָבער ער האָט געשוויגן, נאָר ער האָט געמורמלט עפּעס פאַר זיך. און עס איז געווען, ווען איך האָב צוגעבויגן מײַן אויער, האָב איך געהערט ווי דער רבי זאָגט די ווערטער, וואָס גאָטס פינגער האָט אָנגעשריבן אויף דער וואַנט אין בבל: "מנא, מנא, תקל ופרסין!" — און איך האָב אים פארשטאַנען און אָפּגעוואָרט די זאַך אין מײַן האַרץ.

מיר האָבן אָנגעהויבן איצט צו זען דעם רבינס מעשים אין א גאַנץ אַנדער ליכט און מיר האָבן אָנגעהויבן צו פארשטיין.

אָמר יהודה, זאָגט יהודה: „עס איז באַוואוסט פאַר דעם האַר פון דער וועלט, אז נישט פאַר מײַן כבוד יועגן אָדער פאַר דעם כבוד פון מײַן רבין פארצייל איך די דאָזיקע וואונדער, וואָס זיינען געשען אין אונזערע טעג, נאָר פאַר דעם כבוד פון גאָט ברוך הוא, כדי צו שטאַרקן די אמונה און דאָס האַרץ פון דעם בחיר פון זײַן יצירה".

און מיר האָבן זיך אויפגעהויבן פון דעם אָרט, וואָס איז געווען טמא מיט אָפּגעטער, און מיר האָבן פארלאָזט די שטאָט, און מיר האָבן אראָפּגענידערט צום ברעג פון ים כנרת. דאָס איז געווען א לאַנגער מהלך, וואָרעם די שטאָט האָט זיך געפונען אויפן באַרג. און ווען אפילו דער ברעג פון ים כנרת האָט נאָך געהערט אין תחום פון דער שטאָט, דאָך ווען מיר האָבן דערזען דעם ברעג פון אונזער ליבן ים כנרת, האָבן מיר

זיך זייער געפרייט, וואָרעם פון באַרג אַראָפּ האָבן מיר דערזען דאָס לאַנד פון יענער זײַט ים, די הייליקע שטעט פון ישראל, אײַנגעהילט אין חסדיקן ליכט פון דער זון, און מיר האָבן אויסגערופן: „מה טובו אהליך יעקב ומשכנותיך ישראל!“. נאָר איידער מיר זיינען צוגעקומען צום ברעג ים, האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף א שפּיציקן היגל, וועלכער האָט זיך ווי א וואַנט אַראָפּגעגליטשט גלײַך אין ים אַרײַן. און דאָס אָרט איז געווען לער און ווילד, פאַרלאָזט פון אײַנוואוינער, און עס האָט גאָרנישט געהאַט קיין אָנבליק פון א מענטשלעך לאַנד. דער באַרג איז געווען באַשאָטן מיט ווילדע שטיינער, וואָס זיינען אַראָפּגעהאָנגען איינס איבערן אַנדערן, ווי פאַלשע טרעפּן, וואָס הענגען איבער אן אָפּגרונד. און די שטיינער זיינען געווען באוואקסן מיט גרינעם, פּײַכטן מאָך, ווי עס וואָלטן אויף זיי נישט־גוטע געגאַנגען. און דאָס גראָז, וואָס איז געוואקסן צווישן די שטיינער, איז געווען א גראָז, וואָס מען זעט נישט אין א מענטשלעכן ישוב, דיק און שטעכעדיק, ווי זיי וואָלטן נעגל פון חיות באַזעסן, און זיי האָבן זיך מיט זיי אָנגעכאַפּט אָן יעדן קלייד און צעריסן עס, און ווען עס האָט באַרירט א נאַקעטן פוס, האָט עס זיך אַרײַנגעשטאָכן אין לײַב און פאַרסמט דאָס בלוט. ווי דאָס גראָז, אַזוי זיינען אויך געווען די ביימער, וואָס זיינען נאָכגעאנגען נאָך די שטיינער איבער די הענגענדיקע טרעפּן. זיי זיינען געווען פאַרקריפּלט, מיט פאַרדאַרטע און פאַרדרייטע גופים, נישט לויט מעשה בראשית, זייערע קעפּ זיינען געווען אויסגעפליקט, ווי די שדים אין כף־הקלע וואָלטן זיי געשמיסן מיט פײַערדיקע ריטער, און זיי האָבן פאַרדעקט מיט זייערע בלעטער־קרוינען די אָפּגרונטן און די גריבער. און ווי די ביימער, אַזוי זיינען אויך געווען די בליטן און די קרײַטעכצער, וואָס זיינען דאָרט געוואַקסן, וואָס אַזעלכעס זעט מען גאָרנישט אין קיין ישוב פון מענטשן. טייל פון זיי האָבן געהאט צונגען, וואָס זיי האָבן אַרויסגעשטעקט פון זייערע בעכער ווי פון מײַלער פון לצים, און זיי האָבן געשראָקן מיט זייערע שוואַרצע גיהנומדיקע קאָלירן. און אַנדערע האָבן געהאַט הערנער און קרעלן און נעגל, מיט וועלכע זיי האָבן זיך אַרײַנגעשטאָכן אין אַנדערע פלאַנצונגען. מען האָט ממש געזען די מלחמה, וואָס גייט אָן צווישן די קרײַטעכצער, ווי זיי בײַסן זיך אַרײַן מיט זייערע שפּיציקע צונגען־בלעטער אין אַנדערע פלאַנצונגען און זויגן אויס דאָס חיות איינער פון אַנדערן און שטעכן זיך אַרײַן מיט זייערע נאָדלען אין די הערצער פון אַנדערע געבליטן, און עס רינען פון די לעכער די זאַפטן, ווי דאָס בלוט פון אויפגעריסענע וואונדן.

ווען מיר האָבן זיך געזען אַרומגערינגלט, אײַנגעצוימט ווי געפאַנגענע אין דעם שטעכעדיקן גראָז און צווישן די אַראָפּפאַלנדיקע טרעפּן, אַזוי איז אויף אונז געפאַלן א שרעקלעכער פחד, ווי מיר וואָלטן זיך געווען געפונען, חלילה, אויסער די גרענעצן פון רבונו של עולמס חסד. וואָרעם די יצירה, וואָס האָט אונז דאָ אַרומגערינגלט, האָט גאָרנישט אויסגעזען ווי זי וואָלט געווען אונטער דער השגחה פון רבונו של עולם.

כאָטש מען טאָר אַזעלכעס נישט קלערן, וואָרעם עס איז נישטאָ קיין ווינקל, וואָס זאָל שטיין מחוץ זײַן חסד, ווי עס שטייט געשריבן: "כי מלאה כל הארץ כבודו", אָבער דער אָנבליק פון דעם אָרט איז געווען אַזעלכער, ווי דאָס אָרט וואָלט, חלילה, געשטעלט געווען אין רשות פון משחית, און די יניקה, וואָס עס ציט די יצירה פון דעם אָרט, איז נישט פון דעם הייליקן, געלײַטערטן כוח פון זײַן באַשאַף, נאָר עס ציט די יניקה פון טמאדיקע כוחות. און ווי מיר האָבן געטראַכט, אַזוי איז עס טאַקע געוועזן. און באַלד האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסער שטויב, וואָס האָט צוגעדעקט די שײַן פון דער זון, און אין דער געדיכטעניש פון שטויב האָט זיך געהערט אַ רעש, און דער רעש איז נישט געווען פון שטורעם, נאָר אַ רעש פון אָנגעלאָפענע שלעכטע חיילות, וואָס דערנעענטערן זיך צו אונז. און דאָס ברומען איז נישט געווען ווי פון בריות, נאָר עפּעס אַ קוויטשען און אַ מיאַוטשען פון ווילדע געפּײַניקטע חיות. און דער שטויב און דאָס מיאַוטשען איז געווען פון סטאַדעס חזירים, וואָס האָבן, ווי באַזעסענע טײַוואָלים, זיך געטראָגן מיטן אימפּעט פון אַ שטורעם און זיך אַראָפּגעלאָזט פון אַן אומבאַקאַנטער הייך איבער די פאַלשע טרעפּן פון די שטיינערקאַסקאַדן, און פיל פון זיי זיינען אַרײַנגעפאַלן אין די לעכער און אין די גריבער, וואָס זיינען געווען פאַרהוילן אונטער דעם צודעקעכץ פון פײַכטן מאָך. און אַנדערע האָבן זיך אַראָפּגעקאָלערט, און זייערע גופים זיינען געוואָרן צעשטערט פון די שפּיציקע פעלזן און אויפגעריסן דורך די שטעכעדיקע נעגל פון די דערנער. און די איבעריקע זיינען דורכן אימפּעט פון געיעג אַראָפּגעפאַלן אין ים אַרײַן. און נאָך זיי זיינען אין גרויס שרעק נאָכגעלאָפן זייערע פאַסטוכער און האָבן גערופן אין אַנגסטן נאָך הילף. וואָרעם עס האָט זיך נאָך זיי נאָכגעיאָגט אַן אומגעהייערער משחית אין דער געשטאַלט פון אַ ריז, אַזוי גרויס ווי אַ שטיק באַרג, מיט הענט און פיס, וואָס מיר האָבן נאָך אַזעלכעס ביז איצט נישט געזען, נאַקעט און באַוואַקסן מיט האָר ווי אַ חיה אין וואַלד. און זײַן פנים איז נישט פון קיין מענטש, נאָר פון אַ חיה־רעה, מיט בליצנדיקע אויגן, וואָס שיסן פײַער, זײַן נאָז ווי אַ גרויסער הויקערדיקער שופר, און פון זײַן מויל, אַזוי גרויס ווי דער טויער פון גיהנום, קוקן אַרויס די ציין ווי שפּיזן. און ער יאָגט זיך, ווי געטראָגן פון אַ שטורעמווינט. און ווי ער האָט אונז דערזען, אַזוי האָט ער פאַרלאָזט די סטאַדעס חזירים און זייערע פאַסטוכער, און געלאָזט זיך מיט אַ מעכטיקן טעמפּאָ אויף אונז. אָבער איידער ער האָט אונז דערגרייכט, האָט ער באַמערקט דאָס ווײַסע קלייד פון אונזער רבין, וועלכער איז געשטאַנען צווישן דעם שטעכעכץ און די דערנער — מיט זײַנע אויסגעשטרעקטע הענט, אַזוי ווי אים צו עמפּפאַנגען. דער ריז האָט אָפּגעשטעלט זײַן לויף און איז געבליבן אַ ווײַלע שטיין אויף אַ פעלז און האָט געקוקט אויף אונזער רבין. און ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן פאַרן רבינס ווײַסן קלייד, האָט ער געוואָלט אַנטלויפן, אָבער דער רבי האָט אויסגעשטרעקט נאָך אים זײַנע הענט און האָט צו אים

גערופן: „קום צו מיר, דו פאַרלוירענער זון!“.

און מיר האָבן געזען, ווי דער משחית גייט צו צו אונזער רבין, צוערשט אין ווילדן געיעג, ווי ער וואָלט געוואָלט, חלילה, אונזער רבין שלעכטס טון, נאָר ווען ער איז אָנגעקומען אין דער נאָענט, אַזוי האָט דעם רבינס בליק אים געצאַמט, ווי א צוים — א ווילד פערד, און א ווײַל זענען זיי ביידע געשטאַנען איינער קעגן דעם אַנדערן, — דער משחית אין זײַן אימהדיקער געשטאַלט, און דער רבי מיט זײַנע אויסגעשטרעקטע הענט צו אים. און עס איז געווען ווי יעקב אבינו, וועלכער האָט זיך געראַנגלט מיטן מלאך, אַזוי האָט דער רבי זיך געראַנגלט מיטן משחית, נישט מיט די הענט, נאָר בלויז מיט דעם בליק פון זײַנע אויגן. און דער רבי האָט צו אים געזאָגט מיט גרויס רחמנות און צער:

„באַרואיק דיך, מײַן זון, איך קען דײַן פאָטערס הויז און איך ווייס, ווער דו ביסט און פון וואַנען דו קומסט. גיי אַהיים, דער פאָטער וואַרט אויף דיר“.

ווי דער משחית האָט דערהערט דאָס וואָרט, האָט ער אָנגעהויבן שרײַען מיט א מעכטיק קול:

„ווי אַזוי קאָן איך אַהיים גיין אין מײַן פאָטערס הויז? מײַן פאָטערס הויז איז ריין, און איך בין טמא. שדים האָבן געמאַכט א נעסט אין מײַן לײַב, שלאָגן מיך מיט טויזנטער קרענק. לעגיאָנען וואוינען אין מיר, און לעגיאָן איז מײַן נאָמען“.

און דער משחית האָט זיך געוואָרפן אויף דער ערד און עס האָט אָנגעהויבן צו שרײַען פון אים מיט טויזנטער קולות, ווי מחנות ווילדע קעץ וואָלטן זיך צוזאַמענגעקומען און אַרומגעלאָפן אין זײַן קערפּער און געזוכט אַן אַרויסגאַנג, און נישט געקאָנט געפינען. און ער האָט געציטערט און געפלאַטערט מיט אַלע זײַנע אברים.

אָבער דער רבי האָט געלייגט זײַנע הענט אויף אים און האָט באַפוילן די רוחות צו פאַרלאָזן דעם מאַן און זיי זאָלן קיינעם נישט מזיק־זײַן, נאָר זיי זאָלן אַרײַן אין די חזירים, וועלכע גליטשן זיך פון די שטיינער אויפן באַרג אין ים אַרײַן.

און דער רבי האָט צו אים געזאָגט:

„נישט מער לעגיאָן איז דײַן נאָמען, נאָר ישראל, ווי דײַן פאָטער האָט דיך גערופן. און נישט קיין משחית ביסטו מער, נאָר א קינד צו דײַן פאָטער, א פאַרלוירענער זון, וואָס קערט זיך אום צוריק אַהיים“.

און דער רבי האָט אים אויפגעהויבן פון דער ערד און ער האָט באַפוילן איינעם פון אונז, און מען האָט געבראַכט וואַסער פון כנרת אין א כלי, און ער האָט געוואַשן זײַן פנים און זײַנע הענט און גענומען א קלייד פון איינעם פון אונז און צוגעדעקט די שאַנד פון זײַן לײַב, און ער האָט אים געזעצט לעבן אונז און געזאָגט:

„איצט האָבן דיך די שדים פאַרלאָזט און זיי זייַנען אַרײַן אין די חזירים, וואָס פאַלן אין ים, און דו ביסט געהיילט“.

און דער מאַן איז געזעסן צום רבינס פיס ווי איינער פון אונז.

און דער רבי האָט אויפגעעפנט דאָס בינטל ברויט און האָט אים געגעבן אָנצועסן זיך, און דער מאַן האָט געגעסן ווי איינער פון אונז.

און דער רבי האָט געזאָגט צום מאַן: "איצט ביסטו ריין און איצט ביסטו געהיילט. הייב דיך אויף און גיי צוריק צו דײַן פאָטער, וואָס וואַרט אויף דיר מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס".

און דער מאַן האָט זיך אָנגערופן מיט א שטימע ווי איינער פון אונז:

"ווי אזוי קאָן איך אהיימגיין צו מײַן פאָטערס הויז? איך האָב זײַן געלט גענומען און עס פאַרטאַכלעוועט מיט זונות און שלעכטע לײַט, ביז צו א חזיר האָב איך אראָפּגענידערט, און איך האָב געהויזט מיט זיי".

און דער רבי האָט אים געטרייסט און געזאָגט:

"דער פאָטער האָט ארויסגעשיקט שלוחים צו זוכן דיך".

אָבער דער מאַן האָט נאָך געציטערט און געזאָגט:

"איך האָב מורא פאַר מײַן עלטסטן ברודער, וואָס איז אויף מיר בייז".

אָבער דער רבי האָט אים באַרואיקט און געטרייסט:

"דײַן פאָטער שטייט גרייט מיט אָפענע הענט צו עמפּפאַנגען דיך. גיי אהיים און פאַרצייל די וואונדער, וואָס גאָט האָט געטון מיט דיר".

און מיר האָבן זיך ארײַנגעטראַכט אין דער זאַך און מיר האָבן דער־קענט דעם רבינס מעשים, — נישט מיטן משחית אליין האָט אונזער רבי זיך געראַנגלט, נאָר מיט אַלע געטער פון צור און צידון, און נישט די רוחות־רעות האָט ער אין די חזירים פארשיקט, נאָר דעם מולך, עשתרות, צעאוס און אפראָדיטא, און אַלע אומווירדיקייטן פון די גוים האָט ער פון דעם מאַן ארויסגעטריבן און אין די חזירים פאַרשיקט און אין ים פאַרטרונקען, און דעם משחית האָט ער געהיילט און גערייניקט און גע־שיקט אים צו זײַן פאָטער אהיים.

מיר האָבן מיטאמאָל דערזען די גרויסקייט פון אונזער רבין. מיט די געטער פון צור און צידון האָט ער זיך געראַנגלט און זיי בײַגעקומען, און ער האָט גערייניקט דעם מענטש און געמאַכט אים גרייט אָנצונעמען דעם מלכות־השמים.

און מיר האָבן געגלויבט גאָט דערפאַר.

XVII

האָט דען נישט גאָט אָנגעזאָגט דורך די נביאים: "איך וועל שיקן צו אײַך אליהו הנביא פאַר דעם גרויסן און פורכטבאַרן טאָג"? פנו דרך, מאַכט גרייט דעם וועג! — פאַרוואָס ווידער איז אזוי אומרואיק מײַן האַרץ? וואָס מער מיר דערנענטערן זיך צו די שטעט פון ישראל, אַלץ

אומרואיקער ווער איך, ווי איך וואָלט זיך געווען געשראָקן פאַר דעם, וואָס עס שטייט אונז פאָר.

מיר האָבן פאַרלאָזט די שטעט פון די גוים, און מיר זיינען אריינ־געקומען אין די גרענעצן פון ישראל, וואו די קדושה איז חל. און איך בין געווען זיכער, אז יעדן טאָג וועט דער רבי נתגלה ווערן. עס וועט זיך צו אונז באַווייזן אליהו הנביא און וועט אָנזאָגן די בשורה און וועט עדות זאָגן אויף אונזער רבין. דערווייל מיידט דער רבי אויס די שטעט און האַלט זיך אויף מיט די פאַסטוכער פון די שאָף אין פעלד, ביז איינמאָל זיינען מיר אָנגעקומען צו א באַרג, און דער רבי האָט געזאָגט: „דאָ וועל איך בלייבן נעכטיקן", — וואָרעם די נאַכט איז צוגעפאַלן אויפן אָרט. און דער באַרג איז געוואָרן באַגאָסן מיט דעם ליכט פון הימל, ווי דער גייסט פון גאָט וואָלט געווען געשוועבט איבער אים, און א שטילקייט איז געקומען איבער דער וועלט, נישט ווי די שטילקייט פאַר א שטורעם, נאָר ווי די שטילקייט פון אייביקער מנוחה, ווען די באַשעפענישן באַ־העפטן זיך מיטן באַשעפער און זיי קומען אָן צום אייביקן תכלית, צו וועלכן זיי זיינען באַשטימט געווען אין דער ערשטער מחשבה. מיר האָבן געהערט די שירה פון דער נאַכט. און וואָס איז די שירה פון דער נאַכט? די שירה פון דער נאַכט איז שטילקייט. און דורך דער שירה האָט אריינ־געזונגען אין אונזערע הערצער די אימה, די בענקשאַפט און די ליבע צום באַשעפער.

און דער רבי האָט געזאָגט: „דאָ וויל איך מתפלל זיין". און ער האָט זיך איינגעוויקלט אין א טלית און האָט גענומען שמעון און די בני־זבדי און איז ארויפגעגאַנגען אויפן שפיץ באַרג מתפלל זיין, וואָרעם די שעה איז געווען א שעת־הכושר, — און די רעשט תלמידים האָט ער איבער־געלאָזט צופוסנס פון באַרג.

און מיר האָבן גענומען די שטיינער פון אָרט און זיי אנידערגעלייגט אונז צוקאָפּנס און מיר האָבן זיך צוגעדעקט מיט אונזערע מאַנטלען, און עס איז באַלד געפאַלן אויף אונז דער שלאָף, וואָרעם מיר זיינען מיד געווען פון א גאַנצן טאָג גיין. און ווען עס איז געקומען נאָך האַלבער נאַכט, נאָך פאַר דער צווייטער אשמורה, ווען מיר זיינען געווען פאַרזונ־קען אין טיפן שלאָף, האָבן מיר פלוצלינג געהערט א מוראדיקע שטים רופן צו אונז פון באַרג אראָפּ. און ווען מיר האָבן די אויגן געעפנט, האָבן מיר זיך געוואונדערט איבער דער ווייסקייט פון דער נאַכט, וואָרעם דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען באַגאָסן מיט דעם ליכט פון הימל, און דער באַרג, אויף וועלכן דער רבי איז ארויפגעגאַנגען מתפלל זיין, איז געווען אינ־גאַנצן איינגעדעקט אין א וואָלקן, אזוי ווי ווייסע פליגל פון א מלאך וואָלטן אים געווען צוגעדעקט, און אונז האָט זיך אויסגעוויזן ווי דער שניי פון באַרג חרמון וואָלט געקומען און געלייגט זיך איבער דעם באַרג.

און פון וואָלקן איז ארויסגעקומען שמעון, און זיין פנים איז געווען בלייך און זיינע האָר צעדרודערט פון ווינט, און זיינע אויגן זיינען געווען

גרויס און אויפגעריסן פאר לויטער שרעק, און ער האט זיך געטרייסלט פאר ציטערניש. און נאך אים זיינען געקומען אנצולויפן די ברידער זבדי, — יוחנן איז געגאנגען פאָרויס אין פעסטן גאנג מיט אויסגע־שטרעקטע הענט, און יעקב, זיין ברודער, איז געגאנגען נאך אים. און זיי זענען אויך אזוי געווען צערודערט און צעשראקן ווי שמעון בר־יונה. און מיר האבן זיך אויפגעהויבן און מיר זיינען זיי אנטקעגנגעגאנגען, ווארעם מיר האבן זיך געזאגט, אז עפעס וויכטיקס האט געמוזט געשען מיט זיי. און מיר האבן געזאגט צו זיי: „פארציילט, וואס עס האט פאַ־סירט, ווארעם איר זענט אזוי צעטרייסלט, ווי דער שטורעם פון גאט וואלט אדורכגעגאנגען דורך אייך". און שמעון האט זיך אנגערופן: „אליהו הנביא האבן מיר געזען, דעם, וועלכן מיר האבן אזוי לאנג געזוכט". און די ברידער זבדי האבן אויך עדות געזאגט אויף דער זאך, און מיר האבן שמעונען ווייטער געפרעגט: „ווען? און וואו?" — און ער האט געזאגט: „דארט, אויף דעם דאזיקן בארג, וואוהין דער רבי האט אונז מיטגענו־מען מתפלל צו זיין. אליהו הנביא שטייט דארט מיט דעם רבין, און אויך משה רבינו איז מיט זיי". און מיר האבן זיך פארוואונדערט איבער די רייד און צו אים געזאגט: „שמעון, פארצייל אונז, ווי אזוי עס איז גע־ווען די זאך, ווארעם עס איז פון גרויס וויכטיקייט פארן גאנצן ענין". און שמעון האט אונז פארציילט אזוי:

„ווען מיר זענען אויפן בארג געקומען, האט דער רבי צו אונז גע־זאגט: — ווארט א ווײַלע דא, איך וועל נאר צוגיין אט דארט אויף יענעם פלאץ מתפלל זיין. — און דער רבי האט זיך דערווײַטערט פון אונז א פאר טריט און זיך אפגעשטעלט אויף אן ארט, און מיר האבן געזען ווי די ליכטער פון הימל זיינען געפאלן אויף זיין טלית. די הענט האט ער געהאלטן אויסגעשטרעקט צום פאטער אין דער הייך און ער האט בלחש מתפלל געווען. אבער ווי מיר שטייען און קוקן מיט אנגסטיקע הערצער אויפן רבין, וועלכער איז געווען באגאסן אינגאנצן מיט דעם ליכט פון די שטערן, איז אנגעפאלן אויף אונז דער פחד פון גאט: ווארעם מיר זעען ווי זיין קלייד ווערט וואס אמאל ווייסער און באלד פלאקערט ארום דעם רבין, ווי פײַערדיקע חשמל־פליגלען פון די כרובים וואלטן זיך געשטעלט צווישן רבין און אונז און זיי האבן א מחיצה געשאפן, און דער רבי ווערט פארהוילן פון אונזערע אויגן. און מיר הערן א רעש פון טריט דערנענ־טערט זיך צו אונז, און קיין מענטשן זעען מיר נישט. און עס איז ווי א ווינט יאגט אן אויף אונז. און מיטאמאל זעען מיר צוויי אלטע לײַט, אין ווײַסע קליידער אנגעטאן, שטייען מיטן רבין און ריידן מיט אים. אין א ווײַל ארום איז אלץ פארשוואונדן געווארן אין א ווײַסן וואלקן, ווי זיי וואלטן אלע דרײַ מיט שניי באשאטן געווארן, און פון וואלקן הערט זיך א בת־קול רופן, וואס האט עדות געזאגט אויפן רבין מיט די רייד פון די נביאים. און באלד איז אלץ פארשוואונדן געווארן, און דער רבי איז געבליבן אליין, האבן מיר אים געפרעגט: — ווער זיינען געווען די לײַט

מיט דיר? — און דער רבי האָט אונז געענטפערט: — דאָס איז געווען אליהו, וועלכן איר זוכט, און דער צווייטער איז געווען משה רבינו. — און איך האָב זיך אָנגערופן צום רבין: — „מײַן האַר, עס איז גוט דאָ צו פאַר־ווײַלן אויף דעם באַרג. און אויב עס איז גוט אין דײַנע אויגן, וועלן מיר דאָ אויפשטעלן דרײַ בײַדלעך, איינס פאַר דיר, איינס פאַר משהן און פאַר אליהון איינס. — ווײַלע איך וויל נישט, אז דער רבי זאָל אויפגיין קיין ירושלים וועגן דער זאַך, וואָס שטייט אונז דאָרט פאָר".

און יעקב מיט יוחנן, די קינדער פון זבדי, האָבן אויך עדות געזאָגט אויף דער זאַך.

און ווי מיר שטייען נאָך אין גרויס וואונדערונג, אזוי זעען מיר דעם רבין אַראָפּקומען פון באַרג, און זײַנע קליידער זיינען אזוי ווײַס, וואָס קיין מענטשנס האַנט קאָן עס אזוי ריין נישט וואַשן, און די שכינה פון גאָט איז אויסגעגאָסן אויף זײַן בלייך פּנים, און זײַנע פיס זיינען באָרוועס און ער גייט ווי ער וואָלט געווען געשוועבט מיט זײַנע פיס און נישט אָנגערירט די ערד, און א וואָלקן איז ארום אים, — אזוי זעענען מיר גע־פאַלן אויף אונזערע פּנימער, און מיר האָבן זייער געציטערט.

דער רבי האָט זיך דערנענטערט צו אונז און אונז אָנגערירט מיט זײַנע הענט און געזאָגט: „שטייט אויף און האָט נישט קיין מורא!" — און ער האָט אונז באַפוילן קיינעם נישט צו פאַרציילן פון דעם, וואָס מיר האָבן געזען, ביז די צײַט וועט קומען דערצו.

און מיר האָבן אים געפרעגט: „רבי, איז דאָס דער באַדײַט, וואָס אליהו הנביא וועט פאָרויסקומען פאַר משיחן, ווי די סופרים זאָגן? — און דער רבי ישוע האָט אונז אָפּגעענטפערט: „אליהו איז געקומען צוערשט, אָבער זיי האָבן אים נישט געקענט און זיי האָבן געטון מיט אים לויט זייער ווילן. און אזוי וועלן זיי אויך טון מיטן בן־אדם, ווי עס שטייט געשריבן אויף אים".

און מיר האָבן אַלע אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און געטראַכט וועגן די רייד, וואָרעם מיר האָבן פאַרשטאַנען, אז דאָס מיינט דער רבי יוחנן המטביל, נאָר שמעון האָט זיך אָנגערופן: "דאָס וועט קיינמאָל נישט זײַן!".

און מיר האָבן זיך אויפגעהויבן פון דעם אָרט און מיר זיינען אויפ־געגאַנגען קיין כפר־נחום. און עס האָט זיך געשטאַרקט די קנאה אין אונ־זערע הערצער אויף שמעון בר־יונה און אויף די זין פון זבדי, און מיר האָבן געפרעגט איינער דעם אַנדערן מיט צער און ביטערקייט: — „פאַר־וואָס מאַכט דער רבי א חילוק צווישן זײַנע תלמידים? פאַרוואָס האָבן דאָס די דרײַ זוכה געווען אַרײַנגעצויגן צו ווערן אין דעם סוד פון רבין און צו זײַן עדות פון די גרויסע זאַכן, וואָס געשעען מיט אים, און מיר מוזן בלײַבן פון דרויסן שטיין?"

און די ברידער זבדי האָבן אָנגעהויבן זיך גרויסהאַלטן איבער אונז, און זיי האָבן גערעדט צווישן זיך, אז זיי וועלן זײַן די גרעסטע אין מלכות־

השמים נאָך דעם רבין און זיי וועלן זיצן צו זײַן רעכטער און צו זײַן לינקער האַנט, און די ממשלה פון דער וועלט וועט געהערן צו זיי.

און יוחנן הזבדי האָט געזאָגט: „בין איך דען נישט מיטן רבין אויפן באַרג געווען? און בין איך דען נישט אַן עדות געווען פון די גרויסע זאַכן, וואָס זיינען איבן געשען?"

און שמעון הקנאי האָט זיך אָנגערופן: „פאַרוואָס מאַכט דער רבי אַ חילוק צווישן אונז? פאַרוואָס טיילט ער אָפּ די תלמידים?"

און דער רבי האָט געהערט דאָס געשפּרעך פון די תלמידים און ער האָט גאָרנישט אָפּגעענטפערט. נאָר ווען מיר זיינען אַרײַנגעקומען קיין כּפר־נחום, האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט בײַם אַרײַנגאַנג פון שטאָט. און איינער פון זיי, וואָס איז געווען דער גרעסטער, איז דער קעניג געווען און די אַנדערע — זײַנע משרתים. אָבער אין אַ ווײַל אַרום איז דער קעניג אויפגעשטאַנען און האָט פאַרלאָזט זײַן טראָן און ער האָט געזאָגט: „איצט, חברותא, וועלכער עס איז דער קלענסטער פון אונז, דער וועט איצטער קעניג זײַן, און מיר — זײַנע משרתים!". און דער רבי איז צוגעגאַנגען צום ייִנגל און האָט אים געפרעגט: „זאָג מיר דײַן פּסוק, וואָס דו האָסט אין חדר געלערנט הײַנט".

—און דאָס ייִנגל האָט אים אָפּגעענטפערט: „מאשפּות ירום אביון, פון דעם מיסט הויבסטו אויף דעם אָרעמאַן, — דרשנען די רבנים: הקדוש ברוך הוא זאָגט אַזוי צו ישראל: — וואָס וויל איך פון אײַך? איך וויל דאָך גאָרנישט, נאָר איר זאָלט ליב האָבן איינער דעם אַנדערן, און דאָס בין איך איצט מקיים". האָט דער רבי זיך אָנגערופן צו אונז: „וועגן וואָס האָט איר גערעדט און געקריגט זיך אויפן וועג?" — און מיר האָבן אים פאַרציילט. און דער רבי האָט געזאָגט: „עס איז וואָר, עס איז וואָר, אויב איר וועט נישט צוריק ווערן ווי קינדער, וועט איר קיינמאָל נישט קאָנען אַרײַנקומען אין מלכות־שמים, ווײַל דאָס מלכות־שמים איז ווי דאָס מלכות פון קינד, און נאָך דעם מלכות־שמים איז דאָס מלכות פון קינד דאָס איינציקע, וואָס בלײַבט שטיין און קיינער קאָן עס נישט אָפּנעמען פון אים. דער פון אײַך, וואָס וויל זײַן דער ערשטער, דער זאָל אויך זײַן דער לעצטער פון אײַך און אײַך באַדינען. דער, וואָס קאָן זיך דערנידע־ריקן ווי דאָס קינד, דער איז דער גרעסטער אין מלכות־שמים".

אָבער די בני־זבדי האָבן נישט געלאָזט זיך באַגנוגענען מיט דעם חלק, וואָס זיי האָבן אין רבין, נײַערט זיי האָבן געקלערט דערפון, ווי צו ווערן די גרעסטע פון די תלמידים און צו האָבן דעם גרעסטן טייל אין מלכות השמים. און עס איז געווען, ווען מיר זיינען געווען אויפן וועג קיין כּפר נחום, אין דער נאָענט פון בית־צידה, אַזוי האָט אונז יוחנן פאַר־לאָזט. ער איז געגאַנגען בסוד צו זײַן מוטער אהיים קיין בית־צידה, וואָ־רעם עס איז אַזוי געווען: ווען די ברידער זבדי האָבן פאַרלאָזט זייער מוטערס רײַכע שיפן און זיינען נאָך אונזער רבין נאָכגעגאַנגען, אַזוי איז זייער מוטער בייז געוואָרן אויף אירע קינדער און זי האָט זיך מיט זיי

געקריגט, וואָס זיי האָבן פאַרלאָזט דעם זיכערן פאַנג פון פיש און זיינען געוואָרן פישער פון מענטשן. און זי האָט געזאָגט צו זיי: „פון דעם עסק וועט גאָרנישט ווערן, נײַערט איר באַלעמוטשעט אײַער פאָטערס מלאכה, און די נעצן ווערן צעריסן, טריקענען זיך אויף די פּלויטן". אָבער יוחנן איז געקומען צו איר צוגיין און האָט צו איר געזאָגט: „עס איז נאָענט, אַז דאָס מלכות השמים זאָל קומען אויף דער ערד, און דײַנע זין וועלן זײַן די גרויסע האַרן אין אים, וואָרעם נעענטער זיינען מיר צו אונזער רבין און אויסגעקליבן מער פון די אַנדערע תלמידים צו ווערן אַרײַנגעצויגן אין זײַן סוד אַרײַן. איצט וועט דײַן באַצאָלונג זײַן גרויס, וואָס דו וועסט די זכיה האָבן צו זען דײַנע זין פאַר גרויסע האַרן פון לאַנד, וואָרעם די גאַנצע ערד געהערט צום האַר, ווי די נביאים האָבן נביאות געזאָגט אויף אים. דעריבער שטאַרק דיך, מוטער, און גיי צום רבין און בעט זײַן חסד פאַר אונז, אַז ער זאָל אונז זעצן צו זײַן רעכטער און צו זײַן לינקער האַנט".

און די מוטער האָט גענומען אַן אייזעלע און האָט אָנגעלאָדן אויף אים אַ זעקל ווײַס מעל און אַ קאָרב פרישע פײַגן און אַ פּאָר קעזלעך, און צוויי קריגלעך האָניק האָט זי אין דעם אייזל־טאַש אַרײַנגעטון, וואָרעם די פרוי איז געווען רײַך. און איר נאָמען איז געווען שושנה.

און זי איז געקומען פאַרן רבין, און האָט זיך געבויגן פאַר אים, און זי האָט צו אים געזאָגט: „אויב דײַן דינסטמויד האָט געפונען חן אין דײַנע אויגן, לאָז מיך ריידן אין דײַנע אויערן אַ פּאָר ווערטער. מײַנע צוויי זין האָבן פאַרלאָזט זייער פאָטערס הויז און פאַרנאַכלעסיקט זייער פאָ־טערס באַרוף. פישערס זיינען זיי געווען, און דו האָסט זיי געמאַכט פאַר פישערס פון מענטשן, און דו האָסט זיי אוועקגעריסן פון דער אַרבעט און זיי זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך דיר. איצט, אַז דאָס מלכות השמים קומט אויף דער ערד און אַלע רײַכטימער זיינען דיר איבערגעגעבן געוואָרן און דו וועסט זײַן דער באַפעלער איבער האַרן און קעניגן, בעט איך דיך, פאַרגיטיק זיי פאַר זייער מי: און לאָז מײַנע ביידע זין, יעקב און יוחנן, זיצן צו דײַן רעכטער און צו דײַן לינקער האַנט".

איז דער רבי זייער טרויעריק געוואָרן איבער די רייד פון זײַנע תלמידים, און ער האָט געשוויגן אַ ווײַל. דערנאָך האָט ער געענטפערט דער פרוי: „זענען זיי בארייט צו טרינקען פון דעמזעלבן בעכער, וואָס איך וועל באַדאַרפן טרינקען?"

און צו די בני־זבדי האָט ער געזאָגט: „קאָנט איר נעמען די זעלבע טבילה, וואָס איך בין בארייט צו נעמען?" — און זיי האָבן געענטפערט: „יאָ, רבי!". אָבער דער רבי האָט צו זיי געזאָגט: „אפילו אזוי, קאָנט איר דאָך אויך די גרעסטע נישט זײַן. דער פון אײַך, וואָס וויל דער ערשטער זײַן, מוז דער קנעכט פון לעצטן זײַן. וואָרעם אויך דער בן־אדם איז נישט געקומען, אז מען זאָל אים באַדינען, נאָר ער זאָל באַדינען אַנדערע און זאָל זײַן נפש אָפּגעבן אַ קרבן פאַר אַנדערע".

XVIII

און עס איז געשען, ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו די טויערן פון דער שטאָט כפר־נחום, איז אונז קיין מענטש נישט אנטקעגנגעקומען נישט מיט קיין הבדלות־ליכט, נישט מיט קיין לולבן. קיין פידל האָט אונז נישט אנטקעגנגעשפּילט, קיין פּײַפל און קיין פּײַקל. די לײַט פון דער שטאָט האָבן פאַרגעסן, וואָס אונזער רבי האָט געטאָן פאַר זיי, — דאָס ברויט, וואָס ער האָט געמאַכט וואַקסן פאַר זיי אין דער מדבר, און דאָס וואַסער, וואָס ער האָט געשלאָגן פאַר זיי פון שטיין, די נסים ונפלאות, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעזען יעדן טאָג.

ווען מיר זײַנען אַרײַנגעקומען קיין כפר־נחום און אָפּגעשטיגן אין דער שטוב פון שמעונס שוויגער, איז קיינער נישט געקומען דעם רבין צו באַגריסן, בײַערט א פּאָר פון אָרעמען פאָלק, וועלכע ער האָט געשפּײַזט מיט דעם געלט, וואָס ער האָט גענומען פון די רײַכע. און ווען פיל פון זיי האָבן געזען, אז די רײַכע האָבן אויסגעמיטן אַרײַנצוקומען צום רבין און אז אויך אונזער קופּה איז געווען ליידיק, אזוי האָבן זיי אויך פאַרלאָזט דעם רבין. און זיי האָבן געזאָגט: „בײַ ישוע איז נישטאָ מער וואָס צו זוכן”. און עס זײַנען נאָר איבערגעבליבן מיר, זײַנע תלמידים, און די פּאָר ווײַבער, וואָס זײַנען געווען מיט אונז. א טייל פון אונז זײַנען געגאַנגען אַרבעטן, כדי צו פאַרדינען דאָס טעגלעכע ברויט, און די ברידער זבדי זענען אהיימגעגאַנגען צו זייער מוטער און האָבן געבראַכט א פּאָר שיפן, מיט וועלכע זיי זײַנען צוזאַמען מיט שמעונען אַרויסגעפאָרן אין ים און האָבן פאַרוואָרפן דאָרט די נעץ, — און דערפון האָבן מיר זיך דערנערט, און מיר האָבן אויך געשפּײַזט די אָרעמעלײַט, וועלכע האָבן נאָך געקלעפּט צו אונז.

און די חשובע לײַט פון שטאָט האָבן געברומט און געזאָגט: „נאָך וואָס איז ער צוריקגעקומען אין שטאָט? די שליחים פון הורדוס זוכן אים ארום. און עס וועט זײַן, ווען זיי וועלן אים געפינען צווישן אונז, אזוי וועלן זיי אויך וואַרפן אויף אונז די שולד. בעסער זאָל ער גיין פון דאַנען”. אָבער די לײַט, וועלכע ער האָט נסים געטאָן און זיי געהיילט פון די קרענק, האָבן געזאָגט: ”לאָמיר אָפּוואַרטן די זאַך. ווען די שליחי מלכות וועלן קומען אים פעסטנעמען, אזוי וועט ער זיי פאַרניכטן, און זאָלן מיר נישט לייגן אונזער האַנט אויף דעם מאַן, וואָרעם א הייליקער איז ער”. און צווישן די לעצטע איז אויך געווען דער ראש פון בית־הכנסת, וועמעס טאָכטער אונזער רבי האָט געהיילט, און אויך דער הויפּטמאַן פון כפר־נחום, פון הורדוסעס חייל, האָט באַהאַלטן די זאַך פון מלכות און נישט געלייגט די האַנט אויף אים, וואָרעם זיי האָבן אין האַרץ געגלויבט אין זײַן גבורה.

און מיט דער זיכערקייט פֿון טאָג, וואָס קומט אָן מיט שטאַרקע טריט בײַם אויסגאַנג פֿון דער נאַכט, אַזוי האָט דער רבי באַלד גענו־מען צוריק אויפֿשטעלן זײַן עדה. ער איז באַנײַט געוואָרן מיט גבורה. איך האָב נאָך אים קיינמאָל אַזעלכן נישט געזען. מען האָט געפֿילט, אַז ער האָט דעם רשות אין זײַן האַנט. די געפֿאַר האָט געלויערט אויף אים פֿון אַלע לעכער, געלעכטער און שפּאָט האָבן אים באַגלייט פֿון אַלע ווינקלען. ער האָט אָבער נישט געקוקט דערויף. אין דעם געוועב פֿון מלכות־הרשעות האָט ער צוריק אויפֿגעשטעלט זײַן נעסט. ער האָט געזאַמלט אַרום זיך די אָרעמע און די קראַנקע, די פֿאַרשטויסענע און פֿאַרוואָרפֿענע. קיינער איז נישט געווען גענוג נידעריק פֿאַר אים, וועלכן ער האָט נישט אויפֿגענומען אין זײַן קהלה. און מיט זיכערקייט פֿון דעם רשות אין זײַן האַנט איז ער געגאַנגען פֿראַנק־און־פֿרײַ צום באָרטן פֿון כּפֿר־נחום, און ער האָט גערעדט צו די פֿישערלײַט און צו די טרעגער. און ווען אפֿילו ער האָט פֿאַר זיי נישט מגלה געווען וועגן די גרויסע זאַכן, וואָס זיינען געשען מיט אים, דאָך האָט ער זיי געלאָזט וויסן מיט וואונקען און רמזים, אַז עס איז דאָ אַ שׂכר פֿאַר זייער מזונג און אַ באַלוינונג פֿאַר די צרות און פּײַן, און אַז די גאולה שטייט שוין הינטער דער טיר, און אָט באַלד וועט אַראָפּנידערן דאָס מלכות־השמים. און די לײַט האָבן אים געגלויבט און אַלע האָבן אויס־געוואַרט, אַז עס זאָל עפּעס וואָס באַלד געשען. נאָר אַנדערע האָבן געזאָגט: „פֿון דעם ישו׳ן וועט שוין גאָרנישט מער זײַן”. וואָרעם דאָס פֿאָלק איז געווען צעטיילט אין דער מיינונג וועגן אים.

און שבת האָט ער צוזאַמענגענומען זײַנע תּלמידים און איז מיט אונדז עולה געווען אין בית הכּנסת. און ווי דער עולם האָט אים דערזען, איז אַ גרויס גערודער געוואָרן. טייל האָבן געזאָגט: „דאָס איז דער, וואָס מאַכט נסים מיט דעם כּוח פֿון שטן”. און אַנדערע האָבן געזאָגט: „דאָס איז דער, וועלכער האָט אונזערע קראַנקע געהיילט. די ישועה איז צוריקגעקומען צו אונדז”. און עס איז געווען, ווען דער רבי איז אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן בעלעמער צו דרשנען נאָך קריאת התּורה, האָבן טייל געזאָגט, אַז ער זאָל יאָ דרשנען, און אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ניין. און ווען עס איז שטיל געוואָרן, האָט דער רבי געזאָגט צום עולם: „איך בין דאָס לעבעדיקע ברויט, וואָס איז אַראָפּגעקומען פֿון הימל. דער, וואָס וועט עסן פֿון דעם ברויט, דער וועט אייביק לעבן. און דאָס ברויט, וואָס איך וועל געבן, איז מײַן פֿלייש, וואָס איך בין מקריב פֿאַר דעם לעבן פֿון דער וועלט”.

איז געוואָרן אַ גרויס גערודער אין דער שול. דער ראש הכּנסת האָט זיך אָנגערופֿן און געזאָגט: „קאָן ווער פֿאַרשטיין זײַנע רייד? ווי אַזוי קאָן ער אונדז געבן זײַן פֿלייש צו עסן?”

און די מתפּללים האָבן אָנגעהויבן צו מורמלען: „איז ער נישט ישוע, דער זון פֿון יוסף? ווי אַזוי קאָן ער אונדז געבן זײַן פֿלייש צו עסן?”

אָבער אונזער רבי האָט זיך אָנגערופֿן און זיי געזאָגט: „באמת זאָג איך אײַך, אז דער וואָס וועט נישט עסן דאָס פֿלייש פֿון בן־אדם און וועט נישט טרינקען פֿון זײַן בלוט, דער האָט קיין לעבן נישט. ווער עס עסט מײַן פֿלייש און טרינקט מײַן בלוט, דער וואוינט אין מיר, און איך בין אין אים".

און עס איז געווען, ווען די מתפּללים האָבן דאָס געהערט, אזוי איז א גרויס געלעכטער געוואָרן אין בית־הכּנסת און זיי האָבן געזאָגט, אז נישט אַנדערש סײַדן נאָר עס איז אַרײַן אין אים א שלעכטער גייסט. און זיי האָבן אים קיין שלעכטס נישט געטון, נאָר בלויז דאָס, וואָס זיי האָבן געלאַכט פֿון אים.

און באַלד האָט זיך פֿאַרשפּרייט דאָס קול איבער דער שטאָט און דער מדינה ארום, אז א שלעכטער גייסט האָט זיך באַזעצט אין רבין. און עס איז געווען, ווען ער האָט זיך באַוויזן אין גאַס אָדער אין באָרטן, וואו עס אַרבעטן די פֿישערלײַט, האָט שוין נישט דאָס פֿאָלק געשטרעבט צו אים ווי אמאָל, נאָר טייל האָבן אים פֿאַרשעמט און אים נאָכגערופֿן: „דאָ גייט דער מאַן, וואָס האָט פֿאַריאָגט דעם שטן בײַ אַנדערע, און דער שטן האָט זיך אין אים אַליין באַזעצט". און די קינדער האָבן אים נאָכגערופֿן: „גיי ארויס, גיי ארויס, דו באַזעסענער!". אָבער אַנדערע האָבן געזאָגט: „מען קאָן נישט וויסן, עפּעס וואָס מוז זײַן אין דעם מאַן".

און עס האָבן זיך געהאַלטן אין אים נאָר די, וואָס האָבן געגלויבט אין אים. און צווישן זיי זיינען געווען פֿיל אָרעמעלײַט, לײַט מיט ביטערע הערצער, וועלכע האָבן שוין נישט געהאַט וואָס צו פֿאַרלירן. און עס האָבן זיך געפֿונען צווישן זיי אזעלכע, וועלכע זיינען געווען אין ספֿק אויפֿגענומען צו ווערן אין קהל פֿון ישראל, און אזעלכע, וועלכע זיינען נישט געווען ריין, און ער האָט פֿאַר זיי גערעדט וועגן מלכות־השמים מיט רמזים און צייכנס. און א טייל פֿון זיי האָט ער אפֿילו סומך געווען פֿאַר זײַנע תּלמידים, און זיי איבערגעגעבן דאָס רשות צו באַפֿעלן איבער רוחות און שדים, און צעשיקט זיי צוויי און צוויי איבער די שטעט ארום. ער האָט געזאָגט: „דער שניט איז גרויס און שניטער זיינען ווייניק. דורך דעם דאַרף מען בעטן דעם האַר פֿון שניטער, אז ער זאָל שיקן אַרבעטער פֿאַרן שניט". און באַלד האָבן ווידער אָנגעהויבן צו שטרעבן צו אים מאַסן לײַט פֿון די ערטער און די דערפֿער, וואו די שליחים זיינען געקומען און האָבן פֿאַרשפּרייט זײַן בשורה. פֿיל פֿון זיי האָבן מיטגעבראַכט זייערע קראַנקע, אַנדערע אָבער זיינען געקומען בלויז צו קוקן אויף אים און האָבן גאָרנישט דערוואַרט פֿון אים און האָבן גאָרנישט געבעטן בײַ אים פֿאַר זיך, נאָר זיי האָבן געוואָלט הערן און וויסן, אויב עס איז דאָ א האָפֿענונג פֿאַר זיי נאָך זייער טויט און אויב זיי וועלן אויפֿגענומען ווערן אין מלכות־השמים, וועגן וועלכן זײַנע שליחים האָבן פֿאַרציילט. און דער רבי האָט די אַלע לײַט, צווישן וועלכע עס זענען געווען פֿיל זינדיקע,

אויפגענומען. און אַ סך פון זיי זיינען געווען אין ספקות פון כשרות און אויב זיי קאָנען ווערן אויפגענומען בכלל ישראל, ווײַל זיי האָבן געהערט צו די בני־עמון און מואב, וועלכע זיינען געזעסן מיט די יידן אין די שטעט. אָבער דער רבי האָט נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן זיי, און האָט זיי אַלעמען צוגעלאָזט צו זיך און אויסגעזעצט אַרום זיך. און ווען אפילו די סכנה איז געווען זייער גרויס, אַז די שוטרים און שומרים פון מלכות זאָלן קומען און אים פעסטנעמען, דאָך האָט ער נישט געקוקט דערויף. און ווען אפילו דער רבי האָט זיי נישט געהאַט וואָס צו געבן צו עסן, וואָרעם מײַן קופּה איז געווען ליידיק און מיר האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו קויפן פאַר דעם גאַנצן פאָלק ברויט, אויך איז קיינער פון די נגידים נישט געקומען מער בײַצושטײַערן, — האָט ער זיי געשפּײַזט מיט דעם הייליקן ברויט פון מלכות־השמים. און ווען אפילו ער האָט נישט אַנטפּלעקט פאַר זיי גאָרנישט פון די גרויסע זאַכן, וואָס שטייען פאָר, און אויב אויף אונז איז שווער געווען זײַן געבאָט נישט צו אַנטפּלעקן פאַר קיינעם פון די געשעענישן, פאַר וועלכע מיר זיינען עדות געווען, — דאָך האָבן זיי זיך געהאַלטן אין אים. וואָרעם דער רבי האָט דערנענטערט זייערע הערצער צו זײַנעם, און מיר אַלע זיינען געוואָרן ווי איין משפּחה.

און עס איז געווען, ווען די לײַט פון שטאָט האָבן געזען, אַז עס זאַמלען זיך ווידער די אָרעמע לײַט פון דער גאַנצער געגנט אַרום און זיי ברענגען צו אים זייערע קראַנקע צו היילן, אַזוי האָבן זיי געאײַלט צו אים און געזאָגט: „אַן אומגליק ברענגסטו איבער אונזער קאָפּ. די שליחי־מלכות זיינען הינטער דיר. און עס וועט זײַן, אַז זיי וועלן זען דאָס פאָלק פאַרזאַמלט אַרום דיר, אַזוי וועט זייער צאָרן אויך ווערן אויסגעגאָסן אויף אונז". אָבער דער רבי האָט זיי געענטפערט: „גייט און זאָגט דעם פאָלק, — מײַן צײַט איז נאָך נישט געקומען".

און דאָס קול איז אַרויסגעגאַנגען איבער דער מדינה, אַז דער רבי איז צוריקגעקומען פון די שטעט פון די גוים און האַלט זיך אין כפר־נחום אויף. און טייל האָבן געזאָגט, אַז דער רבי טוט די וואונדער מיט כוח און רשות, וואָס איז אים איבערגעגעבן געוואָרן מן השמים. און אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז עס איז נאָר אַלץ אַ פאַרבלענדעניש פאַר די אויגן, און אַ שלעכטער גייסט האָט זיך באַזעצט אין אים. און עס איז דעמאָלט פיל גערעדט געוואָרן וועגן מײַן רבין אין די שטעט. און דאָס גערויש האָט אויך צו זײַן מוטער אין נצרת דערגרייכט. האָט זי צונויפגעזאַמלט אירע קינדער און זי איז מיט זיי אויפגעגאַנגען קיין כפר־נחום, כדי דעם רבין צו נעמען אהיים, וואָרעם זי האָט זיך געשראָקן פאַר זײַן לעבן. און איינמאָל איז דער רבי געווען פאַרזאַמלט מיט זײַנע תלמידים בײַ שמעונס שוויגער אין שטוב. עס איז געווען אין אָוונט, און ער האָט געבראָכן מיט אונז ברויט און גערעדט מיט אונז וועגן מלכות־השמים. און מיר זיינען געווען ווי אַ משפּחה צוזאַמען, וואָרעם עס זיינען דאָרט

פאַרזאַמלט געווען די אַלע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין אים און זיינען פאַרשעמט געוואָרן פאַר זײַן נאָמען און געדרודפט געוואָרן צוליב אים. איז זײַן מוטער געקומען און האָט זיך געשטעלט אין דער טיר פון שטוב און האָט געקוקט אויף אים מיט גרויס לייד, און אירע אויגן זענען רויט געווען פון וויינען. די טרערן זיינען געדונען פון זיי און האָבן זיך אויפ־געהאַלטן אין די שניטן און אין די פאַלדן פון איר צעאַקערט פּנים. און זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים אירע הענט און געזאָגט: „מײַן קינד, וואָס פאַרא אומגליק ברענגסטו איבער דײַן קאָפּ? פאַר וואָס איך האָב זיך געשראָקן, איז געשען. איך שלאָף נישט קיין נעכט צוליב דיר. די שווערד פון מלכות שוועבט איבער דיר, און די לײַט קריגן אויף דיר. קום צו דײַן מוטער אהיים, דײַן טאַטנס מלאכה וואַרט אויף דיר, און געפין מנוחה אין דעם בוזעם פון דײַן משפחה. וואָרעם געפערלעך איז די זאַך, וואָס דו האָסט זיך אונטערגענומען. זי וועט דיך אין גרויס סכנה ברענגען".

— און נאָך אַזעלכע רייד, וואָס אַ מוטער רעדט צו אַ זון, וועלכער גייט אין שלעכטן וועג.

און דער רבי איז געזעסן צווישן אונז און ער האָט נישט געהערט צו זײַן מוטערס רייד. און זי האָט נישט געקאָנט צוקומען נאָענט צו אים, מחמת דעם פאָלק, וואָס איז געשטאַנען ארום אים. האָט איינער פון אונז זיך אָנגערופן צום רבין און געזאָגט: „זע, דײַן מוטער שטייט בײַ דער טיר!". אָבער דער רבי האָט אָפּגעענטפערט און געזאָגט: „ווער איז מײַן מוטער? ווער זיינען מײַנע ברידער? די, וואָס טוען דעם ווילן פון פאָטער אין הימל, די זיינען מײַנע ברידער און מײַן מוטער". און ווען אירע קינדער האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי די מוטער אוועקגעפירט פון דאָרט אין גרויס געוויין.

זאָגט יהודה, דער מאַן פון קריות:

מײַן גאַנץ לעבן האָב איך אָפּגעלעבט צווישן די חכמים, און אַזעלכעס האָב איך נאָך נישט געהערט און נישט געזען. איך הער דונערן און זע בליצן, און דער רעגן קומט נישט. איך קוק מיך צו צו די מעשים פון מײַן רבין דאָ אין כפר־נחום, און איך דערקען אים נישט מער. זײַן אויפ־פירן זיך איז גאַנץ אַנדערש ווי יעדעס מאָל. און זײַן תורה איז אַ גאַנץ אַנדערע, און זײַנע וועגן, אויף וועלכע ער גייט, זיינען גאַנץ אַנדערע. און איך שטיי פאַרלוירן, און איך ווייס נישט וואו־אײַן און וואו־אויס.

דאָס מלכות־השמים האָט זיך אָפּגערוקט פון אונז, אויף זײַן אָרט איז געקומען ער — דער רבי! „ער איז דאָס ברויט פון לעבן, און דער, וואָס עסט דאָס ברויט, האָט דאָס אייביקע לעבן". אָבער וואָס איז דאָס ברויט פון לעבן, — די תורה, די מצוות, די מעשים טובים? די תורה און די נביאים זיינען געגעבן ביז צו יוחנן, און פון דאַן אָן און ווײַטער — די בשורה פון מלכות־אלהים. אָבער וואָס איז עס דאָס מלכות־אלהים? ניין, עס איז נישט מער, ווי מיר האָבן עס פאַרשטאַנען ביז איצט. ער איז דאָס מלכות־אלהים. ער איז, חלילה, דער עיקר, און אַלעס אַנדערע איז אַ טפל.

דער עיקר איז די אמונה. ווען איר וואָלט באַזעסן אמונה, קאָנט איר זאָגן צום פּײַגנבוים: „רײַס דיך אויס און פלאַנץ דיך אײַן אין ים".

און מײַנע געדערעם ציטערן אין מיר פאַר שרעק, און מײַן שלאָף איז פאַרוואָגלט געוואָרן פון מײַנע אויגן. און איך זאָג מיר טויזנט מאָל אין טאָג: ווי ווײַט דערגרייכן די זאַכן? און וואוהין צילט ער? וואָס מיינט ער דערמיט?

און איך האָב זיך געשטראָפט אַליין און צו זיך גערעדט ביטערע ווערטער: וואָס קלערסטו, דו, יהודה איש־קריות? מיט וואָס פאַרא מח־שבות טראָגסטו זיך אַרום וועגן דײַן רבין? און איך האָב געוואָלט גיין און באַשיטן מיט אַש מײַן קאָפּ און אויסטון די שיך און קומען פאַר מײַן רבין און פאַלן צו זײַנע פיס איבער די שלעכטע מחשבות, וואָס איך טראַכט וועגן מײַן רבין.

אויב ווידער אַזוי, האָב איך מיר געזאָגט, שטיי איך דאָך בײַם היכל, איז פאַרוואָס שווײַג איך ווידער?

און א ציטערניש און א פלאַטערניש האָבן מיך אַרומגענומען צו קלערן וועגן דעם. און דער ספק האָט מיך געוואָרפן ווי א שטורעמווינט פון די העכסטע הייכן אין די טיפסטע אָפּגרונטן. און איך האָב נישט גע־וואוסט וואָס צו טון, ביז עס איז איינמאָל בײַנאַכט אויף מײַן געלעגער געקומען דאָס געשטאַלט פון מײַן רבין נקדימון פון ירושלים. און איך האָב מיר געטראַכט: אַליין וועסטו נישט דערגרייכן, יהודה, די וועגן פון דײַן רבין ישו און די זאַכן, וואָס שטייען אין דער הויך פון דער וועלט. ווי אַזוי קאָנסטו עס נעמען אויף זיך?

און איך האָב זיך געוואונדערט, וואָס איך האָב עס נישט געטון פריער, אַזוי ווי מיר זיינען נאָר אַרײַנגעקומען קיין כפר־נחום.

און איך בין געגאַנגען און האָב גענומען א שליח און אים געשיקט קיין ירושלים. איך האָב אים געזאָגט אין אויער אַרײַן:

„גיי אויף קיין ירושלים און זוך אויף דעם רבין נקדימון און זאָג אים, אז ער זאָל באַלד אויפברעכן און אַראָפּנידערן קיין כפר־נחום, וואָ־רעם עפּעס גרויסעס טוט דאָ גאָט מיט אונז. און דײַן תלמיד איז נישט בכוח עס צו באַגרייפן און ווייס נישט מער, אויב עס איז אין רשות אָדער, חלילה, עס שטייט אויסער דעם רשות, ער קאָן עס נישט אויסטײַטשן. דורך דעם זאָל ער זיך צואײַלן, וואָרעם עס האַנדלט זיך וועגן זאַכן, וואָס רירן אָן דעם וואָרצל פון ישראל".

און איך האָב אָנגעזאָגט דעם שליח צו היטן זיך צו פאַרטרויען ווע־מען א וואָרט דערפון, נאָר צום רבין נקדימון אַליין איז די בשורה געשיקט.

XIX

דער רבי נקדימון האָט געאײַלט און איז אַראָפּגעקומען קיין כּפר־נחום און האָט מיך אָפּגעזוכט אין געהיימעניש און נאָכגעפרעגט זיך בײַ מיר וועגן דער זאַך. און איך האָב אים פאַרציילט פון אַלעם, וואָס עס איז געשען מיט אונזער רבין און מיט אונז אויף דעם וועג, פון די מעשים, וואָס ער האָט געטון, און פון די ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט, — „און אויך משה און אליהו האָבן אַראָפּגענידערט פון הימל, כּדי עדות צו זאָגן אויף דער זאַך".

און ווי דער רבי נקדימון האָט דאָס דערהערט, איז ער בלייך געוואָרן פאַר שרעק, און זײַנע הענט און פיס האָבן אָנגענומען אַ ציטערניש. און די פרייד איז געלעגן אין זײַנע אויגן און ער האָט געזאָגט מיט גרויס שמחה: „נישט אַנדערש נאָר גאָט מיינט גוט מיט אונז. עס קאָן נישט זײַן, אַז די אַלע זאַכן זאָלן האָבן געשען צוליב גאָרנישט. און דאָס, וואָס ער טוט, און דאָס, וואָס ער לערנט, איז נישט אַנדערש, נאָר ער האָט רשות דערויף, וואָרעם עס קאָן נישט זײַן, אַז ער זאָל האָבן געטון די אַלע זאַכן און גערעדט די רייד, און דער רשות דערויף איז נישטאָ אין זײַן האַנט. אויב, חלילה, עס איז אַזוי... נאָר צו וואָס זאָלן מיר זײַן אין ספק? פיר מיך צו דײַן רבין און לאָמיר דערגייין די זאַך פון אים אַליין".

און אונזער רבי האָט זיך דעמאָלט געפונען אויפן בוידעם־שטיבל פון שמעונס שוויגער־מוטער, אַזוי ווי תּמיד.

און מיר האָבן גענומען שמעון הקנאי, פון דעם רבינס תּלמידים, וואָס איז אויך געווען מיט אונז אין איין דעה.

און מיר זײַנען אַלע דרײַ אַרײַנגעגאַנגען צו אונזער רבין אין דער געהיימעניש פון דער נאַכט, און די אַנדערע תּלמידים האָבן נישט געוואוסט דערפון.

און נקדימון האָט זיך פאַרבויגן טיף פאַר מײַן רבין און געזאָגט:

„מיר הערן שטימען — און מיר פאַרשטייען זיי נישט, מיר זעען צייכנס — און מיר קאָנען זיי נישט אויסטײַטשן. זאָג אונז, ביסטו דאָס דער, וועלכן מען האָט אונז צוגעזאָגט, אָדער מיר זאָלן וואַרטן אויף אַן אַנדערן? אויב דו ביסט דער, ווער דו ביסט, באַהאַלט עס נישט מער פון אונז, וואָרעם מיר האָבן נישט מער קיין כּוח צו וואַרטן. גיב אונז אַ צייכן, אַז גאָט האָט דיך געשיקט צו אונז, און מיר וועלן זיך וואַרפן צו דײַנע פיס און דיך אָנערקענען פאַרן געזאַלבטן פון ישׂראל און אויספירן דײַנע געבאָטן, וואָס דו וועסט אונז הייסן".

אָבער דער רבי האָט אים אָפּגעענטפערט מיט פאַרשטעלטע ווערטער:

„ווען עס ווערט אָוונט, זאָגט איר: — עס וועט גוטער וועטער זײַן, ווײַל דער הימל איז רויט געוואָרן; פרימאָרגן זאָגט איר: — הײַנט וועט

רעגענען, ווײַל דער הימל איז גרוי און באַטריבט. די צייכנס פון הימל ווייסט איר אויסצוטײַטשן, אָבער די צייכנס פון דער ערד ווייסט איר נישט. א בייזער און א שלעכטער דור פאַרלאַנגט צייכנס, עס וועלן אײַך קיין צייכנס נישט געגעבן ווערן".

אָבער נקדימון האָט זיך ווידער פאַרבויגן פאַר אים און געזאָגט:

„ווי אזוי זאָלן מיר גלויבן, אז דו ביסט ד ע ר, און נאָכגיין נאָך דיר אָן א צייכן? מיר זיינען דאָך געבונדן מיט חוקים ומשפטים, וואָס משה רבינו האָט אונז געגעבן, און ער האָט אונז אָנגעוויזן, ווי אזוי מיר זאָלן זיך אויפפירן, ווען עס וועט זיך צו אונז א נביא באַווײַזן".

אָבער דער רבי האָט אָפגעענטפערט:

„דער וואָס גלויבט אין מיר, דער האָט די וועלט, דער האָט דאָס אייביקע לעבן, דען איך בין דאָס ברויט פון לעבן".

אָבער נקדימון איז פאַרוואונדערט געוואָרן. בלייך און פאַרקלערט, האָט ער זיך געבויגן פאַרן רבין און געזאָגט:

„אויך משה רבינו איז צו אונז געקומען. ער האָט אונז נישט געהייסן גלויבן אין זיך, נאָר אין גאָט, וואָס האָט אים געשיקט, אין זײַנע חוקים און משפטים, וואָס ער האָט אים פאַר אונז געגעבן. אויך די נביאים זיינען צו אונז געקומען און זיי האָבן אונז נישט געהייסן גלויבן אין זיך, נאָר אין גאָט, וואָס האָט זיי געשיקט, כדי צו האַלטן פון זײַנע געבאָטן. גיב אונז א צייכן, אז דו ביסט פון גאָט געשיקט און זײַן וואָרט איז אין דײַן מויל, וועלן מיר גלויבן אין דײַן שליחות. וואָס הייסט, מיר זאָלן גלויבן אין דיר? ביסטו דען גרעסער ווי אברהם אבינו, ווי משה, ווי די נביאים, וועלכע האָבן געהייסן גלויבן אין גאָט, נישט אין זיך?"

און דער רבי האָט געענטפערט:

„איר האַלט אין דער האַנט שאַרבנס, איך אָבער בין די גאַנצע כלי, א נײַע כלי, וואָס גאָט האָט געשאַפן".

האָט נקדימון אים געפרעגט:

„ווי אזוי זאָלן מיר פאַרשטיין דײַנע ווערטער, רבי?"

דער רבי האָט אים אָפגעענטפערט:

„האָב איך אײַך דען נישט געזאָגט, אז מען לייגט נישט קיין נײַע פלעקן אויף אן אַלט קלייד און מען גיסט נישט ארײַן קיין נײַעם ווײַן אין אן אַלטן לאָגל?"

האָט אים רבי נקדימון געזאָגט:

„דאָס איז טאָקע צוליב דיר, וואָס מיר פאַרלאַנגען פון דיר א צייכן, וואָרעם דו פאַרופסט זיך נישט אויף די אַלטע, נאָר דו ווילסט באַשאַפן עפּעס א נײַעס, וואָס די עלטערע דורות האָבן אונז נישט געלערנט. מוזן מיר האָבן די זיכערקייט אין אונזערע הענט, אז דו ביסט די נײַע, צוגע־זאָגטע כלי און דו האָסט רשות דערויף".

אָבער דער רבי האָט זיך געבייזערט אויף אים און געזאָגט:

„ווײ צו אײַך, סופרים, איר מאַכט זיך נפשות איבער די קברים פון

די נביאים, וואָס אײַערע עלטערן האָבן געהרגעט. ווען די נסים און די נפלאות וואָלטן געטון געוואָרן אין צור און צידון..."

אָבער רבי נקדימון האָט אים דערויף אָפּגעענטפערט:

„צו צור און צידון זײַנען נישט געגעבן געוואָרן קיין חוקים און משפטים און זיי זײַנען נישט געבונדן מיט משהס תורה. צו אונז איז געגעבן געוואָרן די תורה און מיר האָבן געזאָגט: — נעשה ונשמע. — ווי קאָנען מיר עפּעס טון קעגן דער תורה?"

ווען איך האָב געזען, אַז די זאַכן גייען צו ווײַט, האָב איך געפרעגט מײַן רבין:

„רבי, לערן מיך, ווי ווײַט גייט די אמונה? וואו איז די גרענעץ, בײַ וועלכער אויך די אמונה שטעלט זיך אָפּ?"

און דער רבי האָט מיר דערויף געענטפערט:

„עס איז נישטאָ קיין גרענעץ פאַר דער אמונה. די אמונה איז די שנור, וואָס דער מענטש האַלט, ווען אפילו ער גייט אין שאול־תחתיה. זי באַגלייט אים ביז צום ראַנד פון קבר און נאָך ווײַטער. האָט נישט דוד המלך געזאָגט: — וגם כי אלך בגי צלמות, לא אירא רע, כי אתה עמדי"? — ווען איר גלויבט אין מיר, בין איך, וואָס איך בין. האָב איך אײַך נישט געלערנט, יהודה: — ווען איר וואָלט געהאַט אפילו אַזויפיל גלויבן ווי אַ זאָמען פון אַ זענעפט, אַזוי ווען איר וואָלט געזאָגט צו דעם פײַגנבוים: — ווער אויסגעוואָרצלט פון דער ערד און ווער געפלאַנצט אין ים, — אַזוי וועט ער אײַך צוהערן".

און מיר האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן, און מיר האָבן מורא געקראָגן פאַר אים, וואָרעם עס איז געווען שטאַרקייט אין זײַנע רייד.

און דער רבי נקדימון האָט זיך ווידער פאַרבויגן פאַר אים און זיך געווענדט צום רבין:

„פיל ווערטער האָבן מיר געהערט פון דיר, וואָס האָבן אָנגעפילט אונזער האַרץ מיט האָפענונג. מיר שטייען פאַר אַ וואַנט, און מיר זעען נישט אונזער וועג. באַהאַלט זיך נישט פון אונז, וואָרעם מיר זײַנען די, וואָס האָבן אויסגעוואַרט אויף דיר. לערן אונז, רבי, ווען זאָלן מיר דיך דערוואַרטן, ווען וועסטו קומען און ווען וועסטו אונז באַפרײַען פון די שטריק פון אדום?"

און דער רבי האָט אים אָפּגעענטפערט: „נקדימון, דאָס מלכות פון גאָט איז נישט דאָ און עס איז נישט דאָרט, און עס ווערט נישט געזען מיט די אויגן, נאָר עס איז אין אײַער האַרץ. און איך בין געקומען אײַך באַפרײַען נישט פון די שטריק פון אדום, נאָר פון די שטריק פון זינד, וואָס דריקן אײַך ווי שלאַנגען. איך בין געקומען ברענגען אַ גאולה, וואָס ענדיקט זיך נישט בײַ קיין גרענעץ פון לאַנד אָדער וואַסער, נאָר דעקט צו די גאַנצע ערד ווי דער גייסט פון גאָט, און קיין בשר־ודם קאָן זי פון אײַך נישט צונעמען, ווײַל זי איז אין אײַך".

אָבער נקדימון האָט זיך אָנגערופן:

„וואויל צו די אויערן, וואָס הערן דאָס. און אויך דער נביא האָט נביאות געזאָגט: — איך וועל איך מאַכן פאַר א ברית פון די פעלקער, צו א ליכט פאַר די גוים, צו עפענען די בלינדע אויגן, ארויסצונעמען פון געפענגעניש די געבונדענע, די, וואָס זיצן אין דער פינצטער. — אָבער צי האָסטו נישט, רבי, דײַן שופר, דעם קול־בשורה פאַר ישראל? מיר האָבן פאַרשלאָסן אונזערע הערצער פאַר יעדער פרייד פון דער וועלט, כדי מיר זאָלן זיך אײַנגאַנצן אוועקשענקען צו גאָט. אונזערע שונאים האָבן מיט טויזנטער מײַלער געפרעסן דעם גענוס פון לעבן, זייערע מײַלער זיינען איבערגעגאָסן געוואָרן מיט דער זיסקייט פון מאַכט און נצחון; אונזערע ליפּן זיינען פאַרחתמעט געווען מיט ביטערקייט פון פאַרשעמטן. מיר זיינען געזעסן אויף דער אָפּגעזעגטער צווײַג פון בוים, און דאָך האָבן מיר נישט אויפגעהערט צו האָפן און צו וואַרטן. מיר האָבן דאָס קומען פון דער גאולה ארויסגעכשופט מיט אונזערע ווייטאָגן. איצט, אז די גאולה שטייט הינטער אונזער טיר, זאָל זי איר קלייד נישט פאַרשפּרייטן אויף ישראל? מיר זיינען די, וואָס האָבן באַצאָלט פאַרן חפץ דעם פולן פרײַז. אונז געהערט דער חפץ".

אָבער דער רבי האָט זיך אָנגערופן צו נקדימון און האָט אים געזאָגט:

„נקדימון, נקדימון, וויי איז צו די, וואָס מעסטן גאָט מיט דער מאָס פון מענטש. דער חפץ איז נישט געקויפט, דער חפץ איז געגעבן, בחינם איז ער געגעבן און בחינם ווערט ער גענומען, א געשאַנק איז עס פון פאָטער אין הימל צו דעם בחיר פון זײַן באַשעפעניש, דעם מענטש. איידער די וועלט איז נאָך באַשאַפן געוואָרן, איידער גאָט האָט נאָך די ערד אין דעם חלל געשיקט, איז דער חפץ שוין מיט אים אין הימל געווען. צוליב אים האָט ער די וועלט באַשאַפן, צוליב אים האָט ער דעם בן־אדם אין דער וועלט געשיקט. קיין שכר האָט אים נישט געקאָנט געווינען, נאָר דער חסד פון גאָט אליין, ווײַל דער חפץ איז העכער פון געווינס, העכער פון געזעץ, דורך דעם — העכער פון דער תורה. קיין וואָג וועגט אים נישט, קיין מאָס מעסט אים נישט. ער איז גאָטס חסד, וואָס ער האָט געטון מיט מענטשן".

און נקדימון האָט געזאָגט:

„אדום האָלט מלחמה מיט רײַטוועגן, פערד און שווערדן, און נישט מיט קיין רוח קאָן מען אים באַזיגן, נאָר מיט דונערן און בליצן. דער, וואָס קומט צו אים מיט אַנדערע כלי־זיין, איז א בן־מות".

אָבער דער רבי האָט אים אָפּגעענטפערט:

"נקדימון, דער בן־אדם איז אויך א האַר איבערן טויט!"

און מיר האָבן דענסטמאָל נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געמיינט מיט די ווערטער, נאָר ווען מיר האָבן די ווערטער דערהערט, זיינען מיר שטיל געוואָרן. און די רייד פון רבין זיינען נאָר געווען פאַר אונז דרײַ, און מיר האָבן די אַנדערע תלמידים נישט פאַרציילט.

און עס איז געווען נאָך דעם געשפּרעך, וואָס דער רבי האָט געהאַט מיט נקדימון, האָט ער צונויפגערופן זײַנע תּלמידים און ער האָט געזאָגט:

„מײַן צײַט איז געקומען, איך זאָל אויפגיין קיין ירושלים, מאַכט אײַך גרייט. און וויסן זאָלט איר וויסן זײַן, אַז עס וועלן מקוים ווערן אויף דעם בן־אדם אַלע רייד פון די נביאים".

און ער האָט אונז ווײַטער מגלה געווען פון אַלעם, וואָס עס וועט מיט אים געשען אין ירושלים.

ווי די תּלמידים האָבן דערהערט, אַז דער קץ רוקט זיך אָן, אַזוי זײַנען זייערע הערצער צעגאַנגען פון פּחד און זייערע קני האָבן געציטערט, און זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן, וואָרעם זיי זײַנען דערשראָקן געוואָרן. נאָר שמעון בר־יונה איז געפאַלן צו זײַנע פיס און האָט אויסגעשטרעקט צו אים זײַנע הענט און האָט גערופן: „גיי נישט אויף קיין ירושלים, בלײַב דאָ, רבי, איך וועל בויען דרײַ בײַדלעך אויף יענעם באַרג, — איינס פאַר דיר, איינס פאַר אליהון..." וואָרעם ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן פאַר גרויס שרעק. אָבער דער רבי האָט אים געענטפערט: „ווען איר ווילט, קאָנט איר מיך פאַרלאָזן ווי די אַנדערע". און שמעון האָט אויסגעשטרעקט צו אים די הענט און האָט געזאָגט: „רבי, וואָס האָבן מיר א חוץ דיך? מיר האָבן אַלץ פאַרלאָזט, און מיר וועלן נאָך דיר נאָכגיין אפילו קיין ירושלים".

איידער מיר האָבן כפר־נחום פאַרלאָזט, כדי אריבערצוגיין דעם ירדן צו די גרענעצן פון יהודה, זײַנען מיר—שמעון דער קנאי און איך—אויך אוועק צום רבין נקדימון און מיר האָבן אָפּשייד גענומען פון אים. און מיר האָבן אים פאַרציילט וועגן דעם, וואָס דער רבי האָט געזאָגט אויף זיך — און דאָך גייט ער קיין ירושלים אויף. און נקדימון האָט געפרעגט שמעון דעם קנאי: „און דו גייסט נאָך אים?" — און שמעון האָט אים אָפּגעענטפערט: „יאָ, איך בין דער אייביקער קנעכט פון גאָט". און נקדימון האָט מיך געפרעגט: „און אויך דו, יהודה, גייסט נאָך דײַן רבין קיין ירושלים?" — און איך האָב אים אָפּגעענטפערט: „יאָ, רבי נקדימון, איך גלויב באמונה שלמה, אַז דער חפץ איז אין זײַן האַנט".

און אַז די לײַט פון כפר־נחום האָבן געהערט, אַז אונזער רבי גייט אויף קיין ירושלים, זײַנען אים אייניקע פון די שטאָטישע מענטשן נאָכגעגאַנגען, וואָרעם זיי האָבן געטראַכט, טאָמער וועט ער דאָרט נסים באַווײַזן און אוועקנעמען דאָס עשירות פון די רײַכע און צווישן די אָרעמע צעטיילן, האָבן זיי אויך געוואָלט האָבן א חלק אין דעם. און איינער פון זיי איז געטראָטן פאַרן רבין און געזאָגט: „מײַן האַר, איך וועל נאָכגיין נאָך דיר אומעטום, וואו דו וועסט גיין". — האָט ישוע געזאָגט צו אים: „די פוקסן האָבן לעכער אין דער ערד, און די פייגל אין הימל — נעסטן, אָבער דער בן־אדם האָט נישט קיין אָרט וואו זײַן קאָפּ אנידערצולייגן".

ווען די לײַט האָבן דערהערט דעם רבינס רייד, אַזוי האָבן זיי זיך דערשראָקן און זיינען אָפּגעשטאַנעז אינמיטן וועג און צוריק געגאַנגען אהיים. און דער רבי האָט זיך אָנגערופן צו אַן אַנדערן פון זיי: „קום, גיי נאָך מיר!" — און דער מאַן האָט געענטפערט: „רבי, לאָז מיך צוערשט אהיימגיין און מײַן פאָטער באַגראָבן". און דער רבי האָט זיך אָנגערופן צו אים: „זאָלן די טויטע באַגראָבן די טויטע, אָבער דו גיי און קונדיג אָן דאָס מלכות פון הימל!" — און א דריטער האָט צו אים געזאָגט: „יאָ, רבי, איך וועל גיין נאָך דיר, אָבער גיב מיר צוערשט רשות, אז איך זאָל זיך פאַראָפּשיידן פון מײַן הויזגעזינד". — דער רבי האָט זיך אָבער אָנגערופן צו זיי און געזאָגט: „דער, וואָס לייגט זײַן האַנט אויפן אַקעראײַזן און קוקט זיך אום אויף הינטער זיך, דער איז נישט ראוי צום מלכות־אלהים". — און ער האָט זיי געלאָזט הינטער זיך און איז געגאַנגען ווײַטער זײַן וועג.

און עס איז קיינער נישט נאָכגעגאַנגען נאָכן רבין קיין ירושלים, נאָר מיר, זײַנע תלמידים, וואָס מיר האָבן פאַרבונדן אונזער גורל מיט אים. און ווען אפילו אונזערע הערצער האָבן זיך געשראָקן פאַר דעם, וואָס עס שטייט אונז פאָר אין ירושלים, דאָך זיינען מיר נאָך אים נאָכגעגאַנגען, מיר, די תלמידים, און מרים, דאָס ווײַב, וואָס האָט געהיט די זאַלב־איילן און האָט געפירט דעם בלינדן בר־תלמי נאָך אונז.

זאָגט דער איבערשרײַבער:

דאָ האָט זיך פאַרענדיקט דער כתב־יד, וואָס דער געערטער פאַן וויאַדאָמסקי האָט ארײַנגעלייגט אין מײַנע הענט. דער כתב־יד איז געווען אײַנגעריסן. מען האָט אָנגעזען די רויע הענט, וואָס האָבן דעם כתב־יד, ווי א לעבעדיקן לײַב, צעריסן אין צווייען.